STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03301

DAVID BEN-GURYON

Robert St John

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראבערט סענט דזשאן

דוד בן־גוריון

א לעבנס־געשיכטע פון אן אומגעוויינלעכן מענטש

ייִדיש: ק. שבתאי

פארלאג „מנורה" תל־אביב

תש"ך - 1960

ROBERT ST. JOHN

BEN-GURION

THE BIOGRAPHY OF AN EXTRAORDINARY MAN

Copyright
By "MENORA" PUBLISHING HOUSE
Tel-Aviv, 24 Sangvill Str. Israel

נדפס בישראל, תל־אביב, תש״ך
Printed in Israel, Tel-Aviv, 1960

אלע אויסשליסלעכע רעכט, אין דער גאנצער וועלט, געזיכערט
פארלאג „מנורה״, תל־אביב, רח׳ זנגביל 24 (מ. זאנשיין)

דפוס א. מוזס, תל־אביב, טל. 32495

דאס בוך איז געווידמעט

פאָלען

וואס האט תמיד געוווסט, אז ער איז א גרויסער מענטש, און וואס האט, מיט איר איבערגעבנקייט, אים דערמעגלעכט צו ווערן דאס וואס ער איז געווארן.

ואלה שמות...

דאָס זענען די נעמען פון מענטשן אויף דריי קאָנטינענטן, וואָס האָבן מיר געהאָלפן ביים זאַמלען די מאַטעריאַלן, קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון די פאַקטן, און געשאָנקען זייער צייט, אז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

זיי פארדינען אלע מיין דאַנק.

ישראל

דוד בן־גוריון, פרעמיער־מיניסטער
פאָלאַ בן־גוריון, דעם פרעמיער־מיניסטערס פרוי
יגאל ידין, געוועזענער שעף פון גענעראל־שטאַב
זאב שערף, דירעקטאָר פאר הכנסות־אמט פון דער מדינה
יעקב דורי, פרעזידענט פון חיפה׳ער טעכניקום
יגאל אלון, געוועזענער אנפירער פון פלמ״ח
משה שרת, געוועזענער פרעמיער־מיניסטער
יצחק נבון, פרעמיער־מיניסטערס פריוואט־סעקרעטאר
טעדי קאָלעק, דירעקטאָר, פון פרעמיער־מיניסטערס ביוראָ
משה פערעלמאַן, ראטגעבער פון פרעמיער־מיניסטער פאר ענינים פון עפנטלעכע באציונגען.
ראובן שילוח, פאָליטישער ראַטגעבער פון אויסערן מיניסטעריום
יהודה לעווין, לייטער פון אינפארמאציע אפטיילונג אין אויסערן־מיניסטעריום
משה ראָזעטי, גענעראל סעקרעטער פון כנסת (פארלאמענט)
דוד הכהן, געוועזענער אמבאסאדאר אין בורמא
ברוך טל, פון דער מפא״י־אנפירונג
אריה פייטאָן, וויצע דירעקטאָר פון רעגירונגס פרעסע־ביורא אין תל־אביב
משה פעלדנקרייז, תל־אביב
דוד לעדאָר, לייטער פון פרעסע־ביורא אין תל־אביב
צפורה רובענס, תל אביב
מישא לוביטש, רעדאַקטאָר פון „זשערוזאלעם פאסט״
ט. ר. לוריע, רעדאקטאר פון „זשערוזאלעם פאסט״
חיים זוהר, לייטער פון פרעסע־ביורא, ירושלים
שמעון פריד, שדה־בוקר
רות שטיינהארט, שדה־בוקר
גענעראל, חיים בן־דוד, מיליטערישער סעקרעטאר פון פרעמיער־מיניסטער
ד״ר ארקאדי פרענקל, לייטער פון פארשונגס־אָפּטיילונג, פרעסע־ביורא
לוסיען האריס, אינפארמאציע אפטיילונג אין „הדסה״
ברכה חבס, די אויטאָרין פון בוך „דוד בן גוריון ודורו״
זלמן שזר, געוועזענער בילודנגס־מיניסטער

ד״ר יוד טעלער, פאליטישער סעקרעטאר פון אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע
גענעראל, אהרן יריב, מיליטער־אטאשע, ישראל־אמבאסאדע, וואשינגטאן
רות גרובער, שרייבערין
נחמן קרני, ישראל־דעלעגאציע ביים אונ״א
אפרים עברון, געוועזענער פריוואט־סעקרעטאר פון פרעמיער־מיניסטער
ד״ר אליהו קאַפּ, שראַסבורי, מאַסאַטשוסעטס
רות סעגאל, געוועזענע מיטארבעטערין אין ביורא פון פרעמיער־מיניסטער
וויל מאסלאוו, אמעריקאנישער יידישער קאנגרעס

אין גאר דער וועלט

לאה בן דור, רעדאקציע מיטלידערין פון „זשערוזאלעם פאסט״
ראובן העכט, דירעקטאר פון דער געזעלשאפט „דגון״, חיפה
משה ברילאנט, „ניו־יארק טיימס״, ירושלים
דבורה קאפלאן, פארש־אפטיילונג, פרעסע־אמט
ד״ר אלכסנדר זאק, פרעסע־ביורא, תל־אביב
ארטור שאול סופר, שרייבער און איבערזעצער
דוד אנדערמאן, לייטער פון פאטאגראפישער אפטיילונג, פרעסע־אמט

פאראייניקטע־שטאטן און קאנאדע

יעקב הערצאג, ישראל־באטשאפטער, וואשינגטאן
מיכאל ארנאן, ראטגעבער, ישראל־אמבאסאדע, וואשינגטאן
ארטור לוריע, ישראל־אמבאסאדאר, אָטאַוואַ
משה אדעל, ערשטער סעקרעטאר, אמבאסאדע, אָטאַוואַ
מאדאם פראַנקלין ד. רוזוועלט
סעם האַמבורג, לאָס באַנאָס, קאליפארניע
יצחק אונא, אינפארמאציע־אטאשע, שיקאַגאָ
אליהו אילת, ישראל־אמבאסאדאר אין ענגלאנד
אברהם קידרון, ערשטער סעקרעטאר, ישראל־אמבאסאדע, לאנדאן
ליליאן עליזי, ביורא פון פרעסע־שעף, ישראל־אמבאסאדע, לאנדאן
ד״ר שניאור לעווענבערג, לייטער פון ציוניסטישן אינפארמאציע־ביורא, לאנדאן
דזשאן קמחי, רעדאַקטאָר פון „דזשואיש אָבסערוועד״
מארקוס זיף, געוועזענער ראטגעבער פון מדינת ישראל
מאדאם יהודית דזשאַקינטאָ
דוד וואקער, לאנדאן „ניוס־קראניקל״
מאדאם פלאָרענס דאווידזאן, פאריס

קאַפּיטל איינס

דער מענטש מיט דעם גרייז־גרויען קאָפּ האָט זיך אין ווייטיקן איבער־געקערט אין בעט, ביז ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אַלע אַנ־ווייזנדיקע אין שפּיטאָל־צימער.

עמיצער האָט שפּעטער געזאָגט, אַז דאָס שטילשווייגן איז איבערגעריסן געוואָרן דורך איינאונאיינציק וואָרט:

„נחמיה!"

אַנדערע האָבן פאַרזיכערט, אַז אפילו דאָס דאָזיקע וואָרט איז אויך נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן.

נאָך אַ פּאָר מינוט, האָט אַ שטיל זיפצן אָנגעהויבן פול מאַכן דאָס צימער. די מענטשן האָבן זיך אין פאַרלעגנהייט איבערגעקוקט. קיינער פון זיי האָט אים קיינמאָל נישט געזען אַזאַ אויפגעטרייסלטן. הגם דער אָדער יענער האָט דאָך געדענקט, אַז מיט יאָרן צוריק, האָט ער געוויינט אין טאָג ווען דער ל ע ר ע ר איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי זיך אין שטילקייט צוגעשאַרט צו דער טיר. ענדלעך איז ער געבליבן אײנגאַנצן אַליין. ער מיט זיין שווערן טרויער.

די ווונדן אין זיין אָרעם און פוס, פון וועלכע די כירורגן האָבן אַרויסגע־נומען פּיצלעך שטאָל, האָבן פּלוצים אָנגעהויבן ווידער אַמאָל שמערצן. אָבער דער ווייטיק וואָס ער האָט געפילט אין האַרץ איז געווען שטאַרקער פון די אין אָרעם און פוס. מחמת ער האָט געוווּסט, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ קיין מענטש וואָס זאָל קענען פאַרנעמען נחמיהס פּלאַץ. אַלע האָבן דאָס געוווּסט, אויך נחמיה אַליין האָט עס געוווּסט. דעריבער איז עס געווען אַזוי שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט נחמיה געקאָנט דאָס טוען.

צען יאָר האָבן זיי געאַרבעט צוזאַמען. די דאָזיקע גאַנצע צייט איז נחמיה געווען זיין שאָטן, זיין שטענדיקער באַגלייטער, זיין געטרייער פריינט; תמיד גרייט צו הערן מיט האַרץ אויסצופירן, וואָס ער, בן־גוריון, האָט פון אים פאַרלאַנגט. ערשט נעכטן — אין דער אמתן, מיט איינזיקע טעג פריער, — איז ער דאָ געווען, אין דאָזיקן צימער, האָט געמאַכט זיינע

באַמערקונגען אין בריוו צו די עלטערן פון יענעם יונגן מענטש, וואָס האָט זיך אזוי שטארק באַמיט צו ווערן א מערדער. נו, און נחמיה איז נישטאָ. פאר וואָס האָט ער זיך באַזייטיקט פון לעבן, אָדער באַזייטיקט דאָס לעבן פון זיך, אין א צייט ווען ער איז אזוי שטאַרק נויטיק? אין פארלויף פון די לעצטע צען יאָר האָבן זיי צוזאַמען אַדורכגעמאַכט א סך שווערע טעג. עס איז דאָך געווען גאַנץ קלאָר, אַז עס וואַרטן זיי נאָך שווערע טעג.

אין גרונט גענומען האָט נחמיה אין דער פארגאנגענהייט נישט געלעזט קיין שום פראָבלעמען; אויך די פראָבלעמען וואָס די צוקונפט וועט אויפ־וואַרפן וועלן געלעזט ווערן אָן אים. אָבער נישט צו האָבן אים שטענדיק ביי זיך... נישט קאָנען...

דער מאַן מיטן זילבערנעם קאָפּ־האָר האָט געשלאָסן די אויגן. דורך זיין זכרון האָבן גענומען אַדורכשווימען דערינערונגען פון זיינע זיבעציק יאָר. —

אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן אין פּלאָנסק.

דאָס פּלאָנסק פון די צארישע צייטן, איז געווען א קליינע אינדוסטרי־שטאָט, וואָס איז געלעגן זעכציק קילאָמעטער צפון־מערבדיק פון וואַרשע, אויף דער באַן־ליניע, וואָס האָט געפירט אין דער ריכטונג פון באַלטישן ים און אויף די ברעגעס פון אַ טייך, וואָס האָט געהייסן אַזוי ווי די שטאָט. פּלאָנסק איז דעמאָלט געווען פּויליש און עס וועט קומען אַ טאָג ווען עס וועט צוריק ווערן פּויליש. פּינסק איז געלעגן 320 קילאָמעטער מזרחדיק פון פּלאָנסק, אויף דער צווייטער זייט פון וואַרשע.

אין פּלאָנסק, האָט אין איינעם א שטורעמדיקן טאָג, די איידעלע דרייסיק־יאָריקע שיינדל גרין באַשאָנקן איר יונגן מאַן, אביגדור, מיט איר זעקסט קינד. דאָס דאָזיקע זעקסטע קינד איז געווען דוד בן־גוריון, דער ערשטער פּרעמיער־מיניסטער פון מדינת־ישראל. אין דער זעלביקער צייט איז אין איינע פון די פּינסקער שולן פארשריבן געוואָרן אלס תלמיד אַ צוועלף יאָריק יינגל, חיים, פון א שכנותדיקן דאָרף. דאָס דאָזיקע יינגל איז געווען חיים ווייצמאַן, וועלכער איז אויף זיינע עלטערע יאָרן געוואָרן דער פּרעזידענט פון דער יידישער מדינה.

עס איז א געשיכטלעכע זעלטנקייט, אז די לעבענס־פעדעם פון צוויי מענטשן, וואָס זענען געווען אזוי שטאַרק פארשידן איינער פון צווייטן, טראָצ־דעם וואָס זיי שטאַמען פון דעם זעלביקן גרונט, זאָלן זיין אַזוי געקניפּט און געפלאָכטן איינער מיטן צווייטן. זיי זענען ביידע געבוירן געוואָרן אין איין יאָרהונדערט און האָבן ביידע געווידמעט — מיט דעם זעלבן

אייפער — זייערע לעבנס דער זעלביקער דערהויבענער אידעע, יעדער איינער פון זיי אויף זיין ספעציעלן דרך; און ווען זיי וועלן דערגיין צו דער ענדע פון זייער וועג, וועלן זיי ביידע געבראַכט ווערן צו אייביקער רו אין דער ערד וואָס הייסט ארץ־ישראל, וועלכע, ווען נישט זייער געמיינזאַמע מי, וואָלט נישט אויפגעשטאַנען תחית המתים, נישט אין דער צייט און נישט אין דער פאָרם, אין וועלכע זי איז אויפגעשטאַנען, און, ווער ווייס — אפשר וואָלט זי בכלל נישט דערגאַנגען צו דעם, צו וואָס זי איז דערגאַנגען.

דוד איז געווען אַ קליין־געוויקסיק און דאַר ייִנגל, אָבער זיין קאָפּ איז געווען אזוי אומפּראָפּאָרציאָנעל גרויס צו זיין קליינער געשטאַלט, אַז זיין מוטער האָט אים אין שרעק איינמאָל געבראַכט צו אַ דאָקטאָר און געפרעגט, צי איז נישט אַמאָל עפּעס נישט אין אָרדנונג מיט איר יינגסטן זון.

דער דאָקטאָר האָט געענוי באַטראַכט דאָס קינד און האָט איר געזאָגט: „בארויקט אייך. דאָס קינד איז אין בעסטן אָרדענונג. און איך קען אייך פאַרזיכערן, אז ער וועט זיין א גרויסער מענטש. דאָס איז אַבסאָלוט קלאָר פון דער פאָרם און דער גרויס פון זיין קאָפּ־שיידל".

מעגלעך, אַז זיין שיידל האָט געהאַט עפּעס צו טאָן מיט דער אויפגאַבע וואָס דער גורל האָט אים געשטעלט; זיין פאָטער האָט יעדנפאַלס אים פאַרגעבערייט פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע, געבנדיק אים גוטע פּרעלימענאַרע בילדונג.

אביגדור גרין, אַ נישט־דיפּלאָמירטער אַדוואָקאַט, איז אין פּלאָנסק געווען באַקאַנט אַלס איינער פון די קלוגסטע מענטשן אין שטאָט. פיל פון די פינף טויזנט פּלאָנסקער יידן פלעגן קומען צו אים האָלטן אַן עצה. אָבער דערביי איז ער געווען א רעוואָלוציאָנערער טיפּ, און ער האָט זיך איינגעקויפט שונאים צווישן יענע מענטשן, וואָס האָבן באַטראַכט פאר אַ חטא דאָס קלענסטע אָפּטרעטן פון די אָנגענומענע מנהגים. ער האָט אויסגעטוען די לאַנגע קאַפּאָטע און דאָס יידישע היטל — דעם טראַדיציאָנעלן לבוש און אָנגעטוען קורצע מלבושים. ביי געוויסע געלעגנהייטן האָט ער אפילו געטראָגן א צילינדער. זיין באָרד און וואָנצעס האָט ער נישט געלאָזן וואַקסן, ווי די פּלאָנסקער יידן פלעגן טוען. ער האָט געהאַט אויך נישט־יידישע קליענטן. אין זיין ביבליאָטעק האָבן זיך געפונען ביכער וואָס די פּלאָנסקער פרומע לייט האָבן באַטראַכט אלס צו פיל אפיקורסיש. ער האָט זיך איינגעעקשנט, אז דוד און די אַנדערע קינדער מוזן קענען העברעיש אַזוי ווי זיי קענען רוסיש.

די פרומע פלאָנסקער יידן האָבן אין אזא חינוך געזען א חילול השם. אין זייער פרומקייט האָבן זיי געהאַלטן לשון־קודש פאַר א שפּראַך, אין וועלכער א ייד דארף אויסגיסן זיין הארץ פארן בורא־עולם, אָבער אז מען גייט איינקויפן אין קלייט דארף מען רעדן יידיש. דוד האָט אויך געדאַרפט גרונטלעך לערנען די געשיכטע פון די תנ״ך־צייטן און די געאָגראַפיע פון נאָענטן מזרח. ער איז געגאנגען אין חדר, געווען א גענוג־גוטער תלמיד און האָט זיך באַצויגן צו זיך און זיינע לימודים, מיט נישט קיין קלענער חשיבות. איינמאָל האָט ער איבערראַשט זיינע חברים אין דער כיתה מיט אַ פייערלעכע דערקלערונג: „עס וועט קומען אַ טאָג ווען איך וועל זיין דער מנהיג פון יידישן פאָלק!".

אביגדור גרין האָט נישט געהאַט די מאַנאָמאַניע וואָס זיין זון האָט אין זיך אַנטוויקלט אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן, אָבער ער האָט דאָס יינגל געמאַכט פאַר א ציוניסט. אביגדורס צוגעבונדנקייט צום יידישן לאַנד איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין זיין נשמה. זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט פאַרוואַנדלט פלאָנסק אין אַ מאַגנעט פאַר דער גאַנצער געגענד. אין גרינס הויז, וואָס האָט זיך געפונען נאָענט פון דער הויפּט־גאַס, זענען גאַנצע טעג און נעכט פאַרגעקומען זיצונגען. שטענדיק האָט מען דאָ גע־האַלטן רעפעראַטן און געפירט הייסע וויכוחים. ס'רוב מאָל האָט ער גע־פּרוווט זיך צו קאָנצענטרירן איז זיינע ביכער אָדער אין א שאַך־אויפגאַבע. דאָס שאַך־שפּיל האָט אים געלערנט דעם סוד פון קאָנצענטרירן זיך אויף אין באַשטימטן פּראָבלעם, אויסשליסנדיק אַלע נעבן ענינים.

אז דוד איז אַלט געווען צען יאָר האָט אין דעם ווייטן עסטרייך פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט געהאַט אַ טיפן איינפלוס אויף דער משפחה גרין און אויף די יידן אין גאָר דער וועלט. אַ ווינער צייטונג האָט געשיקט אירט אַ מיט־אַרבייטער, טעאָדאָר הערצל, אַ בודאַפּעשטער געבוירענער, קיין פּאַריז, ער זאָל פון דאָרט צושיקן קאָרעספּאָנדענציעס פון אַ פּראָצעס, אין וועלכן אַ יידישער אָפיציר פון דער פראנצויזישער ארמיי, קאַפּיטאַן דרייפוס, איז באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש. הערצל, נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז געווען א ייד, האָט זיך ביז דעמאָלט נישט שטאַרק אינטערעסירט מיט ציוניסטישע ענינים, אָבער דער אנטיסעמיטיזם וואָס ער האָט אַנטדעקט ווען ער האָט זיך פאַרטיפט אין דרייפוס־פּראָצעס, האָט געבראַכט דערצו, אַז ער האָט אָנגעשריבן זיין „יודנשטאַט". אין דער דאָזיקער ארבעט האָט הערצל ארויסגעזאָגט זיין היסטאָרישע מיינונג, אַז צו די רדיפות אויף יידן אין אייראָפּע וועט נעמען אן עק ערשט דעמאָלט, ווען גרויסע מאַסן יידן

וועלן אויסוואנדערן אין א לאנד, ווו זיי וועלן קענען גרינדן אן אייגענע מלוכה. דאָס דאָזיקע ביכל האָט דעם ציוניזם געגעבן אַ לאָזונג: „אויב איר וועט וועלן וועט דאָס נישט זיין קיין לעגענדע" — אַ נייע דינאַמישע ווענדונג, אַ שטויס פאָראויס.

נאָכן דערשיינען פון הערצלס ביכל זענען די זיצונגען אין גרינס הויז געוואָרן נאָך אָפטערע. מען האָט דאָרט נאָך הייסער דיסקוטירט, ביז אין שפּעטע שעהן פון דער נאַכט. עס איז געקומען די צייט פון שרייבן אַרטיקלען אין די צייטונגען, צו גרינדן נייע ציוניסטישע פּאַרטייען, אָפּצוהאַלטן מער זיצונגען און פאַרזאַמלונגען. אַ חוץ מיט ציוניסטן, איז די גרינס הויז צו יענער צייט, פול געווען מיט קינדער און מיט פאַרשידענע אייגענע פּראָב־לעמען. זעקס פון די צען קינדער וואָס שיינדל האָט געבוירן זענען געבליבן לעבן, און איצט איז זי ווידער אַמאָל פאַרגאַנגען אין טראָגן.

ווען דוד איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר האָבן פּאַסירט צוויי זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אויף אים א גרויסע השפעה. זיין מוטער איז געשטאָרבן אין קימפּעט און ד״ר הערצל האָט צוזאַמענגערופן א יידישן וועלט־קאָנגרעס, אין דער שווייצאַרישער שטאָט באזעל, כדי צו געפינען א וועג ווי אזוי שנעלער צו רעאַליזירן דעם ציוניסטישן אידעאַל.

ביז צו זיין מוטערס טויט איז דוד געווען א שוואַך קינד און געהאַט ווייניק חברים. ער האָט ליב געהאַט זיך מתבודד צו זיין. מען פלעגט אים רופן דער „מרה שחורהניק". ער איז געווען דער מאַמעס קינד, און איר צאַרטקייט האָט געהאַט אויף אים א שטאַרקע ווירקונג. איצט האָט ער זיך געמוזט פאַרבונדן מיטן פאָטער; דער פאָטער אָבער איז געווען א פאַריאָגטער באַוולטער מענטש, מיט קליינע קינדער פאר וועלכע ער האָט געדאַרפט זאָרגן, אויך א פאַרטוענער אין זיין קעמפערישער ציוניס־טישער טעטיקייט, און דערביי געמוזט פאַרנעמען זיך מיט זיין אַדוואָקאַטישער ארבעט. דער יונגער דוד האָט אָנגעהויבן זיין מער און מער מיט זיך אליין. די צאַרטקייט וואָס ער האָט געירשנט פון דער מוטער איז געוואָרן אלץ מער פאַרהוילן פון די אויגן פון זיין סביבה. דער מוטער־קולט איז נאָך אלץ געזעסן טיף אין זיין נשמה.

עס איז מעגלעך, אַז דוד האָט קיינמאָל נישט געענדיקט באַנומען וואָס דער טויט פון דער מוטער האָט פאַר אים באַדייט, אָבער אין פאַרלויף פון די זעכציק יאָר פון זיין לעבן, האָבן זיינע מקורבים געקאָנט אויספילן אין זיינע רעדעס, שריפטן און אין זיינע באַציונגען מיט פרויען, ווי טיף עס איז געווען זיין געפיל פון פאַריתומטקייט. אָפט האָט מען געקענט ארויס־

פילן, ווי ער זוכט אַן ערזאַץ פאַר אַ מאַמען. מוטערלעכקייט איז פאַר אים שטענדיק געווען אַ סימבאָל פון העכסטער חשיבות.

דער באַזעלער קאָנגרעס האָט ארויסגערופן אַ גרויסע אויפרודערונג, אפילו צווישן די גאַנץ יונגע מענטשן פון פּלאָנסק. צום ערשטן מאָל נאָך צוויי טויזנט יאָר איז זיך צוזאַמענגעקומען אַ יידישער פּאַרלאַמענט. צום ערשטן מאָל נאָך אזוי פיל דורות, האָבן יידן אָנגעהויבן רעדן וועגן ארץ־ישראל, גלייך ווי זיי וואָלטן אויף אַן אמת געטראַכט וועגן צוריקקערן אַהין, און נישט געוואָלט יוצא זיין מיט בלויזע רייד. דער קאָנגרעס אין באזעל האָט באַטראַכט דעם ענין פון גרינדן אַ העברעישע אוניווערזיטעט אין ירושלים, האָט דיסקוטירט דאָס פּראָבלעם פון שאַפן אַ יידישן נאַציאָנאַלן פאָנד, פון אַ יידישער וועלט־באַנק אין לאָנדאָן, וועלכע זאָל פינאַנסירן די קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל. עס איז אָקצעפּטירט געוואָרן אַ פאָרשלאָג וועגן אַ נאַציאָנאַלער פאָן — די פאַרבן פון טלית, בלוי און ווייס, און אַ העברעישע ליד איז אָנגענומען געוואָרן אלס דער הימן פון אַ מדינה וואָס האָט נאָך נישט עקזיסטירט און וואָס וועט נישט עקזיסטירן לפּחות נאָך אַ פופציק יאָר. און וויכטיקער ווי אַלץ — דער דאָזיקער קאָנגרעס האָט געוואָגט צו דערקלערן אָפן, פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז זיין ציל איז צו שאַפן „אַ היים פאַרן יידישן פאָלק, וואָס זאָל עפנטלעך־רעכטלעך אָנערקענט ווערן דורך דער גאַנצער וועלט". יעדער ייד אין גאָר דער וועלט האָט דאָס רעכט זיך אָנצושליסן אין דער גרויסער באַוועגונג, אויפן גרונט פון דער בלויזער דערקלערונג, אַז ער איז מסכים מיט דעם דאָזיקן ציל, און אויפן גרונט פון אַ שקל־אָפּצאָל, אין דער גרויס פון אַ מארק, אַ שילינג אָדער אַ פערטל דאָלאַר.

אז דוד איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר האָט ער, צוזאַמען מיט זיינס־גלייכן, געגרינדעט אין פּלאָנסק אַ ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „עזרא", נאָך עזרא הסופר, איינער פון די הויפּט־העלדן פון שיבת־ציון. די מיטגלידער פון דער יונגער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך הייליק פאַרפליכטעט צו רעדן צווישן זיך נאָר העברעיש, און האָבן זיך מתחייב געווען צו אַרבעטן „פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער העברעישער קולטור צווישן דער אַרבעטנדיקער יוגנט".

דוד האָט שנעל באַקומען אַ רעפּוטאַציע פון אַ רעדנער. ספּעציעל האָט ער ארויסגעוויזן אַ גרויסן כוח איבערצוצייגן אַנדערע יונגע מענטשן וואָס האָבן נישט געוואָלט רעדן אויף דער „שפּראַך פון תנ"ך". זיין פּאָפּולערקייט איז געוואַקסן. אלט ווערנדיק קוים פופצן יאָר האָט ער שוין באַוויזן צו האַלטן

זיין ערשטע גרויסע פּאָליטישע רעדע אויף אַ קאָנפערענץ, אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע. היינט־צו־טאָג געדענקט קיין מענטש נישט וואָס אַזוינס ער האָט אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ געזאָגט, אָבער עס זענען נאָך פאַראַן מענטשן וואָס געדענקען די וויטאַליטעט פון דעם יינגל, זיינע שוואַרצע לאָקן, וואָס האָבן זיין קאָפּ געמאַכט נאָך גרעסער ווי ער איז געווען. זיי געדענקען זיין פּרעכטיקן העברעיש, זיין באַצויבערנדיקע געסטיקולאַציע און זיינע טיפע ציוניסטישע געפילן. איינער פון די גרעסטע רבנים פון יענער צייט האָט אויסגערופן: „נאָך אַזעלכע צען בחורים און דאָס יידישע פאָלק איז אויסגעלייזט!".

דאָס יאָר 1903 איז געווען אַ יאָר, וואָס נאָר ווייניק רוסישע יידן וועלן עס פאַרגעסן. אין יענעם יאָר האָט דער ווולקאַן פון אַנטיסעמיטיזם ווידער אויסגעבראָכן, שפּייענדיק מיט פייער פון פאַרניכטונג אויף אַלע זייטן. אין דער בעסאַראַבישער שטאָט קישיניעוו זענען געלעגן הויפנס טויטע יידישע קערפּערס — קרבנות פון פּאָגראָם. קיין מענטש האָט נישט געקאָנט פאַר־אויסזען ווו און ווען דער חורבן וועט זיך אָפּשטעלן. אין פּלאָנסק האָבן יידן אויפגעשטעלט באַריקאַדן פאַר זייערע הייזער, פּחדנים האָבן זיך אויסבאַהאַלטן.

נאָך לאַנגע דיסקוסיעס האָבן דוד און דאָס רוב פון זיינע חברים באַשלאָסן, אַז די תשובה אויף די פּאָגראָמען איז — פּועלי־ציון. אונטער דער פאָן פון דער דאָזיקער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וועלן זיי קאָנען אַרבעטן, הן פאַר דער סאָציאַלער גערעכטיקייט און הן פאַר שיבת־ציון.

אין גרונט גענומען, איז דער ציוניזם אין יענעם יאָר געווען געשפּאָלטן ווי נאָך קיינמאָל נישט פריער און קיינמאָל נישט שפּעטער. הערצל אַליין האָט געבראַכט צו דער דאָזיקער שפּאַלטונג. ער איז געשטרויכלט געוואָרן מיט זיינע פּלענער אָפּצוקויפן ארץ ישראל פונעם טערק. אָבער ער האָט אויסגעפונען אַן ענגלענדער, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אידעע: דער קאָלאָניען־מיניסטער דזשאָזעף טשעמבערלען, נאָכדעם ווי ער האָט באַרייזט אפריקע, אין דער צייט פון בורן־קריג, האָט ער פאָרגעלייגט מען זאָל נעמען זעקס טויזנט קוואַדראַט מיילן פון דעם בערגיקן קעניאַ־לאַנד און עס איבערגעבן די יידן, זיי זאָלן דאָרט אויפבויען זייער לאַנד אונטער ענגלישער אַפּוטראָפּסות. דאָס געביט גופא האָט זיך נישט געפינען אין אוגאַנדע, דער פּלאַן אָבער איז באַקאַנט אַלס דער „אוגאַנדע פּראָיעקט". הערצל אַליין האָט אים פאָרגעלייגט פאַר דעם זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אין יאָר 1903, און ער האָט רעקאָמענדירט דעם קאָנגרעס ער זאָל דעם

פלאַן אָנגענומען. זעלטן ווען אין דער געשיכטע פון די 1883 יאָר יידישן גלות, האָט פּאַסירט, אַז וועלכער־עס־איז ענין זאָל אַרויסרופן אַזאַ שטורמישע אויפ־רודערונג. די אוגאַנדיסטן, האָפנדיק צו געווינען מיט זייער אַרגומענטאַציע די הערצער פון די קעגנער, האָבן געטענהט, אַז אוגאַנדע וועט דערמעגלעכן אויפצושטעלן אַ יידישע אַרמיי, וועלכע וועט מאַרשירן קיין ארץ־ישראל און באַזעצן, מיט געווער און כוח, דאָס לאַנד. אפילו די יידן וואָס האָבן צו יענער צייט שוין געלעבט אין ארץ־ישראל זענען אויך געווען געשפּאָלטן צווישן זיך.

דוד און זיינע פריינט זענען געווען אַנטי־אוגאַנדיסטן פון סאַמע אָנהויב. פאַר זיי האָט ציוניזם באַדייט מער ווי דאָס בלויזע אַנטלויפן פון פּאָגראָמען. פאַר זיי איז געווען ווייניק דאָס געפינען אַ היים, ערגעצוווּ, אויסער די גרענעצן פון אייראָפּע. פאַר זיי האָט ציוניזם באַדייט אַ צוריקקער צום לאַנד פון תנ״ך, צו זייער פאָטערלאַנד, פון וועלכן זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן מיט אַזאַ לאַנגער צייט צוריק. ארץ־ישראל איז געווען דאָס ווי־געלע פון זייער קולטור, פון מדרש און פון דער אגדה. דעריבער טאַקע האָבן דוד און זיינע חברים פרייער אָפּגעאָטעמט ווען זיי האָבן דערהערט, אַז דער זעקסטער קאָנגרעס האָט זיך געשלאָסן, נישט אָקצעפּטירנדיק דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט.

ווען דוד איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, איז ער אַוועק קיין וואַרשע לערנען. ער האָט דאָרט געפירט אַ באַשיידן לעבן, אויסהאַלטנדיק זיך פון אַ קליינער שטיצע וואָס ער האָט באַקומען פון זיין פאָטער, און פון דעם וואָס ער האָט פאַרדינט מיט העברעישע לעקציעס. דאָס זענען פאַר אים געווען שטורמישע צייטן. אין וואַרשע זענען געזעסן ציוניסטישע פירער, וואָס זייערע רעדעס האָבן אים געגעבן פיל צו טראַכטן. אין איינעם אַ טאָג, איז ער אָן שום סיבה אַרעסטירט געוואָרן. ער איז נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן, אָבער ער איז געווען אַ ייד, זיין קאָפּ מיט שוואַרצע ווילד־געקרייזלטע האָר האָבן אים געמאַכט, אין די אויגן פון פּאָליציאַנט פאַר אַ געפערלעכן פּאָליטישן אַגיטאַטאָר. און דאָס האָט געגנוגנט.

נאָך דעם ווי דוד איז אָפּגעזעסן אַ טאָג אין תפיסה, איז אָנגעקומען פון פּלאָנסק דער אַדוואָקאַט אביגדור גרין, אָנגעטאָן עלעגאַנט, מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ. דוד איז נישט געווען דער ערשטער יידישער יונגערמאַן וואָס אביגדור האָט זיך באַמיט צו באַפרייען פון תפיסה. ער האָט דערלאַנגט דעם פּאָליציי־אָפיציר זיין וויזיט־קאַרטע. „גרין?״ האָט דער אָפיציר געפרעגט, איינקוקנדיק זיך אין דער וויזיט־קאַרטע. „מאָדנע, איך הייס אויך גרין, וויקטאָר גרין״. וואַרשיינלעך איז דוד באַפרייט געוואָרן

צוליב דעם נאָמען־צופאַל. ער איז אפילו נישט געשטעלט געוואָרן פאַר קיין געריכט.

אין פּלאָנסק זענען געווען דריי יינגלעך, וואָס האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן צוזאַמען: שלמה צמח, וועמענס עלטערן זענען געווען רייך לויט די פּלאָנסקער באַגריפן; שמואל פוקס, וואָס האָט געבענקט נאָך אוואַנטורעס, און דוד. די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע איז געווען זייער אידעע; צוזאַמען האָבן זיי געוויינט אויף הערצלס טויט און צוזאַמען פּלאַנירט די צוקונפט.

דער ערשטער וואָס האָט פאַרלאָזן פּלאָנסק איז געווען שמואל. אָבער ער האָט אויסגעוויילט אמעריקע און נישט ארץ־ישראל. נאָך אים איז, אין אַ האַרבסטיקער נאַכט, אַוועק שלמה צמח, אָן דער דערלויבעניש פון די עלטערן, אָבער מיט דריי הונדערט רובל אין קעשענע.

צום גרויסן צער פון זיין פאָטער האָט דוד פאַרציכטעט אויף זיין שטודיום נאָך איידער ער איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר. ער איז יעצט געווען פאַרטועט אין זיינע נסיעות איבער פּוילן, געהאַלטן רעדעס, אָרגאַניזירט אַרבעטער, אָנגעפירט מיט שטרייקן; פאַרבינדנדיק תמיד זיין ציוניזם מיט זיין סאָציאַליזם. דעמאָלט האָבן אָנגעהויבן קומען בריוו פון שלמהן. די צווייטע עליה איז געווען אין איר פולן גאַנג. מענער, פרויען און קינדער האָבן געשטראָמט פון אייראָפּע קיין ארץ־ישראל. נישט תמיד אָבער איז זייער וועג געווען אויסגעשפּרייט מיט רויזן. דער רוב פון די ארבעטן אין ארץ־ישראל, הן שווארצע ארבעט און הן האַלב־קוואַליפיצירטע, איז געמאַכט געוואָרן מיט אראבישע הענט, אפילו ווען די ארבעט־געבער זענען געווען יידן. אָבער שלמה האָט דאָך באַקומען ארבעט און האָט זיך אָנגעהויבן צו־געוווינען צו א דיעטע פון ברויט מיט טייטלען. ער איז געווען אַ חלוץ.

ענדלעך איז צמח געקומען אויף אַ באַזוך קיין פּלאָנסק. ער האָט געזאָגט, אז ער קלויבט זיך צוריקצופאָרן אינגיכן. דאָס לעבן דאָרט איז שווער, אָבער עס איז אַ לעבן מיט אַ זין. די חברים פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך גוט איינגעהערט ווען ער האָט גערעדט וועגן אַלטן הייליקן לאַנד, וועגן די בעדואינישע נאַכט־רויבער, וועלכע גנבענען זיך פון מדבר, אין דער פינצטערער נאַכט אריין, וועגן קעמלען און מענטשן, וועגן די בערג וואָס רינגלען ארום ירושלים, און וועגן דעם כותל מערבי, דאָס איינציקע איבערבלייבעניש פון בית שני (צווייטן בית־המקדש).

אין א געוויסן טאָג האָט דוד דערקלערט זיין פאָטער, אַז ווען שלמה וועט צוריקפאָרן וועט ער פאָרן צוזאַמען מיט אים, און ער וועט וואַרשיינלעך

שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען. דער אַדוואָקאַט גרין האָט שטאַרק קרי־טיקירט דעם דאָזיקן פּלאַן. ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז אַ חרפּה פאַר א יונגן מענטש איבערצורייסן זיין לערנען איידער ער איז נאָך אפילו דערגאַנגען צו מיטל־בילדונג. ער אליין איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט וויסנ־שאַפט, און ער האָט שטענדיק געהאָפט, אַז אויך זיין זון וועט גיין אין זיינע וועגן. אָבער וואָס פאַר א זין האָט עס צו פאַרן איצט קיין ארץ־ישראל און דאָרט ווערן א פשוטער ארבעטער?

פּופּציק יאָר שפּעטער האָט דוד גרין פון פּלאָנסק, רעדנדיק פאַר א גרופּע אַמעריקאַנישע רעדאַקטאָרן און ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָרן, וואָס האָבן אים באַזוכט אין זיין אַמט אין תל־אביב, — זיי דערקלערט פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזן אייראָפּע, בזה הלשון: „איך בין נישט קיין פּליט און איך בין נישט געקומען דאַ אַהער ווייל מען האָט מיך גערודפט. פון מיין פריסטער יוגנט, פון מיין פינפטן לעבנסיאָר, האָב איך זיך קיינמאָל נישט געפילט אין פּוילן ווי אינדערהיים. איך האָב געטראַכט אַז דאָ, אין ישראל וועט זיין מיין היים. ארץ־ישראל האָט א לאַנגע פיר־טויזנט־יאָריקע געשיכטע, און זי לעבט טיף אין די געפילן פון אירע זין. איך מיין, אַז עס איז נישט בלויז א זאַך פון רדיפות, נאָר אויך א גייסטיקע נויטווענדיקייט".

נאָכדעם האָט ער זיך אַ ווילע איינגעקוקט אין די פּנימער פון די אַמעריקאַנער און אונטערגעשמייכלט:

„איך בין נישט זיכער צי אלע 102 מענער און פרויען וואָס זענען גע־קומען אין אייער לאַנד אריין אויף דער שיף „מייפלאַואר" זענען געווען פּליטים. זיי זענען געטריבן געוואָרן פון אן אידעאל — צו בויען א פרייע מדינה אויף אַ נייעם קאָנטינענט. פּונקט אַזוי זענען געקומען אַ סך פון אונדז, וואָס זענען נישט געווען קיין קרבנות פון רדיפות. מיר זענען געשטויסן געוואָרן פון גייסטיקן דראַנג — צו לעבן א פול און פריי יידיש לעבן. און דאָס האָט פאַר אונדז זער א גרויסע באַדייטונג".

קאפיטל צוויי

צוויי יונגעלייט, מידע פון זייער נסיעה, זענען געשטאַנען לעבן דער באַריערע פון א רוסישער פראַכט־שיף, וואָס האָט זיי געפירט פון אָדעס אויפן שוואַרצן ים, דורך די דאַרדאַנעלן, צום מזרחדיקן ברעג פון מיטל־לענדישן ים.

זיי האָבן זיך געהאַט געוועט וועגן דעם, ווער פון זיי עס וועט דער ערשטער דערזען דאָס לאנד; האָבן זיי זיך דעריבער שטאַרק איינגעקוקט אין האָריזאָנט. די רייזע האָט שוין געדויערט וואָכן. פלאָנסק איז שוין געווען ווייט פון זיי, ערגעצוווּ אין אַ אנדערער וועלט, אין אַן אנדער שטייגער לעבן.

„קוק, דוד, אָט איז עס. קוק זיך גוט איין. לינקס אַ ביסל, דאָס איז דאָס לאַנד. אָט איז יפו!“.

דוד האָט זיך איינגעקוקט. און ער האָט דערזען. עס איז געווען באַר א קלייניגקער פונקט, א ברוינער, ווו הימל און וואסער באַגעגענען זיך. אָבער דאָס איז געווען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד. ז י י ן לאַנד. ער איז געווען דער וואַנדערנדיקער ייד, וואָס איז סוף־כל־סוף אָנגעקומען אין לאַנד פון זיינע אבות. דאָס גלות וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען קרוב מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק איז געקומען צו אַן ענדע. על־כל־פנים — פאר אים. דאָ וועט ער לעבן און שטאַרבן. דאָ וועט ער ארבעטן, אז דער חלום זאָל רעאַליזירט ווערן אויך פאר אנדערע. זיינע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין דעם בילד וואָס איז געלעגן פאר אים. ארום איז געווען אַן אומענדלעכער בלויער ים. אַמאָל וועט דער בלויער ים זיין שוואַרץ פון שיפן, וואָס וועלן ברענגען היימלאָזע און פאַרטריבענע צוריק אין זייער היים.

איצט האָט ער שוין דערקענט הייזער און מענטשן. פאר זיינע אויגן האָט זיך באוויזן א באַרימטע היסטאָרישע שטאָט. אין תנ״ך זאָגט זיך, אַז אין אָנהויב האָט די שטאָט געהערט צום שבט דן. אין דער אמתן, איז נישט פאראן קיין פלאַץ אין דאָזיקן לאַנד, וואָס איז נישט באַרימט געווען אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. דער תנ״ך איז איבער־פולט מיט זכרונות וועגן די פארשידנסטע ערטער אין לאַנד. איצט האָט ער זיך געפרייט דערמיט, וואָס זיין פאָטער האָט תמיד פאַרלאַנגט פון

אים ער זאָל לערנען די געשיכטע און געאָגראַפיע פון מיטלען מזרח. ער האָט געוווּסט, אַז נישט ווייט פון יפו איז געשטאַנען פאַר אַן אונטערגאַנג די שיף, אין וועלכער יונה הנביא איז אַנטלאָפן פון גאָט. ער אליין איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין ים אַריין, און דער פיש האָט אים איינגעשלונגען. אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן נישט איינמאָל אויסגעבראָכן מוראדיקע פּאָג־ראָמען. נישט לאַנג פאַרן חורבן בית־שני האָבן גריכן, פאַנאַטיקער, איבער־געדעדט טויזנטער יידן זיי זאָלן זיך טובלען אין די דאָזיקע וואַסערן, באַגענט ביים פּאָרט, און האָבן זיי שפּעטער דאָרט דערטרינקען.

אָבער, דוד, געדענקנדיק דאָס אַלץ, איז דאָך געווען אַנטוישט. אָט דאָס יפו, האָט אויסגעזען געווען אַזוי ווי א האלב טוץ אַנדערע פּאָרט־שטעט, וואָס ער און זיין חבר האָבן שוין געהאַט געזען אויפן וועג.

וויפיל נאָך אַנטוישונגען האָבן אים דאָ דערוואַרט? איז עס דער גורל פון יעדן חלום צו פאַרלירן זיין שיינקייט, ווי נאָר ער באַגעגנט זיך פּנים אל־פּנים מיט דער ווירקלעכקייט? ווי נאָר זיי האָבן זיך געפונען אויפן באָדן, איז א ייד צוגעפאַלן צו דער ערד און איר אָנגעהויבן היסטעריש קושן, אַריינכאַפּנדיק הויפנס זאַמד אין זיינע הענט אַריין.

עס איז געלעגן פאַר אים אַ מאָדנע וועלט, לגמרי נישט ענלעך צו דער, וואָס ער האָט זיך געהאַט פאָרגעשטעלט. די גאַסן זענען געווען פול מיט אַראַבער אין זייערע לאַנגע ווייסע קאַפּטאַנעס. די ריחות וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די גאַסן זענען געווען אומדערטרעגלעך פאַר א מענטש מיט אַן אייראָפּעישער נאָז. די שפּראַך וואָס מ'האָט דאָ גערעדט איז געווען ענלעך צו העברעיש, דאָך האָט דוד נישט פאַרשטאַנען קיין איינציק וואָרט. פון צייט־צו־צייט האָבן צוויי דורכגייער גערעדט צווישן זיך יידיש.

אין א אָפּגעלאָזענעם פאַרוואָרלאָזטן מקום, וואָס מ'האָט אים גערופן, חיים ברודס האָטעל, האָט דוד צום ערשטן מאָל, אין דער דאָזיקער אור־אַלטער וועלט — אָפּגעגעסן צוזאַמען מיט חברים פון דער אָרטיקער פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן געוווּסט וועגן זיין אָנקומען אין לאַנד אַריין. „לחיים" — האָבן זיי זיך געווּנשן אויפהויבנדיק זייערע גלעזער מיט זיסן ארץ־ישראל ווייַן.

אין דער זעלבער נאַכט נאָך, זענען זיי אַוועק קיין פּתח־תקוה, די עלטסטע קאָלאָניע אין ארץ־ישראל. זי איז געגרינדעט געוואָרן אַכט יאָר איידער דוד איז געבוירן געוואָרן, און מ'האָט זי גערופן „די מוטער פון די קאָלאָניעס". אירע גרינדער זענען געווען פרומע תּלמידי־חכמים פון ירושלים, דער רוב פון אונגאַרישער אָפּשטאַמונג. זיי האָבן זיך נישט געוואָלט צוהערן

צו די רייד פון גריכישן דאָקטאָר, וואָס איז געקומען פון יפו, כדי אויס־צופאָרשן דעם כאַראַקטער פון דעם דאָרטיקן באָדן. ער האָט זיי געזאָגט: „קוקט, אפילו פייגל קאָנען זיך דאָ נישט אויפהאַלטן, דאָ זענען דאָך נישט פאַראַן אפילו קיין ווערם און קיין פליגן. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל די לופט דאָ איז פאַרעיפּושט און פאַראומרייניקט".

די קאָלאָניע איז געווען אַן אָנגענעמער פּלאַץ, ווו הילצערנע און ליימענע הייזער זענען געשטאַנען אין רייען. ביי די זייטן פון גאַסן און וועגן האָבן זיך געפונען שורות עקאַליפּטוס ביימער, זיי זענען פאַרפלאַנצט געוואָרן אַ דאַנק דער גרויסמוטיקייט פון באַראָן עדמונד דע ראָטשילד פון פּאַריז, אין דער סביבה זענען אויך געפלאַנצט געוואָרן פרדסים מיט ציטרוס ביימער. אָבער וויכטיקער פון דעם אַלעם — דאָ זענען געווען יידן וואָס האָבן נישט געפּטרט זייער צייט אין די קאַפע־הייזער, און זיך נישט באַשעפטיקט מיט אומפּראָדוקטיווע פּאַראַזיטן־געשעפטן ווי די שטאָטס־מענטשן. דאָ זענען געווען יידן וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גליקלעכע אַרבעטזאַמע פּויערן.

פון יענעם טאָג ביז היינט, גלויבט דוד גרין פּאַנאַטיש אין דעם, אַז שיבת־ציון און ישוב ארץ־ישראל קאָנען אַנדערש נישט צושטאַנד קומען, נאָר, אַז די יידן וועלן פאַרלאָזן זייערע גלות־עקזיסטענצן, און ספּעציעל מוזן זיי פאַרלאָזן יענע פּרנסות וואָס זייערע אונטערדריקער האָבן זיי אָנגעוואָרפן זייט הונדערטער יאָרן. אַרבעט, יגיעת־כפיים, מוז דערהויבן ווערן צו אַ כבוד־זאַך.

די פלאַנסקער ייִנגלעך זענען געווען מיד און אויסגעמאַטערט, אָבער דוד איז אין יענער ערשטער נאַכט, נישט לייכט אַנטשלאָפן געוואָרן. זיין קאָפּ איז געווען פול מיט פּלענער. אַזוי איז ער געלעגן און זיך איינגעהערט אין די שטומע געראַוישן פון מדבר — אַלץ אַרום איז געווען לויטער מדבר.

„ווער קען שלאָפן די ערשטע נאַכט אין ארץ־ישראל?", האָט ער שפּעטער, מליצהדיק, געפרעגט אין זיין ערשטן בריוו צום פאָטער. אין די שפּעטערע יאָרן, דערמאָנענדיק פּתח־תקוה, האָט ער געזאָגט: „דער גייסט פון מיינע קינדער־יאָרן און מיינע חלומות האָבן טריומפירט, און איך בין געווען גוט געשטימט. איך בין געווען אין ארץ־ישראל, אין אַ יידיש דאָרף, וואָס האָט געהייסן „די טיר פון האָפענונג". איך האָב געפילט דעם ריח פון תבואה; איך האָב געהערט דאָס רעווען פון אייזלען, דאָס גערויש פון בלעטער אין די פרדסים. איבער מיר זענען געווען די ליכטיקע און קלאָרע שטערן, אויף דעם טיפן ארץ־ישראל הימל. מיין האַרץ איז געווען

איבערפילט, גלייך איך וואָלט אַריין אין אַ לאַנד פון ווונדערלעכן חלום. און מיין חלום איז געוואָרן אַ וואָר״.

אויפן צווייטן טאָג זענען דוד און שלמה אַוועק זוכן ארבעט. זיי האָבן זיך געשלעפט פון איין קאָלאָניע צו דער אַנדערער, און האָבן אומעטום געבעטן ארבעט — אַ וואָסערע אַרבעט עס זאָל נישט זיין, און וויפיל דער פאַרדינסט זאָל נישט זיין. אָבער אומעטום האבן זיי באַקומען די זעלביקע תשובה. די דאָזיקע „פויערן־דזשענטלמענער״, ווי בן־גוריון האט זיי שפעטער סאַרקאַסטיש אָנגערופן, האָבן באַשעפטיקט אַראַבישע ארבעטער. זייער ארבעט איז געווען ביליקער און די אַראַבער האבן געהאַט מער פראַקטיק אין דער אַרבעט. די יונגע יידישע טרוימער אָבער, זענען געווען צאַרט און איידל, זייערע הענט זענען געווען אָן מאָזאָלעס. קיינמאָל וועלן זיי נישט פאַר־טראגן דעם ברען פון דער מדבר־זון. אַראַבישע ארבעטער קאָן מען ווי־עס־איז באַהערשן, אָבער די דאָזיקע יידישע האַרטנעקיגע חברה־לייט וועלן באַלד אָנהויבן צו פאַרנעמען זיך מיט אַגיטאַציע, אַנשטאָט צו אַרבעטן אויף אַן אמת.

די טעג אין פתח־תקוה האָבן איבערגעלאָזט אַ דויערנדיקן און טיפן איינדרוק אויף דער פערזענלעכקייט פון דוד גרין און אויף זיין גאַנצער פאָליטישער פילאָזאָפיע. קיינמאָל האט ער זיך נישט באַפרייט פון זיין ווידערווילן צו די, וואס ער האָט גערופן „די רייכע עפענדיס״. ער האָט באַשולדיקט, אַז זיי ווילן פאַרוואַנדלען דאָס הייליקע לאַנד אין א גן־עדן פאַרן מיטלקלאַס, און פאַר עקספּלאָאַטאַטאָרן.

דוד און שלמה האָבן סוף־כל־סוף באַקומען אַרבעט פאַר אַכט פּיאַסטערס אַ טאָג. דאס פאַרדינסט האָט זיי קוים געקלעקט אויף צו באַצאָלן פאַר אָוונט־ברויט און נאַכטלעגער, נאָך אַ שווערן אַרבעט־טאָג. אַ גאַנץ יאָר האָט דוד געשוויצט אויף די בערגער פון יהודה. די ארבעט איז געווען פאַר אים אַ גאַנץ נייע זאַך. דער הונגער צו וועלכן ער איז נישט געוווינט געווען, האָט אים גורם געווען אַ שטאַרק אָפּצערן. אַלס צוגאָב, איז ער קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע. דערמאָנענדיק שפעטער די דאזיקע צייטן, האָט ער געשריבן:

„אַלע דריי זאַכן — אַרבעט, הונגער און מאַלאַריע — זענען געווען ביי־און ביז־גאָר אינטערעסאַנט. דאָס קדחת האָט מיך באַזוכט, מיט מאַט־מאַטישער פּינקטלעכקייט, יעדע צוויי וואָכן, זיך פאַרהאַלטן ביי מיר פינף־זעקס טעג, און איז ווידער פאַרשוווּנדן. אויך דער הונגער איז געווען ביי מיר אַן אָפטער גאַסט. ער פלעגט ביי מיר פאַרבלייבן וואָכן־לאַנג, און טיילמאָל —

חדשים. בייטאָג האָב איך מיר ווי־עס־איז מיט אים אָן עצה געגעבן: איך האָב געקאָנט נישט טראַכטן וועגן אים. אָבער אין די לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט, זענען די הונגער־פּיין געוועזן שטאַרקער, האָבן צוזאַמענגעצויגן ס׳האַרץ און אויסגעזויגן דעם מאַרך פון די ביינער, און זיי פלעגן מיך פאַרלאָזן ערשט מיטן אָנקומען פון טאָג. דעמאָלט בין איך, אַ צעשמעטערטער, ענדלעך אריינגעפאַלן אין א שלאָף״.

אַ געוויסע צייט, אין ערשטן יאָר, האָט דוד געאַרבעט אין ווייַנגאָרטן און אין די וויין־קעלערן פון ראשון־לציון, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך דעם באַראָן עדמונד דע ראָטשילד, וועלכער האָט אינוועסטירט מיליאָנען דאָלאַרן אין ארץ־ישראל. שפּעטער איז ער אַוועק קיין כפר־סבא: „די לופט דאָ איז ריינער און געזונטער ווי אין פּתח־תקוה״, האָט ער געשריבן צו זיין פאָטער. „ווייל כפר־סבא ליגט אויף א הויכקייט ארומגערינגלט מיט בערג... כמעט דער גאַנצער באָדן איז פאַרפלאַנצט מיט מאַנדל־ביימער... דערווייל זענען דאָ נאָך נישט פאַראַן קיין הייזער... דער פּאַשאַ פון שכם גיט נישט פאַר פרעמדע בירגער קיין דערלויבעניש צו בויען הייזער. מען מוז זיך שטאַרק אָנשטרענגען אויף צו באַקומען די דערלויבעניש (דאָס מיינט, אז מען מוז געבן כאבאר). מיר הויבן אָן די אַרבעט זעקס א זייגער, אַ האַלבע שעה נאָך דעם זון־אויפגאַנג, און אז די זון הויבט זיך אויף העכער, רינט פון אונדז דער שוויס שטראָמענווייז...״

דוד האָט אויסגעדריקט זיין פאַראַכטונג צו די אַלע יידן, וואָס זענען פחדנים און האָבן נישט קיין גלויבן אין זייערע אידעאַלן; פאַר א גרויסע זאַך, באַגנוגנען זיך מיט זייער לעבן אָן מינדעסטן יידישן זעלבסטגעפיל, און זענען צו מיד, צו נעמען אויף זיך דעם עול פון עליה קיין ארץ־ישראל. ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג וועט ער נישט אויפהערן איבערצוחזרן די דאָזיקע טענה.

„יעדע שיף ברענגט הונדערטער טוריסטן, וואָס קומען אַהער זען די הערלעכקייט פון לאַנד. בלויז די קינדער פון איין פאָלק זענען נישט פאַראַן צווישן די טויזנטער רייזנדע און טוריסטן — די קינדער פון אויסדער־ווילטן פאָלק. זיי דאַוונען דריי מאָל אין טאָג — און באַגנוגנען זיך דערמיט. אין רוים זענען פאַראַן קאַטאָליקן, אין ציון אָבער זענען קיין ציוניסטן נישט פאַראַן״.

אַ יאָר נאָך דודס אָנקומען אין לאַנד אַריין איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אַרבעטער קאָנפערענץ. אַ טייל אָנטיילנעמער האָבן ארויסגעוויזן זייער

פיזישן אויסדויער קומענדיק צופוס פון ירושלים קיין יפו. איינער פון די דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ, וואָס איז געווען צוויי יאָר עלטער פון דודן, יצחק שימשעלעוויטש, איז נאָר וואָס אָנגעקומען אין לאַנד אַריין פון אוקראַינע. יצחק איז געווען אַ דאַרער בחור, און זייער אַן ערנסטער. אין רוסלאַנד האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט ביים אָרגאַניזירן דעם זעלבסט־שוץ, און האָט אין זיין פאָטערס הויז פאַרשטעקט אַ גרויסן קוואַנטום געווער. איינמאָל האָט די פּאָליציי אדורכגעפירט א רעוויזיע אין הויז, אין יצחקס אָפּוועזנהייט, און זי האָט ארעסטירט די גאַנצע משפחה: דעם טאַטן, די מאַמע און די געשוויסטער, מען האָט זיי אלע פארשיקט אויף סיביר. יצחק האָט זיך ארויסגעדרייט פון די פּאָליצייאישע הענט און איז אָנגעקומען אין לאַנד אריין. איינמעלדנדיק זיך אין האָטעל, האָט ער אָנ־געגעבן זיין נאָמען „בן־צבי״. צום סוף האָט ער אויך אָפיציעל אָנגענומען דעם דאָזיקן נאָמען.

דוד האָט גערן געהאַט דעם אוקראַאינישן יונגן בחור. ער און יצחק זענען געווען איינשטימיק אין רוב פּאָליטישע פּראָבלעמען. דערוויל האָט זיך דוד אויסגעלערנט אראביש. היות ער איז נישט באַגאַבט מיט קיין ספּעציעלע לינגוויסטישע פעיקייטן, איז אים אראביש לערנען נישט אָנ־געקומען לייכט, נאָך שטאַרקער מי האָט ער די שפּראַך באהערשט. איצט האָט ער שוין געקענט פיר שפּראַכן: רוסיש, יידיש, העברעיש און אַראַ־ביש, מיט אַ געוויסער ידיעה אויך אין פּויליש. ער האָט געלערנט די געאָגראַפיע פון יהודה און געקענט יעדעס דאָרף, יעדן טאָל און בערגל, יעדע וואָדי און טייכל. אָבער, זיי האָבן באַשלאָסן, ער און שלמה, איבער־צורייסן די אַרבעט אין יהודה.

שפּעטער האָט דוד געשריבן:

„דאָס אומאויפהערלעכע קראַצן מיט דער לאָפּאַטע האָט מיך נישט באַפרידיקט. עס איז געווען צו מאָנאָטאָן. דאָס קלאַפּן אָן־אַ־סוף האָט געשמעקט מיט דער מעכאַנישקייט פון א פאַבריק. איך אָבער האָב געבענקט נאָך די ברייטע פעלדער, נאָך די דאַוונענדיקע זאַנגען״.

אין סעדזשערא האָט דוד גרין געפונען זיין אידעאל. ער און נאָך צען חברים האָבן אדורכגעמאַכט צופוס דעם וועג פון פתח־תקוה קיין סעדזשערא, אַ מהלך פון מער ווי הונדערט קילאָמעטער בלויז זאַמדן, וואָס נאָר זעלטן האָט זיך דאָרט געזען אַן אַראַביש דאָרף. זיי זענען געגאַנגען דורך די בערג פון יהודה, האָבן זיך פאַרנומען צפונדיק, און שפּעטער

אָפּגעצייגט צו מזרח צו, צום כנרת. פּרעכטיק איז געווען די לאַנדשאַפט פון סעדזשערא, ארומגערינגלט און ארומגעקרוינט מיט בערג און בערגלעך. די מושבה אליין האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף א בערגל, ווו איין שורה הייזקעס האָט זיך אַרויפגעשלענגלט אויף דער אנדערער. עס זענען אויך געווען רייען עקאַליפּטוס און פּעפּער־ביימער. דאָ האָט אויף דוד גרין און זיינע חברים געוואַרט ארבעט: מען האָט געדאַרפט אַקערן די ערד. קיינער וועט זיי דאָ נישט אָפּזאָגן די רעכט אויף ארבעט, בלויז דערפאר וואָס זיי זענען יידן. דאָ, האָט דוד תמיד געזאָגט, האָט ער געפונען דאָס פאָטערלאַנד, נאָך וועלכן ער האָט אזוי געבענקט. דאָ האָט ער געפילט, אז זיינע פיס שטייען אויף דער ערד, אויף וועלכער זיינע אבות האָבן געטרעטן, און צו וועלכער ער האָט אויך אליין געהערט.

ער האָט געשריבן צום פאָטער:

„מיטן אַקער אין מיין לינקער האַנט און מיט דעם אָקסן־שטעקן אין דער רעכטער — גיי איך מיר נאָך דעם אַקער און באַטראַכט די שטיקער שוואַרצע ערד, ווי זיי דרייען זיך איבער, צעברעקלען זיך, און די אָקסן גייען זיך לאַנגזאַם, רויק, בנעימותדיק, ווי חשובע בעלי־בתים. עס איז פאַראַן צייט צו טראַכטן און צו פאַנטאַזירן".

„שיין זענען זיי די טעג אין אונדזער לאַנד — טעג באַגאָסן מיט ליכט און פול מיט פראַכט, רייך אין בילדער פון בערג און ים, אָבער זיבן־און־זיבעציק מאָל שענער זענען די נעכט, נעכט פון טיפן סוד, איינגעוויקלטע אין מיסטעריע... אַלץ איז פול מיט בענקשאַפט, מיט געהיימע סודותדיקע זוכענישן"...

„און אויב דו וועסט אַמאָל פאַרוואָגלט ווערן ווייט פון דער דאָזיקער ערד און פון די דאָזיקע הימלען, און וועסט אָנשפּאַרן ערגעצוווּ, איבער ווייטע ימען, אויף פרעמדע ערד - וועסטו מיט זיך מיטנעמען דעם אָנדענק פון די דאָזיקע נעכט, אַ זכר פון דיין לאַנד — און וועסט זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן...".

דאָס זענען געווען די ווערטער פון א וואַנדערנדיקן ייד וואָס איז ענדלעך אָנגעקומען אַ היים. ער האָט זיין פאָטער געשריבן בפירוש, אז ער האָט באַשלאָסן צו בלייבן דאָ ביזן סוף פון זיין לעבן, אָבער אויב דער גורל, די טערקן אָדער די אַראַבער וועלן אים צווינגען צו גיין אין גלות, ווי עס האָט זיך געטראָפן מיט פריערדיקע דורות יידן, וועט ער לכל־הפחות מיטנעמען מיט זיך דעם „אָנדענק פון די דאָזיקע נעכט". אין אנדערע

טיילן פון לאַנד האָבן די אַראַבער געקוקט מיט אַ פריינטלעך אויג אויף די ייִדישע איינוואַנדערונג. זי האָט מיט זיך געבראַכט מער ארבעט, א בעסערן לוין, מעדיצינישע הילף. דאָ אָבער, אין גליל, האָבן די אראבער געטראַכט, אז אויב זיי וועלן נאָר די יידן קוועלן ווי עס געהער צו זיין, זיי וועלן באַר פאַרברענען זייערע הייזער, צוגנבענען זייער פי און איבערפאַלן זיי אויף די וועגן, וועלן זיי געצווונגען זיין צו פאַרלאָזן זייער ערד און צו אַנטלויפן. אין די דערפער ארום סעדזשעראַ זענען געזעסן בעדואינער, גרויסע ספעציאַליסטן פון רויב און מאָרד, אַ מענטשנס לעבן איז געווען הפקר אין זייערע אויגן. עס איז דעריבער געווען אַ נויטווענדיקייט צו באַשיצן דאָס יידישע פאַרמעגן.

נישט קוקנדיק דערויף וואָס די גאַנצע ערד־אַרבעט איז געווען נאָר אין יידישע הענט, זענען דאָך די נאַכט־שומרים געווען געדונגענע אַראבער און טשערקעסן פון דערבייאיקן אראבישן דאָרף כפר־כנה; זיי האָבן געהאָט אַ חזקה, אַ מין מאָנאָפּאָל אויף דער שמירה פון סעדזשעראַ, פאַר וועלכער זיי האָבן באַקומען גוט באַצאָלט. דער דאָזיקער סיסטעם האָט זיך געהאַט זיינע גוטע סיבות: אויב די טשערקעסן, די סאמע געפערלעכסטע אראבער וועלן זיין די שומרים, וועלן זיי דאָך זיך נישט פאַרנעמען מיט רויב און מאָרד. צווייטנס, ווער קען אזוי כאַפּן אַ גנב ווי א גנב אַליין? און דער גאַנצער ענין פון באַנוצן זיך מיט געווער, איז דאָך זייט לאַנגע דורות באַטראַכט געוואָרן פאַר א נישט־יידישע זאַך, עס איז דעריבער געווען פאַרשטענדלעך, אז יידן דאַרפן זיך לערנען ערד־אַרבעט. אָבער זייט הונ־דערטער יאָרן האָבן יידן זיך נישט באַנוצט מיט קיין געווער, אפילו נישט אויף זעלבסט־פאַרטיידיקונג.

מיט זיין אָנקומען קיין סעדזשעראַ איז דוד געוואָרן דער פירער פון אַ באַוועגונג, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו ענדערן די סיטואַציע ארום די יידישע ערד, ווי זי זאָל נישט זיין, מוז זי געהיטן ווערן דורך יידן. דאָס איז געווען זיין ציל, און ער האָט פאַר דעם ציל גע־קעמפט, ביז ער איז געוואָרן א יסודותדיקער פראָגראַם־טייל פון ארבעטער־ציוניזם.

דער קאַמף איז נישט לייכט געווונען געוואָרן. די פקידים אין סעד־זשעראַ האָבן געצווייפלט, געשאָקלט מיט די קעפּ. אויב יידן וועלן איבערגיין צו זעלבסטשוץ, וועט דאָס ארויסרופן פארביטערונג ביי די אראבער. ווער קען וויסן וואָהין דאָס קען דערפירן. אויב די טשערקעסן וועלן אָפּגעזאָגט

ווערן פון דער אַרבעט, קענען זיי אין זייער צאָרן אָנהויבן ברענען, רויבן און מאָרדן.

דוד און זיינע חברים זענען אַרויס, איינציקע נעכט, אויסשפּירן דעם שטח. זיי האָבן אויסגעפונען, אַז די היטערס „היטן" לגמרי נישט. אַנשטאָט צו היטן, האָבן זיי זיך גוט געוויילט אין אַ דערבייאיקן דאָרף; זיי האָבן זיך געשטיצט דערויף, וואָס מען ווייסט, אַז זיי האַלטן שמירה, אַז עס גענוגט זייער בלויזער נאָמען. אויב עפּעס וואָס איז געגנבעט געוואָרן, האָבן זיי אויסגעשפּירט ווו די גניבה געפינט זיך און האָבן זי צוריקגעבראַכט צום בעל־הבית. פאַרשטייט זיך — פאַר אַ געהעריקן אויסקויף־געלט. מיט דער מטבע האָבן זיי זיך געטיילט מיט די גנבים. אין איינער אַ נאַכט האָט דוד, וועלנדיק איבערציייגן דעם לייטער פון דער ווירטשאַפט, אַז די שומרים זענען קיין שומרים נישט, אַרויסגעגנבעט פון שטאַל די בעסטע פערדה, זי באַהאַלטן און מודיע געווען וועגן דער גניבה. אַז דער מנהל איז אַרויס אין שטאַל און דערזען אַז די פערדה איז נישטאָ, האָט ער גערופן דעם שומר. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער שלאָפט גאָר אין אַ שכנותדיקן אַראַבישן דאָרף. ער איז אָפּגעזאָגט געוואָרן, און אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן איינער פון דודס חברים.

דאָס איז געווען דער אָנהויב, וועלכער האָט אין יאָרן אַרום דערפירט צום נצחון פון ישראלס אונטערגרונט־אַרמיי איבער די געמיינזאַמע חילות פון זעקס אַראַבישע אַנפאַלערישע מדינות, אין דער מלחמה פון 1948 — 1949. דאָס איז געווען די התחלה פון יידישער זעלבסט־פאַרטיידיקונג אין ארץ־ישראל, און אויך דער אָנפאַנג פון דוד גרינס פאַראינטערעסירונג מיט מיליטערישע ענינים. אין פערציק יאָר אַרום וועט ער זיין דער קריגס־מיניסטער וואָס וועט אָנפירן מיט אַן אמתער יידישער ארמיי — די ערשטע זינט אַ סך הונדערטער יאָרן. אָבער דער וועג דערצו וועט זיין פאַרזייט מיט קברים, און דאָס ערשטע קבר איז כמעט באַלד געגראָבן געוואָרן.

די טשערקעסן האָבן אָרגאַניזירט טעראָר־אָנפאַלן אויף סעדזשערא. דוד האָט געטענהט, אַז די סעדזשערער פּויערין מוזן אָרגאַניזירט ווערן אַלס אַ דיסציפּלינירטע און אויסגעשולטע שוץ־אַרמיי מיט געווער. געווער פון וואַנען? דאָס איז געווען דאָס פּראָבלעם, וואָס וועט קיינמאָל נישט געלעזט ווערן ווי עס געהער צו זיין. דוד האָט גענומען זוכן אַן ענטשפּרעכנדיקן קוואַל פון געווער. ער האָט נאָך געהאַלטן אין זוכן אין 1947, און געזוכט דאָסגלייכן אין 1958.

דערווירטשאַפטס־לייטער אין סעדזשערא האָט געשיקט קיין חיפה אַ וואָגן. מעשה־נסים איז דער וואָגן געקומען צוריק מיט אַלטע פּאַר־זשאַווערטע יעגער־ביקסן, וואָס מען האָט זיי גערופן „זשיפּטן". אַ סך יאָרן שפּעטער האָט דוד געשריבן וועגן די דאָזיקע יעגער־ביקסן:

„ווי קליינע קינדער האָבן מיר זיך געשפּילט מיט די ביקסן און האָבן זיי נישט אַרויסגעלאָזן פון האַנט, אפילו אויף קיין איין מינוט. מיט אַ ווידערווילן זענען מיר געגאַנגען אויף צומאָרגנס צו דער אַרבעט — ווייל מיר האָבן זיך דאָך געדאַרפט שיידן מיט די ביקסן אויף אַ גאַנצן טאָג... מיר זענען נאָר אַהיים געקומען, אויפגעבונדן די פערד און אייזלען, און אונדזערע באַליבטע ביקסן ווידער נישט אַרויסגעלאָזן פון האַנט, ביז צום אַנטשלאָפן ווערן. מיט דער ביקס אין האַנט, אָדער אויפן אַקסל, פלעגן מיר עסן, זיך וואַשן, טוען, לייענען און שמועסן".

אַזוי האָבן זיי געאַרבעט בייטאָג און געהיטן ביינאַכט. מיט איין האַנט געהאַלטן דעם אַקעראייזן, מיט דער צווייטער די ביקס. איינמאָל, אין שביעי של פסח, האָט אַ שומר מודיע געווען, וועגן צוויי פאַרדעכטיקע אַראַבער וואָס זיצן אויפן שפּיץ בערגל, קעגנאיבער דעם בית־עלמין אין דער מושבה. איינער פון די קאָלאָניסטן איז אַרויס אויספאָרשן דעם עניין, און נאָך אַ האַלבער שעה האָט זיך אויף אים אַ שאָט געגעבן אַ האָגל קוילן. דער קערפּער פון ישראל קראַנגאָלד איז שפּעטער געפונען געוואָרן אין צווייטן עק פון דער מושבה. אַ קויל האָט אַדורכגעלעכערט זיין ברוסט. דוד האָט געהאָלפן אים ברענגען אין שטוב אַריין. אויפן וועג איז דער פאַר־ווונדעטער געשטאָרבן. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען ער, דוד דער צוויי־און־צוואַנציק־יאָריקער בחור פון פלאָנסק האָט „געהאַלטן דעם טויט אין זיינע הענט". אָבער נישט דאָס לעצטע מאָל איז דאָס געווען. יענעם אָוונט איז דוד מיט איניקע קאָלאָניסטן געשטאַנען אויפן קרייץ־וועג וואָס פירט קיין נצרת, און האָבן אויסגעקוקט דאָס געביט ווו זייער חבר איז דערמאָרדעט געוואָרן. מיט אים איז געווען שמעון מלמד, אַ קוואַליפיצירטער סטאָלער, וואָס איז געקומען קיין סעדזשערא באַאַרבעטן די ערד. ער האָט פון זיין ערד־אַרבעט אין סעדזשערא פאַרדינט קוים אַ טייל פון דעם, וואָס ער האָט געקאָנט פאַרדינען ביי זיין פאַך, אָבער דוד האָט אין אים געזען דעם גליקלעכסטן מענטש אין גאַנצן דאָרף. ער האָט דערלעבט, זיין חלום זאָל ווערן אַווירקלעכקייט.

שטייענדיק און באַטראַכטנדיק דעם שטח, האָבן זיי געווען ווי צוויי

קאַלאַניסטן יאָגן נאָך דריי אַראַבער. צו די צוויי זענען שפּעטער צוגעקומען נאָך דריי קאָלאָניסטן — דוד, שמעון מלמד און נאָך איינער — וואָס האָבן געפּרוּווט פאַרהאַלטן די אַראַבער. דערווייל האָט זיך דאָס נאָכיאָגן פאַר־וואַנדלט אין אַ קאַמף צווישן די אַראַבער פון דאָרף און צווישן די יידן. דער קאַמף האָט זיך פאַרענדיקט מיט נאָך איין יידישן קרבן, וועלכן דוד האָט אויך אַהיים געטראָגן. דאָס מאָל איז דער קרבן געווען זיין טרייער פריינט שמעון מלמד.

איצט האָבן זיי אָנגעהויבן וואַנדערן אויף דעם שווערן שליאַך פון ציוניזם, פון וועלכן עס איז נישטאָ קיין צוריק. זיי האָבן דאָס געוווּסט. נאָך יידיש בלוט וועט מוזן פאַרגאָסן ווערן אויף צו פאַרטיידיקן די דאָזיקע בערגלעך, איידער זיי וועלן דערלעבן דעם נצחון אין קאַמף פאַר אויפ־לעבונג פון דער יידישער מדינה.

ווען דוד איז אָנגעקומען קיין סעדזשעראַ איז ער געווען באַגייסטערט פון דער לאַנדשאַפט. אין זיינע בריוו פון יענער צייט האָט ער געשריבן וועגן די „פאַסמעס בערג, וואָס ציען זיך דאָ פון אַלע זייטן אַרום, און יעדער באַרג האָט זיך זיין אייגענעם אויסזען, זיין ספּעציעלע פאַרב, זיין ספּעציפישע צורה, די שפע פון די בילדער און דער פאַרבן־קאָלאָריט האַלטן זיך זיך אין איין ענדערן, אין איין באַנייען". אין דער צוקונפט וועלן זיינע בריוו מער נישט זיין איבערפילט מיט אַזוי פיל מליצות און פּאָעזיע. פון דאַנען איז ער אוועק אַדורכגעדרונגען מיטן באַוווּסטזיין פון האַרטערווירקלעכקייט, און דאָס דאָזיקע באַוווּסטזיין וועט אים שוין באַגלייטן זיין גאַנץ לעבן.

שלמה צמח, וועלכער איז אָנגעקומען קיין סעדזשעראַ נאָך פאַר דודן, איז געווען קעגן דער אידעע פון אַ יידישער זעלבסטשוץ. ער און דוד האָבן געוווינט אין איין צימער, און האָבן גאַנצע נעכט דיסקוטירט. שלמה האָט געטענהט, אַז זיי זענען אַלע געקומען אין הייליקן לאַנד אַריין, „אין לאַנד פון תנ"ך" כדי צו לעבן אַ רויק לעבן, אַ לעבן פון שלום, און אויב זיי וועלן דערצערנען די אַראַבער — וועט קיינמאָל דאָ קיין פרידן נישט זיין.

דערויף האָט דוד געענטפערט, אַז זיי מוזן זען די ווירקלעכקייט אַזוי ווי זי איז. איצט לעבן זיי אויפן מיטלען מזרח, נישט אין אייראָפּע, דאָס געזעץ פון מדבר, איז דאָס איינציקע געזעץ וואָס די אַראַבער פאַרשטייען. דאָס הייסט, זיך פאַרטיידיקן. אין די אויגן פון רויבער איז פאַראַן איין פּרינציפּ — דאָס רעכט געהער דעם שטאַרקן. עס איז נישטאָ אין ארץ־ישראל קיין אַלגעמיין־גילטיקע נאַציאָנאַלע מאָראַל, וואָס זאָל פאַראורטיילן דאָס מאָרדן

אַ פּרעמדן, אָדער דאָס צורויבן זיין פּאַרמעגן. דער אויטאָריטעט פון דער טערקישער רעגירונג איז געווען געזונקען ביז נול. נאָר זעלטן־ווען איז אַ פאַרברעכער באַשטראָפט געוואָרן. גנבים האָבן געגנבעט ממש פאַר די אויגן פון אַלעמען, פונקט ווי די איילבירטן־סוחרים האָבן געפירט זייערע געשעפטן.

שוין דעמאָלט האָט דוד, טראָצדעם וואָס ער איז נישט געווען מער ווי אַ יינגל, אָנגעהויבן דענקען מיט היסטאָרישע קאַטעגאָריעס. צום לעצטן מאָל האָבן יידן געקעמפט פאַר זייער כבוד, פאַר רעכט אויף זייער ערד — אין עלפטן יאָרהונדערט, ווען די חיילות פון טאַנקרעד און דער ווענעציאַנישער פלאָט האָט איינגענומען חיפה. אין די אַכט הונדערט יאָר וואָס זענען פאַרלאָפן פון דעמאָלט, האָט קיין יידיש מיליטער נישט עקזיסטירט. און דאָס האָט געבראַכט די אויסערלעכע, נישט־יידישע וועלט צו טראַכטן, אַז יידן זענען פּחדנים וואָס ווילן בכלל נישט קעמפן פאַר זייערע רעכט. זיי האָבן זיך אין די גלות־לענדער געשטיצט אויף דער פאַרטיידיקונג פון מיליטער און דער פּאָליציי. נישט איינמאָל אָבער האָבן פּאָליציי־לייט געמאַכט יד־אחת מיט דעם אַנטיסעמיטישן פעבל, און געגאָסן צוזאַמען זייער סאַדיסטישע הנאה, אין פאַרגאָסענעם יידישן בלוט און אין רויב פון יידישן האָב און גוטס. אויב יידן ווילן אויפשטעלן זייער מדינה און צוריקבאַקומען די פאַרלוירענע קרוין, מוז דאָס אַלץ געענדערט ווערן. זיי לעבן דאָ אין אַ וועלט, וווּ נאָר דער שטאַרקער ווערט געאַכטעט, ביז די מענטשהייט וועט נישט דערגיין דערצו, אַז די גערעכטיקייט, און נישט דער כוח, וועט דעצידירן, מוזן די יידן ווערן שטאַרק אין זייער אייגן לאַנד.

דוד האָט איבערצייגט אַנדערע, אָבער נישט שלמה צמחן, וועלכער איז אַוועק קיין פּאַריז פאַרזעצן זיין בילדונג. ער איז צוריק געקומען ערשט נאָך אייניקע יאָר. אין קאַמף פאַר יידישער זעלבסטשוץ האָט דוד באַקומען די שטיצע פון פועלי־ציון. זיי האָבן אונטער דער אָנפירונג פון בן־צבי, געגרינדעט, אַ געהיימע אגודה מיטן נאָמען „השומר", וועלכע האָט געהאַט די אויפגאַבע אויסצובילדן אַ קערפערשאַפט פון יידישע פּראָפעסיאָנעלע שומרים.

אין מיטן יענע טעג, האָט בן־צבי צוגעשיקט דודן אַ דרינגענדע איינלאַדונג צו קומען קיין ירושלים. דוד האָט נישט שטאַרק ליב געהאַט קיין שטעט. ער האָט שוין געהאַט געזען אייניקע פון זיי — וואַרשע, אָדעס, סטאַמבול.

אָבער ירושלים איז דאָך עפּעס אנדערש. איז זי דאָך געווען די „עיר דוד", דוד המלך' האָט זי דאָך פאַרוואַנדלט אין איינע פון די פּרעכטיקסטע הויפּט־שטעט אין דער וועלט. נאָך אים האָט שלמה המלך אויפגעשטעלט דאָס בית־המקדש פון לבנון־צעדערן און באַדעקט זיינע ווענט מיט גאָלד. אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן יידן אין ירושלים זוכה געווען צו אַ פריד־לעך און בהרחבהדיק לעבן, דער שלום האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. עס זענען געקומען די מצרים, נאָך זיי די אשורים, גריכן, רוימער, אַראַבער, טערקן. היינט געהער ירושלים צו דער טערקישער אימפּעריע, אָבער עס זענען דאָרט פאַראַן יידן, און צווישן זיי בן־צבי, וועלכער האָט געשיקט די דרינגנדיקע איינלאַדונג:

„קום גלייך!"

די פּועלי־ציון האָבן ווידעראַמאָל איינגעאָרדנט אַ קאָנפערענץ. זיי האָבן באַפּולמעכטיקט בן־צבי ער זאָל גרינדן אַ העברעישע וואָכן־צייטונג „האחדות". אַ יונגע פרוי, רחל ינאית, וואָס איז געקומען נישט לאַנג פון איראָפּע (און זי וועט זיין די צוקונפטיקע מאַדאַם בן־צבי) וועט אים העלפן אין דער ארבעט. אָבער זי האָט נישט געקענט קיין העברעיש, האָבן זיי זיך דעריבער געוואַנדן צו דודן, אַז זיי נויטיקן זיך אין זיין הילף. דער יונגער ערד־ארבעטער פון גליל האָט געטענהט, אז ער האָט זיך שוין פאַרוואַרצלט אין באָדן, בן־צבי אָבער האָט גערעדט וועגן פליכט.

סוף־סוף זענען זיי געקומען צו אַ פּשרה. נאָך אַ קורצן באַזוך אין רוסלאַנד, ווו דוד וועט מאַכן אַן אָנשטעל, אז ער איז געקומען אויספילן זיין מיליטער־פליכט, (כדי די רוסן זאָלן נישט באַשטראָפן זיין פאָטער), וועט ער מאַכן אַ טור איבער אַלע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל. שפּעטער וועט ער אָנהויבן ארבעטן אלס זשורנאַליסט. און דאָס האָט ער טאַקע געטוען. אין יאָר 1910 האָט ער זיך באַזעצט אין ירושלים אלס א באַאמטער פון פּועלי־ציון און מיט־רעדאַקטאָר פון „האחדות". זיין ערשטער אַרטיקל וועגן די צילן פון וואָכנבלאַט איז געווען אונטערגעשריבן מיטן נאָמען „בן־גוריון".

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען ער האָט זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן פּסעוודאָנים; עס וועט אָבער קומען אַ טאָג ווען די גאַנצע וועלט וועט אים קענען אונטער דעם דאָזיקן נאָמען. ער האָט אויס־געוויילט דעם נאָמען צוליב זיין תנ"כישן קלאַנג (בן־גוריון). דאָס איז געווען דער אויסערלעכער און בולטער סימן דערפון, אז ער האָט אַנטגילטיק

איבערגעריסן מיטן גלות. פון דעמאָלט אָן איז דוד בן־גוריון געוואָרן אַ בירגער פון ישראל, פון א מדינה וואָס האָט עקזיסטירט בלויז, אין דער פאַנטאַזיע פון אַ הייפעלע יידישע אידעאַליסטן.

ער איז איצט אלט געוואָרן כמעט פיר־און־צוואנציק יאָר, א שיינער בחור מיט וווּנדערבאַר געקרייזלטע האָר, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ספּעציעל פריזירט. זיינע שוואַרצע וואָנצעס זענען געווען געשניטן לויט דער לעצטער טערקישער מאָדע, מיט די שפּיצן ארויף. ער האָט געטראָגן אַ בלוזע וואָס האָט זיך פאַרקנעפּלט ביז צום האַלדז, אַ ווייס העמד, און אַ געשטרייפטן קראַוואַט, וועלכן ער האָט פאַרבונדן אין א גרויסן קנופּ. „פליט־סטריט״ אין לאָנדאָן און „פּאַרק־ראָו״ אין ניו־יאָרק וואָלטן אים אָנגענומען פאר איינעם פון זייערע מענטשן.

די אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריבן זענען געווען שאַרפע. ער האָט אין זיי פאַרלאַנגט מער יידישע איניקייט, מען זאָל זיך באַנוצן מיט דער העברעישער שפּראַך, אַ ברייטערע שטיצע פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק פון פועלי־ציון און פאר דעם „האחדות״.

אין ארץ־ישראל זענען צו יענער צייט געווען הונדערט טויזנט יידן. דער טיראַזש פון „האחדות״ איז געווען: צוויי הונדערט און פופציק עקזעמפּלאַרן אין לאַנד און הונדערט עקז. אין אויסלאַנד. דער איבערוויגנדיקער רוב פון יידישן ישוב האָט זיך אקעגנגעשטעלט דעם געדאַנק, פון לשון־קודש אַלס א טאָג־טעגלעכע שפּראַך. פאַר זיין ארבעט אין רעדאַקציע פון „האחדות״ און פאר זיין אָרגאַניזיר טעטיקייט אין פועלי־ציון, האָט דוד בן־גוריון באַקומען א געהאַלט פון צוויי און א פערטל דאָלאר א וואָך.

אין דער ערד אַרבעט האָט זיך דוד לייכט פאַראַנקערט. איצט האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די ארבעט מיט דער פעדער איז נאָך לייכטער ווי לאַנדווירטשאַפט. פון דעמאָלט אָן גיט ער זיך תמיד אָן אַלס „זשורנאַליסט״, נישט געקוקט אויף דער פּאָפּולערקייט צו וועלכער ער האָט זוכה געווען אלס פּאָליטיקער, מלוכה־מאַן, מיליטערישער פירער, פּרעמיער־מיניסטער.

איינמאָל זייענדיק שוין פּרעמיער־מיניסטער, האָט אַן אויסלענדישער זשורנאַליסט געבעטן ביי אים מאַטעריאַל פאַר אַן אַרטיקל. בן־גוריון האָט געענטפערט מיט אַ בייזלעכן טאָן:

„איך דאַרף אַליין דאָס מאַטעריאַל. פאַרגעס נישט, אז איך בין אויך אַ זשורנאַליסט״.

קאפיטל דריי

אין אַ געוויסן טאָג אין יאָר 1913, איז אַ יונגערמאַן אויסגעשטיגן פון אַ שיף וואָס האָט אים געבראַכט קיין סאַלאָניקי — ווען אָט דער יונגער מענטש וואָלט געקענט פאָרויסזען וואָס עס וועט געשען אין אַ יאָר־צוויי אַרום, וואָלט ער זיכער מודה געווען, אַז ער האָט געמאַכט דעם גרעסטן פעלער אין זיין לעבן, און אַז די בעסטע זאַך וואָס ער קען טון, איז גלייך צו פאָרן צוריק.

אָבער דוד בן־גוריון האָט נישט געקאָנט פאָרויסזען, אַז אין גיכן וועט אויסברעכן אַ וועלט־קריג, וועלכע וועט מאַכן אַ סוף צו דער טערקישער אימפעריע און וועט באַפרייען דעם מזרח־דרומדיקן טייל פון אייראָפּע, און אַ גרויסן טייל פון טערקיי, מיט ארץ־ישראל איינגעשלאָסן, פון טערקישן יאָך.

דער דאָזיקער נייער שריט פון יענעם יונגן ערד־אַרבעטער, רעדאַקטאָר און פּאָליטיקער, איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ געפיל, אַז אויף אים ליגט אַ לעבנס אויפגאַבע, אַז ער דאַרף אויספילן אַ שליחות. ער איז נאָך דעמאָלט נישט אַלט געווען קיין זיבן־און־צוואַנציק יאָר, אָבער טיף אין האַרצן איז ער געווען איבערצייגט, אַז ער דאַרף זיך פאַרברייטן צו זיין אַ מנהיג. די יאָרן וואָס ער איז געזעסן אין ירושלים האָבן אים געגעבן די מעג־לעכקייט צו שטודירן דעם פּאָליטישן מצב. די יידן אין ארץ־ישראל זענען געווען אַ מינדערהייט צווישן אַ פרעמדער מערהייט.

יענע טעג האָט ער געשריבן מיט אַ טאָן פון אָנקלאַגע אויז צער וועגן פאַקט, אַז דער ישוב האָט אין בירגערלעכן, פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן זין, „נישט געשלאָגן קיין וואָרצלען" אינעם לאַנד וואָס איז באַשטימט צו ווערן דאָס פאָטערלאַנד פון יידישן פאָלק. ער האָט צוגעגעבן, אַז צוליב דעם האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, כדי דאָרט צו לערנען די טערקישע שפּראַך, דאָס טערקישע געזעץ, ווערן אַן אַדוואָקאַט און זיך ווידמען דער אויפגאַבע צו פאַרפעסטיקן פּאָליטיש און בירגערלעך דעם ישוב אין לאַנד. ער און בן־צבי האָבן די זאַך אַדורכגעטראַכט, און

אויך בן־צבי האָט געהאַט בדעה צו שטודירן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל דאָס זעלבע געביט. ווער וויס? אפשר וועט קומען אַ טאָג און זיי וועלן זיצן אין טערקישן פּאַרלאַמענט אלס פאָרשטייער פון יידישן ישוב אין לאַנד.

זיי האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז בן־גוריון וועט אַוועק דער ערשטער, און שפּעטער וועט נאָכקומען בן־צבי. דער „האחדות" איז איצט שוין געווען אַ גרויסע רעדאַקציע און אַנדערע וועלן אויך קענען ממשיך זיין די ארבעט אין זייער אָפּוועזנהייט.

בן־גוריון איז צום ערשטן אַוועק אין דער קרייז־שטאָט, עיר ואם בישראל — סאַלאָניקי, זי האָט געהאַט אַ גענוג שוואכע ארבעטער־באַוועגונג. פון דאָרט איז ער אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און האָט זיך פאַרשריבן אויף דעם יורידישן פאַקולטעט פון אָרטיקן אוניווערזיטעט. דער צופאל האָט געוואָלט, אַז זיין חבר אויף דעם זעלבן סעמעסטער זאָל זיין עבדאַללה אבן חוסיין, דער זון פון חוסיין אבן עלי, דער צוקינפטיקער מלך פון ירדן, וועלכער איז אין יאָרן שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן.

נאָך אַ קורצע צייט איז בן־צבי נאָכגעקומען צו בן־גוריונען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אַמעריקאַנער טוריסטן וואָלטן די צוויי מענטשן באַטראַכט ווי צוויי „יונג־טערקן" מיט אלע פּיטשעווקעס. זיי האָבן געטראָגן רויטע פעסקעס אויף די קעפּ, שוואַרצע פראַקן און טונקעלע קראַוואַטן. זיי האָבן געהאַט ענלעכע וואָנצעס, אָריגינעל טערקישע. פרייַנט פלעגן זיי רופן דער צווילינג. נאָך זיי זענען אָנגעקומען נאָך אייניקע ארץ־ישראלדיקע, און צווישן זיי דער ביינצניאַריקער בחור, משה שערטאָק, (שפּעטער משה שרת), וואָס האָט ערשט איצט געענדיקט דאָס גימנאַזיום אין תל־אביב, די דורך־און־דורך יידישע שטאָט, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן שפּראָצן אויף די ברעגן פון יפוער ים. זייערע ביידנס לעבנס־וועגן, זיינער און בן־גוריונס, וועלן זיין פאַרבונדן נאָך אַ פערציק יאָר.

עס איז אויך געקומען יוסף טרומפּעלדאָר, אַ שטאַרקער מאַן, אַ ריז, וואָס אין פאַרגלייך מיט אים האָט בן־גוריון אויסגעזען ווי אַ קאַרליק. די דאָזיקע צוויי, האָבן גלייך דערפילט אַ ליבע איינער צום אנדערן. טרומפּעלדאָר איז שוין געווען באַרימט פון סיביר ביז צום שוואַרצן ים, מיט זיין גרויסער מיליטערישער גבורה. אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה איז ער געווען דער איינציקער יידישער אָפיציר אין דער צאַרישער אַרמיי. אין דער באַלאַגערונג פון פּאָרט־אַרטור, וועלכע האָט געדויערט זיבן חדשים, איז זיין האַנט אָפּגעשניטן געוואָרן כמעט ביז צום אַקסל. איצט

איז ער געווען אַ לאַנדווירטשאַפטלער אין דגניה. אפילו מיט איין אָרעם האָט ער געקענט ארבעטן אַ סך מער ווי יעדער אַנדערער לאַנדווירט. ער האָט זיך אויסגעלערנט אָנטוען, ראַזירן, עסן, שיסן פון אַ ביקס און רייטן אויף אַ פערד — אַלץ מיט איין האַנט. איצט איז ער געווען אויפן וועג פון עלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אַהיים, קיין דגניה.

ווען זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן, האָט בן־גוריון געקוקט מיט קנאה אויף זיין פוסטן אַרבל, אַזוי לכל הפחות האָט טרומפּעלדאָר פאַרשטאַנען זיינע בליקן. פאַר אים איז געשטאַנען אַ ייד וואָס האָט געהאַט אַזויפיל מוט, אַז ער האָט פאַרלוירן אַ האַנט — אַ יידישער קריגס־העלד. טרומפּעלדאָר האָט געהאַט אַ באַליבטן העברעישן זאָג: „אין דבר". דעם אופן ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט פון מויל די דאָזיקע ווערטער, האָט באַווויגען זשאַבאָטינסקין צו טראַכטן, אַז „אין דבר" אַנטהאַלט אַ גאַנצע וועלט־אַנשויאונג. וואָס איר גרונטזעצלעכער באַדייט איז — טרייבט נישט איבער! באַטראַכט נישט פאַר קיין העלד יעדן איינעם וואָס פירט אויס זיין פליכט! ווייל די היסטאָריע איז אומענדלעך, דער אמת איז הייליק און דאָס יידישע פאָלק איז אייביק.

טרומפּעלדאָר און בן־גוריון האָבן שפּאַצירט איבער די קאָנסטאַנטי־נאָפּאָלער גאַסן. זיי האָבן גערעדט בעיקר וועגן מלחמה. איז דאָ אַ האָפענונג פאַר דעם „קראַנקן מאַן" פון איראָפּע? און וואָס וועט זיין, אַז עס וועט אויסברעכן אַ קריג, וואָס וועט דאַן געשען מיט די יידן פון ארץ־ישראל? די טערקישע שפּראַך איז געוואָרן די זעקסטע וואָס בן־גוריון האָט באַהערשט, אויב מען וועט נעמען אין חשבון דאָס כמעט פאַרגעסענע ביסל פּויליש. אַלע יונגע ארץ־ישראלדיקע סטודענטן האָבן געלערנט בהתמדה די רעכטס־וויסנשאַפט, טראַצדעם וואָס אין דער לופט האָט זיך שוין געטראָגן דער ריח פון פּולווער. ווען די גרויסמאַכטן זענען נאָך געווען פאַר־נומען מיטן אויסטויש פון אויפגערעגטע נאָטעס, האָבן דערווייל בן־צבי מיט בן־גוריונען באַוויזן אָנצושרייבן אַ קורץ העברעיש בוך וועגן די שיטות פון דער טערקישער הערשאַפט אין די פּראָווינצן געביטן פון דער טערקישער אימפּעריע, אַ בוך וואָס אין איינציקע יאָר אַרום האָט עס געהאַט בלויז אַ היסטאָרישן ווערט. נישט בן־גוריון, נישט בן־צבי און נישט קיין שום אַנדערער מענטש, האָט געהאַט די מינדעסטע אַנונג, ווען און ווי אַזוי די אָטאָמאַנישע אימפּעריע וועט זיך צעפאַלן. דער פאַקט, אַז ווען זיי זענען אויף אַ קורצער צייט אַוועק קיין ארץ־ישראל, כדי צו זען וואָס

דאָרט הערט זיך, האָבן זיי אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געלאָזן זייערע אַלע זאַכן, זאָגט עדות וועגן דעם.

אין דער היילִיקער שטאָט האָבן זיי געפונען דעם היפך פון אַן עליה — א ירידה פון לאַנד. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דעם שטראָם פון געלט וואָס איז געפלאָסן אין לאַנד אַריין, עס האָבן אויפגעהערט אָנקומען שפּייז־פּעקלעך. אַלע זענען געווען דורכגענומען פון א בהלה־שטימונג. טערקיי האָט געהאַלטן ביים אריינטרעטן אין קריג אַלס אַ פאַרבינדעטע פון דייטשלאַנד, קעגן רוסלאַנד. די טערקישע רעגירונג האָט פאַראָרדנט אַ מיליטערישע מאָביליזאַציע פון יעדן וואָס קען נאָר האַלטן אַ ביקס אין האַנט, אָדער ארעס־טירן אים און פאַרטרייבן פון לאַנד. שערטאָק איז אוועק דינען אין דער טערקישער אַרמיי אַלס אָפיציר, טרומפּעלדאָר איז נעלם געוואָרן. אין דגניה האָט מען זיך געשושקעט, אַז ער איז אַוועק העלפן דעם צווייטן צד, ווידער אַמאָל פאַרגיסן זיין בלוט פאַר רוסלאַנד, אויב עס וועט נויטיק זיין.

אין ענגלאַנד האָט חיים ווייצמאַן דערקלערט, אַז דער ציוניזם דאַרף שטעלן אַלץ וואָס ער האָט, צו דער דיספּאָזיציע פון ענגלאַנד. די דאָזיקע דערקלערונג האָט ארויסגערופן די ערשטע היסטאָרישע מיינונגס־פאַרשידנ־הייטן — די ערשטע פון אַ גאַנצע ריי חלוקי־דעות, צווישן בן־גוריונען און דעם אומאבשריטענעם יורש פון הערצלען. ענגלאַנד און רוסלאַנד זענען געווען פאַרבינדעטע. אויב ענגלאַנד וועט זיגן אין קריג, וועט אויך רוסלאַנד זיגן, אָבער בן־גוריון און זיינע חברים וואָס האָבן געפילט די צאַרישע הערשאַפט אויף אייגענער הויט און נישט געקענט פאַרגעסן די פּאָגראָמען, האָבן אין זייער טיפן האַרצן געהאָפט, אַז די מלחמה וועט מאַכן א סוף צו דעם אַלעם. ווייצמאַנס אידעע, צו פאַרוואַנדלען דעם ציוניזם אין אַ פאַר־בינדעטן פון ענגלאַנד, האָט באַדייט — אים אויך צו פאַרוואַנדלען אין א פאַרבינדעטן פון רוסלאַנד. עס איז געווען א סיטואַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען אַלע עלעמענטן וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גרי־כישער טראַגעדיע.

אין זיינע אַרטיקלען אין „האחדות" האָט בן־גוריון געשריבן, אַז יידן וואָס וועלן זיך נישט מאָבילִיזירן אין דער טערקישער ארמיי, דאַרפן מאָבי־ליזירט ווערן אין א ספּעציעלער יידישער מיליטערישער איינהייט, וועלכע וועט דאַרפן פאַרטיידיקן דאָס לאַנד פאַר אַן אָנפאַל. טרומפּעלדאָר האָט זיך פּלוצים באַוויזן אין אַלעקסאַנדריע, דעסגלייכן איז דאָרט דערשינען זשאַבאָטינסקי, אַ רוסישער זשורנאַליסט, וואָס איז געווען עלטער פון בן־גוריונען מיט זעקס יאָר. זשאַבאָטינסקי איז נישט געווען אין קיין פאַר־

לעגנהייט. זיין שנאה צו רוסלאַנד איז נישט געווען שוואַכער פון בן־גוריונס שנאה, אָבער זיין פײנטשאַפט צו דער אָטאָמאַנישער אימפעריע האָט איבער־געשטיגן זיין פארביסענע קעגנערשאַפט צום צאריזם. „אומעטום ווו נאָר עס הערשט דער טערק, דאָרט שיינט נישט די זון און עס וואַקסט נישט קיין גראָז". ער האָט געטענהט, אז דאָס צעפאַלן זיך פון דער טערקישער אימפעריע איז א פאָרבאַדינג פאַר דער אויפלעבונג פון יידישן פאָטער־לאַנד. ער און טרומפעלדאָר האָבן ארומגערעדט דעם געדאַנק פון דעם יידישן גדוד. זיי זענען ביידע געווען איינשטימיק אין דעם, אַז איינע פון די הויפט־עלעמענטן וואָס וועלן באַשטימען דעם גורל פון ארץ־ישראל נאָך דער מלחמה וועט זיין: דער אָנטייל פון יידן, אַלס יידן, אין דעראָבערן דאָס הייליקע לאַנד. אָבער דער מאַקסימום וואָס זיי האָבן געקענט דער־גרייכן ביי דער ענגלישער מיליטערישער לייטונג אין קאַהיר איז געווען א הסכמה און א דערלויבעניש צו אָרגאַניזירן א „באַטאַליאָן פון אייזלען־טרייבער". אַן ארבעטס־באַטאַליאָן אין מיליטער.

טרומפעלדאָר איז דורך אַן ענגלישן גענעראַל, אריבערגעצויגן געוואָרן אויף דער זייט פון דער ענטענטע, וועלכער האָט געגעבן אַ דערקלערונג וועגן „א יידיש ארץ־ישראל נאָך דער מלחמה", אויב ער און זיינע חברים וועלן נעמען אויף זיך, די נישט־בכבודיקע און געפערלעכע אויפגאַבע, צו פירן אייזלען באַלאָדענע מיט געווער צו די פראָנט־ליניעס.

„קיינמאָל נישט!" האָט אויסגעשריגן זשאַבאָטינסקי. דער בלויזער נאָמען „אַ קאָרפוס פון אייזל־טרייבער" איז פאַר אים געווען אַ באַליידיקונג.

און אזוי איז דער יידישער איינהאַנטיקער העלד אוועק קיין גאַליפאָלי, אין דער שפיץ פון זעקס־הונדערט יידישע אייזל־רייטערס, וועלכע האָבן אים מיטגעהאָלפן אָנשרייבן א הערלעך בלאַט אין דער מיליטערישער געשיכטע.

דערווייל האָט אין לאַנד געהערשט אַ תוהו־ובוהו. טויזנט־אַכט־הונדערט יידן זענען שוין געהאַט אַנטלאָפן קיין מצרים, און יעדן טאָג האָט זיך די צאָל פון די אַנטלאָפענע פאַרגרעסערט. די טערקן האָבן ארעסטירט הונדערטער יידן און האָבן זיי פארשיקט אין אלע ווינקלען, אין טורמעס און אין לאַגערן.

אין א געוויסן טאָג איז אדורכגעפירט געוואָרן א רעוויזיע אין ביוראָ פון דער רעדאַקציע „האחדות". עס זענען צוגענומען געוואָרן אַקטן, און בן־גוריון מיט בן־צבי זענען אריינגעוואָרפן געוואָרן אין א ירושלימער תפיסה. נאָך א פּאָר טעג איז ארויס א גזירה זיי צו פארטרייבן פון לאַנד, מחמת זיי האָבן געמאַכט אַ בונט מיט נאָך אנדערע מענטשן צו גרינדן

אַ יידישע מדינה. פון טורמע האָבן זיי צוגעשיקט אַן אַפּעלאַציע צום טערקישן הערשער דזשעמאַל פּאַשאַ.

זייער אַרעסט איז געווען באַגלייט מיט קאָמישע מאָמענטן; די טורמע אין וועלכער מען האָט זיי איינגעזעצט איז גיכער ענלעך געווען צו אַ דריט־ראַנגיקן האָטעל, און די אַרעסטאַנטן האָבן געהאַט נישט ווייניקער פרייהייט ווי עס האָבן תלמידים אין אַן אינטערנאַט. בן־גוריון האָט זיך באַטייליקט אין פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען און האָט אויפגענומען באַזוכער, וואָס זענען געקומען מיט אים זיך אַדורכרעדן איבער אַקטועלע ענינים.

אויף איינער פון די ירושלימער גאַסן האָט ער זיך אָנגעטראָפן, פּנים אל פּנים מיטן הערשער, דזשעמאַל פּאַשאַ. „איך האָב אָפּגעוואָרפן דיין אַפּעלאַציע", האָט דער מושל געשריגן מיט צאָרן, „דו וועסט אַרויסגעטריבן ווערן פון לאַנד"! אַז בן־צבי און בן־גוריון זענען אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריע אין מצרים, זענען זיי ווידער אַמאָל פאַרהאַלטן געוואָרן, דאָס מאָל דורך די ענגלענדער. דער באַשולדיקונגס־אַקט האָט זיי פאַרגעוואָרפן, אַז זיי זענען אַגענטן פון שונא, זענען געטריי דעם טערק, וועלכער... האָט זיי נאָרוואָס פאַרטריבן. נאָך פיל באַמיונגען מצד מענטשן אין פאַרשידענע אַמבאַסאַדעס און קאָנסולאַטן, האָבן זיי סוף־כל־סוף באַקומען פּאַספּאָרטן מיט אַמעריקאַנישע וויזעס.

„דאָס צווילינג" איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק אין זומער 1915. זיי האָבן באַקומען צימערן אין דער זיבעציקסטער גאַס, ווייט־מזרחדיק פון בראָדוויי. איינע פון די ערשטע זאַכן וואָס בן־גוריון האָט געקויפט איז געווען א דיק בוך, אַ קאָמפּלעטן ענגלישן ווערטער־בוך. אין זיינע ערשטע חדשים אין אַמעריקע האָט דער בחור פון פּלאָנסק געפּלעגט אַ ליבשאַפט צו די פאַראייניקטע שטאַטן. אין קיין שום אָרט אויף דער וועלט האָט ער נישט געזען אַז יידן זאָלן לעבן אין אַזאַ פרייהייט: פריי פון רדיפות, פון דיסקרימינאַציעס, פון יעדן סאָרט „ספּעציעלער באַציונג". אָבער דער געדאַנקען־גאַנג פון פיל אַמעריקאַנער יידן איז אים אַבסאָלוט נישט געפעלן געוואָרן. פון זיין סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט האָבן זיך פיל פון זיי אים אויסגעוויזן ווי פעטע בורזשויען, האַרט־הויטיקע „אָל־רייטניקעס". ער האָט ריזיקירט צו ווערן אומפּאָפּולער ביי זיינע אַמעריקאַנער פריינט און זיי געזאָגט אָפן אין פּנים אריין, אַז זיי האָבן געבראַכט אין דער נייער וועלט אריין נישט דאָס בעסטע, נאָר דאָס ערגסטע פון זייער קולטור און דערציונג.

ער האָט אויסגעפונען, אַז העברעיש איז אין אַמעריקע אַ פרעמדע זאַך אויסער אין די שולן. די יידן אין דער נייער וועלט האָבן בשום אופן

נישט געוואָלט אויפגעבן זייער יידיש, זיי האָבן זיך מיט עקשנות געהאַלטן ביי דער שפּראַך, אַז זיי זענען צווישן זיך געשפּאָלטן אויף טויזנטער גרופּ־קעלעך, און יעדעס האָט זיך זיין נאָמען, זיין קאָמיטעט, זיינע טענות און מענות און אויך זיין אייגענעם אַפּאַראַט אויף אַדורכצופירן „דרייוווס".
נאָכדעם ווי בן־צבי או בן־גוריון, האָבן שוין גוט געקענט אַמעריקע, זענען זיי ארומגעפאָרן איבערן לאַנד, כדי צו פירן א פּראָפּאַגאַנדע צו ווערבירן יידן פאר באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. זיי האָבן זיך געשטעלט פאר אן אויפגאַבע צו געווינען יונגע, שטאַרקע, געזונטע און אידעאַליסטישע יידן, וואָס זאָלן מסכים זיין אַדורכצומאַכן אין אַמעריקע אייניקע חדשים הכשרה אויף לאַנדווירטשאַפּט. די דאָזיקע הכשרה האָט זיי געדאַרפט פאַר־באַרייטן צו דער לאַנדווירטשאַפט אין לאנד, און אין דער זעלבער צייט לערנען העברעיש.

זיי זענען געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, און אומעטום האָבן זיי גע־פאָדערט, דערקלערט, דיסקוטירט, אָרגאַניזירט קאָנפערענצן, געהאַלטן רע־דעס, געשריבן אַרטיקלען אין די צייטונגען. עס האָט נישט געדויערט לאַנג, און זיי זענען געוואָרן מער היימישער אויף די אמעריקאַנישע וועגן, ווי עס זענען געווען פיל אמריקאַנער.

רעדנער, וואָס זענען פּערזענלעך געווען אין הייליקן לאַנד, זענען צו יענער צייט געווען א זעלטנהייט אין דער נייער וועלט, בייגעריקע האָבן אַלזאָ גענומען שטראָמען מאַסנווייז צו די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען. טויזנטער חברים זענען דערוואָרבן געוואָרן פאַר דעם „החלוץ", אן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט געהאָלפן צו ישוב ארץ־ישראל נאָך דער מלחמה. בן־גוריון און בן־צבי האָט אָנגעשריבן צוויי ביכער: וועגן דעם „החלוץ" און דער „הגנה" און וועגן געשיכטע און געאָגראַפיע פון לאַנד „ארץ־ישראל".

סוף 1915, האָט בן־גוריון דערקענט פּאָלען. ברוך צוקערמאַן, אַ פּועלי־ציוניסט פון ניו־יאָרק, האָט זיי באַקאַנט געמאַכט אויף א פּריוואַטער אויפ־נאַמע אין מאַנהאַטן. פּאָלאַ מונווייס איז אלט געווען דריי־און־צוואַנציק יאָר, מיט זעקס יאָר ייִנגער פון בן־גוריונען. זי איז געבוירן אין מינסק, די פירטע טאָכטער אין אַ משפּחה פון ניין קינדער. אירע עלטערן זענען געווען רייך און גוט־באַקאַנט אין יענער רוסישער גובערניע. אין יענע יאָרן האָט די צאַרישע רעגירונג באַגרענעצט די צאָל יידישע קינדער, וואָס קענען אָנגענומען ווערן אין די שולן ביז צען פּראָצענט פון דער אלגע־מיינער צאָל שילער. דער טאַטע מונווייס האָט זיך אַן עצה געגעבן מיט דער

דאַזיקער גזירה: ער האָט זיינע קינדער צעשפּרייט אין שולן פון פאַר־שידענע לענדער.

פּאָלאַ מונוויס איז אַלט געווען דרייצן יאָר, ווען זי איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. איר אידעאַל איז געווען — שטודירן מעדיצין. דעם טאַטנס טויט און דאָס וואָס זי האָט אויפגעהערט באַקומען געלט פון רוסלאַנד האָט אַבסאָלוט צונישט געמאַכט יעדע האָפענונג אין דער דאָזיקער ריכטונג. זי האָט זיך דאַן פאַרשריבן אויף דער שוועסטערן־שולע אין ברוקלין. שפּעטער איז זי אויפגענומען געוואָרן אלס א שוועסטער אויף פּראַקטיק אין שפּיטאָל „בית־ישראל" אין ניוארק, ניו־דזשערסי.

לויט איר אייגענער שילדערונג, איז פּאָלאַ געווען אַ זער ערנסט און פּשוט מיידל, אַן אמתער טיפּ פון אַ „רוסישער סטודענטין". אירע האָר זענען געווען פאַרקעמט ארויף, איבערן שטערן, און איר געזיכט האָט דערמאַנט אַ סקיץ פון באָטיטשעלי; אַליץ אין איר פּנים האָט עדות געזאָגט, וועגן איר גוטסקייט און פריינטלעכקייט. זי האָט געטראָגן אַ פּענסנע, און האָט זיך אָנגעטאָן איינפאַך, אין טונקעלע פאַרבן.

דוד בן־גוריון האָט זיך צו יענער צייט אָנגעטאָן לויט דער צייט־מאָדע. ביי וויכטיקע געלעגנהייטן האָט ער געטראָגן אַ האַרטן און זער שטייפן קראַגן. זיינע האָר זענען געווען שוואַרץ און געקרייזלט, אָבער זיינע טערקישע וואָנצעס זענען פאַרשוווּנדן.

עס איז געווען מאָדנע, וואָס די דאָזיקע צוויי מענטשן האָבן זיך אזוי שנעל פאַרליבט איינער אין צווייטן און מיט אזא טיפער ליבע. זיי האָבן ביידע געשטאַמט פון רוסלאַנד און ביידע זענען זיי געווען יידן. דאָס האָט זיי פאַרבונדן, און נאָר דאָס אַליין.

צען יאָר לעבן אין אמעריקע האָט פּאָלען פאַרוואַנדלט, אין פאַרשידענע הינזיכטן, אין אַ טיפּיש ניו־יאָרקער מיידל. זי האָט נישט ארויסגעוויזן קיין אינטערעס פאַרן הייליקן לאַנד, און קיינמאָל האָט זי נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיטן ציוניזם. זי האָט נישט געהערט צו דעם טיפּ מענטשן, וואָס מען רופט „בוך־וואָרעם", און האָט זיך באַגנוגנט מיט לייענען לייכטע ראָמאַנען. זי איז געווען אַן אָפנהאַרציקע, אַ געזעלשאַפטלעכע און האָט זיך געפילט גוט צווישן מענטשן. ביזן דערשיינען פון בן־גוריונען, איז עמאַ גאָלדמאַן געווען איר הויפּט־העלד — די עמאַ וואָס איז שוין געהאַט געזעסן אין טורמע פאַר אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד, און פּאָלאַ האָט זיך געגרויסט דערמיט, וואָס זי איז „כמעט" אַן אַנאַרכיסטין. אין קעגנזאַץ צו פּאָלען איז בן־גוריון געווען קאָנצענטרירט אין זיך, דאָס ניו־יאָרקער לעבן

האָט אויף אים אַנגעוואָרפן אַ שרעק. אַלע זיינע געפילן האָבן זיך קאָנצענ־טרירט ארום דעם הייליקן לאַנד. דער ציוניזם איז פאַר אים געווען וויכטיקער ווי עסן, באַקוועמלעכקייט און פערזענלעכן גליק. געלט האָט ער נויטיק געהאַט נאָר אויף צו קויפן ביכער און נאָר ערנסטע ביכער. איידער ער האָט עפּעס וואָס געזאָגט, האָט ער פריער זיך גוט פאַרטראַכט און על פּי רוב באַשלאָסן, אַז רעדן איז זילבער און שווייגן איז גאָלד.

און פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך פאַרליבט איינער אין אַנדערן, און דאָס כמעט פון ערשטן בליק.

פּאָלאַ איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די דערציילונגען וועגן זיינע אַוואַנ־טוריסטישע איבערלעבונגען. ער האָט אָרגאַניזירט, געזעסן אין תּפיסה און האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן איינס אָדער צוויי ביכער. ער האָט גערעדט וווּנדערבאַר, און טיילמאָל אין שפּראַכן וואָס זי האָט נישט געקענט און אויף טעמעס וואָס זי האָט קוים פאַרשטאַנען. גראָד מיט זיין ערנסטקייט איז ער איר זער געפעלן געוואָרן. ער האָט איר פאַרויסגעזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג און עס וועט אַנטשטיין אַ יידישע מדינה, און ער וועט זיין איינער פון אירע אָנפירער. „ער גלויבט אַזוי שטאַרק אין דעם, אַז ער האָט אויך מיך כמעט אָנגעשטעקט מיט זיין גלויבן", האָט זי געזאָגט צו אַ פריינט. „פון דעם טאָג וואָס איך האָב אים דערקענט, האָב איך געוווּסט אַז ער איז אַ גרויסער מענטש, איך האָב דערפילט אין אים דעם נביא, דעם מענטש מיט אַ וויזיע".

זי האָט אים תּמיד גערופן „בן־גוריון", און דער דאָזיקער נאָמען דערציילט אַ סך וועגן די באַציונגען צווישן זיי. אַזוי וועלן אים רופן אַלע וואָס קענען אים — ביז צו זיין לעצטן טאָג. נישט „הער בן־גוריון", נישט „בי. גי", ווי אַ סך רופן אים אונטער די אויגן, נאָר פּשוט: „בן־גוריון".

עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שטילע חתונה. בן־צבי איז געווען דער איינציקער מענטש וועמען ער האָט אויסגעזאָגט דעם סוד. אפילו פּאָלעס שוועסטער, וואָס איז געקומען מיט איניקע יאָר פריער פון רוסלאַנד און האָט געוווינט אין ברוקלין, האָט מען דערציילט וועגן דער חתונה ערשט אין אַ צייט שפּעטער. די צערעמאָניע איז פאַרגעקומען אין שטאָט־ראַט פון מאַנהאַטן. עס איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט ארויסצופאָרן אויף האָניק־חודש. נאָך דער חתונה האָט זיך בן־גוריון געאיילט אויף אַ פאַרזאַמלונג, און זי איז צוריק אַוועק אין שפּיטאָל.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אייגנאַרטיקע בשותּפותדיקע מאַן־און־

פרוי לעבן. אין די קינפטיקע פערציק יאָר וועט דאָס מיידל פון מינסק, שפּילן א נישט־וויכטיקע ראָלע, אָבער דאָך אויף א וויכטיקן אופן, אין לעבן פון דעם פלאָנסקער ייִנגל, אין וועלכן זי האָט דערפילט דעם „גרויסן מענטש" גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש. זי וועט זיך, אין לויף פון די יאָרן, געוווינען צו הערן ווי מענטשן פלאַצן אויס אין געלעכטער, און רופן אים „משוגענער", אויסהערנדיק זיינע חלומות. אָבער, ווען די חלומות פאַרווירקלעכן זיך איינער נאָכן צווייטן, נעמט זי זיך איר נקמה פון די אָפּשפּעטערס און זי שפּאָט פון זיי: „נו, האָב איך אייך דען נישט געזאָגט!?".

פנחס רוטענבערג, אַ רוסישער רעוואָלוציאָנער, איינער פון קערענ־סקיס פריינט, איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע און האָט געעפנט אַ פּראָ־פּאַגאַנדע־אַרבעט פאַר שאַפן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל, מיט אַ יידישע אַרמיי און אַ יידישן פּאַרלאַמענט. זיינע געדאַנקען האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף בן־גוריונען. אין פעברואר איז אין רוסלנד אויס־געבראָכן די רעוואָלוציע. אין מערץ איז דער צאַר געצוווּנגען געוואָרן צו אַבדיקירן. אין אַפּריל האָט אַמעריקע דערקלערט קריג דייטשלאַנד. די דאָזיקע געשעענישן האָבן געריייניקט די אַטמאָספערע. דאָס וועלט־יידנטום איז מער נישט געווען געשפּאָלטן, יעדנפאַלס אין דער געגעבענער צייט. אין לאָנדאָן האָט זשאַבאָטינסקי, נאָכן אָנקלאַפּן אין אַ סך טירן און אומעטום באַקומען נעגאַטיווע תשובות, סוף־כל־סוף דערגרייכט אַ דער־לויבעניש צו מאָביליזירן אַ יידישע בריגאַדע. אין רוסלאַנד האָט טרומ־פּעלדאָר געפּרוווט מאָביליזירן אַ „יידישע ארמיי" פון הונדערט טויזנט מאַן, וואָס זאָל מאַרשירן קיין ארץ־ישראל דורך קאַווקאַז.

אין אמעריקע זענען בן־צבי און בן־גוריון צוגעטרעטן ווערבירן יידן פאַר דער בריגאַדע, וואָס וועט קעמפן ביי דער זייט פון די ענגלענדער. אַמעריקע איז צו יענער צייט נאָך נישט געהאַט אריינגעטרעטן אין קריג.

די בריגאַדע וועט העלפן באַפרייען ארץ־ישראל פון די טערקישע הענט און וועט העלפן איינשטעלן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט צווישן די ארבעטער אין אַמעריקע און ארץ־ישראל. בן־גוריון און בן־צבי האָבן געהאָפט, אז פיל פון די זעלנער וואָס וועלן קומען פון אַמעריקע און קאַנאַדע, נאָכדעם ווי זיי וועלן אויסקעמפן די באַפרייונג, וועלן זיי זיך באַזעצן אין באַפרייטן ארץ־ישראל.

עס איז געקומען נאָוועמבער און מיט אים די לאָנדאָנער דעקלאַראַציע, וועלכע האָט ארויסגערופן פרייד און התלהבות צווישן ציוניסטן אין גאָר דער וועלט. די באַלפור־דעקלעראַציע איז פאַקטיש געווען בלויז אַ בריוו

פון אויסערן־מיניסטער באַלפור צום לאָרד ראָטשילד, אָבער דער דאָזיקער בריוו האָט שפּעטער באַקומען די באַשטעטיקונג פון פּרעזידענט ווילסאָן, און נאָך שפּעטער פון איטאַליען און פראַנקרייך. דער בריוו האָט געזאָגט, אַז די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט „באַטראַכט מיטן גוטן ווילן דאָס גרינדן אַ יידיש נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל". אין דעצעמבער איז ירושלים באַפרייט געוואָרן פון די טערקן. אַלע סימנים האָבן עדות געזאָגט דערויף, אַז עס קומען אָן בעסערע טעג פאַרן צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק.

אין אַפּריל האָט זיך בן־גוריון מאָביליזירט אין דער יידישער בריגאַדע, און אין אייניקע וואָכן אַרום איז ער צוזאַמען מיט נאָך פרייוויליקע אַוועק קיין קאַנאַדאַ, אויף מיליטערישע איבונגען. ער וועט נאָך גוט געדענקען אין זיינע עלטערע יאָרן דעם פאַל, ווען דער מיליטערישער טראַנספּאָרט, פאַרביי־פאָרנדיק באַנגאָר (אין שטאַאַט מיין), איז פאַרהאַלטן געוואָרן, כדי די מאַסן וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף ביידע זייטן פון דער באַן־ליניע זאָלן קענען הערצלעך געזעגענען די יידישע סאָלדאַטן וואָס גייען פרייוויליק אין דער מלחמה, כדי צו קעמפן און באַפרייען זייער פאָטערלאַנד.

שווער איז בן־גוריונען אָנגעקומען דאָס שיידן זיך מיט פּאָלען. זי איז געווען שוואַנגער, פאַר איר ערשטן געבורט. דער יונגערמאַן, האָט נישט פאַרגעסן פאַרן אָפּפאָרן איבערצולאָזן איר אַ צוואה. אין איר זאָגט זיך: אַז אויב עס וועט געבוירן ווערן אַ זון — זאָל ער הייסן עמוס, און אויב אַ טאָכטער — זאָל מען איר אַ נאָמען געבן — גאולה. ער האָט געלאָזן זיין פרוי אונטער דער אויפזיכט פון איר שוועסטער אין ברוקלין, און צוגעזאָגט — וואָס יעדער סאָלדאַט זאָגט צו ווען ער גייט אין קריג — שרייבן אָפט בריוו. זשאַבאָטינסקיס בריגאַדע האָט געטראָגן דעם נאָמען: „די קעניגלעכע אַכט־און־דרייסיקסטע שיסער־בריגאַדע". בן־גוריון מיט זיינע פרייוויליקע פון אַמעריקע האָבן זיך אָרגאַניזירט אַלס „די ניין־און־דרייסיקסטע בריגאַדע". אין אויגוסט זענען זיי אַרויף אויף דער יבשה אין מצרים, און דאָרט האָבן זיך מיט זיי פאַראייניקט נאָך הונדערטער פרייוויליקע פון לאַנד.

בן־גוריון דער עלטערער קאַפּראַל און בן־צבי דער ייִנגערער, האָבן צוגעניית די מיליטערישע אָפּצייכנונגען צו זייערע מונדירן און זיי געטראָגן מיט גרויס גאווה, גלייך ווי די דאָזיקע אָפּצייכענונגען וואָלטן געווען ערן־דעקאָראַציעס, וואָס זיי האָבן באַקומען דירעקט פון קעניגס האַנט.

דער „מאָראַל" אין דער ניין־און־דרייסיקסטער בריגאַדע, ווי נאָר זי

האָט זיך געפונען אין מדבר, איז שנעל און שטאַרק געפאַלן; דאָס מיליטע־רישע לעבן דאָ, האָט גאַנץ אַנדערש אויסגעזען פון דעם, וואָס בן־צבי און בן־גוריון האָבן די פריוויליקע צוגעזאָגט בעתן מאָביליזירן זיי אין אַמעריקע. אָנשטאָט זיך צו באַטייליקן אין אַן אמתער מלחמה אויף צו באַפרייען דאָס לאַנד פון אונטערן טערקיש יאָך, זענען די אַנטוישטע שיסערס געצוווּנגען געוואָרן צו מאַכן פוסטע און נאַרישע איבונגען. די אַנטוישונג און פאַר־ביטערונג איז געוואַקסן פון שעה צו שעה.

אייניקע טעג נאָך זיין אָנקומען אין מדבר איז ער קראַנק געוואָרן. ווען ער איז געלעגן אין שפּיטאָל איז אָנגעקומען די ידיעה פון ברוקלין, אַז פּאָלאַ האָט געבוירן גאולהן.

די ארץ־ישראלדיקע סאָלדאַטן זענען דערשראָקן געוואָרן פון דעם וואָס זיי האָבן דערזען אין לאַנד. בערך זעכציק טויזנט יידן, זענען געווען די שארית־הפליטה פון ישוב און קעגן זיי זענען געשטאַנען לכל הפּחות זעקס הונדערט טויזנט אַראַבער און אַ גרויסע בריטישע אַרמיי.

די יידן אין ארץ־ישראל האָבן זיך פיל אָנגעליטן אין קריגס־צייט. זייערע אויסגעהונגערטע פּנימער האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי האָבן געלעבט אין נויט. די צאָל בעטן אין די שפּיטאָלן איז נישט געווען גענוג אפילו פאַר קיין צענט־חלק פון די קראַנקע וואָס האָבן געקלאַפּט אין די שפּיטאָל־טירן.

אינצווישן איז אָנגעקומען אין לאַנד אריין ד״ר חיים ווייצמאַן, איצט דער אומגעקרוינטער מנהיג פון וועלט־יידנטום. אַלע האָבן אים צוגעע־שריבן די דערגרייכונג פון דער באַלפור דעקלעראַציע. געקומען איז ער קיין ארץ־ישראל, אין שפּיץ פון וועד הצירים, אַ קערפּערשאַפט, אין וועלכער פיל האָבן געזען דאָס קערנדל פון דער נייער מאַכט אין דער יידישער מדינה — ווי נאָר די מדינה וועט אַנטשטיין.

דער קאַפּראַל בן־גוריון האָט באַשלאָסן, אַז ער, אַלס איינער פון די פירער פון די יידישע אַרבעטער, מוז זיך אדורכרעדן מיט ד״ר ווייצמאַן איבער אַ ריי פּראָבלעמען. די שוועריקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס קאַפּראַל בן־גוריון איז געווען איינסטאַציאָנירט אין תל־אביב, און ד״ר ווייצמן איז געזעסן 65 קילאָמעטער ווייט פון תל־אביב, אין ירושלים און די אָפיצירן האָבן נישט שטאַרק געהאַלטן פון בן־גוריונס פּאָליטישע פּראָבלעמען...

וואָס האָט ער געטון? אין אַ געוויסן טאָג איז ער אוועק קיין ירושלים אָן אַ דערלויבעניש, וווהין ער איז אָנגעקומען אָן שוועריקייטן. זיין גע־

שפּרעך מיט ד״ר ווייצמאַן איז געווען אַנגענעם און צופרידנשטעלנדיק.
ביים סוף פון געשפּרעך האָט ער דערמאָנט דעם קליינעם ענין — אַז ער
איז אוועק פון דער אָפּטיילונג אָן דערלויבעניש.

„איך וועל דערלעדיקן מיט דעם מיליטערישן שטאַב אין ירושלים,
אַז דו זאָלסט באַקומען אַן אָפיציעלן אורלויב אויף א טאָג״, האָט אים
ד״ר ווייצמאַן באַרויקט. נאָך פיר און צוואַנציק שעה איז קאַפּראַל בן־
גוריון צוריקגעקומען קיין תל־אביב. ווי נאָר ער איז אַריין אין זיין געצעלט,
זענען דערשינען צוויי פעסטע ענגלישע סערזשאַנטן און האָבן אים אַרעס־
טירט. ער האָט פּראָטעסטירט: „איך האָב דאָך באַקומען פון שטאַב אין
ירושלים אַן אורלויב אויף פיר־און־צוואַנציק שעה״. „מיר ווייסן דאָס״,
האָט אַ סערזשאַנט געענטפערט, „אָבער דיין אורלויב האָט זיך אָנגע־
פאַנגען פון מאָמענט ווען ער איז דיר געגעבן געוואָרן אין ירושלים, מיר
אָבער באַשולדיקן דיך פאַר דיין אָפּוועזנהייט פון לאַגער אָן א דערלויבעניש,
ביזן אָנקומען קיין ירושלים״.

דער מיליטערישער טריבונאַל האָט אים דעגראַדירט פון זיין קאַפּראַל־
ראַנגע, פאַרמשפּט אויף דרייסיק טעג אַרעסט אין באַראַק, און פאַר־
אָרדנט אים איבערצוטראָגן אין אַ צווייטער קאָמפּאַניע. בעת ער האָט
געדינט אין דער יידישער בריגאַדע ביי דער ענגלישער אַרמיי, אין דער
תקופה פון ערשטן וועלט־קריג, איז די צייט אין זיין לעבן, נישט געווען
פון די גליקלעכסטע.

קאפיטל פיר

אין זיין גאַנץ לעבן האָט בן־גוריון געהאַט בלויז דריי געטרייע פריינט מיט וועלכע ער האָט געהאַט אַ טיפן אינטעלעקטועלן קאָנטאַקט. יש אומרים אַז עס זענען געווען בלויז צוויי; אַנדערע זאָגן — נאָר איינער.

די נאָענטע פריינטשאַפט מיט איינעם האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער מלחמה. אין יענער צייט איז ארץ־ישראל געווען אַ לאַנד פון גרויסער צערודערונג. אַ טייל פון די זעכציק טויזנט יידן האָבן אויסגעקוקט, אַז די זיגער זאָלן אָנהויבן דערפילן זייערע הבטחות, גלויבנדיק בטעות אַז דער טאָג פון דער גאולה איז נאָענט. אַנדערע האָבן געוווסט, אַז „לא איכשר דרא" — דער דור איז נאָך נישט דערוואַקסן און די שעה פון זעלבסט־שטענדיקייט איז נאָך ווייט. פאַראַן נאָך זער אַ סך אַרבעט ביז ישראל וועט זיין גרייט צו אַ ניי לעבן.

אין די יאָרן פון בן־גוריונס אָפּוועזנהייט פון לאַנד זענען דאָ אויפ־געשטאַנען אַ ריי נייע פירער. בערל קאַצענעלסאָן און אליהו גאָלאָמב. ביידע זענען זיי געווען אין זעלבן וווקס וואָס בן־גוריון, און אלע דריי זענען זיי געווען פיל נידריקער ווי אַ דורכשניט־מענטש. זיי האָבן אָבער געהאַט נאָך אַנדערע בשותּפותדיקע אייגנשאַפטן.

בערל קאַצענעלסאָן (מהאָט אים גערופן בלויז „בערל") האָט אויך געשטאַמט פון רוסלאַנד. אין דער יוגנט איז ער געווען ביבליאָטעקאַר און לערער. זיין גאַנץ וויטערדיק לעבן וועט ער, אין דער, אָדער אין אַן אַנדערער פאָרם, זיין פאַרבונדן מיט ביכער. ער וועט שרייבן אייגענע ביכער (נאָך זיין טויט זענען דערשינען זיינע שריפטן אין צוועלף בענדער) און אויף שטענדיק וועט ער פאַרבלייבן ד ע ר ל ע ר ע ר. בן־גוריון און אַ סך אַנדערע האָבן אים אין משך פון אַ סך יאָרן גערופן „דער לערער", און דערמיט געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז אויסער אים איז קיין אַנדערער לערער נישט געווען. קאַצענעלסאָן איז געווען מיט אייניקע חדשים יינגער פון בן־גוריונען, און געקומען אין לאַנד אריין איז ער מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער פון פּלאָנסקער בחור. און אזוי ווי בן־גוריון, איז ער אויך גלייך אוועק

צו דער לאַנדווירטשאַפט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון כנרת.

אין דער צייט וואָס בן־גוריון איז עוסק געווען אין מאָביליזירן פריי־וויליקע פאַר דער יידישער בריגאַדע אין אמעריקע, האָט קאַצענעלסאָן זיך פאַרנומען מיט מאָביליזירן אַ יידישע קעמפנדיקע בריגאַדע אין ארץ־ישראל גופא. און ביידע האָבן זיי זיך פערזענלעך מיטמאָביליזירט אין דער זעלבער צייט מיט זייערע בריגאַדעס.

בערל קאַצענעלסאָן איז אין אייניקע הינזיכטן געווען ענלעך צום עלזאַסער ד״ר שווייצער, ווען יענער איז נאָך געווען יונג. די ענלעכקייט איז געלעגן צוגלייך אין בוי פון קערפּער ווי אין כאַראַקטער. ער האָט געהאַט געדיכטע האָר, שוואַרצע דיקע ברעמען און וואָנצעס. פון זיינע אויגן האָט זיך ארויסגעזען א אומגעוויינלעכע אידלקייט, אָן אַ סימן פון גאווה און גרויסן זיך; ער האָט געהאט א טיף געפיל פון כבוד פאַר יעדן מענטש, אַלס מענטש. ער איז געווען אַן אומרויקע פערזאָן, באַשאַנקן מיט פאַנטאַזיע; אַן אַריסטאָקראַט אין זיינע געשמאקן, שטענדיק פול מיט פּראָיעקטן, און ער האָט אינספּירירט די אלע, וואָס זייער וועזן האָט דער־וועקט אין אים אינטערעס. ער איז געווען אַ קעמפער פאַר גערעכטיקייט, און ער האָט געגלויבט אין מענטש און אין די רעכט פונעם מענטש צו גלייכ־הייט. זיינע פריינט האָבן וועגן אים געזאָגט, אז ער האָט קיינמאָל קיינעם, און קיין זאך נישט גרינגגעשעצט — אויסער זיין אייגן געזונט. אין רעזולטאַט, האָט ער פיל געקרענקט.

ער איז געווען באַשיידן ביז גאָר, האָט קיינמאָל נישט געשטרעבט צו קיין הויכע אַמטן אין קאָמיטעטן אָדער אין אינסטיטוציעס, און האָט קיינמאָל נישט אָנגענומען קיין נאָמינאַציעס. אין דעם לעצטן האַלבן יובל־יאָרן, האָט ער זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט געטראַכט און געדענקט פאַר אַנדערע, ווי בן־גוריון, און האָט אַנדערע דערלויבט אויפ־צוטרעטן אין צענטער פון דער בינע. קיינמאָל האָט ער זיך נישט געקענט צוגלייכן צו בן־גוריונען אין זין פון זיין אַ פאָלקס־מנהיג. ער האָט קיינמאָל דערצו נישט געשטרעבט, אָבער ער האָט מיט זיין גייסט געקענט אינס־פּירירן אנדערע.

בערלס גייסטיק־אינטעלעקטועלע פערזענלעכקייט איז צו יענער צייט געווען פילזייטיקער ווי בן־גוריונס פערזענלעכקייט. קאַצענעלסאָן איז געווען בקי אין תנ״ך, און האָט אויך ליב געהאַט ליטעראַטור און פּאָעזיע. די דאָזיקע אויסדרוקס־מיטלען האָבן ווייניק גערעדט צו בן־גוריונס האַרץ.

דאָס בשותפותדיקע פון די צווײ מענטשן איז געװען, װאָס בײדע האָבן זײ באַטראַכט ישראל װי דעם מיטלפּונקט פון דער װעלט. מענטשן, געדאַנקן, אָביעקטן, האָבן זײ אינטערעסירט נאָר אין דער מאָס פון קענען אַרײנװעבן זײ, אויף װעלכן־עס־איז אופן, אין זײער גרונט געדאַנקן־גאַנג, מיט אַלע זײערע רמ״ח אברים און שס״ה גידים, מיט יעדן נערװ און געפיל זײערן, זענען זײ געװען געקניפּט און געבונדן מיט ישראל. בײדע זענען זײ געװען אַדורכגעדרונגען מיט אײנאונאײנציקן גרויסן ציל, װעלכן זײ האָבן געװידמעט אין אַזאַ מאָס, װאָס מיר טרעפן געװײנלעך, נאָר בײ גרויסע מענטשן.

אָן קאַצענעלסאָנען װאָלט זיך בן־גוריון װאַרשײנלעך קײנמאָל נישט דערהויבן צו דער היסטאָרישער אויפגאַבע, װאָס די געשיכטע האָט אויף אים אַרויפגעלײגט. פון זײט אַ האַלבן יובל־יאָרן האָט זיך בן־גוריון געװאַרעמט בײ דעם ליכט פון לערער, און זײן חכמה איז פאַר אים געװען אַ קװאַל פון כוח. זײן אײגענער געדאַנק איז געװאָרן לויטערער, װען ער האָט זיך צוגעהערט צו קאַצענעלסאָנס רײד, אָדער װען ער אַלײן האָט גערעדט אין קאַצענעלסאָנס אַנװעזנהײט.

דער לערער האָט זיך קײנמאָל נישט צוריקגעהאַלטן פון אַרויסזאָגן אַ נישט פּאָפּולערע מײנונג, אַפילו װען די דאָזיקע מײנונג האָט געקענט דערפירן צו אַ שפּאַלטונג צװישן אים און זײן פרײַנט בן־גוריון. נישט אײנמאָל זענען זיך זײערע װעגן צעגאַנגען אין פּאָליטישע ענינים.

אַלס שרײבער און רעדאַקטאָר האָט קאַצענעלסאָן אַרויסגעגעבן אַנטשפּרעכנדיקע ביכער, אויפגעצװונגען דעם ישוב ער זאָל שטײן אין קאָנטאַקט מיט די נײעסטע שטרעמונגען פון מענטשלעכן געדאַנק אין דער װעלט. אויך ער, װי בן־גוריון, איז געװען אַ געשװוירענער סאָציאַליסט, אָבער ער איז נישט געװען קײן ענג־האַרציקער דעמאַגאָג, קײן קלאַסן־קעמפּער. זײן אידעאַליזם איז געװען אַ פּראַקטישער, יעדעס פּראָבלעם האָט ער באַטראַכט פון דער זײט פון מענטשלעכע און לעבעדיקע נויטװענדיקײטן. ער איז געװען אַדורכגעדרינגען פון אַ טיף נאַציאָנאַל געפיל, אָבער אַבסאָלוט פרײ פון יעדן ענגן שאָװיניזם.

טראָצדעם װאָס ער האָט פײנט געהאַט מאַסן, האָט ער זיך אויסגעצײכנט מיט אַ ספּעציעלן חוש, אויסצוגעפינען אין יעדער מאַסן־פאַרזאַמלונג אירע נײגונגען און ריכטונגען. ער האָט זיך אַרומגעדרײט צװישן די פאַרזאַמלטע און זיך אײַנגעהערט אין זײערע שמועסן און האָט געקענט פּינקטלעך אויספילן דעם דופק פון די פאַרזאַמלטע.

פאַקטיש האָבן די צוויי מענטשן דערגאַנצט איינער דעם צווייטן אויף אַ וווּנדערלעכן אופן. נאָך קאַצענעלסאָנס טויט האָבן מענטשן נישט איינמאָל געהערט ווי בן־גוריון האָט זיך אויסגעדריקט: „ווער וויס וואָס בערל וואָלט אויף דעם געזאָגט״.

אַ מאָל האָט ער געזאָגט: „איך מיין, דער באַשלוס איז אַ ריכטיקער, פונדעסטוועגן וואָלט איך געוואָלט אריינגיין צו בערלען און הערן זיין מיי־נונג״. אין זייערע ערשטע יאָרן אין לאַנד האָבן זיי זיך נישט געקענט. זיי האָבן זיך באַפריינדעט ערשט נאָכן ערשטן וועלט־קריג. פון דעמאָלט אָן האָבן זיך זייערע וועגן פאַרקניפּט און פאַרבונדן.

קאַצענעלסאָן האָט געהאַלטן בן־גוריונען אַלס אַ מענטש פון טאַט, דאָך האָט ער, נישט איינמאָל פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט פון אביסל צוימען אים.

דאָס אומגליק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויף דער גאַנצער וועלט האָט זיך געפונען בלויז איין מענטש וואָס בן־גוריון האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, דאָס איז געווען טאָקע בערל קאַצענעלסאָן אַליין. בערל האָט אויף זיך גענומען צו צוימען אַביסל בן־גוריונען.

דערביי האָט ער געערט בן־גוריונס אינטעלעקט, אַפּשאַצנדיק זיין פּער־זענלעכקייט, האָט ער דאָס באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, און מיט אייניקע טרעפלעכע ווערטער האָט ער דעפינירט זיין גייסטיקן כּוח צו קאָנצענטרירן זיין געדאַנק אויף דעם אַקטועלן פּראָבלעם וואָס איז געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדנונג.

קאַצענעלסאָנס הויפּט־אינסטרומענט איז געווען דאָס געדרוקטע וואָרט. ער האָט געשריבן מיט גרויס מוט און געוואַגטקייט, פון וועלכע בן־גוריונס סטיל איז זער באַאיינפלוסט געוואָרן, נישט ווייניקער ווי ער איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון תנ״ך. ער האָט געלערנט פון אים דריי גרונט פּרינציפּן: גייסט, בוך, באַשטימונגס־אויפגאַבע. די דריי פּרינציפּן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרונט־באַגריפן פון זיין לעקסיקאָן.

טראָץ זיין נישט איבעריקער סימפּאַטיע צו די מאַסן, איז ער דאָך געווען אַ באַגאַבטער מאַסן־רעדנער. נישט ער און נישט זיינע צוהערער זענען געווען אַנהענגער פון קורצע רעדעס. ווען ביים שלוס פון דער יוגנט־קאָנפערענץ אין יאָר 1934 איז בערל געבעטן געוואָרן צו מאַכן אַ רעזומע פון דער דעבאַטע, האָט דאָן זיין רעדע געדויערט זעקס שעה אָן הפסקה. קיין מענטש האָט נישט פאַרלאָזן דעם זאַל. נאָך קאַצענעלסאָנס טויט האָט

בן־גוריון נישט איינמאָל געהאַלטן זעקס־שעהדיקע רעדעס און ווי זיין לערער, האָט אויך ער באַוויזן צוצושמידן זיינע צוהערער.

אליהו גאָלאָמב, אין קעגנזאַץ צו בן־גוריון און קאַצענעלסאָן, האָט נישט געהערט צו די מענטשן, וואָס זייער געזעלשאַפטלעכע קאַריערע האָט זיך אָנגעהויבן פון לאַנדווירטשאַפטלעכער ארבעט. ער איז געווען יינגער מיט איניקע יאָר פון זיי, האָט געלערנט אין דער תל־אביבער גימנאַזיע צוזאַמען מיט שערטאָקן, מיט וועמענס שוועסטער ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט.

גאָלאָמב איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון יידישע פריי־וויליקע, וואָס האָבן פאַרגעלייגט הילף די ענגלענדער, מיטן מאָמענט, ווען גענעראַל אַלענביס חיילות זענען אריין קיין ארץ־ישראל. ער האָט אין דער „יידישער בריגאַדע" געזען די וויכטיקסטע טאַט פון דעם צייט. ער האָט פאַרגעטערט זשאַבאָטינסקין און קריטיש זיך באַצויגן לגבי וויצמאַנען. צוזאַמען מיט זשאַבאָטינסקין האָט גאָלאָמב געקעמפט, אַז די בריגאַדע זאָל נישט פונאַנדערגעלאָזט ווערן. פאַר זיינע אויגן האָט זיך די בריגאַדע אויפגעלעזט, פון א מחנה וואָס האָט געציילט פינף טויזנט מאַן, איז זי אין 1920 איינגעשרומפּן געוואָרן צו אַן איינהייט פון 300—400 מאַן. ער האָט געוווסט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם פון די ענגלישע און קאַנאַדישע אָפיצירן האָט באַוויגן די יידישע פריוויליקע זיך צו באַפרייען פון מיליטער, ווי נאָר עס האָט זיך דערצו געמאַכט די ערשטע געלעגנהייט.

גאָלאָמב האָט דעריבער גערעדט צו יעדן, וואָס איז נאָר געווען גרייט צו הערן וועגן דער נויטווענדיקייט פון שאַפן אַ געהיימע יידישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. איינער פון די וואָס זענען גרייט געווען אים צו הערן איז געווען בן־גוריון. ער איז געוואָרן שטאַרק באַאיינדרוקט פון דעם דאָזיקן יונגן פאַנאַטיקער, מיט דער אויסגעשפּראָכענער רוסיש־יידישער פיזאָנאָמיע, העלע אויגן און שאַרפן שכל, און באַלד זענען זיי געוואָרן ידידים.

ווען גאָלאָמב האָט געגומען אָרגאַניזירן די הגנה אַלס די אונטער־ערדישע אַרמיי, האָבן אים געשטיצט בן־גוריון, קאַצענעלסאָן און בן־צבי.

די סימפּאַטיע צווישן בן־גוריון און גאָלאָמבן האָט געשטאַמט פון דעם „היסטאָרישן געפיל", מיט וואָס דער עלטערער פון זיי איז געווען באַשאָנקן. אליהו גאָלאָמב האָט פאַרקערפּערט אין זיך אַ נייעם טיפּ אין ארץ־ישראל: אַ יונגן יידישן אינטעליגענט, אַ סאָציאַליסט, וועלכער האָט געקענט רעדן גאַנצע נעכט מיט בן־גוריונען און מיט קאַצענעלסאָנען וועגן די אַבסטראַקטע זייטן פון אַ פּאָליטישער טעאָריע, און

אין אײן־און־דערזעלבער צײַט האָט ער געהאַט די פֿעיִקײט זיך צו פֿאַר־װאַנדלען אין אַ מיליטערישן ספּעציאַליסט. און דאָס נישט דערפֿאַר װײל ער האָט ליב געהאַט צו פֿאַרגיסן בלוט, נאָר װײל ער איז געװען טיף איבער־צײַגט, אַז עס װעט קומען אַ טאָג, װען יידן װעלן מוזן קעמפֿן פֿאַר זײער לאַנד.

נאָך פֿינף־און־צװאַנציק יאָר װעט אַזאַ מענטש נישט זײַן מער פֿון די זעלטנהײטן. די לעגענדע, אַז דער ייד איז אַ פּחדן, װעט געװעלטיק צע־שמעטערט װערן דורך די נצחונות פֿון יידישן מיליטער אין יאָר 1948.

אין יאָר 1920 אָבער, האָט אליהו גאָלאָמב געקענט פֿאַרכישופֿן בן־גוריונען, דװקא, װײל ער האָט מיט זיך פֿאַרקערפּערט דעם נאָרמאַלן ארץ־ישׂראל טיפּ, װעגן װעלכן בן־גוריון האָט געחלומט. דעריבער האָט אים בן־גוריון צוגעגעבן מוט, האָט אים געמאַכט פֿאַר זײַן פֿאַרטרויונגס־מאַן, אים געהאָלפֿן באַקומען אַ פּאָליטישע דערציִונג, האָט געשטיצט זײַנע מיליטערישע פּלענער, און בכלל זיך מיט אים געהאָלפֿן. גאָלאָמב איז פֿאַר אים געװען אַן אי־דעאַלער פֿאַרמיטלער, מחמת אַלײן האָט ער נישט געהאַט קײן שום באַ־שטימטע שטעלונג בנוגע קײן אײנעם פֿון די צדדים. בן־גוריון האָט אים געקענט שיקן צו װײצמאַנען, און װײצמאַן האָט זיך צוגעהערט צו זײַנע רייד. נאָכדעם פֿלעגט גאָלאָמב צוריקקומען און איבערגעבן אַ געטרײַען באַריכט. ער איז געװען אַ פֿאַרמיטלער פֿון ערשטער מדרגה.

גאָלאָמב איז געשטאָרבן און האָט נישט זוכה געװען צו זען װי זײַן װערק איז פֿאַרװירקלעכט געװאָרן. אָבער ער איז דאָס געװען דער מענטש װאָס ער האָט געלײגט דעם יסוד פֿאַר די נצחונות פֿון 1948. ער און בן־גוריון, מער װי אַלע אַנדערע. נאָר, אין דעם פֿאַל, איז בן־גוריון געװען דער דענקער און פּלאַנירער, און גאָלאָמב — דער מענטש פֿון טאַט.

אַז פּאָלען האָט זיך סוף־כל־סוף אײַנגעגעבן צו געפֿינען אַ שיף, װאָס זאָל זי מיט איר קינד ברענגען קײן ארץ־ישׂראל. האָבן זיך אָנגעהױבן נײַע שװעריקײטן, (קלײניקע, פֿון פּערזענלעכער נאַטור, דאָך זענען זײ נישט געװען װײניקער קאָמפּליצירט און שװער װי די פּאָליטישע פּראָבלעמען, װעלכע ער האָט געמוזט לײזן).

פּאָלאַ איז נישט געװען קײן גײַסטיקער שװאַכלינג, װאָס האָט מורא געהאַט פֿאַר ארבעט. ארץ־ישׂראל אָבער איז געװען אַ שרעקלעך אָרט פֿאַר אַ יונגער פֿרוי, ספּעציעל פֿאַר אַ יונגער מוטער, װאָס האָט דעם גרעסטן טײל פֿון אירע יאָרן פֿאַרברענגט אין באַקװעמע, ברײטע און גוט־אָרגאַ־ניזירטע ניו־יאָרקער פֿאַרהעלטנישן. דאָ זענען געװען גאַסן פֿול מיט אַראַבער, װאָס האָבן אױף איר אָנגעװאָרפֿן אַ שרעק. דער לעבנס־סטאַנדאַרט פֿון אַ

מזרחדיק לאַנד, דער שמוץ, דאָס פעלן פון עלעמענטאַרע סאַניטאַרע באַ־דינגונגען, די פליגן, די קבצנים, דאָס מאָדנע עסן — דאָס אַלץ איז גענוג געווען כדי זי צו אַנטמוטיקן. זי האָט געקענט רעדן בלויז א ביסל רוסיש, וואָס זי האָט נאָך געדענקט פון די קינדער־יאָרן אין רוסלאַנד, א ביסל יידיש און ענגליש. אָבער דער רוב מענטשן אין לאַנד האָבן גערעדט העברעיש אָדער אַראַביש. „איך האָב געמוזט אַדורכמאַכן אַ שווערן פּראָצעס פון צופּאַסן זיך", האָט פּאָלאַ געזאָגט צו אירע פריינט, און עס איז אין דעם בישט געווען קיין גוזמא.

בן־גוריון האָט פאַר זיין משפחה געדונגען א קליינע דירה אין תל־אביב. אין דער קורצער צייט וואָס זיי האָבן געוווינט אין דער דאָזיקער דירה, האָט פּאָלאַ שווער געהאָרעוועט כדי זיך צוצוגעוווינען צו דעם לעבענס־שטייגער וואָס האָט אויסגעזען זער פּרימיטיוו אין אירע אויגן. זיי האָבן דאָך כמעט געלעבט אויפן ראַנד פון מדבר.

די צוואַנציקער יאָרן זענען געווען א תקופה פון ארבעט אין בן־גוריונס לעבן, יאָרן פון ליידן פאַרן יידישן ישוב אין לאַנד, און פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן — טרויעריקע טעג פאַר פּאָלען, דאָס זענען פאַר אלע געווען צייטן פון אומזיכערקייט, שפּאַנונג און יאוש, מיט בלויז קורצע הפסקות פון שאַפונגס־פרייד און דערגרייכונגען.

אין אַפּריל 1920 האָבן זיך די ענטענטע־מדינות פאַרזאַמלט אין סאַן־רעמאָ, אין איטאַליען, כדי צו באַשליסן וועגן פאַרטיילן די מלחמה־טראָפעען, ביז דעמאָלט זענען די גרויסמאַכטן בכלל נאָך נישט געהאַט געקומען צו קיין פאָרמעלן באַשלוס בנוגע ארץ־ישראל.

„וואָס וועט זיין?", האָט פּאָלאַ געפרעגט איר מאַן.

בן־גוריון האָט געהויבן די אַקסלען. ווער קען וויסן? ווער קען טרעפן וואָס עס וועט זיין דער אויסגאַנג פון אַ פרידנס־קאָנפערענץ?

דער ישוב אין ארץ־ישראל האָט געוואַרט מיט אומגעדולד. סוף־כל־סוף איז אָנגעקומען די בשורה. די באַלפור־דעקלעראַציע איז נישט געווען קיין סתם עפּעס אַ שטיקל פּאַפּיר. די קאָנפערענץ אין סאַן־רעמאָ האָט זי גענומען אין אכט, געבנדיק ענגלאַנד א מאַנדאַט פון דער „קאַטעגאָריע א" אויף ארץ־ישראל.

„קאַטעגאָריע א", וואָס באַדייט דאָס?

בן־גוריון האָט געדולדיק דערקלערט. דאָס באַדייט: די וואָס האָבן צווישן זיך פאַרטיילט די טערקישע אימפּעריע, האָבן דורך דעם געבן אזא סאָרט מאַנדאַט דערקלערט פאַר דער גאַנצער וועלט, אז זיי אָנערקענען

די ארץ־ישראל איינוווינער אַלס כמעט־דערוואַקסן צו אַן אייגענער פאַר־וואַלטונג. דער פעריאָד פון מאַנדאַט וועט דעריבער זיין אַ קורצער.

יידן אין ארץ־ישראל זענען ארויס אין די גאסן מיט געזאַנג און מענץ. מ׳האָט געטרונקען „לחיים״, און מענטשן האָבן געוויינט פון גרויס איבערגענומענקייט.

עם ישראל חי! נאָך צוויי טויזנט יאָר! אָבער דוד בן־גוריון האָט אין יענעם טאָג נישט געפייערט. ער האָט שטאַרק פאַרקנייטשט דעם שטערן און זיך פאַרטיפט אינעם טעקסט פון מאַנדאַט.

פאַראַגראַף 4: „די באַשטימטע רעגירונג איז פאַרפליכטעט צו אָנ־ערקענען די יידישע אַגענץ, וואָס פאַרטרעט דאָס יידישע פאָלק אין איר ארבעט אויפצובויען די נאַציאָנאַלע היים״. ווער וועט אויסוויילן די דאָזיקע אַגענץ? ווער וועט שטיין אין איר שפיץ? וואָסערע וועלן זיין אירע פולמאַכטן?

פאַראַגראַף 6: „עס וועט דערלויבט ווערן אַן איינוואַנדערונג פון יידן. מען וועט דערמוטיקן יידן זיך צו באַזעצן אויפן באָדן״. ווי אזוי? ווער וועט דערמוטיקן? ווען? ווו?

בן־גוריון האָט זיך נישט פאַראייניקט מיט די זינגער און טענצער. ווען אַנדערע פרייען זיך, צוימט ער זיין פרייד מיט פאָרזיכטיקע און רויקע געדאַנקען, און פאַרקערט, אין טעג ווען דער כלל איז פאַריאושט, איז ער דער איינציקער וואָס ווייזט אָן, אז דאָך איז פאַראַן אַ פונק פון האָפענונג און אַ מעגלעכקייט פון נצחון.

אין יולי איז אויפן אָרט פון דער מיליטערישער געקומען די ציווילע פאַרוואַלטונג. דער ערשטער הויך־קאָמיסאַר איז געווען סער הערבערט סעמיועל.

און ווידער האָבן אַלע געטאַנצט אין די גאַסן.

„האָסט שוין געהערט?״ האָט מען געיובלט, א ייד! נאָך צוויי טויזנט יאָר פון אויסקוקן זיך די אויגן, וועט סוף־סוף זיצן א ייד אין ירושלים און אָנפירן מיטן לאַנד״. אין ערשטן שבת איז סער הערבערט סעמיועל אַוועק דאַוונען אין דער אַלט־שטאָט שול אין ירושלים און האָט דערמיט דע־מאָנסטרירט, אז ער איז געבליבן געטריי דער אמונה פון זיינע אבות.

בן־גוריון איז געווען פאָרזיכטיק.

וואָס איז דאָס פאַר אַ סאָרט ייד? אויף וועמענס זייט וועט ער שטיין? קענען מיר זיך אויף אים פאַרלאָזן? צו פרי זיך צו פרייען. אַז עס זענען בטול געוואָרן די אַלטע טערקישע באַגרענעצונגען אויף דער יידישער עליה, האָט אַ נייע עליה אָנגעהויבן שטראָמען אין לאַנד אריין, נישט קו־

קנדיק דערויף וואָס דאָס לאַנד איז נישט געווען פאַרגעברייט אויפצונעמען נייע וואַנדערנדיקע יידן. און ווידער אַ מאָל איז די שמחה געווען גרויס. „זיי וועלן העלפֿן בויען אונדזער נייע מדינה”. אָבער בן־גוריון האָט זיך צוגעקוקט ווי די נייע עולים שטראָמען מאַסנווייז קיין תל־אביב, די שטאָט האָט זיי נישט געקאָנט אַלע אויפנעמען. נאָר אַ קליינער טייל איז געגאַנגען צו ערד־אַרבעט. פיל פון זיי האָבן מיט זיך געבראַכט ביסלעך געלט, און געוואָלט עפענען האַנדלס געוועלבער, אָדער קליינע געשעפטלעך און באַ־שעפטיקן ביליקע אַרבעטער.

„נישט דערויף האָבן מיר געהאָפט”, האָבן קאַצענעלסאָן און בן־גוריון געזאָגט איינער צום אַנדערן.

נאָענט פאַר דער שלום־קאָנפערענץ אין פּאַריז איז בן־גוריונען און קאַצענעלסאָנען געלונגען צו גרינדן אַ נייע פּאָליטישע פּאַרטיי — אחדות העבודה. אָבער צום גרויסן באַדויערן איז די אחדות נישט געווען מער ווי אינעם נאָמען פון דער פּאַרטיי, אָבער נישט אין דערווירקלעכקייט. צו דער פּאַרטיי זענען צוגעטרעטן צוויי טויזנט פון די דריי טויזנט אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

דער גרויסער טרומפּעלדאָר איז נאָך אַ ריי מלחמות געקומען דורך יאַלטאַ און קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַהיים, און ווו ער האָט זיך נאָר אָפּגעשטעלט האָט ער ווערבירט נייע פרייוויליקע. דער פּאָליטישער ווירוואַר און דער מאַנגל אין יעדן פּראָגראַם וואָס ער האָט אָנגעטראָפן, האָט אים קיין הנאה נישט פאַרשאַפט און ביי אים אַרויסגערופן אַ ווידערגעפיל. ער איז אַוועק צוריק צו ערד־אַרבעט, וועלכע האָט אים זייט לאַנג שוין געפעלט. ער איז צוריק געפאָרן אין גליל, און דאָרט זיך אָנגעטראָפן אויף טויזנטער בעדואינער רויבער, וואָס האָבן טעראָריזירט און אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף דער באַפעלקערונג. ער איז אַוועק קיין תל־חי, כדי צו העלפן די אָרטיקע מענטשן פאַרטיידיקן זייער ישוב קעגן די אָנגעפאַלענע אַראַבער. דער קאַמף איז געווען אַן אכזריותדיקער. צען קעגן איינעם — און אפשר גאָר הונדערט קעגן איינעם. עס זענען געווען פיל געפאַלענע. טרומפּעלדאָר איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין בויך. אַ. איראָניע פון גורל! דער איינהאַנטיקער היכער און שטאַרקער מאַן, דער העלד פון צוויי גרויסע מלחמות, איז גאָר געפאַלן אַ קרבן פון אַ קליינעם אַראַבישן איבערפאַל, ביי דער פאַרטיידיקונג פון אַ דאָרף מיט אַ האַלב טוץ הילצערנע באַראַקן, אַרומגערינגלטע פון אַ מדבר.

גלייך נאָך דער קאָנפערענץ אין סאַן־רעמאָ האָט זיך אין לאָנדאָן פאַרזאַמלט אַ וויכטיקע ציוניסטישע קאָנפערענץ, און די פּאַרטיי אחדות־

העבודה האָט באַשלאָסן צו שיקן אלס דעלעגאַט, בן־גוריונען. דאָס איז געווען די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין זאַל פון אַלבערט־האַל, אַ גרויסער און ברייטער זאַל, וואָס האָט געקענט אַריינגעמען אַלע חברים פון אחדות־העבודה, מיט די משפחות און אפילו מיט אַ טייל פון זייערע שכנים.

אויף דער טריבונע זענען געזעסן אָנגעזעענע רעדנער, חשובע און באַקאַנטע פערזענלעכקייטן פון ניו־יאָרק, באָסטאָן, פּאַריז און פון גאָר דער וועלט. און צווישן אָט די רעדנער האָט געדאַרפט ארויסטרעטן אויך ער, דער 33 יאָריקער דוד בן־גוריון, דער פירער פון אַ פּאַרטיי וואָס האָט געציילט צוויי טויזנט חברים.

אויף אָט דער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענשטויס צווישן בן־גוריונען און ווייצמאַנען. אין די קינפטיקע צוויי־און־דרייסיק יאָר וועלן די דאָזיקע צוויי מענער טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם גורל פון מיליאָנען יידן אין ארץ־ישראל און אין אלע עקן וועלט. די פריינט פון ווייצמאַנען פלעגן אים רופן „דער ארכיטעקט פון דער יידישער מדינה". אויב ווייצמאַן איז געווען דער אַרכיטעקט, איז בן־גוריון געווען דער אָנפירנדיקער אַנטעפּרינער און הויפּט־בויער. טייל־מאָל, אין פאַרלויף פון קינפטיקן דריטל יאָרהונדערט, וועלן די צוויי מענטשן ארבעטן צוזאַמען און אין פולער האַרמאָניע, ממש ווי אַן אַרכיטעקט מיט אַ בוי אונטערנעמער. אָבער עס זענען אויך פאַראַן צייטן, ווען זיי זענען געווען ווייט פון זיך, ווי ווייט ס'איז מזרח פון מערב, און עס איז כמעט נישט געווען קיין שום אויסזיכט, אַז זיי זאָלן ווען־עס־איז קומען צו אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג.

ביידע זענען זיי געווען יידן, ביידע געבוירן אין רוסלאַנד, ווייצמאַן נישט ווייט פון פּאָלעס געבורטס־אָרט. ביידע האָבן זיי געאָפּפערט זייער לעבן כדי צו שאַפן דאָס ווערק: מ ד י נ ת י ש ר א ל. אָבער דערמיט האָט זיך געענדיקט זייער ענלעכקייט.

חיים ווייצמאַן איז געווען אַ הויכער און שלאַנקער מאַן, וואָס האָט אַרויסגערופן צו זיך דרך־ארץ. אַז ער איז אַריין אין אַ צימער, פלעגן מענטשן אויטאָמאַטיש אויפשטיין, נישט וויסנדיק אפילו ווער ער איז. אין די לעצטע יאָרן איז ער געוואָרן פּליכעוואַטע, זיינע וואָנצעס זענען געווען גלאַט צוגעשוירן, און אין זיין גוט־געפלעגט בערדל איז געלעגן עפּעס וואָס דעמאָנישס. בן־גוריון איז געווען נידריק און דיקלעך, אין זיינע

ערשטע יאָרן האָט ער אויסגעזען געגוי ווי א טיפּישער פונקציאָנאַר פון אַן אַרבעטער באַוועגונג. חיים ווייצמאַן איז געווען עלעגאַנט אין אַלע היגיזיכטן, און בן־גוריון רימט זיך דערמיט וואָס ער איז א פשוטער מענטש, „איינער פון פאָלק".

ווייצמאן איז געווען אַ מעורב בין הבריות — האָט ליב געהאַט גע־זעלשאַפט. בן־גוריון פילט זיך נישט גוט אויף געזעלשאַפטלעכע אויפ־נאַמעס, און זיינע באַגריפן וועגן אויפפירן זיך אויף א קבלת־פנים, אָדער אויף אַ קאָקטייל־פּאַרווײַלונג, זענען עגווען אריגינעלע: אויסצוקלייבן פון די פּאַרזאַמלטע, דעם מענטשן וואָס אינטערעסירט אים אַממייסטן, אַוועק־גיין מיט אים ביחידות, אָדער אין פאָדער־צימער און אפילו אין קעלער אריין, און אים ברענגען דערצו ער זאָל רעדן אויף א טעמע אויף וועל־כער ער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן.

ווייצמאַן איז געווען אַ בקי אין גוטע ווײַנען און האָט הנאה געהאַט פון אַ גוט מאָלצייט. פּאַלאַ בן־גוריון האָט אַמאָל זיך אויסגעדריקט: „מיר באַגנוגנען זיך בעיקר מיט פרוכטן און גרינסן. מיין מאַן האָט ליב גרעיפּ־פרוכט, און נאָך מער — פּוילישע וווּרשטלעך".

ווייצמאַן האָט גערעדט פראַנצויזיש, די שפּראַך פון דיפּלאָמאַטן, ווי אַ געבוירענער פּאַריזער. בן־גוריון האָט געקענט אַביסל פראַנצויזיש, אָבער זי נישט באַהערשט. ווייצמאַן דער קאָסמאָפּאָליט איז געווען „אין דערהיים" אין יעדן סאַלאָן אין מאיפע, ממש ווי אַ געבוירענער ענגלישער אריס־טאָקראַט. בן־גוריון האָט באַזוכט לאָנדאָן פיל מאָל, אָבער ער האָט קיינמאָל „נישט אנטדעקט" דעם „וועסט־ענד". זיין גאַס איז געווען די „טשאַרינג־קראָס", ווייל דאָרטן זענען פאַראַן ביכער־געשעפטן.

ווען ווייצמאַן האָט סוף־כל־סוף באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל, האָט ער זיך אויסגעבויט אַן אייראָפּעיש הויז מיט אַן עס־צימער און אַן אַרבעטס־צימער (א ביבליאָטעק), פון כמעט צוואַנציק מעטער די לענג. דאָס הויז האָט געהאַט אַן אָפענעם הויף און א שווים־באַסיין, און איז געווען אויסמעבעלירט מיט פיל געשמאַק. צווישן די קאָסטבאַרקייטן האָט מען געזען פיל כינעזישע פאָרצעלאַנען און א סך פראַנצויזישע קונסט־בילדער פון גרויסן ווערט. אַלס פרעמיער מיניסטער פון ישראל וווינט בן־גוריון אין אַ באַשיידן הויז אין ירושלים, און זיין הויז אין תל־אביב אונטערשיידט זיך פון דרויסן מיט גאָרנישט פון הונדערטער ענלעכע הייזער אין דער סביבה.

ווייצמאַן האָט געלערנט אין בערלין און אין דער שווייץ, האָט באַ־

קומען איראָפּעישע בילדונג און איז געווען אַ פּראָפעסאָר מיט פיל אויס־צייכענונגען. בן־גוריון איז א אויטאָדידאַקט, ער האָט נישט באַקומען קיין שום דיפּלאָם, ביז מען האָט אים נישט צוגעטיילט דעם כבוד און ערן־דיפּלאָם פון ירושלימער אוניווערזיטעט.

ווייצמאַן איז געווען, אַ דאַנק זיינע פּאַטענטן, אַ רייכער מענטש, ער האָט אויפגענומען געסט ווי אַן ענגלישער אַריסטאָקראַט. בן־גוריון האָט נישט איינמאָל אויפגענומען זיינע געסט אַרום זיין קיך־טיש, און פיל מאָל האָבן זיי צוגעהאָלפן ביים וואשן דאָס געשיר.

ווייצמאַן האָט נישט איינמאָל אויפגענומען חשובע שטאַאַטסמענער, ווי: לאָרד באַלפור, גענעראַל סמאַטס, לעאָן בלום און לאָרד סעסיל, מיליטע־רישע אָנפירער ווי פאַלקאָווניק לאָרענס, גענעראַל ווינגייט און באַרימטע השובע אַמעריקאַנער. ער האָט געקענט ווינסטאָן טשערטשיל פון דער צייט ווען זיי זענען ביידע געווען יונגע מענטשן. ער האָט געקענט פריי רעדן מיטן איטאַליענישן מלך, מיטן פויפּסט, מיט לידי אַסטאָר און מיט ראַמזיי מאַקדאָנאַלד. בן־גוריון, אפילו נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער, האָט ער אלץ גערנער איינגעלאַדנט צו זיך קיבוצניקעס, יונגע חלוצים, אָפיצירן פון צה״ל און מענטשן פון דער אונטערגרונט.

ווייצמאַן האָט געהאַט נאָענטע פריינט אין יעדער שטאָט אין גאַר דער וועלט. בן־גוריון האָט געהאַט אין משך פון זיין גאַנץ לעבן נאָר גע־ציילטע פריינט. ווייצמאַן איז געווען אַ שטימונגס־מענטש, וואָס האָט זיך שנעל געביטן; אַ מינוט האָט ער געקענט זיין פריילעך, און באַלד דערנאָך אריינפאַלן אין אַ מרה־שחורה. בן־גוריונען קען מען זען נאָר זער זעלטן אַ פריילעכן.

ווייצמאַן איז געווען אַ סקעפּטיקער, איז צוגעגאַנגען צו יעדן פּראָבּ־לעם מיט א וויסנשאַפטלעך מעסער, און אַן פאַראורטיילן, בן־גוריון דענקט כמעט תמיד מיטן האַרץ.

ווייצמאַן האָט באַוויזן מיט דזשענטלמענישער און שטאַרקער איבער־צייגונגס־קראַפט, פאַרצולייגן זיינע טענות אין אַלע מיניסטעריומס פון איראָפּע. זער זעלטן איז ער ארויס פון די כלים, ער האָט געוווּסט אז א דיפּלאָמאַט דאַרף זיך אָנגורטן מיט געדולד, און דעריבער תמיד גרייט געווען צו וואַרטן אויף א שעת־הכושר. בן־גוריון רעגט זיך אָפּט אויף. ער ליידט נישט קיין נאַרעשקייטן, מיטלמעסיקייטן אָדער סתם אָפּאָזיציע לשם אָפּאָזיציע, און ער וויל נישט לאַנג וואַרטן אויף קיינעם, זאָל זיין ווער עס איז.

ווייצמאַן איז געווען באַשאַנקען מיט אַן ענטוויקלט געפיל פאַר הומאָר און גאָר ווייניק מענטשן האָבן געקענט דערציילן וויצן אַזוי ווי ער. און ספּעציעל האָט ער ליב געהאַט יידישע וויצן. בן־גוריון האָט כמעט נישט קיין זין פאַר הומאָר, און שטענדיק געפינט ער זיך אין אַן ערנסטער שטימונג. ער אליין דערציילט כמעט נישט קיין וויצן. ער קען לאַכן ווען אַן אַנדערער דערציילט אַ וויץ, אויב דער וויץ קען קלאָר מאַכן עפּעס אַ וויכטיקן פּונקט. יידישע וויצן האָט ער פיינט, ווייל זיי שפּיגלען אָפּ די גלות־פּסיכאָלאָגיע.

ווייצמאַן איז געווען דער קינסטלער פון „באָן־מו" (פון אַ שאַרפן טרעפלעכן זאָג). מען שרייבט אים צו צוויי קלאַסישע באַמערקונגען; איינע פון זיי האָט ער געזאָגט אז זי איז נישט זיינע, נאָר ער האָט בלויז צוגעהאָלפן זי פאַרשפּרייטן:

— „אמת, עס איז געשען טאַקע אויף דער וועלט ניסים, נאָר מען מוז שטאַרק האָרעווען, אז זיי זאָלן געשען". „דו מוסט נישט זיין קיין משוגענער כדי צו זיין א ציוניסט; שאַדן ברענגען קען עס פונדעסטוועגן נישט".

וואָס עלטער בן־גוריון ווערט ווערט אַלץ מער ווערן זיינע שריפטן פאַר־וואַנדלט אין קונסט־ווערק פון ליטעראַטור, געשריבן מיט א קרעפטיקן סטיל און מיט א רייכער פילפאַרביקער אויסדרוקס־קראַפט, אָבער קיינמאָל וועט ער נישט פּראָבירן אריינצופירן „גוטע קלוגע ווערטער" אין זיינע שריפטן.

איינמאָל האָט מען געפרעגט ווייצמאַנען פאַרוואָס האָט דאָס מצרישע מיליטער געליטן אַ מפלה אין דער מלחמה, האָט ער מיניה־וביה געענטפערט: „ווייל די סאָלדאַטן זענען געווען צו דאַר און די אָפיצירן צו גראָב".

אין דער צייט פון ויכוח וועגן אוגאַנדע האָט ער געפּרווט דערקלערן באַלפורן פאַרוואָס ער איז קעגן:

„הער באַלפור, ווען איך וואָלט דיר פאָרגעלייגט פאַריז אַנשטאָט לאָנדאָן, וואָלסטו אָנגענומען?"

„אָבער ד"ר ווייצמאַן" האָט באַלפור געענטפערט, „לאָנדאָן איז דאָך שוין אין אונדזערע הענט!".

דער גרויסער ציוניסט האָט זיך צעשמייכלט און געענטפערט מיט גרויס טאַקט: „ריכטיק, ירושלים איז געווען אין אונדזערע הענט ווען לאָנדאָן איז נאָך געווען אַ בלויזער זומפּ".

ווען ווייצמאַן האָט געוואָלט באַווייזן די נויטווענדיקייט פון אַ יידישער מדינה, פלעגט ער זאָגן: „שטענדיק באַציט זיך אַ מענטש גוט צו אַ גאַסט, אויב דער גאַסט קען באַצאָלן, דער איינציקער מענטש וואָס מיר לאַדן

אים איין צו מיטאָק איז דער מענטש, וואָס קען אָפּעסן אַ מיטאָק אין דער היים, אויב ער האָט נאָר חשק. שווייץ איז אַ קליין לאַנד, און עס זענען פאַראַנען מער שווייצער אויסער דער שווייץ, ווי אין דער שווייץ גופא, און פונדעסטוועגן ווייסט מען נישט פון קיין אַנטי־שווייצאַרישע געפילן. ווייל די שווייצער האָבן אַן אייגענע היים, וווּהין זיי קענען זיך צוריקקערן און וווּהין זיי קאָנען איינלאַדן אַנדערע״.

בן־גוריון וואָלט זיך קיינמאָל נישט באַנוצט מיט אַזאַ פאַרגלייך. איינ־לאַדונגען און פאַרוויילונגען אינטערעסירן אים לגמרי נישט, און אַ הויז איז נאָר אַ פּלאַץ ווו אַ מענטש האַלט זיינע ביכער.

ווייצמאַן האָט אַמאָל געשריבן: „איך פיל מיך אין דער היים געננו ווי אין בריסל, פּאַריז, אָדער סאַן־פראַנציסקאָ״, און בן־גוריון, ווען ער רעדט וועגן ארץ־ישראל, באַנוצט ער זיך כסדר מיט די ווערטער „מיין היים, מיין פאָטערלאַנד, מיין לאַנד״.

ווייצמאַן דערמאָנט כמעט נישט אין זיינע זכרונות זיין ערשטע באַ־געגעניש מיטן צוגעזאָגטן לאַנד, בן־גוריון אָבער, האָט מיט עקסטאַז אָנ־געשריבן הונדערטער זייטן מיט באַגייסטערטע שילדערונגען, ווי אזוי דאָס לאַנד האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן און אַ וואָסערע זענען געווען זיינע געפילן אין יענעם מאָמנט. ווייצמאַן פלעגט פאַרברענגען נאָר קורצע פּעריאָדן אין לאַנד. ווען ער איז אַלט געוואָרן פינף־און־פערציק יאָר האָט ער סוף־כל־סוף נאָטירט: „אַ מענטש דאַרף זיין אויפן אָרט, כדי ער זאָל קאָנען פילן דעם דופק פון לאַנד און פון זיינע אינסטיטוציעס״. גלייך דערנאָך איז ער געפאָרן אין לאַנד אריין, אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט ער עס פאַרלאָזן, און זיך ערשט צוריקגעקערט נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה. ערשט נאָכדעם ווי ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס איר ערשטער פּרעזידענט, איז ער אַריבער זיך באַזעצן אין ישראל, כדי דאָרט אויסצולעבן זיינע לעצטע יאָרן. בן־גוריון האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין פאָטערלאַנד און ער האָט זיך טיף פאַרבונדן מיטן לאַנד. טראָצדעם וואָס ער איז אָפט געפאָרן קיין חוץ־לארץ אין פּאָליטישע ענינים, איז זיין הויז און זיין האַרץ תמיד געבליבן אין ישראל.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ווייצמאַן פיל געהאָלפן צום נצחון פון די פאַרבינדעטע חיילות מיטן אינסטרואירן די לאַבאָראַטאָריעס פון דער ענגלישער אַדמיראַליציע, ער האָט אַנטוויקלט אַ מעטאָדע פון פּראָדוצירן סינטעטישן אַצעטאָן, וועלכן מען האָט באַנוצט ביים אויסאַרבעטן רויכלאָזן שיס־פּולווער. אין דער צייט פון דער ערשטער

וועלט־מלחמה איז בן־גוריון און די מענטשן פון דער יידישער בריגאַדע געווען אזוי דענערווירט און נידערגעשלאָגן, אז זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום חשק צוצוהעלפן צום נצחון.

ווייצמאַן האָט זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט גענומען קיין אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן. בן־גוריונס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע עסקנות איז באַזירט אויף פּאָליטישער טעטיקייט. ווייצמאַן איז געווען אַ ליבעראַל, בן־גוריון אַ סאָציאַליסט. ווייצמאַן רעדט נישט־זעלטן אין אַ אַקאַדעמישן טאָן, בן־גוריון איז אין אַלגעמיין עמפּיריש. ווייצמאַן האַלט, אז בן־גוריון האָט זיך נישט גענוג גערעכנט מיט דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט, און בן־גוריון מיינט, אז ווייצמאַן האָט זיך צופיל גערעכנט מיט דער עפנטלעכער מיינונג, מחוץ די גרענעצן פון מיטלען מזרח.

ווייצמאַן האָט נישט איינמאָל גערעדט וועגן דער „דעמאַגאָגיע פון פּאָליטישן טוער" אין קעגנזאַץ פון דעם „ערלעכן אינטעלעקטואלן פּראָצעס" וואָס קומט פאָר אין דער וויסנשאַפטלעכער לאַבאָראַטאָריע. בן־גוריונס יאָרן זענען אַריבער אין פּאָליטישער טעטיקייט און אַלס אָנפירער פון אַן ארבעטער באַוועגונג.

ווייצמאַן איז געווען דער מאַן פון לאַנגזאַמער טאַט, — טריט ביי טריט — ער האָט זיך אליין באַצייכנט אלס „אַ מעסיקער". בן־גוריון איז שטורעמדיק, אומגעדולדיק, און יאָגט זיך נאָך באַלדיקע רעזולטאַטן.

ווייצמאַן איז געווען אַ פאַרברענטער חסיד פון „הבלגה", פון דער קונסט פון איינהאַלטן זיך, בן־גוריון אָבער האַלט, אז עס אַנטשטייען אָפט סיטואַציעס, וועלכע צווינגען אויף מעשים און נישט איינהאַלטעניש. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע וואָס אַנטהאַלט פינף הונדערט זייטן דערמאָנט ווייצמאַן כמעט נישט בן־גוריונען, און נאָר איינמאָל דערשיינט דער נאָמען אינעם תוכן־הענינים אין אזא סטיל: „בן־גוריון אין קעגנערשאַפט צו ווייצמאַנען, זייט 442". בן־גוריון האָט ארויסגעוויזן מער ברייטהאַרציקייט, און אז עס איז געקומען די צייט, האָט ער געמאַכט דעם העכסטן זשעסט פון גרויסמוטיקייט לגבי דעם עלטערן מאַן.

דאָס רוב פון זיינע יאָרן האָט ווייצמאַן געהאַלטן, אז די יידישע מדינה קען אנטשטיין איינציק־און־אליין אין פאַל, אז די ענגלענדער וועלן באַוויליקן זי צו שאַפן. בן־גוריונס געדולד לגבי די ענגלענדער האָט געפּלאַצט און צום סוף האָט ער זיך באַצויגן צו זיי מיט ביטערקייט און שנאה. ספּעציעל נאָכדעם ווי ער האָט געזען די אויפפירונג פון אויסערן

מיניסטער ערנסט בעווין, און ווי די לייבאָר־פּאַרטיי האָט געבראָכן איר צוזאָג.

דאָס רוב קעגנזאַצן צווישן די צוויי מענער זענען געווען קלאָר פאַר אַלעמען, איינשליסלעך די צוויי מענטשן אַליין. פאַרגלייכנדיק זיך מיט בן־גוריונען האָט וויצמאַן געהאַט, מעגלעך אין אונטער־באַוווסטזיין, א געפיל פון געוויסער העכערקייט איבער דעם קליינעם און דיקלעכן אַר־בעטער־פירער. בן־גוריונס געפיל איז נישט איינמאָל געווען אינסטינק־טיוו פאַרביטערט לגבי וויצמאַנען, זיין לעבענס־שטייגער, זיין געדאַנקען־גאַנג, פּאָליטיק, טראַצדעם וואָס ער האָט הויך געשעצט וויצמאַנס חשיבות פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג.

נאָך 1920 זענען בן־גוריון און וויצמאַן נישט איינמאָל ארויסגעטרעטן אין צענטער פון דער טריבונע, און בן־גוריון פלעגט זיך באַנוצן מיט פאַרשידענע פּאָרטלען, ער זאָל נישט דאַרפן גיין אויף דער טריבונע צו־זאַמען מיט וויצמאַנען. ער האָט געוווסט, אַז די רעאַקציע פון פובליקום וועט זיין באַאיינפלוסט פון דעם אונטערשיד אין (פיזישן) וווקס צווישן זיי ביידע. אַז וויצמאַן האָט נאָר אָנגעהויבן שפּאַנען צו דער טריבונע, האָט בן־גוריון אויסגעפינען א מענטש מיט וועלכן ער האָט געדאַרפט עפּעס אָדורכרעדן, אָדער ער האָט געזוכט ערגעצוו א באַהעלטעניש צו טרינקען א גלאָז וואַסער. און נאָר נאָכדעם ווי דאָס פובליקום איז אויס געבראָכן אין א שטורעם אַפּלאָדיסמענטן פאַר דעם „אַרכיטעקט פון ישראל" איז זיך בן־גוריון רויק אַרויף אויף דער טריבונע און האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ צווישן די רעדנער.

אין אַלבערט־האָל אין לאָנדאָן האָט בן־גוריון זיך צוגעהערט, אין 1920, צו די רייד פון אַ צאָל רעדנער, וועלכע האָבן גערופן צו פאַרזיכ־טיקייט, רויקייט און צו אַ באַגרענעצטער עליה, ווייל עס איז נישטאָ קיין געלט. און וואָס מער ער האָט זיך צוגעהערט אַלץ מער איז זיין כעס גע־וואַקסן. ד"ר וויצמאַן האָט אויסגעזען צו זיין דער געשוווירענער פרע־דיקער פאַר דער אַרט פּאָליטיק.

מעגלעך, אַז די ערשטע רעדע וואָס בן־גוריון האָט געהאַלטן אויף יענער וועלט־קאָנפערענץ איז נישט געווען קיין מוסטער פון דיפּלאָמאַטיע, און אפילו נישט פון רעטאָריק, אָבער פון זיינע רייד האָט זיך געהערט דאָס קול פון די יידן אין ארץ־ישראל.

ער האָט דערציילט די דעלעגאַטן וועגן אַ ריזן־התלהבות וואָס איז פאַרשווונדעט געוואָרן און געגאַנגען לאיבוד, צוליב אָט די פאַרנעפּלטע רייד; ער האָט געפאָדערט דרייסטע פּלענער און אַן אַגרעסיווע לייטונג.

ער איז זיך נישט באַגאַנגען אײדל מיט די וואָס ער האָט באַטראַכט אַלס די שונאים פון דער אַרבעטער באַוועגונג. ער האָט באַשולדיקט ווייצמאַנס „וועד־הצירים“, אַז ער איז געשטאַנען ווי א שטערונג צווישן ישוב און די הערשער פון לאַנד. ער האָט אויסגערופן: „אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן מיר געקאָנט צוקומען דירעקט צו דזשאַמאַל פּאַשאַ. היינט מוזן מיר אין יעדער זאַך זיך באַנוצן מיט מעקלערס“.

ווען פּאָלאַ איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן מיט גאולהן, האָט בן־גוריון געדונגען אַ באַשיידענע דירה אין געגנט פון מיידאַ־ווייל, אייניקע מינוט מיט דער אונטערגרונט־באַן פון שטאָט־צענטער. דאָרט איז געבוירן געוואָרן דער זון עמוס.

ווען בן־גוריון האָט אויסגעוויילט דעם דאָזיקן נאָמען פאַר זיין זון, האָט פּאָלא געפרעגט: „פאַרוואָס עפּעס עמוס?“. און בן־גוריון האָט איר דערציילט, מיט א שטים וואָס האָט געקלונגען ווי דאָס קול פון אַ נביא, די געשיכטע פון דעם נביא עמוס — א פּאַסטוך וואָס האָט זיך ארומגע־טראָגן מיט דער אידעע פון א גאָט, נישט נאָר פארן פאָלק ישראל אליין, נאָר פאַר אַלע פעלקער; עמוס האָט געוואָרנט פאַר דער שרעקלעכער שטראָף אויף די אלע וואָס וועלן באַרויבן ארימעלייט. פּאָלאַ האָט געזאָגט: „דער דאָזיקער נביא האָט גערעדט ווי אַ סאָציאַליסט“. בן־גוריון האָט געשמייכלט.

און וויכטיקער נאָך דערפון וואָס עמוס איז געווען אַ סאָציאַליסט, האָט ער דאָך אויסגעדריקט די האָפענונג פון צוריקקערן זיך קיין ישראל אויף דער אייגענער ערד. ער האָט געזאָגט נביאות וועגן שלום און שלווה און אַז דער וואַנדערנדיקער ייד, וועט אויפהערן צו וואַנדערן.

בן־גוריון איז געווען אַנטוישט וואָס זיין זון איז נישט געבוירן געוואָרן אין ארץ־ישראל. גאולה איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק, יעצט איז עמוס געקומען אויף דער וועלט אין לאָנדאָן, אָבער די דריטע טאָכטער וועט שוין זיין א „סאַברע“.

אין זייער דירה אין מיידאַ־וויל פלעגט זיי באַזוכן משה שערטאָק, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַ סטודענט פאַר עקאָנאָמיע אין לאָנדאָנער אוניווערזיטעט. מיט אים איז אייניקע מאָל געקומען נאָך אַ חבר אַ סטו־דענט, דוד הכהן, א זון פון א באַקאַנטן העברעישן שריפטשטעלער. אלע דריי האָבן נישט איינמאָל זיך אַריינגעלאָזט אין פּאָליטישע דיסקוסיעס, בעת בן־גוריון האָט זיך פאַרנומען מיט גאולהן און עמוסן, כדי פּאָלאַ זאָל קאָנען מאַכן אירע איינקויפן אין דער אָדישווייר־גאַס.

איינמאָל האָט דוד הכהן צו וויסן געטוען: „גאָלאָמב איז אין ווין,

ער פרוווט דאָרט קויפן געווער". נאָך אַ קורצער צייט האָט דוד הכהן באַקומען אַ דרינגנדע אויפפאָדערונג פון גאָלאָמבן ער זאָל וואָס שנעלער קומען קיין ווין. די דאָזיקע אופפאָדערונג איז אין, גרונט גענומען, געווען אַ היסטאָרישע ווענדונג. דאָס ערשטע יידישע מיליטער אין אונדזער צייט האָט געהאַלטן ביים אויפשטעלן זיין געווער־לאַגער אין ווין. גאָלאָמב האָט דאָרט אויסגעפונען אַ קוואַל פון ביקסן. ער און זיין פריינט, לוי שקאָלניק, אויך ער א חבר פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי, האָבן, ווען דוד הכהן איז אָנגעקומען קיין ווין געהאַט מאַגאַזינירט דאָס געווער אין אַן אונטערערדישן קעלער. „נעם זיך גלייך צו דער ארבעט, העלף אונדז", האָט מען געזאָגט הכהנען, און ער האָט אויסגעפירט דעם באַפעל. ווי נאָר ער האָט גענומען מאַכן אָרדענונג אין קעלער, זענען דערשינען פּאָליציי־לייט און מ'האָט זיי פאַר־האַלטן. צום שלוס זענען גאָלאָמב מיט שקאָלניקן באַפרייט געוואָרן פון טורמע, און הכהן איז געבליבן זיצן, מחמת די פּאָליציי האָט חושד געווען, אַז ער איז דער אָנפירער פון דער שייקע. ער איז געזעסן אַ חודש צייט, און דאָס זיצן איז געווען א גוטע הכשרה פאר דער צוקונפט; דאָס איז נישט געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס הכהן וועט זיצן צוליב פּאָליטישע חשדים.

עמוס איז געווען קוים עטלעכע חדשים אלט, ווען בן־גוריון האָט געהאַט באַשלאָסן צו מאַכן א רייזע, מיט זיין גאַנצער משפחה, איבער אַ דריי שטעט אין אייראָפּע. זיי זענען געפאָרן איבערן קאַנאַל לאַ־מאַנש, דאָס רוב רייזנדע האָבן געליטן פון דער ים־קראַנקהייט. פּאָלאַ וועט איר גאַנץ לעבן נישט פארגעסן דאָס דאָזיקע איבערלעבעניש. זי האָט זיך אין בענק־שאַפט דערמאָנט אין איר רויק לעבן אין ברוקלין, איידער זי האָט זיך פאַרליבט אין אַן ארץ־ישראל עסקן.

אָבער, פּאַריז און ווין זענען געווען הערלעך, און פּאָלען איז יעצט געקומען אויפן געדאַנק דאָס, וואָס אירע עלטערן האָבן איר אַמאָל דערציילט וועגן דעם שיינעם ווין. די רייזע האָט זיך געצויגן אייניקע חדשים. די דאָזיקע וואָגלעניש האָבן געקענט שטעלן אין נסיון די כוחות און די איבערגעבנקייט פון יעדער פרוי. א רייזע אין דריטן קלאַס, אין שמוציקע וואַגאָנעס, גאַנצע טעג איינזאַם אליין, אין א קליין האָטעל־צימערל צוזאַמען מיט די קינדער, אין דער צייט וואָס בן־גוריון איז געווען פאַרטועַן ערגעץ אויף זיינע פאַרזאַמלונגען. אויך ביינאַכט האָט זי געדאַרפט בלייבן אין איר איינזאַמקייט, ווען בן־גוריון האָט זיך געפונען ווער־ווייס־ווו און געהאַלטן זיינע רעדעס. זעלטן ווען זי האָט באַקומען מיטהילף, אַ מיידל וואָס זאָל

בלייבן מיט די קינדער, כדי זי זאָל ארויסגיין און אויך הערן דעם מאַנס אַ רעדע. עס האָט אויסגעזען, אַז עס איז אים געלונגען איבערצוציגן די מענטשן אין זיין ערלעכקייט און איבערגעבנקייט צו זיינע אידעאלן. דער דאָזיקער רייזע־טור האָט זיך פאַרענדיקט אין פּלאָנסק. דער אַדוואָקאַט גרין האָט אַ צווייט מאָל חתונה געהאַט, עטלעכע קינדער זענען נאָך געווען אין דער היים.

„דאָס איז געווען דאָס אַנגענעמסטע הויז אין פּלאָנסק", האָט שפּעטער געזאָגט פּאָלאַ, זי איז געווען אונטערן איינדרוק פון געבורטס־אָרט פון יענעם מענטש, וועלכן זי האָט תמיד גערופן „דער גרויסער".

קאַפּיטל פינף

בן־גוריון איז געווען מיט אַכט־און־דרייסיק יאָר צוריק, איינער פון די גרינדער פון דער אַרבעטער־הסתדרות, און פון דעמאָלט אָן איז ער דער מענטש וואָס באַשטימט איר פּאָליטיק. די הסתדרות איז אפשר די משונהדיקסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אויף דער וועלט: עס געהערן צו איר קינסטלער, בוי־אַרבעטער, שרייבער, גרעבער, שאָפערן, וויסנשאַפט־לער און אפילו קינדער — די העלפט פון דער באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל. זי איז אליין אַן אַרבעטס־געבערין און אויך אַ באַשיצערין פון אַרבעטער. עס זענען איר אונטערגעוואָרפן די הויפּט פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט אין לאַנד, איינציקע באַנקן, 96 פּראָצענט פון דער קאָמוניקאַציע־װעזן, דאָס רוב אַקציעס פון דעם איינציקן נאַפט־פעלד אין לאַנד, און אומגעפער די העלפט פון דעם רעשט אינדוסטרי־אונטערנעמונגען, איינגעשלאָסן אַ בוי־געזעלשאַפט, וועלכע באַזיצט כמעט דעם מאָנאָפּאָל אויף געזעלשאַפטלעכע בוי־אַרבעטן. די הסתדרות האָט אפילו אַן אייגן טעאַטער.

היינט־צו־טאָג איז נישט פאַראַנען אין ישראל קיין שום מענטש, וואָס זאָל קענען עסן, שלאָפן, פאָרן אָדער שטאַרבן, אָן אַ וועלכן ס'איז קאָנטאַקט מיט דער הסתדרות. בן־גוריונס מיינונג איז געווען, אַז די הסתדרות קאָן אויף זיך נעמען די ריזיקעס וואָס דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל, און ספּעציעל אין די ערשטע צייטן, וועט אויף קיין פאַל נישט וועלן אויף זיך נעמען. דאָס הויז פון דער הסתדרות איז אַ זיבן־שטאָקיקע צעמענט־געבײַדע אין תל־אָביב, און פיל פון די טוריסטן גלויבן, אַז דאָס איז דער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאָל. צוליב דעם און אויך צוליבן איינפלוס פון דער הסתדרות אויפן פּאָליטישן לעבן אין לאַנד רופט מען די דאָזיקע געבײַדע „דער קרעמל".

בן־גוריון אלס ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, האָט גלייך אָנגעפאַנגען אַ גרויסע קאַמפּאַניע צו ווערבירן אַראַבישע חברים פאַר דער הסתדרות, און דערמיט זיך איינגעקויפט נייע פיינט.

„שטעל דיר נאָר פאָר", האָבן די קעגנער געטענהט, „אַ ייִד אָרגאַניזירט אַראַבישע אַרבעטער, כדי זיי זאָלן פאָדערן העכערע לוינען פון ייִדישע אַרבעטס־געבער!".

אין די צוואַנציקער יאָרן איז בן־גוריון געפאָרן קיין רוסלאַנד, כדי דאָרט צו רעפּרעזענטירן די הסתדרות אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג. ער האָט זיך נישט שטאַרק באַגייסטערט מיט דעם וואָס ער האָט דאָרט געזען, אויך די סאָוויעטישע באַאַמטע האָבן זיך קנאַפּ־וואָס אי־בערגענומען מיט דער התלהבות פאַרן הסתדרות און אַרבעטנדיקן ציוניזם, וואָס דער קליין־געוויקסיקער מאַן, אַן אַ היטל און אַן אַ קראַוואַט האָט זיי געוואָלט „פאַרקויפן". א סך יידן זענען שוין אין יענער צייט געהאַט פאַר־טריבן געוואָרן קיין סיביר פאַר ציוניסטישע טעטיקייט.

נאָך אייניקע יאָר, האָט דער וועלט־יידנטום, סוף־כל־סוף, אָרגאַניזירט די יידישע אַגענץ, וועלכע האָט געדאַרפט לויטן מאַנדאַט רעפּרעזענטירן דאָס יידישע פאָלק אין זיין קאַמף פאַר זעלבסטשטענדיקייט. דאָס איז געווען א מדינה אין אַ מדינה, אַן אייגענעם קאַבינעט, מיט אַן אייגענעם בודזשעט, אייגן מיליטער און אייגענע געהיימע דינסט. בן־גוריון איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס אַ מיטגליד פון דער לייטונג, אָבער היות ער האָט שוין באַקומען איין חודש־געהאַלט פון דער הסתדרות, האָט ער גע־אַרבעט אין דער סוכנות שלא־על־מנת לקבל פרס. „איך גלויב, אַז איך דאַרף פאַרווירקלעכן מיינע פּרינציפּן אין לעבן", האָט ער געזאָגט קלאָר און שאַרף. דער מאַנדאַט האָט אין קיין איינעם פון זיינע פּאַראַגראַפן נישט פאַרגעזען, אַז די יידישע אַגענץ האָט דאָס רעכט אויפצוהאַלטן אַן אייגענע אַרמיי; פונדעסטוועגן האָט זי געהאַט אזא אַרמיי — דאָס איז געווען די הגנה — די אונטערגרונט־אַרמיי וואָס גאַלאָמב האָט זי געשאַפן, וואָס פון מאָמענט פון איר געבוירן איז בן־גוריון געווען איר פייערדיקער חסיד.

„מיר מוזן די יידן וואָס קומען צוריק אהיים, מאַכן שטאָלץ דערמיט וואָס זיי זענען יידן".

צו מאַכן זיי שטאָלץ באַדייט, אז זיי זאָלן אויפהערן צו זיין אונטערטעניק. הייסט זיי זאָלן אויפהערן מורא האָבן. אָבער, כדי זיי זאָלן נישט מורא האָבן, מוזן זיי קאָנען צוריקשלאָגן. ביז בן־גוריונס צייטן האָבן וויניק יידן גע־חלומט וועגן דעם, אַז זיי זאָלן גאָר אָנהויבן אַן אָפענזיווע.

נאָך אַ וויזיט אין ענגלאַנד האָט ער געזאָגט:

„די ענגלענדער משפטן די וועלט לויט דעם וואָס זיי זענען אליין, אונדז וועט מען שטענדיק משפטן לויט אונדזערע מעשים".

ער האָט געוואָלט העלפן בויען אַ יידישע מדינה. ווו יידן זאָלן זיך קאָנען באַפרייען פון זייער צוויי־טויזנט יאָריקער שפּאַנונג. פון דער שרעק פאַר

אַ פּאָגראָם וואָס גרייט זיך אויף זיי, אָבער גאָר פון פחד צוליב אַן אָפּזאָג אַנצונעמען יידישע מיטגלידער אין א ספּאָרט־קלוב.

די לאַגע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן פאַרבעסערן פון דעם מאָמענט ווען קאַצענעלסאָן, בן־גוריונס פריינט, איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער נייער טעגלעכער צייטונג „דבר״. פון איצט אָן און ווייטער פלעגט קאַצענעלסאָן זיצן אין רע־דאַקטאָר־צימער און פון דאָרט רעגולירן מיט בן־גוריונס וועגן און מיט די ענינים פון דער ארבעטער־באַוועגונג. ער וועט זיינע אידעען פאַר־שפּרייטן אין דער עפנטלעכקייט, און בן־גוריון וועט זיי פאַרווירקלעכן אין לעבן. דאָס איז געווען אַ זיווג מן השמים.

אין איינעם אַ טאָג, אין יאָר 1928, זענען בן־גוריון און פרוי, עמוס, גאולה, קאַצענעלסאָן און פרוי און דער שאָפער מיט זיין פרוי — געפאָרן אין אויטאָ דורך א וואַלד אויף א קאָנפערענץ. אויפן וועג לוד — רמלה, האָט דער שאָפער, וועלנדיק איבעריאָגן א צווייטן שאָפער, גענומען שנעל טרייבן זיין מאַשין, זי איז אראָפּ פון וועג און זיך צעקלאַפּט אין אַן אייל־בירטן־בוים און כמעט זיך איבערגעדרייט. די ארבעטער־באַוועגונג האָט שיעור נישט פאַרלוירן אירע צוויי וויכטיקסטע חברים.

אין אַ צווייטער מאַשין נאָך זיי איז געפאָרן זאב שערף, דער שפּע־טערדיקער שטאַטס־סעקרעטאַר. ער האָט די דריי משפחות ארויסגעצויגן פון אונטער די חורבות. קאַצענעלסאָן האָט געהאַט אַ צעבראָכענעם פוס און איז געווען פאַרווונדעט אין פנים. אַלע אנדערע זיבן פּאסאזשירן זענען לייכט פאַרווונדעט געוואָרן. בן־גוריונס ערשטע זאָרג איז געווען, פּאָלאַ און זיינע קינדער. קאַצענעלסאָן האָט אין זיינע שמערצן נישט פאַרגעסן צו זאָגן: „פאַרגעס נישט דעם שאָפער, מען דאַרף זען אז מען זאָל אים נישט באַשולדיקן. מען טאָר אים נישט באַשטראָפן״. נאָך דעם ווי שערף האָט אַוועקגעפירט אַלע אַכט פאַרווונדעטע אין שפּיטאָל, איז ער אַוועק צו דער קאָנפערענץ און האָט מודיע געווען דעם פאָרזיצער, משה שערטאָק, אז ער וועט דאַרפן אליין האַלטן אַלע רעדעס.

אויף א קאָנפערענץ וואָס איז אין יענעם יאָר פאָרגעקומען אין וואַרשע האָט בן־גוריון באַקומען אַ טעלעגראַמע, וואָס האָט ארויסגערופן ביי אים אַ גרויסע פרייד. חברים האָבן זיך אַזש אַריינגעלאָזן אין טרעפּעגישן וועגן דעם אינהאַלט פון דער טעלעגראַמע. „האָט נישט אַמאָל ענגלאַנד פאַר־עפנטלעכט א נײַ ווייס־בוך לטובת אונדז?״, אָדער גאָר אמעריקע?... ביי־

נאכט האט ער זיי סוף־כל־סוף געוויזן די טעלעגראמע. עס איז געווען פון פאלען א ידיעה, אז עמוס האט אויסגעהאלטן דעם פריילינגס־עקזאמען אין דער שולע.

אין די שפעטערע צוואנציקער יארן האט זיין שווארצע טשופרינע אנגעפאנגען צוביסלעך ווערן שיטערער און באזילבערט, טראצדעם וואס ער איז נאך געווען א יונגער מענטש. מעגלעך, אז די געשעענישן האבן דערצו גורם געווען. די גאנצע התלהבות וואס האט זיך געהאט אקומולירט אין דער דערוואַרטונג פון גאנץ ארץ־ישראל, אין די ערשטע פון יענע צען יאר, איז איינגאנצן אפגעקילט געווארן. דאס איז געשען אין רעזולטאט פון דעם וואס איז דא שפעטער פארגעקומען.

סער הערבערט סעמיועל, אין וועלכן פיל האבן אזוי שטארק געגלויבט, האט באשטימט א בייראט, וואס זאל אים העלפן ביים אדמיניסטרירן דאס לאנד. בלויז דריי פון די זיבצן מיטגלידער פון בייראט זענען געווען יידן, די רעשט זענען געווען אראבער און ענגלענדער.

„אויף אזא אופן ווילן זיי אונדז רייף מאכן אנצופירן אליין מיט אונדזערע ענינים?", האבן די תל־אביבער און ירושלימער יידן געשמועסט צווישן זיך. „און פארוואס באציט ער זיך אזוי אומסימפאטיש צו אונדז?". „איז ער אין דער אמתן א ייד?". „און וואס איז מיטן פאראגראף זעקס?". פאראגראף זעקס האט ארויפגעלייגט א פליכט אויף ענגלאנד „צו דערלייכטערן די ידישע עליה", דערוויל איז קיין שום ייד נישט דערלויבט געווארן אריינצוקומען אין לאנד אריין אן א סערטיפיקאט. און לאנדאן האט אפגעשטעלט דאס ארויסגעבן סערטיפיקאטן.

פיל האבן באשולדיקט הערבערט סעמיועלן. „שטעל דיר נאר פאר — א ייד, אן אונדזעריקער, ער טוט אונדז אן די אלע צרות".

וויצמאן האט זיך געזען מיטן בריטישן קאלאניען־מיניסטער און האט באקומען אן אפשטויסנדיקע און נעגאטיווע תשובה:

„אין ארץ־ישראל איז נישטא קיין פלאץ אפילו פאר נאך איין קאץ. דאס לאנד איז איבערפולט. קיין איינציקער מענטש קאן זיך דארט מער נישט איינארדנען. וואס פאר א זין האט עס צו פארלאנגען פון מיר נאך סערטיפיקאטן"?

וויצמאן האט געווארט זיבצן יאר איידער ער האט געענטפערט דעם בריטישן קאלאניען־מיניסטער. ווען עס איז געקומען די צייט האט ער געזאגט: „ציילט איבער די צאל קעץ וואס זענען אריינגעקומען אין לאנד

אַריין, די צאָל נייע אינדוסטריעס וואָס זענען אויסגעבויט געוואָרן, און אורטיילט אליין, צי איז דאָס לאנד טאַקע אָרעמער געוואָרן״.

דערווייל אָבער איז געווען 1929. ענגלאַנד האָט געטוען אלץ, כדי זיך איינצוקויפן דעם חסד פון די אראבער. זי האָט געבראָכן די יידנס טריט. ווי נאָר וייצמאַן, בן־גוריון אָדער אַן אנדערער פירער פלעגט אויפהויבן אַ געוואַלט, איז געשיקט געוואָרן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע אויפן נאָענטן מזרח, אויסצופאָרשן די זאַך און צוצושטעלן אַ באַריכט...

בן־גוריון איז געפאָרן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס קיין ווין און דאָרט האָט ער גערעדט אין נאָמען פון די אויפגעבראַכטע ארץ־ישראל יידן. שטייענדיק אין זיין אָפענער בלוזע, מיט אַ צאָרנדיקן בליק אויף דער טריבונע פאַר די צוויי הונדערט דעלעגאַטן, האָט ער געהאַלטן איינע פון די פאַרביטערסטע רעדעס אין זיין לעבן. אין אָנפאַנג האָט ער געצילט אין הערבערט סעמיועלן:

„ווען ער איז געקומען האָבן מיר זיך צו אים באַצויגן מיט כבוד״... דערנאָך האָט ער אָנגעגריפן די ענגלענדער.

די קאָנגרעס־דעלעגאַטן זענען געווען נידערגעשלאָגן. דער פאָרזיצער האָט אָפט געקלאַפּט מיטן האַמער אין טיש. ביטערע טעג זענען עס געווען, טעג פון טרויער און האַרץ־ווייטיק. ווו בן־גוריון האָט זיך נאָר געקערט און געווענדט, האָט ער געזען דיסקרימינאַציע קעגן זיין פאָלק. אלע בריטישע באַאַמטע זענען געווען באַוואָפנט, אויסער די ידישע. אפילו פון אַן ענגלישן ייד וואָס האָט געאַרבעט אַלס יורידישער יועץ, האָט מען צוגענומען דאָס רעכט צו טראָגן געווער.

אויך אויפן ארבעטס־פראָנט איז נישט אלץ געווען אין אָרדנונג. תל־אביב איז געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן.

די פּתח־תקוהער קאָלאָניסטן האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו אימפּאָרטירן ביליקע מצרישע ארבעטס־הענט. אין ירושלים האָט מען געבויט אַ שרייבער־הויז אויפן נאָמען פון הערצלען. בן־גוריון האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט: „זעלטן הערט מען ביי די מויערן, אַ העברעיש וואָרט, אָדער אַ העברעישע מעלאָדיע. אַראַבישע ארבעטער מאַכן די גאַנצע אַרבעט״.

די דרייסיקער יאָרן האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ בלוטיקן פּאָגראָם. אַראַבישע בוליגאַנעס האָבן געמאַכט אַ שחיטה אויף די ירושלימער יידן און האָבן געראַבעוועט זייער פאַרמעגן. לאָנדאָן האָט באַשטימט נאָך אַ קאָמיסיע,

נאָך אַן אויספאָרשונג. סוף־סוף איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַריכט פון דער קאָמיסיע, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער מופטי איז דער הויפט־שולדיקער. די בריטישע רעגירונג האָט רעאַגירט מיט אַ ניי ווייס־בוך, וואָס האָט באַגרענעצט די יידישע עליה און דאָס רעכט פון יידן צו קויפן ערד.

בן־גוריון איז אויפגעברויזט געוואָרן צוליבן פאַקט, וואָס די דאָזיקע אַלע באַגרענעצונגען זענען געקומען פון אַן ארבעטער רעגירונג. און איר פּרעמיער איז געווען ראַמזיי מאַקדאָנאַלד, וועלכער פלעגט אויסדריקן סימ־פּאַטיע פאַר דער יידישער זאַך. בן־גוריון האָט נישט פאַרגעסן און האָט נישט מוחל געווען. ס'איז איינגעטרעטן דאָס יאָרצענדליק פון רציחות, פּחד פאַר טעראָר אין אייראָפּע, אראבישע פּאָגראָמשטשיקעס און ענגלישער תהו ובהו; נאָך קאָמיסיעס; נאָך באַריכטן און ווייס־ביכער; און צום סוף — די מלחמה. אין ירושלים האָט פּאָלאַ געבוירן נאָך אַ טאָכטער, און מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן רננה; סוף־סוף האָט בן־גוריון געהאַט אַ סאַברע.

אין די דרייסיקער יאָרן איז בן־גוריון געווען דאָס רוב צייט אויסער דער היים, געווען אריינגעטועט אין עסקנות ערגעצווו, געהאַלטן רעדעס, געזעסן אויף בעראַטונגען. ער איז דאָך געווען, אי אַ פּאָליטישער עסקן, אי אַן אַרבעטער־פירער.

אויף דעם קומענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס זענען ווייצמאַן און זשאַ־באָטינסקי געווען די „שטערן". זשאַבאָטינסקי אַלס געשליפענער רעדנער, האָט געקענט לייכט רעפערירן אויף אכט אָדער ניין שפּראַכן; ער איז געווען דער אָפּגאָט פון אַ גרויסן טייל פון דער יידישער יוגנט אין פּוילן און אין ארץ־ישראל. ער איז געווען דיכטער, געלערנטער און קריטיקער פון מאַלעריי און סקולפּטור, אָבער מער ווי אַלץ — אַ קעמפערישער ציו־ניסט. ער האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון מאַקסים גאָרקי און פון טאָלסטאָי.

זשאַבאָטינסקי און ווייצמאַן האָבן געקענט מיט זייערע רעדנער כוחות אויסשטיין איינער דעם צווייטנס קאָנקורענץ. אויף יענעם קאָנגרעס האָט זשאַבאָטינסקי געהאַלטן איינע פון זיינע פלאַמעדיקסטע רעדעס אין וועלכער ער האָט געפאָדערט אַ יידישע מדינה אויף ביידע ברעגעס פון ירדן, וואָס זאָל ארומנעמען דעם גאַנצן שטח פון דעם אַלטערטימלעכן ארץ־ישראל. אַז ער האָט פאַרענדיקט איז אויפגעשטאַנען ווייצמאַן, האָט געשמייכלט און געזאָגט: „די ווענט פון יריחו זענען ג ע פ אַ ל ן פון געשרייען און פון

שופרות־בלאָזן, איך האָב אָבער נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אַז מיט אזעלכע מיטלען זאָלן אויפגעבויט ווערן וועגט״.

נאָך איינִיקע טעג איז ווייצמאַן, צום ערשטן מאָל, דורכגעפאַלן ביי די וואַלן. ער איז נישט אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

דערווייל איז בן־גוריון געוואָרן דער פירער פון אַ נייער פּאַרטייִקער ארבעטער־פּאַרטיי — מפא״י. זשאַבאָטינסקיס חסידים האָבן זיך גערופן רעוויזיאָניסטן. דאָס זענען געווען צוויי פליגלען, רעכטס און לינקס, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפירט אַן אָן־פּשרותדיקע מלחמה, און זי האָט דערפירט צום ערשטן מאָרד אין ארץ־ישראל.

די נאַציס האָבן איבערגענומען די מאַכט. פון דער פּרעסע האָט די מענטשהייט אָנגעהויבן לערנען וועגן איינע פון די מיאוסטע אַנטפּלעקונגען; שנאה פון מענטש צו מענטש — דעם אַנטיסעמיטיזם. היטלער האָט דערקלערט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די יידן פון דייטשלאַנד, און אפשר פון גאַנץ אייראָפּע, קאָנען בלייבן לעבן אָן נישט פרניכטעט ווערן, נאָר אין דעם פאַל, ווען זיי וועלן פאַרלאָזן זייערע ערטער און אַוועק.

חיים אַרלאָזאָראָוו, דער לייטער פון פּאָליטישן דעפּאַרטעמענט אין דער יידישער אגענץ, איז געשיקט געוואָרן קיין בערלין, כדי דאָרט אויסצופאָרשן די מעגלעכקייט אַפּצוראַטעווען אַ מיליאָן דייטשע יידן; נאָך אייניקע וואָכן איז ער צוריקגעקומען און צוגעשטעלט אַ באַריכט פון זיין שליחות.

אין איינעם פון די זומער־אָוונטן האָט חיים אַרלאָזאָראָוו שפּאַצירט מיט זיין ווייב אויפן ברעג ים אין תל־אביב. א פרעמדער מאַן האָט זיי פאַרהאַלטן און געבעטן אַ שוועבעלע. אַרלאָזאָראָוו האָט געזוכט אין זיינע קעשענעס. עס האָט זיך געהערט אַ שאָס. אַרלאָזאָראָוו איז געפאַלן באַגייסנדיק זיך מיט בלוט. דער מערדער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט.

א יונגער רעוויזיאָניסט, אברהם סטאַווסקי, איז פארהאלטן געוואָרן, בן־גוריון האָט עפּענטלעך דערקלערט: ער איז איבערצייגט אַז סטאַווסקי איז דער מערדער. פון דן ביז באר־שבע האָט מען דיסקוטירט וועגן דער פראגע סטאַווסקי. דער גאַנצער ביזאַיצטיקער קאַמף אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז געווען אַ קאַמף פון ווערטער. די נייע אַנטוויקלונג האָט אויפגעטרייסלט פיל מענטשן. ווען זיך די יידן אין ארץ־ישראל אָנהויבן

מאָרדן איינער דעם צווייטן? און דאָס אין אזא צייט, ווען אין אייראָפּע הויבט זיך אָן דער שרעקלעכסטער פאַרניכטונגס פּראָצעס?

צום סוף איז סטאַווסקי באַפרייט געוואָרן. אָבער נאָך פופצן יאָר איז ער געפאַלן טויט נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו אַרלאָזאָראָוו איז דער־מאָרדעט געוואָרן.

דאָס איז געווען דער לייט־מאָטיוו פאַר דעם ציוניסטישן קאָנגרעס פון יאָר 1933, אויף וועלכן עס האָבן געקעמפט פאַר דער מאַכט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, דער קעמפער־דיכטער זשאַבאָטינסקי און דער אַרבעטער־פירער בן־גוריון. ווען מען האָט אָפּגעציילט די שטימען האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די סאָציאַליסטן האָבן באַקומען די נויטיקע צאָל שטימען אויף צו באַהערשן דעם קאָנגרעס. דער ריז פון נידעריקן וווקס איז איצט געזעסן ביים רודער פון דער מאַכט.

פרילינג 1935 זענען פון ירושלים ארויס אין אן אויטאָ, דריי מענער און דריי פרויען אויף אָ פינף־טאָגיקער נסיעה איבערן לאַנד. איינער פון זיי איז געווען אליהו עפשטיין, וואָס איז מיט צען יאָר פריער אָנגע־קומען פון רוסלאַנד. ער האָט מקיים געווען וואָרט־ביי־וואָרט וואָס בן־גוריון האָט געפּרעדיקט. צוערשט ווי א חבר אין קיבוץ ביים טרוקענען זומפּן, ביז ער איז כמעט געפאלן א קרבן פון מאַלאַריע; שפּעטער אַלס אַרבעטער ביי אַ חיפהער קבלן, וועלכער האָט געבויט אַ באַזע פאַר דער קעניגלעכער אַוויאַציע אין דער נאָענט פון עבר הירדן און סאוד־אַראַביע. ער האָט זיך דאָרט באַפריינדעט מיט די בעדואינער און איז צוזאַמען מיט אייניקע פון זיי אוועק אויף א שפּאַציר אויפן צפונדיקן באַרג פון רויטן ים. דאָרט איז געלעגן דאָס פישער־דאָרף ע ק ב ה — אין עבר־הירדן, און קעגנאיבער, אין ארץ־ישראל — אַ פּלאַץ וואָס האָט אויף דער מאַפּע זיך גערופן: אום־אל־ראַשראַש. — דאָ האָט זיך געפונען בלויז אַ פּאָריתומטער און אָפּגעלאָזענער באַראַק, וואָס האָט געהערט צו אן ענגלענדער, וועלכער האָט געזוכט מינעראַל־גרובן. אין די דאָזיקע ווייטע געגנטן האָט דער יונגער עפּשטיין ליב געקראָגן דעם מדבר, האָט דערוואָרבן די אַראַבישע שפּראַך און אַ וויזיע איבער דעם, וואָס אום־אל־ראַשראַש וועט אַמאָל זיין, אויב ער וועט דערלעבן און דער חלום פון אַ יידישער מדינה וועט ווערן אַ ווירקלעכקייט. ער האָט דאָס איצט אָרגאַניזירט די דאָזיקע נסיעה. ער האָט געוואָלט אַז זיין פרוי און זיינע פריינט, בן־גוריון און פרוי, קאַ־צענעלסאָן און פרוי, זאָלן מיט אייגענע אויגן אָנקוקן דעם דאָזיקן מקום אין דער מדבר.

זיי זענען געפאָרן פון ירושלים קיין רבת־עמון, און פון דאָרט לענג־אויס דעם ים־המלח, אויף דעם עבר־הירדנער זייט, קיין אום־אַל־ראַשראַש. דאָס איז געווען דער וועג ווי משה רבנו האָט געפירט די יידן, נאָר אין דער פאַרקערטער ריכטונג — אויף צוריק.

די טוריסטן האָבן אַזוי פּלאַנירט זייער אויספלוג, אַז זיי זאָלן אָנקומען צום ציל פונקט ערב פּסח, און זאָלן פּראַווען דעם טראַדיציאָנעלן סדר אויף יענעם אָרט, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דער גע־שיכטע פון יידישן פאָלק אין די אור־אַלטע צייטן.

די פינף מענטשן האָבן דאָ געמאַכט זייער ערשטן באַזוך, און זייער וועג־ווייזער האָט זיי געקאָנט אינפאָרמירן וועגן אַלעם אַרום. פון געשאַ־פענעם מיט מענטשלעכע הענט, איז דאָ קיין סך נישט פאַראַן געווען צו זען.

„קוקט אָן דעם פּאָרט", האָט עפּשטיין אויסגערופן. זיי האָבן אַלע גוט געקענט תנ"ך און האָבן נישט געדאַרפט דערציילן איינעם דעם צווייטן, אַז אין שלמה המלך'ס צייטן איז אום־אַל־ראַשראַש געווען אילת. „און אַ פלאָט האָט שלמה המלך אויסגעבויט" אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ. און פון דעם ים־אויסגוס האָט ער געשיקט די פּראָדוקציע פון לאַנד אין די ווייטסטע מקומות. נישט־ווייט פון דאַנען זענען געווען אינדוסטרי־אונ־טערנעמונגען, וועלכע האָבן באַאַרבעט דאָס קופּער פון מלך'ס גרובן. עס איז זער מעגלעך, אַז דאָ האָבן געאַנקערט יענע אַלטע שיפן, וואָס די מלכה־שבא האָט געשיקט פאַר איר קומען, אַלס מתנה דעם מלך שלמה (לויט דער דערציילונג אין תרגום־שני פון מגילת אסתר), — שיפן אָנגעלאָדנטע מיט פּימסן־האָלץ און איידל־שטיינער, מיט זעקס טויזנט יינגלעך און מיידלעך — אַלע געבוירענע אין דעם זעלבן טאָג און אין דער זעלביקער שעה, אַלע פון זעלבן וווקס, און אַלע אָנגעטאָן אין פּורפּור.

די עקסקורסאַנטן זענען פאַרכישופט געווען פון אילתס פּילפּאַרביקייט. די זאַמדן זענען דאָ נישט געווען געל, ווי אַלע זאַמדן אומעטום, נאָר בלוי, ראָזע און רויטלעך. און ווען די אַנדערע האָבן געשמועסט צווישן זיך, האָט דער מאַן, מיט די שיטער געוואָרענע און באַזילבערטע האָר, זיך פאַרקוקט ווייט אין פּאָרט, ווי ער וואָלט געחלומט מיט אָפענע אויגן.

אין אַ בריוו וואָס בן־גוריון האָט אין אייניקע וואָכן אַרום געשריבן צום אויבער־ריכטער בראַנדייס, האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק זיין וויזיע. ער שרייבט דאָרט, אַז עס איז נישט ווייט דער טאָג ווען עס וועט אַנטשטיין אַ יידישע מדינה, און אין דער דאָזיקער מדינה „וועט אילת

דערפילן נאָך א וויכטיקערע פּאָליטישע אוןווירטשאַפטלעכע ראָלע, ווי זי האָט דערפילט אין די צייטן פון תנ״ך".

אַ קורצע צייט נאָך דער עקסקורסיע קיין אילת איז בן־גוריון אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּאָרזיצער אין דער לייטונג פון דער ידישער אַגענץ, דאָס מיינט — אַלס פּרעמיער מיניסטער. זיין רעגירונג איז געווען אַ רעגירונג פון שאָטנס, א רעגירונג פון אַ מדינה וואָס איז נאָכנישט געהאַט געבוירן געוואָרן.

איינער פון בן־גוריונס נאָענטסטע אַראַבישע פריינט איז געווען מוסאַ אַל־עלמי, אַ קולטורעלער מאַן פון א מיוחסדיקער משפחה, וואָס האָט באַקומען זיין אויסבילדונג אין אייראָפּע. ער איז געווען דעם מופטיס א קרוב. פריער איז ער געווען דער יורידישער יועץ פון דער ארץ־ישראל רעגירונג. ער האָט געלעבט אין ירושלים. און אין ירושלים האָט בן־גוריון איינמאָל, אין א פרילינג־טאָג אין 1936, מיטן וויסן פון ווייצמאַנען און פון מופטי געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט מוסאַ אל־עלמי, אין דער האָפענונג צו קומען צו אן אויסגלייך וואָס זאָל דערמעגלעכן, אי די אראבער, אי די יידן צו גרינדן אייגענע מדינות.

עס איז געווען אַ געפערלעכע אונטערנעמונג פאר ביידע צדדים. און ספּעציעל פאר מוסא אל־עלמי. יעדער אַראַבער וואָס עס איז אויף אים נאָר געפאַלן א שאָטן פון א חשד, אז ער האָט אַ וועלכע־עס־איז פאַרבינדונג מיט יידן, איז געווען אין געפאַר, אז מען וועט אים ביינאַכט ארויסשלעפּן פון בעט און דערהרגענען.

אין מיטן די אונטערהאַנדלונגען, בשעת בן־גוריון האָט זיך געטראָפן צום צווייטן מאָל מיט מוסאן, האָבן זיך אנגעהויבן די פּאָגראָמען פון יאָר 1936.

ביים אָנהויב זענען זיי אויסגעבראָכן אין יפו, און פון דאָרט האָבן זיי זיך אריבערגעטראָגן אויף יעדן פלאַץ אין לאַנד, וווּ יידן מיט אראבער האָבן געוווינט צוזאַמען. די צאָל דערמאָרדעטע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די אַראַבער האָבן דערקלערט אַ שטרייק, עס האָט געהאַלטן דערביי, אז אלץ אין לאַנד זאָל פּאַראַליזירט ווערן. די בריטישע רעגירונג האָט שנעל אַלאַרמירט מיליטערישע פאַרשטארקונג פון מצרים, שפּעטער אויך פון מאַלטאַ און אראָפּגעבראַכט א גאנצע בריגאַדע פון ענגלאַנד. און צום סוף, די אומפארמיידלעכע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע.

אין יענע שווערע טעג, מורא האָבנדיק אַז ער וועט ארויס פון די ראַמען, פלעגט בן־גוריון אויסמיידן פאַרזאַמלונגען אין ירושלים און ער איז

א שווייגנדיקער אוועק אויפן הר הצופים, אין דער העברעישער אוניווער־זיטעט, און זיך פארטיפט אין זיינע ביכער, ביז ער האָט צוריקבאַקומען זיין גייסטיקע רויקייט.

די אויספאָרשער וואָס זענען געקומען פון ענגלאַנד האָבן באַקומען דעם נאָמען „די פיל־קאָמיסיע", אויפן נאָמען פונעם פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, דער לאָרד פּיל. זייער באַריכט האָט זיך געצויגן אויף פיר הונדערט זייטן. בן־גוריון האָט געלייענט יעדעס וואָרט אין דעם דאָזיקן דאָקומענט. שפּעטער איז ער אָפּגעזעסן גאַנצע טעג אין דער גאַלעריע פון פּאַרלאַמענט און נאָך שפּעטער אין לאָרדן־הויז, און זיך צוגעהערט צו די דיסקוסיעס וועגן באַריכט. ווען מ'האָט אים געפרעגט ווי אַזוי די ענג־לענדער פירן זיך אויף בשעת זייערע דעבאַטן אין פּארלאמענט האָט ער גע־ענטפערט:

„עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז איך באַטייליק זיך אין א ציוניטישן קאָנגרעס".

וואָס האָט ער געלערנט פון די דאָזיקע דיסקוסיעס?

„דו קענסט מיט אן ענגלענדער מאַכן וואָס דיין האַרץ באַגערט, אָבער דו קענסט אים קיינמאָל נישט מאַכן אויס ענגלענדער. דער ענגלענדער זעט נישט די זאַכן מיט די אויגן פון אַ ייד; אין זיין האַרץ איז נישט פאַראַן אפילו קיין אין יידישער פאָדעם, און זיין געדאַנקען־גאַנג איז נישט קיין יידישער".

דער פּיל־באַריכט האָט פאָרגעשלאָגן צו פאַרטיילן ארץ־ישראל אויף צוויי זעלבסטשטענדיקע מדינות — אַ יידישע און אַן אַראַבישע. דער אונ־טערשיד צווישן דעם פּיל־פּלאַן און צווישן דעם פּראָיעקט, וואָס איז ענדלעך באשטעטיקט געוואָרן דורך די אונ"א, איז געווען דער — וואָס די פּיל־קאָמיסיע האָט פאָרגעשלאָגן אז ענגלאנד זאָל ווייטער זיצן אין ירושלים, נצרת, בית־לחם און חיפה און זאָל האָבן א קאָרידאָר וואָס זאָל פירן פון ירושלים צום ים־המלח. די אַראַבער האָבן געדאַרפט באַקומען דריי פערטל פון גאַנצן שטח מיטן נגב, און די יידן דעם גליל מיט דעם איבערגע־בליבענעם פערטל שטח, אין דער עיקר דעם ענגן פאַס אויפן ברעג פון ים.

אייראָפּע איז געשטאַנען פאַר אַן עקספּלאָזיע. היטלער האָט פאַר־ריגלט די טויערן פון דייטשלאַנד. פראנקאָ און דער פאשיזם האָבן זיך פאַרשטאַרקט אין שפּאַניען — אָבער די אָנפירער פון ציוניזם זענען, אין יענעם פרילינג פון יאָר 1937, אויף זייער ציוניסטישן קאָנגרעס, געווען פאַרקאָכט כמעט א גאַנצע וואָך צייט, אין דער דיסקוסיע וועגן חלוקה.

צום ערשטן מאָל אין דער לאנגער תּקופה פון זייער פּריינטשאַפט, זענען קאַצענעלסאָן און בן־גוריון אַרויסגעטרעטן עפנטלעך ווי קעגנער. און אזוי איז אויך געווען דער פאַל מיט די צוויי וויכטיקסטע רבנים פון אמעריקע — סטיפן וויז און אבא הלל סילווער. אויך אלע אנדערע דעלע־גאַטן פון אַמעריקע זענען געווען געשפּאָלטן. דעסגלייכן איז גאָלדע מאירסאָן (שפּעטער מאיר) וועלכע בן־גוריון אליין וועט שפּעטער אין א קריזיס־צייט, אויסוויילן אַלס זיין אויסערן־מיניסטער — געווען קעגן דער חלוקה. אלע האָבן זיי געהאַלטן גלענצנדיקע רעדעס, אָבער קיין ברעקל לאָגיק איז נישט געווען אין זייערע רייד.

קאַצענעלסאָן האָט געהאַלטן, אז מען וועט אפשר מוזן מאכן פּשרות, אָבער ווער עס מאַכט פּשרות פאַר זיין קעגנער דאַרף זאָרגן, פאַר זיינע פּשרות צו דערגרייכן אַ געהעריקן פולן עקוויוואַלענט. דערנאָך איז ארויף אויף דער טריבונע דער מאַן מיט די באַזילבערטע האָר און אָנגעהויבן רעדן זאַגנדיק, אז אפילו די בעסטע נאָמינירטע ממשלה לאָזט זיך נישט פאַר־גלייכן מיט „אונדזערס א רעגירונג".

מענטשן האָבן געשטוינט. אויך דאָ האָט זיך געהערט דאָס קול פון דער לאָגיק. ער האָט זיך דערהויבן צו די הויכן פון נבואה, און געזאָגט: אז ער זעט פאַר אַן עליה פון אָנדערהאַלבן מיליאָן יידן, אין דעם ערשטן צענדליק יאָרן פו דער יידישער מדינה. ער האָט זיך טאַקע נישט שטאַרק טועה געווען, עס זענען ווירקלעך אריינגעקומען בערך א מיליאָן יידן אין די ערשטע צען יאָר.

צום סוף איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, וועלכער האָט אויסגעזען אלעמען צופרידן צושטעלן, אָבער אין דער אמתן האָט ער קיין זאַך נישט געלעזט. דער באַשלוס האָט באַפולמעכטיקט די פירער פון קאָנגרעס צו באַקומען פון די ענגלענדער מער פּרטים וועגן זייערע פּלענער.

בן־גוריון האָט געטראָגן אין זיך, פון דער יוגנט אָן, דעם חלום פון אַ יידישער מדינה. ער האָט דאָס אין יענעם יאָר אויסגעדריקט, אין קלאָרע און דעפינירטע באַגריפן. לויטן פּראָטאָקאָל האָט ער געזאָגט:

„דאָס ערשטע מאָל לייג איך זיך פאַר אַלס אַ קאַנדידאַט אין דער ציוני־סטישער לייטונג, כדי צו קעמפן פאַר דער יידישער מדינה. פון היינט אָן און ווייטער וועט דאָס זיין מיין לעבנס־אויפגאַבע".

עס איז דאָ געשטאַנען א נייער דוד קעגן א פּיל־קעפּיקן גלית.

די יידישע פירער פון אמעריקע וועלן אלע, ווי איין מאַן, זיין קעגן אים. דאָס זעלבע אויך זשאַבאָטינסקי און זיינע רעוויזיאָניסטן. אפילו זיינע

אייגענע פאַרבינדעטע און יועצים, פּרטיי־חברים, האָבן דאָסמאָל נישט געװאָלט זיך אונטערגעוואָרפן. און בערל קאַצענעלסאָן, דער מאַן, פון וועלכן ער האָט דערוואַרט ער זאָל זיין וועג־ווייזער זיין, איז אויך געווען אין דער מחנה פון די קעגנער.

בן־גוריון איז איצט אַלט געווען פופציק יאָר. דער קאַמף וועט זיך פירן נאָך א יאָר צענדליק, איידער עס וועט צום צווייטן מאָל פאַרגעלייגט ווערן א נייער חלוקה־פּלאַן. און דאָס וועט זיין בלויז דער אָנהויב פון דער מלחמה פאַר די רעכט פון יידן צו לעבן ווי אלע מענטשן, אין אַן אייגן לאַנד, אין דעם פאָטערלאַנד פון זייער אור־אַלטער קולטור.

אין יאָר 1937 איז בן־גוריון געווען, מער ווי ווען־עס־איז פריער, ד ע ר מ אַ ן, וואָס האָט זיך געווידמעט דעם איין־און־איינציקן ציל און אויפגאבע.

קאפיטל זעקס

שוין מער ווי צוויי יאָר האָבן זיך געצויגן די אַראַבישע אכזריותן און מאָרדן. אויפן האָריזאָנט האָבן זיך נאָך אלץ נישט באַוויזן קיין שום סימנים פון סוף צו די פּאָגראָמען.

באַוואָפנטע באַנדעס גערילאַ־קעמפער האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד און האָבן אָן סיבה געמאָרדעט יידן. באַנען זענען אַראָפּגעפירט געוואָרן פון די רעלסן. די וועגן צו יידישע ישובים זענען פאַרזייעט געוואָרן מיט אויפרייס־מינעס. טעלעפאָן־דראָטן זענען איבערגעשניטן געוואָרן, און די עיראקער נאַפט־רערן זענען איבערגעריסן געוואָרן. וועלדער האָבן געברענט, אין די פעלדער זענען פרוכטן־ביימער אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען. פון באהעלטענישן זענען רייזענדע באַפאַלן געוואָרן. ס׳איז קלאָר געוועזן, אז די אראבער ווערן אונטערשטיצט מיט געלט און געווער דורך די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער. טעג פון שפּאַנונג און שלאָפלאָזע נעכט זענען דאָס געוועזן פאַר דעם רוב פון ישוב. פּאָלאַ בן־גוריון איז געוועזן איינע פון טויזנטער, וואָס האָבן זיך געמאָלדן צו נאַכט־שמירה. נאַכט־נאָך־נאַכט איז זי אוועק האַלטן וואך. „איך פלעג קומען אַהיים פאַרטאָג ווען די קינדער זענען פון שלאָף אויפגעשטאַנען”.

די פּרעסע האָט געבּרענגט שטורמישע ידיעות: אַז היטלער האָט באַזעצט עסטרייך. פון בערלין איז געקומען א ידיעה וועלכע האָט קלאָר געמאַכט צו וואָסערע דימענסיעס עס איז דערגאַנגען דאָס נאַצישע משוגעת. אַ יונגער ייד האָט געשאָסן אויף אַ דייטשן דיפּלאָמאַט אין פּאַריז. היינריך הימלער האָט באַפוילן זיינע שטורם־טרופּן אָנצוהויבן זייער טעטיקייט. הונדערטער יידישע שולן און ווין־הייזער זענען אַוועק מיטן רויך. צוואַנציק טויזנט יידן זענען ארייגעוואָרפן געוואָרן אין די תפיסות אין דייטשלאַנד און נאָך צוואַנציק טויזנט אין ווין. מער ווי זיבן טויזנט יידישע געשעפטן זענען אויסראַבירט געוואָרן. די שפּיטעלער זענען געוועזן פול מיט פאַרוווּנדעטע. פיל יידן זענען דערמאָרדעט געוואָרן. אַ קאָמיסיע אין דער שפּיץ מיט גערינגן האָט ארויפגעלייגט אויף די מיטגלידער פון דער יידישער געמיינדע, אַ קאָנטריבוציע פון צוויי הונדערט מיליאָן דאָלאַר. פון

היינט אַז דאַרפֿן אַלע יידן טראָגן די געלע לאַטע. פֿון היינט אָן דאַרפֿן אַלע יידן...

בן־גוריון האָט גערופֿן דאָס קאָלאָניען־מיניסטעריום אין לאָנדאָן, זי זאָל דערלויבן די עליה פֿון הונדערט טויזנט יידן, וואָס זענען געשטאַנען פֿאַר אַן אומקום. דאָס קאָלאָניען־מיניסטעריום האָט מיט גראָבקייט געענטפֿערט: „ניין", און די הונדערט טויזנט זענען פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

נאָכער האָט בן־גוריון געבעטן סערטיפֿיקטן פֿאַר צוואַנציק טויזנט יידישע קינדער און צען טויזנט יוגנטלעכע פֿון די באַלקאַנען. אויך דאָס מאָל איז זיין בקשה אָפּגעשטויסן געוואָרן. אין איינציקע יאָר אַרום האָט בן־גוריון עפּנטלעך דערמאָנט: זאָל נאָר די וועלט דאָס געדענקן, ווייל לויט זיינע גענויע ידיעות זענען די דאָזיקע דרייסיק טויזנט קינדער און יוגנטלעכע אויסגעהרגעט געוואָרן.

דער ישוב איז געווען צעטומלט און פֿאַרביטערט. עס האָט אויסגעזען, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ תהו ובהו. ווו מען גיט זיך אַ קער איז — וויסטעניש און טויט. זיי האָבן נויטיק געהאַט אַ מנהיג, אַ מאַן וואָס זאָל זיי אָנווייזן דעם וועג.

נישט ווייצמאַן האָט דאָס געקענט זיין. זיין וועג איז דאָך געווען: אין אלעם זיך צו פֿאַרלאָזן אויף די ענגלענדער, און נאָר אויף זיי.

זשאַבאָטינסקיס איין־און־איינציקע תשובה איז געווען — טעראָר: קעגן די אַראַבער און קעגן די ענגלענדער. אויג פֿאַר אויג, צאָן פֿאַר צאָן. ער האָט זיין אונטערגרונט־מיליטער גערופֿן אצ"ל — „ארגון צבאי לאומי". אין פֿאַרלויף פֿון זיין פּערצן יאָריקער עקזיסטענץ, האָט דער ארגון, אין זיין טעטיקייט, נישט גענומען אין באַטראַכט קיין מאָראַלישע פּרינציפּן: פּונקט ווי איר ווילט אויף אונדז אָנוואַרפֿן אַ פּחד, מיט דער הילף פֿון טעראָר, אַזוי וועלן מיר אויף אייך אָנוואַרפֿן שרעק, מיט דער הילף פֿון טעראָר. אויב איר וועט באַליידיקן דעם קלענסטן מענטש אונדזערן, וועלן מיר באַליידיקן אייער חשובסטן מענטש. אויפֿן אָרט פֿון יעדן אונדזעריקן וואָס איר וועט אויפֿהענגען, וועלן מיר אויפֿהענגען דריי אייערע. מיר וועלן מאָרדן, פּייניקן, פֿאַרשפּרייטן טעראָר, ביז איר וועט אויפֿהערן מיט אייער רשעות קעגן אונדז — דאָס זענען געווען די פּרינציפּן פֿון זשאַבאָטינסקיס אצ"ל.

אין יענער ווייטיקדיקער שעה אין דער יידישער געשיכטע, זענען אין לאנד געווען אַ סך מענטשן, וואָס דער געדאַנק פֿון נקמה האָט זיי באַצויבערט. זשאבאָטינסקי האָט באַקומען פֿיל אָנהענגער. אָבער אַ סך אַנ־

דערע פון ישוב זענען געווען פאַרזאָרגט און צעטומלט, און האָבן געוואָלט הערן די רויקע און איבערלייגטע שטים פון שכל הישר. און די דאָזיקע שטים האָט צו זיי גערעדט דעם 3 אויגוסט 1938. ער האָט אין זיין רעדע אונטערגעשראָכן וועגן דער נויטווענדיקייט צו פירן אַ מלחמה, גלייכ־צייטיק אויף דריי פראָנטן; ארום דער שפּאַלטונג אין דער אייגענער מחנה אינעווייניק, די געשאַפענע שווערע ווענדונג אין סכסוך מיט די אַראַבער, און וועגן דעם פּאָליטישן שטרייט מיט די ענגלענדער.

ער האָט נישט געפּרוווט זיי אָפּצונאַרן. ער האָט זיי דערציילט דאָס ערגסטע. ער האָט ווידער אמאָל געפּרוווט ווירקן מיט א קעגן־געוויכט, אזוי ווי ער פלעגט דאָס שטענדיק טוען: פונקט ווי ער האָט נישט גע־טאַנצט אין די גאַסן ווען עס זענען אָנגעקומען גוטע בשורות, אַזוי האָט ער נישט גערופן צו יאוש און אָפּהענטיקייט אין די דאָזיקע שווערע צייטן. ער האָט זיי געזאָגט, אַז די פּאָגראָמען זענען נישט געווען קיין נאַציאָ־נאַלער אויפשטאַנד; דאָס אַראַבישע פאָלק האָט אין זיי נישט אָנטייל גענומען, עס פעלט דעם אראבישן פאָלק דער ווילן און דער כוח צו מאכן אַן אויפשטאַנד. נאָר אַ קליינע מינדערהייט קעמפט ביז זיין לעצטן טראָפּן בלוט און שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום נידערטרעכטיקייטן. און ער איז אריבער אין אַ היסטאָרישן טאָן:

„פארן יידישן פאָלק איז ד אָ ס לאנד געווען ארץ־ישראל, נאָך פאר צוויי טויזנט יאָר...״ פון היינט אָן און ווייטער וועט ער תמיד רעדן אין ד ע ם טאָן און ער וועט תמיד אויינפּאַסן די קעגנוואַרט אין דער מאָזאַיק פון דער גאנצקייט, צוגעבנדיק א מאָסשטאַב פון טיפקייט, צו די געשעענישן פון טאָג. ער וועט זיי דערמאָנען אין דעם, אז דאָס וווּנדערלעכסטע אין דעם יידישן וועזן איז די פעיקייט צו דענקן אין היסטאָרישער פּערע־ספּעקטיוו. ער האָט געזאָגט מוסר יענע מענטשן וואָס טראַכטן, אז מען מעג אָנפאלן אן אראבער נאָר דערפאר, ווייל ער איז אן אראבער, און האָט געפּסלט יעדע נקמה־אַקציע קעגן אראבער, וואָס האָבן זיך נישט באַטייליקט אין טעראָר. און ווענדנדיק זיך צו זשאַבאָטינסקין האָט ער אויסגערופן, אז פאַרגיסן אומשולדיק בלוט איז א פאַרברעכן. אָבער באַלד איז ער געוואָרן אַ רעאַליסט און האָט געזאָגט, אַז די וועלט אין וועלכער זיי לעבן האָט זיך צום גרעסטן באַדויערן נישט איבערגענומען מיטן רוף פון געוויסן. און קיין שום מענטש, אפילו פון נישט־יידן, וואָס היטן די תורה און מצוות, הערט נישט זיין קול ווען ער זאָגט די ווערטער „לא תרצח״. ער האָט דעריבער אָנגעוויזן אויף פּראַקטישע מאָטיוון קעגן

דעם טעראָר, וועלכער וועט מיט זיך ברענגען נאָר כאַאָס. ער האָט געררופן צו אויסדויער און קלאָר געמאַכט דעם „הבא להרגך השכם להרגו". דער־מוטיקנדיקע ידיעות האָט ער איבערגעבן, אַז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, איז געשאַפן געוואָרן אַ דורך־און־דורך יידישע אַרמיי, וואָס וועט פאַרטיידיקן דעם ישוב.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די הגנה איז געווען אַ געהיימע אַרמיי, האָבן דאָך די ענגלענדער מאָביליזירט פינף טויזנט הגנה־חברים אויף צו פאַרטיידיקן די יידישע ישובים, און זיי באַוואָפנט מיט ביקסן. עס איז די יידן געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו האַלטן שמירה איבער די באַן־סטאַציעס. בן־גוריונס אויגן האָבן געלויכטן, ווען ער האָט זיי דערציילט ווי אַזוי דאָס דאָזיקע וואונדער איז געשען. טויזנט בחורים און בחורות האָבן אויפגעשטעלט אַ וואַנט פון שטעכיקן דראָט לענג־אויס דער גרענעץ אויף הונדערט קילאָמעטער; עס זאָלן זיך נישט אַריינבאַקומען קיין אַראַ־בער פון שכנותדיקע לענדער, וועלכע פלעגן קומען אין לאַנד אַריין, כדי צו רויבן און מאָרדן. ענגלישע באַאַמטע האָבן נישט געגלויבט אַז די זאַך לאָזט זיך אַדורכפירן. דער שטח איז געווען אַ בלאָטיקער, און יעדער אומפאָרזיכטיקער שריט האָט געדראָט מיט אַן אומגליק. בן־גוריון איז אַוועק אָנקוקן די אַרבעט מיט זיינע אייגענע אויגן. ער האָט געקאָנט איבערגעבן, אַז טויזנט בחורים און מיידלעך האָבן אויסגעפירט די אַרבעט. אין דער זעלבער צייט האָבן דריי הונדערט אַנדערע יידן געהיטן מען זאָל די אַרבעטער נישט באַפאַלן. די אַראַבישע שיסער האָבן דערהרגעט בלויז צוויי פון די טויזנט דריי־הונדערט. אין יענער נאַכט האָבן פיל פאַרזאָרגטע און צעטומלטע יידן, געקענט רויק שלאָפן.

מעגלעך, אַז אויך בן־גוריון אַליין האָט געהאַט אַ רויקן שלאָף, מחמת ער איז דערגאַנגען צו אַ שייד־וועג, עס איז אים קלאָר געוואָרן דער וועג אויף וועלכן ער דאַרף גיין. נישט ווייניק קריזיסן וועלן אויסברעכן אין זיין לעבן; עס וועלן נאָך זיין געגנוג געלעגנהייטן, אין וועלכע ער וועט דאַרפן אָננעמען דעצידירנדיקע באַשלוסן, וועגן זאַכן פון ערשטראַנגיקער וויכ־טיקייט.

די ערשטע דעציזיע איז געפאַלן — ווען ער האָט באַשלאָסן פאַרלאָזן פוילן און באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. דאָס צווייטע מאָל — ווען ער איז געקומען צום אויספיר, אַז יידן מוזן האָבן דאָס רעכט זיך אַליין צו פאַר־טיידיקן אין אַלע זייערע קאָלאָניעס. איצט צום דריטן מאָל — ווען ער האָט באַשלאָסן, אַז די יידן וועלן קיינמאָל נישט מאַכן קיין טעראָר־

אַקטן, נישט קוקנדיק אויף די פּראָוואָקאַציעס פון דעם אַראַבישן צד. עס איז אויך געשטאַנען די האַרבע שאלה פון די נישט־לעגאַלע עולים. אויך אין דער פראגע זענען קאַצענעלסאָן און בן־גוריון נישט געווען אייניק. דער רעדאַקטאָר האָט געהאַלטן, אַז די לאַגע באַרעכטיקט צו ראַטעווען יידן אויף אלע וועגן און מיט אלע מיטלען. בן־גוריון האָט גע־טענהט, אז א נישט־לעגאַלע עליה בינדט אים די הענט, ווען ער קומט פאָדערן פון די ענגלענדער זיי זאָלן פאַרגרעסערן די צאָל סערטיפיקאַטן.

זיי זענען נאָך געשטאַנען אין מיטן פון זייער וויכוח, ווען די „החלוץ"־באַוועגונג אין פוילן האָט געדונגען די צוויי־טויזנט טאָניקע שיף „וואַ־לוס", וועלכע פלעגט ביז דעמאָלט עוסק זיין אין פרויען־האַנדל. דער „החלוץ" האָט געשמוגלט דריי הונדערט פוילישע יידן דורך פאַרשידענע גרענעצן, ביז צו דער קליינער גריכישער פּאָרט־שטאָט פּירעאוס, און דאָרט האָט מען די נישט־לעגאַלע עולים אויפגעזעצט אויף דער שיף „וואַ־לוס", אונטערן דעק, און נאָך אייניקע טעג האָט מען זיי אין מיטן נאַכט אַראָפּגעלאָזט ערגעצוו אין דער נאָענט פון תל־אביב.

אָבער ווען די שיף „וואַלוס" איז אָנגעקומען צום צווייטן מאָל מיט אַ נייעם טראַנספּאָרט, זענען שוין די ענגלענדער געווען אויף דער וואַך. אַן עראָפּלאַן פון קעניגלעכן לופט־פלאָט איז געפלויגן איבער דער שיף. פּאָליציי־שיפלעך האָבן פּאַטראָלירט לענגאויס דעם ברעג. דער קאָמענ־דאַנט איז געווען פאַרצווייפלט: ער האָט נישט געהאַט קיין אויסזיכטן אַראָפּצולאָזן דעם טראַנספּאָרט און ער איז אַוועק צוריק קיין גריכנלאַנד. די גריכישע רעגירונג האָט אָבער נישט דערלויבט די יידן אויסצושטייגן אויפן גריכישן באָדן.

אין משך פון צען טעג האָט די „וואַלוס" געוואַנדערט אויפן מיטל־לענדישן ים, ווי אַ שיף־געשפּענסט, פון איין פּאָרט צום צווייטן. מען האָט איר דערלויבט איינצוקויפן טרייב־שטאָף, אָבער בשום אופן איז איר נישט דערלויבט געווען אַראָפּצולאָזן איר מענטשן־טראַנספּאָרט. צום שלוס זענען די נישט־לעגאַלע עולים געווען געצוווּנגען צוריקצופאָרן קיין פוילן אין א לאגער אריין.

עס זענען געמאַכט געוואָרן נאָך פרוּוון. זשאַבאָטינסקי און זיין ארגון האָבן אויך עוסק געווען אין שמוגלען עולים. און עס זענען געווען א גרויסע צאָל פּריוואַטע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געדונגען שלעכטע שיפן, און פון יעדן פאַרלאַנגט גרויסע געלט־סומען פאַר ברעכן די ענגלישע ים־בלאָקאַדע. בן־גוריון האָט לאַנגזאַם געביטן זיין מיינונג. עס

איז נישט געווען קיין מאָראַליש פּראָבלעם. די ענדערונג איז אויך נישט געקומען צוליב דעם, וואָס קאַצענעלסאָן האָט אים איבער־צייגט. ער איז געקומען צו אַן אַנדערע קאָנקלוזיע, פּשוט דערפאַר, ווייל ער האָט פאַרלוירן יעדע האָפענונג איבערצוצייגן די ענגלענדער. סוף־כל־סוף האָט ער מסכים געווען, די הגנה זאָל גרינדן א קאָמיסיע פאַר אומלעגאַלע עליה. זי האָט באַקומען דעם נאָמען „המוסד". די צענ־טראַלע פון דער דאָזיקער קאָמיסיע איז געווען אין פּאַריז, און אין א קורצער צייט האָבן זיך אירע שליחים פאַרשפּרייט איבער אַלע שטעט פון אייראָפּע. די עולים זענען אַרויף אויף די שיפן ביינאַכט, און אַ שטענ־דיקער קאָנטאַקט האָט פאַרבונדן די שיפן מיט דער הגנה קאָמענדאַנטור אין ארץ־ישראל, און די שליחים האָבן זיי געקערעוועט צו די איינזאַמע ישובים לענגאויס דעם ברעג ים, ווו עס האָבן שוין געוואַרט מענער און פרויען, חברים פון דער הגנה, כדי צוצוהעלפן ביים אַראָפּנעמען די עו־לים און אויסבאַהאַלטן זיי פון ענגלישע אויגן.

אין יענע צייטן האָט בן־גוריון געמאַכט א באַקאַנטשאַפט מיט אַ לעגענדאַרישער געשטאַלט, וואָס ער האָט זעלטן אמאָל באַגעגנט אין זיין לעבן. אורד ווינגייט, וועלכער האָט זוכה געווען דעם טיטל „דער לאָרענס פון יהודה", האָט שוין געהאַט אַדורכגעמאַכט אַ קורצע פּראָ־אַראַבישע תקופה. באַשליסנדיק צו לערנען די שפּראַך פון די מדבר־וואַנדערער, אַנשטאָט צו דינגען אַ לערער, איז ער אַוועק אויף דער „איסט סייד" אין לאָנדאָן, געדונגען א צימער אין א האָטעל וואָס איז געווען איבערפולט מיט אַראַבישע מאַטראָזן, און אַ היבשע פּאָר וואָכן דאָרט געלעבט ממש ווי אַן אַראַבער, זיך אָנגעטון ווי אַן אַראַבער און געפּרוווט אויך דענקן ווי אַן אמתער אַראַבער.

אין אייניקע יאָר אַרום איז ער געשיקט געוואָרן דורך דעם בריי־טישן מיליטער קיין ירושלים, אלס אינטעלידזשענס־אָפיציר. עס איז אים שנעל געלונגען צו פאַרבינדן זיינע פליכטן מיטן לעבן אין קיבוץ. און דאָ, אין קיבוץ, האָט ער זיך אויסגעלערנט העברעיש.

אין אָנפאַנגס איז דער מענטש געווען אין די אויגן פון דער הגנה פאַרדעכטיק. אָבער סוף־סוף איז אים געלונגען צו געווינען זייער צוטרוי. ווינגייט האָט זיך געהאַט זיין טעאָריע, וועגן מאַכן א סוף צו די אַראַבישע אָנפאַלן אויף די יידישע ישובים. ער פלעגט אָנפירן מיט הגנה־אָפּטיי־לונגען און מיט זיי אַריינדרינגען טיף אין שונאס שטח, ענטוואָפענען די אַראַבישע שומרים אָדער זיי דערהרגענען, און אויסגעפינען די געווער־

מאַגאַזינען, צונעמען דאָס געווער און צוריקקערן אַהיים באַלאָדן מיט געווער־טראָפייען, וויפיל זיי האָבן נאָר געקענט מיטשלעפּן. ווינגייט איז געווען דער מענטש וואָס האָט צוגעטראַכט דעם פּלאַן פון א מאָטאָציקל־וואך, לענגאויס דער נאַפט־רער חיפה־מאָסול, כדי נישט צו דערלאָזן די אַראַבער איבערצורייסן די רער. אויסגעזען האָט דער מענטש ווי אַ לע־גענדאַרע געשטאַלט, און נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן האָט ער אַנטוויקלט אין זיך פּיעטעט צום תנ״ך, און שפּעטער אויך צו העברעיש, בעת ער האָט די יונגע קיבוצניקעס געלערנט ווי אַזוי איבערצוכיטרעווען זייערע שונאים.

נישט ווייסנדיק אין אַנהויב וואָס צו טראַכטן וועגן ווינגייטן, האָט אים בן־גוריון דאָך שטאַרק געשעצט און געריכמט פאַר זיין ארבעט אין דער אָרגאַניזאַציע פון די „נאַכט־גרופּעס״.

אין פעברואר 1939 האָבן די ענגלענדער פאַרזאַמלט מיט פיל פּראַכט און גרויסן טראַסק, אין זאַל פון סענט־דזשיימס, א קאָנפערענץ פון ענג־לענדער, אַראַבער און יידן. האָבן די אראַבער נישט געוואָלט אריינגיין אין זאַל דורך דער זעלבער טיר וואָס די יידן. די דאָזיקע שוועריקייט איז לייכט באַזייטיקט געוואָרן, ווייל דער סענט־דזשיימס פּאַלאַץ האָט פיל טירן־טויערן. דערנאָך האָבן זיי נישט געוואָלט זיצן אין איין צימער מיט די יידן. דאָס איז שוין געווען אַ שווערער ענין. די ענגלענדער האָבן זייט הונדערטער יאָרן געהאַט פּראַקטיק אין איינאָרדנען דיפּלאָמאַטישע קאָנ־פערענצן, אָבער אַ קאָנפערענץ וואָס א העלפט אירע מיטגלידער געפינען זיך אין איין זאַל און די אנדערע העלפט אין אַ צווייטן זאַל — — —

די קאָנפערענץ איז טאַקע פאָרגעקומען אויף אזא מין אופן; אַראַבער אין איין צימער, יידן אין אַ צווייטן צימער, און די ענגלישע דעלעגאַטן געטיילט האַלב אויף האַלב, אין ביידע צימערן; צוויי פּאַראַלעלע קאָנ־פערענצן אין איין־און־דער־זעלבער צייט.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט געווען קיין געהויבענע התחלה פאַר לעזן די חילוקי־דעות צווישן די דריי פעלקער. צו דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט זיך בן־גוריון אָנגעטון ווי א דזשענטלמאַן פון ווייטהאָל, אין א יום־טובדיקן אָנצוג, אַ האַרטן קראַגן און אַ גרויען זיידענעם קראַ־וואט. אָבער זיינע מיינונגען האָט ער אַרויסגעזאָגט גאַנץ אָפן, גענוי ווי ער האָט דאָס געטוען אין תל־אביב אין אָן אָפענעם קראַגן.

„עס איז נישט מעגלעך אָפּצושטעלן די יידישע עליה, אָן דער הילף פון די בריטישע באַגנעטן״. די אַראַבער האָבן געפאָדערט נישט צו דער־לויבן אפילו איין־און־איינציקן ייד אריינצוקומען אין לאנד אריין. זיי האָבן

פארלאַנגט מבטל צו מאכן דעם מאַנדאַט, צו גרינדן אן אראבישע מדינה און די ענגלענדער זאָלן פארלאָזן דאָס לאנד.

בן־גוריון און ווייצמאַן האָבן נישט פארלאנגט מער ווי די אנטוויקלונג פון לאַנד אלס נאַציאָנאַלע היים, ווי דער מאַנדאַט האָט פאָרגעזען, און א צאָל סערטיפיקאַטן וואָס זאָל באפרידיקן די נויטן פון די יידן אין איראָפּע.

סוף־כל־סוף האָבן די ענגלענדער באַוויזן, מיט דער הילף פון זייער געדולד און דיפּלאָמאַטיע, צוזאַמענצוברענגען אַלע דעלעגאַטן אין איין זאַל, נאָכדעם ווי זיי האָבן פארזיכערט די אראבער, אז דאָס פארפליכטעט זיי נישט צו אָנערקענען די יידישע אַגענץ. די געשפּרעכן האָבן זיך געצויגן זעקס וואָכן, און עס האָט זיך נישט געזען קיין סימן, אַז איינער פון די צדדים זאָל אויף עפּעס מוותר זיין. אין מערץ איז זיך טשעכאָסלאָוואַקיי צעפאַלן. אָבער אין פּאַלאַץ פון סענט־דזשיימס האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן.

אין אָט די טעג האָט דאָס קאָלאָניען־מיניסטעריום געמאַכט אַ קליינעם פעלער. עס איז איבערגעבן געוואָרן ד״ר ווייצמאַן א לאַנגע און דיקע קאָנווערט, וועלכע האָט ארויסגערופן רעספּעקט מיט איר אָפיציעלקייט. ער האָט גענומען די קאָנווערט אין האָטעל אריין, און ערשט דאָרט זי געעפנט. עס איז געווען אַ סקיץ פון אַ ווייס־בוך וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט געהאַט בדעה צו פארעפנטלעכן. דער דאָזיקער טעקסט איז וויזט אויס געווען באַשטימט פארן פאָרזיצער פון דער אראבישער דעלעגאַציע, און נישט פארן פאָרזיצער פון דער יידישער דעלעגאַציע. (קיינמאָל איז נישט אויפגעקלערט געוואָרן ווי אזוי דער טעות איז געשען). די בריטישע רעגירונג האָט געוואָלט באַקומען פאָרויס די אַראַבישע הסכמה צום ווייסן בוך.

ווייצמאַן האָט געלייענט איינמאָל און נאָכאַמאָל און האָט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן. נאָכדעם האָט ער געוויזן דעם דאָקומענט בן־גוריונען און די אַנדערע מיטגלידער פון דער יידישער דעלעגאַציע. עס האָט זיך שנעל ארויסגעוויזן, אַז די ענגלענדער האָבן נישט געמאַכט קיין שפּאַס. צוויי חדשים נאָכדעם ווי די קאָנפערענץ אין סענט־דזשיימס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פיאַסקאָ, האָט די ענגלישע רעגירונג פארעפנטלעכט אַ ווייס־בוך, וואָס האָט געטראָגן דעם טעכנישן נאָמען „דאָס ווייס־בוך נומער 6019". דער דאָזיקער דאָקומענט האָט פעסטגעשטעלט, אז אין פארלויף פון די קומענדיקע פינף יאָר, וועט דערלויבט ווערן אריינ־

צוקומען אין לאַנד אריין פופצן טויזנט יידן א יאָר, נאָכדעם וועט קיין איינציקער ייד נישט קענען אריינקומען קיין ארץ־ישראל אָן דער פולער הסכמה פון די אראבער. אויף אזא אופן וועלן די יידן זיין פאַראורטיילט צו בלייבן אויף אייביק אַ מינדערהייט, א דריטל, אָדער גאָר אַ פערטל, פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. יידן וועט נישט דערלויבט זיין צו קויפן קיין ערד, נאָר אין א באגרענעצטן שטח פון לאַנד, און די ענגלישע רעגירונג וועט טוען, וואָס עס וועט נאָר מעגלעך זיין צו דערפירן, אין משך פון צען יאָר, צו אן אראבישער זעלבסטשטענדיקער מדינה.

דאָס „ווייס־בוך נומער 6019" מאַכט צונישט כמעט יעדן פאַראַגראַף פון מאַנדאַט, וואָס ענגלאַנד האָט באַקומען פון פעלקער־בונד. אַנשטאָט צו העלפן די יידן זיך צו באַזעצן אויפן באָדן, וועט זיי ענגלאַנד דער־ווייטערן פון באָדן; דער פעלקער־בונד האָט פאַראָרדנט צו דערמוטיקן אַ יידישע עליה, וועט ענגלאַנד די עליה איינגאַנצן אָפּשטעלן; אַנשטאָט א פאָטערלאַנד פאר די יידן, וועט ארץ־ישראל פארוואנדלט ווערן אין אן אראַבישער מדינה. דאָס ווייס־בוך האָט צונישט געמאַכט די האָפענונגען פון מיליאָנען יידן אין אייראָפּע, וואָס פון איצט אָן האָבן זיי נישט געהאַט וווּהין צו גייך, אויסער אין די גאז־קאַמערן און אין די קרעמאַטאָריומס.

זעלטן ווען האָט די בריטישע רעגירונג געטון אַ זאַך פאַר וועלכע מ'האָט זי אזוי שטאַרק קריטיקירט. נעוויל טשעמבערלען איז געווען דער ענגלישער פרעמיער מיניסטער. דער מענטש וואָס וועט אין קורצן ירשנען זיין פלאַץ האָט גערעדט וועגן „אַ מאָראַלישן און פיזישן באַנקראָט" און האָט די גזירה אָנגערופן „אַ טויט־קלאַפּ פארן יידישן פאָלק". אַן אַנדערער ענגלענדער וועלכן טשערטשיל וועט בקרוב אריינעמען אין זיין רעגי־רונג האָט געזאָגט:

„די לאָזונג הייסט: „בעט איבער די אראבער", „בעט איבער דעם מופ־טי", „בעט זיי איבער דורך דעם, וואָס איר וועט ברענגען פאר א קרבן דעם גאַנצן גוטן נאָמען, וואָס מיר האָבן זיך דערוואָרבן, הן ביי די יידן און הן ביי די אַראבער, ווייל מיר זענען געווען קאָנסעקווענט, אויסגע־האַלטן און גערעכט צוביידע צדדים". אין תל־אביב און אין ירושלים זענען פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אומרוען.

אין דריי וואָכן ארום האָט זיך אין זשענעווע, אין אן אטמאָספער פון דערשיטערנדיקן יאוש, פארזאמלט דער איין־און־צוואַנציקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס. אויף דער גאנצער וועלט זענען אויסגעלאָשן געוואָרן די ליכ־

טער. די טויערן פון אייראָפּע זענען פאַרהאַקט געוואָרן איינער נאָכן אַנדערן. און די טויערן פון ארץ־ישראל זענען אויך געווען כמעט פאַרשלאָסן. „מאַין יבוא עזרי״? פונוואַנען וועט קומען אונדזער הילף? ווייצמאַן, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געפּערדיקט פריינטשאַפט צו די ענגלענדער, האָט איצט נישט געהאַט קיין סך וואָס צו זאָגן.

בן־גוריון האָט גערעדט וועגן דער אומלעגאַלער־עליה, ווי וועגן דער לעצטער האָפענונג.

נאָכדעם איז אויפגעשטאַנען בערל קאַצענעלסאָן, וואָס פיל האָבן אים גערופן דער פאָטער פון דער אומלעגאַלער־עליה און ער האָט געהאַלטן די לעצטע וויכטיקע רעדע אין זיין לעבן. אין אַ פּאָעטישער שפּראַך, כמעט אין אַ תנ״ך לשון, האָט ער געשילדערט די העלדישקייט פון די יונגע מענטשן וואָס זענען אויפגעשטאַנען קעגן דעם מיליטער אויף דער יבשה, און אין דער לופט, און האָבן אַדורכגעשמוגלט פון אייראָפּע יידן פאַראורטיילטע צו טויט און אומקום. ער האָט גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון ים פאַר יידן, און אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער געזען דעם טאָג, אין וועלכן דער מיטללענדישער ים וועט זיין פול מיט שיפן וואָס וועלן ברענגען יידן פון אַלע עקן וועלט קיין ארץ־ישראל. „און איך גלויב, אַז עס זענען נישט ווייט יענע טעג, ווען מען וועט זינגען לידער, און אפשר גאָר וועלן פאַרפאַסט ווערן תפילות פאַרן שלום פון אונדזערע מאַטראָזן. און ווער ווייס, אפשר וועט מען די דאָזיקע תפילות זאָגן אויך אין די טעמפּלען פון אַמעריקע. איך דערמאָן זיך, אַז עס איז פאַראַן אַ שיינע תפילה, תפילת־הים, וואָס דער רמב״ן האָט אין זיין צייט פאַרפאַסט, אומגעפער פאַר זיבן הונדערט יאָר צוריק, האָט אויך דער רמב״ן אָנגעפאַנגען אַן עליה קיין ארץ־ישראל. זיכער איז זי אויך נישט געווען שטאַרק לעגאַל. אין יענער תפילה רעדט זיך וועגן כלערליי שטערער און מחבלים, וואָס זייער נעץ איז פאַרשפּרייט איבער די ימען. אָבער דער רמב״ן האָט נאָך נישט גע־ווּוסט וועגן דעם בריטישן פלאָט און קאָנטראָל־שיפלעך און נישט וועגן געמיינזאַמע ענגליש־אַראַבישע וואַכן אין די פּאָרטן.

צי איז נישט פאַראַן קיין ייד אין אונדזערע צייטן, וואָס זאָל זינגען דאָס ליד פונעם ים, אַ ייד וואָס זאָל מתפלל זיין פאַרן שלום פון אונדזערע מאַטראָזן?״.

ווער עס האָט זיך צוגעהערט צו דער דאָזיקער רעדע, איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל פון התלהבות. און בן־גוריון איז אפשר געווען מער באַ־גייסטערט ווי אַנדערע. די דאָזיקע רייד פון ל ע ר ע ר האָבן אים אינס־

פירירט זיך צו ווענדן צום ים. אין איינינקע יאָר ארום וועט ער אַליין האַלטן זיין „ים־רעדע“. און ער וועט רימען און לויבן די יידישע מאַט־ראָזן. דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט נאָך אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען, ווען עס איז אָנגעקומען די מעלדונג, אז רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָבן געשלאָסן אַ נישט־אַגרעסיע פּאַקט אויף אַ תקופה פון צען יאָר. עס איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען אַז די מלחמה איז נאָענט און אומפאַרמיידלעך. דער קאָנגערס האָט זיך געשלאָסן.

ווייצמאַן איז אוועק אין זיין האָטעל און האָט געשריבן אַ בריוול צום ענגלישן פּרעמיער מיניסטער טשעמבערלען, וואָס האָט זיך געענדיקט בזה הלשון:

„די יידישע אַגענץ האָט לעצטנס געהאַט מיינונגס־פרשיידנהייטן אויפן פּאָליטישן געביט מיט דער מאַנדאַטאָרישער מאַכט. מיר וואָלטן געוואָלט זען די דאָזיקע חלוקי דעות ליקווידירט, אין אָנבליק פון די גרע־סערע און מער דרינגנדע ענינים פון דער היינטיקער צייט“.

בן־גוריון האָט פאַרעפנטלעכט אַן אייגענע דערקלערונג, וועלכע האָט אַנטהאַלטן אַן איין־און־איינציקן זאַץ, און דער דאָזיקער זאַץ האָט גע־דאַרפט זיין א לאָזונג און א וועג־ווייזער פאר זיין פאָלק, אין משך פון נאָך איינינקע יאָר:

„מיר מוזן העלפן די ענגלענדער גלייך ווי עס וואָלט נישט עקזיס־טירט קיין „וויס־בוך“, און מיר מוזן באַקעמפן דאָס „וויס־בוך“ גלייך ווי עס וואָלט קיין מלחמה נישט געווען“.

קאפיטל זיבן

אַכט טאָג נאָכן מלחמה־אויסברוך, האָט בן־גוריון עובר געווען אויף די ענגלישע פאַראָרדנונג און האָט זיך געטראָפן אויף אַ געהיימען צו־זאַמענטרעף מיט אָפיצירן פון דער הגנה. כמעט אַלע זענען זיי געווען דעזאָריענטירט און האָבן זיך געגוויטיקט אין אָנווייזונגען. און דער מענטש מיט דער זילבערנער טשופּרינע האָט זיי געזאָגט גאַנץ פשוט: איר געפינט זיך אויף א צווייזייטיקן פראָנט. ער האָט זיי געוואָרנט קעגן „שנאה צו ענגלאַנד אָדער צום ענגלישן פאָלק". און גלייכצייטיק האָט ער זיי דער־מוטיקט: „די עליה גייט אָן, און זי וועט זיך נאָך פאַרברייטערן, די קאָלאָ־ניזאַציע און דער בוי פון לאַנד וועלן ווייטער אָנהאַלטן און וועלן נאָך פאַרשטאַרקט ווערן, און די חלוצישע אָנשטרענגונגען וועלן זיך נישט איינברעכן פאַר קיין שום שטערונגען און שטרויכלונגען".

און ווייטער האָט ער זיי געזאָגט: „שטייענדיק איצט אויף דער שוועל פון א מלחמה מוזן מיר זיך קלאָר מאַכן אונדזער וועג און ציל: די מל־חמה פון 1914—1918 האָט אונדז געבראַכט די באַלפור־דעקלעראַציע, דאָס מאָל מוזן מיר דערפירן צו אַ יידישע מדינה".

עס איז כמעט נישט געווען קיין יידישע משפחה אין לאַנד, וואָס די מלחמה זאָל איר נישט האָבן געטראָפן באַלד ביים סאַמע אָנהויב. וואַרשע איז כמעט גענצלעך אָפּגעמעקט געוואָרן. אברהם, בן־גוריונס ברודער, האָט געהאַט א טאָכטער מיט א מאַן און קינדער אין וואַרשע. וואָס לענגער די מלחמה האָט געדויערט און וואָס שטאַרקער עס זענען געוואָרן די באָמבאַדירונגען פון וואַרשע, אַלץ מער האָט מען אָנגעהויבן צווייפלען, צי איז בכלל אין פוילן עמיצער געבליבן לעבן. בן־גוריון און זיינע חברים אין דער יידישער אַגענץ האָבן פאַרגעלייגט מען זאָל מאָביליזירן פריוווילִיקע אויף צו־הילף די ענגלענדער. אין פערלויף פון אַ קורצער צייט האָבן זיך מאָביליזירט פינף און אַכציק טויזנט מענער און פופציק טויזנט פרויען. אין אָט דעם ערשטן קריגס־חודש זענען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געריכט אין ירושלים דריי־און־פערציק יידישע יונגעלייט. זייער גאַנצע שולד איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי האָבן געמאַכט געהיימע

מיליטערישע איבונגען, אלע דריי־און־פערציק זענען געווען מיטגלידער פון דער הגנה. די פארטיידיקונג האט געטענהט, אז די הגנה איז באוואפנט געווארן דורך די ענגלענדער, אין די צייטן פון די אראבישע אומרוען, צוליב מיליטערישע צוועקן; אז די „אומגעזעצלעכע" איבונגען זענען אדורכגעפירט געווארן אונטער דער אויפזיכט פון ענגלישע אפיצירן, צווישן זיי, אורד ווינגייט, און אז מען קאן די יונגעלייט נישט באשולדיקן אין קיין שום אפענעם בונט און אפילו נישט אין קיין אנגרייפערישע כוונות. אבער אלע זייערע טענות זענען געווען ארויסגעווארפענע רייד. איינער פון דריי־און־פערציק איז פארמשפט געווארן צו לעבענסלענג־לעכער תפיסה, די רעשט אויף צען יאר. צומארגנס האט בן־גוריון דער־קלערט א צוויי־שעהדיקן פראטעסט־שטרייק קעגן דעם פסק־דין.

און אז מען האט אנגעהויבן פארווירקלעכן דעם פארבאט פאר יידן צו קויפן ערד אין 95 פראצענט פון ארץ־ישראל שטח, האט בן־גוריון אונטערגעשריבן אן אויפרוף, וואס האט געשטעמפלט די גזירה ווי אן „אומדערטרעגלעכע באליידיקונג". און אויף דער זיצונג פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט האט ער געבראכט צום אויסדרוק זיין פארביטערונג קעגן דער גזירה, וואס איר גאנצער ציל איז איבערצוקויפן דעם מופטי, פונקט אזוי האט מען געפרווט מיט א צייט פריער איבערצובעטן היטלערן. (דער מופטי, וואס בן־גוריון האט אים אמאל אנגערופן „הערבערט סעמיועלס מתנה פארן יידישן פאלק", האט אין יענע טעג געוואנדערט צווישן רוים און בערלין, און מיט א קופערנעם שטערן איז ער אויפ־געטרעטן אלס ווערקצייג פון ביידע דיקטאטארן).

אכט חדשים נאכן קריגס־אויסברוך האט בן־גוריון פארפאקט די וואַ־ליזקע, האט גענומען אונטערן ארעם אייניקע פון זיינע באליבטע ביכער, און איז אוועק קיין ענגלאנד.

„איך מוז צוהעלפן ווייצמאנען צו באקומען פאר אונדז א יידישע ארמיי", האט ער געזאגט צו זיין פרוי. פאלא האט זיך שוין געהאט צוגעוווינט צו איר מאנס אפוועזנהייט, במשך לאנגע צייטן, פון דער היים. זי האט גע־דארפט מיט זיך שטארק ארבעטן, כדי שלום צו מאכן מיט זיין פאנאטיש־קייט און איבערגעבנקייט צו דעם ענין יידישע־מדינה. די דאזיקע פא־נאטישקייט האט אדורכגעאקערט זיין פנים מיט טיפע קנייטשן, האט אים געקאסט א סך שלאפלאזע נעכט, און האט א תל געמאכט פון דעם רעשט ביסל היימישקייט אין זייער פאמיליען־לעבן.

ווען ער איז געווען אין ארץ־ישראל, האט פאלא נאך געקאנט זארגן,

אז ער זאָל עסן אין דער צייט און, אז מענטשן זאָלן אים נישט שטערן אין זיין שלאָף. אָבער אז ער איז אוועק אין דער וועלט אריין, האָט זי שוין געוווּסט פאָרויס ווי אזוי עס וועט דאָרטן אויסזען. זי האָט עס בייגעוויזנט איינמאָל בעת איר צוזאַמען זיין מיט אים אין אויסלאַנד. מענטשן, וואָס זענען אַליין געווען אָנגעשטעקט מיט בן־גוריונס פאַנאַטישקייט, פלעגן מיט אים פירן דיסקוסיעס, ביז נאָך האַלבער נאַכט. אויב ווער־עס־איז האָט אים נישט דערמאָנט, האָט ער פּשוט פאַרגעסן אַז ער דאַרף עסן. איצט איז ער אַוועק קיין לאָנדאָן, וועלכע איז געווען דער ציל פון טאָג־טעגלעכע דייטשע באָמבאַרדירונגען.

פּאָלאַ האָט דאַסמאָל געזאָגט בן־גוריונען בלויז דאָס, וואָס פרויען האָבן געזאָגט, תמיד, אין אַלע שפּראַכן און אין אַלע תקופות, צו זייערע געליבטע מענער אין ענלעכע סיטואַציעס: „געדענק אין זיך". און ער איז אַוועק.

בן־גוריון איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, ווען די ענגלענדער האָבן גע־ליטן איינע פון זייערע שווערסטע מפּלות אין משך פון אַלע זייערע מלחמות. פראַנקרייך האָט זיך איינגעבראָכן, בעלגיען האָט זיך אונטערגעגעבן. ביין הונדערט שיפן האָבן איבערגעפירט א דריטל פון א מיליאָן ענגלישע און פראַנצויזישע סאָלדאַטן, דורכן קאַנאַל לאַ־מאַנש, פון פראַנקרייך קיין ענג־לאַנד, כדי זיי זאָלן קאָנען קומען צו זיך, און זיין אויפסניי קאַמפּס־פעיק, ווען די צייט וועט קומען. אין שפּעטערדיקע יאָרן, ווען יידן האָבן זיך געפונען אויפן שוועל פון פאַרצווייפלונג, פלעגט בן־גוריון נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערחזרן די דונקירק־געשיכטע:

„מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין לאָנדאָן אין די פינצטערסטע שעהן פאַר ענגלאַנד, אין דער מלחמה... די קליינע רעשטלעך פון דעם בריטישן מיליטער אויף דעם אייראָפּעישן קאָנטינענט, האָבן געמאַכט פאַר־צווייפלטע פּרוּוון זיך אַרויסצוקריגן פון דונקירק. זיי האָבן נישט געוואַרט אויף די לוקסוס שיפן „קווין־מערי" און „קווין־עליזאַבעט"; עס איז זיי נישט אָנגעגאַנגען צו די קליינע, שמוציקע און האַלב־צעבראָכענע שיפלעך, וואָס מ'האָט צוזאַמענגעקלאַפּט אין אַלע עקן פון ענגלאַנד, כדי צו ראַטעווען די עלדישע רעשטלעך פון דער אַרמיי, זענען פּאַסיק פאַר א ים־רייזע צו נישט. זיי זענען אַנטרינען געוואָרן. דאָס גאַנצע ענגלישע פאָלק גרויסט זיך מיט דונקירק, און מיט רעכט".

בן־גוריון האָט אויסגעפונען א קליין צימער אין אַ באַשיידענעם פּענ־סיאָנאַט נאָענט פון דער אונטערגרונט באַן־סטאַציע „סוויס קאָטאדזש", נישט

ווייט פון די „וואקסענע־פיגורן״־אויסשטעלונג פון מאדאם טאסא,ביים עק פון עפנטלעכן גארטן אויף דער רידזשינעט גאס. ער האט גע־וווינט א מרחק פון אייניקע מייל, פון יענעם ברוינעם דריישטאקיגן ציגל־הויז, מיט א מאדנעם קליינעם אייזן־באלקאן אויף גרעיט־ראסל סטריט, דער זיך־פלאץ פון דער יידישער אגענץ און די צענטראלעס פון פאר־שידענע ציוניסטישע ארגאניזאציעס. אין דאזיקן הויז איז בן־גוריונען צוגעטיילט געווארן א קליין און אפגעריסן צימערל, אויפן צווייטן שטאק, נישט ווייט פון זיצונגס־זאל. דורכן פענצטער האט ער געקענט זען די גערטנער פון די בלאמסבערי־הייזער און די שפיצן פון די ברייט־שטא־מיקע ביימער אויף דער מאנטאגיו גאס.

אין לאנדאן האט זיך אין יאר 1940, אנגעפאנגען א נייע און מאדנע עפאכע אין בן־גוריונס לעבן. מעגלעך אז דאס האבן אזוי די מוראדיקע מלחמה־פאלגן אויף אים געווירקט, פאר זיינע אויגן, ארום און ארום, איז געווען נאר טויט, חורבות האבן ארויסגעשטארצט אויף אלע גאסן. און מעגלעך אז די סיבה איז גאר געלעגן אין דעם, וואס ער איז דערגאנגען צו דעם עלטער, ווען א מענטש הויבט אן צו קוקן צוריק: אנאליזירן דאס וואס עס האט פאסירט אין זיין לעבן. ער איז איצט אלט געווען פיר־און־פופציק יאר.

זיינע האר זענען געווען כמעט אינגאנצן באזילבערט. זיין פנים איז געווען ווי צעאקערט, און ער פלעגט לייכט ארייפאלן אין א מידקייט.

נישט איינמאל פלעגט ער זיצן אין זיין קליינעם ביורא אויף גרעיט־ראסל סטריט פארטיפט אין געדאנקן, ער איז געווען פארשלאסן אין זיך ווי נאך קיינמאל נישט פריער. ער פלעגט שעהנוויז זיצן איינער אליין און שווייגן. אין מיטן פון א לופט אנגריף, ווען אלע האבן זיך אויסבא־האלטן אין די בונקערס, האט מען נישט איינמאל א פרעג געטוען: „ווו איז בי. דזשי?״.

א שעה נאך דער באמבאדירונג, איז ער צופעליק אריין אין הויז. מ׳האט אים געפרעגט ווו ער איז געווען בשעת דער באמבאדירונג, האט ער רויק אפגעענטפערט: „אין קינא. דארט ביים אנהויב טאטענהאם קארט״. און וואס פאר א פילם האט געשפילט? ער האט נישט געוווסט. ער איז דארט געזעסן מיט פארמאכטע אויגן. וואס פאר א זין האט עס צו זיצן אין קינא מיט פארמאכטע אויגן? ווייל דער איינגאנג איז געווען ביליק, די

שטולן זענען געווען באַקוועם, — א פּאַסיקער פּלאַץ אויף צו פאַרזינקען אין געדאַנקען.

אין לאָנדאָן, אין יאָר 1940, האָט בן־גוריונס כאַראַקטער געגומען ארויסווייזן גאַנץ נייע שטריכן. דאָ האָט זיך צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט זיין נייגונג צו וויסנשאַפט, צו למדנות.

די געביידע פון יידישן צענטער האָט זיך געפונען אין שכנות פון בריטישן מוזעום, וווּ דו קענסט געפונען, בדרך כלל, אן עקזעמפּלאַר פון יעדן בוך, וואָס איז ווען־עס־איז געדרוקט געוואָרן אין ענגלאַנד. עס געפינט זיך דאָרט א ריזיקע שפע פון אַרכעאָלאָגישע ווונדער, סקולפּ־טורן, מאַנוסקריפּטן, ליטעראַרישע און קינסטלערישע אוצרות. צו בן־גוריונס גרויסן צער, זענען די טירן פון בריטיש מוזעום געווען פאַר־שפּאַרט מיט זעק זאַמד (אַלס א שוץ קעגן לופט־אַנגריפן), דער רוב פון די אַנטיקן איז איבערגעטראָגן געוואָרן אין אנדערע זיכערע פּלעצער, אין צענטער פון לאַנד, זיי אויסבאַהאַלטן אין קעלערס אָדער אין פאַרשטעלטע היילן, כדי זיי זאָלן נישט פאַלן קיין קרבנות פון די לופט־אַנגריפן. אָבער אין די געסלעך פון בלאָמסבערי האָט מען געקענט געפינען א שפּאָר ביסל קליינע ביכער־געשעפטן, וואָס יעדעס פון זיי האָט זיך ספּעציאַליזירט אין א געוויסן ליטעראַרישן געביט. אויך אויף טשאַרינג־קראָס, זענען נאָך די ספרים־געשעפטן געווען אָפן.

אין אָנפאַנג האָט זיך בן־גוריון געווידמעט דעם שטודיום פון ענג־לאַנדס קאָלאָניאַלער הערשאַפט, זייט דעם אָנהויב פון דער אימפּעריע. נאָך איינִיקע חדשים האָט ער, מיט זיין כאַראַקטעריסטישן כוח פון דעציזיע, אויפגעגעבן דאָס דאָזיקע געביט. צו איינעם פון זיינע פריינט אין דער אַגענץ, האָט ער געזאָגט, אַז אין זיין שטודיום איז ער דערגאַנגען צו דער קאָנקלוזיע, אַז אויב א פאָלק קעמפט נישט פאַר זיין פרייהייט, איז ער נישט זוכה זי צו באַקומען.

די מוכר־ספרימניקעס פון בלאָמסבערי פלעגן שמייכלען, ווען זיי האָבן געזען דעם מאַן מיטן ווייסן קאָפּ אריינקומענדיק אין זייערע קראָמען. ער האָט מיט זיי קיינמאָל נישט גערעדט קיין סך, אָבער ער האָט געוווּסט גענוי וואָס ער וויל. עס האָט זיך געמאַכט, אַז א מוכר־ספרימניק האָט געדאַרפט חדשים־לאַנג זוכן און נישטערן, ביז ער האָט געקאָנט אויספירן בן־גוריונס א באַשטעלונג אויף עפּעס אַן אַלט און זעלטן בוך.

אין יאָר 1958, אכצן יאָר נאָכדעם ווי ער איז אין קריגס־צייט געווען

אין לאָנדאָן, איז אָנגעקומען אין ביוראָ פון דער יידישער אַגענץ אין לאָנ־דאָן אַ בריוו אַדרעסירט:

צו הער בן־גוריון.

אז מען האָט געעפנט דעם קאָנווערט, האָט מען דאָרט געפונען אַ מעלדונג פון אַ בוכהענדלער אין בלאָמסבערי וועגן א בוך, וואָס דער מענטש פון ארץ־ישראל האָט געהאַט באַשטעלט נאָך אין יאָר 1940, אַז סוף־כל־סוף האָט זיך דאָס בוך געפונען. צו וועט הער בן־גוריון זיין אזוי פריינטלעך און אַריינקומען אין געשעפט, כדי דאָרט אָפּצונעמען דאָס באַשטעלטע בוך? ווייזט אויס, אז דער דאָזיקער מוכר־ספרימניק איז גע־ווען אזוי שטאַרק פאַרטועז אין זיינע פאַרשטויבטע אַנטיקוואַרע ביכער, אז ער האָט גאָרנישט געוווּסט, אַז דער באַשטעלער איז דערווייל געוואָרן פרעמיער־מיניסטער און א וועלט־פערזענלעכקייט, און אז זיין וווין־אָרט געפינט זיך זער וויט פון דער גרעיט־ראָסל סטריט.

עטלעכע חדשים נאָך זיין אָנקומען קיין לאָנדאָן האָט זיך אָנגעהויבן דער בליץ. איין באָמבאַדירונג האָט שטאַרק געטראָפן דעם נאָענטן ברי־טישן מוזעאום.

איינמאָל, ווען ער איז געווען געצוווּנגען צו זיצן אַ פּאָר שעה אין בונקער, האָט ער געזאָגט צו זיין שכן: „אויב איך וועל מיך מוזן פאַר־שטעקן אין בונקער, וועל איך אויסנוצן די צייט, כדי צו לערנען אלט־גריכיש".

„נאָכדעם ווי איך האָב שטודירט די געשיכטע פון דער בריטישער קאָלאָניאַלער הערשאַפט ביז איך געקומען צום באַשלוס, אז די צוקונפט פון ישראל וועט זיין אָפּהענגיק פון אונדזערע ידיעות און וויסן אין מילי־טערישע ענינים".

„און וואָס האָט דאָס צו טוען מיט אלט־גריכיש?"

„איך וויל לייענען דאָס בוך פון טוקידידיס וועגן מיליטערישע סטראַ־טעגיע".

נאָך א געוויסער צייט האָט בן־גוריון צוגעגעבן נאָך א סיבה פון זיין אינטערעס מיט דעם נייעם געביט. ער האָט געוואָלט וויסן, מער ווי ביז איצט, וועגן פלאַטאָן, זיין באַליבטן פילאָזאָף.

בישט איינמאָל זענען די לאָנדאָנער הימלען געווען שווארץ פון די דייטשע עראָפּלאַנען, און טויטע זענען געפאַלן אויף דער גאַס. אָבער בן־גוריון האָט זיצנדיק אין די לאָנדאָנער בונקערס, אין יאָר 1940, געלערנט אַלט־גריכיש. זיין שאַרפע און שנעלע תפיסה האָבן אים געהאָלפן אין

שטודיום, פונקט ווי עס האָבן אים געהאָלפן זיין זעלבסט־דיסציפּלין און זיין שטאַרקער דורשט צו וויסן. מען איז געשטאַנען פאַר אַן אייגנאַרטיקער דערשיינונג — א מענטש, וועלכער, וואָס מער ער האָט זיך געעלטערט אין יאָרן אלץ יינגער איז ער געוואָרן אין זיין גייסטיקער קראַפט און אין זיינע אינטעלעקטועלע פאַראינטערעסירונגען.

ער האָבן זיך געפונען אונטערן שטאַרקן איינדרוק פון פּלאַטאָנס תורה: אז עס וועט נישט קומען קיין סוף צו דער רשעות פון פעלקער און לענדער, ביז די פילאָזאָפן וועלן נישט ווערן די הערשער, אָדער ביז די הערשער וועלן זיך נישט פאַרוואַנדלען אין פילאָזאָפן. טראָצדעם וואָס פּלאַטאָנס אי־דעען וועגן דעם איבערמענטש, זענען געשטאַנען אין סתירה מיט דער תורה פון יידישע נביאים, וואָס האָבן נביאות געזאָגט, אז די אידעאַלן פון גוטס, גערעכטיקייט און רחמים, וועלן רעאַליזירט ווערן דורך פּשוטע מענטשן און נישט דורך דעם, וואָס מיט די פּשוטע מענטשן וועלן אָנפירן דערהויבענע און איבערמענטשלעכע מנהיגים.

אין משך פון יענע צייטן איז בן־גוריון געוואַקסן אין זיין גייסטיקער הויך. ביז איצט איז ער געווען, הויפּטזעכלעך, פּאָליטישער עסקן און טאַק־טיקער, וואָס האָט געקאָנט באַאיינפלוסן דעלעגאַטן אויף קאָנפערענצן, אַריינברענגען אין התלהבות פּאַרטיי־עסקנים, און אָנפירן מיט גרויסע פּראָפּאַגנדע־אַקציעס. פון איצט אָן, וועלן זיך זיינע גייסטיקע פאַראינ־טערעסירונגען אויסברייטערן אויף אזוי ווייט, אז ער וועט קענען פירן וויכוחים אויך וועגן גריכישע פילאָזאָפיע, סיי מיט אַ גריך און סיי מיט אַ פילאָזאָף. אויך אין פראַגן פון מעטאַפיזיק — מיט מענטשן וואָס האָבן נישט קיין אינטערעס פאַר פּאָליטיק.

און אזוי פאַרטיפנדיק זיך אין יענעם יאָר מער ווי ווען־עס־איז, אין די פּראָבלעמען פון לעבן, גאָט, אייביקייט, סיבה און רעזולטאַט, גערעכ־טיקייט און שלעכטס, איז ער געפאַנגען געוואָרן דורך ענגלאַנדס גרויסן קריגס־מנהיג.

עס איז גאָר ווייניק בשותפותדיקס פאַראַן צווישן בן־גוריונען, דעם סאָציאַליסט און אויטאָדידאַקט, וועלכן עס האָט שטאַרק געפעלט געזעל־שאַפטלעכער שליף, און צווישן ווינסטאָן טשערטשיל, דעם קאָנסערוואַטיוו פון אָדל־שטאַם, פון לאָרדן־הויז מאַרלבאָראָו, דעם דערצויגענעם אין די ספּעציעלע שולן פאַר קינדער פון הויכן אָדל, און אויסגעצייכנטן דזשענ־טעלמאַן.

ווינסטאָן טשערטשיל האָט געפּרעדיקט פּאָליטישע פּרינציפּן, וואָס

פאַר בן־גוריונען זענען זיי געווען איבעריק און עקלדיק. אָבער אין יענער צייט איז טשערטשיל געווען דער פירער פון מענטשן, און בן־גוריון האָט זיך אַדאַפּטירט אייניקע פון זיינע אייגנשאַפטן, וועלכע וועלן אים נויטיק זיין אין אכט יאָר ארום, ווען ער אַליין וועט דאַרפן באַגייסטערן מענטשן, וואָס וועלן שטיין מיטן רוקן צום ים, און וועלן זיין באַוואָפנט מיט בלויזע שטעקנס.

די איינציקע אייגנשאַפט פון טשערטשילן, וואָס בן־גוריון האָט, צום גרויסן באַדויערן, נישט באַוויזן זיך איינצושאַפן, איז דאָס געפיל פאַר הומאָר פון ענגלישן פּרעמיער מיניסטער. מען קען דאָס לייכט פאַרשטיין. טשערטשיל איז געשטאַנען פאַר אַ מאָמענטאַלער טראַגעדיע. בן־גוריון אָבער איז געווען מיט זיין גאַנץ וועזן אדורכגעדרינגען מיט אַ טראַגעדיע, וואָס האָט זיך געצויגן, אָן אויפהער, שוין צוויי טויזנט יאָר.

עס איז געווען ווי אַ סימבאָל פאַר דעם נייעם בן־גוריון, ווען ער האָט אין יאָר 1940 געוצלעך אויפגעגעבן דאָס רויכערן און ער האָט זיך קיינמאָל דערצו מער נישט צוריקגעקערט. ער איז שטענדיק געווען דאָס, וואָס מ׳רופט אַ קייט־רויכערער, פאַרברויכנדיק פון זעכציק ביז אכציק פאַפּיראָסן אַ טאָג. דאָס איבעררייסן מיטן רויכערן איז ביי אים נישט געווען קיין ענין פון געזונט אָדער פון עקאָנאָמיע, נאָר אַן איבונג פון שטאַרקן זיין זעלבסט־דיסציפּלין: „איך האָב באַשלאָסן קיינמאָל מער נישט צו זיין קיין קנעכט פון אַ געוווינהייט“.

ביי זיין שרייב־טיש אין בלאָמסבערי, האָט בן־גוריון געאַרבעט איבער אַ פּראָגראַם מיט פיר־פּונקטן: העלפן די ענגלענדער באַזיגן זייער קעגנער; הויבן דעם יידישן פּרעסטיזש; ראַטעווען וואָס מער יידן פון דעם קריגס־חורבן; און אויסטרעטן אַ וועג פאַר דער יידישער מדינה.

ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס ווייס־בוך איז טויט, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס טשערטשיל האָט פאַרנומען טשעמבערליינס פּלאַץ. ער האָט געהאָפט, אַז עס וועט אים געלינגען איבערצוצייגן טשערטשילן, אַז מען זאָל אויפהערן רודפן די הגנה, אַז מ׳דאַרף באַפעלן דער ענגלישער פּאָליציי אין ארץ־ישראל, זי זאָל די יידן דערלויבן אויסטריקענען די בלאָטעס פון גליל, און אנטוויקלען תל־אביב ווי אַ פּאָרט־שטאָט, און דער עיקר — וואָס איז נאָך דרינגנדיקער — מען דאַרף שאַפן צוויי יידישע בריגאַדעס, איינע פון יידן אין ארץ־ישראל און די אנדערע פון יידן אין די גלות־לענדער.

בן־גוריון און ווייצמאַן האָבן באַזוכט דאָס קאָלאָניען־מיניסטעריום

און האָבן דאָרט פאַרגעלייגט זייער פּלאַן. אָבער דאָס קאָלאָניען־מיניסטער־יום איז געבליבן קאַלט.

לאָרד לויד האָט געפרעגט מיט אַ שאַרפן טאָן: „אויב איר זייט טאַקע אויף אַן אמת אינטערעסירט אין אַ בריטישן נצחון, פאַרוואָס מאָביליזירן זיך נישט אייערע מענטשן, איינפאַך, פּריוואַטליק אין דער בריטישער אַרמיי?" בן־גוריון האָט אויפן אָרט אָפּגעענטפערט: „פאַרוואָס שטעלט איר נישט די דאָזיקע פראַגע די פראַנצויזן, די טשעכן, אָדער די פּאָליאַקן?"

לאָרד לויד האָט געזאָגט, אַז אַ יידישער לעגיאָן „וועט בלויז פאַר־גרעסערן אונדזערע צרות דאָרט אין יענעם געביט און נישט מער".

„און מיר דוכט זיך", האָט בן־גוריון געענטפערט, „אַז די אמתע צרה איז וואָס מיר עקזיסטירן".

די ידיעות פון קריגס־פּלאַץ זענען יענעם טאָג געווען שלעכטע. דער קאָלאָניען־מיניסטער, לאָרד לויד, איז ווייזט אויס געווען פאַרטועט אין אַ סך הארבערע ענינים. ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַ האַלב אויער און האָט געזאָגט, אַז די צוויי געסט דאַרפן פאַרשטיין וואָס פאַר אַ שווערער קריזיס עס גייט איצט איבער ענגלאַנד. האָט בן־גוריון געענטפערט:

„אַ דראָונג פון אומקום און פאַרניכטונג איז פאַר אייך אַ נייעס, מיר אָבער געפינען זיך אונטער דער דאָזיקער דראָונג זייט צוויי טויזנט יאָר".

און ווען אַלע זייערע בקשות זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן, האָט בן־גוריון פאַרלאַנגט אַ קליינעם חסד. צו ווען די ענגלענדער באַוויליקן צו באַפרייען די דריי־און־פערציק חברים פון דער הגנה, וואָס זיצן אַרעסטירט צוליב אַן אומזיניקע באַשולדיקונג? לאָרד לויד האָט אויף דער בקשה געענטפערט נעגאַטיוו. דערנאָך האָט ער באַמערקט, אַז אויב ווייצמאַן און בן־גוריון ווילן באמת העלפן ענגלאַנד אין איר נויט, דאַרף איינער פון זיי, אָדער ביידע צוזאַמען, באַלד פאָרן קיין אַמעריקע, כדי משפיע צו זיין אויף די אַמעריקאַנער יידן, זיי זאָלן מאַכן אַ דרוק אויף וואַשינגטאָן, אַז אַמעריקע זאָל אויפהערן צו זיין נייטראַל אין דאָזיקן קריג.

ווייצמאַן איז געווען פאַרנומען מיט וויסנשאַפטלעך כעמישע פאַר־שונגס־אַרבעט, וואָס איז געווען זער וויכטיק פאַר דער בריטישער רע־גירונג. בן־גוריון האָט אַלזאָ איינגעפּאַקט זיין וואַליזקע, האָט אַריינגעלייגט אַ באַנד פון פּלאַטאָנס כתבים אין איין מאַנטל־קעשענע און אַ גריכישן ווערטער־בוך אין דער צווייטער, און איז אַוועק קיין ניו־יאָרק.

קאפיטל אכט

אין ניו־יאָרק איז נישט געווען קיין צייט זיך צו פאַרטיפן אין פּלאַ־טאָנען. בן־גוריון האָט זיך געדינגען אַ צימער אין אַ באַשיידענעם האָטעל אויף דער 70־טער גאַס (מזרח) און אָנגעהויבן אַרבעטן.

פּאָלעס שוועסטער און אירע קינדער האָבן געוואָלט איינאָרדענען מש־פּחה־אויפנאַמעס פאַר זיין כבוד וועגן. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז עס איז נישט מעגלעך צו זיין אין ניו־יאָרק און נישט צו זען קיין טעאַטער־פאָר־שטעלונגען. בן־גוריון איז אָבער געווען צו שטאַרק באַשעפטיקט. עס איז געווען אָנפאַנגס 1941, די אַמעריקאַנער בכלל, און אַמעריקאַנער יידן בפרט, האָבן שטאַרק געוואָלט הערן נייעסן „פון ערשטן מקור". וואָ איז באמת פאָרגעקומען אין ענגלאנד? צי איז דאָס באָמבאַדירן פון לאָנדאָן, באמת געווען אזוי שרעקלעך ווי די צייטונגען האָבן געשריבן? צו וועט ענגלאַנד קענען אויסהאַלטן? און וואָס הערט זיך מכוח יידן? וועט ווער פון די אייראָפּעישע יידן זיך אָפּראַטעווען?

בן־גוריון האָט זיך געזען מיט דזשעמס פארלעי, וועלכער האָט גע־שפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין רוזוועלטס וואַל, אלס פרעזידענט פון די פּאַר־אייניקטע שטאַטן, מיט ווענדעל ווילקי, וואָס נאָר איין שריט האָט אים געפעלט צו דער פרעזידענטן שטול, מיט סענאַטאָר הערבערט וואַגנער, דער פּאָלי־טישער אָפּגאָט פון די ניו־יאָרקער יידן. און ער האָט געפירט לאַנגע געשפּרעכן מיט ראַביי סטיפן וויז און מיט דעם אויבער ריכטער לואיס בראַנדייס.

ער האָט זיך אפילו אויסגעבאָרגט אַ סמאָקינג מיט אַ שוואַרצן קראַ־וואַט, כדי ער זאָל זיך קאָנען באַטייליקן אין אַן אויפנאַמע לכבוד בראַנ־דייסן און זאָל קאָנען זיצן אין פרעזידיום. ער האָט אויסגעזען זער עלע־גאַנט, און ער איז בכלל נישט געווען אזוי אומגליקלעך ווי דעמאָלט, ווען ער האָט געמוזט אָנטוען די יום־טוב מלבושים, בשעת דער קאָנפערענץ אין סענט־דזשיימס פּאַלאַץ.

אין זיין רעדע אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין קאַרנעדזשי־האָל, האָט ער שאַרף אָנגעגריפן דאָס ווייס־בוך, און צו די אָנפירערינס פון „הדסה",

די אָרגאַניזאַציע פון יידישע פרויען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער געזאָגט, אַז זיי דאַרפן העלפן ענגלאַנד מאָביליזירן יידיש מיליטער דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און אין דעם מאָמענט איז נישט פאַראַן קיין הייליקערע אויפגאַבע ווי צו באַזיגן היטלערן און דעם נאַציזם. און מען קען זי נישט באַזיגן מיט בלויזע ווערטער.

ער איז געבליבן געטריי זיין לאָזונג — אַ מלחמה אויף צוויי פראָנטן: אין איין־און־דערזעלבער צייט העלפן ענגלאַנד, און זי אויך באַקעמפן. ער האָט געמוזט גיין אויף דעם דינעם פאָדעם און געבראַכט פיל אמעריקאַנער אין פאַרלעגנהייט.

נאָך דריי חדשים איז ער ווידער אַמאָל אוועק אין וועג אריין. דער ישוב אין לאַנד האָט זיך דרינגענד גענויטיקט אין אים, אָבער דער קאַמף פון די דייטשע אונטערוואַסער שיפלעך האָט זיך פאַרשטאַרקט, און אין די עראָפּלאַנען איז שווער געווען צו באַקומען אַ פּלאַץ, דעריבער האָט ער זיך צוריקגעקערט דורכן מזרח, און נישט דורכן מערב. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ניו־זעלאַנד אויף אַ פריינטלעכן שמועס מיט דעם אַר־טיקן פרעמיער־מיניסטער פעטער פריזער.

„ביזט באמת געפאָרן ארום דער וועלט?", האָט אים געפרעגט רננה, זיין טאָכטער, ווען זי האָט אים באַגריסט.

דערווייל איז זיין זון עמוס אויסגעוואַקסן, און ער האָט זיך מאָ־ביליזירט אין דער ענגלישער אַרמיי, ווו ער וועט דערגיין צו דעם ראַנג פון אַ מאַיאָר און וועט זיך באַטייליקן אין די קאַמפן אויף פיל פראָנטן.

נאָך דעם ווי גאולה האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין דער גימ־נאַזיע „הרצליה", האָט זי פאַרגעזעצט אירע לימודים אין לערער־סעמינאַר. איינמאָל איז זי געקומען אין קלאַס אריין מיט אַ פאַרשפעטיקונג פון איי־ניקע שעה, און נישט־זאָגנדיק קיין איינציק וואָרט צו איר פאַרטיידיקונג, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף איר פּלאַץ.

„דו וואָלסט זיך, לכל הפחות פאַרטיידיקט פאַר וואָס דו האָסט זיך פאַרשפעטיקט", האָט אויסגערופן די דענערווירטע לערערין.

„איך האָב אַ גענוגנדיקע סיבה פאַר מיין פאַרשפעטיקונג", האָט זי געענטפערט, „איך קום דירעקט פון ראַבינאַט, פון אונטער דער חופה".

פאָלאַ האָט זיך געפרייט מיטן מאַנס צוריקקומען. זי האָט מורא גע־האַט פאַר דער אונטערוואַסער־קריג, און האָט נישט פאַרגעסן צו פרעגן:

„האָסט געזען מיין שוועסטער אין ניו־יאָרק? און וואָס מאַכן די קינדער? ביזט געווען אין ברוקלין?

זשאַבאָטינסקי איז געשטאָרבן, און קאַצענעלסאָנס געזונט איז גע־וואָרן שוואַך.

אברהם שטערן, איינער פון די אָנפירער פון אצ״ל, האָט געבראַכן דעם וואָפן־שטילשטאַנד מיט ענגלאַנד גרינדנדיק אַ נייע טעראָר־אָרגאַ־ניזאַציע אונטערן נאָמען „די שטערן־גרופּע״. די שטערניסטן האָבן נישט אויפגעהערט צו קוועלן די ענגלענדער און אָנצופאַלן אויף די אַראַבער. אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיי באַרויבט אַ באַנק אין תל־אביב אויף צוואַנ־ציק טויזנט דאָלאַר. די באַנק איז געווען אַ יידישע. ארץ־ישראל איז גע־ווען פול מיט אַקטיוויטעט. אומעטום זענען געווען סאָלדאַטן פון די פאַר־אייניקטע אַרמייען. ענגלאַנד האָט געבעטן די יידישע אַגענץ צוצושטעלן איר צוועלף הונדערט ספּעציאַליסטן, וואָס זאָלן דינען אויסער די גרע־נעצן פון לאַנד. עס האָבן זיך געמאָלדן טויזנט פינף הונדערט פריייוויליקע. צוויי טויזנט יידישע אינדוסטרי־אונטערנעמונגען האָבן געאַרבעט איבער־שעהן, כדי צו פּראָדוצירן כל־ער־ליי קריגס־שטאָפן פאַר די ענגלענדער, אָנהויבנדיק פון איינאָרדענען שפּיטעלער און ענדיקנדיק מיט אויסשטאַ־טונג פאַר בעטאָן־שיפן. יידישע וויסנשאַפטלער האָבן פּראָדוצירט זעל־טענע און וויכטיקע מעדיקאַמענטן.

אין וויניקער ווי פינף חדשים נאָך דעם ווי ער האָט זיך צוריק־געקערט אהיים, איז ער ווידער אוועק אין וועג אריין. דאָס מאָל קיין קאַהיר, לאָנדאָן און ניו־יאָרק.

דער האָטעל „בילטמאָר״ האָט אַ פאַרשידנאַרטיקע באַדייטונג פאַר פאַר־שידענע מענטשן. פאַר ניו־יאָרקער איז ער בלויז אַ האָטעל אויף מעדיסאָן־סקווער אין דער 43־סטער גאַס. פאַר דעם ישוב אין ארץ־ישראל באַדייט ער אַן ארויספאָדערונג צו די ענגלענדער. פאַר בן־גוריונען אָבער סימ־באָליזירט ער נאָך איין שווערן קריזיס.

אין מאַי 1942 האָט דער ציוניסטישער נויטשטאַנד־קאָמיטעט אין אמעריקע צונויפגערופן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ אין האָטעל „בילטמאָר״. עס זענען געקומען זעקס הונדערט דעלעגאַטן פון אַלע עקן פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן, וועלכע האָבן פאַרטרעטן פאַרשידענע פּאָליטישע קאָנ־צעפּציעס. צווישן די דעלעגאַטן זענען געווען אייניקע יידישע פירער פון אייראָפּע, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג געקומען קיין אמעריקע זוכנדיק אַן אַזיל. אין יאָר 1941 איז נישט פאָרגעקומען קיין ציוניסטישער קאָנג־רעס, און אין די מלחמה־באַדינגונגען וועט אזא קאָנגרעס נישט פאָר־קומען אויך אין 1943. יענע קאָנפערענץ אין האָטעל „בילטמאָר״ האָט נישט

געהאַט קיין שום אויטאָריטעט ארויפצוליגן פליכטן אויף וועמען. אלע אירע באַשלוסן האָבן באדארפט באַשטעטיקט ווערן דורך די אָרגאַניזאַציעס וואָס די דעלעגאַטן האָבן פארטרעטן.

אָבער בן־גוריון האָט געהאַט נבואישע געדאַנקען.

ער האָט פאָרויסגעזען, אז אויב אפילו ענגלאַנד און די פארבינדעטע וועלן זיגן, וועט ענגלאַנדס שטערן אלס גרויס־מאַכט אויסגיין, און די פאראייניקטע שטאַטן וועלן ווערן געשטויסן אָנצונעמען די וועלט־פירערשאַפט.

אין רעזולטאַט פון דער מלחמה זענען פאָרגעקומען נאָך אַנדערע ענדערונגען. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז אין אייראָפּע געווען טאָפּלט יידן ווי אין די פאראייניקטע שטאַטן. אויב די ידיעות וואָס רייסן זיך אדורך פון פוילן און דייטשלאַנד זענען ריכטיק, וועלן בקרוב זיין מער יידן אין דער נייער וועלט ווי אין דער אַלטער. דאָס האָט געגעבן אמעריקע און דעם אמעריקאַנער יידנטום מער חשיבות, ווי זיי האָבן ווען־עס־איז אַמאָל געהאַט.

בן־גוריונס קריטיקער האָבן אים גערופן „אָפּאָרטוניסט". אויב זיי האָבן דערמיט געוואָלט זאָגן, אז ער האָט געניצט דעם אַנצוג, לויט די מאָס פון זיין שטאָף, זענען זיי זיכער געווען גערעכט. פינף חדשים פריער איז אמעריקע געוואָרן דערשיטערט צוליב דער באַמבאַדירונג פון „פּירל האַרבאָר". די ציוניסטן פון אַמעריקע זענען נאָך געווען אונטערן שווערן רושם פון דעם ווייסן־בוך. דער דערשיטערנדיקער אמת וועגן די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס האָט אָנגעהויבן זיך אדורכרייסן דורך דער ברייטער וועלט. בן־גוריון איז דעריבער געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז געקומען די צייט צו צעקלאַפּן „אַלע צווייפלערס און מינימאַליסטן", און צו דערשלאָגן זיך צו אַן איינהייטלעכער ציוניסטישער פּאָליטיק.

ד"ר ווייצמאַן, דער העפלעכער און סימפּאַטישער ליבעראַל, וואָס האָט געגלויבט אין שכל הישר און אין פאָרזיכטיקייט, און האָט אָנגענומען אז אויך זיינע קעגנער וועלן זיך אָנשטענדיק באַנעמען, איז געווען קעגן דעם נייעם העזהדיקן פּראָגראַם. בן־גוריון האָט אויך געהאַט קעגנער אין זיין אייגענער פּאַרטיי.

צו די קעגנער האָט געהערט ד"ר יהודה מאַגנעס, דער רעקטאָר פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט, וועלכער איז געווען אַן אָנהענגער פון א בי־נאַציאָנאַלער מדינה, אַן אַראַביש־יידישע. אויך הענריעטאַ סאָלד, די יידישע פלאָרענס נייטינגעל, אליין אַ געבוירענע אין אַמעריקע וואָס האָט

געשאַפן די „הדסה״ באַוועגונג און האָט אויפגעשטעלט א גרויסן שפּיטאָל — א פּערזאָן מיט גרויס אָנזען צווישן נישט־ציוניסטן און נישט יידן, זי איז אויך געווען קעגן.

אַזאָ איז געווען די אַטמאָספער ארום די בילטמאָרער חירום־קאָנפּע־רענץ, אויף וועלכער בן־גוריון האָט באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן : „דאָס אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה״. טייל מענטשן האָבן אים גערופן „משוגענער״.

אויב עס וועט אים נישט געלינגען צו באַקומען די אונטערשטיצונג פון די זעקס הונדערט דעלעגאַטן פאַר זיין פּראָגראַם, וועט דאָס זיין דער סוף פון זיין פּירערשאַפט — און וואָס עס איז נאָך וויכטיקער : די פּארווירק־לעכונג פון דער וויזיע וועט זיכער אָפּגעשטופּט ווערן אויף נאָך יאָרן. דאָס אָבער וואָס ער האָט געהערט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק פון לאָרד לויד איז געווען פאַר אים א סטימול. לאָרד לויד איז געשטאָרבן, און לאָרד מוין איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָלאָניען־מיניסטער. בן־גוריון האָט זיך מיט אים געזען און האָט געבעטן זיין שטיצע צו שאַפן יידיש מיליטער. אין דעם דאָזיקן געשפּרעך האָט דער נייער קאָלאָניען־מיניסטער געלאָזט הערן ז י י ן א ו י ס פ א ס ו נ ג פון „דאָס יידישע פּראָב־לעם״. ער האָט געטראַכט וועגן עפּעס אַ קליינעם פּלאַץ אין אייראָפּע (און ער האָט אפילו מיט קיין רמז נישט דערמאָנט ווו יענער פּלאַץ געפינט זיך), וועלכער וואָלט געקענט זיין אידעאל פאר א קליינעם געטאָ מיט אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר דעם ביסל יידן וואָס וועלן זיך האָבן אָפּגע־ראַטעוועט ביים סוף פון דער מלחמה.

און ווען בן־גוריון האָט געפרעגט : „פאַר דריי מיליאָן ?״, איז לאָרד מוין אַריבער אויף אַן אַנדערער טעמע.

דער דאָזיקער תקיף אין זיינע מיינונגען, דער קליין־געוויקסיקער מאַן מיט די באַזילבערטע האָר איז דעריבער ארויף אויף דער טריבונע און האָט געפרווט איבערצייגן די דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ. אַנ־שטאָט צו רעדן צום געפיל האָט ער געפּרווט דערקלערן, באַלערן, דער־ציען און קלאָר מאַכן. ער האָט גערעדט מיט אַ סטיל פון אַ תלמיד־חכם, צו מענטשן וואָס האָבן נישט נאָר הערצער, נאָר אויך קעפּ.

ער האָט קלאָר געמאַכט די אַטמאָספערע ביים אָנהויב פון זיין רעדע דערקלערנדיק, אז די לאגע פון די יידן אין אייראָפּע האָט ענדגילטיק ליק־ווידירט דעם אַלטן וויכוח ארום דער פראַגע, צי איז דער ציוניזם בלויז אַ גייסטיקע באַוועגונג אָדער א פּאָליטישע. ער האָט פאַרגעזעצט מיט

געדולד, לאַנגזאַם, ממש ווי אַ לערער פאַר זיינע שילער, און האָט זיינע צוהערער דערציילט וועגן דעם נייעם ישראל, וועגן דער צאָל דונאַמס ערד וואָס זענען באַוואָסערט געוואָרן, וועגן די זומפּן וואָס זענען אויסגעטריקנט געוואָרן, וועגן פרייע ערד־שטחים וואָס וואַרטן אויף בייע עולים. ער האָט דערציילט וועגן נגב, גליל, די זאמדן פון ראשון און די סקאַלעס פון מוצא, וועגן די שטיין־בערגער פון חניתה און דעם חולה־באַסיין. ער האָט זיך נישט געאיילט. אַ לאַנגע צייט האָט ער געוואַרט אויף דער געלעגנהייט צו האַלטן די דאָזיקע רעדע, און ער האָט שוין אַ סך דערגרייכט. צוויי טויזנט יאָר איז די געשיכטע געווען טעטיק, כדי פאַר־צובאַרייטן דעם גרונט פאַר דעם דאָזיקן מאָמענט.

ער האָט דערמאָנט בנימין פון טבריה, די פערסן, די ביזאַנטישע טיראַנען. ער האָט מיט לייכטקייט גאַלאָפּירט אויף צוריק, פון 1942 צום זיבעטן יאָרהונדערט, און ווידער אַמאָל צו דער קעגנוואַרט, און צוריק צו די צייטן פון די יידישע נביאים.

זיין איינציקער גוטער פריינט, בערל קאַצענעלסאָן, איז געלעגן קראַנק אין ירושלים. אָבער אומדירעקט האָט ער אים דאָ אויסגעלויבט.

„די לעצטע ציוניסטישע „אַוואַנטורע" איז דאָס דעראָבערן דעם ים. מיט זעקס יאָר צוריק איז נישט געווען אפילו קיין איין יידישער מאַט־ראָז אין יפוער פּאָרט, טראָצדעם וואָס דער עיקר האַנדל ליגט די גאַנצע צייט אין יידישע הענט... זייט דעמאָלט ארבעטן טויזנטער יידן אין די פּאָרטן פון לאַנד, און יידישע שיפן, וועלכע ווערן אַנגעפירט דורך יידישע קאַפּיטאַנען און יידישע מאַטראָזן, קרייצן אַדורך די זיבן ימען.

העברעיש רעדנדיקע פעלקער האָבן די ערשטע אין אַלטערטום אַנט־וויקלט די ים־נסיעות און דעם ים־האַנדל — דאָס זענען געווען די איינ־וווינער פון צור און צידון, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט די כנענישע אימפּעריע אין קאַרטאַגאָ. אויך די יפוער יידן זענען געווען ים־רייזענדע אין די צייטן פון בית־שני, און איידער ירושלים איז געפאַלן האָבן זיי ווי ים־קעמפער מלחמה געהאַלטן אין יפוער ים קעגן די רוימער. די ים־רויבער פון צור און צידון זענען פאַרניכטעט געוואָרן און אומגעקומען. אָבער די יידישע אוראייניקלעך, וואָסהאָבן געקעמפט מיט די רוימער לעבן און עקזיסטירן, פיל פון זיי זענען שוין צוריק אין ישראל, און נאָך מער קלויבן זיך צו קומען. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער ערד — און זיי וועלן זיך אויך צוריקקערן צום ים... קליין איז דאָס לאַנד, אָבער, אירע ימען זענען גרויס — דער מיטללענדישער ים און אויך דער רויטער

ים, וועלכער פאַרבינדט דאָס לאַנד מיטן אינדישן אָקעאַן, — יידישע מאַט־ראָזן און יידישע פישער וועלן פאַראייניקן די ימען מיטן לאַנד, און דאָס יידישע פאָלק וועט דערגרייכן זיין פּאַסיקן פּלאַץ אין אונדזערע טעג, און אין די טעג וואָס קומען נאָך".

דאָס איז געווען די געשליפענע ים־רעדע פון לערער, צוגעפּאַסט אַביסל מער צו די קאָנקרעטע פאַרהעלטנישן.

בן־גוריונס פּראָגראַם, וואָס אַלע האָבן אים גערופן דער „בילטמאָר פּראָגראַם" איז געווען איינפאַך און פשוט, וואָס פשוטער קען נישט זיין:

1) אַן אומבאַגרענעצטע יידישע עליה אונטערן אויפזיכט פון דער יידישער אַגענץ.

2) שאַפן אַ יידישע אַרמיי.

3) גאַנץ ארץ־ישראל ווערט פאַרוואַנדלט אין א יידישער מדינה.

ווייצמאַן האָט זיך נערוועז צוגעהערט צום פּראָגראַם. דאָס איז נישט געווען דער פאַרזיכטיקסטער צוגאַנג, וועלכן ער וואָלט זיך געוווּנטשן. זיכער, אַז דער דאָזיקער פּראָגראַם וועט דערצערנען און אויפרייצן דאונינג־סטריט אין דעם בוקינגהאַם פּאַלאַץ. עס האָבן זיך געהערט קעגנערישע רעדעס, און אין די האָלן און וואַרטע־צימערן האָט מען שטילערהייט בן־גוריונען געמאַכט פאַרוואורפן, הלמאי ער וויל אויף גאַרנישט מוותר זיין, און ווייזט אַרויס אומגעדולד צו יעדער קעגנערשאַפט. געווען מענטשן וואָס האָבן אים גערופן „עקשן", אנדערע האָבן זיך באַנוצט מיט נאָך שאַרפערע עפּיטעטן.

אויף איין קליינעם פּונקט איז זיין גאונישקייט בולט געקומען צום אויסדרוק; ער האָט עקשנותדיק געפאָדערט, אַז אין באַשלוס זאָל דערמאָנט ווערן דאָס ענגלישע וואָרט „קאָמאָנוועלט". אָבער די קריטיקער האָבן גע־טענהט: „די ענגלענדער וועלן דאָך מיינען אַז „קאָמאָנוועלט" באַדייט דאָס, וואָס זיי פאַרשטייען אונטער דעם דאָזיקן באַגריף. איז אפשר בעסער אַז מען זאָל זאָגן גאַנץ קלאָר „מדינה". בן־גוריון האָט געשמייכלט: „אויב מירן זאָגן אַ „מדינה" וועלן מיר אריינפירן אין א טעות די אמעריקאַנער. ביי זיי הייסט אַ „מדינה" נאָר איין איינהייט פון אַ פעדעראַציע, מיר אָבער טראַכטן דאָך בכלל נישט וועגן דעם".

געזיגט האָט בן־גוריון. דאָס באַדייט נישט, אַז עס איז אים געלונגען צו באַאיינפלוסן די דעלעגאַטן, אָדער אַז ער איז סוף־סוף דערגאַנגען צום שפּיץ באַרג, צו דער אָנפירערשאַפט. אָבער געעפנט איז געוואָרן אַ נייע תקופה.

איצט איז אמעריקע געווען דער עיקר. אויב די ענגלענדער וועלן

בישט פארשטיין וועט אודאי זיין שלעכט. ער האָט אָבער קלאָר דערקלערט פאַר דער גאַנצער וועלט וואָס דער ציל איז. מעגלעך אַז עס וועט קומען א טאָג און ער וועט מוזן זיך באַגנוגענען מיט ווייניקער. אָבער די יידישע מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. ער האָט געבראַכט אַ מפּלה אויף די אַנהענגער פון פשרות. ד״ר ווייצמאַן וועט נאָך איניקע יאָר ארויסטרעטן פאר פארשידענע אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס, און וועט נאָך אלץ זיין דער „עלט־סטער פּאָליטיקער״ פון דער באַוועגונג, אָבער איצט איז געקומען צו דער מאכט א יונגערער פון אים: בן־גוריון איז אלט געוואָרן זעקס־און־פופציק יאָר, און זיין אמתער לעבנס־וועג האָט זיך ערשט געדאַרפט אָנהויבן.

נאָכן שליסן די בילטמאָר־קאָנפערענץ זענען די דעלעגאַטן זיך צע־פאָרן אין זייערע היימען, כדי אָפּצוגעבן א באריכט פאר זייערע אָרגאַני־זאַציעס, און הערן זייער מיינונג וועגן דעם פּראָגראַם. בן־גוריונען איז נאָך נויטיק געווען די הסכמה פון די ארץ־ישראלדיקע יידן, ביטער און פינצטער וועט זיין, אויב ז י י וועלן דעם פּראָגראַם אָפּוואַרפן.

אין ירושלים האָט ער זיך פארהאלטן, נאָר בלויז אויף אוועקצושטעלן די וואַליזקע, אוועקגעבן פּאָלען און די קינדער אַ פּאָר קליינע מתנות וואָס ער האָט געברענגט און הערן די נייעסן. ער איז גלייך אַוועק אויפן קאַמפּס־פּלאַץ: פון דאָרף צו דאָרף, כדי צו באַקומען אונטערשטיצונג פאר זיין נייעם באַשעפּניש. ער איז געווען ווי עלעקטריזירט, גלייך אַן עלעק־טרישער אַקומולאַטאָר וואָס איז אויפסניי אָנגעפילט געוואָרן מיט שטראָם.

דערווייל האָבן א סך פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס אין אמעריקע אָנ־געהויבן, איינע נאָך דער אנדערער, שיקן זייערע באַשלוסן קיין ארץ־ישראל. דער נצחון איז געווען אַן איבערוויגנדיקער, א פולשטענדיקער. נישט אלע יידן פון אמעריקע זענען געווען ציוניסטן, און נישט אלע וואָס האָבן געוואָלט א יידישע מדינה זענען מסכים געווען מיט בן־גוריונען. אָבער אין יאָר 1942 האָט דער רוב אַמעריקאַנער יידן „געדענקט מיטן האַרץ״, און אלע זענען געווען פאַראייניקט אינעם ווילן צו העלפן די קרבנות פון היטלערן און פון דער מלחמה. עס האָט אויסגעזען אַז בן־גוריונס פּראָגראַם איז געווען איינער פון די וועגן וואָס האָבן געפירט צום ציל.

איניקע טעג נאָכדעם ווי בן־גוריון איז אהיים געקומען, האָבן די אָנפירער פון די רעגירונגען אין וואַשינגטאָן, לאָנדאָן און אין מאָסקווע פאַרעפנטלעכט א געמיינזאַמע דערקלערונג אין וועלכער עס האָט זיך געזאָגט אַז —

„פון אלע אָקופּירטע לענדער ווערן יידן געפירט קיין מזרח־איירעפּע

מיט אכזריות און שרעק וואָס האָבן נישט זייער גלייכן, אזוי ווי שעפּסן צו דער שחיטה, און ווער עס ווערט אָוועקגעפירט איז פאַראורטיילט צו טויט, הונגער און קעלט... אַ מאַסן־מאָרד, דערשיטערנדיקע און שרעקלעכע אכזריות... הונדערטער טויזנטער... פרויען, מענער און קינדער, אַבסאָלוט אומשולדיקע...".

אַז בן־גוריון האָט זיך אַביסל אויסגעניכטערט פונעם קאָשמאַר, האָט ער מיט צאָרן אויסגעשריגן צו די פעלקער:

„וואָס האָט איר געטוען פאַר אונדז, איר פרייהייטס־ליבנדיקע פעלקער, היטער פון גערעכטיקייט, באַשיצער פון הויכע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און ברודערלעכקייט, פאַרוואָס האָט איר דערלויבט, אַז מען זאָל זיך אזוי באַגיין מיט אַ שוצלאָז פאָלק? איר זענט געשטאַנען אָן אַ זייט און צוגעלאָזן עס זאָל אויסבלוטיקן ביז אומקום, נישט ברענגנדיק קיין הילף און שטיצע, נישט אויפפאָדערנדיק די פיינט זיי זאָלן אָפּשטעלן זייער מאָרד־טעטיקייט, נישט דראָענדיק זיי מיט נקמה, מיט מידה כנגד מידה, וואָס נאָר די שפּראַך אליין וואָלטן זיי פאַרשטאַנען!".

בן־גוריון האָט זיי פאָרגעוואָרפן, אַז זיי האָבן אָפּגעשוואַכט דעם ווייטיק און דעם צאָרן פון זיין פאָלק מיט הוילע מליצות פון מיטגעפיל, וועלכע קלינגען ווי אַ שפּאָט און חוזק אין די אויערן, אַז זיי האָבן אפילו קיין געווער נישט צוגעשטעלט פאַר די געטאָ־קעמפער.

„עס איז נישט אין אייער מאַכט אָפּצושטעלן די שחיטות, אָבער פאַר־וואָס דערלויבט איר אונדז נישט צו נעמען נקמה פאַרן בלוט פון אונדזערע ברידער און גיט אונדז נישט קיין געווער צו קעמפן קעגן די נאַציס ווי אַ פאָלק, ווי יידן אין א יידישער אַרמיי, אונטער אַ יידישער פאָן?".

דריי חדשים נאָכדעם ווי אייראָפּע איז באַפרייט געוואָרן דורך די אַלע־אירטע אַרמייען, האָט טשערטשיל דערקלערט אין פּאַרלאַמענט:

„די רעגירונג האָט באַשלאָסן נאָכצוקומען די בקשה פון דער יידישער אַגענץ און שאַפן א יידישע בריגאַדע, וועלכע זאָל זיך באַטייליקן אין די קאַמפן. איך האַלט פאַר ריכטיק, אַז אַ ספּעציעלע יידישע איינהייט, וואָס אירע סאָלדאַטן וועלן זיין פון דעם פאָלק וואָס האָט אזוי שרעקלעך געליטן פון די נאַצישע אכזריותן, זאָל זיך געפינען צווישן די כוחות, וואָס גרייטן זיך צו ברענגען אויף זיי די ענטגילטיקע מפּלה".

בן־גוריון האָט אָפּגעהאַלטן נאָך איין נצחון אין זיין לאַנגער פּערזענ־לעכער מלחמה. כדי צו דערגרייכן דערצו, האָט ער געמוזט קעמפן פינף יאָר און פאַרן טויזנטער מיילן ארום דער וועלט.

סוף כל סוף איז דערמעגלעכט געוואָרן די טויזנטער ארץ־ישראל יידן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די קאַמפן — און דעם מיליאָן יידן (אָדער באַך מער) פון אנדערע לענדער אין דער וועלט, זיך צו מאָביליזירן אין אַ יידישער איינהייט און טראָגן אויף די אַקסלן דעם מגן־דוד, יענעם סימבאָל, וואָס היטלער האָט געצוווּנגען די יידן אָנצוטוען, אַלס צייכן פון דערנידערונג.

אין אַ אויגוסט־טאָג אין יאָר 1943 זענען צוויי ענגלישע סאָלדאַטן געכאַפּט געוואָרן ביים גנבענען געווער פון אן ענגלישן געווער מאַגאַזין. זייער משפט האָט זיך געצויגן מער ווי אַ חודש צייט. אין אַלגעמיין זענען אַזעלכע משפטים נישט געווען צוטריטלעך פאַר זשורנאַליסטן, אָבער דאָס מאָל האָבן די ענגלענדער צעשיקט ספּעציעלע איינלאַדונגען פאַר די פאַרטרעטער פון פּרעסע און ראַדיאָ, כדי זיי זאָלן באַריכטן וועגן גאַנג פון פּראָצעס. טראָצדעם וואָס עס איז געווען אַ מאַנגל אין עראָפּלאַנען, האָט מען דאַך געבראַכט אַמעריקאַנישע קאָרעספּאָנדענטן מיט דער לופט.

די פּשוטע סאָלדאַטן, האַריס און סטאָנער, זענען נישט געווען די אמתע באַשולדיקטע. דאָס איז געווען דער פּראָצעס פון די ארץ־ישראל יידן. די קאָרעספּאָנדענטן זענען דאָ אַהערגעבראַכט געוואָרן, כדי זיי זאָלן הערן און באַריכטן דעם גאַנג פון דער פאַרטיידיקונג. די סאָלדאַטן סטאָנער און האַריס, זענען זיי פאַרגעשטעלט געוואָרן ווי אומגליקלעכע און נעבעכדיקע קרבנות פון א רייכער יידישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אויסגעשפּרייט אירע פליגל איבערן גאַנצן נאָענטן מזרח. דער ציל פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען צו קויפן געווער.

אין 1943 איז שוין מער קיין סוד נישט געווען, אַז עס איז אָנגעגאַנגען אַ ברייטער האַנדל מיט געווער. ריזיקע געווער־לאַגערן פאַרלאָזענע אין מדבר, הן דורך די פאַרבינדעטע אַרמייען און הן דורך די דייטשן און אי־טאַליענער, זענען פאַרקויפט געוואָרן אויפן שווארצן מאַרק מיט היפשע רווחים. עס זענען פאַרקויפט געוואָרן אַלע געגנבעטע קוואַנטומס געווער פון די לאַגערן און געווער־מאַגאַזינען פון די פאַרבינדעטע אַרמייען. און די הויפּט־קונים זענען געווען יידן. די הגנה האָט זיך געניטיקט אין געווער פאַר זיך. וועט די הגנה נישט קויפן דאָס געווער וועלן עס קויפן די אַראַבער, און אין אַ געוויסן טאָג וועלן זיי זיך באַנוצן דערמיט קעגן די יידן.

די ענגלענדער האָבן געוווּסט, אַז די הגנה האָט געווער און אָפט זענען זיי דערפון זער צופרידן געווען.

איידער לבנון איז באַפרייט געוואָרן האָבן די ענגלענדער געזוכט

יידישע פריוואַליקע וואָס זאָלן זיך אונטערנעמען אויפצורייסן די נאַפּט־ראפינעריעס, אין דער נאָענט פון טריפּאָלי און לבנון. דריי־און־צוואַנציק יידן האָבן זיך געמאָלדן פריוואַליק. די ענגלענדער האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן פאר זיי נישט קיין געווער און האָבן זיי געבעטן ברענגען זייער אייגן געווער. די דריי־און־צוואַנציק זענען באַוואָפנט אַוועק מיט „אומלעגאַל געווער". קיין איינער פון זיי איז נישט צוריק געקומען לעבעדיק.

אין משפט פון האַריס און סטאַנער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, אַז נאָך דעם אַרעסט פון די צוויי סאָלדאַטן, האָט מען זיי געוויזן פאָטאָגראַפיעס פון אַכצן מענטשן און געהייסן זיי אויסגעפינען דאָס בילד פון יענעם מענטשן, וועלכן זיי האָבן, לויט זייערע רייד, געזען אין קאפעהויז אין חיפה, אין דער געזעלשאַפט פון „אַנפירער פון דער באַנדע געווער־שמוגלערס". די פּאָליציי האָט נישט פאַרגעסן זיי צו ווייזן אויך דאָס בילד פון בן־גוריון. איינער פון די סאָלדאַטן האָט אָנגעוויזן אויף אים „אַלס דער מענטש". זיינע רייד האָבן קיינעם נישט איבעראַשט — נישט דעם פּראָקוראָר און נישט דעם פאַרטיידיקער. דאָס געריכט האָט ארויסגעטראָגן זיין באַשולדיקונגס־אורטייל קעגן דער יידישער אַגענץ, „אַז זי פירט אָן מיט א טעטיקער און געפערלעכער באַנדע פון געווער־שמוגלערס". דער אורטייל האָט אויך דערמאָנט די הסתדרות אַלס אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז „ענלעך צו א נאַצי־אונטערנעמונג", וועלכע גזלט צו געווער ביי די פאַרבינדעטע אַרמייען.

בן־גוריון האָט באַשולדיקט זיינע באַשולדיקער אין א פּרווו צו באַשמוצן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, כדי צו באַרעכטיקן די וויס־בוך פּאָליטיק.

בערל קאַצענעלסאָן איז נפטר געוואָרן אין א שבתדיקן טאָג, אין יאָר 1944, פון א האַרץ־טראָמבאָזע. מ'זאָגט, אַז בן־גוריון האָט געחלשט, דערהערנדיק וועגן דעם טויט, און ער איז עטלעכע שעה געלעגן אָן באַוווסטזיין. אין יענעם גאַנצן טאָג האָט ער מיט קיין מענטש קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ער האָט זיך געפילט ווי מען וואָלט אים ארויסגעריסן א טייל פון זיין האַרץ.

צומאַרגנס איז די לוויה ארויס פון ירושלים קיין תל־אביב, א מהלך פון 65 קילאָמעטער, און דערנאָך איז זי אַוועק ווייטער, קיין כנרת, אַ מהלך פון ווייטערדיקע 160 קילאָמעטער, ווו קאַצענעלסאָן האָט געאַרבעט אַלס לאַנדווירטשאַפטלעכער ארבעטער, גלייך נאָך זיין אָנקומען אין לאנד אריין. פרייטיק פאר זיין טויט האָבן זיינע חסידים פון כנרת, זאב שערף און

טעדי קאָלעק, באַזוכט דעם רעדאַקטאָר, אין זייער געשפּרעך האָט ער גערעדט וועגן מאָסן:

„כ׳האָב קיינמאָל נישט געקענט באַקעמפן אין זיך מיין ווידערווילן צו מאָסן״, האָט געזאָגט קאַצענעלסאָן. נאָך אַכט־און־פערציק שעה האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף אַלע וועגן און גאַסן פון ישראל גרויסע מאַסן מענטשן, וואָס דאָס לאַנד האָט פריער נאָך קיינמאָל נישט געזען, כדי אָפּצוגעבן כבוד דעם פאַרשטאָרבענעם.

כמעט אַ גאַנצן טאָג האָט זיך די לוויה געצויגן, ביז זי איז אָנגעקומען צום כנרת. בן־גוריון איז געפאָרן גלייך נאָך דעם אויטאָ מיט די משפחה־מיטגלידער. עס איז אוועק פון דער וועלט זיין פריינט, אפשר זיין איינציקער פריינט וואָס ער האָט געהאַט און וועט האָבן. ער האָט אין משך פון גאַנצן טאָג נישט ארויסגעלאָזט קיין וואָרט פון מויל. דער לערער איז נפטר געוואָרן.

נאָך צוויי יאָר איז נאָך אַלץ געווען שטאַרק דער ווייטיק. אין זיין רעדע אויף דער קאָנפערענץ פון מפא״י, די פּאַרטיי וואָס ער און קאַצענעלסאָן האָבן זי געגרינדעט, האָט בן־גוריון געזאָגט:

„איך בין נישט אימשטאַנד איינצושטילן אין מיר דעם פּערזענלעכן טרויער, דעם טרויער פון פאַריתומטקייט און פאַרלאָזנקייט, וואָס איז געבליבן אין מיין האַרץ, זייט ווען דוד הכהן האָט מיר אין דער פינצטערסטער נאַכט געבראַכט די דערשיטערנדיקסטע ידיעה, אַז בערל איז מער נישטאָ מיט אונדז... און דער דאָזיקער שווערער טרויער וועט נישט פאַרלאָזן מיין האַרץ ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג״.

קאפיטל ניין

יעדער מענטש געדענקט דאָס יאָר 1945. די געשעענישן פון יענעם יאָר האָבן געענדערט דאָס לעבן פון רוב מענטשן אויף דער וועלט.

אין יאָר 1945 איז פראנקלין רוזוועלט געשטאָרבן. היטלער און גע־בעלס האָבן געמאכט אן עק צו זייערע לעבנס. מוסאָליני איז געוואָרן געפאַנגען און דערמאָרדעט. עס איז געוואָרפן געוואָרן די ערשטע אַטאָם־באָמבע, די צווייטע און די דריטע. עס האָט זיך פארענדיקט די מלחמה אין אייראָפּע. די יאַפּאַנער האָבן זיך אונטערגעגעבן אָן באַדינגונגען. עס איז געגרינדעט געוואָרן די אונ״א. ווינסטאָן טשערטשיל האָט זיך אין רעזולטאַט פון די וואלן אין ענגלאַנד, געמוזט אָנגעבן אין דעמיסיע.

פאר בן־גוריון איז דאָס יאָר 1945 געווען א יאָר, נישט־צום־פאַרגעסן, צוליב אנדערע סיבות.

מיט דער הילף און דערמוטיקונג פון ענגלאַנד (אנדערע גיבן נאָך צו: „און אונטער איר דרוק״) האָבן זיבן אראבישע מדינות מיט אָ באַ־פעלקערונג פון איבער 40 מיליאָן מענטשן, געגרינדעט די אראבישע ליגע. די דאָזיקע זיבן מדינות האָבן געהאַט בלויז איין־און־איינציקן בשותפות־דיקן ווילן — צו פארטרייבן די פראנצויזן און די יידן פון מיטלען מזרח.

אין דער צייט וואָס די אראבער האָבן געזוכט אן עצה ווי אזוי אויס־צוגעבן אין קומענדיקן יאָר צוויי מיליאָן דאָלאַר אויף פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן, איז בן־גוריון געזעסן אין באפרייטן פאריז, פאַרטועט אין געהיימע באַראַטונגען מיט דעם קאָמיטעט פאר אומלעגאַלער עליה „מוסד״, וועל־כער האָט איבערגעלעבט אָ שווערן קריזיס.

די שליחים פון „מוסד״ האָבן געהאַט אין זייערע טעקעס בקשות פון הונדערט פופציק טויזנט יידן, צעזייעטע איבער זיבן אייראָפּעישע לענ־דער, וועלכע האָבן געשטרעבט צו קומען קיין ארץ־ישראל אזוי שנעל, ווי נאָר מעגלעך. זיי האָבן געוווּסט די שליחים, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַן אָנהויב. מיט יעדן טאָג, אין דער מאָס פון באַפרייען דורך די פאַר־אייניקטע אַרמייען נאָך א שטיק אייראָפּע, וועט שטייגן די צאָל פון יידן וואָס וועלן פאַרלאָזן דעם דאָזיקן קאָנטינענט.

„אין וואָס נויטיקט איר זיך אמשטאַרקסטן ?" האָט בן־גוריון געפרעגט די לייטונג פון „מוסד". איינער האָט געענטפערט „שיפן", אַן אנדערער האָט געזאָגט „געלט". בן־גוריון האָט געשמייכלט צו די יונגע מענטשן. דאָס זענען געווען יידן פון א נייעם מין טיפ. ער האָט א סך פון זיי געקענט פון דערהיים. אייניקע פון די בחורים זענען געבוירן געוואָרן אין קיבו־צים און ישובים, — סאַבּרעס. נישט ווייניקער שטעכיק ווי די סאַבּרע־פּרוכט. זיי האָבן באַקומען זייער הכשרה אין דער הגנה. אין דעם רוב פון דער מלחמה־צייט האָבן זיי איינגעשטעלט זייער לעבן אין אייראָפּע און האָבן זיך געשמוגלט איבער שטאַרק געהיטענע און געפערלעכע גרע־נעצן, און זיי האָבן דאָס אָנגעפירט מיט די אונטערערדישע מענטשן־צעגער, וואָס האָבן געשמוגלט יידן צו די פּאָרטן פון מיטלענדישן ים, ווו עס האָבן זיי געוואַרט שיפן, אויב עפּעס־וואָס איז דערוויל אינצווישן נישט קאַליע געוואָרן...

„וועסט זען, חבר בן־גוריון, ווען די ענגלענדער וועלן ענטגילטיק באַפרייען בעלזען און בוכענוואַלד..."

„איך ווייס", האָט דער אַלטער געזאָגט — און אַזוי האָבן זיי אים גערופן אונטער די אויגן — „איך ווייס, און איך גלויב אַז איך וועל אייך קענען העלפן".

אין מאַי האָט דייטשלאַנד פאָרמעל קאַפּיטולירט. אין די שטעט און דערפער אין ארץ־ישראל איז געווען א גרויסע פרייד. ווי שטענדיק, האָט בן־גוריון אויך דאָסמאָל געוואָלט זיין דער באַלאַנסירנדיקער כוח.

אייראָפּע איז באַפרייט געוואָרן, און עס איז פאַרזיכערט געוואָרן א דערזשים פון שלום, פרייהייט און גערעכטיקייט. אָבער ווער קען אונדז גאַראַנטירן, אַז דאָס וואָס איז געשען איינמאָל, קען נישט געשען נאָך אַמאָל ? „היטלער איז נישט געווען דער אָנהויב, ווו איז די זיכערקייט אַז ער וועט זיין דער סוף ?"

אין יוני איז בן־גוריון אוועק קיין אייראָפּע, כדי מיט אייגענע אויגן זען וואָס עס האָט פּאַסירט. אַלעמערשט האָט ער באַזוכט בולגאַריע, פעסט־שטעלנדיק אַז די יידן זענען דאָרט אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן. ער האָט דאָרט געזען פּנימער, וועלכע האָבן זיך אים גוט איינגעקריצט אין זכרון, און ספּעציעל די פּנימער פון קינדער וואָס האָבן אפילו נאָך נישט געקענט פאַרשטיין וואָס עס איז געשען. אַלע האָבן זיך געזאַמלט ארום אים, ווי ער וואָלט געקומען פון א לעגענדאַר לאַנד. ער האָט געפּרווט זיך מיט זיי צו באַפריינדן. זיי האָבן פאַרשטאַנען נאָר אייניקע פון זיינע

סלאַווישע ווערטער, אלע זענען זיי געווען נישט־דרייסט און דערשראָקן. זיי האָבן געגאַפּט מיט די איינגעגראָבענע אויגן אין די לעכער פון זייערע אויסגעמאַטערטע פּנימער. לאַנגע חדשים האָט בן־גוריון נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן די אויגן פון די יידישע קינדערלעך אין בולגאַריע.

פון דאָרט איז ער אוועק קיין דייטשלאַנד, ווו גענעראַל אייזנהאַוער האָט גראָד דעמאָלט געמאַכט א באַזוך. און בן־גוריון האָט זיך געטראָפן און זיך אדורכגעשמועסט מיט דעם מענטש, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער באַפרייאונגס־ארמיי. זיי האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען. ער האָט געשריבן אהיים:

„איך בין היינט געווען אין בעלזען און אין דאַכאַו. איך האָב געזען די גאַז־קאַמערן, אין וועלכע מען האָט טאָג־טעגלעך פאַרגאַזט הונדערטער יידישע מענער און פרויען, אלטע לייט, יוגנט און זייג־קינדער. מען האָט זיי געפירט נאַקעטערהייט „צום באָדן". די גאַז־קאַמערן זענען טאַקע אַזוי איינגעאָרדנט ווי באָד־צימערן, און די נאַציס האָבן אריינגעקוקט פון דרויסן און געזען, ווי די יידן ווערגן און קראַמפן זיך אין גסיסה־קאָנ־ווולסיעס. איך האָב געזען די קרעמאַטאָריעס, ווו עס זענען פאַרברענט געוואָרן הונדערטער, טויזנטער און מיליאָנען יידן פון אַלע אייראָפּעישע לענדער — פון מערב, מזרח, דרום און צפון, אשכנזים און ספרדים, פון אַלע עדות און פאַרטייען. איך האָב געזען די תליות אין בעלזן אויף וועלכע מען האָט אויפגעהאַנגען יידן אין יעדן יידישן יום־טוב, אין דערזעלבער צייט האָבן אלע אַנדערע געמוזט זיך צוקוקן צו דער שרעקלעכער שטראָף פאר פאַרשפּעטיקן זיך מיט א פּאָר מינוט צו דער ביטערער ארבעט. איך האָב געזען די הונט־שטאַלן, ווו מען האָט געהאָדעוועט ווילדע הינט, כדי זיי אָנצורייצן אויף די יידן וואָס זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט אָדער צום טויט. איך האָב געזען די בענק אויף וועלכע מען האָט אַוועקגעלייגט יידישע מענער און פרויען, און די וואַך־פּאָסטנס האָבן אין זיי געשאָסן פון הינטן. איך האָב געזען די געראַטעוועטע רעשטלעך פון די זעקס מיל־יאָנען אויסגעשעכטענע יידן פאר די אויגן פון א גלייכגילטיקער, קאַלט־פרעמדער און אכזריותדיקער וועלט, וועלכע קוקט זיך צו צו דעם זייט צוויי טויזנט יאָר".

און פון דאָרט קיין לאָנדאָן.

ווייצמאַן און שערטאָק זענען געווען אין דער צענטראַלע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף גרעיט־ראַסל סטריט. די וואָס האָבן געקענט בן־גוריונען שוין א סך יאָרן האָבן געזאָגט, אז זיי האָבן אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אין אַזאַ מצב. א נייַ פייער האָט זיך אין אים אָנגע־

צונדן, אַ נייער מלחמה־ברען. אין פאַרגלייך מיט אים האָבן זיינע חברים אויסגעזען צעטומלט און פאַרצווייפלט.

ער האָט זיי געזאָגט: „איר דאַרפט פאָרן קיין דייטשלאַנד און זען דאָס, וואָס איך האָב געזען".

און פון דאָרט קיין ניו־יאָרק. מחמת ער האָט געדאַרפט פאַרענדיקן, אַ לעבענס־וויכטיקע שליחות, האָט ער גענומען מיט זיך קיין ניו־יאָרק ראובן שילוח, זיין פּאָליטישן סעקרעטאַר וואָס וועט שפּעטער זיין דער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, דעם אינזשיניער חיים סלאַווין און אליעזר קאַפּלאַן, דער קאַסירער פון דער יידישער אַגענץ, וועלכער וועט זיין דער פינאַנס־מיניסטער אין דער ערשטער רעגירונג. זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין אַ האָטעל אין צענטער פון שטאָט. צווישן בן־גוריונס באַזוכער אויפן צווייטן טאָג איז געווען זאָנענבאָרן, אַ הויכער שיינער מאַן, אַ רייכער געשעפטסמאַן פון ניו־יאָרק, וואָס איז שוין זייט יאָרן געווען אַ ציוניסטישער מנהיג. זאָנענבאָרן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט טיפער ערנסטקייט און גרויסער איבערגעבנקייט. בן־גוריון האָט אים געקענט, געפילט צו אים סימפּאַטיע, ער האָט אים געבעטן בלייבן אויף „אַ קליינעם אָוונטברויט".

„מיר אַמעריקאַנער יידן", האָט זאָנענבאָרן געזאָגט, „האָפן, אַז די לייבאָר־פּאַרטיי וועט דעם צווייטן חודש זיגן ביי די וואַלן אין ענגלאַנד. און אויב די לייבאָר וועט באמת ארויס מיט אַ זיג, וועט זי זיכער דערפילן אירע הבטחות. נישט אמת?".

בן־גוריון האָט געהויבן מיט די אַקסלען און אים געענטפערט: „איך האָב מורא, אַז מיר האָבן גאָרנישט צו דערוואַרטן פון דעם טויש אין דער רעגירונג".

— „דו מיינסט דערמיט, אַז די ענגלישע סאָציאַליסטן וועלן ברעכן זייער צוזאָג?"

— „דאָס קען פּאַסירן".

— „ווי אַזוי זעט אַלזאָ אויס די צוקונפט אין דיינע אויגן?"

— „ס'איז דאָ אַ מעגלעכקייט, אַז די ענגלענדער זאָלן פאַרלאָזן ארץ־ישראל. איך מיין אַז זיי האָבן עס שוין גענונג. אויב זיי וועלן ארויסגיין וועט מען נישט קענען אויסמיידן קיין לאָקאַלן קריג".

אַלץ וואָס בן־גוריון האָט געזאָגט איז געווען אין קעגנזאַץ צו די פאַראויסזעונגען פון אַנדערע מענטשן. זאָנענבאָרן איז געווען סקעפּטיש. ער האָט געפרעגט:

„און אויב עס וועט טאָקע אזוי פּאַסירן, האָבן די ארץ־ישראלדיקע יידן אַ וועלכע־עס־איז מעגלעכקייט זיך צו שיצן?".

קנייטשנדיק דעם שטערן האָט בן־גוריון געענטפערט:

„ניין. און צוליב דעם טאָקע בין איך דאָ".

צומאָרגנס האָט זאָנענבאָרן געהאַט אַכצן טעלעפאָן־געשפּרעכן, מיט קאַליפאָרניע, מיט דעם שטאַאַט מיין, מיט פלאָרידע. ער האָט איבער־געגעבן זיינע פריינט: „עס איז דאָ אין ניו־יאָרק אַ חשובער גאַסט פון ארץ־ישראל, ער וועט קומען צו מיר אויף א זיצונג, אויף דער זיבן־און־פופציקסטער גאַס, זונטיק, אַ זייגער צען אין דער פרי. טו אַלץ וואָס דו קענסט נאָר, אז דו זאָלסט זיין אַנוועזנד. עס איז זער וויכטיק. פאַר קיין פאַל דעם סוד קיינעם נישט דערציילן".

זונטיק דעם ערשטן יולי 1945, איז געווען זער אַ הייסער טאָג אין ניו־יאָרק. פונדעסטוועגן האָט בלויז איינער פון די איינגעלאַדענע זיך נישט צוגעשטעלט צו דער זיצונג.

עס זענען געקומען צו דער זיצונג אלבערט שיף, הענרי מאָנטער, פליגעלמאַן, טשאַרלז גוטוואַרט, יואל גראָס, האַראָלד גאָלדנבערג, אברהם בערקאָוויטש, שעפאַרד בראָד, שמואל טשאַר, וויליאַם ס. קאָהן, באַרני ראַפּאַפּאָרט, מאַקס לעווינגסטאָן, טשאַרלז ראָזענבלום, עזרא צ. שאַפּירא, ד"ר יעקב שיין, וויליאַם ה. סילק און שמואל י. זאַקס.

זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גרויסן זאַל אין זאָנענבערנס הויז. בן־גוריון איז געשטאַנען לעבן א פאָרטעפּיאַן־פליגל — און פון דאָרט צו זיי גערעדט. ער האָט זיי דערציילט עפּעס פון דעם וואָס ער האָט נאָרוואָס געזען אין אייראָפּע און איז אַריבער צו דער טעמע: ארץ־ישראל. אין עק זאָל אויף אַ בופעט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אויפנאַמע, אָבער זיי האָבן דאָס עסן איגנאָרירט. אייניקע פון די אָנטיילנעמער האָבן גע־לאָשן זייער דורשט מיט קאַלטע געטראַנקן. בן־גוריון אליין, וואָס איז געשטאַנען פאַר זיי איז זיך אָפענעם העמד אָן קראַוואַט און שווייס האָט זיך געגאָסן פון זיין שטערן, ער האָט גערעדט אומאויפהערלעך, ממש ווי ער וואָלט געהאַלטן א רעדע אויף אַ מפא"י קאָנפערענץ אין ארץ־ישראל. לאַנגזאַם האָט זיין ערלעכקייט דערוואָרבן די הערצער פון די אלע האַרטע און פאַרזיכטיק־סקעפּטישע פירער, באַנקירן, אינדוסטריעלער אַדוואָקאַטן, סוחרים, געשעפטס־לייט. דריי שעה האָבן זיי אויסגעהערט זיינע רייד. דערנאָך האָבן זיי אים באַשאָטן מיט פראַגעס.

בן־גוריון האָט געטענהט, אז אַ מדינה איז דער איינציקער אויסוועג,

אָבער עס איז נישט צום אויסמיידן, דער קאַמף פאַר א מדינה באַדייט מלחמה.

„איך וועל קיין זאַך נישט אָנוואַרפן", האָט ער זיי געזאָגט, „אָבער דאָס וואָס מיר וועלן מוזן טוען, איז אייך נוגע אַלס יידן. עס איז מיין חוב אייך צו וואָרענען. עס קען זיין, אַז אויף אייערע פּלייצעס וועלן ארויפ־געלייגט ווערן שווערע משאות".

קאַפּלאַן האָט גערעדט וועגן דעם פּרייז פון דער מלחמה. עס איז געוואָרן פינצטערלעך און זיי האָבן נאָך אַלץ גערעדט. עס איז געוואָרן נאַכט, און נאָר איינצעלנע האָבן פאַרלאָזן די זיצונג. פאַרן פאַנאַנדערגייין זיך זענען זיי צווישן זיך געוואָרן אייניק אין פיר פּונקטן. אַלע אַכצן אמעריקאַנער וועלן העלפן מיט אַלע כוחות. אַלע האָבן זיך פאַרפליכטעט צו האַלטן די זאַכן אַבסאָלוט בסוד. דער געהיימער נאָמען פאַר דער זאַך וועט זיין „זאָנענבאָרן אינסטיטוט". בן־גוריון וועט געפינען א וועג ווי אזוי זיך מיט זיי צו פאַרבינדן, ווען די צייט וועט זיין פּאַסיק און ווען ער וועט האָבן גענויע פּרטים וועגן דעם וואָס עס איז אים נויטיק.

אויף אזא אופן איז דער „זאָנענבאָרן אינסטיטוט" פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין א געהיימע אַל־אַמעריקאַנישע אָרגאַניזאַציע צו העלפן דער הגנה. ער איז צוריקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. און ווען ער איז אין יולי געקומען אין לאַנד אריין, זענען אין ענגלאַנד פאָרגעקומען די ערשטע אַלגעמיינע וואַלן נאָך דער מלחמה, און די לייבאָר איז ארויס אלס זיגערין.

עס איז נישט פאַראַנען קיין שום פּאָליטישע פּאַרטיי, אין קיין שום לאַנד, און אין קיין שום תקופה, וואָס האָט עפנטלעך אזוי קלאָר געמאַכט איר שטעלונג צו א וועלכן־עס־איז פּאָליטישן פּראָבלעם, ווי עס האָט דאָס געטוען די לייבאָר פּאַרטיי בנוגע דער ארץ־ישראל פּראַגע.

אויף דער לייבאָר־פּאַרטיי קאָנפערענץ איז אָנגענומען געוואָרן א רעזאָ־לוציע צו פאַרברייטערן די גרענעצן פון ארץ־ישראל, די אראבער אריבערפירן אין אנדערע אראבישע לענדער, דערלויבן א יידישע עליה אויפן געביט פון גאַנץ ארץ־ישראל און צום סוף — גרינדן אַ יידישע מדינה. די דאָ־זיקע דעזידעראַטן און החלטות זענען געגאַנגען וויטער, ווי די פאָדע־רונגען פון בן־גוריונען, וויצמאַנען און פון יעדן אנדערן פירער.

אין 26 יולי 1945 זענען די ארץ־ישראל יידן געווען שטאַרק אויפ־געלייגט, ווען זיי האָבן אין ראַדיאָ געהערט די רעזולטאַטן פון די וואַלן אין ענגלאַנד. דער נצחון איז געפייערט געוואָרן אומעטום — אין ירושלים, חיפה, תל־אביב, אויף דער אוניווערזיטעט, ביז אין די פאַרוואָרפנסטע

קיבוצים אויפן נגב. זיי האָבן זיך געפרייט גלייך ווי אַלע הבטחות וואָלטן שוין מקויים געוואָרן.

אין די סאַמע פייערונגען, האָט זיך בן־גוריון פאַרשלאָסן אין זיין ארבעטס־צימער און האָט אָנגעשריבן א לאַנגן מאמר אונטערן קעפּל: די איינציקע לעזונג פון דער יידן־פראַגע. א סך זאַצן אין דאָזיקן מאמר זענען געווען באַשטימט פאַר די מיטגלידער פון דער נייער ענגלישער רעגירונג, ער האָט גערעדט וועגן דעם ווענדע־פּונקט צו וועלכן זיי זענען צוגעקומען. עס האָט אים ווי געטוען, בן־גוריונען, וואָס ער און זיין פאָלק זענען שטענדיק אָנגעוויזן אויף דער פאַנטאַזיע פון אַנדערע. און אויף א יוגנט־קאָנפערענץ האָט ער געזאָגט, אז „דער קריג איז פאַרענדיקט, און קיינער קען מער נישט דערוואַרטן, אז מיר וועלן ווייטער טאָלערירן דאָס ווייס־בוך. אָדער דאָס ווייס־בוך אָדער א יידישע מדינה".

עס איז נויטיק אן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג, כדי נישט צו פאַרלירן דעם גלויבן אין זיך אַליין, ווייל די מעכטיקע פון דער וועלט פאַרבלענדן די אויגן פון זיין פאָלק מיט זייערע גרויס־צאָליקע אַרמייען.

אין אויגוסט האָט פּרעזידענט טרומאַן באַקומען א באַריכט פון אייראָפּע; הונדערט טויזנט אויסגעוואָרצלטע יידן, פיל פון זיי פאַרשפּאַרטע אין לאַגערן, אין א שרעקלעכער ענגשאַפט, נישט טוענדיק קיין זאַך זענען זיי דערגאַנגען צו א פאַרצווייפלונג. און דער פּרעזידענט פון טויט־פאַלן איז הויך. ער האָט דעריבער רעקאָמענדירט דעם ענגלישן פּרעמיער עטלי, אריבערצופירן די דאָזיקע הונדערט טויזנט, ווי צום שנעלסטן קיין ארץ־ישראל.

אַ קורצע צייט נאָך דעם נצחון פון די לייבאָר־פּאַרטיי איז אין לאָנדאָן פאָרגעקומען די ערשטע ציוניסטישע קאָנפערענץ נאָך דער מלחמה. עס זענען געקומען מער ווי הונדערט דעלעגאַטן פון זיבעצן לענדער. אָבער דער רוב פון די באַקאַנטע פיגורן האָט געפעלט. ערנסט בעווין, דער נייער בריטישער אויסערן־מיניסטער האָט נאָך נישט געהאַט געמאַכט קיין דערקלערונג וועגן זיין פּאָליטיק. דער רוב דעלעגאַטן, און צווישן זיי ווייצמאַן, זענען געווען שטאַרק אָפּטימיסטיש. בן־גוריון אָבער האָט זיי געזאָגט אָפן און קלאָר, אַז זיי זאָלן זיך בעסער צוגרייטן צו א דערשיטערונג.

און די דערשיטערונג איז געקומען. דעם 13 נאָוועמבער. בן־גוריון און שערטאָק זענען איינגעלאַדן געוואָרן אין קאָלאָניען־מיניסטעריום און דאָרט האָט מען זיי דערלאַנגט אַ קאָפּיע פון אַ דערקלערונג וואָס דער אויסערן־מיניסטער וועט אָפּגעבן אין פּאַרלאַמענט אין א האַלבע שעה ארום:

זיי האָבן גלייך צוריקגעקערט אויף גרעיט ראַסל סטריט 77, ווו ווייצמאַן האָט אויף זיי געוואַרט. אַלע דריי האָבן זיך איבערגעבויגן איבערן דאָ־קומענט, כדי געגוי צו זען וואָס אין אים איז געשריבן.

עס איז געווען אפילו ערגער ווי בן־גוריון האָט נביאות געזאָגט. די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַרישקייט פון ארבעטער, איז געווען בלויז א לעגענדע. די הבטחות פון די בריטישע סאָציאַליסטן האָבן נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג.

אַנשטאָט צו דערלויבן אַן אומבאַגרענעצטע עליה און אַפּצוראַטעווען לכל הפחות, הונדערט טויזנט יידן פון אייראָפּע, ווי טרומאַן האָט פאַר־געלייגט, איז בעווין גרייט אריינצולאָזן טויזנט פינף הונדערט יידן א חודש. און נישט מער. אַנשטאָט א יידישע מדינה, וועלן זיי באַקומען נאָך א קאָמיסיע...

די דאָזיקע קאָמיסיע וועט זיך אונטערשיידן פון די פריערדיקע בלויז מיט דעם, וואָס אין איר וועלן זיך באַטייליקן אויך זעקס אַמעריקאַנער בירגער און זעקס ענגלענדער.

מענער און פרויען זענען ארומגעגאַנגען אונטער די ארומצוימונגען פון שטעכיקן דראָט, אין די פליטים לאַגערן פון די „דיפּי־יס" — די אויס־געוואָרצלטע אין אייראָפּע, און דאָ וועט נאָך א קאָמיסיע אָנהויבן אַ שפּאָגל נייע אויספאָרשונג. יידישע מנהיגים וועלן באַקומען נאָך איין גע־לעגנהייט אָפּצוגעבן עדות־דערקלערונגען. ווידער וועלן זיי בעטן רחמים, טענהן און אויפּווייזן, און דער רעזולטאַט וועט זיין — נאָך איין דין־וחשבון. — נאָך ווערטער, ווערטער, ווערטער.

ווייצמאַן איז שטילערהייט ארויס פון צימער. זיינע פּלייצעס זענען געווען געזינקען, ער האָט אויסגעזען עלטער, ווי ווען ער איז אָנגע־קומען. צומאָרגנס איז פאָרגעקומען א דרינגענדע זיצונג. די פשרותדיקע פּאָליטיק פון פאָרזיכטיקייט האָט געליטן א פיאַסקאָ. אַלע אויגן זענען געווען געווענדעט צו בן־גוריונען. איצט איז ער געווען די האָפענונג. ער האָט זיי געוואָרנט:

„מיר שטייען פאַר דער סכנה צו בלייבן אַן אייביקע מינדערהייט אין אונדזער אייגן לאַנד. עס איז פאַראַן איין־און־איינציקער אויסוועג: ווי־דערשטאַנד".

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער טעלעפאָן אָנגעקלונגען צו רודאָלף זאָנענבאָרן אין ניו־יאָרק. עס האָט גערעדט א מענטש אין א פיינעם ענגליש, וואָס האָט נישט געוואָלט זאָגן ווער ער איז.

„איך זוך דעם „זאָנענבאָרן אינסטיטוט". איך גלויב, אז איר קענט מיר העלפן אים אויסגעפינען".

דאָס איז געווען א יונגער לאָנדאָנער, סער סיימאָן מאַרקס. ער האָט איבערגעגעבן אין בן־גוריונס נאָמען עטלעכע לאַקאָנישע ווערטער: „די צייט איז געקומען".

לויט בן־גוריונס פאָרשלאָג האָט זיך יעדער איינער פון דער גרינדער־גרופּע געהאַט פאַרפליכטעט צוצוציען אייניקע פאַרטרוילעכע פריינט צו דער אָרגאַניזאַציע אָן ביורא, אָן פּאַפּיר און אָן בריוו. דאָס ערשטע וואָס מ'האָט געדאַרפט נויטיק איז געווען, געלט. יעדער פון די באַטייליקטע האָט זיך אַליין באַשטייערט מיט אַ בכבודיקע סומע, און שפּעטער באַקומען געלט פון פריינט, וועלכע מ'האָט אפילו נישט געזאָגט דעם צוועק אויף וואָס דאָס געלט איז באַשטימט.

דער „זאָנענבאָרן אינסטיטוט" האָט געקויפט שיפן פאַרן מוסד, כדי איבערצופירן די אומלעגאַלע עולים. מער ווי צוועלף אזעלכע שיפן, צווישן זיי די אמעריקאַנישע שפּאַציר־שיף „פּרעזידענט וואַרפילד", וועלכע האָט נאָך אַ געוויסע צייט פאַרבאַפט דעם אויבנאָן אין די ידיעות פון דער וועלט־פּרעסע. זי איז אריין אין דער געשיכטע אַלס „עקזאָדוס" („יציאת אירופּה").

אָן דעם מינדעסטן געדאַנק, אַז זיי וועלן ווען־עס־איז באַקומען אָנערקענונג פאַר זייערע מעשים, נישט וואַרטנדיק אויף קיין דאַנק, האָבן די דאָזיקע מענטשן געשאַפן דעם געהיימען פּלאַט פון אַ מדינה וואָס האָט עקזיסטירט בלויז אין חלום, און ענגלאַנדס באַשלוס איז טאַקע געווען אַז זי זאָל בלייבן נאָר א חלום.

עראָפּלאַנען, האַרמאַטן און כלערליי אנדערע מאַטעריאַלן זענען געקויפט און מאַגאַניזירט געוואָרן אין פאַרשידענע לאַגערן, אין גאַר דער וועלט, ביז עס וועט קומען די שעה ווען זיי וועלן נויטיק זיין.

דער אַלטער איז געווען איר אייגנציקער אינסטאַנץ און אויטאָריטעט וואָס דער מוסד האָט אָנערקענט. די ידיעה וואָס האָט געברענגט די רעדער אין באַוועגונג איז דערהאַלטן געוואָרן פון אים:

„די צייט איז געקומען".

קאפיטל צען

די אנטוויקלונג פון די ארץ־ישראל געשעענישן, אין יאָר 1946, איז גע־גאנגען מיט טעמפּאָ געשווינד פאַרויס, ווי א טעאַטער פאַרשטעלונג וואָס דערנענטערט זיך צו איר קולימינאַציע פּונקט; טראָצדעם וואָס ווייניקע פון די צושויער און באַטייליקטע האָבן געוווּסט גענוי ווי אזוי די פאַר־שטעלונג וועט זיך ענדיקן. עס איז געווען א שווער יאָר פון קאָנפליקטן: בן־גוריון קעגן בעווינען, טרומאַן קעגן עטלי, אצ״ל קעגן דער הגנה, טרומאַן קעגן דעם אַראַבישן בלאָק אין זיין אייגענעם אויסערן־מיניס־טעריום, אַקטיוויסטן קעגן פּאַסיוויסטן, בן־גוריון קעגן ווייצמאַנען. עס איז געווען א יאָר פון צעטומלטקייט און נערוועזקייט, פּאָגראָמען, טעראָר און טויט. אין יענעם יאָר איז אויסגעבראָכן א ביטערע מחלוקת צווישן א מנהיג פון א קליינער מדינה־אונטערוועגס, וועלכע איז נאָך נישט גע־בוירן געוואָרן, און צווישן אן אויסערן־מיניסטער פון אן אימפעריע, וועלכע איז, אין געוויסע מאָכט אָנגעלעגנהייטן, שוין געהאַט דערגאַנגען צו איר סוף.

די דאָזיקע קריגערייַ האָט געקענט האָבן דעם אויסזען ווי די מלחמה פון דוד און גלית, ווען מען וואָלט אויף א מינוט פאַרגעסן אין די צוויי קעגנער וואָס זענען געשטאַנען איינער קעגן צווייטן, און ווען מען וואָלט נישט געזען דאָס גאַנצע קאַמפּס־פעלד אין זיין ריכטיקן ליכט: א קאַמף צווישן א הייפעלע יידן אין א קליין לאנד, ערגעצוווּ אין מזרח פון מיטל־לענדישן ים און צווישן דער גאַנצער קראַפט און מאַכט פון ענגלאַנד.

טראָצדעם איז שווער געווען צו פאַרגעסן די צוויי פּערזענלעכקייטן ראַנגלענדיקע צווישן זיך, ווייל דער שווערפּונקט איז געלעגן אין פּער־זענלעכן קריג צווישן די דאָזיקע צוויי מענטשן. פון געוויסע געזיכטס־פּונקטן איז עס געווען מאָדנע וואָס בן־גוריון האָט אזוי פאַרערט טשער־טשילן און אַזוי פאַראַכטעט בעווינען. ער און בעווין זענען דאָך געווען פון זעלבן שניט. ביידע זענען זיי געווען סאָציאַליסטן און ארבעטער. ביידע סעקרעטאַרן פון איינפלוסרייכע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, איידער די דאָזיקע אָמטן האָבן זיי געדינט אלס שפּרינג־ברעט אין זייער פּאָליטישן לעבן אריין. ביידע זענען געווען קעגנער פון עקספּלאָאַטאַציע פון ארבע־

טער־קלאַס און איינשטימיק, אַז אַן אומגעצוימטער קאַפּיטאַליזם, איז אַ שלעכטע ווירטשאַפטלעכע אָרדענונג, און דערביי געהאַט אַ געוויסע ענלעכ־קייט אין אויסזען און אין געבוי פון זייערע קערפּערס. ביידע קליין־געוויק־סיק און דאָך אָנזעעוודיק. ביידע זענען זיי געווען פאַרביסענע קעמפער, זיי האָבן געקעמפט קעגן זיך צוויי יאָר צייט אָן העפלעכקייט, און אָן אויפ־הער זיך אָנגעגריפן מיט באַליידיקונגען און שטעכיקע אויסדרוקן, מיט סאַרקאַזם, שפּאָט, און נעגאַציע.

בעווין האָט גערופן אַ זשורנאַליסטן־קאָנפערענץ און האָט געזאָגט, אַז ער האָט געלעזן אַלע דאָקומענטן וואָס זענען נוגע ארץ־ישראל, איינ־שליסלעך דעם תנ״ך און דעם קאָראַן, און ער האָט אין ערגעץ נישט געפינען קיין שום הבטחה וועגן אַ יידישער מדינה. בן־גוריון האָט געענטפערט שריפטלעך: עס איז קלאָר, אַז בעווין האָט קיינמאָל נישט געלייענט דעם גאַנצן תנ״ך און עס איז זיכער, אַז ער איז אויך נישט גוט באַקאַנט מיט אַלע דאָקומענטן פון זיין אייגן לאַנד. בעווין האָט געזאָגט אין זיין דער־קלערונג, אַז ניינציק מיליאָן מאַכמעדאַנער פון אינדיען אינטערעסירן זיך שטאַרק מיט ארץ־ישראל. בן־גוריון האָט געענטפערט:

„צום ערשטן מאָל ברענגט מען אריין אין אָן אָפיציעלן דאָקומענט וועגן ארץ־ישראל און יידן, — די ניינציק מיליאָן מאַכמעדנער פון אינדיען, וועלכע בעווין האָט גרינטלעך חוקר ודורש געווען און אויסגעפינען, אַז זיי אינטערעסירן זיך גאָר שטאַרק מיט ארץ־ישראל... ער שטעלט זיך כלל נישט פאָר, אַז אפשר אינטערעסירן זיך די ניינציק מיליאָן מאַכ־מעדאַנער מיט דער נויט און אונטערדריקונג אין וועלכע זיי לעבן... איך פאָדער אויף דעם אויסערן־מיניסטער, ער זאָל באַווייזן, אַז עס זענען פאַראַנען אפילו בלויז ניינציק טויזנט אינדישע מאַכמעדאַנער וואָס האָבן ווען־עס־איז געהערט דעם נאָמען פאַלעסטינאַ“.

בעווין וואָס האָט גערעדט גיכער ווי אַ בייזער לערער, און נישט ווי אַן אויסערן־מיניסטער, האָט געוואָרנט די יידן „זיי זאָלן זיך נישט שטופּן צו זיין די ערשטע אין דער ריי“. בן־גוריון אין זיין תשובה באַ־שולדיקט בעווינען, אַז ער ליידט פון אַן „ערנסטן מאַנגל“, פון „אָנגע־נעמער איגנאָראַנץ“, אַז ער איז אַ רעאַקציאָנער און האָט איינגעשפּאַנט די לייבאָר־פּאַרטיי, כדי צו דערגרייכן זיינע אייגענע רשעותדיקע צילן. בעווין האָט באַשולדיקט בן־גוריונען, אַז ער האָט געפעלשט די ווירק־לעכקייט זאָגנדיק (בפירוש אָדער אין אַלגעמיין), אַז אַלע יידן וואָס זענען

געבליבן אין אייראָפּע ווילן קומען קיין ארץ־ישראל. בן־גוריון האָט גע־ענטפערט:

„איז באמת דער גאַנצער ענגלישער ים־פלאָט און לופט־פלאָט געשיקט געוואָרן, כדי נישט צו דערלאָזן צו דער עליה פון די יידן וואָס האָבן נישט געוואָלט עולה זיין?".

בעווין, אין זיין כעס אויף פּרעזידענט טרומאַנס „אריינמישן זיך", האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז די סיבה וואָס די אַמעריקאַנער באַמיען זיך מ'זאָל דערלויבן די 100.000 יידן אריינצוקומען קיין ארץ־ישראל ליגט אין דעם, וואָס זיי „ווילן נישט האָבן צופיל פון זיי אין ניו־יאָרק גופא". דאַסמאָל האָט בן־גוריון נישט געדאַרפט ענטפערן. צוויי סענאַטאָרן פון ניו־יאָרק האָבן צוגעשיקט בעווינען א שאַרפן פּראָטעסט, אין וועלכן זיי האָבן אים באַשולדיקט אין: „ליגנס און אין אנטיסעמיטישע אויסדרוקן".

דערווייל איז בעווינס עקלדיקע גאווה און ענגלאַנדס שטיפמוטערישע באַציונג צום יידישן ישוב אין ארץ־ישראל אזוי נמאס געוואָרן בן־גוריונען, אַז ער האָט עפנטלעך דערקלערט: אונטערהאַנדלונגען צווישן די צוויי צדדים קאָנען פאָרקומען נאָר אויפן יסוד פון א פּאָליטישן אָפּמאַך צווישן זעלבסטשטענדיקע און גלייכבארעכטיקטע צדדים, טראָצדעם וואָס זייערע כוחות זענען נישט קיין גלייכע.

בעווינס קאָמפּראָמיסלאָזע שטעלונג האָט געבראַכט דערצו, אַז טשער־טשיל איז ארויסגעטרעטן קעגן זיין „שמוציקן קריג קעגן די יידן". בע־ווינס אַראָגאַנץ האָט דערפירט בן־גוריונען צו דעם, ער זאָל אין כעס אים וואַרפן אַן ארויספאָדערונג:

„מיר גלויבן, טראָץ דער לערע פון היטלערן און זיינע שילער, אַז מיר יידן האָבן דאָס זעלבע רעכט צו לעבן, אלס יחידים און אלס כלל, גענוי ווי די ענגלענדער און ווי אלע אנדערע פעלקער".

„פּונקט ווי ביי די ענגלענדער, זענען אויך ביי אונדז פאַראַן ווערטן וואָס מיר שעצן זיי העכער אפילו פון לעבן אליין, זאַכן פאַר וועלכע מיר זענען גרייט צו שטאַרבן און נישט מוותר זיין אויף זיי".

דאָס איז געווען אַן אויפרוף צו קאַמף. א רוף צו ווידערשפּעניקן דער ענגלישער לייבאָר רעגירונג, דער בריטישער ארמיי, דעם ים און לופט־פלאָט, און צו זלזול אין בעווינען. בעווין איז ארויס פון דעם קאַמף ווי א געשווירענער שונא־ישראל, דאָס איז געווען קלאָר פאַר יעדן וואָס האָט געקענט לייענען צווישן די פּרעסע־שורות... בן־גוריון דאַקעגן איז ארויס פון קאַמף ווי א נישט־באַשריטענער פירער פון זיין פאָלק, וועל־

כער וועט אַן צווייפל און אַן אָפּהאַלט דערגרייכן דעם ציל, וועלכן ער האָט זיך געשטעלט. עס וועלן אָבער נאָך אַ סך וואַסערן אָפּשווימען איידער ער וועט קענען שניידן די באַגערטע פּרוכטן.

יענעם נאָכמיטאָג, ווען בעווין האָט אין פּאַרלאַמענט געלייענט זיין דערקלערונג, האָבן פירער פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל דערקלערט אויף צומאָרגנס אַ פּראָטעסט־שטרייק פון מיטאָג ביז האַלבער נאַכט. אַלץ האָט געוואָרפן די אַרבעט, אין די גרויסע שטעט זענען פּאָרגעקומען פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, אין תל־אביב האָבן זיך פאַרזאַמלט דרייסיק טויזנט יידן און האָבן אויסגעדריקט, אין רו און אין אָרדנונג, זייער שאַרפן פּראָטעסט.

אין דער זעלבער נאַכט אָבער זענען אַרויס קליינע גרופּעס מענטשן, כדי דורכצופירן טעראָר־אַקטן. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין רעגירונגס־ביוראָען, האָבן צעבראָכן מעבל, צעריסן אַקטן, און אַפילו אונטערגעצונדן הייזער. יידישע און ענגלישע פּאָליציי־לייט האָבן געפּרוווט זיי שטערן, איינהאַלטן, אָבער אָן דערפאָלג. צום סוף זענען דערשינען ענגלישע סאָל־דאַטן און האָבן דערהרגעט עטלעכע יידן. ס'איז אויסגערופן געוואָרן „עוצר" — אַן אַרויסגיין־פאַרבאָט, און די סאָלדאַטן פון דער זעכציקסטער די־וויזיע האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אויף פּאָזיציעס אין פאַרשידענע פּונקטן אין שטאָט. די אומרוען, שיסערייער און מאָרדן זענען אָנגעגאַנגען גאַנצע צען טעג. פון די שפּיטעלער האָט מען מודיע געווען, אַז דער רוב פאַר־וווּנדעטע זענען יידישע קינדער, און פיל פון זיי זענען שווער פאַר־וווּנדעט געוואָרן דורך דומדום־קוילן, וואָס האָבן צעריסן זייערע געדערים. אויף אַ קאַריקאַטור אין אַ העברעישע צייטונג האָט מען געזען אַ כירורג אין אַן אָפּעראַציע־זאַל, ווי ער זאָגט צו זיין געהילף: „די ענגלענדער זענען גוטע שיסער, זיי טרעפן אַפילו אין אַזעלכע קליינע צילן"...

ביז דעמאָלט האָט זיך נאָך דער טעראָר געהאַלטן אין געוויסע גע־צוימטע גרענעצן: אַ גניבה פון אַ פּאָר וואַגאָן אויפרייס־מאַטעריאַל, אויפ־רייסן אַ פּאָר באַן־בריקן, איניקע געהרגעטע.

איצט האָט בן־גוריון דערקלערט קריג. ער האָט אַרויסגעגעבן מאַרש־באַפעלן. ער האָט פאַראָרדנט צו עפענען עטלעכע פאַבריקן צו פּראָ־דוצירן געווער אין געהיים. און איז געשטאַנען אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דעם זאָנענבאָרן־אינסטיטוט און מיט אַנדערע אַגענטן וועגן איינ־קויפן געווער.

מיט די דאָזיקע אַקציעס האָט ער זיך געשטעלט אין אַן איידעלער לאַגע. ער איז געווען אַ פּאַציפיסט פון נאַטור. נאָך אביסל, און זיין

ווידערווילן צו געוואַלט־טאַטן און בלוט־פאַרגיסן, וועט גוט באַקאַנט ווערן ביי אַלע זיינע מיטאַרבעטער.

ווייצמאַנס פּאָליטיק האָט באַדייט דורכפאַל, האָט ער דעריבער נישט געזען קיין אנדערן וועג אויסער רעוואָלוציע. אין גרונט גענומען האָט ער געשטרעבט צו אַ רעוואָלוציע אָן בלוט־פאַרגיסונג. ער האָט געוואָלט באַקעמפן די ענגלענדער, אָבער אויף א דזשענטלמענישן אופן. דער איינציקער וועג וואָס וועט דערפירן די ענגלענדער זיי זאָלן גיין אַהיים איז געווען, לויט זיין מיינונג — אַן אומלעגאַלע מאַסן־עליה, ווייט־פאַרשפּרייטע סאַבאָטאַזש־אַקטן, דאָס אויפרייסן ענגלישע וואַסער און עלעקטרע־אינסטאַלאַציעס, און אפשר אַ פּאָר אַקטן פון קידנעפּן ענגלישע סאָלדאַטן, אָבער נישט קיין טעראָר, נישט קיין פאַרפייניקונגען, נישט קיין רציחות, אויף זוי ווייט מען קען זיי נאָר אויסמיידן.

ער האָט דערקלערט, אַז ווידערשטאַנד באַדייט אויסנוצן דעם גאַנצן כוח און ענערגיע פאַר קאָלאָניזאַציע ; פאַר פאָלקס־דערציונג ; פאַר מאָביליזאַציע צו זעלבסט־באַפרייונג ; געווינען די עפנטלעכע מיינונג פאַרן פּאָליטישן ציוניזם ; דערוועקן די סימפּאַטיע פון מיניסטאָרן און רעגירונגס־סעקרעטאָרן, ארבעטער־פירער, פּאָליטישע פאַרטייען און אַלערליי פּערזענלעכקייטן. אויך פאַרעפנטלעכן אונדזערע גערעכטע פאָדערונגען אין דער פּרעסע ; קאַמף מיט רעכטלעכער דיסקרימינאַציע. שטיין פעסט אויף די אייגענע רעכט קעגן יעדן שונא און קעגנער. אזוי מוז טוען יעדעס פאָלק וואָס האָט א שטאַרק ווילן, באַזיצט אַן אידעע און מעגלעכקייטן אָפּצוּוועגן און אָפּצושאַצן, האָט דאָס נויטיקע געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און האָט באַשלאָסן זיך צו שיצן און פאַרטיידיקן.

בן־גוריון האָט נאָך געמוזט קעמפן מיטן אצ״ל און מיט דער שטערן־גרופּע. זייערע פירער זענען געווען, הויפּטזעכלעך, נייע עולים פון מזרח־אייראָפּע, יונגע פאַרביטערטע מענטשן וואָס היטלער האָט זיי אויסגעלערנט פיינט האָבן, וואָס האָבן געזען אַזויפיל רציחות און בלוט־פאַרגיסונגען, זענען געווען עדות ווי מיליאָנען יידן זענען פאַרפייניקט געוואָרן מיט אכזריות, אַז זיי האָבן פאַרלוירן דעם שכל־הישר. זיי זענען געשטופּט געוואָרן צו מעשים דורך דער גלייכגילטיקייט פון די ענגלענדער צו די ליידן פון די יידן אין אייראָפּע, דורך בעווינס אנטיסעמיטיזם און די וויטיקדיקע יאָמערלעכע סצענעס — ווען די שיפן עולים זענען פאַרטריבן געוואָרן פון די ברעגעס פון דעם דאָזיקן קליינעם לאַנד.

דער רוב אָנהענגער פון די צוויי אָרגאַניזאַציעס זענען געווען פון די מזרח לענדער, יונגע אומרייפע מענטשן, אָן וועלכע־עס־איז פּאָליטישע פּראַקטיק. מען האָט פאַר זיי געפּרעדיקט אַ תורה וואָס האָט גערייצט זייערע אינסטינקטן, אָן שום אָנשטרענגונג נאָרמאַל זיי צו דערציען. דאָס האָט זיי צוגעגעבן מוט צו לעבן הפקרדיק און צו שטאַרבן ווי העלדן.

אין אָנפאַנג האָט די הגנה זיך באַמיט צוזאַמענצוארבעטן מיט די עקסטרעמיסטן, דערנאָך געפּרוווט האָבן אַן איינפלוס אויף זייערע אומ־פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, און צום סוף — צוליב דער מורא, אַז זיי וועלן צו־נישט מאַכן אַלע אויסזיכטן אויף דערפאָלג — געזוכט וועגן זיי אונטער־צודריקן.

בן־גוריון איז געווען דער מענטש וואָס האָט געגעבן די באַפעלן צו מאַכן די אַלע פּרוּוון, טראָצדעם וואָס נישט איינמאָל איז ער געווען גע־צוווּנגען דאָס אָפּצולייקענען ביים אויפטרעטן פאַר פאַרשידענע אויס־פאָרשונגס קאָמיסיעס. ווען ער האָט געפּרוּווט אפילו בלויז צוימען אביסל דעם טעראָר, און נישט אָפּשטעלן אים אינגאַנצן, האָבן די עקסטרעמיסטן־פירער זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען אים צו שטירצן.

דער טעראָר האָט געבראַכט אויף בן־גוריונען דעם פינפטן שווערן קריזיס. אין יאָר 1946 האָט ער געמוזט דעצידירן, צי דער ציל הייליקט די מיטלען. אָבער נישט דאָס איז געווען די דעציזיע, וואָס דער מאַן מיטן פילאָזאָפישן צוגאַנג האָט גערן געוואָלט מאַכן. דאָס איז געווען אַ רעוואָ־לוציע, און פון אַ ריי אַספּעקטן האָט זיך די דאָזיקע רעוואָלוציע כמעט נישט אונטערשיידט פון דער רעוואָלוציע וואָס אַן אַנדער פאָלק האָט דורכ־געפירט מיט הונדערט פינף־און־זיבעציק יאָר פריער, וואָס האָט אויך געפילט, אַז די ענגלענדער שטייען אים אין וועג צו זייער אומאָפּהענגיקייט. איצט ווי דעמאָלט, וועט מען מסתמא זיין געצוווּנגען זיך צו באַנוצן מיטן געווער וואָס מ׳האָט אָנגעזאַמלט. עס איז מעגלעך, אַז עס וועט קומען צו בלוט־פאַרגיסונג. אָבער בן־גוריון האָט פאַרשטאַנען און געפילט, אַז אפילו מלחמה און רעוואָלוציע אונטערליגן געוויסע מאָראַלישע געזעצן. די טעראָריסטן האָבן אָבער נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַר פילאָזאָפישע דיסקוסיעס. זיי האָבן געטענהט, אַז אָן שרעקלעכע טעראָר־אַקטן, וואָס זאָל אָנוואַרפן אַ מורא אפילו אויף די דרייסטסטע ענגלישע סאָלדאַטן, וועלן די ענגלענדער קיינמאָל נישט פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

ווען די שטערן־גרופּע האָט דערמאָרדעט דעם לאָרד מוין אין קאַהיר, האָט בן־גוריון קלאָר געמאַכט פאַר זיין פאָלק און פאַר דער וועלט, אַז

לויט זיין מיינונג איז דאָס נישט דער וועג. פון דעמאָלט אָן און ווייטער איז נישט אַוועק קיין איין טאָג ער זאָל נישט זיין געצוווּנגען צו דעצידירן, צי דער אָדער יענער טעראָר־אַקט איז אין מאָראַלישן זין כשר, אָדער מען דאַרף אים שטעמפּלען אַלס אוממאָראַליש פאַר די אויגן פון דער גאַנצער מענטשהייט, טראָצדעם וואָס די אויספירער זענען יידן און זייער ציל איז אידענטיש מיט זיין ציל.

אין יאָר 1946 זענען אין ארץ־ישראל געווען נאָך יידן וואָס האָבן זיך געפּלאָגט מיט די פּראָבלעמען פון עטיק, אין קאַמף פאַר באַפרייונג. מען האָט איבערגעגעבן, אַז אויף א פאַרזאַמלונג פון דער פּאַרטיי „עליה חדשה״, א פּראָגרעסיווע פּאַרטיי, וועלכע האָט געפּאָדערט „הבלגה״, צוריקגעהאַל־טנקייט לגבי די ענגלענדער, איז אויפגעשטאַנען א חבר און געפרעגט: „די הגנה האָט אַן אייגענע ראַדיאָ־סטאַציע, דער אצ״ל האָט זיין ראַדיאָ־סטאַציע; פאַרוואָס זאָלן אויך מיר נישט האָבן אונדזער אייגענע ראַדיאָ־סטאַציע?״.

די פאַרזאַמלונג האָט איינשטימיק באַשלאָסן אויפצושטעלן אַן אייגענע געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע, און עס איז אויסגעוויילט געוואָרן א קאָמיטעט. אויף דער נאָענסטער פאַרזאַמלונג האָט דער קאָמיטעט־פאָרזיצער מודיע געווען:

„איך מוז מודיע זיין מיט צער, אַז איך בין אַדורכגעפאַלן אין מיין שליחות, די ענגלענדער האָבן מיר נישט געוואָלט געבן קיין דערלויבעניש אויף א געהיימע ראַדיאָ סטאַציע״.

אין מערץ 1946 איז אָנגעקומען קיין ירושלים די ענגליש־אַמערי־קאַנישע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. אירע צוועלף מיטגלידער האָבן זיך נישט געפונען אין קיין געהויבענער שטימונג. די רייזע פון קאַהיר האָט זיך געצויגן זעכצן שעה. די הייליקע שטאָט האָט אויף זיי געמאַכט אַן איינדרוק נישט ווי א שטאָט וואָס ווערט פאַרהייליקט פון דריי גלויבנס, נאָר ממש ווי א באַוואָפנטער לאַגער. צוימען פון שטעכיקן דראָט זענען אויפגעשטעלט געוואָרן ארום אַלע וויכטיקע געביידעס. פאַרפעסטיקונגען אין באַריקאַדן האָבן באַשוועדט דעם צוגאַנג צום „מלך־דוד״־האָטעל. אויפן האָטעל־דאַך זענען געשטאַנען האַרמאַטן, וועלכע האָבן געשיצט. טאַנקן זענען געווען אַרומגעשטעלט ארום די געסלעך.

דער האָטעל אַליין האָט געווימלט פון מענטשן, אַראַבישע שייכן אין זייערע ווייסע כאַלאַטן, פּריוואַטע דעטעקטיוון, ציוניסטישע פאַרשטייער, פאָטאָגראַפן, צייטונגס־קאָרעספּאָנדענטן און ענגלישע אָפיצירן.

איידער די אויספאָרשונגס־ארבעט האָט זיך אָנגעהויבן, זענען די חב־רים פון דער קאָמיסיע איינגעלאַדן געוואָרן אויף א קבלת פנים אין פּאַלאַץ פון הויך־קאָמיסאַר — א פּרעכטיקער בנין אין מאורישן סטיל אויף א שפּיץ בארג, פון וועלכן עס האָט זיך געזען דער עמק הירדן, אויפן דאַך פון פּאַלאַץ זענען געשטאַנען פּולעמיאָטן.

בן־גוריון, וועלכער איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן צו דער אויפנאַמע האָט געוואָלט כאַפּן אַ שמועס מיט איינעם פון די ענגלישע קאָמיסיע־מיטגלידער, ריטשאַרד קראָסמאַן, אַ לעקטאָר פון אָקספאָרדער אוניווער־זיטעט און וויצע־רעדאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט „ניו סטייטסמען ענד ניישן", וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס פּאַרלאַמענט מיטגליד אַלט־זייענדיק זיבן־און־דרייסיק יאָר. ער האָט גענומען קראָסמאַנען אויף א זייט און אים געזאָגט: „איך האָב געלייענט דיין בוך „פּלאַטאָן אין אונדזערע טעג", ווען איך האָב געלערנט די „רעפּובליק" אויף גריכיש מיט אייניקע יאָר צוריק".

קראָסמאַנען האָט עס הנאה געטון, שפּעטער האָט בן־גוריון אים גע־פרעגט: „פאַרוואָס האָסטו פּלאַטאָנען געמאַכט פאַר אַ פאַשיסט?"

קראָסמאַן איז רויט געוואָרן, האָט אים אויפגעקלערט, אז דאָס איז בכלל נישט ריכטיק.

אין דאָזיקן מאָמענט איז צו קראָסמאַנען צוגעקומען דעם הויך־קאָ־מיסאַרס אַדיוטאַנט, אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער די פּלייצעס און האָט אים עפּעס איינגערוימט אין אויער.

„וואָס האָט ער געזאָגט?", האָט בן־גוריון געפרעגט, ווען דער אַדיו־טאַנט האָט זיך דערווייטערט, קראָסמאַן האָט אין פאַרלעגנהייט געענט־פערט, אז דער הויך־קאָמיסאַר האָט געבעטן אים איבערגעבן, אז עס וועט זיין נישט־דיפּלאָמאַטיש פון זיין זייט, אויב ער, ווי א מיטגליד פון דער קאָמיסיע, וועט זיך אריינלאָזן אין א לאַנגן שמועס מיט בן־גוריונען. בן־גוריון האָט געשמייכלט און אָפּגעזיפּצט, ווען קראָסמאַן האָט זיך מיט אים געזעגנט און איז אַוועק. שפּעטער האָט קראָסמאַן געזאָגט, אַז בן־גוריון האָט אים דערמאָנט אין דעם „פּיקוויניקישן מלאך" (דערציילונג פון דיקענס — דער איבערזעצער).

נאָך אייניקע טעג איז בן־גוריון דערשינען פאַר דער קאָמיסיע. ער און זיינע חברים האָבן שוין געהאַט באַוויזן זיך אויסצוספּעציאַליזירן אין געבן עדות־דערקלערונגען פאַר אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס. דאָס איז שוין געווען די אַכצנטע פאָרש־קאָמיסיע וואָס האָט באַזוכט דאָס לאַנד מיט

אירע קאָרעספּאָנדענטן און פאָטאָ־אַפּאַראַטן, פּראָטאָקאָל־ביכער, און פראגן וואָס האָבן געצילט נאָר אריינצוכאַפּן אין א נעץ, פּאָראורטיילן און פאָרויס־באַשטימטע קאָנקלוזיעס.

אָבער די דאָזיקע קאָמיסיע וועט אפשר זיין אַן אנדערע ווי די פריערדיקע, ווייל דאָסמאָל זענען צווישן די אויספאָרשער געווען: אַן אַדוואָקאַט פון קאַליפאָרניע, א ריכטער פון טעקסאַס וואָס האָט „צעבראָכן" די „קלו־קלוקס־קלען" אין זיין שטאָט, יוסטון, א רעדאַקטאָר פון באָסטאָן און הער קראָסמאַן, דער ליבעראַל.

אין א פריער־פאָרגעברייטער דערקלערונג, וואָס בן־גוריון האָט אָנגעגעבן, האָט ער געשטעלט זיינע פראַגעס:

„פון וואנען דערנעמט זיך די דאָזיקע דיסקרימינאַציע קעגן אונדז?... יידן זענען נישט דאָס איינציקע פאָלק וואָס איז אנדערש פון אנדערע פעלקער... אין גרונט גענומען איז אונדזער פאָלק גאָרנישט אַנדערש פון אנדערע, אַנדערשקייט איז א פאַרהעלטנישמעסיקער באַגריף. די יידן זענען פשוט נאָר דאָס וואָס זיי זענען, און מיר ווילן זיין דאָס וואָס מיר זענען. איז דען דאָס אַ זינד?".

„איך ווייס, אַז די מענטשן פון אייראָפּעישן קאָנטינענט באַטראַכטן די ענגלענדער ווי לגמרי אַנדערע באַשעפענישן, און זיי זענען טאקע אַנדערש פון אַנדערע. אָבער קיין שום ענגלענדער באַטראַכט זיך נישט אַלס מאָדנע, ווייל ער — איז ער, און ער טאָקע באַטראַכט די קאָנטינענט־מענטשן אַלס מאָדנע ברואים. דער אמת איז, אַז מיר זענען אַנדערש ווי די אנדערע, ווייל אָט די אַנדערע זענען אנדערש ווי מיר, און צוליב דעם ליידן מיר. אָבער דאָס ענגלישע פאָלק ליידט נישט דערפאַר וואָס עס איז אַנדערש (פאַרקערט, זיין אנדערשקייט דערהויבט אים גאָר)... מיר אָבער זענען נישט נאָר אנדערש, מיר זענען אויך שוואַך... מיר זענען אומעטום א מינדערהייט. און אז די מערהייט האָט אונדז נישט ליב, זענען מיר אויסגעליפערט צו איר חסד, ווייל זי קען אונדז תמיד שלעכטס טוען".

און ווענדנדיק זיך צו די אמעריקנער דעלעגאַטן, האָט ער געזאָגט:

מיט דריי הונדערט יאָר צוריק איז די שיף „מאַיפלאַור" אָפּגעגאַנגען פון פּאָרט פלימוט, צו א נייער וועלט. עס איז געווען א גרויע געשעעניש אין דער געשיכטע פון ענגלנד און אמריקע. אָבער איך פרעג זיך: וויפיל ענגלענדער און אמעריקאַנער וויסן גענוי די דאַטע פון אָפּפאָרן פון דער דאָזיקער היסטאָרישער שיף? וויפיל „פּילגרימער" זענען געווען אויף דער „מאַיפלאַור" שיף, און וואָס פאַר א סאָרט ברויט האָבן געגעסן די

מענטשן, ארויסגייענדיק פון פּאָרט פּלימוט? אין מער ווי פאַר דריי טויזנט און דריי הונדערט יאָר (אומגעפער דריי טויזנט יאָר פאַר דער נסיעה פון דער „מאַיפלאַוור") זענען די יידן ארויסגעגאנגען פון מצרים, דאָס האָט פּאַסירט פאַר מער ווי זעקס־און־זעכציק יובלות — און יעדער ייד אין גאָר דער וועלט וויס ביזן היינטיקן טאָג געגוי און קלאָר אין וועלכן טאָג די יידן זענען ארויס פון מצרים, — אין ט״ו ניסן, און וואָס פאַר א ברויט עס האָבן דעמאָלט געגעסן אונדזערע אבות אבותינו — מצות. און ביזן היינטיקן טאָג, אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן, עסן אלע יידן — די יידן פון אמעריקע און די יידן פון רוסלאַנד — מצות אינעם פופצנטן טאָג פון ניסן, און זיי דערציילן זיך די ניסים פון יציאת מצרים, פון די ליידן, וואָס זענען געקומען אויפן פאָלק ישראל אין די שפּעטערדיקע גלותן. און זיי פאַרענדיקן זייער דערציילונג מיט די ווערטער „היינטיקס יאָר זענען מיר קנעכט, איבער א יאָר וועלן מיר זיין ברייע מענטשן, היינט זענען מיר דאָ, איבער א יאָר וועלן מיר זיין אין יידישן לאַנד".

„אין לאָנדאָן האָט הער קראָסמאַן געפרעגט איינעם פון די יידישע עדות א נישט לייכטע פראַגע: אויב דו וועסט האָבן אויסצוויילן: אָדער אריינברענגען אין לאַנד אריין הונדערט טויזנט יידן, אָדער א יידישע מדינה — וואָס וועסטו דעמאָלט אויסקלייבן? (דער געפרעגטער עדות האָט, צו־ליב פּערזענלעכע טעמים, נישט געקענט ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע) איך וועל פּרווון צו געבן דעם הער קראָסמאַן אן ענטפער":

„איך גלויב אז יעדער מענטש איז א ציל פאַר זיך, און נישט קיין מיטל אין די הענט פון וועמען־עס־איז, און איך וועל נישט מקריב זיין דאָס לעבן פון קיין מענטש אָן זיין ווילן און אָן זיין הסכמה, אפילו נישט פאַר מיין הייליקסטן אידעאַל. איך קען ברענגען פאַר א קרבן נאָר זיך אליין.

„איך וועל פאַרלאַנגען פון מיין חבר צו טוען דאָס, וואָס איך אליין בין גרייט צו טוען, אָבער דעציידירן מוז ער. הער קראָסמאַנס פראַגע דאַרף געשטעלט ווערן די אלע הונדערט טויזנט אויסגעוואָרצלטע יידן אין דייטש־לאַנד. אויב איר וועט זיי פרעגן, צי זיי ווילן קויפן די „סערטיפיקאַטן" קיין ארץ־ישראל פאַרן פרייז פון אָפּזאָגן זיך פון יידישער זעלבסטשטענ־דיקייט און פון א יידישער מדינה, ווייס איך וואָס זייער תשובה וועט זיין...

„שטעלט זיך פאַר, אז היטלער האָט אין זיינע הענט געגומען הונדערט טויזנט ענגלענדער, קריגס־געפאַנגענע, און ער זאָגט צו טשערטשילן: אָדער דו גיסט מיר דעם ענגלישן פלאָט, אָדער איך הרגע אויס די הונדערט

טויזנט ענגלענדער, קען ווער־עס־איז צווייפלען, וואָס עס וועט זיין די תשובה פון טשערטשילן? ווייסט איר דען נישט אז ער וואָלט זיך רויק געקענט פאַרלאָזן אויף דעם ענטפער פון זיינע הונדערט טויזנט ענג־לענדער? קען ווער־עס־איז צולאָזן דעם געדאַנק, אַז הונדערט טויזנט ענגלענדער וועלן זיין גרייט צו קויפן זייער לעבן פאַרן פרייז פון בריטישן פלאַט? וועלן זיי נישט ליבער שטאַרבן איידער ארויסגעבן דעם ענג־לישן פלאָט?"

אַ טאָג איידער די קאָמיסיע האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָט קראָסמאַן געזעגנט פאַר די אָנפירער פון דער הסתדרות אין תל־אביב און האָט שפּעטער באַזוכט בן־גוריונען אין זיין היים, נישט ווייט פון ים. ער האָט געטראָפן דעם „פּיקוויניקישן מלאך" אין זיין ביבליאָטעק, ארומגערינגלט מיט ביכער וועגן אַלט־גריכיש. זייער געשפּרעך האָט זיך געפירט הויפּטזעכלעך ארום פּלאַטאָנען.

ווען בן־גוריון האָט באַגלייט דעם גאַסט צו זיין אויטאָ, האָט ער אים געזאָגט: „דעצידירט וואָס איר וועט דעצידירן, איינס אָבער מוזט איר געדענקען, מ י ר וועלן קעמפן פאַר אונדזער דונקירק".

ווען קראָסמאַנס פּערזענלעכער היטער האָט זיך ארייגעזעצט אין אויטאָ לעבן אים, האָט ער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די נסיעה קיין ירו־שלים איז פאַרבונדן מיט גרויסער געפאַר. בן־גוריון, הערנדיק די באַ־מערקונג, האָט זיך אויסגעדרייט מיט זיין לאַכענדיק פּנים צו דער מאַשין און געזאָגט אין אָפענעם פענצטער אריין: „אַלץ איז אין אָרדענונג. איך האָב שוין אָנטעלעפאָנירט צו אַלע טעראָריסטן לענג־אויס דעם שאָסיי. אַ רויקע נאַכט".

עמוס בן־גוריון האָט זיך באַטייליקט אין די קאַמפן ביי טאָברוק, און שפּעטער אויך אין די קאַמפן אויפן איטאַליענישן, האָלענדישן און בעלגישן באָדן, און איז ארויס פון זיי געזונט און שטאַרק. אָבער גלייך נאָכן סוף פון דער מלחמה, האָט ער געמוזט ארייגגיין אין אַלגעמיינעם שפּיטאָל אין ליווערפּול, ער איז קראַנק געוואָרן אויף אַ טראָפּישער קראַנקהייט.

זיין קראַנקן־שוועסטער איז געווען מערי קאַלאָו, אַ יונגע שיינע ברו־נעטע ענגלענדערין פון אינדזל „מ א ן". עס איז נישט פאַריבער קיין סך צייט און ער האָט געשריבן צו די עלטערן, אַז ער האָט זיך אין איר פאַרליבט. עס איז געווען איין שוועריקייט: זי איז נישט געווען קיין יידישע. אָבער זי האָט איינגעשטימט זיך מגייר צו זיין. גלייך נאָכדעם ווי די ידיעה

איז אָנגעקומען קיין תל־אביב האָט דער פאָטער פון עמוסן ווידער אַמאָל זיך געגרייט צו פאָרן קיין אייראָפּע. אין זיין וואליזקע האָט ער אריינ־געלייגט אייניקע ביכער און בראָשורן פון זיין פּריוואַט־ביבליאָטעק, אלע אין דער ענגלישער שפּראַך, וואָס ער האָט געוואָלט, אז פריילין קאָלאַני זאָל זיי לייענען.

אַז בן־גוריון האָט דערקענט זיין שנור אין לאָנדאָן (ער האָט פּאר־שפּעטיקט צו דער חתונה מיט צוויי שעה) איז אים דאָס מיידל געפעלן געוואָרן. ער האָט צו איר געזאָגט: „פאַרשטייסטו וואָס דו טוסט? געדענק, אז דו, און נישט עמוס, וועט דאַרפן ברענגען קרבנות — לעבן אין א פרעמד לאנד, צווישן א פאָלק, וואָס דו פארשטייסט נישט זיין שפּראַך, און...״

זי האָט געפּרוּווט אים איבעררייסן, אָבער ער האָט ממשיך געווען: „ביסטו זיכער אין דיין גרייטקייט אויף קרבנות?״

זי האָט אים פארזיכערט. נאָכער האָט ער שמייכלנדיק איר געגעבן דאָס לייען־מאַטעריאַל.

בן־גוריון איז געווען אין לאָנדאָן בעת עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די רעקאָמענדאַציעס פון דער ענגליש־אמעריקאַנישן אויספאָר־שונגס־קאָמיסיע. בעווין האָט געזאָגט צו אייניקע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, אַז אויב עס וועט אים צוגעשטעלט ווערן אן איינשטימיקער באַ־ריכט, וועט ער אָננעמען זייערע רעקאָמענדאַציעס. דעריבער האָט די קאָ־מיסיע אזוי שווער געארבעט, כדי אויסצוגלייכן די חלוקי־דעות צווישן אירע מיטגלידער.

„מיר דאַרפן דעם באַריכט גענצלעך אָפּוואַרפן״, האָט בן־גוריון גע־זאָגט, ווי נאָר ער האָט אדורכגעלייענט דעם דאָקומענט. די קאָמיסיע האָט אָנגענומען טרומאַנס פאָרשלאָג, אריינצולאָזן הונדערט טויזנט פּליטים אין לאנד אריין, ווייל ווהין וועלן זיי גיין? אָבער זי האָט אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק פון א יידישער מדינה. אַנשטאָט דעם, האָט די קאָמיסיע עקאָמענ־דירט, אז די אונ״א זאָל פארוואלטן מיטן לאַנד, ביז עס וועט פאַרוואַנדלט ווער אין א בי־נאַציאָנאַלע שטאַאַט מיט א גלייכער יידיש־ראַבישער פאר־וואלטונג.

די קאָמיסיע האָט געפּרוּווט דורכזעצן דאָס אוממעגלעכע: צוצושטעלן א באריכט וואָס זאָל באַפרידיקן טרומאַנען, בעווינען, בן־גוריונען, וויצ־מאנען, דעם מופטי און די אראבישע ליגע.

בן־גוריונס חברים האָבן נישט מסכים געווען מיט זיין מיינונג, אַז

מען מוז דעם באַריכט אין זיין גאַנצקייט אָפּוואַרפן. זיי זענען אָבער גע־שטעלט געוואָרן פאַר דעם נסיון, יאָ אָנצונעמען בן־גוריונס אָנשווינג, צוליב דעם וואָס עס איז געשען אין לאָנדאָן: בעווין האָט געבראָכן זיין הבטחה, אָנשטאָט אויסצופירן די אָנווייזונגען פון דער קאָמיסיע, האָט די לייבאָר־רעגירונג מודיע געווען, אַז זי וועט אַריינלאָזן די פּליטים־יידן פון אייראָפּע, נאָכדעם ווי די הגנה און אַנדערע אונטערגרונט־גרופּן וועלן זיך אויפלעזן, און נאָכדעם ווי די יידישע אַגענץ וועט באַקעמפן דעם טעראָר.

לאָנדאָן האָט געדאַרפט וויסן, אַז דאָס אָפּוואַרפן דעם באַריכט פון דער ענגליש־אַמעריקאַנישער קאָמיסיע און בעווינס ברעכן זיין הבטחה, וועלן נאָך פאַרערגערן די סיטואַציע.

אומלעגאַלע עולים האָבן געשטראָמט אין לאַנד אַריין אין די טויזנטער. די אַקטיוויסטן פון די יידישע אונטערערד־גרופּן, וועלכע האָבן געפּרוווט אַרויפצונעמען די עולים אויף דער יבשה, האָבן נישט איינמאָל זיך צו־זאַמענגעשטויסן מיט ענגלישע סאָלדאַטן. עס איז כמעט נישט אַריבער קיין נאַכט אָן קאַמפן און אויפטרייסלונגען. באַנען און בריקן זענען אויפ־געריסן געוואָרן, פינף אצ״ל־מענטשן זענען געכאַפּט און פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אין רעאַקציע, זענען געכאַפּט געוואָרן פינף ענגלישע סאָלדאַטן. בעווין האָט געהאַלטן אַ רעדע אין באַרנמוט און האָט געזאָגט, אַז כדי אַריינצולאָזן הונדערט טויזנט יידן קיין ארץ־ישראל, וועט ער דאַרפן שיקן נאָך אַ גאַנצע דעוויזיע ענגלישע סאָלדאַטן. דער ווידערשטאַנד האָט זיך אַזוי פאַרשטאַרקט, אַז די ענגלענדער האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ דראַסטישן שריט. שבת דעם 29 יוני, האָבן זיך פיל מענטשן אויפגעכאַפּט צוליבן אָפּקלאַנג פון אַ האַרמאַטן־שיסעריי. ענגלישע אויטאָס מיט הילכערס זענען אַרומגעפאָרן איבער די גאַסן און האָבן אויסגערופן „עוצר" — אַ פאַרבאָט צו פאַרלאָזן די וווינונגען: „קיין מענטש זאָל זיך נישט רירן פון אָרט". דורך ראַדיאָ האָט מען צוזויסן געגעבן, אַז דער הויך־קאָמיסאַר האָט אָנ־גענומען „מיליטערישע אַקציעס" קעגן דער יידישער אַגענץ און קעגן דער הגנה, ווייל זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אומרוען. אין ירו־שלים זענען ענגלישע סאָלדאַטן אַריינגעדרינגען אין די ביוראָען פון דער יידישער אַגענץ און מיט דער הילף פון אויפרייס־מאַטעריאַלן האָבן זיי זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צו אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס, וואָס זע־נען צוליבן שבת געווען געשלאָסן. זיי האָבן אַדורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן

פון טויזנטער יידן, מענער און פרויען, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט פּאַר־שידענע געביטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

זיי האָבן זיך נישט גערעכנט מיט ווייצמאַנען, וואָס איז געשטאַנען פאַר א נסיעה קיין לאָנדאָן, כדי אדורכצומאַכן א שווערע אויגן־אָפּעראַציע. דער אָנפירער פון דער הגנה, וועלכער האָט געזאָלט זיין איינער פון די ערשטע און וויכטיקסטע ארעסטירטע, האָט זיך ארויסגעדרייט פון דער ענגלישער פּאָליציי און האָט זיך אויסבעהאַלטן ערגעצווו. בן־גוריון, זיין פּאָליטישער סעקרעטאַר און דער קאַסירער פון דער יידישער אַגענץ, האָבן זיך געפונען אין פּאַריז. די רעשט מיטגלידער פון דער „שאָטן־רעגירונג" זענען געכאַפּט און איינגעזעצט געוואָרן אין לאַגער לאַטרון.

דער מופטי, וואָס האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן היטלערן און מוסאָלינען, האָט געלעבט א גוטן־טאָג אין קאַהיר. אָבער דאַקעגן משה שערטאָק, וועלכער האָט געהאָלפן מאָביליזירן אַן ארמיי פון פינף־און־צוואַנציק טויזנט מענטשן פאַר ענגלאַנד, איז איצט געזעסן אונטער שטעכיקער דראָט אין לאַטרון צוזאמען מיט נאָך הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג געקעמפט פאַר די פאַראייניקטע פעלקער.

אין אַ טעלעגראַמע מיט א געהיימען שיפער פון ירושלים האָט בן־גוריון באַקומען די ערשטע ידיעה וועגן דער „מיליטערישער אַקציע". ער איז געוואָרנט געוואָרן, אז ער און זיין סעקרעטאַר זאָלן זיך דערווייל נישט צוריקקערן אין לאַנד אריין, ווייל עס זענען אויף זיי ארויסגעגעבן געוואָרן אַרעסט־באַפעלן.

אין יענע טעג איז ראובן שילוח געווען באַשעפטיקט. בן־גוריון אָבער האָט נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן: „איך מוז גלייך צוריקפאָרן". שילוח האָט אים כסדר בארויקט און אים געבעטן ער זאָל זיך אָנגורטן מיט געדולד און אויסווארטן.

„אויב עס דראָט עפּעס אַ געפאַר, מוז איך זיין אויפן פּלאַץ". שילוח האָט אים געהאלטן אין איין איבערצייגן, אַז דווקא דאָ, אויסער די תפיסה־מויערן וועט ער קענען מער לייסטן פאַרן פאָלק.

פון לאַגישן שטאַנדפּונקט האָט בן־גוריון מסכים געווען מיט שילוחס רייד, אָבער זיין האַרץ האָט דערצו נישט געקענט מסכים זיין. טאָג נאָך טאָג האָט ער געשפּאַנט אַהין און אהער אין האָטעל־צימער. וויפיל מאָל דער טעלעפאָן האָט געקלונגען פלעגט ער אויפשפרינגען. ער האָט נערוועז געשלונגען אלץ וואָס די צייטונגען האָבן געשריבן.

איינמאָל איז שילוח ארויס קויפן צייטונגען. ווען ער איז צוריק־

געקומען האָט ער געטראָפן בן־גוריון פאַרפאַקנדיק זיינע חפצים. ווי אַ קליין קינד, וואָס מען האָט אים געכאַפּט ביי אַ מעשה־קונדס, האָט ער מודה געווען, אַז ער האָט זיך שוין פאַרזיכערט אַ פּלאַץ אין אַן עראָפּלאַן. ווידער אַמאָל האָט ער קענגן זיין ווילן אויסגעפּאַקט זיינע וואַליזקעס.

נאָך צוויי נעכט האָט בן־גוריון, איבערריסנדיק דאָס לייענען אַ בוך, פּלוצים אַ זאָג געטוען צו שילוחן: „דוכט זיך מיר, אַז דער גורל האָט שוין געזאָגט זיין וואָרט. עס וועלן נישט פאַריבער קיין צוויי יאָר און מיר וועלן האָבן אַ יידישע מדינה".

אין איינעם פון די הייסע יולי־טעג אין פּאַריז, האָבן אים זיינע פריינט געבראַכט די מוראדיקע בשורה וואָס זיי האָבן געהערט אין ראַדיאָ: דער מלך־דוד האָטעל, אָדער אַ טייל פון אים, איז אויפגעריסן געוואָרן, און ביים אויפרייס זענען אומגעקומען לכל־הפחות פינף־און־זיבציק, אָדער גאָר הונדערט מענטשן. בן־גוריון איז שעהן־לאַנג געזעסן ביים ראַדיאָ. ער האָט מיט אייפער געלייענט אַלע צייטונגען וואָס מ'האָט אים געבראַכט. דאָס איז געווען דער טעראָר אין זיין גאַנצער גרויל. ער האָט געוווּסט, אַז עס איז אָן ספק געווען אַ מעשה אצ"ל.

די „אונטערנעמונג" האָט זיך אָנגעהויבן 12.10 אַ זייגער, אויף דער ירושלימער צייט, נאָכדעם ווי עס זענען פריער געגעבן געוואָרן דריי טעלעפאָנישע וואָרענונגען: צום האָטעל, צו דעם נאָענטן פראַנצויזישן קאָנסולאַט און צו דער רעדאַקציע פון „פּאַלעסטיין פּאָסט". אָבער קיין מענטש האָט די וואָרנונגען נישט גענומען ערנסט. עס איז נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן קיין פאַראָרדנונג צו פאַרלאָזן דעם בנין. עמיץ האָט געהערט ווי אַן ענגלישער באַאַמטער האָט געזאָגט: „איך זיץ נישט דאָ, כדי צו באַקומען באַפעלן פון די יידן, נאָר כדי צו געבן זיי באַפעלן"...

די טעראָריסטן, פאַרשטעלט פאַר אַראַבער אין ווייסע כאַלאַטן, האָבן אַריינגעטראָגן די באָמבעס אין מילך־קאַנען, אין די קעלערן פון האָטעל, און האָבן זיי אוועקגעלייגט אין יענעם פליגל פון בנין, וווּ עס זענען געווען די ביוראָען פון דער צענטראַלער ענגלישער פאַרוואַלטונג. צווישן די אומגעקומענע זענען געווען יידישע באַאַמטע פון דער מאַנדאַטן־מאַכט, אייניקע, וואָס בן־גוריון האָט גוט געקענט.

נאָך צוויי טעג האָט לאָנדאָן פאַרעפנטלעכט אַ ווייס־בוך. אין דאָזיקן דאָקומענט האָט די ענגלישע רעגירונג געטענהט, אַז אצ"ל און די שטערן־גרופּע האָבן שוין זייט פיל חדשים צוזאַמענגעאַרבעט מיט דער הגנה, וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער דירעקטער קאָנטראָל פון דער יידישער

אַגענץ. פֿאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע דערקלערונגען האָבן אַוועקגעשטעלט בן־גוריונען, וואָס איז געווען דער ראש פֿון דער אַגענץ, אַלס דעם פֿאַר־אַנטוואָרטלעכן פֿאַר דעם אומגליק פֿון מלך־דוד האָטעל.

אין דער אמתן האָט בן־גוריון נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן די אויפֿרייס־פּלענער. דער פֿירער פֿון אצ״ל, מנחם בעגין, האָט שפּעטער ארויס־געגעבן אַ דערקלערונג אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז אין אָנפֿאַנגס יאָר האָט ער אַרומגערעדט דעם געדאַנק פֿון אויפֿרייסן דעם האָטעל מיט צוויי הויכע אָנפֿירער פֿון דער הגנה; אַז זיי האָבן אים געבעטן אָפּלייגן די זאַך; צוויי מאָל האָט ער אָפּגעלייגט; און סוף־כל־סוף זענען זיי מסכים געווען צו דעם אויפֿרייס־אַקט.

די צוויי מענטשן וואָס זענען דערמאָנט געוואָרן אין דער דערקלערונג, האָבן אָפּגעלייקנט מנחם בעגינס רייד און דערקלערט, אַז זיי האָבן מסכים געווען נאָר מיטן באַדינג, אַז דער אויפֿרייס וועט פֿאָרקומען נאָך די אַר־בעטס־שעהן, ווען עס וועלן נישט זיין קיין מענטשן אין דעם פֿליגל פֿון האָטעל.

כדי קלאָר צומאַכן זיין שטעלונג האָט בן־גוריון, אייגנהענטיק, אויפֿ־געשריבן אָט די דאָזיקע ווערטער:

„מיר האָבן נישט קיין שליטה און קיין השפּעה אויף די דאָזיקע גרופּן אין ישוב, און מיר קענען נישט זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך, נישט דירעקט און נישט אומדירעקט פֿאַר דעם וואָס זיי טוען. זיי האָבן זיך ארויסגעבראָכן פֿון יעדער נאַציאָנאַלער און ישובישער קאָנטראָל“.

אַ וואָך נאָך דעם אויפֿרייס האָט בן־גוריון געהערט אין ראַדיאָ, אַז צוואַנציק טויזנט ענגלישע סאָלדאַטן האָבן פֿאַרוואַנדלט תל־אביב אין אַ באַלאַגערטער שטאָט, האָבן זי אָפּגעשניטן פֿון די אנדערע טיילן פֿון לאַנד, האָבן ווידער אויסגערופֿן דעם שווערן „עוצר“־צושטאַנד — און קיין מענטש טאָר זיך נישט געפֿינען אויסער זיין הויז, אַ חוץ צוויי שעה נאָך מיטאָג, ווען עס איז דערלויבט פֿאַר פֿרויען איינצוקויפֿן שפּייז־אַרטיקלען. ווער עס וואַרפֿט זיך נישט אונטער דעם פֿאַרבאָט, ווערט אויפֿן אָרט דערשאָסן.

אין פֿאַרלויף פֿון די נאָענטסטע פֿיר טעג זענען אויסגעפֿאָרשט געוואָרן פֿינף־און־צוואַנציק טויזנט מענטשן, אין ספּעציעלע פּאַלאַטקעס וואָס זענען צו דעם צוועק אויפֿגעשטעלט געוואָרן אויף די גאַסן־עקן. די שוין אויס־געפֿאָרשטע זענען באַצייכנט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלן צייכן אויפֿן שטערן, כדי אָפּצוטיילן „די פּלעוועס פֿון דער תבואה“...

בן־גוריון איז געווען אויפֿגעבראַכט צוליב דער מאַסן־דערנידערונג

פון פאָלק, אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט טוען. די וואָרנונגען קעגן זיין צוריקקערן אַהיים, האָבן נישט אויפגעהערט אָנצוקומען. ער איז דע־ריבער אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע.

נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגעבן דערקלערונגען פאַר א קאָמיסיע פון אונ״א איז ער אוועק קיין וואשינגטאָן, כדי זיך קלאָר צו מאכן די שטעלונג פון אויסערן מיניסטעריום. אין ניו־יאָרק האָבן פארשידענע זשורנאַליסטן אים אינטערוויואירט. צווישן זיי איז געווען רות גרובער, פון „ניו־יאָרק פּאָסט", וועלכע האָט אים פאַרגעלייגט, ער זאָל זען וואָס זי שרייבט וועגן אים, איידער זי גיט איבער איר ארטיקל אין דער צייטונג. זי האָט זיך זייער איבערגענומען מיט איר מאמר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „עס דרייט זיך צווישן אונדז ארום א מענטש, וועלכער איז פאר דעם קליינעם פאָלק אין ארץ־ישראל דאָס, וואָס אברהם לינקאָלן אין געווען פארן אמעריקאַנישן פאָלק אין זיין צייט". בן־גוריון האָט די ווערטער געליינט צוויי מאָל און דערנאָך האָט ער ברוגזדיק אַ זאָג געטוען:

„ווי וואגסטו מיך צו פארגלייכן צו אברהם לינקאָלן?". פרוי גרובער האָט געפּרוווט אויפקלערן. בן־גוריון האָט איר אָבער איבערגעריסן: „אַז איך טראַכט וועגן א גרויסן מענטש, טראַכט איך וועגן אברהם לינקאָלן, אָבער ווער בין איך? אַ קליינער ייד און נישט מער".

זייענדיק אין ניו־יאָרק, האָט זיך בן־גוריון געטראָפן מיט אלעקסאַנדער פּעקעליס, אַ יידישער עמיגראַנט פון איטאַליען, וואָס איז געווען סך־הכל פינף יאָר אין אַמעריקע און דערגרייכט צו ווערן דער רעדאַקטאָר פון „קאָלאָמביאַ לאָו רעוויו". בן־גוריון איז באַאיינדרוקט געוואָרן פון זיין שאַרפן שכל און פון זיין טיפן ציוניסטישן געפיל, ער האָט אים איינגעלאַדן אַלס זיין גאַסט אויף דעם ערשטן ציוניסטישן נאָך־מלחמה קאָנגרעס, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין באַזעל.

די טרויעריקסטע פיגור אויפן באזעלער קאָנגרעס איז געווען ד״ר ווייצמאַן: פיזיש אָפּגעשוואַכט, פאַרביטערט פון דעם וואָס עס איז געשען אין ארץ־ישראל, האָט ער פונדעסטוועגן פעסט באַשלאָסן צו מאַכן נאָך איין לעצטן פּרווו, און רופן צו „הבלגה" און געדולדיקייט, אין וועלכע ער האָט אזוי שטאַרק געגלויבט. ער האָט געזאָגט: „איך בין 72 יאָר אלט, און עס איז אפשר דאָס לעצטע מאָל וואָס איך רעד צו אייך". צווישן זיינע צוהערער זענען געווען איבער פיר הונדערט דעלעגאַטן פון זעכציק לענדער און ביי טויזנט געסט. עס איז זיכער, אז צווישן די אלע איז נישט געווען קיין איין מענטש, וואָס האָט נישט געפילט קיין טיפן יראת כבוד

פאר דעם קראַנקן וויסנשאַפטלער, אָבער ווען ער האָט צו זיי אפּעלירט, זיי זאָלן נאָך אַמאָל שענקען ענגלאַנד צוטרוי, האָט ער געקעמפט א פארלוירענעם קאַמף.

בעווין האָט צוגענומען פון ווייצמאַנען יעדע מעגלעכקייט פּאַרצוזעצן זיינע אויפגאַבן. עס האָט נישט געהאַט קיין שום זין נאָך אַמאָל צו בעטן די דעלעגאַטן, זיי זאָלן זיך אָנגורטן מיט געדולד און זאָלן ווייטער גלויבן אין ענגלאַנדס אָנשטענדיקייט, און אין אירע גוטע צילן.

בן־גוריון האָט ניט געפּטרט זיין צייט אויף פּוסטע זאַכן זיצנדיק אין אמעריקע. ער האָט דערפירט דערצו, אז דאָס רוב אמעריקאַנער דעלע־גאַטן, איינשליסלעך ראַביי סילווער, מיט וועמען ער איז נישט איינמאָל געווען אין שאַרפע חילוקי דעות, זאָלן אים שטיצן אויפן קאָנגרעס. ווייצ־מאַן האָט דאָס אלץ געוווּסט איידער ער האָט אָנגעפאַנגען צו רעדן. דע־ריבער האָט ער פיל פון זיינע באַמערקונגען געריכטעט דירעקט צו דער אַמעריקאַנישער דעלעגאַציע.

„געדענקט, אז עס איז לייכט צו פרעדיקן ווידערשטאַנד ווען מען זיצט אין ניו־יאָרק... עס איז לייטער צו שווימען אין ים ווי אין א וואַנע... איר אַמעריקאַנער האָט אייך צו שפּעט אויפגעכאַפּט...”

אויף דער אויבערפלאַך איז די דיסקוסיע נישט געפירט געוואָרן ארום די פּערזאָנען ווייצמאַן — בן־גוריון. נאָר וועגן דעם, צי זאָל מען שיקן דעלעגאַטן צו פירן ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד.

בן־גוריונס רעדע האָט דעצידירט אין דער דאָזיקער פראַגע. ער איז געווען העפלעך ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ווייצמאַנען. ער האָט נישט געמאַכט קיין דירעקטן אָנפאַל אויף דעם קראַנקן וויסנשאַפטלער. אָבער ער האָט נישט געשוינט ענגלאַנד:

„מיר קומען נישט צו ענגלאַנד ווי בעטלערס און חסדים־זוכער. מיר פאָדערן דאָס, וואָס איז אונדזער לויט אַלע רעכט. ארץ־ישראל געהערט נישט צו ענגלאַנד, און עס איז נישט קיין טייל פון דער ענגלישער אימ־פעריע, און ענגלאַנד האָט נישט קיין רעכט צו טאָן דאָרט וואָס איר גע־פעלט”. ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ רוף צו אויסדויער, מוט און קרבנות.

בן־גוריון און סילווער האָבן געוווּנען דעם קאַמף מיט אַ קליינער מאַיאָריטעט. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן, ווי אַן אומצוטרוי־וואָטום פאר ווייצמאַנען, וועלכער איז גלייך אַרויס פון זאַל, האָט פאַרפּאַקט זיינע חפצים און איז אַוועק קיין לאָנדאָן.

בן־גוריון איז איצט געווען דער אומבאַשריטענער פירער פון יידישן

ישוב אין ארץ־ישראל און פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַ־וועגונג.

זיין נצחון איז אָבער פאַרוואָלקנט געוואָרן מיט די ידיעות וועגן נייע אומרועו אין דער היים, צוליב ווייצמאַנס ביטערן אויסזען, ווען ער האָט פאַרלאָזן דעם קאָנגרעס־זאַל אין באַזעל, און צוליב דער ידיעה, אז זיין נייער פריינט דער איטאַליענישער ציוניסט, וועלכן ער האָט צוגערעדט צו קומען פון ניו־יאָרק אויפן קאָנגרעס אין דער שווייץ, איז אומגעקומען אין אַן עראָפּלאַן־קאַטעסטראָפע צוריקוועגס פון קאָנגרעס. ער איז געווען זער דערשלאָגן.

קאפיטל עלף

אין פארלויף פון די פופצן יאָר, וואָס ער איז געווען א מיטגליד פון דער „שאָטן־רעגירונג״, האָט ער קיינמאָל נישט געבעטן קיין באַשטימטן רעסאָרט, אָבער אויף דעם באַזעלער קאָנגרעס איז אים איבערגעגעבן גע־וואָרן די פאראַנטוואָרטלעכקייט פארן פארטיידיקונגס רעסאָרט, אָדער „זי־כערהייטס־אַמט״, ווי מען האָט דעמאָלט דאָס גערופן.

בן־גוריונס גייסט איז געגליכן צו א פּאָטאָ־אַפּאַראַט. ער דרינגט אריין אין יעדן פינטעלע, באַלויכטנדיק אפילו די פינצטערסטע ערטער. אין יאָר 1947 האָט ער געווענדט זיין אַפּאַראַט אין א נייער ריכטונג.

„איך האָב אָנגענומען דעם דאָזיקן פּאָרטפעל, נישט דערפאַר וואָס איך בין א גענעראַל, אָדער איך קען גוט די מיליטערישע וויסנשאַפט, נאָר דערפאַר, ווייל אין מיליטערישע פראַגעס, ווי אין אלע אנדערע פראַקטישע ענינים, דעצידירן נישט די עקספּערטן און פאַכלייט וואָס ווייסן פון אַלע טעכנישע איינצלהייטן, נאָר מענטשן מיט אָפענע אויגן און מיט שכל הישר, און דאָס זענען אייגנשאַפטן מיט וועלכע יעדער נאָרמאַלער מענטש איז באַשאָנקן״.

עס איז געווען א צו באשיידענע דערקלערונג. בן־גוריון האָט זיך אלס הויפּט־אָנפירער פון אַן אונטערערדישע אַרמיי נישט געפירט ווי יעדער „נאָרמאַלער מענטש״ וואָלט זיך געפירט. ער האָט זיין אויפגאַבע אויסגעפירט מיט התלהבות און מיט דעם איבערגעבן זיך איינגאַנצן צו איין ציל, מיט יענער טעכניק פון א פאָטאָ־אָביעקטיוו, וואָס איז פאַר בן־גוריונען אזוי כאַראַקטעריסטיש.

איידער ער האָט זיך אָנגעהויבן צו גרייטן צו דער מלחמה, האָט ער געמאַכט נאָך איין פרווו צו קומען מיט די ענגלענדער צו א טאָלק. דער באַשלוס וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין באַזעל האָט געזאָגט, אז אין „די עקזיסטירנדיקע אומשטענדן״ דארף מען נ י ש ט אָנהויבן קיין נייע אונטערהאַנדלונגען. בן־גוריון איז אַוועק קיין לאָנדאָן צוזאַמען מיט אַ

האַלב טוץ חברים, כדי אויסצוגעפינען, צי די „עקזיסטירנדיקע אומשטענדן" לאָזן זיך ענדערן.

אויף פאַר־זיצונגען אין האָטעל, האָט בן־גוריון פאָרגעלייגט זיינע חברים, אַז מען זאָל פאָרשלאָגן בעווינען א חלוקה. ער האָט אפילו אויפ־סקיצירט אַ מאַפּע (וועלכע איז געווען כמעט אידענטיש מיט די גרענעצן פון היינטיקן ארץ־ישראל). זיינע חברים זענען געווען קעגן באַנוצן זיך מיט דער דאָזיקער מאַפּע.

אין לאָנדאָן האָט זיך בן־גוריון ענדלעך געטראָפן אויג־אויף־אויג מיט בעווינען. די לופט איז געווען אָנגעלאָדנט מיט קעגנזייטיקער שנאה.

ווען בן־גוריון האָט דערמאָנט די יידישע נביאים, האָט אים בעווין איבערגעהאַקט פרעגנדיק, אויב ער ווייס ווי אזוי די יידן האָבן זיך באַ־צויגן צו די דאָזיקע נביאים.

בעווין האָט נישט ארויסגעוויזן דעם קלענסטן אינטערעס פאר בן־גוריונס וויזיע, אויפצולעבן ישראלס אמאָליקע גרויסקייט. ער האָט גע־דראָט, אז ער וועט איבערגעבן די גאַנצע ארץ־ישראל פראגע צו דער אונ"אָ.

אויף אַ פּריוואַטער אויפנאַמע האָט אַ בריטישער באַאַמטער געזאָגט, אז בעווין האָט געבויט אויף: רוסלאַנדס שנאה, אמעריקעס אומענטשלאָסנ־קייט, דער שטיצע פון ענגלישן אימפּעריאַלן־בונד און אויף דער קעג־נערשאַפט פון גאַנצן אַראַבישן בלאָק.

אין סאַמע מיטן פון די לאָנדאָנער אונטערהאַנדלונגען איז אין ירו־שלים געקידנעפּט געוואָרן אַן ענגלישער סוחר און אין תל־אביב אַן ענג־לישער ריכטער. די דאָזיקע כאַפּענישן האָבן נישט פאַרשטאַרקט בעווינס סימפּאַטיע צו בן־גוריונען און צום יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. די אונ־טערהאַנדלונגען האָבן זיך פאַרענדיקט דערמיט וואָס בעווין האָט פאָר־געלייגט א פּלאַן פון אונ"אָ־אפּוטרופּסות, וועלכן די יידן, ווי די אראבער האָבן גלייך אָפּגעוואָרפן.

בן־גוריון איז אהיים געפאָרן. די ארעסטירטע אין לאַטרון זענען נאָכן אָפּזיצן פינף חדשים היינטערן שטעכיקן דראָט, באַפרייט געוואָרן, און סוף־כל־סוף איז אויך צוריקגעצויגן געוואָרן דער אַרעסט־באַפעל קעגן בן־גוריונען גופא.

זייענדיק אָפּוועזנד פון דער היים כמעט א יאָר צייט, האָט ער געטראָפן פּאָלען און די טעכטער געזונטע, אָבער אָפּגעשוואַכטע און מידע, ווי דער רוב תל־אביבער מענטשן. ערשט מיט אייניקע וואָכן פריער זענען פאָרגעקומען

אומרועןֹ, און צוזאַמענשטויסן מיטן מיליטער, מאָרדן און ווירטשאַפטלעכע שאָדנס, וואָס האָבן אָפּגעקאָסט א מיליאָן דאָלאַר. ארומדרייענדיק זיך אויף די תל־אביבער גאַסן האָט בן־גוריון געקענט זען די שפּורן פון די אומרויִקע טעג. אין דער צייט וואָס ער איז געווען אין אויסלאַנד איז ער אַלט געוואָרן זעכציק יאָר. האַלט דען דוד בן־גוריון פון „פייערן" געבורטס־טעג? צו א פריינט אין ארץ־ישראל האָט ער געזאָגט: „וואָס איז דאָ צו פייערן? ...אויב דו ווילסט שוין יאָ פייערן, טו דאָס אין א טאָג אין וועלכן דו אַליין האָסט עפּעס אויפגעטוען, למשל — דעם טאָג פון דיין באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל".

צו זעכציק יאָר נעמט ער זיך לערנען דאָס, וואָס יעדער הויפּט־קאָמאַנדיר מוז וויסן וועגן מיליטער־ענינים. נישט קוקנדיק אויף זיין הויכן עלטער, גיט ער זיך איבער זיין נייעם געביט מיט ענערגיע און התלהבות פון א יונגן מאַן. ער האָט געלייענט אלע ביכער, אין אלע שפּראַכן וואָס ער האָט פאַרשטאַנען, וועגן מיליטעריש וויסן.

ער האָט איינגעלאַדן צו זיך אַהיים אין תל־אביב די אָנפירער פון די הגנה אָפּטיילונגען, זיי ארומגעפירט אין זיין ביבליאָטעק און זיי גע־פרעגט שווערע שאלות. ער האָט געריכטעט דאָס פאָטאָ־גלאָז אויף די קלענסטע איינצלהייטן. דער ערשטער איז געווען יעקב דאָסטראָווסקי, דער שעף פון גענעראַל־שטאַב פון דער הגנה, וועלכער איז נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון א רייזע פאר איינקויפן געווער. נאָך אים איז געקומען ישראל גלילי, דער קאָמענדאַנט פון דער הגנה, א יונגער דיק־לעכער לאַנדווירט, וואָס איז אפילו קיין איינציקן טאָג נישט געווען אין א רעגולערער אַרמיי, אָבער בן־גוריון האָט אים געאַכטעט צוליב זיינע פעיקייטן. גלילי איז געווען א חבר פון מפ"ם, די פּאָליטישע פּראָ־סאָוויע־טישע פּאַרטיי, די צווייטע לויט דער גרויס נאָך מפא"י, (בן־גוריונס פּאַר־טיי), וואָס פון אירע רייען זענען ארויס די מערהייט חברים פון פלמ"ח. נאָך אים איז געקומען יגאל ידין, א ירושלימער, וואָס האָט זיך איינגע־קויפט גרויס בקיאות אין פראַגן פון ארץ־ישראל באָדן. ער האָט ממש געגראָבן די דאָזיקע ערד. זיין פּאָטער, א באַרימטער אַרכעאָלאָג, איז דער זון געגאַנגען אין פאָטערס וועגן.

צווישן בן־גוריונען און יגאל ידין פלעגן אָנטשטיין לאַנגע און שאַרפע וויכוחים, ביי וועלכע דער מענטש וואָס איז באַשטימט געווען צו זיין דער קינפטיקער פּרעמיער, פלעגט אָפּט קלאַפּן אין טיש, אַזש די ברילן האָבן אויפגעציטערט. ביי אנדערע אומשטענדן וואָלטן אַנדערע מענטשן

אפשר אַ זאָג געטוען : „נו, בן־גוריון״. אָבער ידין וואס איז געווען זער דאַר און העכער פון זיין אָנפירער אויף אַ דריטל מעטער, האָט ארויס־געזאָגט זיין מיינונג דרייסט און אָפן. בן־גוריון האָט אים דערפאַר שטארק ליב געהאַט, און האָט אים באַשטימט אלס דעם אָפעראַציע־שעף פון דער הגנה, טראָצדעם וואָס ער איז אינגאַנצן אַלט געווען דרייסיק יאָר.

נאָך אים איז געקומען יגאל אלון, אַ זאַמד־פאַרביקער סאַברע, א זון פון אַ פויער, געבוירן געוואָרן א יאר נאָך דער באַלפור־דעקלעראַציע. ער איז קוים אַלט געווען נײַן־און־צוואַנציק יאָר, אָבער שוין באַוויזן צו זיין דער אָנפירער פון פלמ״ח, אַ סאָלדאַט וואָס רעדט גלייך צום ענין. אמאָל האָט ער געשילדערט זיינע באַציונגען מיט בן־גוריונען, „וואָס זענען תמיד אויף דער שוועל פון אויסברוך, און דאָך האַרציק ביז גאָר״.

אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג האָט ער אַלס אַראָבער געלעבט אין סיריען, און געווען דער אָנפירער פון די ארץ־ישראלדיקע, וואָס האָבן דאָרט פאָרגעברייט פאַר די אויסטראַליער דעם וועג צו באַזעצן דאָס דאָזיקע לאַנד. בן־גוריון האָט די אַלע קאָמאַנדירן גערופן ביי זייערע פער־זענלעכע נעמען, און זיי האָבן אים גערופן „בן־גוריון״ אָדער „דער אַל־טער״ אין זיין אָנוועזנהייט און „בי. גי״ — הינטער זיינע אויגן.

ער פלעגט זיצן מיט אַ נאָטיץ־ביכל און פאַרשרייבן אויף הונדער־טער זייטן, מיט א קלאָרער העברעישער שפראַך, אַלץ וואָס זיי האָבן אים געזאָגט.

די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָבן זיי גערופן „בן־גוריונס סעמינאַרן״, זיי האָבן אים דערקלערט די טעכניק פון קאָמאַנדאָ־אונטערנעמונגען, די „שפּיצלעך״, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אין ווינגייטס צייטן, די מילי־טערישע פּסיכאָלאָגיע פון זייערע קעגנער, און ספּעציעל, די פּראָבלעמען און זייער באַשייד.

דערנאָך האָט בן־גוריון פאַרלאָזן זיין ביבליאָטעק און האָט אָנגע־הויבן באַזוכן איבערן לאַנד די טרענירונגס־לאַגערן פון דער הגנה. אומעטום האָט ער געפּרעגט . „וואָס דאַרפן מיר אַמנויטיקסטן ?״.

דער פלמ״ח האָט געהאַט אייניקע טויזנט סאָלדאַטן, מענער און פרויען, מיט אַן אייגענער אָנפירערשאַפט, אייניקע קליינע עראָפּלאַנען פון טיפּ „פייפער״, וועלכע מען האָט גערופן „פּרימוסן״, און א ים־אייגהייט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שיפן, נאָר געהאָלפן ביים שמוגלען איבערן ים אומלעגאַלע עולים. די הגנה האָט געהאַט פופציק טויזנט סאָלדאַטן, אַן ארטילעריע־אָפטיילונג אָן האַרמאַטן, א לופט־ארמיי מיט זעקס אויס־

שפּיר־עראָפּלאַנען, פּארשטעקטע ערגעץ אין א קיבוץ, און עטלעכע בריטישע עראָפּלאַנען. מיט די לעצטע האָט מען זיך באַנוצט ביים אראָפּוואַרפן מאטע־ריאלן פארן מיליטער, אָדער אלס באָמבער, אויב דער פליער־באָמבאַדירער האָט געהאַלטן אויף זיין שויס א פינף־און־צוואַנציק־קילאָדיקע באָמבע.

די דאָזיקע משונהדיקע „ארמיי" האָט געהאַט צען טויזנט ביקסן און אַ פּאָר הונדערט לייכטע און שווערע קוילנוואַרפער, האַנט־גראַנאַטן, האַר־מאַטן פון אייגענער אויסאַרבעטונג, פייער־שפּייערס און אנדערע מאָ־דערנע מלחמה כלים.

ווען אפילו עס וואָלט וועד־עס־איז פאַרגעלייגט צו פאַרקויפן טאַנקן, עראָפּלאַנען און האַרמאַטן, איז נישט פאַראַנען געווען קיין שום מעגלעכ־קייט אין 1947, אַז די יידן זאָלן דאָס דאָזיקע געווער אָפּנעמען. ארץ־ישראל איז א קליין לאַנד, און עס איז דאָרט נישט לייכט צו באהאלטן קיין טאַנק. זיי זענען געווען געצוווּנגען זיך צו באַגנוגענען מיט איינקויפן געווער וואָס מ'האָט אין א שוואַרצער שעה געקענט באַהאַלטן אונטער דער ערד, אָדער גאָר אונטער א פּרויען־קלייד.

די הגנה איז געווען איינע פון די שטאַרק „אָפּגעניצטע" אַרמייען אין דער געשיכטע. אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג, האָבן די ענגלענדער אויסגעניצט די הגנה־חברים צו קאָמאַנדאָ־אויפגאַבן אין אראבישן מדבר, צו זעלבסטמאָרד־שליחותן אויף די באַלקאַנען, און אלס פּאַראשוטיסטן הינטער דעם שונאס ליניעס. אין 1941, ווען עס איז געווען א סכנה, אַז די דייטשע אַרמייען וועלן באַזעצן דאָס לאַנד, האָבן זיך די ענגלענדער גע־גרייט אַוועקצוגיין און איבערלאָזן די יידישע אונטערגרונט סאָלדאַטן, זיי זאָלן פּרווון פּלאַץ האַלטן אליין. צו דעם צוועק האָבן זיי געעפנט א מיליטע־רישע שולע, אין וועלכער מען האָט נאָך אַ גרינטלעכע סעלעקציע אריינגע־נומען אייניקע פון די הגנה־מענטשן. ווי באַר די סכנה איז פאַרביי, האָבן די ענגלענדער אויפסניי אָנגעהויבן מיט זייערע אלטע שטיקלעך: אויפכאַפּן די אונטערגרונט־סאָלדאַטן און ארעסטירן זיי.

אַ קורצע צייט פאַר דער געמיינזאַמער בריטיש־פראַנצויזישער אַקציע קעגן די ווישי־לייט אין סיריע, זענען די הגנה־לייט, וואָס זענען געווען אַרעסטירט צוליב אומלעגאַלע מיליטערישע טעטיקייטן — באַפרייט גע־וואָרן, און זיי זענען דאָס געווען די שטורעם־בריגאַדע בשעת דעם אַטאַק אויף סיריע. איינער פון זיי, משה דיין, האָט דאָרט פאַרלוירן אַן אויג, און ער מוז צוליב דעם זיין גאַנץ לעבן טראָגן א שוואַרצע באַנד איבערן אויג. נאָר אויף איין געביט האָט די דאָזיקע אַמאַטאָרן־ארמיי געהאַט אַן אי־

בערגעוויכט, אין וועלכער קיינער צווייפלט נישט. איר אינפאָרמאַציע־דינסט איז געשטאַנען איבער יעדער קריטיק. די דאָזיקע אַרמיי האָט שוין מיט א יאָר צוריק געהאַט פאַרענדיקט, מיט דער הילף פון א געדונגענעם פריי־וואַט־עראָפּלאַן, א לופט־איבערזיכט איבער דעם גאַנצן ארץ־ישראל שטח. די הגנה האָט געהאַט מאַפּעס פון יעדער שטאָט און דאָרף, און אַ קאַר־טאָטעקע מיט אינפאָרמאַציעס וועגן יעדן איינוווינער.

די סאָלדאַטן פון דער אונטערגרונט־ארמיי האָבן געטראָגן האַקי־העמדער און קורצע האַקי־הויזן. דאָס איז געווען אויך די קליידונג פון דעם רוב נישט־אַראַבישע איינוווינער פון לאַנד. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די ענגלענדער פאַרקויפט אויפן מיטלען מזרח אומגעהויערע קוואַנטומס פון מיליטערישע רעזערוון. מען האָט דעריבער פאַר אייניקע שילינגס געקאָנט איינקויפן די ביליקסטע און באַקוועמסטע קליידונג אין דעם וועלט־טייל, אַזוי, אַז דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, שאָפערן און אויך די אונטערגרונט־סאָלדאַטן זענען געווען אַנגעטאָן אין האַקי. דאָס מיליטער האָט קיין שליפעס און קיין שום אנדערע סימנים נישט געטראָגן. די פריי־וויליקע פון דער אונטערגרונט זענען געקומען פון זעכציק לענדער און האָבן גערעדט מיט „זיבעציק לשונות״. א טייל פון זיי האָט נאָכנישט געהאַט געלערנט קיין העברעיש; עס איז נאָכנישט געווען קיין בשותפותדיקע שפּראַך, מיט וועלכער מען זאָל זיך קאָנען באַנוצן ביים ארויסגעבן באַפעלן.

די חברים פון פלמ״ח האָבן א האַלבן חודש געלערנט און דעם אנדערן האַלבן חודש געמאַכט מיליטערישע איבונגען. דאָקעגן איז נישט געווען קיין שום באַשטימטער כלל לגבי די חברים פון דער הגנה; זיי האָבן יעדע פרייע מינוט אוועקגעגעבן פאַר מיליטערישע איבונגען.

ביכער אויף מיליטערישע טעמעס זענען געגנבעט געוואָרן, געשמו־גלט געוואָרן, באַשטעלט געוואָרן אין אויסלאַנד, און אומלעגאַל אריינגע־בּרענגט אין לאַנד אריין, אָן אונטערשיד פון דעם, צי זיי זענען געווען אין רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, אָדער אין אַן אנדערער אומבאַקאַנטער שפּראַך. תמיד האָט זיך ווער געפונען וואָס האָט געקענט לייענען און איבערזעצן ביכער פון אומבאַקאַנטע לשונות, אפילו פון אראַמיש. מ׳האָט זיך פאַרטיפט אין לייענען זיי, זיי זענען איבערגעגאַנגען פון האַנט־צו־האַנט, ביז באַשעדיקן זייערע בלעטער. דערנאָך פלעגן די אָפיצירן מאַכן אויסצוגן פון די אָפּגענוצטע ביכער.

בן־גוריון האָט געוווּסט, אַז עס זענען געבליבן בלויז געציילטע חד־שים כדי צו פאַרוואַנדלען די קליינע קבוצה פון אמאַטאָרן־אידעאַליסטן

אין א אמתדיקער ארמיי. ער האָט דעריבער געווידמעט זיין צייט און אַלע זיינע פעיקייטן דער דאָזיקער אויפגאַבע. פּאָלע און זיינע טעכטער, האָבן נאָר זעלטן זוכה געווען אים צו זען.

מען האָט געדאַרפט שאַפן נייע העברעישע מיליטערישע ווערטער, ווייל דאָס רוב מיליטערישע באַגריפן, מיט וועלכע מען האָט זיך באַנוצט אין דער צייט פון בית שני, זענען פאַרלוירן געוואָרן במשך די הונדער־טער יאָרן, אין וועלכע די העברעישע שפּראַך איז געווען כמעט א טויט לשון. מען האָט, פאַר אלעם, געדאַרפט האָבן א וואָרט פאַרן באַגריף: שעף פון גענעראַל־שטאַב. בן־גוריון האָט געזוכט אין תנ״ך, און האָט געפונען אין בראשית ל״ו, דאָס וואָרט „אלוף״, וועלכעס האָט זיך תמיד איבער־זעצט אין ענגליש: „פירשט״. און אין פסוק מלכים־ב׳ כ״ה, י״ט, האָט ער געפונען דעם אויסדרוק „שר־צבא״, א וואָרט וואָס קלינגט שטאַרק מאָד־נע אין דער ענגלישער איבערזעצונג: „דער אָפיציר איבערן מיליטער״.ביידע באַגריפן האָבן געפּאַסט פאַרן נויטיקן צוועק. בן־גוריון האָט אויסגעקליבן דעם „אלוף״. דאָס האָט געבראַכט צו אַ „מחלוקת־לשם־שמים״ מיט זיין פריינט הרב מימון, (דער שפּעטערדיקער רעליגיע־מי־ניסטער) וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דעם „שר־הצבא״.

אונטער בן־גוריונס אָנפירונג זענען געזעסן געלערנטע און האָבן גע־שאַפן אַ מיליטערישן ווערטערבוך פון דריי־טויזנט־באַגריפן פאַר די ניי־צייטלעכע, נישט־תנ״כישע טערמינען, ווי: „פּאַראַשוטיסטן״, „אַנטי־טאַנק־האַרמאַט״, „לופט־אָפּוועהר״ און זייערס גלייכן.

בן־גוריון האָט זיך באַטייליקט כמעט אין יעדן אָפיצירן־קורס, זיך גוט צוגעהערט צו די פּרעלעגענטן און געמאַכט פאַרצייכענונגען אין זיינע נאָטיץ־ביכער, פּילנדיק, אז עס וועט אָנקומען א טאָג, ווען די צוקונפט פון זיין פאָלק וועט זיין אָפּהענגיק פון זיין פּערזענלעכן ערנסטן שטודירן די מיליטער פּראָבלעמען. דער העכסטער דערגאַנצונגס־קורס איז פאָרגע־קומען אין קיבוץ עין־השופט, וועלכער האָט שוין זייט אַ סך יאָרן געדינט אַלס איינער פון די וויכטיקסטע באַזעס פון דער הגנה. די אָנטיילנעמער אין דאָזיקן קורס, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען טראָפּנווייז, איינער נאָכן צווייטן ביז זייער צאָל איז דערגאַנגען צו צוויי הונדערט. דער קורס האָט גע־דויערט פיר חדשים.

די דאָזיקע צייטן פון בשותפותדיקער און ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט די קריגס־לייט, האָבן שטאַרק אָפּגעפרישט דעם זעכציקיאָריקן הויפּט־אָנפירער. טייל־וויז דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען פאַר אים אַן אינט־

טעלעקטועלע איבערלעבעניש פון א נייעם כאַראַקטער, און טיילוויז דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ארומגעדרייט צווישן יונגע מענטשן, וועלכע ער האָט שטענדיק מער בכבוד געהאַלטן ווי די מענטשן פון זיין עלטער. זיי האָט ער באַטראַכט אלס אלט און קאָנסערוואַטיוו.

אין שווערע טעג פון נייע פּראָוויקלונגען, אָדער אין צייטן פון שפּאַל־טונגען אין דער „שאָטן־רעגירונג", ווען זיי האָבן זיך געמוזט פּלאָגן מיט נייע פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס, פלעגט ער זיך נוהג זיין אריינצוגיין צו די הגנה־אָפיצירן, דאָרט האָט ער זיך נאָך אייניקע מינוטן באַפרייט פון אלע זאָרגן, געשעפּט נייע כוחות, און אויף זיין פּנים פלעגט זיך צעגיסן אַן אויסדרוק פון גליק. דער דאָזיקער מענטש וואָס האָט נישט געהאַט קיין פריינט (דער לערער איז שוין געווען טויט, און זיין באַליבטער פי־לאָזאָף פּלאַטאָן — איז געווען בלויז א מחבר פון א בוך) האָט פאַרוואַנדלט דאָס מיליטער אין זיינע פריינט.

ער האָט ליב געהאַט דאָס דאָזיקע אָריגינעלע און איינציקע מיליטער אויף דער וועלט, ווו אַ מענטש דערגרייכט אַ העכערן ראַנג אויסשליסלעך צוליב זיינע פעיקייטן, און ווו דער באַפעל וואָס אַן אָפיציר האָט געגעבן זיינע סאָלדאַטן האָט נישט געקלונגען: „פאָרויס!", נאָר „נ א ך מ י ר!". דעריבער געפינען מיר אין דער דאָזיקער אַרמיי דעם העכסטן פּראָצענט פון דערמאָרדעטע און פאַרווונדעטע, דווקא צווישן די אָפיצירן, דאָס איז דאָס מיליטער פון העכסטן „מאָראַל". ליבע צו פּלאַטאָנען גייט געוויינלעך נישט האַנט־ביי־האַנט מיט ליבע צו מיליטער. אָבער בן־גוריון האָט באַ־גריפן, אז יענער גריכישער פילאָזאָף וואָלט געהאַט פאַרשטענדניש פאַר א מיליטער וואָס זיין יסוד איז געווען פערזענלעכע דיסציפּלין.

די באַציונגען צווישן בן־גוריונען און זיינע סאָלדאַטן זענען נישט געווען קיין איינזייטיקע. זיי, די סאָלדאַטן האָבן אים ליב געהאַט. ער איז געווען נישט בלויז איינער פון די, וואָס האָבן געלייגט די יסודות פון מי־ליטער, נאָר אויך זייער גייסטיקער פירער.

די יונגע ארץ־ישראלדיקע סאַברעס, האָבן דער פילאָזאָפיע פון פרי־ערדיקן דור נישט צוגעטיילט קיין גרויס כבוד. אין גייסטיקן און אין אינטע־לעקטואַלן זין, האָבן זיי קיין סך בשותפותדיקס נישט געהאַט מיט די יידן וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אין וואַרשע, בערלין, מינסק, בוקאַרעשט און סאָפיע.

אָבער ד ע ר מענטש האָט גערעדט מיט זייער שפּראַך און האָט גע־חלומט זייערע חלומות, און ווען ער האָט גערעדט צו זיי, האָט זיך ארויס־

געוויזן, אַז די פערציק יאָר וואָס זענען געשטאַנען צווישן זיי, זענען ער־געצווו פארשוווּנדן. געגנוי ווי ער איז אַמאָל געווען א „קיבוצניק", אזוי זענען זיי אויך געווען קיבוצניקעס. ער האָט אַמאָל געשריבן לידער ביינאַכט אויף דער וואַך, מיט דער ביקס אויפן רוקן, האָבן זיי געטוען דאָס זעלבע אין די היינטיקע נעכט. ער האָט נישט מורא געהאַט זיך ארויסצורייסן פון די אָנגענומענע ראַמען, ער איז געווען אַ גייסטיקער פירער אין האַקי קליידער, געגנוי ווי זיי האָבן זיך געוווּנטשן. און — א פירער מיט א וויזיע. זייענדיק דער מנהיג פון א מדינה וואָס דאַרף אין קורצן אַנטשטיין, האָט ער טראָצדעם געפינען צייט זיך אָפּצוגעבן, און זיך צו באַנעמען מיט זיי ווי א גלייכער מיט גלייכע. בן־גוריון איז געווען, ווי עס האָט אים כאַראַקטעריזירט איינער פון זיינע חברים „זער א פאַרשלאָסענער מענטש", ווען ער האָט געוויינט, האָט ער זיך, בדרך כלל, פאַרשלאָסן מיט זיין געוויין. טראָצדעם, יעדעס מאָל ווען מען האָט אים איבערגעגעבן וועגן פאַר־לוסטן פון מיליטער, איז געווען קלאָר, אז ער ליידט שטאַרק, דער טויט האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אומעט און טרויער, ספּעציעל דער טויט פון יונגע מענטשן.

אין פרעסע־ביוראָ ביי דער רעגירונג אין תל־אביב איז פאַראַן א טעקע מיט הונדערטער פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען מיט בן־גוריונען. ווען ער איז פאָטאָגראַפירט מיט דיפּלאָמאַטן און פּאָליטיקער, מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ מענטש וואָס איילט זיך אַוועקצוגיין, אָבער ווען ער איז פאָטאָגראַפירט צוזאַמען מיט מיליטער־לייט, סיי אין שעהן פון קאַמף סיי אין פרידנס־צייט, דעמאָלט רוען מנוחה און שלווה אויף זיין פּנים.

אין בעווינס צייטן איז ארעסטירט געוואָרן א יונגער יידישער אונטער־גרונט אָפיציר, און איז געשטעלט געוואָרן פאר א ענגלישן געריכט. איידער דער אורטייל איז ארויסגעטראָגן געוואָרן איבער אים, האָט אים דער ענגלישער ריכטער געפרעגט : „האָסטו וואָס צו זאָגן צו דיין פאַרטיידיקונג ?" דער יונגער מאַן האָט אין זיין צעלע פאַרגעברייט א דערקלערונג אין וועלכער ער האָט אויסגעדריקט זיינע מיינונגען איבער מלחמה, מענטשן־הריגות, ענגלענדער און וועגן דער צוקונפט. אין דער דאָזיקער דער־קלערונג איז געקומען צום אויסדרוק, אויף ווי ווייט די דאָזיקע יונגע מענטשן האָבן זיך געקלאַמערט אין בן־גוריונען, און ווי ווייט ער איז געווען צוגעבונדן צו זיי.

זיי האָבן געהאלטן, אז זיי געהערן צו איין משפחה, און נישט נאָר צו דער העברעישער משפחה, נאָר צו אַ משפחה, אַ צעזייטע און צעשפּרייטע

איבער דער גאַנצער וועלט, וואָס איז אלט ווי די אייביקייט אַליין; איר הויז איז די גאַנצע וועלט, איר סוד ליגט אין איר גלויבן, איר גורל — די ליידן, איר גליק — אין איר זעלבסט מקריב זיין זיך, איר שונא — די אונטערדריקונג, און איר פּאַן — די פרייהייט.

זיי האָבן געזאָגט, אז זיי איבערשאַצן נישט זייער כוח, וועלכער איז בישטיק אין פאַרגלייך צו ענגלאַנדס כוח. אָבער עס איז אַ געזעץ אין דער געשיכטע, אַז דער כוח פון אַ רוב וואָס צילט צו אונטערדריקן, מאָרדן און רויבן — איז א שוואַכער, אָבער דער כוח פון א מינדערהייט, וועלכער רייסט זיך צו פרייהייט און גערעכטיקייט — איז אַ מעכטיקער. און נאָך האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי זענען קינדער פון אַן אַלוועלטלעכער משפחה פון ווידערשטאַנד, וואָס איר טראַגישער סימבאָל איז דער צוואנג זיך צו באַנוצן מיטן כוח, טראָצדעם וואָס זי פאראכט דעם כוח. די האנט האַלט די ביקס, אָבער שטארק איז איר ווילן צו אַרבעטן מיטן אַקער.

קיינמאָל האָט בן־גוריון נישט געזוכט קיין באַרויקונג אין דעטעקטיוו־ראָמאַנען, אין קינאָ, אין מוזיק, אָדער אין א גלעזל משקה. און קיינמאָל האָט ער נישט געפּרוווט צוימען די טעטיקייט פון שכל אויף וועלכן־עס־איז אַנדערן אופן. זיין שכל ארבעט אין א זער שנעלן און שטורמישן טעמפּאָ. ווען ער ווערט מיד פון איין באַשטימטע טעמע, ווענדט ער גלייך זיין אויפמערקזאַמקייט אויף א צווייטע טעמע. אין דער צייט פון סעמינאַר אין יאָר 1947, האָט ער געזוכט צו ענטשפּאַנען זיך פון מיליטערישע פּראָבלעמען דורך פאָרשן די רעליגיעס און פילאָזאָפיע פון וויטן מזרח. דער־מיט האָט ער זיך געשיצט קעגן „גייסטיקער אָפּגעשטאַנענקייט", און האָט ווייטער פאַרברייטערט זיינע האָריזאָנטן און דעם קרייז פון זיינע פאַר־אינטערעסירטע טעמעס.

אין אָנהויב 1947 האָבן פּאַסירט אייניקע געשעענישן, איינע נאָך די אַנדערע: עס איז אויפגעריסן געוואָרן דער אָפיצירן־קלוב אין ירושלים און אַלס נקמה האָבן די ענגלענדער איבערגעריסן די פּאָסט־פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל. די גאַנצע מאָטאָריזירטע באַוועגונג איז פאַרבאָטן געוואָרן. עס איז דערקלערט געוואָרן קריגס־צושטאַנד אין תל־אביב. די נאַפט־רע־זערוואָרן אין חיפה זענען אונטערגעצונדן געוואָרן, צוויי יידן וואָס זענען צוליב טעראָר אָקטן פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט, האָבן באַשלאָסן בעסער צו באַגיין זעלבסט־מאָרד, איידער צו גיין אויף דער תליה. די טורמע אין עכו איז אויפגעריסן געוואָרן. צוויי הונדערט יידישע און אראבישע אַרעס־טאַנטן זענען אנטלאָפן.

אין אַפּריל איז בן־גוריון ארויסגעטרעטן פאַר דער אונ״א קאָמיסיע אין לייק־סאַקסעס. ער איז געפאָרן דורך קהיר. א מצרישער צאָל־באַאַמטער וועלכער האָט געוווּסט ווער ער איז, האָט זיך קעגן אים גראָב באַנומען. בן גוריון האָט געזאָגט: „עס וועט קומען א טאָג און זיי וועלן דאָס באַדויערן". די באַמערקונג איז געקומען פון אַ מענטש וואָס עס איז אים נישט לייכט צו דערצערנען. טראָצדעם וואָס בן־גוריונס הוצאות זענען באַצאָלט געוואָרן פון דער „שאָטן־רעגירונגס" קאַסע, האָט ער זיך פונדעסטוועגן אויפגעהאַלטן, ווי געוויינלעך, אין א באַשיידענעם ניו־יאָרקער האָטעל. ער האָט מיטגענומען מיט זיך קיין ניו־יאָרק, צוויי קעסטלעך ביכער, און ביים צוריקפאָרן איז פון די צוויי געוואָרן דריי. די נייע ביכער האָט ער איינגעהאַנדלט אין ניו־יאָרק, גענוי ווי אויף דער לאָנדאָנער טשאַרינגקראָס סטריט. ביים עק פון פירטל „גריניץ ווילעדזש". ער האָט געפונען אייניקע גאַסן אָנגעפּיקעוועט מיט אַנטיקוואַרע ביכער־געשעפטן.

ער האָט געפונען צייט צו באַזוכן פאַלעס שוועסטער, וואָס איר זון, וויל מאַסלאו, איז געוועזן איינער פון די באַאמטע פון יידיש אמעריקאַנישן קאָנגרעס. זיי האָבן נישט געהאַט קיין סך צייט אויף פּריוואַט־שמועסן, ווייל עס האָט ווער אויפמערקזאַם געמאַכט, אז בן־גוריון דאַרף האָבן אַ נייעם אַנצוג. איז געקומען א שניידער, אין די געציילטע שעהן פון באַזוך, מעסטן אים דעם אַנצוג. א חוץ דעם איז דאָס הויז תמיד פול געווען מיט ציוניסטישע באַזוכער, וועלכע זענען געקומען אים זען און שטעלן פראַגן.

דער שוועסטערן־זון האָט געוואָלט וויסן וויפיל עס מאַכט אויס זייך געהאַלט, און זיי האָבן צוזאַמען אויסגעחשבונט, אז ער באַקומט פינף־און־דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך.

„ווי קענסטו מיט אַזאַ געהאַלט נאָך קויפן ביכער, און ווען אפילו אַלטע?".

בן גוריון האָט מעשה־קונדס א בליץ געטאָן מיט די אויגן און אַ פרעג געגעבן: „האָסטו נישט געהערט, וויל, אז עס איז פאַראַן אזא מין זאַך ווי א בודזשעט פון הוצאות?".

סוף אַפּריל האָט זיך געעפנט אַ ספּעציעלע אונ״א סעסיע אין דער ארץ־ישראל פראַגע. בעווין האָט פאָרלאַנגט פון דער אונ״א זי זאָל באַשטימען נאָך אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. פינף אראבישע מדינות האָבן זיך באַמיט, אז בן־גוריון און זיינע חברים זאָלן נישט קענען עדות זאָגן אין לייק־סאַקסעס. זייערע אינטריגעס זענען דורכגעפאַלן. די יידישע פאַר־

שטייער האָבן באַקומען נאָך איין געלעגנהייט צו פאָדערן גערעכטיקייט פון דער וועלט.

אין א באַשטימטן טאָג האָט אַנדריי גראָמיקאָ דערקלערט: דער ראַטן־פאַרבאַנד וואָס האָט געטוען אַלץ וואָס איז נאָר געווען מעגלעך, כדי אויס־צווואָרצלען דעם ציוניזם אין זיין לאַנד, שטיצט איצט אונטער די לעזונג, וועלכע „וועט געבן די יידן א וועלכע־עס־איז פאַרגיטיקונג פאַר זייערע ליידן אין אייראָפּע״.

אויף צוזאַמענגנס איז אויסגעווילט געוואָרן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, אין וועלכער עס זענען אריין עלף פאָרשטייער פון עלף קליינע מדינות. ווען די קאָמיסיע איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, איז בן־גוריון ווידער־אַמאָל ארויסגעטרעטן פאַר איר אַלס עדות.

ער האָט געזאָגט דער קאָמיסיע, אַז טראָצדעם געפּיל פון די יידן, אַז זיי האָבן דאָס רעכט צום גאַנצן לאַנד, זענען זיי דאָך גרייט צו באַטראַכטן די מעגלעכקייט פון גרינדן א יידישע מלוכה בלויז אין א טייל פון לאַנד. „אויב אזוי״, האָט געפרעגט דער טשעכאָסלאָוואַקישער פאָרשטייער, „זייט איר נישט קעגן חלוקה״. „מיר זענען גרייט צו באַטראַכטן די זאַך״.

ווען די אונ״א קאָמיסיע איז געווען אין לאַנד, איז צו אירע ברעגעס צוגעשווומען די שיף „עקזאָדוס — אייראָפּע 1947״, וועלכע איז געקויפט געוואָרן דורך דעם „זאָנענבאָרן־אינסטיטוט״, און האָט געבראַכט פיר טויזנט פינף הונדערט יידישע פליטים פון דייטשלאַנד. ענגלישע מאַטראָזן זענען ארויף אויף דער שיף, און נאָך אַן אייגנאַרטיקער שלאַכט (די ענגלענדער זענען געווען באַוואָפנט מיט ביקסן און טרערן־באָמבעס, און די יידן מיט פּושקעס פון קאָנסערוון און מיט בעזעמער) איז די שיף געבראַכט געוואָרן אין חיפהער פּאָרט, און פון דאָרט האָט מען די פיר טויזנט פינף הונדערט מענטשן איבערגעטראָגן און פאַרשפּאַרט אין די קעלערן פון די ענגלישע שיפן, און איז אַזאַ לאַגע זיי צוריקגעשיקט אין די לאַגערן קיין דייטשלאַנד.

די אונ״א קאָמיסיע האָט איינשטימיק באַשלאָסן, אַז די ענגלענדער דאַרפן גיין. די מערהייט פון דער קאָמיסיע האָט אונטערשטיצט בן־גוריונס פאָרשלאַג: חלוקה; אַן אַראַבישע מדינה און א יידישע מדינה.

ענגלאַנד האָט דערקלערט, אַז זי איז גרייט צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל, אומאָפּהענגיק דערפון, צי מען וועט איר דערצו צווינגען, צי נישט. כדי זיי טאַקע צו צווינגען שנעלער דאָס לאַנד צו פאַרלאָזן, זענען געקומען די טעראָריסטן, וואָס האָבן ערשט מיט צוויי חדשים צוריק אויפגעהאַנגען צוויי

ענגלישע סערזשאַנטן, און האָבן פאַרשטאַרקט זייערע טעראָר־טעטיקייטן קעגן די ענגלענדער. דער בריטישער אַנזעץ אין דאָזיקן טייל פון דער וועלט איז געזונקען ביז גאָר. אָבער בן־גוריון, וועלכער איז צו יענער צייט געווען באַלאַסטעט מיט די פאַרשידנסטע געזעלשאַפטלעכע ענינים, האָט געפונען צייט צו דערקלערן אין פּאַריז:

„אויב ס׳איז שוין יאָ געקומען די שעה פון געזעגענען זיך מיט ענגלאַנד, וואָלטן מיר געוואָלט עס זאָל זיין א בכבודיק געזעגענען. מיר ווייסן: עס איז פאַראַן נישט נאָר א בעווינ׳יש ענגלאַנד; עס איז געווען אן ענגלאַנד פון באַלפור, פון וועדזשוווד און פון ווינגייט״.

דרייסיק יאָר (כמעט צום טאָג) נאָך יענעם באַוווסטן העלן נאָוועמבער טאָג, אין וועלכן באַלפור האָט ארויסגעגעבן זיין דעקלעראַציע, האָט די און״אָ פאַרזאַמלונג באַשטעטיקט דעם חלוקה־פּלאַן מיט אַ מערהייט פון 33 שטימען קעגן 13, און האָט באַפוילן ענגלאַנד צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד אַמשפּעטסטן אין אַכט חדשים ארום, נאָך דעם דאָזיקן טערמין וועט אין לאַנד אַנטשטיין א יידישע און אן אראבישע מדינה.

ווען די בשורה איז אָנגעקומען, האָט זיך בן־גוריון געפונען אין צפון פון לאַנד. ער איז גלייך צוריק געפאָרן קיין ירושלים. פון די פענסטער פון דער יידישער אַגענץ האָט ער אָראָפּגעקוקט צו די מאַסן וואָס האָבן זיך געגומען זאַמלען אויף דער קעניג־זשאָרזש גאַס, — די גאַס וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון מלך, וועלכער האָט געקיניגט אין באַלפורס־צייטן. סוף־כל־סוף האָבן זיי געהאַט מיט וואָס זיך צו פרייען, און וואָס צו פייערן. זיי זענען ארויס אין א האָרע־טאַנץ, אויפגעהויבן די וויס־בלויע פאָן און געזונגען „התקוה״. בן־גוריון איז אוועק אין זיין קאַבינעט און האָט נאָטירט:

„וויזט אויס אז די תקופה פון ניסים איז נאָך נישט פאַרביי... אָבער מיר מוזן געדענקען, אז אויך די תקופה פון סכנות און צרות איז נאָך נישט פאַרביי — און די סכנות און פורעניות באַנייטיקן זיך נישט אין קיין נסים... אויך דער באַשלוס צו גרינדן די מדינה — אפילו ווען ער וועט אָנגענומען ווערן מיט די נויטיקע צוויי דריטל שטימען — איז גאָר נישט קיין פאַרזיכערונג פאַר סכנות און אומגליקן... אויך מיטן אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה — טאָרן מיר זיך נישט איינשלעפערן מיט קיין אילוזיעס, אַז עס זענען געלעזט געוואָרן אלע פּראָבלעמען און אז עס האָט זיך פאַר אונדז אָנגעהויבן א טאָג פון לויטער יום־טוב און גליק״.

ד״ר ווייצמאַן, וועלכער האָט אָנגעהויבן אין אייניקע חדשים ארום, ערגעצוו אין א שווייצאַרישן דאָרף ארבעטן איבער זיינע זכרונות, האָט נאָטירט זיין רעאקציע פון יענעם טאָג בזה הלשון:

„מיר מוזן זיך פרעגן: האָבן מיר צו אונדזער דיספּאָזיציע די מענטשן וואָס זענען נויטיק אויף אויסצופירן די אויפגאַבע?״.

קאַפּיטל צוועלף

פּאַראַן ווייניק מענטשן אין דער געשיכטע וואָס זענען געצוווּנגען געווען זיך צו פּלאָגן מיט אַזוי פיל פּראָבלעמען, זיך אָנצושטויסן אויף אַזאַ שטאַרקער קעגנערשאַפט, און אויף אַזויפיל פאַרשידנאַרטיקע סאַבאָטאַזש־אַקטן. אין פאַרלויף פון די ערשטע זעקס חדשים צווישן דעם צוזאַג — און דער פאַרווירקלעכונג, האָט זיך בן־גוריונען אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים און אויף זיין פאָלק, מיטן ציל צו קרייצן זיינע וועגן.

ערשטנס — די פערציק מיליאָן אַראַבער פון די נאָענטע מדינות. זייט איייניקע חדשים האָט ער נישט אויפגעהערט צו וואָרענען, אַז אין מאָמענט ווען דער חלום וועט ווערן אַ ווירקלעכקייט, וועלן די אַראַבער אַטאַקירן. עס זענען פאַראַן געווען צוויי־און־זעכציק אַראַבער אויף יעדן ייד אין ארץ־ישראל. און די שטחים איבער וועלכע זיי האָבן געהערשט, זענען איבער־געשטיגן הונדערט מאָל דעם שטח וואָס אויף אים האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן די יידישע מדינה. און די דריי הונדערט מיליאָן מוסולמענער האָבן, לכל הפחות, זייער מאָראַלישע אונטערשטיצונג געגעבן די אַראַבער.

נאָך זיי קומט דער מיליאָן אַראַבער פון ארץ־ישראל גופא. זיי האָבן שוין אָנגעהויבן „אָנטאָן צרות". און אויב מען וואָלט געמשפט לויט די אָפּקלאַנגען וואָס זענען דערגאַנגען פון רבת־עמון, ביירוט, דמשק און קאַהיר, איז געווען זער אַ קאָנקרעטע סכנה, אַז אַלע וועלן זיי פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם שונא נומער 2.

דער באַשלוס פון דער אונ"א איז געווען אַ סיגנאַל צו דעם שטאַרקסטן אַראַבישן אַטאַק, וועלכן דאָס לאַנד האָט ווען־עס־איז דורכגעלעבט. אין דעם רוב פאַלן איז די ענגלישע מאַנדאַטאָרן־מאַכט געשטאַנען אין אַ זייט און נישט קיין ריר געטוען מיט קיין פינגער, כדי איבערצורייסן די מאָרד־טאַטן, די אונטערצינדונגען, דעם רויב, די מאָרדן פון שאָפערן און פּאַסאַ־זשירן, די אָנפאַלן אויף תל־אביב און יפו, די פּאָגראָמען אין צפת, חיפה און לוד, וואָס די אַראַבישע באַנדעס האָבן כסדר אויסגעפירט.

אין חיפה, די צווייטע שטאָט לויט די צאָל באַפעלקערונג אין ארץ־

ישראל, האָט די הגנה אָנגעהויבן מיליטערישע אַקציעס, נאָכדעם ווי די אַרטיקע זיבעציק טויזנט אראבער, האָבן אין פארלויף פון פיר טעג גורם געווען די יידן א סך צרות. צום סוף האָט דער אראבישער קאָמענדאַנט דערקלערט, אז אלע זיבעציק טויזנט אראבער זענען זיך גרייט אונטערצוגעבן און בלייבן אין חיפה ווי פּליטים. אויטאָס פון דער הגנה האָבן קורסירט איבער חיפה, און האָבן דורך הילכערס איבערגעגעבן בן־גוריונס אויפרוף צו די אראבער. ער האָט זיי געראָפן צו בלייבן אויף די פּלעצער, פאַרזיכערנדיק זיי, אז די יידישע מדינה וועט זיך מיט זיי אומגיין מיט יושר. זיי האָבן אָבער באַקומען פון מופטי אנדערע באַפעלן, און האָבן פארלאָזן די שטאָט.

נאָך זיי האָבן די ענגלענדער געגומען אָנטאָן צרות. בן־גוריון האָט געפּרווט זיך אומגיין מיט זיי מיט יושר. אין איינע פון זיינע רעדעס האָט ער געזאָגט:

„די דאָזיקע דעפיניציע איז נישט חל אויף יעדן ענגלישן סאָלדאַט און אויף יעדן ענגלישן באַאַמטן. עס זענען פאַראַן אָנפירער וואָס זענען נישט קיין שונאים, עס זענען אפילו פאַראַן אַזעלכע וואָס העלפן".

אָבער וואָס מער דער 14 מאַי האָט זיך דערנענטערט, אַלץ מער האָט זיך פארשארפט בן־גוריונס קעגנערשאַפט צו די ענגלענדער. אין פערזענלעכע געשפּרעכן פלעגט ער אָנרופן ענגלאַנד „דער צביעותדיקער אַלביאָן", און די ענגלישע רעכטלאָזיקייט האָט אים שטאַרק דערצערנט.

ענגלאַנדס כאַראַקטער איז געקומען צום אויסדרוק, נישט אין איין טאַט אליין, נאָר אין א גאַנצער ריי פון מעשים: ענגלישע סאָלדאַטן האָבן אויפגעריסן די רעדאַקציע פון „פּאַלעסטיין פּאָסט", און דריי וואָכן שפּעטער האָבן זיי אָנגעלאָדן א מאַשין מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן, האָבן זי אוועקגעפירט אויף דער בן־יהודה גאַס אין ירושלים, און האָבן איינגעאָרדנט א מוראדיקע שחיטה, וואָס האָט געקאָסט דאָס לעבן פון הונדערט און צוואַנציק יידן. דאָס איז געווען טעראָר, אָבער אויב עס זענען געווען ענגלענדער שונאי־ישראל, איז אויך צווישן די יידן פאראן געווען פיינט פון ענגלאַנד, וואָס האָבן געטראָגן די אחריות פאַר ענלעכע מעשים.

דאָסמאָל האָט זיך געהאַנדלט אין ערנסטע ענינים, מער ווי אין בעווינס אַנטיסעמיטיזם. עס איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס בן־גוריון האָט נישט פארויסגעזען. ער איז געווען זיכער, אַז די ענגלענדער, ווי אָנהענגער פון „דעמאָקראַטישע וועגן", וועלן זיך אונטערוואַרפן דעם באשלוס פון די פאראייניקטע נאַציעס, וועלכער איז אנגענומען געוואָרן מיט אַ רוב שטימען.

ער האָט געגלויבט אַז זיי יועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד רויק און מיט כבוד. בעווין אליין האָט געגעבן דעם יסוד צו גלויבן אין דעם. ער האָט דערקלערט אין פאַרלאַמענט: „נישט איך און נישט די רעגירונג פון זיין קייזערלעכן מאַיעסטעט וועלן זיך אקעגנשטעלן דעם באשלוס פון דער אונ״א“. און דער דאַזיקער בעווין אליין, האָט געטוען פונקט דאָס פאַרקערטע פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט.

„עס איז שוין מער קיין סוד נישט, אַז די דאַזיקע רעגירונג פרווט, מיט אלע מיטלען און מיט אלע הינטער־וועגן, צונישט צו מאַכן דעם באשלוס פון די פאראייניקטע נאציעס, וועגן גרינדן א יידישע מדינה“.

לאָנדאָן האָט געזאָגט, אַז ביז דער מאַנדאַט וועט זיך פארענדיקן וועלן די ענגלענדער אויפהאַלטן די אָרדענונג און דאָס געזעץ. אָבער זיי האָבן געגעבן די אראבער אלע נויטיקע קריגס־מכשירים, און פון די יידן האָבן זיי ביי יעדער געלעגנהייט צוגענומען זייער געווער.

אין א געווויסן טאָג האָבן די ענגלענדער ענטוואָפנט פיר יידן אין ירושלים, און דערנאָך זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון באַוואָפנטע אַראַבער, וועלכע האָבן זיך איבער זיי פריילעך געמאַכט און דערנאָך דער־מאָרדעט. בן־גוריון האָט באַשולדיקט לאָנדאָן, אַז זי דערמוטיקט די אראבער אַנצוגרייפן די יידן, דערמיט וואָס זי באַוואָפנט זיי מיט פיל געווער, און מיטן עפענען די גרענעצן פאַר יעדן אראבישן רוצח וואָס וויל אריינקומען אין לאנד אריין, סיי ביחידות און סיי מאַסנווייז.

אין עיראַק האָט זיך געפונען אַן ענגלישע מיליטערישע קאָמיסיע, וואָס האָט געציילט אכט־און־צוואנציק מענטשן, און עיראק האָט זיך גע־גרייט צו אַן איבערפאַל. אין עבר־הירדן האָט עקזיסטירט דער אראבישער לעגיאָן, וועלכער האָט באַקומען זיין אויסבילדונג, געווער און געלט פון בריטישע קוועלן. דאָס אויפהאַלטן פון לעגיאָן האָט אָפּגעקאָסט דעם ברי־טישן שטייער־צאָלער צען מיליאָן דאָלאַר א יאָר, און עבר הירדן איז געווען גרייט צו אַן אָנגריף. אין סאודיען זענען געזעסן פינף־און־פערציק ענג־לישע אָפיצירן, וועלכע האָבן געהאָלפן אויסארבעטן מיליטערישע פּלענער. צווישן זיי, קריגס־אַקציעס, קעגן דער נייער יידישער מדינה.

מצרים האָט בסדר באַקומען פון ענגלאַנד עראָפּלאַנען, באָמבעס, האַר־מאַטן און טאַנקען, צו באַנוצן זיי קעגן די יידן. לאָנדאָן האָט בכיוון צעדרייט דעם צייט־קאַלענדאַר פון דער אונ״א אויסרופנדיק: זאָל די אונ״א טאָן וואָס זי וויל, זי וועט פאַרלאָזן ארץ־ישראל דעם 15 מאַי.

א אונ״א־קאָמיסיע האָט געהאַלטן ביים אָנקומען אין לאנד אריין, כדי

צוצוהעלפן די יידן און די אראבער ביים גרינדן זייערע מדינות; ענגלאַנד האָט אָבער דערקלערט, אז זי וועט די קאָמיסיע נישט אריינלאָזן אין לאַנד אַריין.

די סאַבאָטאַזש־אַקטן האָבן זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיטן ענגלישן טעראָר אויף דער בן־יהודה גאַס אין ירושלים, אָדער צו די פּאָליטישע שטערונגען וואָס לאָנדאָן האָט געמאַכט. די ענגלישע רעגירונג האָט גע־האַט, פילנדיק זיך נישט זיכער, אויפגעבויט שטיינערנע פעסטונגען אין פאַרשידענע פונקטן פון לאַנד. די דאָזיקע פעסטונגען זענען געווען די מעכטיקסטע געביידעס אין ארץ־ישראל. מען האָט זיי גערופן די טייגאַרט־פעסטונגען, אויפן נאָמען פונעם ענגלישן פּלאַן־געבער פון די בנינים. די מאַנדאַט־רעגירונג האָט געקענט טוען איינס פון די צוויי: אָדער זיי אויפרייסן, אָדער זיי איבערגעבן אין רשות פון יענער פאַרוואַלטונג אויף וועמענס שטח זיי האָבן זיך געפונען. (אין דער אראַבישער אָדער יידישער מדינה). ענגלאַנד האָט אָבער ביידע זאכן נישט געמאַכט: אויפן שטח וואָס האָט געדאַרפט זיין די יידישע מדינה, האָט זי איבערגעגעבן די אַראַבער פּופציק טייגארט־בנינים.

די אונ״א האָט פאַראָרדנט, אז נישט שפּעטער ווי דעם 1 פעברואַר דאַרף ענגלאַנד פריי מאַכן איינעם פון די פּאָרטן און א ברייטן אויפנעם־שטח אין צענטער פון לאַנד, כדי צו דערמעגלעכן א מאַסן־עליה פון יידן. לאָנדאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם אונ״א באַפעל. דער בריטישער פינאַנס־מיניסטעריום האָט פאַרפרוירן אלע חשבונות פון ארץ־ישראלדיקע בענק, און האָט דאָס לאנד אָפּגעשניטן פון שטערלינג־בלאָק.

דער בריטישער שטייער־צאָלער האָט געמאַכט גרויסע אינוועסטיציעס אין ארץ־ישראל: ערד, מיליטערישע אויסשטאַטונג, געביידעס, מאַשינען אַפּראַוויזאַציע און אנדערע אינוועסטיציעס. אַ טייל פון די דאָזיקע רייכ־טימער זענען פאַרקויפט געוואָרן אין אלגעמיין צו אראַבער, צו שפּאָט־ביליקע פרייזן. ווען עס איז דערלויבט געוואָרן א ייד עפּעס וואָס צו־קויפן, האָבן די פאַרקויפער שטענדיק געפונען א טעכנישע שטערונג, וואָס האָט צונישט געמאַכט דאָס איבערגעבן דעם קויפער די סחורה.

אויך אין דער פאַרגאַנגענהייט פלעגט די מאַנדאַט־מאַכט, פון צייט צו צייט, באַשטראָפן דאָס לאַנד מיט אָפּשטעלן די פּאָסט־פאַרבינדונג אויף אַ קורצן פעריאָד. איצט, איידער איינקע וואָכן פאַרן פאַרענדיקן דעם מאַנדאַט, איז דער גאַנצער פּאָסט־טעלעגראַף און טעלעפאָן־סיסטעם אויפגעלעזט

געוואָרן, אָפּשנײַדנדיק די 650,000 יידן פון יעדער פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט.

בן־גוריון האָט געהאָפּט, אַז די ענגלענדער וועלן איבערגעבן אין יידישע הענט, לכל הפחות, אַ סקעלעט פון דער אַדמיניסטראַציע, וואָס זיי האָבן אין לאַנד געשאַפן אין משך פונעם פערטל יאָרהונדערט. ס׳איז אָבער פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז די ענגלענדער וועלן נישט איבערלאָזן אפילו קיין איינציקן געזעץ־קאָדעקס, קיין קאַלענדאַר, נישט די קלענסטע זאַך פון זייער אַדמיניסטראַציע. אַקטן וואָס זענען געווען ביז גאָר וויכטיק פאַר יעדן וואָס האָט זיך געגרייט אויפצושטעלן אַ נײַע אַדמיניסטראַציע, זענען דורך די ענגלענדער פאַר די אויגן פון דער עפנטלעכקייט פאַרברענט געוואָרן.

זעלטן ווען איז אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט פאָרגעקומען, אַז אַ מלוכה זאָל זיך צעפאַלן און די וועלט זאָל שטיין און צוקוקן זיך צו דער פאָרשטעלונג. יעדן טאָג איז אַ נײַע אָפּטיילונג פון דער מאַנדאַט־רעגירונג ליקווידירט און פאַראַליזירט געוואָרן.

בן־גוריון האָט געוווּסט ווי שוואַך די הגנה איז. ער האָט אויך געוווּסט ווי ווייניק איבערגעגעבענע פריינט די 600.000 יידן האָבן אין דער וועלט. ער האָט אויך געוווּסט, אַז די אייניקע עראָפּלאַנען זייערע קאָנען פליען מיט אַ שנעלקייט פון נאָר אכציק מייל אַ שעה, אַז דער רוב געווער וואָס זיי האָבן געהאַט, קאָן צילן נישט ווייטער ווי פינף־און־צוואַנציק יאַרד, און דאָס געווער וואָס איז באַשטעלט געוואָרן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ איז נאָך נישט אָנגעקומען, אַז עס זענען כמעט נישט פאַראַן געווען קיין קוילן צו די דריי־אינטשיקע האַרמאַטן, און אַז אין גאַנצן לאַנד האָט זיך געפונען סך־הכל 186 שטיק שווערע מאַשין־געווער.

ירושלים איז געווען נאָך איין פּראָבלעם, וואָס האָט באַשעפטיקט בן־גוריונען. פון זײַן קינדהייט אָן האָט ער איבערגעחזרט די ווערטער: „לשנה הבאה בירושלים...“

דער יראת־הכבוד און ליבע צו ירושלים — ווייניק נישט־יידן קאָנען זי פאַרשטיין. אין די אויגן פון קריסטן, זענען בית־לחם, נצרת און דער ברעג פון כנרת, פיל וויכטיקער ווי ירושלים. מעקאַ איז די הייליקע שטאָט פון די מוסולמענער. אָבער די יידן האָבן קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַז דער בית־ראשון און דער בית־שני זענען געשטאַנען אין ירושלים, און אַז אין דער דאָזיקער שטאָט איז צענטראַליזירט די גאַנצע יידישע געשיכטע, אַלע יידישע סענטימענטן און אַלע יידישע זכרונות. מיליאָנען

יידן האָבן אין פאַרלויף פון אַלע דורות, דאָ זייער בלוט פאַרגאָסן.

אין בן־גוריונס אויגן איז ירושלים תמיד געווען דער סימבאָל פון היסטאָרישן יידישן המשך, די טיפסטע און איידלסטע פעדעם אין לעבן פון יידישן פאָלק, די שטאָט פון דער אייביקייט, פון אומקערן זיך אהיים, צום פאָטערלאַנד.

ירושלים האָט געדאַרפט זיין דער לייכטנדיקער מיטלפונקט פון דער נייער יידישער מדינה, אָבער אין לייק־סאַקסעס האָט מען זי אָוועקגעריסן פון די יידן, טיילווייז כדי צו חנפענען דעם צווייטן צד. דאָרט איז זייער הייליקע שטאָט אינטערנאַציאָנאַליזירט געוואָרן.

אין ירושלים זענען הונדערט טויזנט יידן געווען אַרומגערינגלט פון אַראַבער, פון אַלע זייטן שטאָט. נאָר א קלענער טייל איז געווען אין מי־ליטער־עלטער, דער רוב זענען געווען עלטערע מענטשן. די שטאַרק פרומע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דינען אין מיליטער, זיי האָבן דערין געזען א שווערע עבירה, א פאַרשוועכונג פון זייער אמונה. דער הגנה־שטאַב האָט געהאַט ווייניק אויסגעשולטע קעמפער, און נאָך ווייניקער געווער. טראַנספּאָרטן פון תל־אביב קיין ירושלים זענען געווען פאַרבונדן מיט סכנות־נפשות, ווייל דער שאָסיי איז אין זיין גאַנצער לענג געווען באַזעצט פון אַראַבישע דערפער, וואָס האָבן באַקומען מענגעס געווער פון פריינטלעכע קוועלן, און האָבן באַדראָט דעם דורכפאָר פון די יידן. ירושלים איז געווען אָפּהענגיק מיט איר וואַסער־געברויך פון גאָר ווייטע וואַסער־רערן. די אַראַבער האָבן איבערגעריסן די וואַסער־ליניעס. געוועגלעך פלעגן די ירושלימער יידן קויפן עסנוואַרג ביי די אַראַבער פון די אַרומיקע דערפער. איצט איז דאָס געוואָרן אוממעגלעך, און די הונגער־סכנה איז געווען א שווערע.

בן־גוריון איז נישט געווען דאָס, וואָס די וועלט רופט „א רעליגיעזער מענטש". אין זיינע אויגן האָבן די מצוות־מעשיות קיין חשיבות נישט. פונ־דעסטוועגן איז זיין ליבשאַפט צו ירושלים געווען טיף פאַרפלאָנצט אין זיין גאַנץ וועזן. און ווען א מיליטערישער אָנפירער האָט פאָרגעלייגט צו עוואַ־קואירן ירושלים, האָט ער אָנטשלאָסן צוריקגעוויזן דעם פאָרשלאָג.

„ווי אַזוי וועסטו אַריינברענגען שפייז ?"

מירן געפינען א וועג".

„ווי אַזוי וועסטו פאַרטיידיקן די שטאָט ?"

„איך גלויב אין ניסים".

דאָס הדסה־שפּיטאָל, דאָס גרעסטע אויפן גאַנצן נאָענטן מזרח, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן מיט דער געלט־שטיצע פון אַמעריקאַנער יידישע

פרויען, און דער העברעישער אוניווערזיטעט מיט זיינע הונדערטער טוי־זנטער טייערסטע ביכער, האָבן זיך געפונען אויף דעם הר־הצופים. מען האָט זיי געקאָנט זען פונעם צענטער אין ירושלים, אָבער די אראבער האָבן באהערשט דעם וועג וואָס פירט צום בארימטן באַרג.

דריי וואָכן פאר דעם 15 מאי איז אויף דעם דאָזיקן שאָסיי געשען א פאל, וואָס האָט איבערגעלאָזט א טיפע וווּנד אין ישוב און אין די הערצער פון אלע זעקס מיטגלידער פון דער בן־גוריון־משפחה.

זיבן און זיבעציק פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים און שוועסטערן זענען אין גרופּע ארויפגעגאַנגען אויפן באַרג (הר הצופים), כדי צו באַזוכן די אָפּגעשניטענע אינסטיטוציעס. דער באַזוך איז געמאַכט געוואָרן אַבסאָלוט, צוליב נישט־מיליטערישע צוועקן. די ענגלישע פאַרוואַלטונגס־באַאַמטע האָבן זיי פאַרזיכערט, אז אין יענעם טאָג וועט אויפן שאָסיי זיין גענצלעך רויק. די אנטיילנעמער פון דער גרופּע האָבן זיך געפילט גליקלעך, וואָס אויף זיי איז אויסגעפאלן דער זכות אריינצוגיין אין שפּיטאָל און אין די אוניווערזיטעטס־בנינים.

גייענדיק אויפן באַרג איז די גרופּע אַטאַקירט געוואָרן דורך אומרע־גולערע אראבישע סאָלדאַטן. אין דער סביבה זענען געווען ענגלישע סאָלדאַטן, און זיי זענען אינפאָרמירט געוואָרן וועגן דעם איבערפאַל, אָבער אין פאַרלויף פון זעקס און א האלבער שעה, האָבן די ענגלענדער קיין ריר נישט געטוען מיט קיין פינגער, כדי די גרופּע אָפּצוראַטעווען.

די אראבער זענען זיך אכזריותדיק באַגאַנגען מיט די יידן און צום סוף האָבן זיי אלע זיבן־און־זיבעציק דערמאָרדעט. א קאלט־מערדערישע ענג־לישע גלייכגילטיקייט, וואָס איז קיינמאָל נישט אויפגעקלערט געוואָרן. איינער פון די דאָקטוירים איז געווען דער באליבטער חתן פון רננה, בן־גור־יונס יינגסט טאָכטער.

אין יענער, מיט אויפרייס־מאַטעריאל אָנגעלאָדענער אַטמאָספערע, האָט זיך אריינגעריסן בעגינס אצ״ל. ער האָט אָרגאַניזירט, אָן בן־גוריונס באַפעל, אייניקע שטורם־גרופּעס, וועלכע זענען באפאלן יפו, די גרעסטע אראבישע שטאָט אין לאנד. ענגליש מיליטער איז גלייך געקומען צו הילף די אראַ־בער מיט טאַנקען, הארמאַטן, עראָפּלאַנען און מאַשין־געווער, און ווען די דריי־זייטיקע שלאכט האָט זיך געהאַט פאַרענדיקט, האָט דער רוב אראבישע איינוווינער שוין געהאַט באוויזן צו אנטלויפן פון יפו אין די שכנותדיקע לענדער.

די דאָזיקע זאך האָט אויפגערעגט בן־גוריונען. ווייל די הגנה האָט

געהאַט אן אלגעמיינעם פלאן, און אויב יעדע שפליטער־גרופע וועט ארבעטן אויף אייגענער האַנט, וועט אנטשטיין א פולקאָמער תהו ובהו.

אָבער דאָס וואָס איז געשען אין דיר־יאַסין איז געווען פיל ערגער.

קאָנוואָיען פלעגן פירן קיין ירושלים עסנוואַרג, וואסער, רפואות און קריגס־געברויכן. אָפט פלעגן די אראבער אטאקירן די קאָנוואָיען און דערהרגענען די שאָפערן. און ווען די הגנה האָט געפּרוּווט באפרייען דעם שאָסיי תל־אביב — ירושלים, האָט דער אצ״ל פאָרגעלייגט, אז אים זאָל איבערגעגעבן ווערן די פאראַנטוואָרטלעכקייט פארן דאָרף דיר־יאַסין. איידער אצ״ל האָט פארלאָזן דאָס דאָזיקע דאָרף זענען דערהרגעט געוואָרן 254 אראבער, צווישן זיי פרויען און קינדער.

בן־גוריון האָט רעאגירט מיט אינסטינקטיוון כעס. ער איז דערשיטערט געוואָרן פונעם פאַקט, אַז יידן זענען פעיק צו אַזעלכע מעשים, אפילו ווען די תירוצים פון אצ״ל זענען געווען גערעכטע, און ווען אפילו די זאַך איז געשען אין דער היציקייט פון דער מלחמה, און אפילו ווען עס איז דערביי געווען א פּראָוואָקאַציע. ער האָט גלייך אָנגעשריבן א מיט־געפיל־בריוו צום קעניג עבדאַללאַן פון עבר־הירדן און האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך יעדע פאראנטוואָרטלעכקייט.

פלוצים האָבן די פאראייניקטע שטאטן, נאָכדעם ווי זיי האָבן געהאַט אונטערשטיצט דעם חלוקה־פּלאַן, געמאַכט אן איבערקערעניש אין זייער ביז איצטיקער שטעלונג און האָבן פאָרגעשלאָגן אן אונ״א־אפוטרופסות פארן לאַנד, אן אידעע וואָס אלע צדדים האָבן זיך איר אקעגנגעשטעלט.

אפילו אין זיינע אייגענע רייען, און אויך צווישן חברים פון מפא״י און פון דער הסתדרות, זענען געווען אייניקע פאָרזיכטיקע מענטשן, וואָס האָבן געהאלטן, אז נאָכדעם וואָס עס האָט פאסירט, איז די צייט נישט רייף צו פּראָקלאמירן די מדינה. קלוגער וועט זיין צו ווארטן, און פאָרזיכטיקייט איז דאָס געבאָט פון דער שעה. אין א געוויסן מאָמענט האָט ד״ר וויצמאַן מסכים געווען מיט דער דאָזיקער מיינונג. אָבער בן־גוריונס פעלדזן־פעס־טער באַשלוס, האָט איינציקוויז צוריק געוווּנען אלע אויף זיין זייט.

אלס געוויילטער מנהיג פון די ארץ־ישראלדיקע יידן, איז אויף בן־גוריונען געלעגן די פליכט אונטערצוהאלטן דעם „מאָראַל״ ביים פאָלק, צו שאַפן אחדות ביי א פאָלק, וואָס זיין גרויסער כוח איז פון תמיד אָן געלעגן אין זיין אינדיווידואליזם, צו פירן די פּאָליטיק אזוי, אז די אונ״א זאָל נישט פלוצים הרטה האָבן אויף איר באַשלוס, און זאָל נישט באָפגעבן וואַשינגטאָן; צו פּרוּוון אָנקניפּן גוטע באַציונגען מיט אלע לענדער

פון דער וועלט; צו זיצן יעדן טאָג שעהן לאנג מיט זיינע מיליטערישע ספעציאַליסטן און אויסארבעטן א פארטיידיקונגס־פּלאַן, וועלכער האָט ביז דעמאָלט עקזיסטירט בלויז אויפן פאפיר; פּרווון געפינען א פשרה צווישן די שטרעבונגען פון די מעסיקע און עקסטרעמיסטן; העלפן ביים אָרגאַניזירן א רעגירונגס־אַפּאַראַט, וואָס זאָל נעמען אין די הענט אריין די אדמיניסטראַציע, נאָך דעם ווי די ענגלענדער וועלן פארלאָזן דאָס לאַנד; פאַרבערייטן דאָס פאלק צו א לעבן פון ליידן און חורבן — ווער נאָך האָט עס געוווּסט אזוי ווי ער — אז עס איז אוממעגלעך עס זאָל נישט קומען; שטאַרקן זיי און צוגעבן כוח אין אָנבליק פון א הונגער־מעגלעכקייט און אפשר אויך פון דורשט, און דאָס אין משך פון א לאַנגער תקופה; זיי דערמוטיקן קעגן עווענטועלע לופט־אַטאַקעס, ים־בלאָקאַדעס, באָמבאַרדירונגען פון האַרמאַטן, און פארלירן ישובים מיט אומצאָליקע קרבנות.

איצט אז ער איז אלט געוואָרן איין־און־זעכציק יאָר, פלעגט ער פיל שנעלער מיד ווערן. אָבער די צייט איז נישט צו טראכטן וועגן קערפּערלעכע ליידן. אויב ער האָט נאָך געהאַט גענוג ענערגיע אויף „צו שלעפּן דעם וואָגן", קומט דערפאר אויך פאַלען א דאנק. זי האָט געפאָדערט פון אים, ער זאָל עסן, לכל הפחות, איינמאָל אין טאָג צו דער זעט, און אז ער האָט זיך געלייגט שלאָפן פלעגט זי האַלטן שמירה, אז זיין שלאָף זאָל נישט געשטערט ווערן. אין יענע טעג אָבער איז בן־גוריון געווען זער זעלטן אינדערהיים און האָט וויניק געזען זיין פרוי, זיינע טעכטער און זיינע ביכער.

אין פערלויף פון די שווערע זעקס חדשים זענען געווען נאָך פיל צרות און שטרויכלונגען. עס זענען אָנגעקומען דריי מעסערשמידט עראָפּלאַנען, אָבער איינער פון זיי האָט געמוזט מאַכן א נויט־לאַנדונג און איז דערביי פאַרניכטעט געוואָרן; א צווייטער איז אויפגעריסן געוואָרן ביי אן אנדערער קאַטאַסטראָפע.

גאָלדע מאירסאָן, איינע פון די צענטראַלע פיגורן אין דער „שאָטן־רעגירונג", האָט פּלוצים באַקומען א האַרץ־אַטאַק. דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, דאָסטראָווסקי איז קראַנק געוואָרן, ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט אָנטייל נעמען אין די זיצונגען פון שטאַב, און אפילו נישט זיצן אין ביוראָ. ער האָט געמוזט אויספירן זיינע אויפגאַבן פון פּלאַנירן קריגס־אָפּעראַציעס, זיצנדיק אין א פּענסיאָנאַט, אין חיפה.

ידין, וועלכער האָט פאַרטרעטן דאָסטראָווסקין, פלעגט יעדן טאָג קומען אויף באַראַטונגען מיט בן־גוריונען. איינמאָל האָט ער געבראַכט אַ שטורמישע ידיעה, אָבער א נישט־מיליטערישע. זיין פאָטער האָט נאָר־וואָס

געמאַכט אַן ארכעאָלאָגישע אַנטדעקונג, וואָס קיין שום ארכעאָלאָג אין דער וועלט האָט נישט געקאָנט באַווייזן צו מאכן:

אַן ארמענישער אַנטיקן־הענדלער האָט געשיקט מודיע זיין דעם ד״ר סו־קעניק („ידין״ איז געווען דער געהיימער פסעוודאָנים פון זון, און צום סוף האָט ער אָפיציעל געענדערט זיין נאָמען אויף „ידין״.) ער זאָל גלייך קומען צום טויער פון מיליטערישן שטח נומער 2 אין ירושלים. דאָרט האָבן זיי ביידע גערעדט דורך דער שטעכל־דראָט. דער ארמענער האָט געהאלטן אין האנט א פּאַרמעטענע מגילה, איינע פון א גאנצער ריי אזעלכע מגילות, וואָס די בעדואינישע פּאַסטוכער האָבן געפינען אין א הייל, נאָענט פון ים־המלח, בעת א ציג פון זייער סטאַדע איז אַנטלאָפן און זיי זענען איר נאָכ־געלאָפן אין א פינצטערער הייל אריין.

די פּאַרמעטענע מגילות האָבן זיך געפונען אין ערדענע קריגן. די בעדואינער האָבן די ערדענע כלים געבראַכט קיין בית־לחם. וועט ד״ר סו־קעניק מסכים זיין צו קויפן די זאכן פאר זיין ירושלימער אוניווערזיטעט? ער האָט זיך באראטן מיט זיין זון, צי איז נישטאָ קיין געפאַר צו פאָרן קיין בית־לחם? אלס א הויכער אָפיציר אין הגנה גענעראַל־שטאַב, האָט ידין געוואָרנט זיין פאָטער פאר דער גרויסער סכנה. אָבער ד״ר סוקעניק האָט זיך פונדעסטוועגן געלאָזן אין וועג אריין. נאָך דריי טעג האָט ער זיך צוריקגעקערט און געבראכט מיט זיך דריי מגילות, וועלכע ער האָט געקויפט פאר עפעס מער ווי הונדערט דאָלאַר. (נאָך אייניקע יאָר וועט זיין זון קויפן אין ניו־יאָרק נאָך עטלעכע מגילות פאר א פערטל מיליאָן דאָלאַר).

בן־גוריונס ביורא האָט זיך געפונען אויף הירקון גאַס, צווישן ים־ברעג און צענטר פון תל־אביב. ידין איז דאָרט געווען דער שטענדיקער באַזוכער. ער און בן־גוריון פלעגן שעהנווייז פארברענגען ביי די מאַפּעס. נישט איינמאָל איז דער מענטש מיט דער זילבערנער טשופרינע געווען געצוווּנגען צו מאכן ענטגילטיקע מיליטערישע באַשלוסן. טיילמאָל פלעגט ער פלוצים אָנגעהויבן שמועסן וועגן די מגילות, ווילנדיק אויף אזא אופן אויסמיידן דאָס אָננעמען באלדיקע באַשלוסן.

„צי איז אים שוין קלאָר די וויכטיקייט פון דער זאך?״.

אין אזעלכע מינוטן האָט דער הויכער ידין (אין פארגלייך מיט זיין הויפּט־אָנפירער), געקוקט גלייך אין די שיינענדיקע אויגן פון זיין שעף און האָט געזאָגט:

„בן־גוריון, איך מוז גלייך איצט באקומען תשובות אויף מיינע פראגעס“.

אין יענעם הויז פלעגן קומען אויך אנדערע מענטשן, יעדער איינער מיט זיינע דאגות: פראבלעמען פון עליה, קאמוניקאציע, וואסער־פאר־זארגונג אין נויט־פאלן, געהיימע שפייז־מאגאזינען, ארעסטאנטן־לאגערן, ענגלענדער, ווען וועט פארקומען די באענטע זיצונג פון דער רעגירונג. און אין מיטן — ביטע, ביטע זער, „פאלא וויל מיט דיר רעדן טעלע־פאניש“. און שטייערן — ווי אזוי וועט מען איינקאסירן שטייערן נאך דעם 15 מאי, און וואס דארף געטועט ווערן וועגן פעסער, און ווו זענען דרוק־מאשינעס און סטענסיל־אפאראטן, און בכלל — ווי אזוי קען מען שאפן א רעגירונג אן סטענסיל־מאשינעס?

אין א געוויסן טאג איז געקומען דער פאראנטווארטלעכער מענטש פאר קאמוניקאציע־ענינים און האט געפרעגט בן־גוריונען, צי איז ער גרייט צו טראכטן וועגן א נאמען פאר דער נייער מדינה. ער וויל באשטעלן פאסט־מארקעס, און ער קען אפילו נישט רעדן מיטן קינסטלער, וועלכער דארף מאכן די סקיצן, מחמת ער ווייס נישט ווי אזוי די מדינה וועט הייסן.

בן־גוריון האט אים משלח געווען. עס איז נישט געווען קיין צייט פאר אזעלכע לוקסוסן. אויף די ערשטע פאסט־מארקע איז געשטאנען בלויז „דאר עברי“. בן־גוריון האט זיך ספעציעל באשעפטיקט מיט די עפנטלעכע אינסטיטוציעס, וואס זענען נויטיק געווען אין יעדן לאנד.

ער האט דעמאלט דערקלערט פאר דעם צייטווייליקן מלוכה־ראט (די „שאטן־רעגירונג“), אז ווען די שעה וועט קומען, וועלן זיך געפינען גענוג מענטשן וואס וועלן פארלייגן זייער דינסט פאר די וויכטיקע אויפ־גאבן אין דער רעגירונג. וואס עס האט אים פארשאפט זארג איז געווען — מאשיניסטן פאר לאקאמאטיוון, טעלעפאניסטן, פעיקע מענטשן פאר שפי־טעלער.

אויף זיין פארלאנג איז געגרינדעט געווארן א דרייצנקעפיקע אויס־נאמס־קאמיסיע. יעדער איינער פון זיי האט באקומען די אויפגאבע פאר־צובערייטן א רעארגאניזאציע־פלאן פאר אייניקע אפטיילונגען, וואס וועלן מוזן געשאפן ווערן, ווי נאר די נול־שעה וועט קומען.

אבער ווו וועט די נייע מדינה נעמען פלוצים, איבערנאכט, אדמיני־סטראטיווע באאמטע, מלוכה־באאמטע מיט פראקטיק, ארגאניזאטארן, ספע־ציאליסטן אויף פרייזן־קאנטראלע, א ראציאנירונגס־קאמיסיע פאר שפייז און סחורות, אנפירער פאר אמטן און אפטיילונגען?

בן־גוריון האָט געוווּסט, אַז די יידן וועלן איצט שטיין פאַר אַ פּראָבלעם, וואָס מאַטערט יעדע רעוואָלוציאָנערע מאַכט. אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן די ארץ־ישראל יידן זיך אויסגעשולט אלס אויפשטענדלער און אונטער־גרונט־סאָלדאַטן, אלס קינסטלער אויף פאַרטלען און שפּיצלעך, פּראָפּאַגאַנ־דיסטן און פּאָליטיקער. די דאָזיקע גאַנצע הכשרה וועט אָבער נישט האָבן קיין גרויסן ווערט ביים גרינדן אַמטן פאַר שטייערן, אָדער פאַר לעבנסמיטל, וואָס וועלן דאַרפן באַשטימען דעם פּרייז פון ראַציאָנירטן־צוקער א.א.וו.

דער ראַט פאַר אויסנאַמס־צושטאַנד, האָט אין א געוויסן טאָג גערופן א זיצונג, כדי צו באַטראַכטן די פראגע פון זיך־פּלאַץ פון די צייטווייליקע רעגירונג. ירושלים איז נישט געקומען אין באַטראַכט. אויך נישט חיפה, לויט די ענגלענדער האָבן דערקלערט, איז מעגלעך אַז זיי וועלן בלייבן אין דער פּאָרט־שטאָט זעקס חדשים נאָכן מאַנדאַט.

מען האָט באַטראַכט די מעגלעכקייט פון נתניה, וואָס ליגט צווישן חיפה און תל־אביב. נתניה באַזיצט בנינים מיט עטלעכע הונדערט צימערן, נאָך די אָפּרו־לאַגערן פון דעם ענגלישן מיליטער. דער צווייטער פּלאַן איז געווען פאַנאַנדערצושפּרייטן די רעגירונגס־אָפּטיילונגען איבער א ברייטערן שטח פון לאַנד.

בן־גוריון האָט געהאַט אַן אייגענע אידעע. ער האָט פאָרגעלייגט כור־נוב, א פאַרוואָרפן אָרט אין הארץ פון נגב־מדבר (אין די אלטע צייטן איז כורנוב געלעגן אין קעניגרייך פון די בני־נביות), וואָס איז אויך געווען באַקאַנט מיטן נאָמען ממשית. ווען ער האָט פאַר זיינע חברים גערעדט וועגן כורנוב, האָט ער פאַרגעסן אַלע אנדערע ענינים. כורנוב איז אַמאָל געווען א רעשיקע שטאָט אויף א מדבר־וועג, ווו עס פלעגן וואַנדערן קעמלען־קאַראַוואַנען. אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן אָפּגערוט די מענטשן און זייערע בהמות, דאָרט איז געזעסן א מוכסן, א צאָל־באַאַמטער, וואָס האָט איינקאַ־סירט צאָל פון יעדן קאַראַוואַן. אביסל שפּעטער איז דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן א ביזאַנטישע פעסטונג. בן־גוריון האָט געמוזט מודה זיין, צו זיין גרויסן צער, אַז דער דאָזיקער פּלאַץ איז איצט א פאַרוואָרפן ווינקל אין מדבר, וואָס פיל יידן אין ארץ־ישראל האָבן קיינמאָל אפילו נישט גע־הערט זיין נאָמען, בלויז אין די שכנותדיקע טאָלן קען מען נאָך געפינען איבערבלייבענישן פון אוראַלטע לאַנדווירטשאַפטן און ביזאַנטישע דאַמ־בעס. דערפון איז צו דרינגען, אַז די ערד דאָ איז געווען א פרוכטבארע.

כמעט אלע בן־גוריונס חברים זענען געווען קעגן אים. אלס גוטער

דעמאָקראַט, האָט ער קיין אַנדער עצה נישט געהאַט, נאָר שלום צו מאַכן מיטן דורכפאַל.

סוף־כל־סוף האָט די „שאָטן־רעגירונג" אויסגעקליבן שרונה, א ווינ־קוואַרטל פון דאָרפישע שטיינערנע הייזער אין תל־אביב, וואָס איז אויפ־געבויט געוואָרן דורך די דייטשע „טעמפלער". די אייגנטימער פון דעם דאָזיקן ווייַן־שטח זענען, אין צווייטן וועלט־קריג פארטריבן געוואָרן דורך די ענגלענדער, צוליב זייער סימפּאַטיע צו די נאַציס.

(דער מענטש וואָס היטלער האָט אים אנגעטרויט די אויפגאַבע צו פאַרניכטן די אייראָפּעישע יידן איז געווען א דייטש פון שרונה).

שרונה האָט באַקומען דעם נאָמען „הקריה". איינציקווייז, אָדער אין צווייען, זענען די מענטשן פון דער צייטווייליקער רעגירונג ארויס באַקוקן שרונה און דעצידירן, וועלכע אָפּטיילונג וועט באקומען דעם אָדער יענעם בנין און אין וועלכער קיך וועט זיצן די מאַשיניסטקע, אָדער יענער סעק־רעטאַר, און באַשטימען צו די ווייַן־קעלערס קאָנען דינען אַלס בונקערס. מען האָט געדאַרפט פאַרבאַרייטן שרייב־טישן, שטולן, אקטן־שענק און זיי פארשטעקן ערגעצוו בסוד, ביז דער טאָג וועט קומען.

זיבן וואָכן פארן 15 מאַי האָט בן־גוריון און זיינע חברים פארעפנט־לעכט א דעקלאַראַציע: עס וועט פראָקלאַמירט ווערן א יידישע מדינה, און זי וועט אנטשטיין אין דעם מאָמענט, ווען דער מאַנדאַט וועט אויפהערן צו עקזיסטירן. דער ישוב האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט פון שלום צו די אראבער אין לאַנד און אויסער איר. די יידן שטרעבן נאָך אַלץ צו א צוזאַמענארבעט מיט די ענגלענדער, כדי זייער צוריקטריט זאָל פאַרקומען, אויף ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך, אין אָרדנונג און אין רו.

בן־גוריון איז געווען געצוווּנגען מקדיש צו זיין גאַנצע וואָכן, כדי צו באַקומען די הסכמה פון זיינע חברים פאַר דער דאָזיקער דעקלעראַציע. נאָך זענען צווישן זיי געווען יחידים, וואָס די לאַגע האָט זיי אָנגעשראָקן, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן דאַרפן באַצאָלן א צו טייערן פרייז. זיי זענען נאָך נישט געווען זיכער, אַז בן־גוריון איז טאַקע דער נביא מיט אַ קלאָרער וויזיע.

אין יענע לעצטע טעג איז בן־גוריון אומעטום געווען. ער האָט באַזוכט די געווער־פאַבריקן, געמאַכט א גאַר דרייסטע רייזע, מיטן לעצטן קאָנוואָי, קיין ירושלים, ער איז אָנגעקומען בשלום, אדורכגעקוקט די פראָנט־פּאָ־זיציעס, צוגעגעבן מוט און גערופן צו אויסדויער.

אין זיין באַפעל צו דעם גענעראַל־שטאַב האָט ער געזאָגט: אויב עס

וועט אויסברעכן א קריג, דארפן די אָפּעראַציעס פּלאַנירט ווערן אַזוי, אַז די יידישע פאַרלוסטן זאָלן זיין ווי מעגלעך מינימאַלע.

צו יענער צייט האָט ער אָפּגעוואָרפן די מיינונג פון זיינע מיליטערישע ראַטגעבער, אין א טאַקטישער פראַגע פון ערשטער מדרגה. זיי האָבן גע־פאָדערט עס זאָלן עוואַקויִרט ווערן אייניקע ישובים, וואָס מען האָט פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט באַשיצן, כדי צו קאָנסאָלידירן און צו פאַרשטאַרקן די יידישע כוחות. די דאָזיקע פאָדערונג האָט אויסגעזען צו זיין לאָגיש לויט דער מאַפּע. אָבער בן־גוריון האָט פאַרלאַנגט מען זאָל קעמפן פאַר יעדן יידישן ווינקעלע, הויז נאָך הויז, שריט נאָך שריט.

די טשערטשילישע עקשנות זיינע, האָט ארויסגערופן א קעגנערשאַפט מצד אייניקע רעאַליסטן. אַנדערע האָבן אין איר געזען א סתירה צו זיין פּאָרזיכטיקייט לגבי מענטשלעכע פאַרלוסטן. אָבער גראָד די דאָזיקע עק־שנות האָט ארויסגערופן צוטרוי צו אים, און נישט קיין פאַרביטערונג.

ווען די שעה פון אנטשיידונג איז געוועזן נאָענט, און די נערוון־שפּאַ־נונג שטאַרק אָנגעצויגן, איז איינמאָל דערשינען א פּאָליציסט אין א כעמי־שער לאַבאָראַטאָריע אין תל־אביב מיט א פּעקל פּוטער אין א גלעזערנער כלי אין האַנט. דער פּאָליציסט האָט געבעטן מען זאָל מאכן אַן אנאַליז פון דער פּוטער. עס איז ארויסגערופן געוואָרן א כעמיקער. „וואָס פאַר אַן אנאַליז?" — האָט ער געפרעגט. „פאַר פּאָלאַ בן־גוריון", האָט דער פּאָ־ליציסט געענטפערט.

דער כעמיקער האָט געשמייכלט און אנגעקלונגען צו פּרוי בן־גוריון.

„איך וויל עס זאָל געמאַכט ווערן די אַנאַליז, ווייל עס דאַכט זיך מיר, אַז די קראָם וווּ די פּוטער איז געקויפט געוואָרן, גענאַרט אָפּ מיין דודן, און זי שטעלט אים צו שלעכטע פּוטער. ער איז פאַרנומען טאָג־און־נאַכט און מען דאַרף אים געבן די בעסטע שפּייז, כדי ער זאָל קאָנען האַלטן פלאַץ. מאַכט מיר דעם אנאַליז און זאָגט מיר דעם אמת".

אין יענע לעצטע מאַנדאַט־טעג, זענען געקומען גוטע און שלעכטע בשורות.

די פאַראייניקטע־שטאַטן האָבן דערקלערט אַן עמבאַרגאָ אויף פאַר־קויפן און שיקן געווער אויפן נאָענטן מזרח. דער דאָזיקער פאַרבאָט האָט נישט שטאַרק געטראָפן די אראַבישע לענדער, ווייל זיי האָבן שוין געהאַט א גוטן מקור וווּ צו באַקומען געווער אָן א גראָשן געלט, אָבער א שלעכטע בשורה איז עס געווען פאַר דעם זאָגענבאָרן־אינסטיטוט.

דערנאָך האָט דער אויסערן־מיניסטער, גענעראַל מאַרשאַל, צוגעשיקט

א נאָטע אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט, אז טראָצדעם וואָס די אונ״א האָט שוין דערלויבט צו פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה, וועט פון בן־גוריונס זייט דאָך זיין קלוג, פונדאָסניי די זאַך איבערצולייגן. קלאַנגען זענען געווען, אז טרומאַנס פּערזענלעכער עראָפּלאַן, „די היילקע קו״, וועט געשטעלט ווערן צו דיספּאָזיציע פון די יידישע פאָרשטייער אין וואַשינגטאָן, אויב זיי וועלן פליען אין לאַנד אריין און פּרווון איבערצוצייגן בן־גוריונען ער זאָל ענדערן זיין מיינונג.

איין גוטע בשורה איז געווען: אז אן הגנה־שיף האָט באַוויזן זיך דורכצורייסן דורך די ענגלישע ים־בלאָקאַדע. זי האָט געפירט געווער וואָס איז אין געהיים איינגעקויפט געוואָרן אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי. דאָס דאָזיקע געווער איז אויסגעלאָדנט און באהאלטן געוואָרן אין געהיימע מאגאזינען.

אייניקע טעג פאַר דעם 15 מאַי, האָט בן־גוריון גערעדט אויף א געשלאָסענער זיצונג פון ציוניסטישע פירער. אכט חדשים פריער האָט ער געפרווט זיי זאָגן דעם אמת, אָבער דער רוב איז געבליבן נישט־איבערצייגט. דאָסמאָל האָט ער גערעדט האַרבע דבורים. ער האָט געזאָגט:

„די העכסטע אָנשטרענגונג פאָדערט פון גאַנצן ישוב ער זאָל שטעלן צו דיספּאָזיציע פון קאַמף זייןווירטשאַפט, זיין מענטשן־מאַטעריאַל, די טעכנישע און וויסנשאַפטלעכע כוחות, זיינע פינאַנסיעלע מיטלען און זיין מאָראַלישען כוח, די פּרעסע און זיין געזעלשאַפטלעך לעבן. קיינמאָל, אין פאַרלויף פון די לעצטע אכצן הונדערט יאָר, האָבן מיר זיך נישט געפונען אין אזא גורלדיקע סיטואַציע״. אוים אפילו אלע אָנשטרענגונגען וועלן געמאכט ווערן, קען ער זיי קיין זאַך נישט גאַראַנטירן. „דאָס וואָס באַשטימט דעם נצחון, איז די לאָגיסטיק, געלט, מאָראַל און אינטעלעקט. איך האָב די העזה צו גלויבן אין נצחון״.

אין לעצטן מאָמענט איז אונטערגעשריבן געוואָרן אן אָפּמאַך צווישן דעם אצ״ל און די הגנה, אין וועלכן ביידע צדדים האָבן זיך פאַרפליכטעט צו א פולשטענדיקער צוזאַמענאַרבעט אין אלע מיליטערישע ענינים.

סוף־כל־סוף האָבן זיך אלע שיכטן פון פאָלק פאַראייניקט, אזוי ווי נאָך קיינמאָל ביז איצט: מעסיקע און עקסטרעמע, פּראָ־ציוניסטן און אַנטי־ציוניסטן, עקסט־פרומע און אפּיקורסים גמורים, שטאָטישע און קיבוצניקעס, אייראָפּעיִשע יידן און יידן פון עדות המזרח, לינקע און רעכטע, סאַברעס און די עולים וואָס זענען אָקאָרשט אָנגעקומען מיט דער לעצטער שיף.

דאָס יידישע ארץ־ישראל איז געווען גרייט. נישט גענוג פאַרגעברייט,

נישט געגוג באַוואָפּנט, אָבער גרייט. און עס האָט געהאַט א פירער.

אין אָט דער גאַנצער צייט איז ד״ר ווייצמאַן געזעסן אין ניו־יאָרק א שווער־קראַנקער. זשאַבאָטינסקי און קאַצענעלסאָן זענען שוין געהאַט נפטר געוואָרן. בלויז איין מענטש האָט נישט קיין ספקות. מיט א קלאָרן שכל, מיט א פעסטער און זיכערער האַנט האָט ער געהיטן יעדן פּונקט אויפן האָריזאָנט, וועלכע האָבן צייטנווייז אויסגעזען ווי א מיראַזש, ווי א פאַרפירערישע וויזיע.

אין די דאָזיקע זעקס חדשים איז בן־גוריון שטאַרק אויסגעוואַקסן. פון א ניכטער־כיטרען מלוכה־מאַן איז ער געוואָרן א וועלט־פיגור, א פי־רער, וואָס ווייזט דעם אור־אַלטן פאָלק דעם וועג צוריק אין זיין פאַר־לוירענער היים.

אָבער ער האָט נאָך אַלץ געדאַרפט איבערצייגן, אז ער באזיצט די אייגנשאפטן מיט וועלכע עס איז געווען באשאָנקן יענער פּאַסטוכל, וועמענס נאָמען ער האָט געטראָגן.

קאפיטל דרייצן

די ענגלענדער האָבן געזאָגט, אז זיי ווילן אָנהויבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד פריטיק, אין דער נאַכט, פון 14 אויפן 15 מאַי, צוועלף א זייגער. מיטוואָך האָט בן־גוריון צונויפֿגערופן די זיבן־און־דרייסיק מיטגלידער פון מלוכה־ראַט.

די וויכטיקסטע פראגע וואָס איז געשטאַנען אויף דעם טאָג־אָרדנונג איז געווען: צי האַלט זיך נאָך אַלץ דער רוב ביי דער מיינונג, אז עס איז געקומען די שעה פון פּראָקלאַמירן די מדינה. בן־גוריון האָט נישט געוואָלט, מען זאָל שפּעטער אים פאַרוואַרפן, אז ער האָט דיקטירט דעם באַשלוס, אָדער אז ער האָט נישט דערלאָזט די קעגנער צום וואָרט.

ביים אָנפאַנג פון דער זיצונג האָט ער זיי איבערגעגעבן אייניקע ידיעות. וועגן גוש־עציון, א בלאָק פון פיר ישובים וואָס זענען געלעגן 24 קילאָמעטער דרומדיק פון ירושלים, איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַראַבישע ישובים. מיט א קורצער צייט צוריק זענען דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן פינף און דרייסיק הגנה־לייט. זיי זענען געווען אויפן וועג צוריק קיין ירושלים, נאָכדעם ווי זיי האָבן צוגעשטעלט לעבענסמיטל פאַר די באַלאַגערטע קאָלאָניסטן. פון דעמאָלט אָן פלעגט מען אָרגאַניזירן עסנוואַרג פון עראָפּלאַנען. אָבער די אַראַבישע באַנדעס האָבן נישט אויפגעהערט אָנצוטאָן צרות די יידישע איינוווינער.

בן־גוריון האָט איבערגעגעבן, אז צוויי באַטאַליאָנען פון אַראַבישן לעגיאָן, אונטער ענגלישער קאָמאַנדע, האָבן געעפנט א גרויסע אָפענזיווע אויף גוש־עציון, טראָצדעם וואָס דער מאַנדאַט איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. ער האָט דערציילט אז די אַמעריקאַנישע רעגירונג האַלט זיך ביי דער מיינונג, אז מען דאַרף נישט, אין דעם מאָמענט פּראָקלאַמירן די מדינה. גאָלדע מאירסאָן האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן איר באַזוך ביים קעניג עבדאַללאַ. זיי האָבן זיך שוין געהאַט אַמאָל באַגעגנט אין געהיים, אָבער דאָסמאָל האָט זי געדאַרפט פאָרן צו אים קיין רבת־עמון ווי א גנב אין דער פינצטערניש, איבערגעטון אלס אַראַבישע פרוי. דער מלך האָט זיך

פריינטלעך באצויגן, ער איז אָבער געווען דענערווירט און דערדריקט. ער האָט געפרעגט:

„וואָס איילט איר זיך אזוי יידן צו פּראָקלאַמירן א מדינה?".

„האַלטססטו, אז צוויי טויזנט יאָר הייסט איילן זיך?".

ער איז געווען א קעגנער פון חלוקה, ער האָט געוואָלט דאָס גאַנצע לאַנד, און ער האָט נישט אָפּגעלייקנט, אז ער האָט בדעה זיך צו באַנוצן מיט דעם אראבישן לעגיאָן, כדי דאָס לאַנד צו באַקומען.

דערנאָך האָט זיי ידין געזאָגט, אז לויט די באריכטן פון געהיימען־דינסט, מארשירן די אַרמייען פון אלע אראבישע לענדער צו די גרענעצן, אין א שנעלן טעמפּאָ. מען דאַרף זיך רעכענען מיט דעם, אז זיי וועלן אריינדרינגען פון אלע זייטן, און מיט לופט־אַנגריפן אויף תל־אביב שוין אין משך פון שבתדיקן טאָג. נישט קוקנדיק אויף די אלע באריכטן האָט דער ראט באַשלאָסן, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט בן־גוריונס רעדע, צו פּראָקלאַמירן די זעלבסטשטענדיקייט לויטן פּלאַן.

די נאָענסטע פראגע איז געווען — ווען, אין וועלכער שעה גענוי, וועט די פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה פּאַרקומען. א יורידישער ספּעציאַליסט האָט דערקלערט, אז פון טעכנישן שטאַנדפּונקט איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו פּראָקלאַמירן די מדינה פאר האלבער נאַכט פון פרייטיק אויף שבת. שבת אָבער הויבט זיך אָן פרייטיק מיטן אונטערגיין פון דער זון, און די רעליגיעזע מיטגלידער פון ראט וועלן נישט קענען, מיטן אריינקומען פון שבת, זיך חתמענען אויף דער פּראָקלאַמאציע, און פארן אין אן אויטאָ, אָדער טוען א מלאכה, איז פארבונדן מיט חלול־שבת. די פרומע האָבן זיך גוט איינגעקוקט אין לוח און האָבן אויסגעפונען, אז אויב מען וועט די צערעמאָניע פון אונטערחתמענען, אָנהויבן פרייטיק פונקט 4 א זייגער, וועט זיך די פייערלעכע זיצונג פאַרענדיקן א שטיק צייט פאר שקיעת החמה.

נאָך דער זיצונג פון ראט איז פאַרגעקומען א זיצונג פון די מיט־גלידער פון דער צוקונפטיקער רעגירונג. זי האָט דיסקוטירט דעם טעקסט פון דער מדינה־פּראָקלאַמירונג, וועלכע איז אויסגעארבעט געוואָרן דורך פיר יורי־ספּעציאַליסטן. איינער פון די מיטגלידער איז געווען קעגן:

„ווי אזוי קענען מיר פּראָקלאַמירן א מדינה נישט אָנגעבנדיק אירע גרענעצן? פריער מוזן מיר דעפינירן די יידישע מדינה, זאָגן ווו זי ליגט און ביז ווי ווייט עס גרייכן אירע גרענעצן — ווו זי הויבט זיך אָן און ווו זי ענדיקט זיך".

בן-גוריון האָט אים איינגעשטילט. ער האָט זיך פשוט געשטיצט אויף דער פּראָקלאַמירונג פון דער אמעריקאנישער זעלבסטשטענדיקייט, ווו עס ווערט בכלל נישט דערמאָנט וועגן קיין גרענעצן.

די לעצטע פראגע פון טאָג-אָרדנונג איז געווען דאָס אויסוויילן דעם נאָמען. פיל האָבן געטראַכט, אז די נייע מדינה וועט הייסן „יהודה", אָבער דער דאָזיקער נאָמען איז נישט געווען פּאַסיק, מחמת „יהודה" וואָלט פון טעכנישן שטאַנדפּונקט, באַדייט נאָר יענער שטח וואָס נעמט ארום ירו־שלים. שפּעטער האָט מען באַטראַכט דעם פאָרשלאָג „ציון", אָבער אויך דער דאָזיקער נאָמען איז געפּסלט געוואָרן, ווייל „ציון" איז דער נאָמען פון איינע פון די בערג אין אַלט ירושלים.

איינער פון די מיניסטאָרן האָט פאָרגעלייגט דעם נאָמען „עבר", אָבער דער דאָזיקער נאָמען איז קיינעם נישט געווען סימפּאַטיש, טראָצדעם וואָס פון עבר שטאַמט דער נאָמען „עברי". די דיסקוסיע וועגן נאָמען „ארץ־ישראל" האָט זיך פאַרצויגן א שטיק צייט. תמיד איז דאָס יידישע היימ־לאַנד אזוי גערופן געוואָרן. אָבער טעכניש גענומען האָט זיך ארץ־ישראל געצויגן איבערן גאנצן שטח פון דעם אוראלטן ארץ־ישראל, און דאָס באנוצן זיך מיטן דאָזיקן נאָמען האָט געקאָנט גורם זיין מ'זאָל די מדינה באַשולדיקן אין אירידענטיזם.

„איך שלאָג פאָר „ישראל". בן־גוריון איז געווען דער פאָרשלאָג־געבער.

פון אָנהויב האָט דאָס וואָרט געקלינגען מאָדנע. זיי האָבן עס ווי גע־פּרוווט, איבערגעחזרט האַלב אין דער שטיל:

„ישראל".

„ישראל-רעגירונג".

„ישראל־אַמבאַסאַדאָר".

„ישראל־קאָנסול".

„ישראל־בירגער".

(ישראל פילאָלאָגן מיינען, אז אין ענגליש דארף מען זיך באנוצן מיטן וואָרט „ישראלי", נאָר צו באַצייכענען א ישראל בירגער, און אז אין פרעמדע שפּראַכן איז דער אדיעקטיוו פון וואָרט — „ישראל" און נישט „ישראלי").

בן־גוריון האָט פאָרגעלייגט מען זאָל שטעלן די פראגע צו אן אָפּ־שטימונג. ער און נאָך זעקס חברים זענען געווען פאַר, דריי זענען געווען קעגן; די רעשט פיר מיטגלידער זענען געווען אָפּוועזנד פון דער זיצונג.

אזוי איז געגעבן געוואָרן דער מדינה א נאָמען דורך דעם מענטש וואָס האָט געגעבן מי, מער ווי יעדער אנדערער, כדי זי זאָל אַנטשטיין. דער נאָמען איז געגעבן געוואָרן מיט דער הסכמה פון א העלפט מיטגלידער פון זיין רעגירונג.

די דאָזיקע זיצונג האָט זיך געענדיקט נאָך צוועלף א זייגער. זאב שערף, וואָס האָט געדארפט ווערן דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער רע־גירונג, האָט געזאָגט צו די סטענאָגראַפיסטקעס:

„איך וויס, איר האָט געהאַט אַ שווערן טאָג, אָבער איך מוז אייך בעטן, אז פארן פארלאָזן דאָס בנין זאָלט איר אויף דער שרייב־מאַשין קאָפּירן אלץ, וואָס איר האָט נאָטירט".

און אז זיי האָבן פארענדיקט זייער ארבעט, האָט שערף גענומען מיט זיך דאָס גאַנצע מאַטעריאַל וואָס איז איבערגעשריבן געוואָרן אויף דער מאַשין. נאָך יאָרן האָט ער אויפגעקלערט די נויטווענדיקייט פון באַהאַלטן די פּראָטאָקאָלן פון דער דאָזיקער היסטאָרישער נאַכט־זיצונג אין א סייף פון דער נאַציאָנאַלער באַנק: ער האָט געוווּסט אז תל־אביב וועט באָמ־באַדירט ווערן שבת און אויב חלילה אלע מיניסטאָרן און אלע סטענאָ־גראַפיסטקעס וועלן אומקומען, וועט די וועלט נישט וויסן ווי אזוי די יידישע מדינה איז געבוירן געוואָרן. עס איז געווען זיכערער צו פאַר־באַהאַלטן אלע דאָקומענטן ביז דער שטורם וועט אריבער. כמעט דעם גאַנצן מאָרגנדיקן דאָנערשטיק האָט בן־גוריון געווידמעט נאָר פאַר מיליטע־רישע ענינים. ער איז געבליבן אין גענעראַל־שטאַב ביז פיר א זייגער פּאַרטאָג.

דאָנערשטיק זענען געשיקט געוואָרן איינלאַדונגען צו צוויי הונדערט ארץ־ישראל יידן, זיי זאָלן דערשיינען, א האלבע שעה פאר פיר א זייגער, פרייטיק, דעם 14 מאַי, אין מוזעאום פון תל־אביב, אויף שדרות רוטשילד. די איינגעלאַדענע זענען געבעטן געוואָרן צו קומען אין „טונקעלע יום־טוב־מלבושים", און זיי זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו האלטן שטרענג בסוד דאָס אָרט און די צייט פון דער איינלאַדונג. אויב די מצרים וואָלטן געלונגען צו באָמבאַדירן דעם מוזעאום אין ריכטיקן מאָמענט, וואָלט די יידישע מדינה געבוירן געוואָרן אין מאָמענט, ווען אלע אירע אָנפירער וואָלטן געלעגן טויט.

דער וויכטיקסטער טאָג אין בן־גוריונס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן זיבן א זייגער אין דער פרי. ווען ער איז אויפגעשטאַנען, זיך אָנגעטועט, צעקעמט זיינע זילבערנע האָר, און געזאָגט אַ פּאָר ליבלעכע ווערטער צו פּאָלען,

דערנאָך זיך אוועקגעזעצט ביים קיך־טיש כדי צו טרינקן קאַווע, וואַר־פנדיק אַן אויג אויף די העברעישע צייטונגען און אויף דעם ענגלישן „פּאַלעסטיין פּאָסט״.

ער האָט געפרעגט:

„צו זענען דערהאַלטן געוואָרן ידיעות פון גוש עציון?״.

„ניין. וואָס האָט דאָרט פּאסירט?״. ער האָט איר געזאָגט, אַז אין די נאַכט־שעהן איז אָנגעקומען א ידיעה, אַז דער גרעסטער ישוב פון גוש עציון, האָט זיך אונטערגעגעבן. עס זענען דאָרט געווען אייניקע הונדערט מענטשן, כמעט אַן געווער, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן ווי לאַנג נאָר מען האָט געקענט, קעגן טויזנטער שטאַרק באַוואָפנטע לעגיאָנערן. עס איז געווען א גרויסע שחיטה.

„עמיצער האָט געקלונגען אַז דו מוזט זיין אין גענעראַל־שטאַב, ניין א זייגער, אויף אַן זיצונג״.

א מיליטערישער דזשיפּ האָט אויף אים געוואַרט אין דרויסן. אין שטאַב זענען געזעסן אומגעפער א טוץ אָפיצירן איינגעבויגענע איבער זייערע מאַפּעס. ער האָט זיך צוגעהערט, מער ווי ער האָט גערעדט, און זיין פנים איז געווען פאַרוואָלקנט. פון צייט צו צייט האָט ער צוזאַמענ־געדריקט די פויסטן. שליחים זענען אריין און ארויס. טייל קאָמאַנדירן האָבן געבראַכט דערמוטיקנדיקע באריכטן פון פראָנט. עס זענען אָבער אויך געווען באריכטן נישט קיין שטאַרק פריילעכע. אין לאַטרון האָט דער שונא א גאַנצע נאַכט באָמבאַדירט די יידישע פּאָזיציעס, און דער אייג־ציקער האַרמאַט וואָס די הגנה האָט פאַרמאָגט איז פאַרנומען געוואָרן דורך די אראַבער. פלוצים האָט זיך דערהערט א זשומען פון אַן עראָפּלאַן. בן־גוריון איז צוגעלאָפן צום פענסטער. דער עראָפּלאַן וואָס איז געפלויגן נידעריק האָט זיך פאַרקירעוועט אויף צפון. עמיצער האָט מודיע געווען: „אַן ענגלישער עראָפּלאַן״. איינער האָט באַמערקט: „ווייזט אויס אַז די ענגלענדער גייען טאַקע אויף אַן אמת״.

ידין האָט פאָרגעשלאָגן, אַז בן־גוריון זאָל ארויסגעבן אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג, זי זאָל צוגרייטן בונקערס, מאַכן אָקאָפּעס און העלפן מאַכן באַפעסטיקונגען.

דער „אַלטער״ איז צוגעטרעטן צו דער ארבעט.

מיטאָג־צייט איז ער געפאָרן אין א דזשיפּ אהיים. פּאַלאַ האָט אים געעפנט די טיר.

„וואָס הערט זיך?״.

ער האָט אין קורצן דערציילט.

אין קיך האָט געוואַרט טשערטאָק. בשעת בן־גוריון האָט זיך דער־כאַפּט דאָס האַרץ מיטן ביסל גרינס וואָס פּאַלאַ האָט אָפּגעקאָכט, האָט ער ארויסגעזאָגט די מיינונג פון א ספּעציאַליסט פאַר אויסלענדישער פּאָליטיק: גענעראַל מאַרשאַלס קעגנערשאַפט צום פּראָקלאַמירן די זעלבסט־שטענדיקייט וועט נישט דערגיין ביז צו א מיליטערישע אינטערווענץ. טשערטאָק האָט נאָך נישט באַוויזן ארויסצוגיין, איז אָנגעקומען עמוס בן־גוריון מיט זיין פרוי און זון. איצט איז ער געווען אן אָנפירער פון א גדוד, און ער האָט ארומגערעדט מיטן פאָטער די מעגלעכקייט פון א לופט־אָנגריף אין מאָרגנדיקן טאָג.

„פאַר וואָס זענען נישט פאַראַנען קיין בונקערס אין תל־אביב?", האָט דער פאָטער געפרעגט. „שוין א לאַנגע צייט ווי איך וואָרן קעגן דער סכנה פון באָמבאַרדירונגען פון דער לופט, אָבער קיינער הערט זיך נישט צו צו מיינע וואָרנונגען, אלע מיינען אז איך טרייב איבער מיט מיינע פינצטערע נביאותן".

זיין ענגלישע שנור האָט געפרעגט:

„איז עס אמת אז מיר האָבן בלויז איין האַרמאַט?".

בן־גוריון האָט געשמייכלט הערנדיק דאָס וואָרט „מיר". זי איז שוין מער נישט געווען קיין דרויסנדיקע צווישן א פרעמד פאָלק.

„מיר דערוואַרטן האַרמאַטן יעדן טאָג, און אויב זיי וועלן נישט אָנקומען וועלן מיר זיי מוזן צוגנבענען ביים שונא".

ער איז אריין אין צימער זיך איבערטוען, האָט אָנגעטוען א גראַ־באַטענעם אָנצוג, א ווייס העמד, שוואַרצע שיך און סקאַרפּעטן און א זייַ־דענעם טונקלען קראַוואַט. פּלוצים האָט ער אויסגעשריגן צו פּאָלען: „איז מען געפאָרן ברענגען דעם רב פישמאַן?".

דער רב פישמאַן, איינער פון די לאַטרון אַרעסטאַנטן, איז זייט צענד־ליקער יאָרן געווען פאַרבונדן מיטן קאַמף פאַר דער מדינה. ער האָט זיך איצט געפונען אין דעם באַלאַגערטן ירושלים. קיינער פון די ירושלימער האָט יענעם נאָכמיטאָג נישט געקאָנט קומען צו דער פייערלעכער צערע־מאָניע. אָבער בן־גוריון האָט געוואָלט, אז זיין אלטער גוטער פריינט זאָל זיין לעבן אים. מען דאַרף אים שיקן א „פּרימוס"־עראָפּלאַן. בן־גוריון האָט געזאָרגט פאַר איינצלהייטן און קלייניקייטן. צי וועט דאָס אָרט פון דער פאַרזאַמלונג זיין גענוג געשיצט און וואָס איז מיט שטולן? פענער, הערצלס בילד?

ער האָט טעלעפאָנירט צו שערפּן און האָט געהערט פון אים, אז ער האָט ערגעץ אין א קעלער געפינען א גרויס בילד פון שעפער פון „יודענ־שטאַאט", א באַנק האָט אים אויסגעבאָרגט א סטענסיל־מאשין, כדי ער זאָל קענען צוגרייטן פאר דער פרעסע קאָפּיעס פון א פּראָקלאמירונגס־מאַני־פעסט און פון די ערשטע באַשלוסן פון דער נייער רעגירונג.

דערנאָך איז אָנגעקומען א שליח פון גענעראַל־שטאַב. דער שעף פון שטאַב, דאָסטראָווסקי איז קראַנק געוואָרן און מ'האָט אים גענומען קיין חיפה אין שפּיטאָל אריין. די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס איז ביז איצט געלעגן אויפן שעף, וועט איצט ארויפפאַלן אויף ידינען. א בריטישע קריגס־שיף האָט געכאַפּט א שיף מיט געווער וואָס האָט זיך דערנעענטערט צו די ברעגעס פון תל־אביב, און האָט זי אוועקגעשלעפּט קיין חיפה.

ער האָט צוזאַמענגערופן דעם מלוכה־ראַט אויף א זיצונג 1 א זייגער. דער הויפּט ענין, וואָס האָט ארויסגערופן אינטערעס אויף דער דאָזיקער זיצונג איז געווען דער באַשלוס וועגן דעם נאָמען, וועלכן עס וועט טראָגן די נייע מדינה.

עס האָט ווער געפרעגט: „ווי וועט הייסן די נייע מדינה?"

„ישראל" האָט בן־גוריון געענטפערט, ארויסרעדנדיק דעם נאָמען מיט שטאָלץ.

מ'האָט שטאַרק רעאגירט.

בן־גוריון האָט געקלאַפּט מיטן האמער.

טשערטאָק און דער רב פישמאַן האָבן געשטימט פאר „ישראל". און אין פארלויף פון אייניקע מינוט איז די גאַנצע קעגנערשאַפט שוואַך גע־וואָרן. דערנאָך איז פאָרגעלייענט געוואָרן דער טעקסט פון דער אומאָפּהענ־גיקייטס־דעקלעראַציע.

איינער פון די חברים פון מפ"ם, די פּארטיי וואָס איז געווען פּראָ־סאָוויעטיש האָט ארויסגערוקט זיין קעגנערשאַפט צו די ווערטער: „און האָפנדיק צום גאָט פון ישראל און זיין דערלייזער". ער האָט געטענהט, אז די ווערטער אַנטהאַלטן אין זיך א באַליידיקונג פאר די פריי דענקנדיקע מענטשן אין לאנד, און האָט פארלאַנגט מען זאָל באַשליסן, צי ישראל וועט זיין א טעאָקראַטישע מדינה. בן־גוריון האָט א קוק געטאָן אויפן זייגער. אין וויינעקער ווי אין דריי שעה דאַרף זיך אָנהייבן דער אָפיציעלער פייערלעכער אַקט; אויב מען וועט זיך איצט אריינלאָזן אין א רעליגיעזן ויכוח, קען ער זיך פאַרציען גאַנצע טעג. בן־גוריון וועלכער האָט פאָר־געשלאָגן צו פאַרציכטן אויף „און זיין דערלייזער", האָט געשטעלט דעם

גאַנצן טעקסט צו דער אָפּשטימונג. ער איז אנגענומען געוואָרן מיט אַ גרויסער מערהייט. איצט האָט ער דעם טעקסט געשטעלט צו א צווייטער אָפּשטימונג, האָפנדיק, אז פארן כבוד פון דער היסטאָריע וועט ער אָנגענומען ווערן איינשטימיק. און ער איז טאקע אזוי' אָנגענומען געוואָרן.

ארויסגייענדיק פון זאל האָט הרב פישמאַן געפרעגט בן־גוריונען:

„ווען מיר טאקע דארפן קעמפן מיט די אראבער?"

בן־גוריון האָט געענטפערט: „יאָ".

„און צי האָבן מיר נאָך איין עראָפּלאַן צו קעמפן קעגן זיי, א חוץ יענע פארזשאַווערטע און צעקנייטשטע כלים?

דעמאָלט האָט דער אלטיטשקער רב דערציילט וועגן זיין נסיעה פון ירושלים:

„עס איז געקומען צו מיר א מענטש און האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט באַקומען א באפעל פון דעם צוקינפטיקן פרעמיער־מיניסטער, אז איך דארף מיטפאָרן מיט אים. ער האָט מיך געבראַכט אויף א פעלד, וווּ עס האָט זיך געפונען עפּעס אן אלטער און פאַרזשאַווערטער וואָגן".

דער רב האָט נישט דערמאָנט דאָס וואָרט „עראָפּלאַן", ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם „פייפער" וואָס האָט אים אריבערגעפירט. דער פליער האָט אים צוגעבונדן מיט שטריק, און זיי זענען „געפלויגן. אהין און אהער, אמאָל אויף צפון און אמאָל אויף דרום". ער איז געווען זיכער, אז די דאָזיקע נסיעה אויף א מרחק פון 65 קילאָמעטער לופט־וועג האָט זיך געצויגן שעהן־לאַנג. ער האָט נישט אויפגעהערט צו צווייפלען זאָגנדיק: „איך קען מיר נישט פאָרשטעלן דאָס באזיגן די אראבער מיט אזעלכע פארזשאַווערטע עראָפּלאַנען."

בן־גוריון איז אוועק אַהיים זיך אָפּרוען א שעה צייט. די גאַסן דורך וועלכע ער איז אדורכגעגאַנגען האָבן געווימלט פון מענטשן. זיי זענען געשטאַנען אין געדיכטע קרענצלעך און א סך פון זיי האָבן געהאַלטן צייטונגען, אין וועלכע עס איז דערציילט געוואָרן וועגן דער שלאכט ביי שער־הגיא, 40 קילאָמעטער אויפן וועג קיין ירושלים, וועלכע וועט דעצידירן, ווער עס וועט הערשן איבערן שאָסיי. די קאַפע־הייזער זענען געווען פול ביז צום לעצטן פלאץ. לאַסט־אויטאָס אָנגעלאָדענע מיט יונגע סאָלדאַטן, מענער און פרויען, האָבן זיך באוועגט איבער די גאַסן אין דער ריכטונג צום פראָנט.

ביי די קיאָסקן מיט פּאָמעראַנצן־זאַפט האָבן די געשעפטן געבליט. און אויך די יינגלעך ביים פארקויפן בלאָ־ווייסע פענער האָבן געהאַט א גרויסן

פדיון. ווען בן־גוריון איז אָנגעקומען אהיים האָט אים פאַלע איבערגעגעבן נאָך צוויי ידיעות. די שיף מיט געווער איז אָנגעקומען קיין חיפה, אָבער די ענגלענדער האָבן אויף איר נאָך נישט אדורכגעפירט קיין רעוויזיע, און ווייזט אויס אַז זיי וויסן נישט וואָס פאַר א מאַטעריאַלן זי פירט. עס איז אויך נישט דערהאַלטן געוואָרן קיין שום ידיעה וועגן די עראָפּלאַנען וואָס זענען באַשטעלט געוואָרן מיט עטלעכע וואָכן צוריק, אין איינעם פון די דרום־אמעריקאַנישע לענדער.

אייניקע מינוט פאַר 4 איז שוין פארן בנין פון מוזעאום געשטאַנען א ריי נייע און אויסגעפּוצטע אמעריקאַנישע אויטאָס, (וואָס זענען געדינגען געוואָרן ספּעציעל צו דער דאָזיקער געלעגנהייט).

דער סוד איז נישט געבליבן קיין סוד. די צוויי הונדערט איינגעלאַדענע האָבן אים נישט אָפּגעהיטן, און די מאַסן האָבן זיך פארזאמלט אין דער שכנותדיקער גאַס. פיל האָבן געטראָגן בלוי־ווייסע פענער, און האָבן פּיי־ערלעך באַגריסט יעדע פּערזענלעכקייט וואָס איז ארויס פון אַן אויטאָ. אין זאַל פון מוזעאום זענען אראָפּגענומען געוואָרן די בילדער. הערצלס בילד האָט זיך געפונען אויף דער טריבונע, ווו עס זענען געזעסן די מיטגלידער פון דער רעגירונג. פאַר זיי זענען געזעסן די מיטגלידער פון מלוכה־ראַט, די צוויי הויפּט רבנים פון תל־אביב, ביידע אין צילינדערס. די געסט, און ממש אַן ארמיי פון זשורנאַליסטן און פאָטאָגראַפן, א צאָל, וואָס האָט נישט געהאַט איר גלייכן ווען־עס־איז, אויף איין פּלאַץ, אין דעם טייל פון דער וועלט.

דריי פון די לינקע חברים פון מלוכה־ראַט זענען געקומען אין אָפענע בלוזעס און אָן קראַוואַטן, אָבער אויסער די דריי זענען אלע געווען אָנ־געטוען ווי געהעריק, ווי עס פּאַסט פאַר אזא פייערלעכע געשעעניש. בן־גוריון איז געווען דער לעצטער פון די אריינגעקומענע. ער האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א מענטש פול מיט קראַפט און ווירדע. די זשורנאַליסטן האָבן אנגעהויבן נאָטירן אין זייערע נאָטיץ־ביכלעך.

איינער פון די תל־אביבער קינסטלער, אָטאָ וואַליש, איז אריינגע־קומען אין געאייל, האַלטנדיק אין דער האַנט דעם זעלבסטשטענדיקייטס־מאַניפעסט. ער האָט שוין געהאַט פארענדיקט די באַצירונגען אויף דעם פּאַרמעט, אָבער נאָך נישט דערגאַנצט מיט ווערטער. דאָס דאַרף אָפּ־געלייגט ווערן אויף שפּעטער.

דערנאָך האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך דער מאַסע א מענטש אין האַקי

און האָט עפּעס איינגערוימט אויפן אויער דעם נידריק־געוואַקסיקן און דיקלעכן מאַן. דער קאָמאַנדיר פון דער הגנה, ישראל גלילי, איז ארויס פון זאַל צוזאַמען מיט נאָך א מיליטערמאַן. זיי האָבן זיך געטודעט. שפּעטער האָט גלילי עפּעס פאַרנאָטירט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, און האָט עס אי־בערגעגעבן בן־גוריונען, וועלכער האָט עס געלייענט און געשמייכלט.

ביז די פייערלעכקייטן האָבן זיך נישט פארענדיקט האָט מען די אנדערע באַטייליקטע קיין וואָרט נישט דערציילט וועגן אינהאַלט פון צעטעלע. אין מערבדיקן גליל האָט די יידישע ארמיי אָפּגעהאַלטן א ריזיקן נצחון, און איצט איז דער גרעסטער טייל פון דעם שטח אין די הענט פון דער הגנה. אין נאָענטן צימער האָט דער סימפאָנישער ארקעסטער פון דער שטאָט תל־אביב געשפּילט די „התקוה", וועלכע וועט זיך אויטאָמאַטיש פארוואנדלען אין דעם נאַציאָנאַלן הימן פון מדינת ישראל.

בן־גוריונס האַנט וואָס האָט געהאַלטן די זעלבסטשטענדיקייטס־מגילה האָט געציטערט. עס איז געווען קלאָר, אז ער האָט געפּרוּווט צו באהערשן זיין שטימע, עס זאָל זיך אין איר נישט הערן קיין מעלאָדראַמאַטישע ניואַנסן.

די פּראָקלאַמאַציע האָט אָנגעפאַנגען מיט דער יידישער געשיכטע פאַר טויזנטער יאָרן, און איז אריבער, פּסוק נאָך פּסוק פון דור צו דור, ביז צו הערצלען און די באלפור־טעג, די היטלער־תקופה, און ביים סוף צום דור פון בן־גוריונען און צו די אייביקע נביאים.

די יידישע מדינה וועט זיין באַזירט אויף פרייהייט, גערעכטיקייט און שלום. עס וועט אין איר הערשן פּאָליטישע און סאָציאַלע פרייהייט פאַר אַלע, אָן אונטערשיד פון ראַסע, געשלעכט און רעליגיע — פרייהייט פון געוויסן און פרייהייט פון קולט.

„ארץ־ישראל איז געווען דאָס לאַנד ווו דאָס יידישע פאָלק איז געקומען אויף דער וועלט..."

ישראל וועט צוזאמענארבעטן מיט דער אונ"א און וועט אָפּהיטן אירע פּרינציפּן. די הייליקע ערטער פאַר קריסטן און מאַכמעדאַנער וועלן גע־שיצט ווערן. די האַנט פון שלום איז אויסגעשטרעקט געוואָרן צו די אראבער אין גאָר דער וועלט.

בן־גוריון האָט געהויבן זיין שטימע. די טרערן האָבן געשטיקט די צושויער פון איבערגענומענקייט. אך, ווי לאַנג איז געווען דער וועג, און ווי שווער איז געווען דער פּרייז וואָס איז שוין באצאָלט געוואָרן.

„דעם היינטיקן אוונט, ערב שבת, ה' איר תש"ח, 14 מאַי 1948".

דאָס לייענען די אומאָפּהענגיקייטס־דעקלעראציע דורך בן־גוריונען האָט

געדויערט זיבעצן מינוט. איצט האָט ער פאָרגעלייענט די ערשטע געזעצן פון דער נייער רעגירונג. דאָס „ווייס־בוך" פון יאָר 1939 ווערט אנולירט. דעסגלייכן ווערן בטול און אנולירט אלע געזעצן וואָס באַגרענעצן די עליה און דאָס קויפן באָדן. אויסער די דערמאָנטע געזעצן בלייבן אלע אנדערע פאָרשריפטן פון דער מאַנדאַטאָרן־מאַכט אין קראַפט, ביז עס וועט קומען די צייט זיי אויסצובעסערן, אָדער צו שאפן אויף זייער פּלאַץ אן אנדערע, ריין־יידישע געזעצגעבונג.

די גרינדער פון דער נייער מדינה האָבן זיך אונטערגעשריבן אויף אַ פּאַרמעט, צו וועלכן עס איז געווען בייגעלייגט, אין מאַשין־שריפט, דער נוסח פון דער דעקלעראַציע. א זייגער 4 מיט 37 א האַלבע מינוט האָט בן־גוריון א קלאַפּ געטוען מיטן האַמער און אויסגערופן מיט א דראַמאַטי־שער שטימע:

„איך דערקלער די פאַרזאַמלונג פאַר געשלאָסן. די יידישע מדינה איז אַנטשטאַנען".

און ווען ער איז א שטאָלצער ארויסגעגאַנגען פון זאַל, מיט אַן אויפ־געהויבענעם קאָפּ און אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן, איז ער פארבייגע־גאַנגען לעבן אן ענגלישן זשורנאַליסט וועלכן ער האָט געקענט, און האָט צו אים א מורמל געטוען: „דו זעסט? מיר האָבן עס געמאַכט".

די פייערונג איז טראַנסמיטירט געוואָרן דורכן ראַדיאָ. גלייך האָבן מאסן־מענטשן זיך גענומען שטופּן לענגאויס די שדרות רוטשילד, בן־יהודה, אלענבי און הירקון גאסן. זיי האָבן פארפולט אלע קאַפעען און רעסטאָראַנען.

קומענדיק אהיים האָט בן־גוריון געזאָגט צו פּאָלען:

„איך פיל זיך ווי אן אבל צווישן חתנים".

ער האָט געטראַכט וועגן די פראָנטן.

באַלד האָט ער זיך איבערגעטוען; איז אריין אין די האַקי־בגדים און אין א דזשיפּ אוועק צום גענעראַל־שטאַב.

„וואָס הערט זיך אין דער הויפּט־שטאָט?".

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיינע מקורבים האָבן געהערט פון אים דאָס וואָרט „הויפּט־שטאָט" און נישט „ירושלים".

אין יענער נאַכט האָט ער און נאָך פיר מיניסטאָרן פון דער ארבעטער־פּאַרטיי געשיקט אַ טעלעגראַמע צו ד״ר ווייצמאַן, וואָס איז געלעגן אויפן קראַנקן־בעט אין ניו־יאָרק. אין דער טעלעגראַמע האָבן זיי אויסגעדריקט

זייערע ווּנטשן און דאַנק „דעם מאַן וואָס האָט מער ווי וועלכער עס איז אנדערער מענטש געטוען פאַר דער אַנטשטייוּנג פון דער יידישער מדינה״.

אין יענער נאַכט האָט ער געריעדט טעלעפאָניש מיט זיין טאָכטער גאולה. קיינער פון זיינע קינדער האָט נישט בייגעוווינט די פייערונג. עמוס האָט זיך געפונען אין זיין מיליטערישער איינהייט, רננה איז געווען אַ סטודענטין אויפן אוניווערזיטעט אין דעם באַלאַגערטן ירושלים, און גאולה האָט נישט געקענט פאַרלאָזן איר דריי־חדשימדיק קינד. בן־גוריון האָט איר געשילדערט דעם גאַנג פון דער פייערונג און זי האָט שפּעטער איבערגעגעבן אירע פריינט:

„ער האָט געשטראַלט פון גליק, ווי נאָך קיינמאָל נישט״.

איידער ער איז געגאַנגען שלאָפן איז אָנגעקומען אַ ידיעה דורך די געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע פון דער הגנה, וועלכע האָט זיך געפונען אין שכנות פון גענעראַל־שטאַב.

יעקב ינאַי, דער קאָמענדאַנט פון דער הגנהס סיגנאַליזאַציע־איינהייט, האָט צופעליק אויפגענומען די ידיעה. דאָס איז געווען אַ בקשה צו בן־גוריונען ער זאָל טראַנסמיטירן זיינס אַ רעדע פאַר אַמעריקע.

ינאַי האָט די זאַך איבערגעגעבן צו איינעם פון בן־גוריונס געהילפן.

„ס׳קומט נישט אין פראַגע. דער אַלטער איז שוין געגאַנגען שלאָפן״.

נאָך אַ פאָר שעה — אין ניו־יאָרק איז נאָך געווען גאַנץ פרי — האָט די הגנה אויפגענומען אַ ידיעה, אַז פרעזידענט טרומאַן האָט אָנערקענט די מדינת ישראל.

דאָס מאָל איז ינאַי נישט געגאַנגען אַרום־און־אַרום, דורך די „אָפיציעלע קאַנאַלן״, נאָר ער איז אַוועק דירעקט צו בן־גוריונען אויף שדרות קרן־קיימת און האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר.

פּאַלאַ בן־גוריון האָט אים געעפנט די טיר און מיט גרויס געבייזער אים געפרעגט: „מיט וואָס פאַר אַ רעכט מאַכסטו אַזאַ טומל, דו ווּעסט דאָך אויפוועקן בן־גוריונען, ער —...״

ינאַי האָט דערקלערט וואָס עס האָט פּאַסירט. זי האָט געזאָגט, אַז דאָס אַלץ גייט זי נישט אָן. קיין מענטש וועט נישט שטערן איר מאַן.

ינאַי האָט זיך געבעטן רחמים, ביז זי האָט אים דערלויבט אַרויפצוגיין צו בן־גוריונען. דער מענטש מיט דער זילבערנער טשופּרינע האָט זיך אויסגעגלייכט און אויפגעזעצט אויפן בעט, אַז ינאַי האָט אים — אַ שטאַרק געשפּאַנטער איבערגעגעבן די ידיעות, האָט ער אויסגעדריקט ספקות. „איך

גלויבט דאָס נישט!״, האָט דער אַלטער פריער אויסגערופן. אָבער זאָגנדיק דאָס איז ער גלייך אַרויס פון בעט.

„אויב די ידיעה שטימט, דאַרף איך טראַנסמיטירן אַ רעדע קיין אַמע־ריקע״. ער האָט אָנגעטון זיין מאַנטל אויף דער פּיזשאַמע, און פּאָלאַ האָט אים אויסגעפּונען זיינע שיך און סקאַרפּעטן.

פאָרנדיק אין אויטאָ צו דער ראַדיאָ־סטאַציע, האָט ער רויק געטראַכט וועגן דעם וואָס ער וועט זאָגן.

עס איז געווען 5 אַ זייגער מיט 20 מינוט אין דער פרי לויט דער תל־אביבער צייט (10.20 אין דער פאָריקער נאַכט, לויט דער ניו־יאָרקער צייט), ווען דער פּרעמיער מיניסטער האָט אָנגעהויבן זיין ראַדיאָ־אוידיציע קיין אַמעריקע. פינף מינוט שפּעטער האָבן פּלוצים אויפגעציטערט די פונדאַמענטן פון הויז ווו ער האָט טראַנסמיטירט, און פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ מעכטיקער אויפרייס. דער מיקראָפאָן האָט זיך געטרייסלט, און אין קאָנטראָל־צימער פון ראַדיאָ־אינזשיניער האָבן אויפגעבליצט די ליכטער.

בן־גוריון האָט איבערגעריסן אויף אַ מאָמענט, און דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט דער רויקייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַן אַלטן אויס־געפּרוּווטן קריגס־קאָרעספּאָנדענט:

„דער רעש וואָס איר האָט נאָרוואָס געהערט איז די דעטאָנאַציע פון באָמבעס וואָס זענען אין דעם מאָמענט געוואָרפן געוואָרן פון פיינטלעכע עראָפּלאַנען וואָס פליען איבער אונדזערע קעפּ״.

ביים שלוס פון דער רעדע האָט מען ינאין איבערגעגעבן דורכן טע־לעפאָן, אַז די מצרישע עראָפּלאַנען האָבן נאָרוואָס באָמבאַרדירט דעם פלי־פּלאַץ „דוב״ — דאָס געהיימע לופט־פעלד פון דער הגנה.

„איך מוז אהינפאָרן און זען מיט אייגענע אויגן די שאָדנס פון דער באָמבאַדירונג״ האָט בן־גוריון אויסגערופן. אין מאָמענט ווען זיי האָבן געהאַלטן ביים אַריינגיין אין ינאיס אויטאָ האָט זיך דערנענטערט אַן אויטאָ פון דער ריכטונג פון גענעראַל־שטאַב. ער האָט אים פאַרהאַלטן און דאָרט געפּונען ידינען.

„דו פאָרסט צום אַעראָדראָם?״

„יאָ״.

„איך וועל אויך פאָרן מיט דיר״:

„ביין״.

ווי א פֿאָטער א תקיף האָט ידין זיך געהאַלטן שטאָל און אייגן ביי זיין מיינונג: אז זיין הויפּט־קאָמאַנדיר מוז זיך אביסל אָפּרוען און זיך פֿאַר־בערייטן פֿאַר דעם דרוק און שפּאַנונג וואָס דערוואַרטן אים אין די נאָענטסטע טעג. ידין איז געפֿאָרן אליין.

אַ האַלבע שעה נאָך דער ערשטער באַמבאַרדירונג האָט זיך באַוויזן אַ בייע עסקאַדרע מצרישע עראָפּלאַנען וואָס איז געפֿלויגן איבער תל־אביב אין דער ריכטונג פֿון פֿלי־פּלאַץ „דוב“. ווען די עראָפּלאַנען האָבן זיך אראָפּגעלאָזט נידעריק, האָבן ידין און די אנדערע הגנה־לייט זיך אויס־געצויגן אויף דער ערד, ביז דער שטורם איז פֿארביי. און ווען די עראָפּ־לאַנען זענען פֿארשוווּנדן געוואָרן און ידין האָט זיך אויפֿגעשטעלט, האָט ער דערזען ווי א מענטש מיט זילבערנע האָר דערנעענטערט זיך צו אים.

„בן־גוריון?“

דער אלטער האָט געשמייכלט מעשה קונדס.

„ווי אזוי ביזטו דאָ אהערגעקומען?“

ווי א צעלאָזענער ייִנגל האָט דער הויפּט־קאָמאַנדיר דערציילט, אז נאָכדעם ווי ער האָט זיך געזעגנט מיט ינאי האָט ער געהייסן איינעם פֿון די פּאָסטנס וואָס שטייען ביי זיין הויז, ער זאָל אים פֿירן אויפֿן פֿלי־פּלאַץ, און ער איז טאַקע אָנגעקומען אין דער ריכטיקער מינוט.

דערווייל איז אָנגעקומען די צייט פֿון ארבעט. ער האָט געבעטן דעם שאָפֿער אים צוצופֿירן צום ברעג פֿון ים. טראַנספּאָרט־שיפֿן האָבן אָנגע־הויבן ארויסזעצן אויף דער יבשה — די ערשטע עולים וואָס זייער פֿוס האָט געטרעטן אויפֿן באָדן פֿון א פֿרייער זעלבסטשטענדיקער יידישע מדינה נאָך קרוב צוויי טויזנט יאָר. מיט רעכט האָט זיך פֿארלאַנגט, אז די דאָזיקע עולים זאָלן באַגריסט ווערן דורכן פּרעמיער מיניסטער פֿון א נייער נאַציע, ווען אפֿילו דער פּרעמיער האָט אונטער דעם מאַנטל געטראָגן א פּיזשאַמע.

און אז בן־גוריון איז ענדלעך געקומען אהיים, האָט אים שוין פּאָלאַ געהאַט פֿאָרגעברייט פֿרישטיק. זי האָט אויך געהאַט פֿאַר אים אייניקע בייעסן.

זיין אלטער פֿריינט יוסף באַראַץ, האָט געשיקט א דרינגנדיקע בקשה: ער זאָל אים שיקן הארמאַטן אויף צו פֿארטיידיקן דגניה.

די שיף מיט געווער וואָס די ענגלענדער האָבן געהאַט פֿארכאַפּט איז שוין באַפֿרייט און געפֿינט זיך אויפֿן וועג צוריק קיין תל־אביב.

בן־גוריון האָט טעלעפֿאָנירט צו גאולהן. ער האָט געטראַכט וועגן איר אין דער צייט פֿון דער באַמבאַרדירונג. צי האָט איר און דעם קינד נישט פּאַסירט

עפּעס שלעכטס? האָבן זיי געהאַט א גוטן בונקער ווו זיך צו פאַרשטעקן?
„קוש די קינדער אין מיין נאָמען".
דערנאָך איז געקומען ידין מיט א ביטערע מינע:
„דאָס מצרישע מיליטער איז אריבער די גרענעץ און באָמבאַדירט אונדזערע ישובים".
„מיר האָבן זיך אויף דעם געריכט".
„אויך דער אראבישער לעגיאָן מארשירט, און די סיריער".
„בעסער וועלן מיר אריינגיין אין גענעראל-שטאָב אריין".
ידין האָט מסכים געווען.
דער אַלטער איז ארויף אין זיין צימער, האָט אויסגעטון זיינע ביר־גערלעכע בגדים און אָנגעטון „קריגס-מלבושים" (באַטלדרעס).
ידין האָט געוואַרט.
פּאָלא האָט אָנגעהויבן וואשן דאָס געפעס.

קאפיטל פערצן

פון מאָמענט ווען עס זענען געפאַלן די ערשטע באָמבעס אויפן פּלי־פלאַץ „דוב" ביז צום וואָפנשטילשטאַנדס־אָפּמאַך, זיבן און צוואַנציק טעג שפּעטער, האָט דער פּרעמיער־מיניסטער בן־גוריון זיך נישט פאַרנומען מיט קיין שום אנדער זאַך, אויסער מיט קריגס־ענינים. פאַלא האָט אים געזען נאָר זעלטן. טיילמאָל פלעגט ער אריינפאַלן אין שטוב אריין כדי צו כאַפּן א פּאָר שעה שלאָף. עס זענען געווען נעכט אין וועלכע ער האָט זיך געלייגט אויף א קאַנאַפּע אין גענעראַל־שטאַב, כדי צו כאַפּן א דרימל. דאָס קליינע דרימל איז שוין דעמאָלט געווען א נויטווענדיקייט.

גלייך נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה האָט זאב שערף גע־פּרווּוט מיט אים רעדן וועגן אָרגאַניזירן וויכטיקע רעגירונגס־אָפּטיילונגען.

„מאַטער מיך נישט מיט די דאָזיקע ענינים", האָט בן־גוריון געזאָגט, אויפהויבנדיק די האַנט מיט אויפרעגונג.

„אָבער מיר מוזן דאָך אָרגאַניזירן א מלוכה־פאַרוואַלטונג".

„איך בין איצט נישט פאַראינטערעסירט אין אָט די ענינים", האָט בן־גוריון קאַטעגאָריש אָפּגעהאַקט.

שערף איז ארויס פון די כלים.

„אויב אזוי, ביזטו נישט קיין פּרעמיער־מיניסטער!"

אַנשטאָט זיך צו בייזערן, האָט דער פּרעמיער מיניסטער אָפּגעענטפערט:

„ביזט גערעכט. איך בין נישט קיין פּרעמיער מיניסטער, איך בין בלויז א הויפּט־קאָמאַנדיר. אין איצטיקן מאָמענט האָט קיין זאַך נישט קיין באַדייטונג אויסער — דאָס זיגן אין דער מלחמה. שפּעטער וועסטו מיך קענען מאַטערן אויך מיט די ענינים".

פופציק יאָר האָט ער געהאַט בלויז איין־און־איינציקן פאַרלאַנג, וועל־כער האָט איינגעשלונגען אלע זיינע כוחות — העלפן גרינדן א יידישע מדינה. איצט אז דער ציל איז דערגרייכט געוואָרן, האָט ער געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג — ער זאָל ראוי זיין דעם נאָמען וואָס ער טראָגט, צו קאָנען זיין דער ד ו ד פון זיין צייט, וואָס וועט צעשלאָגן דעם אראבישן גלית.

און דאָס איז אויך אן אמת געווען א גלית. אין יענעם שבתדיקן טאָג

אין חודש אייר זענען די ארמייען פון מצרים, לבנון, סיריע, עבר־הירדן און עיראק אַנגעפאַלן אלע צוזאַמען אויף ישראל, און זענען אריבערגע־גאַנגען די גרענעץ. די יינגלעך און מיידלעך פון דער הגנה האָבן זיי פאַר־האַלטן אין א סך פלעצער. פונדעסטוועגן האָט דער אראבישער גלית גע־דראָט זיי צו פארניכטן, און ער איז שוין, לפחות מיט איין פוס, געשטאַנען אויף דער יידישער ערד. בן־גוריון האָט זיך באפרייט פון די מלחמה־דאגות אויף א קורצער ווייל, כדי צו מאַכן א זשעסט פון חן און פריינטשאַפט. אכט־און־פערציק שעה נאָך דער מלוכה־פראָקלאַמירונג האָט ער צוזאַמענ־גערופן דעם מלוכה־ראַט, כדי אָפּצוגעבן כבוד דעם מענטש וואָס איז כמעט ווי פארגעסן געוואָרן אין דעם שנעלן און שטורמישן לויף פון דער געשיכטע.

בן־גוריון האָט עס פארטראַכט אויסצווויילן איינשטימיק חיים וויצ־מאַנען אלס דעם פרעזידענט פון דער צייטווייליקער ישראל־רעגירונג. ער האָט אָבער געוווּסט, אז אין די אויגן פון דעם שוואַכן און שטאַרק־ליידנדיקן בעמיקער וועט דער פאָרשלאַג זיין ליבער, אויב ער וועט געמאַכט ווערן דורך ד״ר פעליקס ראָזענבליט, וויצמאַנס נאָענטער פריינט זייט דער ער־שטער וועלט־מלחמה.

אין זיין רעדע פאַר דעם פאָרשלאַג האָט בן־גוריון נישט פאַרהוילן די חלוקי־דעות וואָס האָבן אין דער פארגאַנגענהייט געהערשט צווישן זיי ביידע. פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט, אז ער צווייפלט צו די פּרעזי־דענטשאַפט איז נויטיק וויצמאַנען, אָבער וויצמאַן אלס פרעזידענט איז א מאָראַלישע נויטווענדיקייט פאַר מדינת ישראל.

נאָך דעם ווי די טעלעגראַמע איז אָפּגעשיקט געוואָרן, איז בן־גוריון אָוועק צוריק אויפן קאַמפּס־פּלאַץ. איינמאָל ביינאַכט איז אין הויפּט־קוואַר־טיר אָנגעקומען א שליח און האָט געבראַכט א קאָנווערט מיט פארכאפּטע דאָקומענטן, וואָס זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיש. אין איינעם פון די דאָקומענטן האָט זיך געפונען א „צייט־קלענדאר״: „חיפה וועט פאַלן דעם 20 מאַי, תל־אביב און ירושלים וועלן פארנומען ווערן מיט פינף טעג שפּעטער. דעם 25 מאַי וועט דער מלך עבדאללא אריין אין דער הייליקער שטאָט, און אין איר וועט ער געקרוינט ווערן אלס מלך פון גאַנצן לאַנד וואָס וועט זיין אין די הענט פון זיין מיליטער.

בן־גוריון האָט געביילט די פויסטן לייענענדיק דעם דאָקומענט.

ירושלים האָט גורם געווען נאָך איין הארבן קריזיס אין זיין לעבן. די אונ״א האָט געפאָדערט זי זאָל פראָקלאַמירט ווערן אלס אן אינטער־נאַציאָנאַלע שטאָט. ער האָט אָנגענומען דעם פסק־דין. ווייזט אויס, אז דאָס

וועט זיין דער פרייז וואָס ער און זיין פאָלק וועלן דארפן באַצאָלן פאר דער מדינה. אָבער ווען די אראבער זענען באפאלן און האָבן געפרואווט פארוואנדלען ירושלים אין אן אראבישער שטאָט, און קיינער האָט נישט קיין ריר געגעבן מיטן פינגער, כדי זייער פלאַן צונישט צו מאכן, האָט ער דערפילט, אז די שטיקלעך פאפיר וואָס אנדערע האָבן שוין צעריסן, האָבן אויפגעהערט אויך אים צו פארפליכטן. ער האָט באשלאָסן, אז מען מוז באשיצן ירושלים און איר מאכן פאר א טייל פון דער יידישער מדינה, להכעיס די אראבער, די ענגלענדער, די אונ״א.

ירושלים איז אָבער געווען באלאגערט און אָפּגעשניטן פון דער מדינת ישראל. די פראגע איז געווען: ווי אזוי מאכט מען א „קאָרידאָר" אין דער שטאָט אריין? ער האָט געפאָדערט אָנצוהויבן א קאמף ביי לאטרון קעגן דעם אראבישן לעגיאָן, וועלכער האָט באַהערשט דעם שאָסיי ירושלים — תל־אביב.

כדי נאָכצוקומען זיין פארלאנג איז געגרינדעט געוואָרן די זיבעטע געפּאַנצערטע בריגאדע, און אירע מענטשן זענען ארייננגעוואָרפן געוואָרן אין קאַמף. די דאָזיקע „בריגאדע" איז נישט געווען קיין בריגאדע און איז נישט געווען געפּאַנצערט. פיל פון אירע סאָלדאַטן האָבן געדינט אין מי־ליטער נאָר אייניקע טעג. אַ טייל פון זיי זענען געווען עולים חדשים, וואָס זענען געקומען אין לאנד אריין ערשט פאר עטלעכע וואָכן. זיי האָבן גערעדט אויף זיבעציק לשונות. דריי טעג נאָכדעם ווי מען האָט אלע צוגעטיילט צו איין איינהייט, האָט מען זיי געשיקט קיין לאַטרון, און נאָר נאָכדעם ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, די סאָלדאַטן האָבן נישט געהאַט קיין וואסער־מענאַשקעס, האָט מען געמוזט אָפּלייגן די אָפּענזיווע אויף פיר־און־צוואַנ־ציק שעה.

ידין איז געווען איבערצייגט, אז דאָס איז געווען אַ טעות. ער האָט דיסקוטירט מיט בן־גוריונען ביז צווייַ א זייגער ביינאַכט, און אין א געוויסן מאָמענט האָט ער אזוי שטאַרק א קלאַפּ געגעבן אויפן טיש, אז די גלעזער זענען צובראָכן געוואָרן אויף שטיקלעך.

בן־גוריון האָט ארויסגערופן דעם קאָמאַנדיר פון גדוד און האָט אים געזאָגט:

„דער גורל פון ירושלים ליגט אין דיינע הענט. מיינסטו אז דו וועסט קענען איינעמען לאַטרון?".

יענער האָט אָפּגעענטפערט:

„מיר וועלן אויספירן יעדן באפעל דיינעם".

בן־גוריון האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט. עס האָבן זיך געטראָגן ידי־עות וועגן וואָפנשטילשטאַנד; עס איז געווען ענלעך צו אַ שפיל מיט מוזיק־שטולן. מיטן מאָמענט וואָס די מוזיק וועט אויפהערן — ווען די אונ״א וועט אָנוואַרפן א וואָפנשטילשטאַנד — וועלן די ענטגילטיקע גרענעצן פון מדינת ישראל געצויגן ווערן לענגאויס די ליניעס, וואָס וועלן עקזיסטירן אין יענעם געגעבענעם מאָמענט. ווען דאָס פייער וועט פלוצים איינגעשטעלט ווערן, אויב דער וועג קיין ירושלים וועט ביז דעמאָלט נישט געעפנט ווערן, וועט פון זיי צוגענומען ווערן — און אויף שטענדיק — יעדע מעגלעכקייט צו פאָדערן אפילו א טייל פון דער הייליקער שטאָט.

די זיבעטע פאנצער־בריגאַדע האָט מארשירט פאַראויס אין אויטאָ־בוסן, זי איז אנגעקומען ביז אכט קילאָמעטער פאר לאַטרון, און האָט זיך געגרייט צו דער אָפענזיווע. די אָפענזיווע האָט זיך אָנגעהויבן מיט א פאַר־שפעטיקונג פון פיר שעה. דער גענעראַל־שטאַב איז געווען איפגערעגט אויף בן־גוריונען. ידין איז אוועק אויפן פראָנט און געשיקט א טעלעגראַמע:

„איך בעט אָפלייגן די אָפענזיווע אויף פיר־און־צוואַנציק שעה״.

ער האָט באקומען א קורצע תשובה:

„ניין!״.

אַזוי האָט די זיבעטע בריגאַדע אטאקירט אין יענער נאכט. האָט געליטן גרויסע פארלוסטן. אכט הונדערט טויטע און פארוואונדעטע און זי איז געווען געצוואונגען זיך צוריקצוציען.

צומאָרגנס ביינאַכט האָט בן־גוריון באפוילן די זיבעטע בריגאַדע זי זאָל נאָכאַמאָל פרוון, עס איז געווען נאָך א דורכפאַל.

דאָס איז נישט געווען סתם אזוי אן עקשנות. עס איז געגאַנגען אין ירושלים. עס האָט אין זיין עקשנות געשטעקט זיין בקיאות אין געשיכטע, זיין ליבע צו תנ״ך, און — די הילפסרופן וואָס זענען אָנגעקומען פון דוב יוסף, דעם מיליטערישן קאָמענדאַנט פון דער הייליקער שטאָט, „ירושלים הונגערט...״.

סוף סוף האָט ידין איינגעשפּאַנט צו דער דאָזיקער אויפגאַבע יגאל אלון, דעם בעסטן מיליטערישן קאָמאַנדיר וואָס דאָס מיליטער האָט פאַרמאָגט. עס איז געמאַכט געוואָרן די דריטע אָפענזיווע, און אויך זי איז דורכגעפאַלן.

לאַטרון איז קיינמאָל נישט איינגענומען געוואָרן, און זי געפינט זיך נאָך ביז היינט אין אראבישע הענט. אָבער אינעם רעזולטאַט פון בן־גוריונס

גרענעצלאָזן איבערגעבן זיך דער דאָזיקער אידעע, געפינט זיך היינט־צו־טאָג אַ טייל ירושלים אין מדינת ישראל. דער אראבישער לעגיאָן איז געווען געצוווּנגען אָפּצוציען אַ טייל פון זיינע מענטשן און הארמאַטן פון דער הייליקער שטאָט.

אין דער צייט וואָס דאָס מיליטער האָט זיך קאָנצענטרירט אויף לאַטרון, האָבן הונדערטער יונגע יידישע בחורים און מיידלעך געאַרבעטביים אויסהאַקן אַ פאַראַלעלן שאָסיי צום וועג לאַטרון־ירושלים. דער נייער שאָסיי איז געלייגט געוואָרן אויף אַן אָרט וואָס האָט זייט הונדערטער יאָרן געדינט אַלס אַ זייטן שטעגל פאַר אייזלען און שעפּסן. זיי האָבן פאַרברייטערט דאָס דאָזיקע שטעגל און עס פאַרבונדן פון ביידע זייטן מיטן הויפּט־שאָסיי.

זיי האָבן געאַרבעט אין דער פינצטערניש, ווייט פון אַ מענטשלעך אויג, ווי די ווייטקייט פון אַ הארמאַטן־שאָס. זיי האָבן אויסגעהאַקט אַ וועג פון צען קילאָמעטער דורך סקאַלעס און שטיין־בערגער, און על־פּי־רוב האָבן זיי דאָס געמאַכט מיט די אייגענע הענט. זיי האָבן דעם שאָסיי גערופן דער „בורמאַ וועג". ווען ער איז געעפנט געוואָרן פאַר באַוועגונג זענען איבער אים אדורך שווערע אָנגעלאָדענע לאַסט־אויטאָס, אַן אומאויפהערלעכער צוג מיט סטאַדעס בהמות און קאַראַוואַנען מיט מויל־אייזלען. אַן אומאויפהערלעכער צוג פון הונדערטער איינוווינער פון תל־אביב מיט זעק מעל אויף די פּלייצעס, זענען געקומען העלפן דער באַלאַגערטער הייליקער שטאָט אין איר שווערער לאַגע.

אין זכות פון בן־גוריונס עקשנות — וועלכע איז געווען אַ טעות פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט — איז ירושלים פאַרבונדן געוואָרן דורך אַ קאָרידאָר מיטן לאַנד, וואָס די אונ"אַ האָט אָנערקענט אַלס די יידישע מדינה.

אין פאַרלויף פון יענע זיבן־און־צוואַנציק מלחמה־טעג איז בן־גוריונס שנאה צו ענגלאַנד געשטיגן נאָך מער. „מיר מוזן זיך ענגער פאַרבינדן מיט דער וועלט, האָט ער פאָרגעלייגט דער רעגירונג, מחמת די מאַנדאַטן־מאַכט איז צו אונז אַזוי פיינטלעך, אַז זי האָט מודיע געווען דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּאָסט־פאַרבאַנד, אַז נאָכן 15 מאַי וועט פּאַלעסטינע אָפּגעמעקט ווערן פון דער מאַפּע".

דער ענין סאַראַפענד האָט אים נאָך מער פאַרביטערט. אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, וועלכער געפינט זיך 16 קילאָמעטער דרומדיק פון תל־אביב, האָבן די ענגלענדער געהאַט אויפגעשטעלט זייער גרעסטן מיליטערישן לאַגער אין לאַנד. נאָך פאַרן דערקלערן, אַז דער מאַנדאַט קומט צו זיין

סוף, האָט די יידישע אַגענץ פאַרגעלייגט אָפּצוקויפן דעם באָדן, די גע־בײדעס און די אויסשטאַטונג. אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט דאָס קאַבי־נעט־מיניסטעריום, נישט געבנדיק דערצו קיין שום באַגרינדונג — דעצי־דירט נישט צו באַשטעטיקן די טראַנזאַקציע. צום סוף איז סאראפּענד אוועק געגעבן געוואָרן א מתנה די אראבער.

אין א געוויסער נאַכט אין חודש מאַי, האָט בן־גוריון מיט נחת־רוח געלייענט די מעלדונג פון גענעראַל־שטאַב, אין וועלכער עס האָט זיך געזאָגט: סאַראַפּענד איז גענומען געוואָרן.

וויפיל פאַרלוסטן האָט אונדז דער נצחון געקאָסט?"

קיין מענטש האָט נישט געקאָנט אָנגעבן גענוי די צאָל פון די פאַר־לוסטן.

א וואָך נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה האָט בן־גוריון גע־שיקט אַן אַלאַרם־רוף צו מאַרקוס זיוו, א יונגער ענגלענדער וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין פיל שלאַכטן אין נאָענטן מזרח, אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט אים געבעטן זיך צו באַפרייען פון זיינע ענינים אין לאָנדאָן, אויף דריי־פיר חדשים, און קומען אין לאַנד אריין, כדי דאָ צו העלפן ביי דער רעאָרגאַניזאַציע פון קוואַרטיר און מאַגאַזין־בריגאַדע.

זיוון איז צוגעטיילט געוואָרן א צימער אין שכנות פון בן־גוריונען אין גענעראַל־שטאַב. יעדן טאָג פלעגן זיי זיך באַראַטן און דיסקוטירן וועגן מיליטערישע ענינים. בשעת די דאָזיקע געשפּרעכן פלעגט דער הויפּט־קאָמאַנדיר נישט איינמאָל אויסדריקן זיין באַגייסטערונג פאַר דעם בריטישן סיסטעם פון קריגס־פירונג.

ער פלעגט א סך מאָל אראָפּגיין דורכן קאָרידאָר אין קאַבינעט פון זיוון, כדי צו פרעגן אים וועגן ענגלישן שטייערן־סיסטעם, וועגן דעם ענג־לישן אופן פון ווירטשאַפטן, אָדער „ווי אזוי געשעט דאָס, אז א קאָנסערוואַ־טיווע רעגירונג און די „טרייד־יוניאָנס" זענען איינער מיט דעם צווייטן אין אזעלכע גוטע באַציונגען?".

נישט געקוקט דערויף וואָס אמעריקע, דער ראַטן־פאַרבאַנד און א סך קלענערע מדינות האָבן שוין געהאַט אָנערקענט מדינת ישראל, האָט לאָנ־דאָן נאָך אַלץ געשיקט אירע דיפּלאָמאַטישע דאָקומענטן אויפן אַדרעס: „צו די יידישע אַמטן אין תל־אביב". ענגלאַנד, גענוי ווי די אראבער, האָט זיך געהיטן נישט ארויסצוברענגען אויף די ליפּן דאָס וואָרט „מדינה".

די יידישע פּאָסט האָט די בריוו צוריקגעשיקט מיט א צושריפט: „דער אַדרעסאַט איז נישט באַקאַנט".

דאָך האָט איינמאָל בן־גוריון געזאָגט צו זיוון:

„איך האַלט אז ענגלאַנד איז דאָס ציוויליזירטסטע פאָלק אויף דער וועלט".

זיווס ערשטער מיליטערישער איבערזיכט האָט פאַרנומען פופצן זייטן מאשין־שריפט. איינמאָל אין אָוונט האָט בן־גוריון גענומען מיט זיך דעם דאָקומענט אהיים און האָט אים אויף צומאָרגנס גאנץ פרי געבראַכט צוריק. ער האָט אים ווארשיינלעך שטודירט שעהן־לאנג אין בעט, ווייל ער האָט געדענקט יעדן פּרט.

„קארגסט נישט קיין קריטיק, מארקוס".

„יאָ", האָט דער יונגער מאַן געענטפערט. „איך ווייס דערפון".

„דו קריטיקירסט שאַרף מיינע מענטשן פון גענעראַל־שטאַב".

„איך ווייס דאָס".

„און אויך קעגן דעם הויפּט־קאָמאַנדיר".

„יאָ".

„און דו ווייסט דאָך, אז איך בין דער הויפּט־קאָמאַנדיר?"

„זיכער, מיין הער".

דער מענטש מיט די זילבערנע האָר האָט זיך אנגעלענט אויפן שטול, און ער האָט געזאָגט כמעט מיט טרויער:

„מארקוס, שוין באלד צוויי־און־זעכציק יאָר, בין איך א מענטש פון פרידן. דו מוזט מיר דערלויבן צו מאכן אייניקע פעלערן אין די ערשטע פּאָר חדשים פון מיין קריגס־לעבן".

אין איינעם א טאָג האָט זיוו דערקלערט דעם הויפּט־קאָמאַנדיר, אז מען דאַרף אויסלאָדענען אין תל־אביב דעם באַגאַזש פון אייניקע לאַסט־שיפן, כדי דערמיט צו שאפן אן אינטערנאַציאָנאַלן פּרעצעדענס.

„עס איז דאָך נישטאָ קיין געזעץ וואָס גיט מיר דאָס רעכט צו באַפעלן שיפן וואָס לאָדענען אויס אין חיפה, אז זיי זאָלן קומען קיין תל־אביב", האָט בן־גוריון געענטפערט.

דער יונגער זיוו האָט זיך אביסל געקווענקלט און האָט געענטפערט:

„ווינסטאָן טשערטשיל וואָלט שוין געפונען אן עצה":

בן־גוריון איז אויפגעשפּרונגען ווי א געביסענער פון א שלאַנג. דערנאָך איז ער צו צום טעלעפאָן, האָט ארויסגערופן עמוס לאנדמאנען, דעם דירעקטאָר פון הייפהער פּאָרט און האָט אים געזאָגט:

„הער, איך וויל אז פיר משא־שיפן וואָס לאָדענען אויס זייערע משאות אין חיפה זאָלן זיין דאָ אין תל־אביב, נישט שפּעטער ווי מאָרגן".

ווען דער פּאָרט־דירעקטאָר האָט אָנגעהויבן אויפצוקלערן פאַר וואָס דאָס איז אוממעגלעך, האָט בן־גוריון איבערגעריסן דאָס געשפּרעך. אויף צו־מאָרגנס זענען די פיר שיפן געווען אין תל־אביב.

זיוו איז געווען געצוווּנגען צו מאַכן עטלעכע דרינגנדיקע נסיעות קיין לאָנדאָן. יעדעס מאָל פאַר זיין אָפּפאָרן האָט בן־גוריון געזאָגט צו אים:

„מאַרקוס, איידער דו פאָרסט, וויל איך דיר געבן אַ רשימה פון איי־ניקע ביכער וואָס איך האָב נויטיק".

ווען זיוו האָט געפרעגט בן־גוריונען ווי אזוי וויים ער וואָס פאַר אַ ביכער עס זענען דערשינען, אין מיטן פון דער מלחמה, ווען ישראל איז אָפּגעשניטן פון דער וועלט, האָט דער הויפּט־קאָמאַנדיר זיך צעשמייכלט ווי אַ „פּיקוויניקישער־מלאך" און געשוויגן.

דער ערשטער וואָפנשטילשטאַנד איז אריין אין קראַפט נאָך זיבן־און־צוואַנציק קאַמפּס־טעג. דער אָפּמאַך איז צושטאַנד געקומען דורך דער פאַרמיטלונג פון גראַף פאָלקע בערנאַדאָט. אייניקע וואָכן פאַר דעם האָבן זיך בערנאַדאָט און בן־גוריון געטראָפן צום ערשטן מאָל אין גענעראַל־שטאַב אין דער אָנוועזנהייט פון משה שרת (אין דער צווישנצייט האָט טשערטאָק געענדערט זיין נאָמען אויף שרת) און ד"ר ראַלף באַנטש, דער נעגער וואָס איז געווען בערנאַדאָטס געהילף. דער בלאָנדער און הויכער שוועד, וואָס האָט געשטאַמט פון שוועדישן קעניגלעכן הויף, דער קולטור־מענטש פול מיט זעלבסטזיכערקייט, און דער יידישער תקיפותדיקער קורץ־געוויקסיקער מיניסטער, האָבן נישט געפונען, שוין פון זייער ערשטן צוזאַמענטרעף, קיין געמיינזאַם לשון. בן־גוריון האָט געקוקט מיט חשד אויף זיין גאַסט.

„איך בין נאָר געקומען וועגן דעם וואָפנשטילשטאַנד־פאָרשלאָג", האָט בערנאַדאָט געזאָגט אין זיין ענגליש מיט אַ סקאַנדינאַווישן אַקצענט, „איך קען זיך נישט פאַרנעמען מיט דעם גאַנצן פּראָבלעם וועגן דער צוקונפט פון פּאַלעסטינע".

אין זיין אופן פון זאָגן די דאָזיקע ווערטער איז געווען עפּעס אזוינס וואָס האָט בן־גוריונען אויפגעבראַכט, אָבער בערנאַדאָט האָט שוין פון זיין זייט געהאַט באַשלאָסן, אז דער יידישער פירער האָט ארויסגעוויזן „אַ שטאַרקע פאַרביטערונג".

„מיין רעגירונג האָט שוין צוויי מאָל מסכים געווען צו אַ באַדינגלאָזן

וואָפנשטילשטאַנד״, האָט בן־גוריון אויסגערופן, „די אראבער האָבן אים אָפּגעוואָרפן, און פונדעסטוועגן האָט דער זיכערהייטס־ראָט נישט ארויפ־געלייגט אויף די אראבער קיין שום סאַנקציעס״. זיי האָבן דיסקוטירט געוויסע טעכנישע איינצלהייטן, און דערנאָך האָט בן גוריון געזאָגט: „אויב עס וועט זיין א וואפנשטילשטאַנד וועט מען דארפן דערמעגלעכן די יידן וואָס זענען איצט אָפּגעריסן פון זייערע משפחות, זיך ווידער צו פאר־אייניקן״. און ווען בערנאַדאָט האָט געשוויגן און דערויף נישט געענטפערט, האָט בן־גוריון ממשיך געווען:

„מיין טאָכטער רננה געפינט זיך איצט אין ירושלים. איך וויל זי שטאַרק זען, איך האָב זי א שטיק צייט נישט געזען״.

בערנאַדאָט האָט שנעל געענטפערט:

„דווקא מחמת די אָפיציעלע פּאָזיציע אלס הויפּט־קאָמאַנדיר וועט דיר שווער זיין צו מאכן דעם דאָזיקן וויזיט״.

דער וויכוח האָט זיך געצויגן א שטיק צייט. צום סוף האָט דער פאר־מיטלער א קוק געגעבן אויפן זייגער און געזאָגט, אז ער מוז גיין. ער מוז זיין אויף א קאָנצערט אין תל־אביב. אין סאמע מיטן פון משא־ומתן וועגן וואָפן־שטילשטאַנד האָט בן־גוריון איבערגעלעבט זיין צווייטן ביטערן קריזיס.

דער וואָפנשטילשטאַנד איז שוין געווען ניין טעג אין קראַפט, ווען צו די ברעגעס פון ישראל האָט זיך דערנענטערט די שיף „אַלטאַלענאַ״. א סך מענטשן האָבן געוווּסט וועגן אָנקומען פון דער שיף. „אַלטאַלענאַ״ איז געווען אן אלטע לאסט־שיף, וועלכע מ׳האָט שוין געהאַט ארויסגעצויגן פון אומגאנג. זי איז געקויפט געוואָרן אין ברוקלין פאר פינף־און־זיבעציק טויזנט דאָלאַר דורך דער „ליגע פאר א פריי ארץ־ישראל״, אין שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער דראַמאַטורג בן העכט, און וועלכער האָט געוווּנען די אונטערשטיצונג פון א סך אָנגעזעענע אמעריקאַנער, צווישן זיי פיל נישט־יידן, וואָס האָבן געוואָלט ממשותדיק העלפן ישראל. אין דער אמתן, נאָך אן אמעריקאַנישער אָרעם אויף אדורכצופירן געלט־זאַמ־לונגען פאר אצ״ל.

אין פּאָרט־דע־בוק האָט „אַלטאַלענאַ״ אויפגעלאָדנט פינף הונדערט טאָן געווער און מיליטערישע אויסשטאַטונג, פאר וועלכע די ליגע האָט באַצאָלט פיר מיליאָן דאָלאַר, און די שיף איז אוועק קיין ישראל. אויפן וועג האָט זי באַקומען א ראַדיאָ־באַפעל זיך צוריקצוקערן, מחמת אינצווישן איז אונטערגעשריבן געוואָרן א וואָפנשטילשטאַנד־הסכם. דער צווייטער

באַפעל האָט מבטל געמאַכט דעם ערשטן. און דער דריטער באַפעל האָט פאַראָרדנט „אַלטאַלענאַ" צו אַנקערן אין כפר ויתקין, בערך פערציק קילאָמעטער צפונדיק פון תל־אביב. פיל מענטשן האָבן געוווּסט ווען די שיף וועט אָנקומען.

דער גראַף בערנאַדאָט און זיינע געהילפן — די וואָפנשטילשטאַנד פאַר־מיטלער מצד דער אונ"א, האָבן עס אויך געוווּסט. זיי האָבן באַקומען אַ פולן באַריכט פון פאָרט־דע־בוק וועגן דער לאַדונג וואָס די שיף האָט גענומען און וועגן דער צייט פון איר אָפּגיין.

בן־גוריונס וויצע־קריגס־מיניסטער, ישראל גלילי, האָט אויך געוווּסט וועגן אַלעם. ער האָט געהאַט מכוח דעם ענין איינציקע באַגעגענישן מיטן פירער פון אצ"ל מנחם בעגין. זיי האָבן באַהאַנדלט די פראַגע פון גע־ווער טראַנספּאָרט און וואָס מען דאַרף מיט אים טוען.

א פּאָר וואָכן פאַרן שלוס פון מאַנדאַט האָט אצ"ל אונטערגעחתמעט אַן אָפּמאַך, וואָס פאַרפליכטעט זיינע חברים זיך אונטערצוּוואַרפן דער הגנה און צו דינען אונטער איר קאָמאַנדאַ. בן־גוריונס ערשטער באַפעל נאָכן פּראָקלאַמירן די אומאָפּהענגיקייט האָט מבטל געמאַכט אַלע פּריוואַטע אַרמייען און האָט עטאַבלירט אַן אַרמיי אויפן ים, יבשה און אין דער לופט — אונטער דער קאָנטראָל פון דער רעגירונג. צוואַנציק טאָג פריער האָט דער אצ"ל מסכים געווען אָפּצושטעלן אַלע זיינע זעלבסטשטענדיקע אַקציעס צו דערגרייכן געווער און מיליטערישע אויסשטאַטונג. גלילי האָט געפאָדערט איבערצוגעבן דער רעגירונג דעם טראַנספּאָרט פון „אַלטאַלענאַ".

בעגין האָט געזאָגט, אַז אצ"ל סימפּאַטיקער האָבן געקויפט דעם טראַנ־ספּאָרט און האָבן פאַר אים באַצאָלט מיט זייער אייגן געלט, אַז די שיף איז דאָס אייגנטום פון אצ"ל, אַז זיינע חברים האָבן זי געבראַכט צום פּאָרט, און אַז ער, און נאָר ער, וועט דעצידירן וואָס עס וועט געשען מיטן געווער.

צום סוף האָט בעגין פאָרגעלייגט אַ פּשרה. 20% פונעם טראַנספּאָרט וועט ער שיקן קיין ירושלים, ער וועט באַזאָרגן מיט אַלעם בויטיקן די זעקס אצ"ל־באַטאַליאָנען וואָס האָבן געדינט אין דער הגנה. דאָס איבע־ריקע וועט ער איבערגעבן דער הגנה. לויט בן־גוריונס פאַראָרדנונגען האָט גלילי אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג.

דער ויכוח האָט זיך געצויגן כמעט ביז צום מאָמענט ווען די שיף האָט געאַנקערט אין כפר ויתקין; אין דער צייט וואָס די שיף האָט אַראָפּ־געלאָזן אויף דער יבשה די אַכט הונדערט פּליטים פון דייטשלאַנד, וואָס

זענען אויף איר ארויף אין פראַנקרייך, איז צווישן די צוויי צדדים פאַר־געקומען אַן אויסטויש פון א ריי אולטימאַטומס.

רעדנדיק פון גענעראַל־שטאַב האָט בן־גוריון זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שרעקלעכער סכנה פאַר דער עקזיסטענץ פון דער מדינה און אויף דער האַרבער געפאַר פון א ברידער־קריג.

עטלעכע אָפיצירן פון גענעראַל־שטאַב האָבן געוווסט ווי שטאַרק זיי בויטיקן זיך אין געווער, האָבן געפּרוווט פאַרלייגן פשרה־פאָרשלאָגן, אָבער בן־גוריון האָט זיך געהאַלטן שטאָל און אײַזן ביי זיין מיינונג, אַז קיין שום מדינה קען נישט דולדן, אַז בירגער אָדער פּריוואטע אָרגאַניזאַציעס זאָלן אריינפירן אין אירע גרענעצן אנגראָ־טראַנספּאָרטן פון ביקסן און מאַ־שין־געווער.

קיין כפר ויתקין איז אַלזאָ אוועק א באַפעל, אַז די „אַלטאַלענאַ“ דאַרף איבערגעגעבן ווערן דער הגנה. דערווייל איז א פינפטל פון טראַנספּאָרט שוין געווען אויסגעלאָדנט און אריבערגעטראָגן אויף דער יבשה. די אצ״ל־מענטשן האבן פאַרלאָזן זייערע מיליטערישע איינהייטן אויף פארשידענע פראָנטן כדי צוצוהעלפן ביים אויסלאָדענען. דאָס באַרמאַלע מיליטער איז געשטאַנען אויף דער וואך און געוואַרט אויף באפעלן. די משונהדיקע סי־טואַציע האָט אַריינגעבראַכט דאָס מיליטער אין א שטאַרקער פארלעגנהייט.

בערנאַדאָט האָט געשיקט איינעם פון די אונ״א אָבסערוואַטאָרן, כדי פעסטצושטעלן, אַז אין קעגנזאַץ צו דעם וואָפנשטילשטאַנדס־אָפּמאַך איז אָנגעקומען געווער. עס איז אָבער זיין שליח פארבאָטן געוואָרן איבער־צוטרעטן דעם שטח.

אין א וואַרעמען יוני־אָוונט האָט בן־גוריון צוזאַמענגערופן דעם מי־ניסטאָרן־ראַט אויף א אויסנאַם־זיצונג. ער האָט זיי קלאָר געמאַכט די לאַגע און האָט געבעטן, די רעגירונג זאָל באַשטעטיקן דעם באַפעל, וואָס ער האָט געפילט, אַז ער מוז אים ארויסגעבן.

זיינע מיניסטאָרן זענען נישט געווען אינגאַנצן איינשטימיק מיט אים. עס איז געווען ווי בן־גוריון האָט שפּעטער דעפינירט, א „יסודותדיקע דיסקוסיע“.

אָבער ער האָט געפּסקנט. אים איז קלאָר געוואָרן, אַז עס איז געקומען די שעה צו פאַרפעסטיקן די אויטאָריטעט פון דער רעגירונג, ווען אפילו דאָס וועט גורם זיין נחת־רוח די שונאים, און טרויער פאַר מיליאָנען יידן. אויב די וויזיע איז ווערט געווען דעם קאַמף און די האָפענונג אין משך פון צוויי טויזנט יאָר, איז זי זיכער ווערט געווען א געוואַגטע אַקציע, כדי

איר צו רעאַליזירן. מיט דער באַשטעטיקונג פון רוב אין דער רעגירונג האָט ער ארויסגעגעבן דעם באפעל, אַז דאָס מיליטער דאַרף אַנטוואָפּענען די אצ״ל־מענטשן אין כפר־ויתקין, און האָט אויך באפוילן דעם פלאָט ער זאָל פארכאפּן די „אַלטאַלענאַ״. ביידע, דאָס מיליטער און דער פלאָט האָבן באקומען דעם באַפעל זיך צו באַנוצן מיט געווער, אויב דאָס וועט נויטיק זיין.

דאָס אויסלאָדענען האָט זיך אָפּגעשטעלט. די „אַלטאַלענאַ״ איז אָפּגעשווומען צוריק אין באַגלייטונג פון צוויי פּאַטראָל־שיפלעך. עס האָט אויסגעזען ווי בן־גוריון וואָלט געהאַט אַ ניצחון אָן בלוט־פאַרגיסונג.

אָבער אויף צומאָרגנס אין דערפרי, נאָכדעם ווי די „אַלטאַלענאַ״ האָט געאַנקערט אין שכונות פון א האָטעל אין תל־אביב, ווו עס האָט זיך אויפגעהאַלטן בערנאַדאָטס שטאַב, איז א קליינע גרופּע אצ״ל־מענטשן אראָפּגעלאָזט געוואָרן אויפן ברעג און האָט געריכטעט אירע האַרמאַטן אין דער זייט פון דער שטאָט, און האָט דערקלערט, אַז זי נעמט נישט אָן קיין באַפעלן פון בן־גוריונען, פון דער רעגולערער ארמיי, פון דער אונ״א און פון קיינעם וואָס וועט זיך פארמעסטן צוצונעמען ביי זיי די שיף אָדער איר לאַדונג.

בן־גוריון האָט צוזאַמענגערופן זיינע מיניסטאָרן אויף נאָך איין אויסנאַם־זיצונג. ער האָט געבעטן א דערלויבעניש — און האָט זי אויך באקומען — צו שיקן אַן אולטימאַטום צו דער „אַלטאַלענאַ״: אונטערגעבן זיך אָדער עס וועלן אָנגעווענדעט ווערן „מיליטערישע מיטלען״. אין די פּאַרטאָגשעהן פון יענעם פרימאָרגן איז אויסגעבראָכן א ברידער־קריג. צוערשט האָבן די אצ״ל־לייט און די סאָלדאַטן מענער און פרויען געעפנט א שיסעריי איינער קעגן צווייטן.

דערנאָך איז דער פלמ״ח קאָמאַנדיר, יגאל אלון, איינגעלאַדן געוואָרן צום שעף פון גענעראַל־שטאַב. בן־גוריון אליין האָט אים געגעבן די באַפעלן. ער איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו ברענגען א האַרמאַט און צו צילן אין דער שיף מיט געווער. אז אלון איז אוועק האָט בן־גוריון ארויסגעגעבן א באפעל צו עוואַקואירן אלע איינוווינער פון ברעג ים. זיין אייגענע דירה האָט זיך געפונען נישט ווייט פון ים, האָט ער דעריבער אָנגעקלונגען אהיים און האָט פּאַולען דערקלערט די לאַגע.

„זאָג די שכנים זיי זאָלן פארלאָזן זייערע וווינונגען ביז די סכנה וועט פאַרביי. און פארגעס נישט אליין צו פארלאָזן די שטוב״. דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאר פּאָלא בן־גוריון וואָס זי האָט אויסגעפירט נאָר איין

העלפט פון איר מאנס באפעל: זי איז פון שטוב צו שטוב געגאַנגען און געוואָרנט די שכנים, און אליין איז זי דערנאָך אוועק אין קיך, כדי ווייטער זיך צו פאַרנעמען מיט איר שטוב־ארבעט. און נישט נאָר דאָס — וואָס איז אפילו געווען פאר איר כאראקטעריסטיש: אין יענעם נאָכמיטאָג האָט זי נישט געענטפערט דעם טעלעפאָן. „אך האָב מורא געהאַט טאָמער רעדט בן־גוריון. איך האָב געוווּסט אז ער וועט זיך באומרויקן פון מיין פארבלייבן אינדערהיים״.

אין די פריע נאָכמיטאָג שעהן האָט אלון געבערענגט זיין הארמאַט אין באַוועגונג. איין קויל האָט געטראָפן די שיף און האָט אונטערגעצונדן דעם גאַנצן טראַנספּאָרט געווער. דאָס בילד האָט אויסגעזען ווי א פייער־ווערק־שפּיל אין טאָג פון אמעריקאַנישן פרייהייטס־יום־טוב. די זיבעציק בחורים און מיידלעך וואָס זענען נאָך געווען אויף דער שיף האָבן גע־פּרוווט שווימענדיק דערגרייכן דעם ברעג.

פארנאַכט צו איז די צאָל דערהרגעטע און פארווונדעטע דערגאַנגען ביז הונדערט. צווישן די דערהרגעטע איז געווען אברהם סטאַווסקי, וועל־כער איז מיט פופצן יאָר פריער פארמשפּט געוואָרן פאר דערמאָרדן חיים ארלאזאראוון. ער איז געלעגן קוים עטלעכע שריט פון אָרט וווּ אַרלאָזאָראָוו איז געהאַט געפאַלן. סטאַווסקי איז געווען דער קאָמאַנדאַנט פון דער „אַלטאַלענא״ פון מאָמענט וואָס זי איז געקויפט געוואָרן אין ברוקלין.

תל־אביב איז געווען דערשיטערט, דערשלאָגן. דער וואָפנשטילשטאנד מיט די אראבער האָט געבראַכט מיט זיך אביסל דערלייכטערונג. פאר וואָס האָט געמוזט אזא זאך פאסירן!? אין דער צייט וואָס „אַלטאַלענאַ״ איז נאָך געשטאנען אין פלאַמען און אין די גאסן איז נאָך געווען צעטו־מלטקייט, האָט בעגין געהאַלטן, פון אצ״לס געהיימער ראַדיאָ־סטאַציע, א לאַנגע רעדע, אריינשרייענדיק, ביז הייזעריק ווערן, שבועות און קללות אין מיקראָפאָן אריין אין משך פון צוויי שעה צייט.

בן־גוריון האָט געקענט זיין פאָלק, און ער איז געווען זיכער, אז די דאָזיקע ראַדיאָ־רעדע וועט דעם אצ״ל נישט ברענגען קיין סימפּאַטיקער. און אז די מערהייט וועט אים אונטערשטיצן, אויב ער וועט איר ווייטער געבן א דרייסטע אָנפירערשאפט. ער האָט באפוילן אדורכצופירן ארעסטן פון אצ״ל־מיטגלידער. הונדערטער מענטשן זענען ארעסטירט געוואָרן. אויף צומאָרגנס איז ער דערשינען פאר דעם מלוכה־ראַט, נישט ווי איינער וואָס קומט זיך פארטיידיקן פאר זיינע מעשים. צוויי פון זיינע מיניסטאָרן

האָבן זיך אָפּגעגעבן אין דעמיסיע, האָפנדיק ארויסצורופן א באוועגונג קעגן אים. ער אליין איז געבליבן פעסט און שטאַנדהאַפטיק.

„דוכט זיך מיר אז איך געהער נישט צו די גרעסטע פחדנים אין ישראל, אָבער איך האָב זער מורא פאר א באוואָפנטער מינדערהייט... געווער — איז א מיטל אויף צו הרגענען מענטשן, פּראָסט און פשוט. געווער האָט נישט קיין שום אנדערע אויפגאבע... אָך און ווי צו דער מענטשהייט וואָס דאַרף פּראָדוצירן אזעלכע כלי־משחית...

„דאָרט וווּ עס איז פאראן א באוואָפנטע מינדערהייט — איז זיכער אז עס וועט פאַרגאָסן ווערן בלוט... און עס איז דורך זיי פארגאָסן געוואָרן יידיש בלוט... האָבנדיק פינף טויזנט ביקסן, איז דער גאנצער יידישער ישוב אָנגעוויזן אויף זייער חסד. אויב איר ווילט נישט אוועקהרגענען דעם ישוב, דאַרפט איר נישט קיין פינף טויזנט ביקסן. געבענטשט איז דער האַרמאַט וואָס האָט פארניכטעט די דאָזיקע שיף".

דער מלוכה־ראט האָט אים אויסגעדריקט צוטרוי מיט 24 שטימען, קעגן זעגען געווען 4. די צוויי דעמיסיאָנירטע מיניסטאָרן זענען נאָך א שטיקל צייט צוריק אריין אין דער רעגירונג. איינער פון זיי איז געווען הרב פישמאַן, דער אלטיטשקער פריינט פון בן־גוריונען, וועלכער האָט שוין געהאַט אזויפיל מאָל דעמיסיאָנירט, אז בן־גוריון האָט אים גערופן „דער דעמיסיע־מיניסטער".

פיל מענטשן האָט דאָס האַרץ וויי געטוען — יידן מאָרדן יידן אויפן ים־ברעג פון דער איינציקער שטאָט אין דער וועלט וואָס באשטייט פון בלויז יידן. און דאָס אין ערשטן חודש ווי די יידישע מדינה איז ענדלעך נאָך צוויי טויזנט יאָר, ווידער געבוירן געוואָרן. זער לאַנגזאַם האָט די וועלט אָנגעהויבן צו פארשטיין, אז בן־גוריונס שטאַנדהאַפטיקייט האָט אונטער־דריקט אָ פּאָטענציאַנעלן בונט און האָט איבערוועלטיקט א טעראָריסטישע אָרגאַניזאציע וואָס האָט באוויזן אין פערלויף פון א סך יאָרן העזהדיק זיך אקעגנשטעלן יעדן איינעם. עס איז איבערגעגעבן געוואָרן א מעלדונג דער וועלט, אז מהיום והלאה וועט מדינת ישראל זיין א לאנד פון געזעץ און אָרדענונג. עס וועט אין איר הערשן א פאראנטוואָרטלעכע רעגירונג, וואָס מאָנט, אז מען זאָל רעספּעקטירן און זיך אונטערוואַרפן אירע געזעצן.

אָט די דאָזיקע טאַט, וואָס בן־גוריונס קריטיקער האָבן זי גערופן: „בן־גוריונס ערשטער שווערער פּאָליטישער טעות", איז אין דער אמתן געווען די גלענצנדסטע פּאָליטישע האַנדלונג — און פון צייטס־שטאַנד־פּונקט איז זי אויסגעפירט געוואָרן אין פּאַסיקסטן מאָמענט פון זיין גאנצער

געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט — כל־זמן מען פילאָזאָפירט נישט איבער די מאָראלישע פּראָבלעמען פון צילן און זייערע מיטלען.

אין אָנפאנג יולי האָט זיך די מלחמה באַנייט. דאָס מאָל איז אויך צוגעשטאַנען סעוד־אראביע. דאָס הייסט — זעקס מדינות קעגן איינער, און נישט פינף, ווי עס איז געווען ביז איצט. דערווייל אָבער האָט ישראל שוין געהאַט א לופט־פלאָט וואָס זיינע עראָפּלאַנען זענען געשמוגלט גע־וואָרן פון אמעריקע קיין מעקסיקע, פון דאָרט זענען זיי אויף שיפן געבראַכט געוואָרן קיין טשעכאָסלאָוואַקיי, פונוואַנען זיי זענען דורכן נאָענטן מזרח איבערגעפירט געוואָרן אין לאַנד אריין — מיט דער הילף פון יונגע לופט־פליער פון אמעריקע, קאַנאַדע און אויסטראַליע, געווען צווישן זיי א טייל נישט־יידן.

דער פלי־פלאַץ לוד און די ארא‌בישע שטאָט רמלה, זענען איינגענומען געוואָרן, און נאָך זיי אויך נצרת. ישראל עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַדירט קאהיר און דמשק. ישראלס קריגס־שיפן האָבן באַשאָסן די לבנונישע שטאָט צור. דער „אומבאַזיגטער אראבישער לעגיאָן" איז אָפּגעשטויסן געוואָרן און האָט זיך צוריקגעצויגן. דער קאָרידאָר קיין ירושלים איז פארברייטערט געוואָרן.

נאָך צען טאָג קאַמפן, פון וועלכע די יידישע ארמייען זענען ארויס די זיגער, איז אונטערגעשריבן געוואָרן א צווייטער וואָפנשטילשטאַנד. בן־גוריון האָט אויף אים איינגעשטימט, טראָץ דער קעגנערשאַפט פונעם רוב פון זיינע מיליטערישע קאָמאַנדירן, אָבער אונטערן דרוק פון דער מערהייט פון זיינע פּאָליטישע יועצים.

אין יוני האָט דער פּרעזידענט טרומאַן באַשטימט דעם ערשטן דיפּ־לאָמאַטישן פארשטייער אין ישראל. בן־גוריון האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין ספּעציעלע סימפּאַטיע פאַר בארופס־דיפּלאָמאַטן, דאָס מאָל אבער האָט ער זיך שטאַרק געפרייט אויף דעם אויסוואַל. דזשעמס מאַקדאָנאַלד האָט ביז דעמאָלט נישט פארנומען קיין שום דיפּלאָמאַטישן פּאָסטן. ער איז געווען אַן אָפנהאַרציקער און פריינטלעכער מענטש פון מיטלען מערב, פון א סקאָטיש־דייטשער משפחה. ער האָט געלאַכט ווען ער האָט געזאָגט בן־גוריונען, אז ער „טראָגט נישט דעם דיפּלאָמאַטן־קראַוואַט וואָס עס טראָגן די סטייט־דעפּאַרטמענט מענטשן".

מאַקדאָנאַלד האָט נישט געמאַכט קיין סוד פון זיין פריינטשאַפט צו די יידן און צו דער יידישער מדינה. בן־גוריון האָט ליב געהאַט די אָפנהאַר־ציקייט און די אָנשטענדיקייט פון דעם שלאַנקן און הויכן (צוויי מעטערדיקן)

מענטש, וואָס זיינע האָר זענען געווען גרוי — פונקט ווי זיינע האָר — און ער פלעגט זיי קעמען מיט די פינגער, ווען זיי האָבן זיך אים צעלאָזן איבער די אויגן.

נישט רעכנענדיק זיך מיטן דיפּלאָמאַטישן פּראָטאָקאָל האָט אים בן־גוריון איינגעלאַדן אויף א גלעזל טיי צו זיך אין הויז, נאָך איידער ער האָט איבערגעגעבן זיינע אָפיציעלע באַפולמעכטיקונגס־דאָקומענטן. זייענדיק נאָך פארטיפט אין געשפּרעך, האָט זיך דערהערט דאָס געפּיף פון דער סירענע.

„א לופט־אָנגריף״, האָט פאַלא אין אויפרעגונג אויסגערופן. „אלע דאַרפן אריבערגיין אין צווייטן צימער וואָס האָט א שטאַרקן בעטאָנענעם סופיט און דינט אונדז פאַר א בונקער״.

בן־גוריון איז געגאַנגען אָן חשק.

„זיכער מצרישע עראָפּלאַנען. דער מצרישער פראָנט איז נישט ווייטער ווי זעכציק קילאָמעטער, דעריבער טרעפט עס, אז די עראָפּלאַנען קומען נאָך איידער מיר באַוויזן צו געבן דעם וואָרנונגס־סיגנאַל״. ער האָט ווייטער געפירט דאָס געשפּרעך מיט מאַקדאָנאַלדן, גלייך די לופט־באָמבאַדירונג וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען.

איינמאָל אין א זער הייסן זומער טאָג — וואָס יאָרן האָבן שוין אלטע לייט, אזא היץ נישט געדענקט — האָט פאַוועל יערשאָוו, דער אַמ־באַסאַדאָר פון ראַטן־פאַרבאַנד, איבערגעגעבן זיינע באַגלויביקונגס־פּאַפּירן. עס איז געווען בן־גוריונס ערשטער נסיון, אלס פרעמיער־מיניסטער, מיטן דיפּלאָמאַטישן פּראָטאָקאָל. די מומחים אין די דאָזיקע ענינים האָבן בן־גוריונען פארזיכערט, אז יערשאָוו און זיינע געהילפן וועלן דערשיינען אָפיציעלע שווער וואָלענע מונדירן, בן־גוריונס בגדים אלס הויפּט־קאָ־מאַנדיר — די וואָכעדיקע און די אָפיציעלע יומטובדיקע — זענען געווען אַ פּאָר אלטע האקי־הויזן און א האקי־העמד. אָבער אין אזא סאָרט „אוני־פאָרם״ האָט מען פאַר קיין פאַל נישט געקענט אויפנעמען קיין אַמבאַסאַדאָר. דעריבער האָט ער, שׂרת, דער צערעמאָניע־מייסטער און אלע מיטגלידער פון דער יידישער דעלעגאַציע, וואָס האָט אויפגענומען דעם אַמבאַסאַדאָר, אָנגעטוען — לויט אלע געזעצן און פאַרשריפטן, פייערלעך־יומטובדיקע מלבושים, ביז צו א שטייפן קראַגן און פאַסיקן קראַוואַט. די מענטשן פון מיליטערישן אַרקעסטער האָבן באַקומען דעם באַפעל צו דערשיינען אין קריגס־מלבושים — מיליטערישן „באַטל־דרעס״.

די צערעמאָניע איז פאַר בן־גוריונען געווען שטייף און נישט־אָנגענעם. די רוסן וואָס זענען נישט געווינט צו דער מדבר־היץ, האָבן כמעט גע־

חלשט בעת דער צערעמאָניע. אפילו די ישראלים האָבן זיך נישט געפילט מיט אלעמען. אָבער די צערעמאָניע האָט זיך געפירט לויט אלע פאָר־שריפטן ביזן סוף. ווי נאָר דער אָרקעסטער האָט פאַרענדיקט דאָס שפּילן זענען די רוסן אוועק.

א פּאָר טעג שפּעטער זענען געקומען דיפּלאָמאַטיש־אמעריקאַנישע באַאמטע ארומרעדן די איינצלהייטן פון מאַקדאָנאַלדס איבערגעבן זיינע באַגלויביקונגס־פּאַפּירן. בן־גוריון האָט זיך געפרייט ווען ער האָט געהערט, אַז מאַקדאָנאַלד האָט פאַרגעלייגט, „יעדער זאָל טראָגן זומער־מלבושים צו־געפּאַסט צו די היצן, צום טייוול דער פּראָטאָקאָל".

מאַקדאָנאַלד האָט נישט געהאַט קיין שום דערפאַרונגען אין אזעלכע ענינים, האָט אים זיין ערשטער ראַטגעבער טשאַרלז נאָקס, וואָס איז זיין גאַנץ לעבן געווען אין דיפּלאָמאַטישן דינסט, קלאָר געמאַכט די אָנגענומענע פּראָצעדור ביי אזעלכע צערעמאָניעס: אכט אָדער זעכסטנס, צען מינוט נאָכן פאַרענדיקן די פאָרמעלע צערעמאָניע מוז מאַקדאָנאַלד אוועקגיין. דאָס איז וויכטיק. אין צווישנצייט איז שטרענג פאַרבאָטן צו פירן ערנסטע געשפּרעכן.

מיטן פאַרענדיקן די אָפיציעלע זייט איז דערלאנגט געוואָרן לייכטער כיבוד — פּרוכט־זאַפט און קוכן. די נידעריקערע דיפּלאָמאַטישע באַאמטע פוןביידע צדדים זענען אריין אין א זייטיקן צימער, גענוי ווי עס שטייט אין פּראָ־טאָקאָל. זיי האָבן די צוויי פּאָליטיקער איבערגעלאָזן אליין.

בן־גוריון האָט אָנגענומען מאַקדאָנאַלדן ביים אָרעם, אים אוועקגע־פירט אין א זייט און געבעטן זיצן.

„איך האָף, אז דו וועסט פאַרגעסן דעם פּראָטאָקאָל און וועסט מיר דערלויבן צו רעדן מיט דיר אייניקע מינוט מיט אָפנהאַרציקייט", האָט מאַקדאָנאַלד געזאָגט.

בן־גוריונס אויגן האָבן געשיינט. ווייל קיין שום זאַך וואָס דער דאָזיקער הויכער מאַן וואָלט געקאָנט זאָגן, וואָלט בן־גוריונען נישט געקאָנט פאַר־שאַפן קיין גרעסערן פאַרגניגן.

עס זענען פאַרביי פערציק מינוט און די צוויי מענטשן זענען נאָך אלץ געווען פאַרטיפט אין זייער געשפּרעך. שרת מיט נאָקסן האָבן אָנגעווענדט אלע דיפּלאָמאַטישע אָנדייטונגען כדי צו ברענגען דאָס געשפּרעך צו אַן ענדע.

אין סעפּטעמבער זענען בן־גוריונס חשדים לגבי דער פריינטלעכקייט פון בערנאַדאָטן באַשטעטיקט געוואָרן, ווען דער אונ"א־פאַרמיטלער האָט

פארענדיקט זיין פלאַן אויף צו מאכן שלום אין מיטלען מזרח. לויט דעם דאָזיקן פּלאַן האָט ישראל געדאַרפט פארציכטן אויפן גאנצן נגב, רמלה און דאָס נייע ירושלים. חיפה וועט פארוואנדלט ווערן אין א פרייען פּאָרט, לוד וועט ווערן א פרייער אעראָדראָם, און אלע אראבישע פליטים האָבן געדאַרפט באַקומען די דערלויבעניש זיך צוריקצוקערן אין זייערע היימען.

בן־גוריון איז געווען אין גענעראל־שטאָב דעם 17 סעפּטעמבער, ווען ער האָט באַקומען א טעלעפאָנישע מעלדונג פון ירושלים: „בערנאַדאָט איז דערמאָרדעט געוואָרן".

פיר מענטשן, וואָס זענען געפאָרן אין א דזשיפּ, האָבן בלאָקירט דעם וועג, און מיט סטענגען אין די הענט האָבן זיי דערמאָרדעט בערנאַדאָטן און נאָך איין פראַנצויזישן אונ"א־בעאָבאַכטער, וואָס איז געזעסן צוזאַמען מיט אים אין דער מאַשין.

די פיר מענטשן אין האקי בגדים זענען אנטרינען געוואָרן, אָבער די שטערן־גרופּע האָט עפנטלעך דערקלערט, אז זי איז „פאַראַנטוואָרטלעך" פאר דעם מאָרד, און זי האָט ארויסגעשיקט וואָרענישן צו די פרעמדע קאָנסולאַטן אין ירושלים, דראָענדיק מיט ענלעכע מעשים קעגן יעדן איינעם וואָס וועט „וועלן שטרויכלען דעם ידישן נאַציאָנאַליזם".

בן־גוריון האָט זיך נישט געוואַקלט. די באַפעלן וואָס זענען ארויסגעשיקט געוואָרן פון גענעראַל־שטאָב צו דעם מיליטערישן־קאָמאַנדיר אין ירושלים זענען געקומען פון אים. עס זענען געגעבן געוואָרן פאַראָרדנונגען צו דער מיליטערישער פּאָליציי, דער בירגערלעכער פּאָליציי און דעם מיליטערישן קאָמענדאַנט פון ירושלים:

1) ארעסטירן אלע לח"י־לייט, 2) ארומרינגלען און פארכאַפּן אלע זייערע באַזעס, 3) שליסן די וועגן קיין ירושלים און פון ירושלים, און נישט דערלאָזן די שולדיקע אָדער פארדעכטיקע זאָלן אנטלויפן. 4) נישט אונטערנעמען קיין שריט קעגן אצ"ל, אויף וויפיל זיי וועלן זיך נישט אידענטיפיצירן מיטן מאָרד און וועלן נישט געבן קיין הילף לער לח"י.

אין דערזעלבער נאַכט האָט די רעגירונג באַשטעטיקט דעם פרעמיערס פארשלאַג, מען זאָל געבן דעם אצ"ל א טערמין פון נאָך דריי טעג, ביז דינסטיק מיטאָג, זיי זאָלן זיך אויפלעזן אלס מיליטערישע איינהייט. אין עפנטלעכע מעלדונגען איז באַשטימט געוואָרן א פרעמיע פון צוואַנציק טויזנט דאָלאר פאַר כאפּן בערנאַדאָטס מערדער.

דער אָנפירער פון דער שטערן־גרופּע, נתן פרידמאַן־יעלין, איז ארעסטירט געוואָרן אין חיפהער פּאָרט — אין מאָמענט ווען ער האָט געוואָלט

עוקר זיין פון לאַנד, און נאָך עטלעכע הונדערט מענטשן פון דער דאָזיקער גרופּע זענען ארעסטירט געוואָרן. דער אצ״ל האָט אָנגענומען דעם אולטי־מאַטום און זיך אונטערגעגעבן. די מערדער זענען נישט געכאַפּט געוואָרן. אָבער עס איז פאַרביי נאָך איין קריזיס פון וועלכן בן־גוריון איז ארויס מיט רום, ווי א וועלט־פּערזענלעכקייט. איצט האָט מען באַקומען פאַר אים דרך־ארץ אפילו אין ווייטהאָל, און זיין אייגן לאנד איז געשטאַנען פאראייניקט הינטער אים.

א געשיכטע וואָס איז אין יענע טעג דערציילט געוואָרן אין תל־אביב קאָן באַלויכטן אן אנדער פּראָבלעם, וועלכער האָט בן־גוריונען באומרויקט. אין א באַשטימטן טאָג האָט איינער פון זיינע געהילפן געזאָגט, אז די גרויסע צאָל פון ראדיאָ־ידיעות און טעלעגראַמעס וואָס קומען פון אמעריקע בלאָקירן און שטערן די גאַנצע פאַרבינדונגס־נעץ פון דער מדינה. בן־גוריון האָט אויף דערויף געענטפערט: „בעט מיינע פריינט אין חוץ־לארץ זיי זאָלן אלע נישט דרינגנדיקע עצות, ווי אזוי איך זאָל פירן די מדינת ישראל, מיר איבערשיקן נישט אויף אזעלכע דרינגנדיקע וועגן״.

צוויי וואָכן נאָך בערנאַדאָטס מאָרד איז ד״ר ווייצמאַן ענדלעך גע־קומען אהיים. טראָצדעם וואָס זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך געהאַט באַ־דייטנדיק פאַרבעסערט און ער איז געקומען צו זיך נאָך דער אָפּעראַציע אויפן אויג אין זשענעווע, איז ער דאָך געגאַנגען לאַנגזאַם. בן־גוריון האָט אים אונטערגעהאַלטן ביים ארויפגיין אויף דער טריבונע פון פּרעזידיום פון מלוכה־ראַט.

ווען ד״ר ווייצמאַן וואָלט געוואָלט ווערן פּרעזידענט מיט ברייטע פול־מאַכטן, לויטן אמעריקאַנישן סיסטעם, וואָלט דער פּרעמיער מיניסטער גע־שטאַנען פאַר נאָך א קריזיס.

בן־גוריון האָט געקוקט אויף ווייצמאַנען אלס פּרעזידענט פון מדינת ישראל, ווי אויף א פאַרעלטערטן מלוכה־מאַן, אומגעפער ווי דער פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק (פאַר דע־גאָלס פעריאָד — דער אי־בערזעצער), וואָס געניסט פון אלע מלוכה כבודים און האָט ווייניק־וואָס צו זאָגן אין אירע אָנגעלעגנהייטן.

ווען ווייצמאַן וואָלט געווען יינגער און וואָלט נאָך געהאַט אמביציעס צו מאַכן א פּאָליטישע קאַריערע, איז גאַנץ מעגלעך אז עס וואָלט געקומען צו אן אויפרייס צווישן זיי ביידע, מחמת מדינת ישראל האָט נאָך נישט געהאַט קיין קאָנסטיטוציע, און עס איז נאָך נישט געווען פעסטגעשטעלט ווער עס אונטערליגט די פּאָליטישע מאַכט.

אָבער בעת זיי זענען אזוי געגאנגען איינער לעבן דעם צווייטן, איז שוין קלאָר געווען, אז די מחלוקת צווישן זיי איז פארענדיקט. עס האָט אויסגעזען, אז בן־גוריון מאַכט זיך שוין גאָר נישט דערפון וואָס וויצמאַן איז אין פּיזישן זין העכער פון אים.

וויצמאַן האָט גערעדט וועגן דעם, ווי גרויס און הייליק עס איז פאר אים די דאָזיקע שעה. ער האָט אויסגעהערט און צוגענומען די ווערטער פון כבוד און פארערונג פון זיין פאָלק און איז אוועק צוריק אין זיין אינסטיטוט און אין זיין פּרעכטיקער וווינונג אין רחובות. בן־גוריון איז אוועק אין גענעראַל־שטאַב.

דער צווייטער וואָפנשטילשטאַנד איז נאָך געווען אין קראַפט, אָבער אלט־ירושלים האָט זיך נאָך אלץ געפונען אין אראבישע הענט. דעסגלייכן לאַטרון. און אויך דער וועג צום הר־הצופים, ווו די בנינים פון אוניווערזיטעט זענען געשטאַנען פארלאָזן און פארוואָרלאָזט. ירושלים איז נאָך אלץ געווען ארומגערינגלט פון שונא פון דריי זייטן. א ריזיקע אראבישע קלין האָט געשפּאָלטן מדינת ישראל אויף צוויי טיילן.

אויב עס וועט נאָכאַמאָל קומען צו מיליטערישע אָפּעראַציעס, האָט בן־גוריון געוואָלט, אז זיין מיליטער זאָל מאַכן נאָך א פּרווו צו באפרייען גאַנץ ירושלים.

„אויב מיר וועלן נאָך אמאָל פּרווון און וועלן אדורכפאַלן, וועלן די רעזולטאַטן זיין קאַטאַסטראָפאַלע", האָט געזאָגט דער יונגער ידין, דער שעף־פּאַרטרעטער פון גענעראַל־שטאַב. ער האָט געטענהט, אז מצרים איז דער הויפּט־שונא פון ישראל, און אין דער צווייטער רונדע וועט מען דארפן טוען אלץ וואָס עס איז נאָר מעגלעך, כדי צו צעברעכן דאָס מצרישע מיליטער.

בן־גוריון האָט צונויפגערופן א זיצונג פון גענעראַל־שטאַב. יגאל אלון, וועלכער איז אינצווישן באשטימט געוואָרן אלס קאָמאַנדיר פון דרום־פראָנט, האָט גענומען אין האַנט א ליניע און האָט אָנגעוויזן אויף דער מאַפּע:

„אויב מיר וועלן שלאָגן די מצרים אין נגב, וועלן מיר קענען אריינדרינגען קיין ירושלים דורך דער הינטער־טיר..."

ער איז געוואָרן אלץ מער אויפגערעגט סקיצירנדיק זיין פּלאַן: „מיר וועלן קאָנען אויסמיידן לאַטרון און איינברענגען זיך טייערע קרבנות... מיר וועלן קאָנען מאכן א קירצערן וועג... אָבער פאר אלעם מוזן מיר נעמען דעם נגב..."

אלון האָט געוווּסט, אז בן־גוריון איז שטענדיק גרייט זיך צוצוהערן צו די רייד פון א מענטש וואָס לייגט פאר א דינאַמישע אידעע, און די אקציע

„עשר מכות“ (אזוי האָט מען גערופן די נגב־אַקציע) איז אָן ספק געווען א דינאַמישע.

אז אלון האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין פראָנט אויפן נגב האָט ער זיין קליינעם עראָפּלאַן געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פאר יעדן איינוווינער פון נגב, וואָס איז געווען גרייט צו פאָרן אין גענעראַל־שטאַב און איבער־צייגן בן־גוריונען, אז „מען מוז עפּעס טוען“ כדי צו באפרייען דעם נגב.

אין אָקטאָבער 1948 איז די לאגע געווען אזא: די אונ״א האָט גע־פסקנט, אז דער גאַנצער נגב דארף געהערן צו דער מדינת ישראל, פּאַק־טיש אָבער, האָבן זיך פּופּצן טויזנט אראבישע סאָלדאַטן פארפעסטיקט אויף דריי פאסן אין נגב, און צווישן זיי — עזה און באר־שבע. ישראל איז געווען אבסאָלוט אָפּגעשניטן פון אירע ישובים אין נגב, ווייל דער איינציקער שאָסיי וואָס האָט פאראייניקט די מדינה מיט די יידישע פּונקטן איז געגאַנגען דורך איינעם פון די דריי דערמאָנטע פּאַסן. אויך מצרים האָט נישט געקאָנט שיקן קיין פּראָוויאַנט פאר אירע סאָלדאַטן אין בית־לחם, ווייל דער שטח דורך וועלכן דער שאָסיי פון מזרח קיין מערב איז אדורכ־געגאַנגען האָט זיך געפונען אין יידישע הענט.

אין רעזולטאט פון דער דאָזיקער לאגע איז אנטשטאַנען, מיט דער הילף פון דער אונ״א וואָפנשטילשטאנדס־קאָמיסיע, איינע פון די משונהדיקסטע אָפּמאַכן צווישן צוויי קעמפערישע צדדים: זעקס שעה אין מעת־לעת וועט מצרים דערלויבן די ישראל־קאראוואנען זיך באוועגן אויף צפון און דרום, און אויך ישראל וועט דערלויבן די מצרים זיך צו באוועגן זעקס שעה אין טאָג אויף מזרח און מערב.

מצרים האָט געבראָכן דעם דאָזיקן אָפּמאַך. דאָס האָט געגעבן בן־גור־יונען און דער ישראל ארמיי דעם תירוץ אויף אדורכצופירן די אונטער־נעמונג „עשר מכות“. דער אויסערן־מיניסטער, משה שרת, האָט זיך אקעגנ־געשטעלט מיט אלע כוחות דער אידעע פון באַנייען די קאַמף־טעטיקייט; ער האָט מורא געהאַט פאר דער רעאקציע פון דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט.

בן־גוריון אָבער האָט שוין געהאַט באוויזן צו לערנען דאָס טרויעריקע גע־זעץ אין דער וועלט־פּאָליטיק: „האוחז ביד איז די בעסטע תפילה“. לויט בער־נאַדאָטס פּלאַן האָט ישראל געזאָלט באַקומען דעם גאַנצן גליל, נישט דער־פאר וואָס זי האָט געהאַט מער רעכט אויפן גליל ווי אויפן נגב, נאָר דער־פאר וואָס זי האָט דעם גליל געהאַט אין די הענט.

דער פרעמיער־מיניסטער האָט פערזענלעך געגעבן דעם באַפעל אָנ־צוהויבן די אָפענזיווע.

די אַקציע „עשר מכות" איז געקרוינט געוואָרן מיט א פולן נצחון. באר שבע איז געפאַלן. אין משך פון איין וואָך זענען צעשלאָגן געוואָרן אַלע מצרישע אַרמייען מיטן אויסנאַם פון איין „קעסל" מיט צוויי טויזנט סודאַנישע סאָלדאַטן אין פאַלודזשאַ, אין צפונדיקן נגב, וואָס זייער קאָמענ־דאַנט איז געווען א יונגער און אומבאַקאַנטער מצרישער קאַפּיטאַן, נאַצער. דער קאַפּיטאַן איז געווען באַשעפּטיקט מיט שרייבן א בוך: „די פילאָזאָפיע פון דער רעוואָלוציע".

אין נאָוועמבער האָט בן־גוריון געהאַט די מעגלעכקייט אביסל צו ליי־ענען און צו שרייבן. אין איין אַרטיקל האָט ער ווידער אַמאָל אַריינגע־זאָגט די ענגלענדער, ער האָט דערקלערט, אז די ענגלישע אַרמיי, דער פלאָט פון ים און לופט, די גאַנצע ארץ־ישראל פּאָליציי, אַלע צוזאַמען מיט דער ענגלישער דיפּלאָמאַטיע און מיט אַלע קוועלן פון ענגלישן גע־היים־דינסט — אין דער אמתן די גאַנצע קראַפט פון דער ענגלישער אימ־פּעריע, זענען געווען מאָביליזירט און אַקטיוויזירט, כדי נישט צו דער־לאָזן יידן צו באַקומען געווער און זיי צו בארויבן פון זייערע רעכט צו זעלבסטפאַרטיידיקונג... אָבער טראָצדעם, וואָס די ענגלענדער האָבן באַוויזן צו געווינען אַנדערע מדינות פאַר זייער אידעע, צו בלאָקירן די יידן אויפן ים, האָבן זיי דאָך נישט געהאַט קיין גרעסערן דערפאָלג ווי די פלישתים"...

דער נצחון פון די „עשר מכות" איז געווען אַזוי גרויס, אז די ישראל־קאָמאַנדירן האָבן אָנגעהויבן צורעדן בן־גוריונען ער זאָל ריזיקירן נאָך איין מיליטערישע אָפענזיווע, כדי צו באַזייטיקן די קעגנערשאַפט פון שרתן און אַנדערע וואָס זענען דאָך געווען באַזאָרגט, צוליב דער עווענטועלער רע־אַקציע פון דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט. האָט מען פּראָוואָצירט מצרים אז זי זאָל אַליין אָנהויבן מיט פיינטלעכע קריגס־מעשים. דאָס איז געשען דורך דעם, וואָס מ'האָט נישט דורכגעלאָזט דורכן יידישן שטח קיין פּראָוויאַנט פאַר די איינגעשלאָסענע סאָלדאַטן אין „קעסל" פון פאַלודזשאַ. די מצרים האָבן געהאַט צוויי אויסוועגן: אָדער לאָזן איר קאַפּיטאַן מיט זיינע מענטשן אויסגיין פון הונגער, אָדער אַטאַקירן. זיי האָבן אַטאַקירט.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער „עין אַקציע". דער אַרכעאָלאָג יגאל ידין און דער פויער יגאל אלון זענען אויך דאָס מאָל געווען די שעפער פון פּלאַן און גלייכצייטיק זיינע אויספירער. עס איז אָפגעמאַכט געוואָרן אז אלון וועט אַרויס פון באר־שבע און וועט זיך וואַרפן ווי א שטורם אויף

דעם נגב־סיני גרענעץ, און וועט אין מארש פאַרניכטן יעדן מצרישן כוח וואָס וועט זיך פּרוּוון אים אַקעגנצושטעלן. ידין האָט געהאַט אין דער דאָזיקער אָפּעראַציע נישט נאָר א מיליטערישן אינטערעס, נאָר אויך אן אַר־בעאָלאָגישן. דער איינציקער וועג פון באר־שבע קיין מצרים איז געווען פול מיט מצרישע וואך־פּאָסטנס. ביידע זייטן פון שאָסיי זענען געווען וויסט און פאַרלאָזן, און נאָר קעמלען האָבן זיך געקאָנט אויף זיי באַוועגן.

אָבער דער אַרכעאָלאָג ידין האָט דורך א פאָטאָ־אויפנאַמע פון דער לופט אנטדעקט רעשטלעך פון אן אלטן רוימישן וועג, וואָס האָט אין א גראדער ליניע אדורכגעשניטן דעם מדבר.

ישראלדיקע אינזשיניערן זענען צוגעטרעטן צו דער אַרבעט און אין א קורצער צייט האָבן זיי דעם שאָסיי געבראַכט צו א מצב, אז עס האָבן זיך געקאָנט אויף אים באַוועגן לאַסט־אויטאָמאָבילן און לייכטע מיליטערישע אויסשטאַטונג.

קורץ פאר דער „נול־שעה" האָט ידין דערקלערט אין גענעראַל־שטאַב, אז ער פאָרט גלייך ארויס אין א דזשיפּ קיין באר־שבע. בן־גוריון האָט געזאָגט, אז ער וויל אויך מיטפאָרן, כדי צו זיין אַנוועזנד ביים אָנהויב פון דער אקציע. צוזאמען מיטן געהילף און דעם שאָפער זענען זיי אוועק אין א דזשיפּ. אזוי ווי עס זענען נאָך געווען שטאַרקע רעגנס און דער וועג איז געווען אין א שלעכטן מצב, האָט דער שאָפער באַשלאָסן אויסצומיידן דעם שאָסיי. צוקומענדיק צו א פּונקט, בערך 32 קילאָמעטער פון באר־שבע, זענען זיי שטיין געבליבן פאר אן אויסגעגאָסענער וואסער־וואַדי און מען האָט נישט געקאָנט אריבערפאָרן אין קיין אויטאָ.

„מיר מוזן בויען א בריק", האָט ידין דערקלערט. וואָס האָבן זיי געטוען?

דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, זיין שאָפער, דער הויפּט־קאָמאַנדיר און זיין אדיוטאַנט, זענען געגאנגען צוריק צו פוס ביז זיי זענען אָנגעקומען אין א פארלאָזענעם אראבישן דאָרף, קאוקאַבאַ, דורך וועלכן זיי זענען נאָר וואָס אדורכגעפאָרן. זיי האָבן אנגעהויבן ארויסרייסן פענסטער און טירן פון די דאָרפס־הייזער און זיי געשלעפּט ביז צו דער וואַדי. אָבער ווען זיי האָבן געפּרוּווט אדורכפירן דעם אויטאָ דורכן וואַסער, איז די מאשין געזונקען אין דער בלאָטע, מ'האָט זי נישט געקענט ארויסציען.

די שעה האָט געדריקט. די „עין־אַקציע" האָט זיך געדאַרפט אָט־אָט אָנהויבן. די פיר מענטשן זענען אוועק צו פוס אין דער ריכטונג פון הויפּט־שאָסיי, א מהלך פון אכט קילאָמעטער. בן־גוריון וואָס איז אלט געווען

טאָפּלט פון זיינע חברים, האָט ער שווער געאָטעמט און איז געווען אביסל מיד, אָבער ער איז נישט אָפּגעשטאַנען פון די אַנדערע.

אז זיי זענען אָנגעקומען צום שאָסיי האָבן זיי פארהאַלטן דעם ערשטן מיליטערישן אויטאָ. צופעליק איז עס געווען א מאַשין וואָס איז געגאַנגען קיין תל־אביב.

„ווילסט אזוי גוט זיין און אונדז ברענגען קיין באר־שבע?" האָט ידין געפרעגט.

„דו זעסט נישט אז...?" דער יונגער שאָפער האָט עפּעס געגרעדט און נישט פארענדיקט. ער האָט געריבן זיינע אויגן און פארלוירן דאָס לשון. ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען אַנטשולדיקונגס־ווערטער פאר דעם הויפּט־קאָמאַנדיר און דעם וויצע־שעף פון גענעראַל־שטאַב.

ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין באר־שבע האָט מען זיי דערציילט, אז אלע הייזער אין קאוקאַבאַ זענען פול מיט מינעס, און אז די האַנט פון דער השגחה האָט זיי געשיצט וואָס זיי זענען נישט צוריסן געוואָרן אויף שטיקער.

די „עין־אקציע" האָט זיך אזוי שטאַרק איינגעגעבן, אז אלון און זיינע מענטשן זענען אריינגעדרינגען טיף אין האלב־סיני אינדזל א סך פריער ווי לויטן פּלאַן. זיי האָבן איבערגעריסן זייער מאַרש געפינענדיק זיך צוועלף קילאָמעטער פון מצרישן שטאַב און פון דער מצרישער לופט־באַזע, און זענען שוין גרייט געווען אנצוהויבן אַן אָפענזיווע וואָס וואָלט באַפרייט דעם עזה־פּאַס און פּאַראַליזירט דאָס מצרישע מיליטער, אפשר גאָר אויף א סך יאָרן, ווען עס איז פּלוצים אָנגעקומען א באַפעל פון גענעראַל־שטאַב:

„שטעלט אָפּ אלע אָפּעראַציעס".

אלון האָט געזאָגט צו זיינע קאָמאַנדירן „זייט גרייט צו דער אָפענזיווע אויף מאָרגן אינדערפרי": ער איז אריינגעשפּרונגען אין זיין דזשיפּ און איז דורך דעם רוימישן וועג אוועק קיין באר־שבע. פון דאָרט איז ער אָפּגעפלויגן אין זיין עראָפּלאַן קיין תל־אביב.

ווען ער וואָלט געוווּסט וואָס עס האָט זיך געטוען אויף דער וועלט, אין דער צייט ווען ער האָט פּלאַנירט צו פארטיליקן די מצרישע חיילות, וואָלט ער מסתמא געווען ווייניקער איבעראַשט מיט דעם באַפעל אָפּצושטעלן די אָפּעראַציעס.

בן־גוריון איז אוועק צוזאַמען מיט זיין פרוי אויף עטלעכע אָפּרו־טעג נאָך דער אָנשטרענגונג. דער גענעראַלש־שטאַב האָט אים כסדר אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע, אָבער צווישן איין טעלעפאָן־געשפרעך און דעם

צווייטן איז גוט געווען איינצוקוקן זיך אין די בלאָע וואַסערן פון ים, צו לייענען א בוך, א הנאה צו האָבן פון א הייסער באָד.

שרת האָט טעלעפאָנירט א צעשטורעמטער: נאָר וואָס האָט אים באַזוכט מאַקדאָנאַלד און האָט אים פאָרגעלעזן א טעלעגראַמע אין געהיימען שיפער, וואָס ער האָט דערהאַלטן פון טרומאַנען.

דאָס ענגלישע אויסערן־מיניסטעריום (וועלכעס האָט נאָך ביז איצט נישט אָנגעקניפט קיין דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט ישראל) האָט געבעטן די פאראייניקטע שטאַטן איבערצושיקן ישראל א ידיעה, אז ענגלאַנד, שטיצנדיק זיך אויף עפּעס אַן אור־אַלטן אָפּמאַך מיט עגיפּטן, וועט דערקלערן קריג ישראל (אפילו ווען עגיפּטן וועט דאָס נישט פארלאנגען), אויב אירע זעלנער וועלן זיך נישט תיכף ומיד צוריקציען פון עגיפּטישן באָדן.

אויך אמעריקע אליין האָט פארלאנגט דעם ריקצוג פון ישראל־מיליטער, און האָט צוּוויסן געטוען, אז אויב די זאך וועט נישט גלייך אויסגעפירט ווערן, וועט וואַשינגטאָן זיין געצוווּנגען נאָכאַמאָל צו באטראכטן איר גאנצע באַציונג צו מדינת ישראל.

די אויפקלערונגען פון שרתן האָבן מאַקדאָנאַלדן נישט באַפרידיקט. ער האָט דעריבער געהאַלטן ביים מאַכן דעם לאַנגן און געפערלעכן וועג פון תל־אביב קיין טבריה, כדי פּערזענלעך צו רעדן מיט בן־גוריונען.

שפּעט ביינאַכט איז מאַקדאָנאַלד אָנגעקומען. ער איז אויפגענומען געוואָרן אין א קליין צימערל דורך דעם פּרעמיער־מיניסטער און זיין פרוי. זיי האָבן געשמועסט אנדערטהאַלבן שעה. בן־גוריון האָט פארזיכערט מאַקדאָנאַלדן, אז די ישראל־כוחות האָבן שוין באַקומען באפעלן זיך צוריקצוציען.

מאַקדאָנאַלד האָט געבעטן א מיליטערישע באַגלייטונג אויף דעם לאַנגן און געפערלעכן וועג צוריק. די עסקאָרטע איז אָנגעקומען, און דער שלאַנקער און קרעפּטיקער אמעריקאַנער איז אוועקגעפאָרן.

אלון האָט געטראָפן אין גענעראַל־שטאַב בלויז איין דיזשורירנדיקן אָפיציר. ער האָט אים געפרעגט: „ווו איז ידין?" — ער איז אוועק שלאָפן. אלון האָט אים אויפגעוועקט פון שלאָף.

„מיר פארלירן א וווּנדערבאַרע געלעגנהייט צו פארניכטן דאָס גאנצע מצרישע מיליטער", האָט אלון געזאָגט אין אויפרעגונג.

„דאָס איז נישט קיין מיליטערישע דעציזיע", האָט ידין געענטפערט. „דער פּרעזידענט טרומאַן האָט געדראָט, אז אויב מיר וועלן זיך נישט

צוריקציען פון סיני, וועט ער רעווידירן די אמעריקאניש־ישראלדיקע באציונגען".

„איך מוז זען בן־גוריונען", האט אלון געזאגט.

„ער איז אין טבריה".

אלון האט אויפגעוועקט שרתן פון שלאף.

„איך בעט דיך, לאז מיך נעמען אל־עריש".

„אוממעגלעך", האט שרת קורץ געענטפערט, „מיר האבן צוגעזאגט דער אמעריקאנישער רעגירונג און מיר קאנען פאר קיין פאל נישט ברעכן אונדזער צוזאג".

„טא לאז מיר רעדן מיטן אלטן".

ס'איז באשטעלט געווארן א טעלעפאניש געשפרעך מיט טבריה.

בן־גוריון האט שווייגנדיק אויסגעהערט אלונס אלע טענות, דערנאך האט ער אים געענטפערט מיט פיר ווערטער: „ריקצוג אין פיר־און־צוואנציק שעה", ער האט איבערגעריסן דאס געשפרעך און איז אוועק צוריק שלאפן.

אויך דאס מאל האט בן־גוריון געפרווט אויסצוגעפינען א פשרה־וועג צווישן דער בקשה פון זיינע קאמאנדירן — צו דערמעגלעכן זיי דאס פארטרייבן דעם שונאס מיליטער פון גאנצן ישראל־שטח און צו באשטראפן די אריינדרינגלער, אז זיי זאלן נישט וואגן נאכאמאל אנצוהויבן — און צווישן דער פארזיכטיקייט פון שרתן, וועלכער איז געשטאנען שטאל און אייזן אויף דעם שטאנדפונקט, אז איצט, נאכדעם ווי ישראל האט זוכה געווען צו זעלבסטשטענדיקייט, מוז זי זיך פירן ווי א פאראנט־ווארטלעכער מיטגליד אין דער פעלקער־משפחה.

מצרים האט געבעטן וואפנשטילשטאנד. ישראל האט מכים געווען און די קאמפן האבן גלייך אויפגעהערט. די מלחמה צווישן ישראל און די אראבישע לענדער איז געקומען צו א סוף.

ווען עס זענען אין ישראל איינגעארדנט געווארן די ערשטע וואלן צו דער כנסת, כדי אויסצוויילן הונדערט און צוואנציק פארלאמענט־מיט־גלידער, האבן איין־און־צוואנציק פארטייען ארויסגעשטעלט זייערע קאנ־דידאטן. דערמיט האבן זיי באוויזן, אז אלץ וואס איז געשען, איז נישט גענוג געווען צו דערשטיקן דעם אינדיווידואליזם און די פאליטישע אומ־אפהענגיקייט אין דער נייער מדינה. דאס האט באוויגן בן־גוריונען צו זאגן צו זיין פריינט מאקדאנאלד: „בעט פרעזידענט טרומאן אין מיין נאמען, ער זאל מיר אויסזאגן דעם סוד פון דעם צוויי־פארטייען רעזשים".

מפא"י, בן־גוריונס פארטיי, האט באקומען זעקס־און־פערציק פלעצער.

טאָפּלט ווי די צאָל פון יעדער אנדערער פּאַרטיי. בעגינס אָנהענגער, וואָס איצט האָבן זיי זיך גערופן „חרות״, האָבן באַקומען פערצן פּלעצער. צווישן די דעפּוטאַטן זענען געווען דריי אראבער און עלף פרויען.

די כנסת האָט אויסגעוויילט ווייצמאַנען אַלס פּרעזידענט, און איינע פון ווייצמאַנס ערשטע טעטיקייטן איז געווען, דאָס ארויפלייגן אויף בן־גוריונען די מיסיע פון שאַפן א רעגירונג. בן־גוריון האָט נאָך א משא־ומתן פון עטלעכע וואָכן, אויפגעשטעלט א רעגירונגס־קאָאַליציע צווישן דער מפא״י און די פיר רעליגיעזע פּארטייען און צוויי קליינע גרופּעס.

דער ארבעטער־פירער, דער וויזיאָנער, איז אַלזאָ געוואָרן דער ערשטער פּרעמיער־מיניסטער פון ישראל, און די וועלט האָט אָנגעהויבן ארויסווייזן פאראינטערעסירונג פאר דעם קורץ־געוויקסיקן משונהדיקן מענטש, וועלכער איז אדורכגעדרינגען מיט טיפן גלויבן אין דער צוקונפט פון א פאָלק, וואָס האָט געציילט נישט מער ווי זיבן הונדערט טויזנט מענטשן (פופציק טויזנט זענען צוגעקומען בעת דער מלחמה), וועלכע האָבן אונטער זיין אָנפירונג דערוואָרבן דאָס רעכט אויף א שטיקל מדבר, וואָס זיין שטח איז קלענער ווי דער שטאַט מעסעטשוסעס.

קאפיטל פופצען

בן־גוריון איז פון תמיד אָן געווען מער באליבט ביי מאָלערס ווי ביי סקולפּטאָרן. ווייל קיין מענטש קאָן נישט בולט ארויסברענגען אין שטיין, מעטאַל, אָדער אין האָלץ זיינע האָר, און דעם ספּעציעלן פונק פון זיינע אויגן.

שרייבער האָבן געפונען ווערטער צו באַשרייבן זיינע האָר. טייל האָבן זיי געשילדערט אלס שיטערע, וואָס גייען אויף פון זיין לישינע. אַנדערע האָבן זיי באַשריבן אלס „א בינטל ווייסע האר וואָס הויבן זיך אומדיס־ציפּלינירט אויף" און נאָך ווער האָט זיי באַצייכנט ווי לאַנג־געדיכטע האָר.

אָבער ווען זיי קומען שילדערן זיינע אויגן, זענען זיי זיך תמיד טועה. א קאָרעספּאָנדענט פון א ניו־יאָרקער צייטונג, א שרייבער פון אן אמעריקאַנער חודש־זשורנאַל, א דיפּלאָמאַט וואָס איז געוואָרן א שרייבער, און א מחבר פון סקעטשן פאַרן ראַדיאָ, וואָס האָבן געשריבן וועגן אים כמעט אין איין־און־דערזעלבער צייט, האָבן געשילדערט זיינע אויגן אלס „בלויע". אָבער אן אנדערער באַוווסטער שרייבער וואָס האָט געהאַט געשילדערט זיינע אויגן גלייך נאָך זיין באַזוך ביי אים, האָט זיי באַשריבן אלס „גרינע". אַ וואָכנבלאַט וואָס האָט געגעבן זיין בילד אויפן שער־בלאַט, האָט זיי אויף איין אָרט אָנגעגעבן אלס „ברוינע" און אויף א צווייטן פּלאַץ אלס „בלויע". קיינער פון זיי איז אין דעם נישט שולדיק. טראָצדעם וואָס זיינע אויגן זענען ברוינע, איז דאָך פאַראַנען אין זיי א גרין־בלויער גלאַנץ — ווי די פארב פון האַרטן מעטאַל. עס קוקט פון זיי ארויס א פריינטשאַפט, אָבער נישט קיין ווייכקייט. ווייכקייט און העפלעכקייט זענען נישט קיין שטאַרק באַראַקטעריסטישע שטריכן אין בן־גוריונס וועזן.

טיילמאָל, נאָכדעם ווי ער איז א ווײַלע פאַרזונקען אין מחשבות און אין לייענען, זענען זיינע אויגן אויס ווי די אויגן פון א דיכטער וואָס האָט זיך איינגאַנצן דיסטאַנסירט פון דער וועלט פון מאַטעריאַליסטישע באַטראַכטונגען.

זיינע גרויע און געדיכטע ברעמען הויבן זיך טיילמאָל אויף אַזוי ווי שטייפע בערשטל־האָר.

זיין קינבאַק זאָגט וועגן אַנטשלאָסנקייט, גלייך ער וואָלט געווען אויס־געהעמערט פון מאַרמאָר. זיין הויט פון פנים איז רויטלעך, כמעט ברוין־

געלבלעך. זיינע ליפּן דין און שטאַרק צוזאַמענגעדריקט, אָבער ווען ס׳איז קענטיק א באַרויקונג אין זיין אויסזען אין די אויגן הויבן אָן פינקעלן, איז דאַן זיין שמייכל באַצויבערנדיק.

זיין שטערן איז איצט צעאַקערט אין קנייטשן, און צוויי שאַרפע שטריכן קומען פון זיין נאָז צו די ווינקלען פון מויל.

זיינע דאַרע און דעליקאַטע הענט רוען קיינמאָל נישט בשעת ער רעדט. ער הויבט זיי אויף כדי צו קלאַפּן אין טיש, כדי זיך אָנצוהאַלטן אין דעם אָנלען פון שטול, אָדער אָנצוטייטלן אויף ווער אלס דעם שול־דיקן, אָדער כדי צו „פאַרמירן א געדאַנק״, גלייך ער וואָלט מיט די הענט אויסגעקנעטן אין ליים עפּעס א געשטאַלט. נאָר זעלטן זיצט ער גלייך אויף א שטול; אָדער ער איז איינגעבויגן צוהערנדיק זיך צו וועמען, אָדער ער איז איינגעבויגענערהייט. ווען מען זעט אים גיין, באַקומט מען דעם איינדרוק, אז ער גייט צו א באַשטימטן קלאָרן פּלאַץ און ער ווייס גענוי דעם ציל זיינעם.

מערסטנטייל רעדט ער — אפילו ווען ער האַלט א עפנטלעכע רעדע — אין ווייכע טענער, אין אן אָקטאַווע פון א געוויינלעך געשפרעך, ווי ער וואָלט געווען מיד.

ער קליידט זיך ווי עס געפעלט אים, אין אלגעמיין איז פאַר אים וויכ־טיקער די באַקוועמלעכקייט ווי די עלעגאַנץ. עס זענען געווען איניקע געלעגנהייטן, ווען ס׳איז אוממעגלעך געווען זיך צו באַפרייען פון א צילינדער, פון א יום־טוב אנצוג, אדער א סמאָקינג מיט א שוואַרצן קראַוואַט. אָבער זיינע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען פון די דאָזיקע געלעגנהייטן לאָזן נישט איבער קיין שום ספק, אז ער האָט געבענקט ווי אמשנעלסטן אריינצוגיין צוריק אין זיינע ברייטע הויזן, באַקוועמע שיך און אָפענער בלוזע. אין פאַרלויף פון 1948 האָט בן־גוריון געטראָגן דעם „באַטל־דרעס״. און נאָך יאָרן שפּעטער האָט ער אים נישט אויסגעטוען. ביז ער איז דערשינען אין א געוויסן אָוונט אין אן אמעריקאַנישן טעלעוויזיע־פּראָגראַם, אויף וועלכן אויך נאַצער איז דערשינען. א טייל מענטשן וואָס האָבן געזען דעם פּראָגראַם האָבן שפּעטער קריטיקירט בן־גוריונען פאַר וואָס ער האָט צו אָט דער געלעגנהייט זיך נישט אָנגעטוען „ווי א מענטש פון שלום״. פון דעמאָלט אָן האָט מען אים געזען אין „באַטל־דרעס״ נאָר אין זעלטענע פאַלן.

איניקע טעג נאָך דעם יום־העצמאות האָט ער געדאַרפט רעדן אויף א פאַרמיטאָג־זיצונג פון דער הסתדרות־קאָנפערענץ. ער האָט זיך אביסל פאַרשפּעטיקט, צום סוף איז ער אָנגעקומען, שוער אָטעמענדיק, אָנגעטוען

אין יום־טוב מלבושים, מיט א צילינדער און אין הענטשקעס. ער איז גע־קומען גלייך פון אן אויפנאַמע לכבוד א ניי־באשטימטן אַמבאַסאַדאָר. ווען ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער טריבונע און האָט אָנגעהויבן צו צעבינדן זיין קראַוואַט, האָט ער זיך אנטשולדיקט וואָס ער איז געקומען אין זיינע „ארבעטס־מלבושים".

אין מדינת ישראל ווייסט מען, לויט די מלבושים פון פּרעמיער מיניס־טער, ווען עס קומט אָן דער פרילינג און ווען דער האַרבסט. ווען מענטשן דערציילן, אז בן־גוריון איז דערשינען מיט אן אָפענער בלוזע, הייסט עס אז עס איז פרילינג, און אויב ער פארקנעפּלט די בלוזע איז א סימן, אז דער זומער איז שוין פארביי.

זיין געהאַלט אלס פּרעמיער־מיניסטער מאַכט אויס בערך פיר הונדערט דאָלאַר א חודש, ווייניקער ווי עס פארדינט א געוועגלעכער טאַקסי־שאָפער אין ניו־יאָרק. אין די צייטן פון שפּייזן־ראַציאָנאַליזירונג אין ישראל האָט זיך א פרוי געשטופּט צו זיין די ערשטע אין דער ריי, כדי צו באַקומען די חודשדיקע פּאָרציע עוף. אלע זענען געווען אויפגעבראַכט אויף דער פרוי, ביז ווער־עס־איז האָט זיך אָנגערופן: „מיינע דאַמען, דאָס איז בן־גוריונס שטוב־געהילפין, זי באַקומט באַצאָלט לויט דער שעה. בן־גוריון קאָן איר נישט צאָלן צו פיל, אויב איר זייט גוטע בירגער פון מדינת ישראל, דערמעגלעכט איר, זי זאָל זיין די ערשטע אין דער ריי".

דער פּרעמיער מיניסטער האָט נישט קיין אייגענעם אויטאָ. די רעגי־רונג האָט אים געשטעלט צו דיספּאָזיציע א גרויסע דאָדזש־מאַשין, א געניג אַלטע וואָס האָט נישט געהאַט קיין גרויסן ווערט. פונדעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן, אז די מאשין איז צו עלעגאַנט. ער האָט זי געוואָלט אויסבייטן אויף א דזשיפּ, האָט זיך זיין דאָקטאָר אריינגעמישט: „דער דזשיפּ וועט דיר שטאַרק שאַדענען צו דיין לאָמבאַגאָ קרענק".

„און ווי אזוי וועל איך קאָנען זיין א מוסטער פאר אנדערע רעגירונגס־באאמטע", האָט בן־גוריון געפרעגט, אויב אזעלכע ווי דו וועלן מיר דיק־טירן וואָס איך האָב צו טוען?".

מען האָט געמאַכט א פשרה. דער פּרעמיער מיניסטער האָט מסכים געווען אויף א קליינע מאַשין פון אייראָפּעישער פּראָדוקציע, נאָכדעם ווי מ'האָט אים פארזיכערט, אז זי וועט זיין ביליקער און וועט פארברויכן ווייניקער בענזין ווי דער דזשיפּ. אָבער ער וואָלט נאָך אלץ בעסער געוואָלט א דזשיפּ, וואָס איז נישט אזוי עלעגאַנט און גלאַנציק ווי אן אויסגעפּוצטע מאַשין.

די באַשיידנקייט אין טאָג־טעגלעכן לעבן — וואָס בן־גוריון פּרעדיגט, און איז איר אַליין מקיים, האָט כּמעט אוממעגלעך געמאַכט פאַר די ישׂ־ראלדיקע עקסטרעמיסטן צו אַנטוויקלען אידעאָלאָגישע שנאה. זי האָט צו־געהאָלפן שאַפן אַ געוויסע מאָס פון סאָלידאַרישקייט אין דער דאָזיקער מדינה מיט אַזויפיל שפּראַכן, פּאַרטייען און יידן פון פאַרשידענע וועלט־טיילן.

און דווקא בן־גוריון אַלס ערשטער פּרעמיער־מיניסטער, האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו דינען אַלס ביישפּיל פאַר אַנדערע, ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט, האָט ער דאָך געקאָנט באַדעקן זיין ברוסט מיט מעדאַלן, ווי טיטאָ האָט עס געטוען; אָדער באַצירן מיט זיין בילד די פּאָסט מאַרקעס און די מטבעות פון דער מדינה, ווי עס ווערט בקרוב טוען דער פּרעזידענט פון גאַנאַ; אָדער פאָרן אויפן חשבון פון דער מדינה אין פּרעכטיקע מאָדערנסטע לימוזינעס, וואָס זענען געשיצט קעגן קוילן און אין דער באַגלייטונג פון באַוואָפנטע וואַכן, ווי עס האָבן געטוען אַנדערע הערשער. ער האָט לכל־הפּחות געקאָנט זיך אַרומרינגלען מיט אַ ביסל פּראַכט און שיינקייט וואָס וואָלט געווען נאָר אַ קליינע פאַרגיטיקונג פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן, ווי פיל מאָדערנע מדינות האָבן זיך נוהג געווען צו געבן זייערע הערשער.

אָנשטאָט דעם האָט בן־גוריון געדינט אַלס ביישפּיל פון פּשטות, וואָס גרענעצט זיך כּמעט מיט מאָנאַסטירישער באַשיידנקייט פון אַ נזיר.

בן־גוריון האָט נישט קיין אינטערעס פאַר מוזיק, מאָלעריי אָדער סקול־פּטור. נישט איינמאָל פלעגט ער שיקן פּאָלען אויף אַ קאָנצערט אין דער געזעלשאַפט פון פרוי מאַקדאָנאַלד און ער אַליין איז אַריין אין בעט מיט אַ בוך אין האַנט. ווען דער אַמעריקאַנישער דיריגענט לעאָנאַרד בערנשטיין איז געקומען צום ערשטן מאָל אויף אַ באַזוך אין מדינת ישׂראל, האָט ער געזאָגט צו בן־גוריונען: „דאָסמאָל וועסטו מוזן זיין אָנוועזנד אויף אַ קאָנצערט".

ער איז טאַקע געגאַנגען אויפן קאָנצערט, ער איז נישט אַנטשלאָפן געוואָרן און זיך נישט געלאַנגווייליקט. אָבער ווי נאָר בערנשטיין איז אוועק, איז ער געגאַנגען צוריק צו זיינע ביכער.

איינמאָל האָט בן־גוריון פאַרבראַכט אייניקע טעג אין פּענסיאָן פון באַדנהיימער אין חיפה. אויף די ווענט פון זיין צימער האָבן געהאַנגען גרוי־סע בילדער, שאַפונגען פון מאָדערנע דייטשע עקספּרעסיאָניסטן. דער די־רעקטאָר פון פּענסיאָן וואָס האָט זיך גרויס געהאַלטן מיט זיינע בילדער,

האָט אים נאָך איניקע טעג געפרעגט: „ווי געפעלן דיר עפּעס די דאָזיקע בילדער?".

„וואָס?" האָט דער פּרעמיער מיניסטער געענטפערט.

„די זאַמלונג פון מיינע בילדער".

„ווי קען איך וועגן דעם עפּעס זאָגן, אז איך האָב נאָך נישט פארלאָזן דאָס צימער?".

„אָבער די בילדער הענגען דאָך ביי דיר אין צימער?", האָט געענטפערט דער דירעקטאָר, דערשטוינט אָבער נישט באַליידיקט.

אין צוויי טעג ארום האָט בן-גוריון איינגעלאַדן דעם דירעקטאָר.

„עס טוט מיר זער לייד, אָבער איך מוז דיך בעטן צוצונעמען די דאָזיקע בילדער, איך קען זיי נישט ליידן".

ער האָט קיינמאָל זיך נישט באַמיט צו מאַכן א רושם אויף מענטשן. זיי מוזן אים אויפנעמען אזוי ווי ער איז און אלס דעם וואָס ער איז. ער האָט קיין אינטערעס נישט פאר פילם און טעאטער. ער האַלט, אז זיי פארנעמען זיך אין אלגעמיין מיט פּראָבלעמען פון פערזענלעכן כאראקטער.

שאָך-שפּיל איז דאָס איינציקע שפּיל וואָס האָט אים אינטערעסירט. ער האַלט, אז זי שאַרפט דעם מוח. ער האָט קיינמאָל נישט ארויסגעוויזן קיין אינטערעס פאר סאַלאָן-מעסיקע געוועט-שפּילן אָדער קאָרטן-שפּיל. אויב ער גייט אין א געוועט, שטעלט ער איין זיין אייגן לעבן און דאָס לעבן פון הונדערטער טויזנטער אנדערע מענטשן. און ווען ער איז אריינגעטועז אין אזא געוועט איז ער מוטיק און דרייסט, און גייט בדרך-כלל ארויס דער זיגער.

איידער ער איז געוואָרן פּרעמיער-מיניסטער האָט ער קיינמאָל נישט איינגעאָרדנט קיין קאָקטייל-צוזאַמענטרעפן, קיין פייערלעכע מאָלצייטן אָדער אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אויפנאַמען. נאָר זעלטן פלעגט ער גיין אויף אזעלכע אויפנאַמען.

עס מאַכט זיך אמאָל, אז פאָלא לאַדנט איין עטלעכע מענטשן אויף אן אָוונט, דעמאָלט בעט זי אים ער זאָל לאָזן זיינע ביכער אויף א האלבע שעה און זיין אביסל גאסטפריינטלעך. אויב אבער אין דער געזעלשאַפט געפינט זיך נישט קיין מענטש וואָס וואָלט געקאָנט, לויט זיין מיינונג, מיט עפּעס וואָס באַרייכערן דעם אוצר פון זיינע ידיעות, אָדער סטימולירן זיין געדאַנק, אנטשולדיקט ער זיך נאָך פאר דער האלבער שעה און גייט צוריק אין זיין צימער אריין.

ווען דזשאָרדזשיא גראַציאַ גראַנאַדאָס, וועלכער האָט ארויסגעוויזן אוי-

סערגעווײנלעכע פּרײַנטשאַפט צו יידן אַלס מיטגליד פון דער אונ"אַ אויספאָר־שונגס־קאָמיסיע, איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער ערשטער געזאַנדטער פון גוואַטעמאַלאַ אין ישראל, האָט בן־גוריונס סעקרעטאַר געזאָגט: „מיר מוזן עפּעס איינאָרדנען לכבוד אים".

„וואָס מיינסטו דערמיט?" האָט בן־גוריון געפרעגט.

„אַ קבלת־פּנים, אַ מיטאָג אָדער אַ קאָקטייל־אָוונט, עפּעס וואָס זאָל געבן אַן אויסדרוק פון פרײַנטשאַפט".

נישט געקוקט דערויף וואָס בן־גוריון האָט שטאַרק געאַכטעט דעם גוואַטעמאַלער געזאַנדטן האָט ער דאָך „געהויבן די פּלייצעס". סוף־כל־סוף איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קאָקטייל־פּאַרטי, און מען האָט געדאַרפט אי־בערצייגן בן־גוריונען ער זאָל זיך אין דער פּאַרטי באַטייליקן.

דער ערשטער מענטש וואָס בן־גוריון האָט געזען אַרײַנקומענדיק אין זאַל איז געווען דער מעקסיקאַנישער געזאַנדטער, וועלכן ער האָט געקאָנט און גערן געהאַט. ער איז אַוועק מיט אים אין אַ ווינקל און האָט אים אָנ־געהויבן באַשיטן מיט שאלות: „וואָס הערט זיך בײַ אײַך מכוח עקספּאָרט און אימפּאָרט? ווי זענען די באַציִונגען מיט אײַערע שכנים? ווי זעט עס אויס מיט קאָמוניסטן בײַ אײַך אין מעקסיקאָ?". צו בן־גוריונס גרעסטן באַ־דויערן, פלעגט זיין סעקרעטאַר אומאויפהערלעך אַרויס און אַרײַנגיין און האַלטן אין איין שטערן דאָס געשפּרעך. ער פלעגט אים כסדר פאָרשטעלן געסט, וואָס לויט זיין מיינונג האָט דער פּרעמיער מיניסטער געדאַרפט שמו־עסן מיט זיי. נאָך צען מינוט האָט זיך בן־גוריון אַנטשולדיקט און איז אַוועק.

מיט גרויסע שוועריקייטן האָט זיך דעם צערעמאָניע־מייסטער איינגעגע־געבן אים איבערצוצייגן, אַז ער מוז איין מאָל אין יאָר אָננעמען אַן אײַנ־לאַדונג פון יעדן אַמבאַסאַדאָר אָדער געזאַנדטן אויף אַ פײַערלעכקייט, גע־ווענלעך אין טאָג פון נאַציאָנאַלן יום־טוב פון אַמבאַסאַדאָרס מדינה.

ער האָט געזאָגט צו איינעם פון זיינע געהילפן: „עס איז מיין פליכט און מיין ווונטש, צו ווידמען ווי ווייט מעגלעך, מיין פרייע צײַט, פאַר לייענען אָדער דענקען".

דער כוח וואָס טרײַבט בן־גוריונען האָט נישט אין זיך קיין סימן פון נערוועזקייט, פאַרקערט, דאָס איז אַן אינערלעכער שטאַרקער ווילן, וועלכער איז בכוח צו עלעקטריזירן זיין מוח, אויפצופלעמלען פונקען אין זיינע אויגן און אַפילו זיינע גרויע ברעמען אויפצושטעלן.

עקטרעמיסטן האָבן אים נישט איינמאָל אָנגערופן „דיקטאַטאָר", און זיי האָבן באַגרינדעט דעם עפּיטעט — צווישן אַנדערע אַרגומענטן — מיט

זיין הערשאַפט איבערן מיליטער. (אויך דער פּרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאַטן האָט די זעלביקע הערשאַפט, לויט דער קאָנסטיטוציע איז ער דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער ארמיי). ריכטיק איז, אז ער פּרוּווט זיין ווילן אדורכזעצן אין דעמאָקראַטישע ראַמען. ווען מען האָט דיסקוטירט די פּלענער פון פייערן דעם צענטן יאָרטאָג פון דער מדינה האָט ער געמאַכט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג:

„איך וועל פאָדערן, אז די הויפּט־פייערלעכקייטן זאָלן פאָרקומען אין ירושלים, פאַרשטייט זיך, אז עס איז פאַראַן א קאָמפּעטענטע אינסטאַנץ, די כנסת, וואָס וועט דעצידירן".

איינע פון די וויצן וואָס זענען ארומגעגאַנגען אין תל־אביב אין יאָר 1949 איז געווען: פאַרן שלוס פון מאַנדאַט האָט זיך פאַר בן־גוריונען פאַר־געשטערעבט צו דער „קעניגלעכער מאַכט", נאָר כדי צו קאָנען פאַרווירק־אויסרופן אלס מלך־ישראל, אָבער ער האָט דעם פאַרשלאַג אָפּגעוואָרפן. ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן דעם געדאַנק, אז ער וועט זיין: דוד דער צווייטער.

ער האָט קיינמאָל נישט באַטראַכט די מאַכט אלס ציל פאַר זיך. אין דעם ערשטן יאָרצענדליק פון דער מדינה האָט ער באַוויזן, אז ער האָט געשטערעבט צו דער „קעניגלעכער מאַכט", נאָר כדי צו קאָנען פאַרווירק־לעכן זיין וויזיע.

פאַראַן אין אים באַשיידנקייט, אָבער אָן זעלבסט־פאַרלייקענונג. עניוות, אָבער נישט קיין שוואַכקייט. ער איז צוריקגעהאַלטן, אָבער נישט קיין פּחדן.

ער וויזט זיין באַשיידנקייט אין זיין לאַכן, הערנדיק וויצן אויף זיך אליין, און פאַראַן איז א סך פון די וויצן. ער האָט געלאַכט אפילו פון דעם וויץ וואָס איז ארומגעגאַנגען אין 1949 אין תל־אביב: עס איז שוין איינעם „נמאס ומאוס" געוואָרן דאָס שטיין אין די רייען, האָט ער געקויפט א רע־וואָלווער און געזאָגט זיין פריינט, אז ער גייט דערהרגענען בן־גוריונען, וועלכער איז דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אלע צרות אין לאַנד. נאָך א פּאָר טעג האָט דער פריינט געטראָפן דעם „אומגליקלעכן" און האָט אים גע־פרעגט, — נו, וואָס האָט פּאַסירט?

„כ'האָב געקויפט א רעוואָלווער און בין אוועק אין בן־גוריונס ביוראָ, אָבער איך האָב דאָרט געטראָפן אזא גרויע ריי פון מענטשן וואָס וואַרטן אים צו דערשיסן, אז די הענט האָבן זיך מיר אראָפּגעלאָזט".

ער איז קעגן דעם מען זאָל אָנרופן גאַסן מיט נעמען פון לעבעדיקע

מענטשן; בעסער זאָל מען צוװאַרטן און זען צו זײ װעלן זײן פּאָפּולער אויך נאָכן טויט.

זײן געדולד פּלאַצט שנעל װען ער האָט צו טוען מיט מענטשן, װאָס שטערן אים אין זײן געדאַנקען־גאַנג, אָדער װען ער קומט אין בארירונג מיט מענטשן װאָס זענען פויל אין דענקען און באַנוצן זיך מיט אויסדרוקן: „און אַזוי װײַטער, און אַזוי װײַטער". ער האָט אויך נישט קײן סימפּאַטיע פאַר מענטשן װאָס באַנוצן זיך מיט באַנאַלע אויסדרוקן און קאָנען נישט ארויס־ברענגען זײערע געדאַנקען און װוּנטשן אין פּשוטע זאַצן, גלײַך צו דער זאַך. ער האַלט פון געדאַנק, אַז קלײנע מענטשעלעך רעדן װעגן מענטשן, מיטל־מעסיקע — װעגן געשעענישן, און גרויסע מענטשן װעגן אַבסטראַקטע אידעען. סתם װאָכעדיקע שמועסן, אפילו אויף טעמעס װאָס אינטערעסירן אים יאָ — דענערװירן אים. דעריבער זעט ער אין קאָקטײל־אויפנאַמען בלויז אַ פּטרן פון צײַט. ער װיל אַרײַנדרינגען אין דער טיף פון פּראָבלעם, אָדער לגמרי דערפון נישט רעדן.

דער מנהג פון געבן אַ האַנט בײַם באַגריסן זיך איז אין זײַנע אויגן אַ באַרבאַריזם װאָס האָט קײן שום זין נישט. מחמת אין אונדזער תקופה זענען מענטשן פּטור פון איבערצײַגן אײנער דעם צװײטן, אַז זײ טראָגן נישט מיט זיך קײן שטילעטן. ער באַגריסט מענטשן מיט „שלום" און איז מוותר אויף פראַגעס װי למשל: „װאָס מאַכט דײַן פרוי", אָדער „װאָס פאַר אַ הערלעכער טאָג". אַזעלכע באַמערקונגען, זאָגט ער, שטערן דעם געדאַנק, זענען מבטל די צײַט און שטערן די מעגלעכקײט פון פירן אַ געשפּרעך מיט אינהאַלט.

שטענדיק באַמיט ער זיך, אין בארירונג מיט מענטשן, צו באַרײַכערן זײַן אינטעלעקטועלן אוצר. ער איז באַשאַנקען מיט פעיקײטן אויפצונעמען אין זײַן געדאַנקען־װעלט די בעסטע פון מענטשנס מחשבות און זײ אַרײַנ־פלעכטן אין זײַן אײגענעם אוצר. ער צײכנט זיך אויס אין אָפּשאַצן קערנדיקע סאָלידע װערטן. פינקלדיקע און בליציקע גײַסטער רופן אין אים אַרויס אומצוטרוי. ער האַלט אַז בליציקע שאַרפקײט אַלײן איז נישט גענוג. בײַ אַ געװיסער געלעגנהײט האָט ער געזאָגט: „ספּעציאַליסטן װײסן די פאַקטן, אָבער זעלטן װען װײסן זײ זײער צװעק".

בײַ אַן אַנדערער געלעגנהײט האָט ער געזאָגט צו זײַנס אַ געהילף:

„אויב אַ זאַכקענער זאָגט דיר, אַז אַ געװיסע זאַך איז אוממאַויספירבאַר, מײנט עס װאַרשײַנלעך, אַז ער װעט דאָס נישט קענען מאַכן. װי נאָר אַ

ספעציאליסט באַנוצט דאָס וואָרט „אוממעגלעך" באַדייט דאָס, אז מ'דאַרף רופן אן אנדערן ספעציאליסט".

ער איז גרייט אָנצונעמען קריטיק נאָר אין דעם פאַל, ווען ער איז איבערצייגט, אז דער קריטיקער קאָן דאָס פּראָבלעם וואָס ווערט באַהאַנדלט.

זיין קאָנצענטרירונגס־קראַפט איז ממש צום שטוינען. אין יאָר 1949, ווען עס האָבן אויף אים געדריקט טויזנטער פּראָבלעמען, האָט ער ביי א פריינט געבאָרגט א פילאָזאָפיש בוך פון פיר הונדערט זייטן, און נאָך צוויי טעג האָט ער דאָס בוך צוריק געגעבן.

„ווען אפשר דאָס בוך נעמען א צווייט מאָל ווען דו ווען האָבן מער צייט?" האָט געזאָגט דער פריינט. דער פּרעמיער מיניסטער האָט געלאַכט. ער האָט געלייענט דאָס בוך פון א ביז ת: ער האָט דאָס באַוויזן, אריינגייענדיק אין א לאַנגן וויכּוח וועגן ווערק.

זיין מוח אַרבעט ווי א האַרמאַט, נישט ווי א ביקס. ער האָט אָנגענומען באַשלוסן, באַזונדערס אין קריגסצייט, וואָס האָבן אויסגעזען משונהדיק אין די אויגן פון א סך מענטשן, ווייל זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין זייער ציל.

„איידער דו שיסט פון א האַרמאַט, מוזטו מאַכן א סך פּינקטלעכע אויסרעכנונגען, און דו ביסט נישט אימשטאַנד גלייך פעסטצושטעלן צי דער שאָס האָט געטראָפן אין ציל. בלויז דער ציל „דערפילט" דאָס גלייך".

וויצן, מעשיות און סתם „חכמות" וועגן מענטשן, פאַרוויילן אים נאָר זעלטן, אָבער ער קען זיך צוהערן לאַנגע שעהן צו א מענטש ווי מאַקדאָנאַלד, וועלכער וועט אים דערציילן ווען, ווי אזוי און פאַרוואָס איז אָנגענומען געוואָרן א געוויסער באַשלוס, און ווי אזוי א געוויסע געשעעניש האָט זיך אנטוויקלט.

דער שטעמפּל וואָס זיין פּערזענלעכקייט לייגט ארויף אויף דער סביבה איז אזוי שטאַרק, אז נאָך א פאַרזאַמלונג קאָן קיין מענטש נישט זאָגן: „עס דוכט זיך מיר, אז בן־גוריון איז דאָרט געווען". ער האָט נישט קיין שום אינטערעס אין פּערזענלעכער „פּובליסיטי". „איך וויל בעסער לייענען א מאמר געשריבן דורך מיר איידער אן ארטיקל וועגן מ י ר". און פונדעסטוועגן שאַפט ער זיך שטענדיק, נישט ווויסנדיק, סיטואַציעס וואָס שטעלן צו אויסגעצייכנט מאַטעריאַל פאַר אגענטן פון רעקלאַמע.

אין יאָר 1948 האָט ער אָנגענומען די איינלאַדונג אויף א חתונה פון איינעם פון זיינע שליחים, אָבער אין לעצטן מאָמענט, צוליב עפּעס א מיליטערישע נויטווענדיקייט איז ער אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון קומען צו דער שמחה. ווען דער שליח איז צוריקגעקומען פון האָניק־חודש, האָט בן־גוריון

געזאָגט צו אים: „איך באַדויער וואָס איך האָב נישט געקאָנט קומען אויף דיין חתונה, אָבער איך וויל נישט מוותר זיין פון טרינקן מיט דיר לחיים. מאָרגן צען א זייגער אינדערפרי וועל איך זיין ביי דיר".

צומאָרגנס, ניין פינף־און־פערציק, האָט ער א קוק געטוען אויפן זייגער, און זיך געוואָנדן צו זיינע דרייצן רעגירונגס־מיטגלידער, אינמיטן א טיפן און ערנסטן ויכוח: „איך באַדויער, אָבער איך מוז מאַכן א באַזוך ביי יוספן און זיין פרוי. אין משך פון א שעה וועל איך זיין צוריק".

ער איז באַשאָנקען אַזוי מיט אינטעלעקטועלן מוט, ווי מיט פערזענלעכן מוט, אין פשוטן זין פון וואָרט, און ער האָט מיטביידע אומצווייִדייטיק אי־בערצייגט. פון איין זייט, מיט זיינע שטענדיקע אויספלוגן, אָן א וועגווייזער, אין די ווייטסטע געדאַנקען־וועלטן, און פון דער אנדערער זייט — מיט זיין גרייטקייט צו פרעדיקן געדאַנקען און צו שטיצן באַשלוסן, וואָס זענען נישט פּאָפּולער ביי דער געזעלשאַפט.

די איינזאַמקייט וואָס ער טראָגט מיט זיך אין פאַרלויף פון גרעסטן טייל פון זיין לעבן, שטאַמט טיילווייז דערפון וואָס זיין מוח דענקט שנעלער ווי דער רוב פון פאָלק. דאָס איז די איינזאַמקייט פון וועלכער עס ליידן תמיד גרויסע מענטשן. ווען יידן האָבן גערעדט יידיש האָט בן־גוריון אָנגע־הויבן רעדן העברעיש. ווען אנדערע האָבן זיך באַגנוגנט מיט האָפן אויף משיחס צייטן, ביז דער גואל וועט קומען און אויסלייזן דאָס הייליקע לאַנד, האָט ער גענומען קעמפן פאַר דער באַפרייונג פון ישראל. ווען אנדערע האָבן געהיטן זייערע גלות־נעמען, האָט ער זיין נאָמען געענדערט אויף א תנ"כישן נאָמען. ווען זעלבסטשוץ איז נאָך געווען א פרעמד געוויקס אין יידישן באַוווסטזיין, האָט ער געהאָלפן אריינברענגען דעם באַגריף אין יידישן לעבן אריין. ווען טעראָריזם איז נאָך געווען פּאָפּולער האָט ער אים באַ־קעמפט און געברענדמאַרקט. אויך נאָך 1948, ווען זיך שאַפן פאַרשידענע גע־לעגנהייטן אין וועלכע ער וועט גרייט זיין מקריב צו זיין די גאַנצע פּאָלי־טישע טעטיקייט זיינע, בלויז פאַר דער שאַנס צו בלייבן אָן איינזאַמער פירער.

ווען ער ווייס אַז ער איז גערעכט, וועט ער זיך נישט אָפּשטעלן פאַר דעם געשריי פון דער געזעלשאַפט, און אפילו נישט פאַר אומרוען און דראָונגען קעגן אים. דאָס האָט אים פאַרהיטן פון ווערן א דעמאַגאָג.

וויניק, וואָס ער לייקנט נישט אָפּ, אַז ער איז א שטיק מיסטיקער, נאָר ער באַמיט זיך נאָך צו ווירקן אויף אנדערע זיי זאָלן ווערן מיסטיקער. אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען האָט ער געשריבן:

„מיר דאַרפן נישט באַטראַכטן דעם רעאַליזם און דעם מיסטיציזם אַלס

קעגנזעצלעכע באַגריפן... מיר מוזן זיין רעאַליסטן, קריטישע רעאַליסטן, בנוגע יעדן קאָנקרעטן שריט אין דער קעגנוואַרט און אין דער באַטנטער צוקונפט. אָבער מיר מוזן זיין מיסטיקער, פול מיט טיפן און גרענעצלאָזן גלויבן, מיט אַ מוטיקן און אַנטשלאָסענעם ווילן לגבי יעדן ענין, וועלכער איז נוגע דער צוקונפט".

ער איז נישט געווען גליקלעך דערפון וואָס דער ציבור איז צעשפּאָלטן אויף אַזוי פיל קליינע פּאַרטייעלעך, דאָך באַקומט זיך נישט דער איינדרוק, אַז די נויטווענדיקייט פון פירן די מדינה מיט דער הילף פון אַ קאָאַליציע, האָט אים שטאַרק מצער געווען. עס עקלט אים נישט דער הו־הא פון פּאָלי־טישער טעטיקייט. ער איז דער טאַקטיקער פון אַלע פּאָליטיש־פּאַרטייאישע שפּיצלעך.

טראָצדעם וואָס ער איז געווען אַ סאָציאַליסט נאָך אין דער יוגנט, איז אין זיינע פּאָליטישע אַנשויונגען נישט פאַראַן קיין שפּור פון דאָקטרינערישע טרוקנקייט. נישט איינמאָל האָט ער אַרויסגעוויזן גרייטקייט מקריב צו זיין אַ פּאַרטייאישן פּרינציפּ, אויב עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער לאָזט זיך נישט פאַרווירקלעכן.

ווען ער געפינט איין, אַז זיינע קעגנער זענען זיך טועה, קען ער זיך איינעקשנען ביז גאָר. ער גלויבט אין דער דעמאָקראַטיע און אין דעם רעכט פון רוב צו באַשליסן, אָבער ווען ער וויל דערגרייכן זיין הויפּטציל וועט ער דיסקוטירן, אַטאַקירן, באַווייזן און באַאיינפלוסן, ביז עס וועט זיך אים איינ־געבן איבערצוצייגן אַ גענוגנדיקע צאָל קעגנער, און פאַרוואַנדלען די מער־הייט אין אַ מינדערהייט.

זיינע באַליבטע העלדן, סיי לעבעדיקע סיי נישט־לעבעדיקע, זענען מענער און פרויען וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן צו איין ציל — פּאַנאַטיקער, קנאים, וואָס האָבן עפּעס געזוכט אין לעבן. ער האָט פיינט מיטלמע־סיקייט, און האָט נישט קיין אינטערעס פאַר מענטשן וואָס זייערע געדאַנקען ליגן אין געלט, עסן, הייזער, אויטאָס, זאַמלען געלט, אויסגעבן עס און זיך איינהאַנדלען מאַטעריעלע רייכטימער.

ער איז גרייט צו דערמעגלעכן יעדן מענטש צוריקצוקערן זיך פון אַ געמאַכטן טעות, ער וועט אָבער קיינמאָל נישט מוחל זיין אַ ליגנער אָדער דעם, וואָס דערציילט אַ האַלבן אמת. אומאויפריכטיקייט איז אין זיינע אויגן אַ מיאוסע מידה וואָס דענערווירט אים. אַנטרעפנדיק זיך אויף אומ־בהאָלפענער נאַרישקייט, הויבט ער אויף די הענט צום הימל און פאַרקרימט דאָס פּנים ווי איינער וואָס איז דערגאַנגען ביז צו פאַרצווייפלונג.

ער איז שטאַרק קעגן מענטשן וואָס הויבן אויף דאָס קול אויפֿן צווייטן. ער האַלט אַז דער קרבן פֿון די געשרייען ווערט דערנידעריקט, און קיין מענטש האָט נישט קיין רעכט צו באַליידיקן אַ צווייטן, אפֿילו נישט זיין פֿריינט.

אין יענע זעלטענע פֿאַלן ווען זיין פֿרוי הויבט אויף איר קול, איז זי זיך נוהג אים גלייך אַ גלעט צו טאָן איבערן אַקסל זאָגנדיק: „דו ווייסט דאָך אַז איך האָב דיך ליב".

בן־גוריונס רעאַקציע אויף מענטשן און געשעענישן איז על־פּי־רוב ספּאָנטאַן און הייס, אָבער גאַנץ זעלטן זענען זיינע רעאַקציעס געווענדעט בלויז צו דער פּערזענלעכער זייט פֿון פּראָבלעם. אַז פּאַלאַ דערציילט אים אַז דער־און־דער האָט געבוירן אַ קינד, איז גאַנץ וואַרשיינלעך אַז ער ענטפֿערט:

„מזל טוב, נאָך אַ ישראל־העלד צו בויען די מדינה".

יעדן מאָמענט פֿון זיין לעבן, לעבט ער פֿאַר דער אידעע. יעדע זאַך איז פֿאַר אים וויכטיק, אויף וויפֿיל זי העלפֿט פֿאַרווירקלעכן די וויזיע.

נישט געקוקט דערויף וואָס זיין פּערזענלעכקייט שאַפֿט אַרום זיך אַן אַטמאָספֿער פֿון פֿאַרגעטערונג, איז דאָך אין זיינע באַציונגען מיט אַרומיקע נישט פֿאַראַן קיין ספּעציעלע וואַרעמקייט. אפֿילו ווען ער ווייס אַז די פֿרוי פֿון אַ נאָענטן באַקאַנטן איז קראַנק, וועט אים קיינמאָל נישט איינפֿאַלן צו פֿרעגן: „וואָס מאַכט זי ?". זיינע קרובים באַקלאָגן זיך שטאַרק, אַז זיין באַציונג צו מענטשן אונטערליגט, אָן שום סיבה, פֿאַרשידענע אומוואַנדלונגען. אפֿילו ווען ער האָט סימפּאַטיע צו וועמען, קען ער אים באַליידיקן. פּונקט ווי אַ מאַן וואָס ליבט זיין ווייב מיטן גאַנצן האַרץ, קען ער זי דאָך באַליידיקן. ווען ער האָט צו עמיצן נישט קיין סימפּאַטיע, וועט ער נישט וועלן אים אויסהערן, אפֿילו ווען ער רעדט אויסגעהאַלטן. זיין עיקר־אינטערעס צו מענטשן איז געווענדט נישט צום יחיד נאָר צום כלל. און וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ מער טראַכט ער מיטן געדאַנקענגאַנג פֿון יונגן דור אין ישראל און רעדט מיט זייער שפּראַך. ער אַליין איז טאַקע נישט קיין סאַברע, און ער איז שוין אַריבער די זיבעציק, דאָך איז ער דער פּירשפּרעכער פֿון די סאַברעס און פֿון דער יוגנט. ער קלויבט זיך אויס פֿאַר זיין פּערזענלעכן אַרבעטס־אַפּאַראַט נאָר יונגע מענטשן, און ער האָט אַ ספּעציעלע הנאה ווען ער שטעלט זיי פֿאַר פֿיזישע און אינטעלעקטועלע נסיונות.

אויף איינער פֿון די קאָנפֿערענצן אין וועלכער ער האָט זיך די לעצטע יאָרן באַטייליקט, זענען די דעלעגאַטן איינקוואַרטירט געוואָרן זעכצן קילאָמע־

טער ווייט פון דער לאַנדווירטשאפטלעכער שולע, ווו די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען. „איך וועל גיין צופוס הין־און־צוריק, צו דער קאָנפערענץ“, האָט בן־גוריון געזאָגט. טעדי קאָלעק, איינער פון זיינע פאָליטישע העלפער, וועלכן ער האָט ספּעציעל גערן, האָט געמוזט מאַרשירן מיט אים טעגלעך צוויי־און־דרייסיק קילאָמעטער, כדי זיך נישט מודה צו זיין, אַז ער קען נישט אויסהאַלטן די פיזישע קאָנקורענץ מיט דעם מענטש וואָס איז פיל עלטער פון אים.

ער איז פריי לחלוטין פון קליינלעכע האַריזאָנטן. ער האָט פאַראויסגעזען אַלץ וואָס האָט פּאַסירט אין פאַרלויף פון די לעצטע פופציק יאָר, אָבער מען הערט כמעט נישט ער זאָל זאָגן: „כ'האָב דאָך אייך פריער דאָס געזאָגט“.

עס דוכט זיך, אַז נאָכדעם ווי וויצמאַן איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט, האָט זיך בן־גוריון איינגאַנצן באַפרייט פון יעדן שפּור פון מינ־דערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס. ער איז טאַקע געווען נאָר דער פירער פון אַ מיליאָן אָדער צוויי מיליאָן מענטשן אין אַ לאַנד וואָס איז קלענער ווי אַלבאַניען, דאָך האָט ער אַנטוויקלט אין זיך די פעיקייט צו רעדן מיט די גרעסטע וועלט־פיגורן ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, נישט אַרויסווייזנדיק קיין שום סימן פון גאווה אָדער זעלבסטוויכטיקייט.

דאָס לייענען דעם תנ״ך און דאָס פאַרטיפן זיך אין דער לאַנגער געשיכטע פון יידישן פאָלק, באַגייסט ווידער און ווידער דעם גלויבן אין דער היסטאָ־רישער אויפגאַבע פון זיין פאָלק. און ער קומט צו דער קלאָרער קאָנקלוזיע, אַז מדינת ישראל איז עפּעס מער ווי אַ גרופּע מענטשן וואָס היטלער האָט זיי נישט באַוויזן צו פאַרטיליקן, וועלכע פּרוּוון צו שאַפן פאַר זיך לעבנס־מעגלעכקייטן אין אַ וויסטן מדבר.

אויף אַ פייערונג פון אַמעריקאַנישן זעלבסטשטענדיקייטס־יום־טוב פון פערטן יולי, אויפן ברעג ים פון תל־אביב, האָט ער אָנגעהויבן זיין רעדע אין העברעיש און איז פלוצים אריבער אויף ענגליש זאָגנדיק: „אַנטשול־דיקט מיר וואָס איך רייד צו אייך אין אַ שפּראַך וואָס איז גערעדט גע־וואָרן ביי די דאָזיקע ברעגעס מיט פיר טויזנט יאָר צוריק“.

מיט דער דאָזיקער קורצער באַמערקונג האָט ער מאָביליזירט די גע־שיכטע, כדי אוועקצושטעלן ישראל אין איין ריי מיט די גרעסטע ענגליש־ריידנדיקע פעלקער. ווען אַן אויסלענדישער דיגניטאַר דאַרף אים באַזוכן, גרייט ער זיך רויק צו, טראַכטנדיק וועגן דעם מענטש, זיין פאַרגאַנגענהייט און פערזענלעכקייט, זיין לאַנד און געשיכטע. אויב דער גאַסט איז אַן אַמע־ריקאַנער, קען ער אָנהויבן דאָס געשפּרעך מיט די ווערטער: „עס איז ווונ־

דערלעך צו טראַכטן וועגן דעם, אז אויף דער שיף „מאַיפלאוור" זענען געווען סך הכל 102 פּאַסאַזשירן... און פון דער דאָזיקער צניעותדיקער התחלה איז ארויסגעוואַקסן דער פענאָמען וואָס הייסט אַמעריקע... איר האָט געגעבן דער וועלט אַ נייעם באַגריף וועגן דעמאָקראַטיע".

נישט געאיילט און מיט חכמה פירט ער אריבער דאָס געשפּרעך פון גאַסטס לאַנד אויף זיין אייגן לאַנד:

„צו וויסטו וויפל עמיגראַנטן עס זענען אָנגעקומען אין לאַנד אריין זייט די מדינה איז אנטשטאַנען? שטעלסט דו דיר פאָר וויפיל דאָס וואָלט באַדייט פּראָפּאָרציאָנעל גענומען, פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן, ווען זיי וואָלטן געדאַרפט אויפנעמען אזא צאָל עמיגראַנטן?" א סך געסט זענען, אין אינטעלעקטועלן זין, פון אים אוועק באַרייכערט.

פיר סימבאָלן האָבן באהערשט זיין לעבן פון סאַמע אָנהויב:

די מוטער.

דער סאָלדאַט.

דער ארבעטער.

דער חלוץ.

די דאָזיקע פיר זענען פאַר אים סימבאָלן פון קראַפט. ער וויל זיין פאָלק זאָל זיין שטאַרק, כדי עס זאָל קענען פאַרווירקלעכן די דערהויבענע וויזיע. אָפט רעדט ער צו די סימבאָלן אליין, אָדער וועגן זיי. ער האָט זיי אויפ־געהויבן אין די אויגן פון יעדן מענטש אין ישראל. און אין זיין זכות באַציען זיך אלע צו די סימבאָלן מיט טיפער אכטונג.

טראָצדעם וואָס ער איז א ייד, און א ייד מיט זיין גאַנץ לייב און לעבן, באַזיצט ער פיל אייגנשאַפטן וואָס זענען דורך־און־דורך נישט־יידיש. ער קען זיצן אויף א פּאָליטישער פאַרזאַמלונג און שווייגן שעהן לאַנג, ווען אלע אנדערע ארום אים ברויזן און שטורמען. און ווען אלע זענען סוף־כל־סוף שוין מיד געוואָרן רעדנדיק, שטייט בן גוריון אויף, פריש, מונטער, אין גייסט און אין שכל, פּונקט ווי ער איז אָנגעקומען אהער, שטיל און רויק האלט ער א רעדע, וועלכע ווייזט אָן דעם וועג.

די זאָרג פאַר שפּאָרן צייט, איז נישט קיין יידישער כאַראַקטער-שטריך, אָבער בן־גוריון איז נישט מבטל אפילו קיין איינציקע מינוט. ער אליין איז תמיד פּינקטלעך און איז שטאַרק אומצופרידן, אז א פאַרזאַמלונג עפנט זיך אויף מיט א פאַרשפּעטיקונג, אָדער אז ווער־עס־איז פאַרשפּעטיקט זיך צו א באַגעגעניש. „די איינציקע זאַך וואָס קומט קיינמאָל נישט צוריק איז די צייט", זאָגט ער אָפט.

אן אנדערע נישט־יידישע מידה אין אים, איז די קלאָרקייט פון שפּראַך און אויסדרוק. עס איז א טראַדיציע ביי יידישע רעדנער און שרייבער צו דרייען זיך ארום־און־ארום דער טעמע, אָבער בן־גוריונס רייד קענסטו שטענדיק פּינקטלעך אריינפּאַסן אין א באַשטימטער ראַם, אז אפילו איין וואָרט וועט דיר נישט בלייבן איבעריק. זיינע רעדעס און ארטיקלען זענען אָפט לאַנג און אנטהאַלטן טויזנטער ווערטער, דאָך זענען די ווערטער נישט איבערפליסיק, און די געדאַנקען וואָס ווערן ארויסגעזאָגט זענען צו דער זאַך. עס איז נישט קיין טיפּיש יידישע מידה צו בלייבן קאַלט־רויק אין שווערע קריזיס־מאָמענטן, אָבער דאָס איז דער וועג פון בן־גוריונען פון אייביק אָן.

אין זיינע אויגן זענען משפּחה־פאַרבינדונגען נישט אזוי וויכטיק ווי ביי דער מערהייט יידן. איינער פון זיינע ברידער, נחום גרין, וואָס האָט א קיאָסק פון קאַלטע געטראַנקען אויפן עק פון די גאסן בן־יהודה און שדרות־נאָרדוי אין תל־אביב, האָט איינמאָל געזאָגט: „וואָס אזוינס האָב איך פון אים פאַרלאַנגט וואָס ער האָט מיר אָפּגעזאָגט?” כ׳האָב בלויז געבעטן א בעסערן פּלאַץ פאַרן קיאָסק”. און דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: „ער איז שטענדיק געווען א משוגענער”. איינמאָל האָט אים איינער פון זיינע קונים געפרעגט ווי קומט עס וואָס ער פאַרקויפט פּרוכטן־זאַפט, אין דער צייט וואָס זיין ברודער איז איינער פון די גרעסטע וועלט־פּאָליטיקער. האָט ער געענטפערט: „הער זיך נישט צו צו דעם וואָס די היגע מענטשן זאָגן. אין פּלאַנסק בין איך, און נישט ער, אָנגעגאַנגען פאַר דעם חכם”.

אלס מענטש פון אינטעלעקט, איז בן־גוריון דאָס באַשעפעניש פון עט־לעכע פּאַראַדאָקסן. ער איז א מאַן פון דריי דימענסיעס, וואָס לעבט גלייכ־צייטיק אין דער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און אין דער צוקונפט.

ווען יגאל ידין, דער פּאַקטישער שעף פון גענעראַל־שטאַב, פלעגט קומען צו אים מיט א דרינגענדיק פּראָבלעם, האָט ער געמוזט דיסקוטירן מיט אים א שעה צייט איבער די פּראָבלעמען פון אלט־ישראל, פאַרן באַקומען די פינף מינוט צו דערקלערן זיין אקטועלן מיליטערישן פּראָבלעם פון ניי־ישראל.

ער איז אן אינטעלעקטואל, וואָס אן אינערלעכער אינסטינקט סטי־מולירט אים אנטרינען צו ווערן אין דער וועלט פון טאַט. אָבער ווי א מענטש פון מעשים זוכט ער תמיד די געלעגנהייט צו אנטלויפן אין די ספערן פון גייסט. ער זוכט זיך מיטגייער און חברים אין דער געשיכטע, ווייל ער איז אין זיין גאנץ וועזן אן איינזאַמער מענטש, און ער אנטפּלעקט זיינע באַהאַלטענע געפילן צו קיין שום מענטש. שילער האָט געזאָגט, אז דער

שטאַרקער שטאַרקט זיין גבורה ווען ער איז אליין. די ווערטער זענען אויך ריכטיק לגבי בן־גוריונען.

דער נאַטירלעכער חוש פאַר היסטאָריע איז דער הערשנדיקער כוח אין זיין לעבן. לויט זיין אָנשויונג איז די היסטאָריע נישט קיין סטאַטישע אָדער טויטע זאַך, נאָר זי איז ווי א מעכטיקער שטראָם וואָס שטורעמט פון דאָרט דאָ אהער, א טייך, אויב דו וועסט ווען, קענסטו אויסגעפינען זיינע קוואַלן.

ער לייגט אריין דעם גרעסטן טייל פון זיין אינטעלעקטועלער ענערגיע אין אָנשטרענגונגען, אז דער שטראָם זאָל קאָנען פליסן אומגעשטערט, כדי אריינצוברענגען אין זיין פאָלק דאָס באַוווסטזיין פון זיין נישט צעריסבאַרן היסטאָרישן גאַנג. דאָס איז נישט שווער אין לאַנד ווו יעדער איינער קאָן ביי א צופעליקן קראַץ אויף דער ערד, אויפהויבן א שאַרבן וואָס איז אלט טויזנטער יאָרן, אין דעם לאַנד ווו אויף דער אויטאָבוסן־סטאַציע רופט אויס דער באַאַמטער: „דער לעצטער אויטאָ קיין נצרת, באר־שבע, ירושלים". דער תנ"ך איז פאַר אים נישט נאָר א בוך פון יידישער געשיכטע, נאָר אַ ווונדערלעכער צונויפגוס פון א גאַנצע ריי יסודותדיקע און פּראַקטישע ביכער, און צוגלייך דער יחוס־בריוו פון יעדן ייד באַזונדער אויף דער וועלט.

ער איז איבערצייגט, אז קיין מענטש קען נישט פאַרשטיין די געשעענישן פון היינט, אָדער די קרבנות פון נעכטן אויב ער קאָן נישט דעם תנ"ך. און ער איז זיכער, אז פיל פרעמדע פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן זענען גע־שטרויכלט געוואָרן אין זייערע באַשלוסן וועגן נאָענטן מזרח — צוליב זייער עם־ארצות און תנ"ך־אומוויסנקייט. זיין טיף געפיל פאַר דער פאַרגאַנגנהייט איז עמאָציאָנעל און אינטעלעקטועל, אזוי פּאַטריאַטיש ווי פּראַקטיש. אויף איינער פון זיינע רייזעס פון תל־אביב קיין טבריה, כדי זיך צו באָדן אין די חמי טבריה, האָט ער, זעענדיק אויפן וועג א צעדערבוים, געהאַלטן א לאַנגן מאָנאָלאָג, געווענדט צו זיין פרוי און צו זאב שערפן, וואָס האָבן אים באַגלייט.

מיט גרויס התלהבות האָט ער גערעדט וועגן די פינף־טויזנט־יאָריקע צעדער־בוימער פון לבנון, פון וועלכע עס איז געשניטן געוואָרן דאָס בוי־געהילץ צום בית־המקדש.

„איך ווייס אז דאָס פּראָבלעם וואָס וועט היינט באַהאַנדלט ווערן אויף דער זיצונג פון דער רעגירונג וועט זיין וויכטיק, אָבער די דאָזיקע צע־דערן !... זיי האָבן דאָך געזען דאָס באַהערשן פון יהודה, די מלכים, די מכביער. גיב זיך נאָר אָפּ א רעכנונג פון דעם אלעם וואָס זיי האָבן געזען !". עס וועט באַלד קומען דער טאָג, האָט ער צוגעגעבן, ווען אויף דער וועלט וועט הערשן

אן אמתער שלום. דאן וועט ער אליין אוועק קיין לבנון און וועט בעטן ביי די לבנונער, איינעם פון די דאָזיקע צעדערבוימער, כדי אים צו פארפלאנצן אויפן ארץ־ישראל באָדן.

בן־גוריון איז באשאַנקען מיט א פעיקייט פון געפיל און אינטעלעקט צו לעבן זיין לעבן, גלייך ווי די צייטן פון בית ראשון און בית שני געפינען זיך נישט ערגעצוו אין דער וויטער פארגאנגענהייט, נאָר זיי זענען געווען ערשט נעכטן־אייערנעכטן; גלייך ווי ער גייט אין די גאסן פון ירושלים און טרעפט א מענטש וואָס האָט נאָר וואָס געהאָט א געשפרעך מיט דוד המלך.

די תנ״ך געשטאלטן זענען נישט פאר אים קיין אלט־היסטאָרישע גע־שטאַלטן, אָדער וואַקסענע פיגורן פון א מוזעאום. ער וויס וועגן זיי מער ווי ער וויס וועגן זיינע מיניסטאָרן. ער רעדט וועגן יהושע בן נון און ישעיה בן אמוץ מיט א סך מער אינטימקייט, ווי ער רעדט וועגן אייקענ־האוער און מעקמילן.

אנדערע מענטשן ציטירן היסטאָריע, אָבער בן־גוריון ברענגט זי ארויף פון פארגעסנקייטס־תהום און איז זי מחיה־מתים. ער איז אין איין־און־דערזעלבער צייט דער וואָרטזאָגער פון דער תנ״ך־פאַרגאַנגנהייט, דער פירער אין טאָג־טעגלעכן קאַמף און איז די שטים פון דער צוקונפט.

איינמאָל האָט איינער פון זיינע פאַרטיי־חברים, אויסגערופן מיט פאר־צווייפלונג:

„איך קען מיט אים נישט באַהאַנדלען קיין שום זאַך. איך רעד וועגן נעכטן און ער רעדט וועגן דריי טויזנט יאָר צוריק; איך רעד וועגן מאָרגן און ער דיסקוטירט מיט מיר וועגן דעם וואָס עס וועט זיין אין צווי טויזנט יאָר שפעטער. א שטייגער דו פירסט א דיסקוסיע וועגן דער פלייש־ראַציע מיט משה רבינו, אדער גאָר מיט א מענטש וואָס וועט געבוירן ווערן ערשט אין צוויי טויזנט יאָר ארום״.

איינע פון די סיבות מאַכן אים פאר אזא דערפאָלגרייכן פירער פון ישראל איז דאָס, וואָס די מענטשן פון זיין פאָלק זעען אין אים אן אמתע תנ״ך־געשטאלט. ער איז נישט נאָר בקי אין תנ״ך, ער איז אליין א פיגור וואָס איז אויפגעגאַנגען פון די תנ״ך־בלעטער.

ער האָט נישט באגרענעצט זיין היסטאָרישע פאָרשונגען בלויז אויפן תנ״ך אליין. ער האָט געפאָרשט א סך פון די געדאַנק־שטרעמונגען וואָס זענען געפלאָסן פון זיין אייגענעם גרויסן טייך אָדער זענען אין אים אריינגעפלאָסן. און היות דער גריכישער שטראָם איז געווען דער שרייטעסטער

אַליזיר־פעלד. אָבער ער נישטערט אומאויפהערלעך אין דער געשיכטע, אין דער ליטעראטור און אינעם אוצר פון מענטשלעכן גייסט פון אלע גרויסע תקופות, כדי דאָרט צו געפינען חכמה און אייביקן אמת.

ער איז נישט קיין אינטעלעקטואל וואָס באַהאַלט זיך אין אַ פּאַלאַץ פון העלפאַנט־ביין, אָט פירט ער אַ געשפּרעך מיט פּלאַטאָנען, אביסל שפּעטער לייענט ער אַ רוסישן אָדער אמעריקאַנישן וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל און גלייך נאָכדעם פּאָרט ער אַרויס מיטן מיליטער אויף מאַנעוורעס.

ער איז מסתּמא דער איינציקער פּרעמיער מיניסטער וועלכער אי־בעראשט זיינע אָפיציעלע געסט וועגנדיק, ווי צופעליק, דאָס געשפּרעך פון די אַקטועלע פּראָבלעמען צו אַ דיסקוסיע וועגן לעבן וואָס געפינט זיך אין אָפּגרונט פון ים, און פון דאַנען צו אזא אַבסטראַקטער טעמע ווי די באַציונג צווישן גייסט און מאַטעריע.

אפילו זיינע סאַמע נאָענטסטע פריינט, וואָס וויסן וואָס ער לייענט און מיט וועמען ער זעט זיך, זענען דערשטוינט און פול פאַרוווּנדערונג פון דער ברייטקייט פון זיין וויסן, וואָס האַלט זיך אין איין פאַרברייטערן.

און ווען ער ווענדט זיך פון דער קעגנוואַרט צו דער צוקונפט, דריקט ער דאָן אויס אַ ליידנשאַפטלעכן גלויבן אין די אומבאַגרענעצטע מעגלעכ־קייטן פון מענטש און ער ווייזט אויך אַרויס אַ געפיל פון קנאַידיקן דראַנג.

נישט איינער פון די רעפּאָרטערן וואָס זענען געקומען אים אינטער־וויואירן, האָט געזען פאַר זיך אַ מידן אלטן מאַן, ביז עס שווימט אַרויף עפּעס אַ פראַגע וועגן דער צוקונפט; דעמאָלט הויבן אָן זיינע אויגן לייכטן, און עס פאַרשווינדט זיין מידקייט, די הענט הויבן אָן צו מאַכן זיינע כאַ־ראַקטעריסטישע געסטיקולאַציעס, זיין שטים צעפלאַמט זיך אין אַ ניי פייער, און ער איז ווידער בן־גוריון — איינער פון די גרעסטע וויזיאָנערן פון זיין תקופה.

ווען ער רעדט וועגן דער צוקונפט, טראַכט ער נישט נאָר וועגן דער ראָל פון ישראל ביים פאַרוואַנדלען אַ מדבר אין אַ גן־עדן, און וועגן אַן אלטער קולטור וואָס בליט ווידער אויף אין נאָענטן מזרח. ער טראַכט אויך וועגן מוסטער און סימבאָל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט פאַר מענטשן וואָס האָבן קיינמאָל אין זייער לעבן נישט פאַרזוכט דעם טעם פון סאָ־ציאַלער גערעכטיקייט. ער רעדט אויך פון אַטאָם־ענערגיע, וועגן אויסנוצן די זון־שטראַלן אויף עלעקטרישער קראַפט, וועגן דיסטילירן ים־וואַסער און פאַרוואַנדלען עס אין טרינק־וואַסער. ער קוקט אין דער צוקונפט מיט הונ־

דערטער יאָרן פּאָרויס און זעט אזיע און אפריקע אלס די דינאַמישע צענטערן פון דער וועלט.

אנדערע מענטשן פּרווון טרעפן וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט, אָבער ביי בן־גוריונען ווערט די צוקונפט א ווירקלעכקייט, און ער מיט זיינע צוהערער פארוואנדלען זיך אין א טייל פון דער דאָזיקער צוקונפטס־ווירקלעכקייט. ער שאַפט וויזיעס, כדי זיין פאָלק זאָל זיי זען.

און אין די שווערע טעג — דער מאַנגל אין שפּייז, דאָס אָנגרייפן פון שונא, דאָס פעלן פון פריינט אין די „הויכע ספערן" — האָט ער רעדעס געהאַלטן פאר זיין פאָלק — נביאותן וועגן דעם, אז דער מדבר האָט אויפ־געהערט צו זיין מדבר, און וועגן אוראַלטן ישראל אין וועלכן „דער מדבר וועט זיך פרייען און די וויסטעניש וועט לאַכן". די זון־שטראַלן וועלן אויסגעניצט ווערן, און די וויסנשאַפט וועט ענדערן אפילו דעם קלימאַט. עס איז נישטאָ קיין גרענעץ פון שאַפונגס מעגלעכקייטן, נאָר מען מוז אין דעם גלויבן. ישראל וועט פארוואנדלט ווערן אין א צענטער פון א רייך ניי לעבן: דער רענעסאַנס פון נאָענטן מזרח!

דאָס איז בן־גוריון הנביא, דאָס אייניקל פון ישעיהו, ירמיהו, דניאל, הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי.

ער איז נישט מקפּיד אויף די דינים פון פארבאָטענע מאכלות, און איז נישט מקיים קיין שום מצוה פון די אנדערע רעליגיעזע מצוות. טיילמאָל, צוליב פּאָליטישער צוועקמעסיקייט האָט ער געדאַרפט צוזאַמענאַרבעטן מיט די רעליגיעזע פּאַרטייען, און באַשטעטיקן געזעצן וואָס האָבן געענדערט ישראל, אין לייכטער פאָרם, אין א טעאָקראַטישע מדינה, אָבער מפא"י איז אן אנטי־קלעריקאַלע פּאַרטיי, און ער אליין איז נאָך מער אנטי־קלעריקאַל ווי זיין פּאַרטיי.

און פונדעסטוועגן איז ער אין די טיפענישן פון זיין האַרץ א גייסטיקער מענטש, און ער באזיצט מער ווי א ביסל, פון פאטאליסטישן מיסטיציזם; און א גלויבן אין די שטרענגע עטישע ווערטן פון דער יידישער רעליגיע.

איינער פון זיינע נאָענטסטע מיטהעלפער אין די לעצטע יאָרן, יעקב הערצאָג, דער זון פון דעם הויפּט־רב אין ארץ־ישראל, אליין זער א פרומער, (איצט דער ישראל אַמבאַסאַדאָר אין וואשינגטאָן) האָט נישט איינמאָל גע־זאָגט צו בן־גוריונען: „דו באַנעמסט זיך, גליך ווי דו וואָלסט געגלויבט אין ניסים, נאָך מער ווי א סך פרומע יידן".

ווייזט אויס, אז בן־גוריון האָט נישט אויפגעהערט צו שטרעבן צו א גייסטיקער וועלט און צו זוכן דאָס, וואָס ער וועט אין איר קיינמאָל נישט

געפינען. דאָס קלערט אויף אייניקע קעגנזאַצן אין אים. דאָס דערקלערט זיין אלטע פריינטשאַפט מיט הרב מיימון, מיט וועמען ער האָט געפירט פיל פילאָזאָפישע און ביטערע רעליגיעזע דיסקוסיעס.

ער האָט עס קלאָר געמאַכט פאר זיינע ארומיקע, אז ער וויל ארייננגיין אין דער געשיכטע אלס א מענטש פון געדאַנק און וויזיע. אין אָנפאַנג האָט ער זיך פארנומען מיט פילאָזאָפיע, אזוי ווי קולידזש און הובער מיט פיש־פאנג און אייזנהאַוער מיט גאָלף־שפיל, אָבער נאָך א קורצער צייט איז זי פאר אים פארוואנדלט געוואָרן אין א טיפן, ערנסטן סטודיום.

א פּראָפעסאָר פון אַטען איז געקומען קיין ישראל, כדי צו רעדן מיט בן־גוריונען איבער אַקטועלע פּראָבלעמען. ער האָט נישט געהאַט קיין שום שוועריקייטן אויפגענומען צו ווערן. אָבער נאָך א צוויי שעהדיקן געשפרעך איז דער פּראָפעסאָר ארויס פון אים זער אנטוישט.

„דער פּרעמיער מיניסטער האָט אין משך פון די גאנצע צוויי שעה גערעדט וועגן פלאַטאָן און אריסטאָטעלעס, און דערנאָך האָט ער זיך אויפ־געהויבן און מיך אָפּגעזעגנט".

פון פלאַטאָנען האָט בן־גוריון געלערנט, אז א פילאָזאָף איז א מענטש וואָס איז פולקאָם אין חכמה, וויסן און דינעם פארשטאַנד, און דערביי איז ער באַשאָנקן מיט געפיל פאר גערעכטיקייט, באשיידנקייט, ליבע צום גוטן, און פארמיידן רויען כוח. אין זיבעטן צענדליק פון זיין פאריאָגט לעבן האָט ער באַשלאָסן צו זיין א פילאָזאָף אין פלאַטאָנישן זין פון וואָרט, אין אזא מאָס ווי דאָס לאָזט זיך פארווירקלעכן אין דער צייט, וואָס איז אים נאָך גע־בליבן צו לעבן אויף דער וועלט.

לויט זיין נאַטור איז ער א מענטש פון שלום. צו אייניקע פון די קאָרעספּאָנדענטן האָט ער געזאָגט:

„איך בין דער קריגס־מיניסטער. דאָס איז די ערגסטע זאך וואָס איז מיר אויסגעפאַלן צו טוען אין משך פון מיין לעבן. איך מוז מקריב זיין די לעבנס פון אונדזער בעסטער יוגנט און פארשווענדן הונדערטער מיליאָנען, גלויבסטו אז איך האָב ליב צו פארטאַכלעווען געלט אויף טאַנקן און עראָפּלאַנען? זיכער וואָלט איך בעסער אויסגעגעבן געלט אויף בויען היי־זער און דערציונג, און נישט צווינגען די בעסטע זין צו ווערן סאָלדאַטן. איך האָס דאָס אלץ וואָס איך טו, אָבער איך בין געצוואונגען דאָס צו טוען".

קיינמאָל האָבן אים נישט אויסגעפעלט קיין שונאים: די ענגלענדער, שפּעטער די אראבער, דערנאָך די נישט זיכערע פּאָליטיקער פון די גרויסע מלוכות, אנטי־ציוניסטן, צוייפלער, ווייך־הארציקע צווישן זיינע אייגענע

פריינט, טעראָריסטן, קאָמוניסטן, פאַשיסטן, קעגנער פון א פּלאַנירטער ווירטשאַפט, אויסנוצער, רעליגיעזע פאַנאַטיקער, מאַטעריאַליסטן און סתּם בטלנים און פאַנטאַזיאָרן — א לאַנגע רשימה. ער האָט שוואַכקייטן, און ער מאַכט פעלערן. איינער פון זיינע ביטערסטע קריטיקער אין דער כנסת, האָט איינמאָל געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגערעכנט זיינע שטאַרקסטע פעלערן:

„סוף־סוף קען נאָר א גרויסער מענטש מאַכן פעלערן". זיינע קעגנער האָבן זיך באַנוצט מיט א ריי מאוסע עפּיטעטן לגבי אים: „א ווילדער", „אומפאַראַנטוואָרטלעכער", „א בעל־חלומות". אָבער ווען זיינע חלומות ווערן מקויים זאָגן זיי — אַז ער איז א „בר־מזל".

איינע פון זיינע שוואַכקייטן אלס פרעמיער־מיניסטער איז דער מאַנגל אין דיפּלאָמאַטישן חוש. עס זענען געווען פאַלן ווען ער האָט מיט איין שאַרפן זאַץ חרוב געמאַכט פּלענער וואָס זיין אייגענער אויסערן־מיניסטער האָט פאַרגעברייט אין משך פון לאַנגע חדשים.

מען האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער באַזיצט פּאָליטישע פריינט אויף רעגירונגס־פּאָסטנס (די דאָזיקע באַשולדיקונג הערט מען מער ווי איינמאָל קעגן אָנפירערס פון גרעסערע און עלטערע מדינות), אַז ער האָט א נייגונג צו וויזיעס פון אחרית־הימים (א נישט־געלונגענער זאַץ אין זיינס א רעדע האָט גורם געווען דעם דאָזיקן פאָרוואורף), און אַז ער פאַרלירט שעהן אויף געשפּרעכן מיט נישט־וויכטיקע מענטשן נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען זיינע אַלטע ציוניסטישע פריינט.

די קאָמאַנדירן פון פּלמ"ח קאָנען אים נישט מוחל זיין דאָס, וואָס ער האָט נשט אויסגענוצט די נצחונות פון 1948, זיי טענהן, אַז אויב ער וואָלט זיך נישט אונטערגעגעבן דעם דרוק פון אמעריקע און פון דער אונ"א, וואָלט ער געקענט באַפרייען גאַנץ ארץ־ישראל.

אָבער דער רוב פון זיינע קריטיקער זענען מודה, אַז ווען נישט בן־גוריון וואָלט מדינת ישראל איצט נישט עקזיסטירט, און אַז ווען די צייט וועט קומען, וועט זיין שווער צו געפינען דעם געהעריקן פאַרטרעטער.

דער סוד פון זיין אָנפירערשאַפט ליגט טיילווייז אין דעם וואָס ער איז א מין סינטעטישער צוזאַמענשטעל פון דריי טויזנט יאָר היסטאָריע, וואָס זיין מוח איז אָפן פאַר אַלע גרויסע באַוועגונגען פון זיין אייגענער צייט, אין וועלכע ער פלעכט זיך איין מיט ריטמישן טעמפּאָ, און וואָס זיינע רייד האָבן אן אָפּקלאַנג אויף דער גאַנצער וועלט.

תימנער יידן וואָס זענען זער פרום, און די אייראָפּעישע ציוויליזאַציע

האָט זיי לגמרי נישט דערגרייכט, זעען אין דעם דאָזיקן אפּיקורס פון פּוילן די פאַרקערפּערונג פון זייערע חלומות.

א הויך קולטורעלער ענגלישער ייד ווי מאַרקוס זיוו, אָנערקענט זיין אומגעווײנלעכקייט. אַמעריקאַנער וואָס זענען נישט קיין ציוניסטן, און אפשר אויך קיין יידן נישט, זעען אין אים איינעם פון די צען מנהיגים פון אונדזער דור, אין דער צייט ווען פעלקער ווערן געפירט דורך דירעקטאָרן, און אמתע מנהיגים זענען פאַראַנען גאָר ווייניק. א קלוגער מענטש פון אויסלאַנד האָט וועגן אים געזאָגט:

„נאָך פינף מינוט רעדן מיט בן־גוריונען, ווייסטו אז ער ווייסט",

קאפיטל זעכצן

איינע פון בן־גוריונס באַאַמטינס האָט אים געפרעגט: „ווען געפינסטו אַ מאָל רו?"

„דו רעדסט וועגן שלאָפן?".

„ניין, וועגן רו".

„איך לייען אַ סך".

„ניין, איך רעד וועגן אַבסאָלוטער רו".

בן־גוריון האָט געקוקט אויף דער יונגער פרוי, ווי זי וואָלט געווען אַביסל משוגע און האָט געזאָגט:

„אויב דו מיינסט, סתם זיצן און קוקן אין הימל אריין, טו איך דאָס קיינמאָל נישט".

צו יענער צייט איז ער געווען, אויסער פרעמיער־מיניסטער, אויך קריגס־מיניסטער, פאראנטוואָרטלעך פאר אכט־און־צוואַנציק רעגירונגס־דעפּאַרטעמענטן. צוואַנציק ביז דרייסיק שעה אַ וואָך האָט ער געווידמעט אויף לייענען און אינטענסיוו שטודירן.

זיין נאָרמאַלער ארבעטס־טאָג הויבט זיך אָן זיבן אַ זייגער אין דער פרי, נאָך אַ שלאָף פון פיר ביז פיר און אַ האַלבער שעה. זייט יאָרן האָט ער זיך אין מער שלאָפן נישט גענויטיקט. זיבן אַ זייגער האָט שוין פאָלאַ גרייט פאר אים אַן איינפאַכן פרישטיק. איין שעה צייט לייענט ער די מאָרגן־צייטונגען. אַ טייל פון דער ווייטערער שעה לייענט ער מלוכה־דאָקומענטן. אין יענע טעג פלעגט ער אָפט גיין צו פוס אין זיין ביוראָ אריין, אַ מהלך פון צוויי און אַ האַלבן קילאָמעטער (זייט דאָס קריגס־מיניסטעריום איז אריבער אין אַ צוויי־שטאָקיג הויז אין דער „קריה", אויף דער גרענעץ פון תל־אביב) און אַ זייגער ניין זיצט ער שוין ביי זיין ארבעטס־טיש. פיר און אַ האַלבע שעה פלעגט ער קאָנפערירן מיט די אָנפירער פון די מיליטערישע אָפּטיילונגען.

האַלב צוויי איז ער געגאַנגען אהיים אויף אַ לייכטן מיטאָג און אויף אַ האַלב־שעהדיקן דרעמל. שפּעטער פלעגט ער ארבעטן איבער די מלוכה־פּאַפּירן וואָס ער האָט מיט זיך אהיים גענומען און פונקט פיר אַ זייגער צוריק־

קערן אין זיין אמט. די וויטערדיקע פיר שעה איז ער געווען פרעמיער־מיניסטער, אויפגענומען חשובע געסט, געגעבן אינטערוויוען פאר זשורנאַליסטן, קאָנפערירט מיט דעפּאַרטאַמענטן־לייטערס, געשריבן אַרטיקלען און רעדעס און אויסגעפירט אַלע אַנדערע פונקציעס פון א רעגירונגס־שעף.

אַכט א זייגער פלעגט ער אהיים גיין (צו פוס) מיטנעמענדיק מיט זיך א טעקע „פול מיט אַרבעט", און טיילמאָל האָט אים באַגלייט א רעגירונגס־מיטגליד מיט וועלכן ער האָט געוואָלט שמועסן.

פאָלאַ פלעגט שוין האָבן צוגעגרייט דאָס אָוונט־ברויט; געוויינלעך — קעז, ברויט, סמעטענע און סאַלאַט. זאָלן די געסט זיין ווער זיי זענען, ווערט אָוונטברויט געגעסן אין קיך.

פיל מענטשן וואָס האָבן אים געזען עסן זיין מאָלצייט, זענען געקומען צום אויספיר, אז בן־גוריון וואָלט געגעסן וואָס מ'וואָלט פאר אים אוועקגעשטעלט, נישט אונטערשיידנדיק, צי דאָס זענען מעדני־מלכים, צי אַן עק פון א הערינג.

ווען נישט פאָלאַ וואָלט ער אינגאַנצן פאַרגעסן צו עסן. און נאָר איר זאָרגן פאַר זיינע קערפּערלעכע געברויכן, האָלטן אים אויף ביים לעבן. זייט יאָרן איז עס א געזעץ אין בן־גוריונס הויז, אפילו נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער, אז וואָשן דאָס געשיר, וואַשט אַמאָל ער און אַמאָל פאָלאַ. אין אָוונטן ווען זיי האָבן געהאַט געסט צום טיש און עס איז געווען זיין ריי, פלעגט ער שנעל פאַרענדיקן דאָס עסן, אָפּשווענקען זיינע אייגענע טעלער, און וואַרטן אומגעדולדיק ביז די אַנדערע וועלן ענדיקן עסן. אויב דער גאַסט האָט פאַרלאַנגט, האָט מען אים דערלויבט מיטצוהעלפן ביים וואַשן די כלים. די רשימה פון חשובע ישראל־געסט וואָס האָבן געשווענקט דאָס געשיר אין בן־גוריונס קיך איז אזוי גרויס ווי די רשימה פון די חשובע ישראל־פּערזענלעכקייטן.

נאָך דעם ווי די געסט גייען זיך פאַנאַנדער, נעמט זיך בן־גוריון צו זיין טעקע מיט מלוכה־דאָקומענטן. ער אַרבעט איבער זיי ביז נאָך חצות. די שעהן צווישן צוועלף בייגאַכט און 2—3 פאַרטאָגס זענען פאַר אים תמיד געווען די באַליבסטע שעהן אין מעת־לעת. ליגנדיק אין בעט ביי א קליינער לעמפּל צוקאָפּנס, לייענט ער, צו זיין פאַרגעניגן, א בוך נאָך א בוך. אין אַלגעמיין קלויבט ער זיך אויס א בוך צוגעפּאַסט צו דער פילאָזאָפישער טעמע וואָס איז אים, אין געגעבענעם מאָמענט נאָענט. דאָס איז פון תמיד אָן געווען בן־גוריונס מנוחה. און זי דערפרישט נישט ווייניקער ווי דער שלאָף.

דאָס בן־גוריון הויז געפינט זיך אין צפון תל־אביב, א דריי פערטל

קילאָמעטער פון ים. עס איז א צוויי־שטאָקיגע געביידע ענלעך צו א קאסטן, און אויסער די בודקע מיטן וואך־פּאָסטןביים הויז, אונטערשיידט זי זיך מיט גאָרנישט פון אנדערע הייזער. אין דער צייט פון דער מל־חמה האָט מען די פענצטער פון ערשטן שטאָק פארלייגט מיט ציגל ווי א שוץ־מיטל קעגן באָמבעס. אין פארטער איז פאראנען אן אויפנאַמס־צימער, אן עס־צימער, א קליינע ביבליאָטעק וואָס צוויי פון אירע ווענט זענען באַלייגט מיט ביכער, און פּאָלעס צימער. אויפן צווייטן שטאָק — פיר צימערן פון וועלכע דריי זענען באלאָדן מיט ביכער פון דער פּאָדלאָגע ביז צום סופיט, צום ווייניקסטן פיר טויזנט ביכער, איינע פון די רייכסטע ביבלי־אָטעקן אויפן נאָענטן מזרח. עס איז אין איר פאראן הונדערטער ביכער בלויז וועגן דער אינדישער פילאָזאָפיע אליין. זיין ארבעטס־צימער געפינט זיך אין גרעסטן פון די דריי צימערן, אין וועלכן עס איז אויך פאראן א גלאָ־בוס. אין דעם קלענערן פון די צוויי נאָענטע ביבליאָטעק־צימערן געפינען זיך איניקע שטולן. דאָ נעמט ער טיילמאָל אויף נאָענטע באַקאַנטע אָדער דיפּלאָמאַטן. זיין קליין שלאָף־צימער וואָס איז באשיידן מעבלירט, געפינט זיך אין שכנות פון דער דאָזיקער דריטער ביבליאָטעק.

ווינטערצייט, דער באַראָמעטער נידערט אַראָפּ און עס ווערט קאָלט, פיל מענטשן אין ישראל טוען אָן אויבערמאַנטלען, און אין מערסטנס נייע הייזער איז פאראן צענטראַל־באַהייצונג. אָבער אין בן־גוריונס הויז איז זייט יאָרן דער איינציקער מכשיר אויף אָנצוווארעמען די דירה — אן אַלט־מאָדיש נאַפט־אויוועלע. דער אַמבאַסאַדאָר מאַקדאָנאַלד איז איינמאָל איינגעלאַדן געוואָרן צו מיטאָג און האָט געטראָפן פּאָלען אָנגעטוען אין א סוועטער און אין וואָלענע הויזן. דאָס נאַפט־אויוועלע האָט יענעם טאָג געדינט כדי צו דערוואָרעמען דאָס עס־צימער, די טעמפּעראַטור אין אים זאָל זיין אביסל העכער ווי אין אייז־קאַסטן. שפּעטער אביסל האָבן דער פּרעמיער־מיניסטער און דער אמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר זיך געריבן די הענט איבער דעם פלאַם פון אויוון, פארטיפט אין א געשפּרעך איבער זאַכן פון טיפער וועלט־פּראָבלעמאַטיק.

איינמאָל האָט מאַקדאָנאַלד באקומען אן איינלאַדונג צו באזוכן בן־גוריונען אין אָוונט. פּאָלע האָט אים געעפנט די טיר און געזאָגט:

„ער ארבעט אין דער הויך. גייט ארויף".

ער האָט געפונען דעם פּרעמיער־מיניסטער אין בעט, אונטער דריי אָדער פיר קאָלדרעס, ווי ער זיצט און חתמעט אונטער מלוכה־דאָקומענטן.

דער פרעמיער האָט אים אָנגעקוקט פון איבער די ברילן וועלכע ער טראָגט תמיד ביים לייענען און האָט געזאָגט: „אָדער איך וועל דאַרפן געפרוּירן ווערן זיצנדיק אונטען, אָדער איך וועל זיצן אין בעט און מיך גוט פילן“.

אין יענע צייטן איז זיין ביוראָ אין תל־אביב געווען זער איינפאַך איינגעאָרדנט. איינער פון די פראַקטישע מכשירים אין ביוראָ איז געווען אַן אַלטמאָדישע פּערפוריר־מאַשין, וועלכע ער האָט תמיד געהאַלטן אויפן טיש. ווען ער האָט געהאַט אינטערעס פאַר עפּעס אַ שטיקל געדרוקט אָדער באַשריבן פּאַפּיר, האָט ער עס גלייך דורכגעלעכערט מיט דער מאַשין און אַריינגעשטעקט אין אַ טעקע, צו וועלכער קיינער האָט זיך נישט צוגערירט. טעלעגראַמען צום אויסערן מיניסטעריום וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן פאַר זיי אינטערעס, זענען געווען באַצייכנט: „שיק צוריק צו בן־גוריונען“. אויך זיי האָבן געהאַט אַ פּלאַץ אין זיין טעקע.

אין לעצטן טאָג פון יעדן חודש, פאַר אַכט אַ זייגער אין אָוונט, האָט בן־גוריון אויפגעשריבן אויפן דעקל פון דער אַקטן־טעקע דאָס יאָר און דעם חודש, און ווי אַ צופרידענער פון דעם וואָס ער האָט אויסגעפירט די פליכטן פון אַן אַרכיוו־באַאַמטן, האָט ער זיך געווענדט צו איינעם פון זיינע געהילפן: „עס איז געקומען די צייט צו עפענען אַ נייע טעקע. די טעקע פון נייעם חודש טראָגט ער שטענדיק מיט זיך.

אַלס קריגס־מיניסטער האָט ער געהאַט אַן אַדיוטאַנט אָדער סעקרעטאַר, און אַלט פּרעמיער האָט ער געהאַט אַ דירעקטאָר פון פּרעמיער־ביוראָ (דאָס איז טעדי קאָלעק, אַ קיבוצניק פון איינעם פון די קיבוצים ביים ברעג פון כנרת), אַ יועץ פאַר ענינים פון געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, משה פּערלמאַן, אַן ענגלישער זשורנאַליסט מיט אַ סך פּראַקטיק און אַ מחבר פון אייניקע ביכער און בראָשורן) אַ פּריוואַט סעקרעטאַר (זיין ערשטער סעקרעטאַר איז געווען אלקנה גלי, וועלכער איז „אויסגעשולט“ געוואָרן אין אויסערן־מיניסטעריום, אויך ער איז אַ קיבוצניק פון אַ קיבוץ אויפן ברעג פון כנרת), צוויי „ביוראָ־באַאַמטע“ און אַ סטענאָגראַפיסטין, וואָס האָט אים געהאָלפן הויפּטזעכלעך ביים פאַרברייטן זיינע רעדעס און אַרטיקלען, און אייניקע מאַשיניסטקעס.

פון די דאָזיקע אַלע יונגע מיטאַרבעטער האָט בן־גוריון פאַרלאַנגט זעלבסט־אָפּפערונג. זיי האָבן אים זי געגעבן, ווער אין אַ קלענערער און ווער אין אַ גרעסערער מאָס.

זיין מיליטערישער סעקרעטאַר האָט געגעבן אַ ביישפּיל פון איבער־

געבנקייט. ארגוב וועלכער איז געווען מיט אכט־און־צוואַנציק יאָר יינגער פון בן־גוריונען איז געווען כמעט א סאברע. נאָך אלס קינד איז ער עולה געווען קיין ערץ־ישראל, ער האָט חתונה געהאַט און זיך געגט — אַ טעמע וועלכע ער האָט דערמאָנט בלויז איין־און־איינציק מאָל אין פארלויף פון אלע יאָרן וואָס ער האָט זיך געפונען אין קריגס־מיניסטעריום.

ארגוב איז פאַרגעלייגט געוואָרן אלס אַדיוטאַנט דורך דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב, ווייל אין פארלויף פון די צען יאָר וואָס ער האָט געדינט אין דער הגנה איז ער געווען דער אַדיוטאַנט פון א סך אָפיצירן, און צום סוף פון דאָסטראָווסקין גופא. א חודש פאר דער אראַבישער אינוואַזיע האָט ער זיך פאַרגעשטעלט פאר בן־גוריונען. ער איז געווען פונקט אזוי הויך ווי בן־גוריון. זיינע שווארצע האָר זענען געווען א בולטער קאָנטראַסט צום גרויען קאָפּ פון זיין שעף. זיין געזיכט איז געווען קאַנטיק פארשאַרפט. די באַז שפיציק און פון זיינע אויגן האָט ארויסגעקוקט טרויער. גאַנץ זעלטן פלעגט ער שמייכלען. ער איז געווען דאַר און האָט געהאַט אן אטלעטישן קערפּער־בוי. נישט איינמאָל פלעגט ער, צוליב צייט־פארטרייב, ווארטנדיק אויף זיין שעף, אויסציען זיך אין זיין גאַנצער לענג, ביז צו דער טיר־פּוט־רינע. אין א קורצער צייט איז זיין איבערגעבנקייט צו בן־גוריון באַקאַנט געוואָרן אין אלע ווינקעלעך פון ישראל.

ווען בן־גוריון איז געזעסן ביי דער ארבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין, פלעגן די מענטשן וואָס האָבן געארבעט אין זיין מחיצה, זיצן אין די קאָרידאָרן, זיך דערציילן וויצן און מעשיות און זיך ווינטשן צו קאָנען גיין אין קינאָ, „אויב בן־גוריון וועט געבן פרי אוועקגיין“. ארגוב פלעגט שפּרייזן נערוועז ארויף און אראָפּ אין צימער, און נאָר נאָכדעם ווי ער האָט באַגלייט בן־גוריונען אהיים, האָט ער זיך מיטגעכאַפּט מיט זיינע חברים אין קינאָ אריין. אָבער עס פלעגט טרעפן, אז אין מיטן פילם איז ער אויפגעשטאַנען: „עס טוט מיר לייד, אָבער איך בין באאומרויקט וועגן בן־גוריונען, איך מוז גיין זען צי אלץ איז אין אָרדנונג“.

אַלס בן־גוריונס אַדיוטאַנט, איז ארגוב געווען דער פארבינדונגס־מענטש צווישן קריגס־מיניסטער און דעם מיליטער. און דערביי האָט ער אויסגעפירט אלע פליכטן וואָס עס פירט געוויינלעך אויס דער געהיים־דינסט אין אמעריקע, זייענדיק דער פערזענלעכער היטער פון פרעזידענט, מחמת ער האָט ביי טאָג און ביי נאַכט געזאָרגט פאר דער „זיכערקייט“ פון זיין שעף. אין א לאַנד מיט אזויפיל אראבער, וואָס אירע גרענעצן

זענען אזוי נאָענט צו די צענטערן פון לאַנד, ווי לופט־אָנגריפן זענען מעג־לעך געווען יעדן טאָג, און טעראָריסטן וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין מאָרדן האָבן געקענט ארויסשלייכן זיך פון יעדן ווינקל, אין אזא לאַנד — האָט ארגוב געמוזט זיין פּאָרזיכטיק און אויף דער וואַך. זיין איבער־געבנקייט איז געווען אזוי גרויס, אז ער האָט זיך כמעט פארוואַנדלט אין א פּערזענלעכן דינער, וואָס ברענגט דעם פּרעמיער־מיניסטער אַ גלאָז וואַסער אײדער ער הויבט אָן זיין רעדע אין כנסת, וואָס זאָרגט ער זאָל האָבן א גלאָז טיי נאָכן מיטאָג און וואָס באַדינט אים ממש ווי א לאַקיי.

ארגוב האָט פּיינט געהאַט דעם טיטל „אַדיוטאַנט", און ווען א צייטונג האָט וועגן אים געשריבן אין דעם נוסח, פלעגט ער אָנקלינגען צום רע־דאַקטאָר און אים זאָגן: „כ'בעט דיך נעמען אין אַכט, אז איך בין דער מיליטערישער סעקרעטאַר פון פּרעמיער".

איינע פון די פאַרגיטיגונגען וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין איבער־געבנקייט איז געווען די מאַכט וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, אין רעזולטאַט פון זיין אמט. ער איז געוואָרן עפּעס מער ווי סתם א פאַר־מיטלער. ער האָט דעצידירט ווער עס וועט אויפגענומען ווערן דורכן פּרע־מיער און ווער נישט. און אז ער האָט געזאָגט „ניין!" איז אויף דעם קיין שום אַפּעלאַציע נישט געווען.

ארגוב האָט אין א קורצער צייט אויסגעאַרבעט אין זיך א מין זעקסטן חוש, אין באַציונג צו זיין שעף. עס האָט אויסגעזען, אז ער איז פעיק אויס־צופילן בן־גוריונס צופעליקסטע רעאַקציעס לגבי מענטשן, באַמערקונגען און פאַקטן. עס איז געגנוג געווען בלויז א חשד, אז בן־גוריון איז וועמען נישט נוהג בכבוד, אז ער זאָל יענעם מענטש פּיינט קריגן.

ארגוב איז געווען א פּערזענלעכקייט פאַר זיך, אָבער ער האָט זיך אין פאַרלויף פון אייניקע יאָר, פאַרוואַנדלט אין אן אַבסאָלוטן שאָטן פון זיין שעף. טיילמאָל פלעגט ער גיין נאָר צוויי־דריי שריט הינטער בן־גוריונען, ממש ווי א שאָטן. ער האָט צוגעפּאַסט זיין פּערזענלעכקייט צו בן־גוריונס פּערזענלעכקייט און איז געוואָרן ממש זיין „צווייטער איך". פּונקט ווי בן־גוריון האָט נישט געהאַט קיין שום „האָביס", האָט ער אויך נישט געהאַט קיין שום ליבלינגס־באַשעפטיקונגען; געגוי ווי בן־גוריון, האָט ער אויך נישט מקפּיד געווען אין פראַגן פון מלבושים, און האָט נישט ליב געהאַט קיין צערעמאָניעס אין באַציונגען מיט מענטשן, און געגוי ווי בן־גוריון האָט ער אויך געטראָגן אן אָפּענע בלוזע.

בן־גוריון איז א מענטש פון קאָנצענטרירן זיך ארום איין ציל, און ארגוב האָט אין זיך אנטוויקלט די זעלבע מידה. בלויז מיטן אונטערשיד וואָס זיין איינציקער ציל איז געווען דאָס גליק פון זיין אָנפירער. ער איז געווען גרייט מען זאָל פון אים אָפּשפּעטן און אויף אים אויסרעדן, אבי נאָר, ער זאָל קאָנען בן־גוריונען באפרייען פון זאָרגן און עגמת־נפשן. קיין זאַך וואָס איז נישט געווען פארבונדן, אין דער אָדער אנדערער פאָרם, מיט בן־גוריונען, איז פאר אים נישט געווען וויכטיק און האָט אים נישט אינטערעסירט.

אין אָנפאַנגס האָט ארגוב באוווסטזיניק נאָכגעמאַכט בן־גוריונס זשעסטן און זיין אופן רעדן. אָבער איינציקוויין איז דאָס געוואָרן ביי אים א צווייטע נאַטור, און ער האָט אָנגעהויבן רעדן, געסטיקולירן און אפילו גיין ווי בן־גוריון. עס איז אין דעם נישט געווען קיין שום עגאָיסטישער מאָטיוו. ארגוב האָט נישט געזוכט און נישט דערוואַרבן קיין שום רייכטום, קיין מאטעריעלע פארגיטיגונג אָדער קיין עפנטלעכע אָנערקענונג. דער גע־האַלט איז געווען א באשיידענער און אין זיין לעבן האָט ער נישט געוווּסט פון באַקוועמלעכקייטן. ער האָט מקנא געווען בלויז איין מענטש, און יענער איז שוין לאנג נישט געווען אויף דער וועלט. ער האָט געוווּסט ווי שטאַרק בערל קאַצענעלסאָן און זיין אָנפירער זענען געווען פארבונדן. ער האָט איינמאָל דערציילט א פריינט אין תל־אביב, ווי שטאַרק ער ליידט דערפון, וואָס ער איז נישט פעיק צו מאכן אויף בן־גוריונען קיין אינטעלעקטועלן איינדרוק.

אין די ערשטע יאָרן פון דער אומאָפּהענגיקייט האָט דער פרעמיער־מיניסטער געביטן דריי אדער פיר מאָל זיין ציווילן סעקרעטאַר, אָבער ארגובס פּאָזיציע איז געווען אזוי פעסט ווי זיין אייגענע.

געווען זענען עטלעכע סיבות פון דער ספּעציעלער פאראינטערע־סירונג מצד דעם עלטערן מאַן לגבי דעם יונגן מענטש. איינע פון זיי איז געווען וואָס די באציונגען זענען געווען ווי פון א פאָטער צו א זון. א צווייטע ווערסיע איז געווען, אז דער עלטערער מאַן האָט געזען אין דעם דאָזיקן יונגן חלוץ פון גליל, מיט דעם פּרעכטיקן אויסזען, מיט זיין איבערגעבנ־קייט און לאָיאַלקייט. דעם „דורכשניט מענטש" אויף להבא — א פּראָטאָ־טיפּ פון דעם צוקונפטיקן יונגן ישראל־מענטש. אנדערע אמטס־מענטשן האָבן געוווּסט, אז בן־גוריון האָט פארטרויט פאר נחמיהן זאכן וואָס ער האָט נישט פארטרויט פאר קיין שום אנדערן מענטש, אפילו נישט פאר

פּאַלען. אָבער אין די דאָזיקע באַציִונגען איז נישט געווען פון לייכטן „גיב־און־נעם". ארגוב האָט זיך מיט אַלע חושים צוגעהערט צו בן־גוריונס רייד, מער ווי ער האָט גערעדט צו אים, האָט ער גערעדט אַריין אין אים, נישט איינמאָל האָט ער אים באַנוצט ווי אַלס אַן אויפנעם־פּלאַטע. דאָס איז געווען דעמאָלט ווען דער פּרעמיער האָט געטראַכט הויך אויפן קול.

דער יונגער מאַן איז ממש געווען אַ „פּיסן־בענקעלע" פון זיין לערער, דעם עלטערן מאַן. ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, איז אויך דעם תּלמידס וועזן אַדורכגענומען געוואָרן מיט דער וויזיע פון זיין לערער.

היות ישׂראל איז אַזאַ קליין לאַנד וווּ יעדער קען יעדן, איז נחמיה ארגוב געוואָרן איינע פון די באַליבסטע טעמעס פאַר געשפּרעכן צווישן איין קאַמף און דעם צווייטן און צווישן איין גרענעץ אינצידענט און דעם אַנדערן. די באַציִונגען צווישן דעם יונגן אָפיציר און דעם ווייס־האָריקן קאָמאַנדיר האָבן נישט שטאַרק אויסגענומען ביי אַלטע ציוניסטן און אינ־טעלעקטואַלע אַרבעטער־פירערס. זיי פּלעגן זיך ערגערן ווען זיי האָבן געהערט, ווי מען דערמאָנט אין איין אָטעם דעם יונגן אָפיצער און דעם גרויסן בערל קאַצנעלסאָן. די דאָזיקע צוויי מענטשן האָבן נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס, אַ חוץ דעם — וואָס ביידע זענען זיי געווען בן־גוריונס איינציקע פריינט: פריינט צוליב סיבות, וואָס האָבן מיט זיך נישט געהאַט קיין שום שותּפותדיקס. אָבער טראָצדעם זענען זיי געווען די איינציקע פריינט וואָס זענען אים באמת געווען נאָענט.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז נחמיה ארגוב איז געווען אונטערן איינ־פלוס פון דער היסטאָרישער דערציילונג וועגן נחמיה, דער זון פון חכליה. יענער אָריגינעלער נחמיה, פון פאַר פיר־און־צוואַנציק הונדערט יאָר, איז געווען דער שר־המשקים פון אַ מלך; דער היינטיקער נחמיה האָט צו־געטראָגן אַ גלאָז טיי דעם פּרעמיער־מיניסטער. יענער נחמיה איז געווען דער היטער פון מלך'ס אַפּאַרטאַמענטן און האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל דעם מלך נישט פּאַסירן קיין שום שלעכטס, דער נחמיה איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער זעלבער זאַך, נאָר פון אַן אַנדערן הערשער, איינציקע טויזנט יאָר שפּעטער. נחמיה בן חכליה איז געווען אַ סאָציאַליסט, אַ באַשיצער פון אָרעמעלייט און האָט באַשטראָפט יעדן וואָס האָט באַ־גזלט אַן אָרעמאַן; אַ פאַרברענטער חסיד פון דער העברעישער שפּראַך, אין דער צייט ווען דאָס פאָלק האָט גערעדט אַן אַנדער לשון; אַ פעיקער שריי־בער; דער תנ"כישער נחמיה איז געקומען אין לאַנד אַריין פון מרחקים,

האָט אויסגעבויט די מויער פון ירושלים און האָט אָרגאַניזירט א גרויסע עליה פון יידן פון חוץ לארץ. מעגלעך, אז ארגובס עלטערן האָבן געחלומט, אז זייער זון וועט זיין דער נחמיה פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט. אויב דאָס איז געווען זייער חלום, האָט זייער זון זיי אַנטוישט. ער וועט אָבער ווייניקסטנס, זיין א געהילף פון דעם מענטש וואָס וועט מצליח זיין די דאָזיקע ארבעט אויסצופירן, פון א מענטש וואָס איז געווען א סך ענלעכער צו נחמיה בן חכליה ווי נחמיה ארגוב אליין.

דאָס פּראָבלעם פון די נעמען איז תמיד געווען קאָמפּליצירט. דער פּרעמיער האָט אלע זיינע יונגע געהילפן גערופן ביי זייערע פּערזענלעכע נעמען, און ער האָט פּארלאַנגט, אז אויך זיי זאָלן אים רופן פשוט — „בן־גוריון". איינע פון די מאשיניסטקעס האָט זיך תמיד טועה געווען און אים גערופן „הער בן־גוריון", אין אזא פאל האָט ער איר געענטפערט: „יאָ, מאַדאַם מינאַ". אונטערשטרייכנדיק מיט איראָניע דאָס וואָרט „מאַדאַם".

א נייער פּריוואַט־סעקרעטאר האָט אין ערשטן טאָג פון זיין ארבעט זיך פארגעסן און געזאָגט „הער פּרעמיער־מיניסטער", דער פּרעמיער האָט אים איבערגעהאַקט: „אויב דו ווילסט איך זאָל דיך רופן ביי דיין פּריוואַט־נאָמען, רוף דו מיך בן־גוריון". און פון דעמאָלט אָן, ווען נאָר יענער יונגער סעקרעטאר איז געשטרויכלט געוואָרן און ווידער געזאָגט: „הער פּרעמיער־מיניסטער", האָט אים בן־גוריון אָפּגעענטפערט: „יאָ, הער פּריוואַט־סעקרעטאר".

ווען רות כאַוויליא, וועלכע איז באשטימט געוואָרן אלס איינע פון די סעקרעטאַרינס אין זיין אמט, האָט געוואַרט אין וואַרט־צימער כדי פּאָרגעשטעלט צו ווערן דעם פּרעמיער, און בן־גוריון איז אדורכגעגאַנגען דורך דעם צימער, איז זי מיט גרויס כבוד אויפגעשפּרונגען. בן־גוריון האָט זיך צו איר געווענדט און געזאָגט: „זיץ". און אז זי האָט זיך געוואַקלט, האָט ער מיט א שמייכל געקוקט צו ארגובן און געזאָגט: „ער איז א סאָלדאַט און אים קען איך באפעלן, דיך מוז איך ב ע ט ן זאָלסט זיך זעצן"... איינמאָל האָט ער אריינגערופן רות כאַוויליא אין זיין צימער און זי געפרעגט, צי איינער פון די מיניסטאָרן איז נעכטן געווען. „יאָ", האָט זי געענטפערט, „דער מיניסטער איז נעכטן דאָ געווען". „וואָס מיינסטו דערמיט וואָס דו זאָגסט 'דער מיניסטער'? אויב דו רעדסט וועגן עמיצן, רוף אים ביים נאָמען". פריילין כאַוויליא האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. זי האָט געפילט א נויטווענדיקייט צו דיסקוטירן. זי האָט געענטפערט: „עס איז א פאקט,

אז ער איז א מיניסטער". בן־גוריונס אויגן האָבן אָנגעהויבן פינקלען. "ווי הייסט דיין טאַטע?", "נסים", אלזאָ ביזטו רות בת נסים. דאָס איז א פאַקט, נישט אמת?". "יאָ", "אויב אזוי דאַרף איך, יעדעסמאָל ווען איך רעד צו דיר, דיך רופן ,רות בת נסים?'".

איינמאָל האָט פריילין כאַווילִיא געקויפט בלומען לכבוד א נייעם מיט־אַרבעטער און האָט זיי אוועקגעלייגט אויף זיין אַרבעטס־טיש, צולייגנדיק א געדרוקטע קאַרטע:

"מיט ווונשן פון פּרעמיער מיניסטערס ביוראָ".

און כדי דער ווונטש זאָל זיין וואַרעמער, האָבן אַלע מיטאַרבעטער פון אמט זיך געחתמעט מיט זייערע פּערזענלעכע נעמען. בן־גוריון איז אדורך דורכן וואַרט־צימער און האָט דערזען די בלומען. ער האָט דורכ־געליינט די קאַרטע און א פרעג געטוען: "און ווו איז מיין נאָמען?

"דו ביזט דער פּרעמיער מיניסטער", האָט פריילין כאַווילִיא געענט־פערט.

"איז וואָס איז דער מער? האָט מען דיך נישט געלערנט ווי אזוי זיך צו באַגיין מיט א חבר?".

"אָבער מען האָט מיך אויך געלערנט וואָס אזוינס איז א פּרעמיער־מיניסטער".

"א פּרעמיער־מיניסטער", האָט בן־גוריון געענטפערט מיט דער גאַנצער ערנסטקייט, "איז אן אַמט, נישט קיין מענטש, אַמאָל וועט זיין אן אנדערער פּרעמיער. איך אָבער בין א מענטש". ער האָט גענומען א בלייפעדער און אונטערגעשריבן "דוד", א נאָמען מיט וועלכן קיין שום מענטש האָט אים קיינמאָל נישט אָנגערופן.

די פירונג פון ביוראָ איז געווען איינפאַך. די פּריוואַט־סעקרעטאַרין, פריילין כאַווילִיא, און נאָך א מיטאַרבעטער פון ביוראָ נעמען אָן די גאַנצע פּאָסט, קלויבן פון איר די וויכטיקסטע און פּערזענלעכסטע בריוו און לייגן זיי אוועק אויף בן־גוריונס טיש. אויף אַלע אַנדערע בריוו ענטפערן זיי אַליין. אין די ערשטע טעג פון דער מדינה האָבן ישראל־בירגער געהאַט פּרעטענזיעס, האָבן עפּעס וואָס געוואָלט, אָדער פלעגן סתם אויסגעפינען א סיבה צו שרייבן פּערזענלעכע בריוו צום פּרעמיער מיניסטער. דערנאָך האָבן זיי געוואַרט אויף א תשובה. ביי עמיצן האָט די וואַסער־רער גע־פּלאַצט, א פרוי וואָס דער מאַן איז פון איר אַנטלאָפן, מענטשן האָבן גע־

וואָלט געבן עצות דעם פּרעמיער ווי אַזוי צו פירן דאָס לאַנד, בריוו וואָס האָבן געהערט אין אַנדערע אַמטן.

כדי צו ענטפערן אויף די אַלע פּעקלעך בריוו האָט מען געדאַרפט האָבן עטלעכע בן־גוריונס. דעריבער האָבן דאָס געטוען די מיטאַרבעטער פון אמט. זיי האָבן זיך אונטערגעשריבן אונטער דער תשובה: „פון אַמט פון פּרעמיער־מיניסטער". דער דאָזיקער סיסטעם האָט געקענט קלאַפּן ווי־עס־געהער צו זיין, ווען נישט דעם פּרעמיערס געוווינהייט ארומצוואַנדערן איבער אַלע צימערן פון אמט און אויסצוקלייבן זיך פאַרשידענע בריוו פון צווישן די בינטלעך וואָס זענען געלעגן אויפן טיש פון פריילין כאַווילעיע. יעדער בריוו האָט אים אינטערעסירט און ער האָט זיך געפילט ווי אָפּגענאַרט, ווייל מען האָט אים נישט געגעבן אַדורכצוקוקן אַלע בריוו.

אייניקע טעג נאָכן פּראָקלאַמירן די אומאָפּהענגיקייט איז דערהאַלטן געוואָרן אַ בריוו פון דריי דרוזן. איצט, אַז די מדינה איז אַנטשטאַנען, האָבן זיי געבעטן דער פּרעמיער זאָל זיי געבן אַרבעט. בן־גוריון האָט געזען דעם בריוו אויפן טיש פון פריילין כאַווילעיא, האָט אים גענומען מיט זיך און האָט פאַרבראַכט דעם רוב פון טאָג און פון אָוונט, אין טעלעפאָן־געשפּרעכן מיט באַאַמטע אין פאַרשידענע אַמטן, וועלכע ער האָט געבעטן צו שאַפן אַרבעט פאַר די דריי אַרבעטסלאָזע דרוזן. זייט דעמאָלט פלעגן די מיט־אַרבעטער פון אמט כסדר איבערקליגלען זייער שעף. אויב עמיצער האָט גע־האַט אַ בריוו וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז בן־גוריון זאָל אים לייענען, האָט ער אים אוועקגעלייגט אויבנאויף אויף דעם בינטל בריוו פון פריילין כאַווילעיע. דעמאָלט איז ער שוין געווען זיכער, אַז בן־גוריון וועט „צוכאַפּן" דעם בריוו און אים נעמען מיט זיך.

אַן אַנדער פּאַרטל איז געווען: אַריינצולייגן אין אַ ביכער־קאַטאַלאָג וואָס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען, יעדן בריוו וואָס זיי האָבן ספּעציעל געוואָלט בן־גוריון זאָל אים לייענען. לויט בן־גוריונס פאַראינטערעסירונג מיט ביכער, האָבן די מיטאַרבעטער תמיד געקענט וויסן ווען ער איז, ווען עפּעס פאַרדאַגהט.

„צי זענען נאָך נישט אָנגעקומען די ביכער וואָס איך האָב באַשטעלט פאַר אַ פּאָר וואָכן?".

בן־גוריון לייענט דעם רוב טעלעגראַמעס אין געהיים־שיפער וואָס קומט אָן פון די ישראל־דיפּלאָמאַטן אין חוץ לאָרץ. ער דיקטירט קיינמאָל נישט זיין סעקרעטאַר, טראָצדעם וואָס ער וואָלט געקענט דיקטירן אויף זיבן

שפראַכן. אַנשטאָט דעם האַלט ער ביי זיך אַ קליין נאָטיצביכל, ווו ער פאַר־שרייבט מיט אַ בלייפעדער זיינע תשובות אויף די בריוו. שפּעטער גייט ער אַרויס פון זיין קאַבינעט אין צימער פון די מאַשיניסטקעס און גיט זיי איבער די תשובות איבערצושרייבן אויף די מאַשין. אַלע זיינע בריוו זענען רעדאַגירט אין איינפאַכן סטיל, אין קורצע ווערטער און אָן אַ קאָמפּליצירטן סינטאַקסיס. ער שרייבט שטענדיק העברעיש, ווען אפילו דער בריוו ווערט געשריבן ווערן אין אַן אַנדער לשון. די מיטאַרבעטער פון זיין אַמט אי־בערזעצן זיין העברעיש, און עס טרעפט, אַז בן־גוריון ענדערט אָדער פאַר־בעסערט די איבערזעצונג.

אין אַ געוויסן טאָג איז אין צימער פון פריילין כאַווילי‏אַ דערשינען אַ באַקאַנטער ענגלישער שריפטשטעלער, וואָס איז באַרימט מיט זיין ליטעראַ־רישן סטיל. ער איז אָנגעקומען פּונקט אין מאָמענט ווען פריילין כאַווילי‏אַ האָט פאַרענדיקט די איבערזעצונג פון אַ בריוו וואָס בן־גוריון האָט געוואָלט אָפּשיקן אין ענגליש. זי האָט דעם ענגלישן טעקסט איבערגעגעבן דעם שריי־בער און אים געבעטן ער זאָל „אָביסל אויסשלייפן“. ער האָט מיט גרויס העפלעכקייט אַרויסגעהאָלפן און געמאַכט אייניקע אויסבעסערונגען. יענעם אָוונט איז בן־גוריון אַרויס פון זיין קאַבינעט האַלטנדיק דעם פאַרבעסערטן טעקסט אין האַנט און געפרעגט: „וועמענס איז דאָס דאָזיקע ענגליש?“. פריילין כאַווילי‏אַ האָט זיך מודה געווען.

„די שפּראַך איז צו פּאָעטיש, און דאָס איז זיין סטיל און נישט מיינער. איצט זעץ אים נאָך אַמאָל איבער אויף מיין ענגליש“.

דער פּרעמיער שרייבט זיינע רעדעס און אַרטיקלען אויף קורצע, על־פּי־רוב, נישט־נומערירטע בלעטלעך. ער איז דערמיט גורם שוועריקייטן די סטענאָגראַפיסטקעס וואָס שרייבן איבער די צעטלעך אויף דער מאַשין. יעדע רעדע גרייט ער צו, ווי זי וואָלט געווען זיין ערשטע רעדע — אָדער די לעצטע — און ווי זי וואָלט געווען די וויכטיקסטע רעדע וואָס ער האָט ווען־עס־איז געהאַלטן. ער מאַכט פריער קלאָר יעדן פאַקט וועלכן ער האָט בדעה אונטערצושטרייכן, קאָנטראָלירט יעדע ציטאַטע, ווייס דעם קוואַל פון יענער פאָדערונג וועלכע ער וועט שטעלן, און דעם באַוויז פאַר יעדער טענה.

ווען עס וועט ווער שרייבן אַן אַרטיקל און וועט אָנגרייפן בן־גוריונס ציוניסטישע פילאָזאָפיע, קען ער זיך פלוצים געפינען אין אַ קרעפ־טיקער קאָרעספּאָנדענץ מיטן פּרעמיער פון מדינת ישראל. אַן איינפאַכער

ייד פון לאָס־אַנזשעלאָס האָט פאַר א פּאָר יאָר געשריבן א בריוו צו בן־גוריונען, אין וועלכן ער האָט באַהאַנדלט די פראגע, צי דארפן די אמעריקאַנער יידן עולה זיין קיין ישראל. די בריוו האָבן געאײַלט אהין־און־צוריק אין משך פון דריי מיט א האלבן חודש — טויזנטער ווערטער — ביז ביידע צדדים זענען מיד געוואָרן און האָבן אויפגעגעבן די קאָרעספּאָנדענץ.

נישט איינמאָל טרעפט, אז שרייבערס וואָס קענען נישט זוכה זיין מ׳זאָל זיי דרוקן, הויבן אָן א קאָרעספּאָנדענץ מיט בן־גוריונען און דערנאָך פאַרקויפן זיי די בריוו מיט די תשובות צו א וועלכן ס׳איז זשורנאַל.

ווערטער זענען אין די אויגן פון בן־גוריונען זער וויכטיק, אומאָפּהענגיק דערפון וואָס עס געשעט מיט זיי. דאָס געדרוקטע וואָרט האָט אין זיינע אויגן אַן אוראַל פון היילוקייט. זייענדיק פּרעמיער־מעניסטער האָט ערנישט איינמאָל געשריבן אַרטיקלען פאַר אן אמעריקאַניש־יידישער צייטונג, וואָס זיין גאַנצער טיראַזש באַשטייט סך־הכל פון 5,000 עקזעמפּלאַרן. ער האָט געשריבן א סך ביכער און אַן א צאָל מאמרים, מיט מיליאָנען ווערטער, פאַר צייטונגען און זשורנאַלן, און האָט מיט א ברייטער האַנט פאַרשפּרייט שריפטלעכע הקדמות — און בחינם — פאַר ביכער פון אנדערע מחברים. ער איז „אַנגעשטעקט״ מיט דעם שרייבערס פּראָפעסיאָנעלע קרענק: דער ווילן צו זען זיינע ארבעטן אין דרוק אזוי שנעל ווי מעגלעך. זיין ערשטע פראגע ווען ער גיט אן ארטיקל איז:

„ווען וועט עס געדרוקט ווערן?״.

זיין סטיל איז קורץ און צו דער זאַך. זיינע העברעישע ארטיקלען דערמאָנען דעם אַמעריקאַנישן לייענער, אין ארטור בריסביינען — אין זיינע בעסטע מאמרים. דער בוי פון זיינע זאַצן איז א תנ״כישער. ווייניק העברעישע שרייבער האָבן אזא רייכן וואָרט־אוצר ווי ער. און עס ווייזט אויס, אז עס געלינגט אים שטענדיק זיך צו באַנוצן מיט דעם ריכטיקן וואָרט. זיין שרייבן איז קרעפטיק, אָבער נישט מליצהדיק. העברעיש איז פאַר אים די אויסגעצייכנסטע שפּראַך, אויף אויסצודריקן זיינע געדאַנקען, מחמת זי איז די שפּראַך פון טאַט. (און אפילו דאָס אַבסטראַקטע אין איר איז פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דעם קאָנקרעטן).

פינף־און־צוואַנציק יאָר איידער ער איז געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער האָט בן־גוריון אָנגעהויבן שרייבן א בוך, וואָס וועט אוודאי זיין דאָס ווערטפולסטע און זעלטנסטע בוך, וואָס איז נ י ש ט געדרוקט געוואָרן. ער איז שוין דערגאַנגען צו פינף־און־דרייסיק מיליאָן ווערטער. זער ווייניק מענטשן האָבן אים געזען ביים שרייבן, און אויף וויפיל עס איז באַוווּסט, האָט ער־

קיינעמען נישט דערלויבט אפילו איין באַנד פון דעם בוך צו דערלייענען ביז צום סוף. און ווייניק מענטשן האָבן זוכה געווען צו זען אפילו די אויסערלעכע הילע פונעם בוך.

אין דער אמתן איז דאָס א מין טאָג־איין־טאָג־אויס בוך, נישט קיין טאָג־בוך אין פשוטן זין פון וואָרט, מחמת עס אנטהאַלט טיפע געדאַנקען, וועלכע ער האָט געשעפּט פון ביכער וואָס ער האָט געלייענט, טיפע באַמערקונגען געהערט פון זיינע געסט, און זיינע אייגענע רעאַקציעס אויף געשעענישן און געדאַנקען. ער שרייבט דאָס בוך יעדן אָוונט אין זיין היים, און על־פּי־רוב — אין האַלבער נאַכט.

זיינע מקורבים רופן עס געוויינלעך „דאָס בוך". ער פירט קיינמאָל נישט זוגן דעם מיט זיי קיין וויכוחים און אלע זיינע בענדער האַלט ער ביי זיך, אין זיין תל־אביבער ביבליאָטעק.

אויך אין זיין ביוראָ האָט ער אַ בוך, וואָס עס האַלט זיך דאָסגלייכן אין איין פאַרברייטערן און ווערט אַלץ מער און מער גראָב־בייכיקער. עס וועט קומען א טאָג, ווען אפילו ער איז נאָך וייט, און דאָס דאָזיקע בוך וועט פאַר־וואַנדלט ווערן אין א קוואַל פאַר דער געשיכטע פון היינטצייטיקן ישראל.

יעדעס מאָל ווען בן־גוריון רעדט מיט א גאַסט, האָט ער אין האַנט א נאָטיץ־ביכל און נאָטירט כסדר. אויב דער גאַסט איז א פרעמדער הויבט ער געוויינלעך אָן זיין שמועס מיט דער פראַגע:

„ווי אַזוי שרייבסטו דיין נאָמען?"

און דערנאָך מאַכט ער זיך א גענויע רעזומע פון שמועס. נאָכן גאַסטס אוועקגיין שרייבט ער איבער דעם אינהאַלט פון געשפּרעך אין א אַנדער נאָ־טיץ־ביכל, מיט א שוואַרצן איינבינד. צום סוף פון יעדן אַזעלכן נאָטיץ־ביכל מאַכט ער א אינהאַלטס־שליסל. אויב עס וועט זיך אין צוויי יאָר אַרום ווידער דערוועקן א פראַגע אויף דער זעלבער טעמע, קען ער לייכט אויפ־זוכן דאָס אַנטשפּרעכנדיקע נאָטיץ־ביכל, בלעטערן אין זיינע נאָטיצן און זאָגן:

„דו ביסט דיך טועה. דאָס וואָס דו האָסט אַמאָל געזאָגט — איך קען דיר ציטירן דיינע אייגענע ווערטער — איז...". ער נאָטירט אפילו דאָס וואָס ער האָט אליין געזאָגט, כדי עס זאָלן נישט זיין קיין שום מיספאַרשטענדנישן בנוגע די התחייבותן וואָס ער האָט אויף זיך גענומען.

איינמאָל האָט אים ברוך טל, א חבר פון מפא״י געפרעגט:

„צו וואָס מאַכסטו דיר אָן אַזא אַרבעט?".

בן־גוריון האָט אים געענטפערט: „עס מאַכט זיך אָפט, אז מיין קאָפּ

איז פארנומען מיט וויכטיקערע ענינים. אויב איך זיץ און נאָטיר, צווינג איך מיך צו שענקן אויפמערקזאַמקייט דעם גאַסט און זיינע פּראָבלעמען".

אויסער די שעהן אין וועלכע ער איז פאַרטועז אין לייענען, האָט בן־גוריון נישט קיין גרעסערער פארגעניגן ווי ווען ער שטייט אויף דער טריבונע. ער האָט א שטאַרקע הנאה צו פאַרשיטן זיינע קעגנער מיט א שפע פון לאָגיק מיט בייסיקער איראָניע, און דערדריקן זיי דערנאָך מיט היסטאָרישע „באָמבעס".

ער האָט ליבער צו רעדן נישט לויט די מאָדערנע רעדנער־כללים, מחמת ער האָט די אָראַטאָרן־קונסט געלערנט נאָך אין דער פאַר־מעכאַנישער תקופה.

איינמאָל, ווען א פאַרזיצער האָט אים געבעטן מקצר זיין, האָט ער מיט באַשיידענער פשטות געפרעגט: „און וואָס איז די רבותא פון מקצר זיין?"

ער האָט קיינמאָל נישט דערגרייכט ד"ר וויצמאַנס רעקאָרד אין רעדן (וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין א דעבאַטע אין באַזעל, במשך דריי טעג און דריי נעכט), אָבער נישט איינמאָל האָט ער גערעדט שעהן אָן איבערייס. א זיצונג פון א הסתדרות קאָנפערענץ, אויף וועלכער ער איז געווען דער הויפּט־רעדנער, האָט זיך געעפנט צען א זייגער אין דערפרי און זיך געצויגן ביז 5 נאָכמיטאָג אָן הפסקה.

אין פארגלייך מיט דער גלענצנדיקער תנ"כישער רעטאָריק פון אבא אבן, — ישראלס אַמבאַסאַדאָר אין וואשינגטאָן, — רעדט בן־גוריון מיט א רייכן סטיל, אָבער אָן איינפאכן. ער איז נישט קיין ספּעץ אויף רעדנער־בליצן, און גאנץ זעלטן ענדערט ער דעם טעמבער פון זיין שטים. פונדעסטוועגן, ווי נאָר ער באווייזט זיך אויף דער כנסת־טריבונע, צוליב דער פּערזענלעקייט פון רעדנער און דער וויכטיקייט פון זיין רעדן, שפּיצן אלע אָן די אויערן און הערן זיך צו מיט א פארכאַפּטן אָטעם. זעלטן ווען, האַלט ער א „נישט־וויכטיקע" רעדע. ער געהערט נישט צו די מייסטער פון „איידעלע פינצעטן", און זיין סאַרקאַזם איז נישט קיין גרינגער. ער איז פילאָזאָף מער ווי פּאָליטיקער.

ער באַמיט זיך נישט צו זיין בילדלעך אין שפּראַך. און פונדעסטוועגן קען ער א זאָג טוען: „אין גלות זענען יידן געווען מענטשן־שטויב, דאָקעגן אין ישראל ווערט יעדע יידישע זאַך מענטשלעך, און יעדע מענטשלעכע זאַך יידיש".

קאפיטל זיבעצן

מיט א פאָר יאָר צוריק, אין א שבתדיקן נאָכמיטאָג, האָבן זיך בן־גוריון און זיין פרוי באַטייליקט אין א פייערלעכער מסיבה פאַר דעלעגאַטן פון פאַראייניקטן יידישן אפיל פון אמעריקע אין האָטעל „שרון", ביים ברעג פון ים אין הרצליה. אין סאמע מיטן דער מסיבה האָט בן־גוריון זיך אָנגעהויבן געזעגענען. זיין ווייב האָט אים עפּעס איינגערוימט אויפן אויער און ער האָט זיך צוריק אנידערגעזעצט, זאָגנדיק: „פּאָלע זאָגט מיר, אז מיר דארפן נאָך אַביסל בלייבן, און איך טו שטענדיק וואָס פּאָלע הייסט".

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אז אין פארשידענע געביטן פון זיין לעבן, האָט זיין ווייב תמיד געהאַט דאָס לעצטע וואָרט. פּאָלא בן־גוריון איז איבערגעגעבן, פול מיט ענערגיע און גלייכגילטיק אויף אלע קאָנווע־נאַנסן. זי איז צוגלייך א שאַטן און באַשיצער. א פרוי וואָס האָט ווייניק הע־מונגען. זי איז א פּערזענלעכקייט פאַר זיך, וועלכע איז נישט שוואַכער ווי די פּערזענלעכקייט פון איר מאַן.

מער ווי פערציק יאָר ווי זי פאַרריכט זיינע סקאַרפּעטקעס און וואַשט זיינע וועש. זי האָט אים געבוירן קינדער, זיי דערצויגן און געזאָרגט פאַר זייער בילדונג און דאָס זעלבע פאַר די אייניקלעך. איינמאָל האָט זי דער־קלערט פאַר וואָס זי מאַכט מינדעסטנס, די „קליינע וועש" אליין. איך בין זער פּעדאַנטיש לגבי בן־גוריונס העמדער". אומאָפּהענגיק פון דעם אַמט וואָס בן־גוריון האָט פאַרנומען, צי ער איז געווען אַן ארבעטער־פירער, דער גענעראַל־סעקרעטאר פון דער הסתדרות, א מיטגליד פון דער שאָטן־רעגי־רונג, אָדער צום סוף גאָר דער פּרעמיער־מיניסטער, האָט זי זיך תמיד צו אים באַצויגן ווי צו א קינד: האָט אים געצוווּנגען אָנצוטועַן א שאַל אין א שלעכט וועטער, די קאַלאָשן אין ווינטער; האָט אים צוגעטראָגן א גלאָז מילך אין באַשטימטע שעה; און אים צוגעגרייט די נויטיקע שפּייזן, כדי ער זאָל בלייבן ביי די כוחות.

פאַר זיינס א רעדע אין כנסת, נעמט זי מיט זיך א טערמאָס מיט וואַ־רעמען טיי, זעצט זיך אוועק הינטער דעם פאָרהאַנג, לעבן דער טריבונע, און ווי נאָר ער פאַרענדיקט די רעדע, גיסט זי אָן גלייך טיי און צווינגט

אים צו טרינקען. אינדערהיים ענטפערט זי אויף אלע טעלעפאָנען און קיין שום מענטש ווערט נישט רעדן מיט איר מאַן, אויב זי האַלט נישט דאָס געשפּרעך פאַר וויכטיק. „דאָס איז פאַר מיר אַן אומזיסטע מאַטערניש, און אָפט ווער איך מיד פון צופיל טעלעפאָנען, אָבער איך שפּאָר אים איין אַ מענגע צייט".

זי באַשיצט אים אויך פון אנדערע דאגות, קיינמאָל רעדט זי נישט מיט אים וועגן די שטוב־פינאַנסן.

„ווען ער וואָלט געוווּסט ווי אָרעם מיר זענען טיילמאָל געווען, וואָלט ער זיכער געווען שטאַרק פאַרדאגהט.

אז ער לייגט זיך שלאָפן, זאָגט זי אַן די וואך־פּאָסטנס זיי זאָלן איינשטילן די קינדער אויפן גאַס. אויב עס געלינגט זיי נישט, גייט פּאָלאַ אליין ארויס אין גאס און שרייט: „שקט! שקט!" — שטיל זאָל זיין!

איינמאָל נאָכמיטאָג, ווען בן־גוריון איז געשלאָפן, איז זיך צוזאַמענגעקומען א כאָפּטע קינדער און אָנגעהויבן זינגען:

„מיר ווילן זען בן־גוריון!"

„מיר ווילן זען בן־גוריון!"

זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו זינגען, ביז פּאָלאַ איז ארויס מיט א בעזים אין האַנט און האָט זיי צעטריבן. עמוס, גאולה און רננה האָבן קיינמאָל נישט געקרענקט אין זייער יוגנט — אזוי לכל־הפחות מיינט בן־גוריון. פּאָלאַ האָט אַלץ אזוי איינגעאָרדנט, אז ער זאָל גאָרנישט וויסן.

א מיניסטער פון בן־גוריונס רעגירונג וועלכער איז מיט אים פאַר בונדן פון זיין יוגנט אָן האָט געזאָגט:

„די קאָטוילישע קולטור איז פארשפרייט געוואָרן אויף דער וועלט מיט דער הילף פון נזירים, וועלכע זענען געווען באפרייט פון אלע קליינלעכע משפחה־דאגות וואָס באלעסטיקן אנדערע מענטשן, און זיי זענען דעריבער געווען פעיק צו קאָנצענטרירן זייער גאַנצע ענערגיע אויף דער אויפגאַבע וואָס איז פאַר זיי געשטאַנען. פּאָלא האָט מיט איר חכמה און איבערגעבנקייט צוגעשטעלט בן־גוריונען דאָס גוטע און נוצלעכע פון א פאמיליען־לעבן אָן זיינע דאגות און פּענטעס. זי האָט אים דערלויבט צו לעבן ווי א נזיר וויפיל זיין הארץ האָט באַגערט".

פאר א פּאָר יאָר האָט פּאָלאַ געשריבן אן ארטיקל אין „רימון", א חודש זשורנאַל אין העברעיש און ענגליש „מיין לעבן מיט ב. ג.". אין דער העברעישער אויסגאבע, אין וועלכער זי דערציילט וועגן זייער חתונה אין ניו־יאָרק, האָט די אויטאָרין געשלדערט די צערעמאָניע פון זייער חתונה, געענ־

אזוי ווי זי איז פאַרגעקומען — פאַר א ציווילן באַאַמטן אין שטאַטראַט. עמיצער האָט אויפמערקזאם געמאַכט בן־גוריונען און זיין פרוי, אז די דאָזיקע שילדערונג איז עלול ארויסצורופן פאַרדרוס ביי די פרומע יידן אין ישראל. די רעאקציע פון מאן און פרוי איז געווען א טיפּישע — דער פרעמיער־מיניסטער, אַנשטאָט ער זאָל זיך אויפרעגן אויף זיין ווייב, האָט צונישט געמאַכט די קריטיק מיט דער פראגע: „עס איז דען נישט אמת?״.

אָבער פּאָלאַ, מורא האָבנדיק, אז זי האָט אומגערן, געבראַכט איר מאן אין א פארלעגנהייט, האָט אָנגעקלונגען אין רעדאַקציע פון זשורנאַל און געבעטן מ׳זאָל פון דער ענגלישער אויסגאַבע ארויסוואַרפן דעם אָפּ־שניט וואָס קאָן גורם זיין אומאנגענעמלעכקייטן.

אויף דער וואַנט ביי בן־גוריונען אין סאַלאָן הענגט א פאָטאָגראַפיע פון העלען קעלער. אויב ווער־עס־איז קוקט אויף דער פאָטאָגראַפיע, דערציילט פּאָלאַ: „ווען זי האָט באַזוכט בן־גוריונען האָט זי מיט די פינגער אָנגערירט זיין קאָפּ און האָט כסדר איבערגעחזרט: „וואָס פאַר א קאָפּ! וואָס פאַר א קאָפּ!״. זי האָט געוווסט אַז ער האָט א קאָפּ פון א גרויסן מענטש״.

פאַר צוויי־און־פערציק יאָר, ווען זי איז נאָך געווען פּאָלאַ מונוויס, האָט זי שוין דעמאָלט געזאָגט צו פריינט: „עס וועט קומען א טאָג און בן־גוריון וועט זיין א גרויסער מענטש״. אָבער עס איז נישט אוועק קיין סך צייט און זי האָט נישט דערמאָנט מער די ווערטער „עס וועט קומען אַ טאָג״. עס זענען פארביי נאָך עטלעכע יאָר און זי האָט געענדערט די צוקונפטס־צייט אויף דער קעגנוואַרט: זאָגנדיק שוין דאָס געזאָגטע אין דער פאָרם פון א ווירקלעכקייט און נישט פון א נבואה. אין אָנפאַנג האָבן מענטשן אויף איר געקוקט מאָדנע, און געווען אזעלכע וואָס האָבן אפילו געמאַכט פון איר חוזק אונטער די אויגן. זי האָט געזאָגט יעדן איינעם — אָנגעשטעלטע אין קראָמען, שכנים, דיפּלאָמטן, אירע אייגענע קינדער, יידן, קריסטן און אפילו אראבער: — „איר ווייסט, בן־גוריון איז א גרויסער מענטש״.

פּאָלעס דאָזיקער צערעמאָניעלאָזער כאַראַקטער־שטריך, איר גלייכגיל־טיקייט צו אלעם וואָס איז קאָנווענציאָנעל, האָט געשאַפן הונדערטער מעשה־לעך און וויצן דערציילטע אין ישראל מיט הייטערקייט, אָן שלעכטע כוונות, מיט הומאָר וואָס פליסט פון סימפּאַטיע.

פּאָלאַ אליין האָט זיך קיינמאָל נישט געבייזערט צוליב די וויצן. זי אליין האַלט אין איין צוגעבן שטאָף צו דעם אוצר פון אָט די וויציקע מעשיות.

אין דעם אַרטיקל אין „רימון״ האָט זי געשריבן:

„מיר האָבן אויפגענומען אינטערנאַציאָנאַלע באַקאַנטע מלוכה־מענער,

זוי דאג האַמערשילד און ד״ר ראַלף באַנטש. איך האָב מיך נישט צוריק־געהאַלטן פון צו זאָגן האַמערשילדן אָפן, אז זיין אלט־בחורשאַפט ווירקט זיך אויס אויף זיינע פּאָליטישע אַנשויאונגען. איך האָב אים געזאָגט: „פאַר וואָס האָסטו נישט חתונה? וועסטו דאַן האָבן אייגענע צרות און וועסט פאַר־געסן אונז צו פייניקן, דעם ד״ר באַנטש האָב איך אפילו געזאָגט, אז לעצטנס האָט ער זיך געענדערט צום שלעכטן".

הער האַמערשילד און ד״ר באַנטש האָבן געקענט פּאָלען גענוג גוט, כדי זיך פון איר צו באַליידיקן. זיי האָבן ביידע געוווסט, אז די אלע באַ־מערקונגען קומען נישט פון שלעכטן ווילן נאָר שטאַמען פון אַ פּריינטלעכן מקור.

אָבער דאָס ישראלדיקע אויסערן־מיניסטעריום האָט ארויסגעוויזן נער־וועזקייט, לגבי דעם איינדרוק וואָס די אָפנהאַרציקייט קען מאַכן אין דער וועלט, ווו דאָס וואָרט „דיפּלאָמאַט" איז געוואָרן א סינאָנים פון זאָגן א האַלבן אמת.

אין 1948, איז הענרי י. מאָרגענטוי, דער געוועזענער אַמעריקאַנישער פינאַנס־מיניסטער, געקומען קיין ישראל אלס פאַרזיצער פון פאַראייניקטן יידישן אַפּיל, און אין משך פון איניקע טעג אויפגענומען געוואָרן מיט קעניגלעכן כבוד. ביים סוף פון באַזוך האָט ער אָפּגעהאַלטן א פּרעסע־קאָנ־פערענץ. פּאָלאַ בן־גוריון איז געזעסן לעבן אים און האָט געשמייכלט מיט הסכמה ווען ער האָט געזאָגט, ווי אזוי די פאַנדן וואָס ווערן געזאַמלט אין אמעריקע וועלן נישט דערלאָזן דעם קאָמוניזם זיך פאַרשפּרייטן אין נאָענטן מזרח. פּלוצים האָט א שטים א געשריי געטוען:

„מיר ווילן נישט אייערע דאָלאַרן! איר קענט אונדז נישט קויפן! מיר ווייסן וועגן דער פריינטשאַפט פון ראַטן־פאַרבאַנד פאַר ישראל". דאָס גע־שריי איז געקומען פון א יונגן רעדאַקטאָר פון דער קאָמוניסטישער צייַ־טונג. ווען אנדערע זשורנאַליסטן האָבן געפּרוווט אים איינשטילן, האָט מאָרגענטוי רויק געזאָגט:

„דאָ איז א דעמאָקראַטישע מדינה, און איר האָט אייך אייער רעכט אויף אן אייגענער מיינונג".

עס האָט אויסגעזען, אז דערמיט איז די זאַך פאַרענדיקט. אָבער נישט פאַר פּאָלען, ווי נאָר די קאָנפערענץ האָט זיך פאַרענדיקט האָט זי אויפגע־זוכט דעם קאָמוניסט און אים אָפן געזאָגט וואָס זי טראַכט וועגן אים, ווייל ער האָט באַליידיקט אן אָנגעזעענעם גאַסט פון מדינת ישראל.

קיין מענטש האָט קיינמאָל נישט געפּרוווט איינצושטילן פּאָלען. אויב

עס מיינט ווער אז ער וועט עס מאכן — איז ער אַ נאַר. זי זאָגט: „איך בין אַן אָפנהאַרציקער מענטש און איך וועל מיך נישט צוריקהאַלטן צו זאָגן יעדן איינעם וואָס איך טראַכט וועגן אים, נישט קוקנדיק דערויף וואָס פאַר אַ פּאָזיציע ער פאַרנעמט“.

איינמאָל, ווען זי איז געווען אַנוועזנט אויף אַ כנסת־זיצונג, איז מנחם בעגין פאַרבייגעגאַנגען לעבן איר, נישט אַרויסרעדנדיק צו איר קיין וואָרט. באַלד איז זי אים נאָכגעפלויגן ווי אַ האַרמאַטן־קויל און אים געזאָגט אין די אויגן פון כנסת־דעפּוטאַטן: „הער זיך איין, הער בעגין, פּאָליטישע מיינונגס־פאַרשידנקייטן זענען נאָך נישט קיין סיבה פאַר גראָבקייט“. ער האָט זיך אַנטשולדיקט און איז פאַרשוווּנדן.

אַז פּאָלאַ קומט אַריין אין אַ צימער פול מיט מענטשן וואָס פירן „העפלעכקייטס געשפּרעכן“ איז עס אַזוי ווי עמיצער וואָלט געעפנט אַ פענ־סטער ס׳זאָל אַריין פרישע לופט. ווער עס קאָן זי נישט, וועט נישט איינמאָל שטיין פאַרגאַפט פאַר איר אָפנהאַרציקייט און איר שאַרפער צונג. זי האָט ליב אָפענע דיבורים, פונקט ווי איר מאַן.

איר אוממיטלבאַרקייט דריקט זיך אויס אויך אין אַנדערע אַנגענעמע דערשיינונגען. איינמאָל האָבן אַ גרופּע אַמעריקאַנישע געסט, נאָך אַ וויזיט ביים פּרעמיער־מיניסטער, געהאַלטן ביים פאַרלאָזן זייער האָטעל, און פאָרן אויפן פלי־פּלאַץ קיין לוד. פּלוצים דערשיינט אַ פּאָליציסט און זאָגט, אַז פרוי בן־גוריון האָט אים געשיקט מיט אַ וויכטיקער פראַגע: דער פּרעמיער־מיניסטער האָט, זייענדיק אין אַמעריקע, שטאַרק ליב באַקומען „האַמבורגערס“ ווורשטלעך, און ער בעט זי זאָל אים אַזעלכע פּאַרברייטן. צו זענען זיי אים גרייט צו געבן די פאַרשריפט (רעצעפּט) ווי אַזוי מען מאַכט די ווורשטלעך?

נאָך איינע פון די זעלטענע קאָקטייל־אָוונטן וואָס זענען אַמאָל איינ־געאָרדנט געוואָרן אין בן־גוריונס הויז, האָט פּאָלאַ באַמערקט די הויפנס נישט־אויפגעגעסענע סאַנדוויטשן, פרוכטן און געבעקס. האָט זי אַ זאָג געטאָן צו איר מאַנס סעקרעטאַר וואָס האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין: „איך וועל ברענגען אַ טעקע און דו וועסט עס אַהיים נעמען“. דעם סעקרעטאַר איז געלונגען אַנטרינען צו ווערן, נישט נעמנדיק קיין זאַך, אָבער אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט אַ מונדירטער מענטש אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר, ברענ־גנדיק אַ גרויסע פּלאַטע פון כל־טוב וואָס איז געבליבן נאָך דער אויפנאַמע.

פּאָלאַ בן־גוריון איז פון זעלבן וווּקס וואָס איר מאַן. אירע געדיכטע שוואַרצע האָר, פאַרקעמט אין אַ שרינט, זענען אַ בולטער קאָנטראַסט צו

איר מאנס גרויען קאָפּ. זי באַנוצט נישט קיין פּודער און שמינקע, זי צירט זיך נישט מיט קיין שום צירונג און טראָגט נאָר טונקעלע קליידער: „אזוי וויל מיין מאַן".

זי קויפט זיך איין פּאָר שיך א יאָר, און נאָר איינמאָל, ווען זי איז געווען אין אויסלאַנד, האָט זי געקויפט נאָך א פּאָר, רייזע־שיך, ווי זי האָט זיך מודה געווען פאר זשורנאַליסטן.

זי טוט אמאָל אָן א בערעט אויפן קאָפּ, אָבער על־פּי־רוב איז דער קאָפּ נישט פאַרדעקט, פּונקט ווי איר מאַן.

איר הויז איז געאָרדנט און מיט פיל געשמאַק. „איך בין אמאָל געווען א קראנקן־שוועסטער און האָב ליב אָרדענונג".

זי איז געווען אן איבערגעגעבענע מוטער, און היינט איז זי א שטאָלצע באָבע. איר באַליבט מעשהלע איז וועגן מוישיק, גאולהס זון, וואָס איז איצט אַלט עלף יאָר. דעם קינדס פּאָטער, עמנואל בן־אליעזר, שטייט אין שפּיץ פון א געוויסער אָפּטיילונג אין קריגס־מיניסטעריום. איינמאָל זאָגט מוישיק צום פּאָטער:

„טאַטעשי, דו ביסט אזא שיינער און הויכער, און פונדעסטוועגן ביזטו בלויז א באַאמטער, און דער זיידע איז נידעריק און אלט, און ער איז דער פּרעמיער־מיניסטער. פאַר וואָס?"

איינע פון פּאָלעס ווערטלעך איז „מיר זענען א אונ"א משפּחה: גאולה איז געבוירן אין ניו־יאָרק, עמוס אין לאָנדאָן, און רננה אין ישראל".

סוף 1948 האָט די רעגירונג, לויט בן־גוריונס פאָרשלאָג, איינגעפירט די אידענטישקייט־קאַרטע מיט א פאָטאָגראַפיע פון דעם אייגנטימער. איינמאָל מיטאָגצייט האָט ארגוב געשיקט דוד אַנדערמאַנען, דעם שעף פון דער פאָטאָגראַפישע אָפּטיילונג, צו בן־גוריונען אהיים, מיט אלע פאָטאָגראַפישע מכשירים, כדי אים דאָרט צו פאָטאָגראַפירן.

אין אָנהויב האָט פּאָלאַ אים נישט געוואָלט אריינלאָזן אין שטוב אריין „בן־גוריון שלאָפט". „אָבער ארגוב האָט דאָך געהייסן!", האָט אַנדערמאַן פּראָטעסטירט. „מילא, אבער וואָס פאר א זין האָט עס? איר האָט דאָך שוין בן־גוריונס הונדערטער בילדער". בן־גוריון אליין האָט אויך געמאַכט שוועריקייטן. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין סך געדולד צו די פאָטאָגראַפן. קענען זיי א „כאַפּ־אויף" געבן און מאכן א ויברח — איז מילא. אָבער אז ער דאַרף זיך אוועקזעצן אין א ספּעציעלער פּאָזע, צופּאַסן די ליכט און פארלירן צייט, דעמאָלט פּלאַצט זיין געדולד.

ווען ער איז אריינגעקומען פון שלאָף־צימער איז ער געווען אָנגעטאָן

אין א מאַנטל איבער דער פּידזשאַמע. אַנדערמאַן האָט פאָרגעשלאָגן, ער זאָל אנטוען א העמד און פארבינדן א קראוואט. „און פארוואָס קאָנסטו אים נישט פאָטאָגראַפירן אזוי ווי ער איז?“ האָט פּאָלאַ געפרעגט און אויפגערעגטע.

אין דער צייט וואָס דער אלטער איז געווען אויבן, אָנטוענדיק א העמד מיט א קראַוואַט, האָט אַנדערמאַן אָנגעהויבן אוועקשטעלן זיינע אפּאַראטן אין אויפנעם־צימער. ווען ער האָט אוועקגעשטעלט אן אפּאַראַט אויפן דיוואַן, האָט פּאָלאַ געזאָזט: „דו ביסט פול מיט בלאָטע, וועסט מיר נאָך א תל מאכן פון דיוואַן“, און זי האָט דעם דיוואַן צוזאַמענגעוויקלט.

ביי בן־גוריונען אין שטוב קומען אפט פאַר וויכטיקע פּאָליטישע און רעגירונגס־באַראַטונגען, אָבער פאַר פּאָלען זענען די טירן קיינמאָל נישט געשלאָסן. זי דרייט זיך אהין און צוריק, אין דער צייט וואָס די זיצונג איז פארנומען מיטן אָננעמען באשלוסן, אריינטראָגנדיק גלעזער טיי אָדער ריינע אשן־בעכערס. איר מאַן האָט צו איר דעם פולסטן צוטרוי. ער ווייס אז, ווי אלע פרויען, האָט זי אויך ליב צו כאַפּן א שמועסל, אָבער זי וועט קיינמאָל פאר קיין מענטש נישט דערציילן די מלוכה־סודות וואָס זי ווייס.

איר מוטלעריי איז טרעפלעך, פריי און מערסטנטייל — שניידיק שארף. אין אלגעמיין, צילן אירע בליציקע פיילן אין די פערזאָנען וואָס זי רופט זיי: „פּאָניס“ — אן אמעריקאנער אידיאָם וואָס איז ביי איר פארבליבן נאָך פון די ניו־יאָרקער צייטן (דאָס מיינט „צבועקעס“, „נישט ערלעכע“), זי קאָן דערקאָנען א צבועק ווי נאָר ער טרעט איבער דער שוועל, א פעיקייט מיט וועלכער בן־גוריון איז, אין דער מאָס, נישט באַשאָנקן. איר האַרץ ברייט ווי דער נגב און ווארעם ווי א תמוז־טאָג אין דער מדבר.

אין די „ראַציע“־צייטן פלעגט זי נישט איינמאָל שטיין אין ריי, און רעדן מיט אנדערע בעל־הביתטעס מכוח די שוועריקייטן פון פרעמיערס ווייב. טיילמאָל פלעגט זי אים אָנרופן מיט א ליבלינגס־נאָמען „דודל“ — „איך מוז דאָס און יענץ באַקומען פאר מיין דודל“.

די דאָזיקע ברייטהארציקייט פון פּאָלען האָט גאָרנישט צו טוען מיט פּאַסיוויטעט. עס איז אן אַקטיווער און קרעפטיקער כאַראַקטער־שטריך, פונקט ווי איר איבערגעבנקייט צום מאַן. ווען א פרוי פון א געוויסן רעגירונגס־באַאַמטן איז קראַנק געוואָרן, האָט פּאָלאַ געשיקט איינעם פון אירע פּאָליציאַנטן צוויי־דריי מאָל אין טאָג צו דעם באַאַמטן אין דער שטוב, כדי צו הערן וואָס די פרוי מאַכט, און צי דארף זי נישט עפּעס האָבן.

ווען דער באַאַמטער האָט געפּרוּווט איר דאַנקען, איז זי אַריינגעפאַלן אין כּעס. דאַנקבאַרקייט ברענגט זי אַריין אין אַ פאַרלעגנהייט.

דער אינטעלעקטועלער אונטערשייד צווישן מאַן און פרוי האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געקענט דערפירן צו אַ ברוך צווישן דעם פּאָר, ווען נישט די געטרייע איבערגעבנקייט פון איינעם צום צווייטן.

פּאָלעס באַליבטסטער שרייבער איז לאָנגפעלאָו. זי קען אויסנווייניק אַ סך פון זיינע לידער. איר באַליבטסטער דערציילער איז דזשעק לאָנדאָן. זי האָט נישט קיין שום אינטעלעקטועלע אַמביציעס. זי האָט ליב צו באַזוכן קינאָ און הערט גערן פּאַרוויילונגס־פּראָגראַמען אין ראַדיאָ. די וועלט פון בן־גוריונען — פּלאַטאָ, בודהאַ, די פילאָזאָפן און מיסטיקער פון מזרח — איז פאַר איר פרעמד. צוועלף ביינאַכט, ווען איר מאַן גייט צו זיך אין שלאָף־צימער, צינדט אָן דעם לאָמפּ איבערן בעט, און גיט זיך אינגאַנצן איבער זיין וועלט, צעגייען זיך דעמאָלט זייערע וועגן אויף עטלעכע שעה. אָבער זיבן אַ זייגער אינדערפרי, נידערט ער ווידער אַראָפּ אין קיך, גרייט מיט זיין האַרציקן גוט־מאָרגן, צום טרינקען זיין שאָל קאַווע.

פּונקט ווי בן־גוריון איז געווען אַ סטימולירנדיק מוסטער פאַר פיל עסקנים אין ישראל, און האָט זיי אויסגעלערנט צו בלייבן באַשיידן, טראָצדעם מיניסטעריעלע פּאָסטן וואָס זיי האָבן פאַרנומען, אַזוי האָט אויך פּאָלאַ פון איר זייט געגעבן די בעל־הביתטעס אַ פּאַר מוסטער לעקציעס. אין פאַרלויף פון פערציק יאָר האָט זי בכלל נישט געענדערט איר לעבנס־שטייגער. זי כאַפּט אַ מוטל מיט די וואַך־פּאָליציסטן וועגן זייערע פאַמיליע־פּראָבלעמען, שיקט זי אין שליחותן, פּלאַפּלט מיט די שכנים, און האָט נישט איינגעוווינט אין זיך קיין שום סימן פון גרויסקייט. זי זעט נישט קיין סיבה צו ענדערן איר כאַראַקטער אָדער געוווינהייטן בלויז דערפאַר, וואָס זי איז די פרוי פונעם פּרעמיער־מיניסטער.

זי האָט קיינמאָל נישט באַשעפטיקט אין שטוב קיין געהילף אויף אַ גאַנצן טאָג. נישט געקוקט דערויף וואָס אין דאָזיקן טייל פון דער וועלט זענען פאַראַנען גענוג דינסטן און זיי זענען נישט זער טייער.

„איך בין אַ סאָציאַליסטין אַזוי ווי בן־גוריון, און איך גלויב נישט אין עקספּלאָאַטאַציע", האָט זי געזאָגט.

איינע פון אירע לוקסוס־געוווינהייטן איז צו שלאָפן אין די זומער־נעכט מיט אַן עלעקטרישן ווענטילאַטאָר ביים בעט. נאָך דער מלחמה האָט איר שוועסטערן־זון פון אַמעריקע געשריבן, אַז ער גרייט זיך צו באַזוכן דאָס לאַנד און ער פרעגט, וואָס זאָל ער איר ברענגען פון אַמעריקע. זי

האָט געבעטן... „אַ פּאָר פּעקלעך זופּן".

פּאָלאַ גרויסט זיך דערמיט, וואָס זי האָט זיך קיינמאָל נישט אַריינגעמישט אין איר מאַנס פּאָליטישע ענינים, בלויז איינמאָל, איז זי זיך מודה, פאַר א סך יאָרן, האָט זי זיך שאַרף אָקעגנגעשטעלט בן־גוריונס פּלענער, — צו קומען צו אַ וואָפן־שטילשטאַנד מיט זשאַבאָטינסקין. אַלע נישט פּערזענלעכע בריוו וואָס קומען אויף זייער פּריוואַטן אַדרעס, שיקט זי, נישט־געעפנטערהייט, אין פּרעמיער־מיניסטערס ביוראָ. אין יענע זעלטענע פאַלן, ווען זי איז געווען נישט מיט אַלעמען און האָט געמוזט ליגן אין בעט, פלעגט איר מאַן זיצן לעבן איר מיט אַ בוך, כדי ער זאָל זיין צו דער האַנט ווען זי וועט אים דאַרפן. אַמאָל ווען זי איז געווען אין שפּיטאָל אין תל־אביב און ער אין שדה־בוקר, האָט ער איר געשריבן אַ בריוו וואָס זי האָט אים געוויזן אַ סך מענטשן. דאָס איז געווען פון יענעם מין ליבעס־בריוו, וואָס נאָר אַ זער יונגער מענטש קאָן אָנשרייבן צו זיין געליבטער. דער בריוו איז געווען פול מיט בלויע וואָלקנס, זינגענדיקע פייגל, פּאָעזיע, ראָמאַנטיק, און שטאַרק איז געווען זיין ווירקונג אויף פּאָלַעס גיכן געזונט ווערן.

עמיצער האָט געהאַט פאַרגעלייגט, ספק אין ערנסט ספק אין שפּאַס, אַז די יידישע מדינה זאָל באַערן מיט אַ הויכע כבוד־אויסצייכענונג די דאָזיקע אומגעוויינלעכע פרוי, וואָס אָן איר וואָלט די געשיכטע פון דאָזיקן לאַנד מסתמא געהאַט אַן אַנדער פּנים.

די גאַנצע צרה באַשטייט אָבער אין דעם, אַז אויב מען וואָלט זי באַערט מיט אַזאַ אויסצייכענונג, וואָלט פּאָלאַ זיכער געפרעגט דעם פּאָרזיצער: „וואָס איז ד אָ ס אַזוינס? איר האָט שוין נישט וועמען צו געבן קיין ערן־אויסצייכנונגען?".

קאפיטל אכצן

די וואל־קאמפאניע איז שוין געווען פארענדיקט, ד״ר ווייצמאן איז געווען דער פרעזידענט, ביי די גרענעצן איז געווען רויק, און דוד בן־גוריון האט זיך געקאנט באפרייען צו די פארשידנסטע פרידנס־אויפגאבן, און באווייזן זיין פאלק, אז ער קען זיין א פירער מיט אינספיראציע אין שלום־צייט, פונקט ווי ער איז געווען אין די חדשים פון טיילווייזן קריג. איצט וועט דאס פאלק קאנען אפשאצן זיין גרויסקייט.

עס איז נאך נישט געקומען די שעה פון אויסהעמערן די שווערד אויף אן אקער־אייזן. עס איז נויטיק געווען נאך מער צו שטארקן די ארמיי און נישט זי אפצושוואכן. און אין דער זעלבער צייט האט מען געמוזט שאפן א נאציע פון א פאלק און א לאנד, וואס זענען געווען אנגעפראפט מיט שווערע פראבלעמען.

ס׳איז נישטא נאך קיין שלום מיט די זעקס אראבישע מדינות, בלויז א ריי וואפנשטילשטאנדס־אפמאכן, און צייטווייליקע פייער־איבערייסן. ענגלאנד האט סוף־כל־סוף, מיט גרויס באווארעניש, אנערקענט די מדינה. די אראבישע לענדער אבער ברענגען נישט איבערן מויל דאס ווארט „ישראל״. (ראדיא קאהיר האט זיך נישט אויפגעהערט צו באנוצן מיטן באגריף „אט די גרופע יידן״, ווען זי האט געדארפט דערמאנען דאס ווארט „ישראל״).

דערווייל איז נישט געווען קיין פלאץ ווו אויפצונעמען די עולים, וואס זענען געקומען אין לאנד אריין, אין דער מאס פון יעדע מינוט א ייד. בן־גוריון האט געהאט נאך אנדערע שווערע פראבלעמען.

שטענדיק איז אין אמעריקע פאראנען געווען א שטארקע ציוניסטישע ארגאניזאציע, און ער האט געהאפט אז מיטן אנטשטיין פון דער מדינה וועלן עולה זיין פיל אמעריקאנער ציוניסטן, מענער און פרויען, ספעציאליסטן, מענטשן מיט פעיקייטן, וועלכע וועלן נעמען אין זייערע הענט אריין פאראנטווארטלעכע אויפגאבן. אבער נאך אין יאר 1949 איז ער געקומען צום באשלוס, אז די פינף מיליאן אמעריקאנישע יידן זענען אזוי קערנדיק פארווארצלט אין אמעריקע, אז עס וועט זיין א וואונדער אויב אפילו בלויז עטלעכע הונדערט וועלן עולה זיין און פארבלייבן אין ארץ־ישראל. זיין

אַנטוישונג איז געווען אזוי גרויס, אז אין משך פון יאָרן האָט ער נישט אויפגעהערט אין זיינע רעדעס און ארטיקלען זיך צו פארנעמען מיטן דאָזיקן פּראָבלעם.

דאָס איז געווען א נייער קריזיס אין זיין לעבן, אין דעם פאל איז אומ־מעגלעך געווען, ווי עס איז געשען אין אנדערע פאלן — אַנצונעמען א וואָסערן ס׳איז באַשלוס און אים צו מאַרגנס פארגעסן. עס איז געבליבן א שטענדיק און אומאויפהערלעך פּראָבלעם: ווי אזוי צו בלייבן ערלעך מיטן געוויסן און שאַרף קריטיקירן די מענטשן וואָס מען מוז אַנקומען צו זייער פינאַנסיעלער הילף.

בן־גוריון האָט געוווסט, אז דאָס נויטיקע געלט אויף אריינצוברענגען אין לאנד אריין א פּאָר מיליאָן עולים, כדי צו בויען פאר זיי הייזער און זיי צו פארוואנדלען אין נוצלעכע בירגער, קען קומען נאָר פון אמעריקאנער יידן. און אפשר מוז אפילו דאָס געלט אויף צו פירן די מדינה אויך קומען פון זייערע קעשענעס. אויב ער וועט אויפשטעלן קעגן זיך דאָס אמעריקאנישע יידנטום, קען נאָר געשען, אז דער גאנצער חלום זאָל חרוב ווערן.

עס איז נישט געווען קיין לייכטע דעציזיע. א דיפּלאָמאַט, א ווייניק דרייסטער אָדער ווייניק ערלעכער מענטש, וואָלט אפשר אויסגעפינען עפּעס א תירוץ פאר א שטאָמלדיקן, נישט קלאָרן באַשלוס. בן־גוריון אָבער, האָט זיין אנטוישונג אויסגעדריקט אויפן קול נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט גוט געוווסט, אז זיינע רייד וועלן נישט ברענגען קיין ספּאָנטאַנעם עולים־שטראָם פון ניו־יאָרק קיין תל־אביב.

אין 1949 זענען געווען נאָך פּראָבלעמען.

עס איז קיין ברוכטייל נישט געווען פון די נויטיקע געלט־סומען אויף איינצואָרדענען אָט די אלע אומגליקלעכע עולים פון די צפון־אפריקאַנישע אַרעמקייטס־קווארטאלן, פון די געטאָס אין די מזרח לענדער און פון די פּליטים־לאַגערן אין אייראָפּע, און צו פארוואַרצלען זיי אין א שטאָלץ און אין א ווירטשאַפטלעך זעלבסטשטענדיק פאָלק.

אפילו מיט די געלטער וואָס דער פאראייניקטער יידישער אַפּיל האָט מאָביליזירט צווישן די אמעריקאַנער יידן, אין אזא הויך, וואָס קיין אנדערער פאָלקס־טייל אין אמעריקע האָט קיינמאָל נישט געגעבן פאר ענלעכע צוועקן — איז נאָך אלץ די רעגירונגס־קאַסע געווען אָרעם ביז גאָר. די דאָזיקע לאַגע האָט געשאַפן א באַקאַנטן וויץ אין ישראל פון יענער צייט: א ייד וואָס האָט זיך געוואנדן צו בן־גוריונען מכוח ארבעט. בן־גוריון האָט אים פאַר־

געלייגט צו ווערן קאָלאָניען־מיניסטער. דער ייד האָט זיך געוווּנדערט: „האָבן מיר דען קאָלאָניעס?"

בן־גוריון האָט אים געענטפערט „ניין, אָבער קיין געלט האָבן מיר אויך נישט און דאָך האָבן מיר א פינאַנס־מיניסטער".

צוועלף פאַרטייען האָבן אויסגעוויילט זייערע פאָרשטייער אין דער כנסת. די מיל פון דער דעמאָקראַטיע האָט געמאָלן לאַנגזאַם, מחמת ביי יעדער פראגע האָבן צוועלף שטאַנדפּונקטן געמוזט קומען צום אויסדרוק.

ישראל איז געווען א מדינה אָן א הויפּט־שטאָט. רעגירונגס־אַמטן זענען נאָך אַלץ געווען אין דער „קריה", און די כנסת האָט געמוזט אָפּהאַלטן אירע זיצונגען אין א תל־אביבער קינאָ. טויזנטער מענטשן זענען נאָמינירט גע־וואָרן אלס מלוכה־באַאַמטע אין די פארשידענע נייע רעגירונגס־אַמטן, אָבער זיי האָבן ערשט געדאַרפט לערנען ווי אזוי אויסצופילן זייערע פליכטן. דער־ווייל האָבן מענטשן אין די קאָפּע־הייזער זיך געוויצלט אויפן חשבון פון די ביוראָקראַטן. ווי די מעשה מיט די צוויי לייבן וואָס זענען אַנטלאָפן פון זאָאָלאָגישן גאָרטן. איינער האָט באַשלאָסן אז עס וועט זיין זיכערער אין נגב, דער צווייטער איז געבליבן אין תל־אביב. אין א וואָך ארום איז דער לייב פון נגב צוריק געקומען א הונגעריקער און א מידער. אויפן נגב איז נישט געווען גענוג מענטשן צום פאַרציקן. דער תל־אביבער לייב דאקעגן איז געווען פעט און צופרידן: „יעדן טאָג אַכט א זייגער אינדערפרי גיי איך מיר ארויס אין דער קריה, שטעל מיך אוועק ביים איינגאנג פון די רע־גירונגס־אַמטן, איך פאַרציק א פינף מענטשן און איך עס מיר צו דער זעט".

„איז דאָס נישט געפערלעך?", האָט געפרעגט דער נגב־לייב.

„אַבסאָלוט נישט", האָט געענטפערט דער פעטער לייב, „עס איז דאָ אזויפיל איבעריקע באַאַמטע, אז קיינער כאַפּט זיך נישט אפילו, אז עס פעלן די עטלעכע מענטשן וואָס איך האָב אויפגעגעסן".

די באַאַמטע וואָס האָבן פארנומען וויכטיקע פּאָסטנס, זענען געווען וואָס אַמאָל מער פארנומען. בן־גוריונס ארבעטס־טאָג האָט זיך אלץ מער און לענגער אויסגעצויגן. און מענטשן האָבן אָנגעהויבן טענהן, אז עס איז לייכטער צו זען דעם פּויפּסט ווי בן־גוריונען.

איינע פון זיינע שאַפונגען איז געווען א „פיר־יאָר פּלאַן פאר אויפנעמען עולים און זייער אנטוויקלונג". ער האָט דעם פּלאַן אָפּגעדרוקט אין דער פאָרם פון א באַקאַנטמאַכונג, כדי יעדער מלוכה־באַאַמטער זאָל אים קאָנען אויפ־הענגען איבער זיין שרייבטיש. ער האָט פאָרגעלייגט, אז יעדער באַאַמטער

זאָל יעדן טאָג איבערלייענען דעם פּלאַן און ער זאָל זיך פרעגן וואָס ער קען אין היינטיקן טאָג טוען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דאָזיקן פּראָיעקט.

אין יענע ערשטע חדשים פון דער מדינה איז בן־גוריון געווען די אַקס, ארום וועלכער דאָס ראָד האָט זיך געדרייט. דאָס גאַנצע אָפיציעלע לעבן האָט זיך געדרייט ארום אים אָדער צוליב אים. די מיניסטאָרן האָבן, וואָס אן אמת, געהאַט ברייטע פולמאַכטן, אָבער קיין שום דעקרעט האָט נישט געקאָנט באַקומען קיין מלוכה־קראַפט איידער ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער רעגירונג, אין די „רשומות“. און קיין זאַך האָט נישט געקאָנט פאַרעפנטלעכט ווערן אין „רשומות“ אויב זי איז נישט אדורך דעם אַמט פון פרעמיער־מיניסטער. אויף די רעגירונגס־זיצונגען האָט דער פרעמיער טאַקע געהאַט נאָר איין שטים, אָבער ער האָט באַשטימט די טאָג־אָרדנונג. און וויכטיקער ווי אלץ — ער האָט מיטן כוח פון זיין פערזענלעכקייט באהערשט דעם מיניסטאָרן־ראַט. אלע האָבן זיך באַצויגן מיט כבוד צו זיין העלער וויזיע וועגן דער צוקונפט פון ישראל.

איינע פון בן־גוריונס אויפגאבן אין פארלויף פון 1949 איז געווען אויסצואַרבעטן קאָמפּראָמיסן פאַר א קאָאַליציע מיט דעם רעליגיעזן בלאָק. זייערע זעכצן שטימען זענען אים געווען נויטיק צו דער מערהייט.

ער האָט מסכים געווען צו דער פאָדערונג וועגן א כשרער קיך אין מיליטער, נישט נאָר כדי אויסצומיידן אַ שטורמישן ויכוח, נאָר כדי אויסצומיידן דאָס מוזן פאַרברייטן צווי באַזונדערע קיכן: איינע א כשרע און די אנדערע פאַר סאָלדאַטן, וואָס זענען נישט מקפּיד אויף כשרות, א זאַך, וואָס וואָלט דערפירט צו א רעליגיעזער שפּאַלטונג אין מיליטער; און א שטאַרק ווידערגעפיל האָט ביי־אים ארויסגערופן די פערספּעקטיוו פון אזא שפּאַלטונג.

ער האָט אויך מסכים געווען אויף א געזעץ, אז דאָס רבנות זאָל האָבן די יורישדיקציע איבער אלע משפחה־ענינים: חתונות און גטן. קריסטן, אראַבער אָדער יידן, וואָס וועלן חתונה האָבן אויף א ציווילן אופן, וועלן מוזן איינאָרדענען זייערע חתונות אויף א שיף אין ים, אָדער גאָר פאָרן צוליב דעם קיין אויסלאַנד. אין דער דאָזיקער פראַגע האָט ער נאָכגעגעבן כדי נישט דערפירן צו א שפּאַלטונג אין פאָלק, אז איין טייל זאָל נישט קאָנען חתונה האָבן מיטן צווייטן. ד׳ערביי אָבער האָט זיך בן־גוריון קעגנגעשטעלט יעדן פּרווו צו פאַרוואַנדלען ישראל אין א טעאָקראַטישער מדינה. אמת טאַקע, די אויטאָבוסן און באַנען גייען נישט אין שבת, די קינאָס זענען

פארמאכט, און די צייטונגען דערשיינען נישט, פונדעסטוועגן אָבער זענען ביים ברעג ים אין תל־אביב פאראנען האָטעלן ווו מען דערלאַנגט די געסט נישט גאַנץ כשר עסן, אומאָפּהענגיק דערפון, צי זיי בעטן אזא עסן צי נישט; פיל מענטשן אין ישראל רויכערן אין שבת, און קיינער זאָגט זיי נישט קיין וואָרט. בן־גוריונס שאַרפסטער קאַמף מיט דעם רעליגיעזן בלאָק האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער פראַגע פון פרויען מיליטער־דינסט, פון מיידלעך אין עלטער, פון אכצן ביז זעקס־און־צוואַנציק יאָר. די רעליגיעזע פּאַר־טייען האָבן געקעמפט קעגן דאָזיקן געזעץ מיט די פאַרשידנסטע באַגרינ־דונגען. איינע פון זיי איז געווען, אז די תורה האָט געאסרט א פרוי אָנ־צוטאָן א מלבוש פון א מאַן. בשעת דער דיסקוסיע איבערן דאָזיקן געזעץ האָט בן־גוריון געפרעגט:

„פאַר וואָס טראַכט איר, אז א פרוי וואָס טראָגט א ביקס האָט פאַר א מאַן ווייניקער צוציונגס־קראַפט, ווי א פרוי ביי א שרייב־מאַשין?"

עס איז מאָדנע וואָס בן־גוריון און די רעליגיעזע פּאַרטייען, יעדער צוליב אנדערע מאָטיוון, זענען געווען איינשטימיק אין דער פראַגע: צי דאַרף מדינת ישראל האָבן א געשריבענע קאָנסטיטוציע.

א יידישער באַרימטער ספּעציאַליסט אין פראַגען פון קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט, וואָס האָט געהאַט אדורכשטודירט די געזעצגעבונג פון רוב מעריב־דיקע מדינות, האָט סטיליזירט א קאָנסטיטוציע פאַר מדינת ישראל. בן־גוריון האָט אדורכשטודירט דעם פּראָיעקט. אז ער איז געקומען צום פּאַ־ראגראַף וואָס גיט דעם העכסטן געריכט די מאַכט, מבטל צו מאַכן געזעצן וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן דורך דער כנסת, האָט ער געזאָגט צו איינעם פון זיינע געהילפן, אז ער וועט קיינמאָל נישט דערלויבן, אז אדוואָקאַטן זאָלן אים דיקטירן ווי אזוי צו פירן די מדינה.

ער האָט געטענהט, אז ענגלאַנד האָט נישט קיין געשריבענע קאָנסטי־טוציע, און אז אין אמעריקע זענען פאַרביי עלף יאָר פון דער זעלבסט־שטענדיקייטס־דעקלעראַציע ביזן פאַרעפנטלעכן די קאָנסטיטוציע. נישט נאָר דאָס — א געשריבענע קאָנסטיטוציע נעמט צו די רעכט פון פאָלק אויסצובעסערן געזעצן, און זי איז אלזאָ, אין איר וועזן, אַנטי־דעמאָקראַטיש. אויב אפילו ישראל דאַרף יאָ האָבן אַ געשריבענע קאָנסטיטוציע דאַרף מען דערמיט צוואַרטן, ביז דער קיבוץ־גלויות וועט מער פאַרווירקלעכט ווערן, כדי די גאַנצע באַפעלקערונג זאָל האָבן א דעה אין דער זאַך. ישראל־בירגער זענען געווען נישט צופרידן צוליב דעם וואָס דאָס לאַנד האָט נישט געהאַט קיין געזעץ פאַר ציווילע רעכט. בן־גוריון האָט געענטפערט אומ־

געדולדיק: „וואָס עס פעלט אונדז, דאָס זענען געזעצן פון די פ ל י כ ט ן פון יחיד".

אין א דיסקוסיע וועגן דעם אינהאַלט פון אזעלכע געזעצן האָט בן־גוריון געזאָגט:

„אויף ענגליש נויטיקט מען זיך אין פיל רייד, אָבער אויף העברעיש געניגן דערצו דריי ווערטער: „ואהבת לרעך כמוך".

אויף דער וועלט איז אָנגעגאַנגען דער קאַלטער קריג. צי ישראל וועט צושטיין צום מערב — און אזא איז געווען איר נאַטירלעכע נייגונג — ווי אזוי דאָס וועט משפיע זיין אויפן גורל פון די 1.800.000 יידן אין רוסלאַנד און פון די 800,000 אין די סאַטעליטן־לענדער? טיילן פון זיי האָבן געוואָלט עולה זיין, ווען מ'וואָלט זיי נאָר געלאָזט. עס איז אלזאָ געווען א פּראָבלעם וואָס האָט באַרירט קרוב דריי מיליאָן יידן. בן־גוריון האָט געהאַט א שטיקל האָפענונג; יעדנפאַלס איז כדאי צו מאַכן א פּרווו. האָט דאָך רוסלאַנד געשטימט אין לייק־סאַקסעס פאַר א יידישער מדינה, ווער ווייס... טאָמער דאָך... אין אָנפאַנגס האָט ער גערעדט מיט א שוואַכע שטימע וועגן ישראלס שטרעבונג צו שלום און צו קעגנזייטיקע באַציונגען מיט אלע לענדער. „אונדזער פּאָליטיק גייט אין דער ריכטונג פון פלעגן פריינטשאַפט און קעגנזייטיקייט מיט אלע פרידנס־ליבנדיקע פעלקער, נישט אריינמישנדיק זיך אין זייערע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן".

ער האָט געשיקט גאָלדע מאירסאָן אלס אמבאַסאַדאָר קיין מאָסקווע, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין מילוואָקי. קיין פּראָג האָט ער געשיקט אהוד אבריאל, א גלענצנדן יונגן סאָציאַליסט. קיין בוקאַרעשט — דעם מאָלער ראובן רובין, א געבוירענער אין רומעניע, וואָס האָט געלערנט אין שול צוזאַמען מיט אנא פּאוקער, רומעניעס קאָמוניסטישע אויסערן־מיניסטאָרין.

גאָלדע מאירסאָן איז שנעל געקומען אהיים מיט א צעבראָכן הארץ.

און ווען עס זענען צווישן די רומענישע יידן פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אז עס איז געעפנט געוואָרן א ישראל־קאָנסולאַט, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אין קאָנסולאַט אריין הונדערטער בקשות אויף וויזעס. די יידן האָבן זיך געשטופּט פאַרן בנין פון דער ישראל־פאָרשטייערשאַפט, האָבן געשטערט די באַוועגונג. דער הויכער און דאַרער מאָלער־אַמבאַסאַדאָר איז ארומגערינגלט געוואָרן פון מאַסן מענטשן ווען ער האָט זיך נאָר באַוויזן ארום דער געזאַנדשאַפט. אין אָנפאַנגס איז אנא פּאוקער געווען גרייט צו העלפן, און ראובן האָט געקאָנט שיקן קיין חיפה א קליינעם שטראָם פון רומענישע יידן, מערסטנטייל אלטע־לייט, שוואַכע און נישט ארבעטס־

פעיקע. אנא פאוקער און אירע חברים האָבן געהאַט באַשלאָסן, אז די דאָזיקע יידן קענען, סיי־ווי־סיי, נישט ברענגען קיין שום נוצן פאַר רומעניע. אָבער דאָס זענען געווען יידן וואָס זענען צוריקגעפאָרן אין זייער פאָטערלאַנד.

פלוצים האָט די יידישע אויסערן־מיניסטאָרין פון רומעניע פאַרהאַקט די טויערן. און ראובן איז געצווונגען געוואָרן אויפצוגעבן זיין אַמט און צוריקצופאָרן קיין תל־אביב צו זיינע בילדער און פאַרבן.

יידן האָבן אָבער געשטראָמט פון אנדערע זייטן: קראַנקע און געזונטע; יידן פון מערב און יידן פון מזרח, הויכע, מאָגערע, קורץ־געוויקסיקע, טונקעלע און העל־הויטיקע; טובערקולאָז־קראַנקע און אַנהעגנטיקע; שווארצע ארבעטער און קינסטלער; לאַכנדיקע און וויינענדיקע, טראַגנדיקע פרויען, און מענטשן אין גסיסה־צושטאַנד; — אלע אָבער זענען יידן, וואָס שוין צוויי טויזנט יאָר זענען זיי אָפּגעריסן פון תנ״ך־לאַנד. איצט זענען זיי אויפגענומען געוואָרן אין זייער לאַנד מיט אָפענע אָרעמס, ווייל לויטן „צוריקקער־געזעץ״ האָט יעדער ייד דאָס רעכט אריינצוקומען אין דער מדינה אריין. זיי זענען געקומען אויף א דראַמאַטישן אופן פון תימן, דאָס פרימיטיווע און פון זון פאַרברענטע לאַנד אויפן ברעג פון רויטן ים — א ספק צי דאָס לאַנד האָט שוין א מאָל געזען אן אויטאָמאָביל, און אירע יידן אונטערשיידן זיך כמעט מיט גאָרנישט פון די נישט יידישע שבטים. די דאָזיקע פרימיטיווע און שטאַרק־פרומע מענטשן זענען טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין פינף „סקיימאַסטערס״, וואָס זענען געפלויגן הין און צוריק, און יעדער פון זיי האָט געקאָנט אויפנעמען, טאָפּלט פון זייער געוועגלעכע צאָל פּאסאַזשירן, ווייל אלע זענען זיי געווען מאָגער, קליין און נישט דערנערט.

פאַר די דאָזיקע עולים פון תימן, ווי פאַר די עולים פון צפון אפריקע, איז בן־גוריון געווען דער נייער דוד המלך. זיין טיטל איז טאַקע געווען „פּרעמיער־מיניסטער״, פאַר זיי אָבער איז ער געווען דער מלך משיח. ער האָט געבראַכט דאָס נס פון זייער צוריקקערן זיך אין היימלאַנד. און ווען ער האָט זיי באַזוכט אין זייערע געצעלטן, אין די צייטווייליקע באַראַקן, האָבן זיי געבראַכט צו אים זייערע קראַנקע ער זאָל זיי היילן. אלע האָבן זיך געשטופּט אָנצורירן דעם זוים פון זיינע קליידער. אפילו פאַר דעם נישט־רעליגיעזן בן־גוריונען איז אין דעם קיבוץ־גלויות געלעגן עפּעס מיסטישס. דאָס איז נישט געווען סתם אזוי זיך א פראַגע פון שאַפן א פּלאַץ פאַר היימלאָזע, אָדער צו ראַטעווען מענטשן פון אונטערדריקונג, און אפילו נישט קיין ענין פון באַזעצן דאָס „נייע״ לאַנד מיט חלוצים, אָדער

פון באַשטימען יונגע העלדן אויף דער וואַך לענגאויס די גרענעצן, אַלס א שוץ פאַרן שונא. פאַר בן־גוריונען איז עס געווען א היסטאָרישע וועג־דונג, און ער האָט נישט אויפגעהערט צו זאָגן, אַז אַזאַ ווענדונג טרעפט זיך איינמאָל אָדער צוויי־מאָל אין דער גאַנצער געשיכטע פון א פאָלק. דאָס איז געווען די אתחלתא־דגאולה, דער אָנהויב פון יידישער פאָלקס דערלייזונג.

אין דער צייט וואָס זיינע שותפים אין דער רעגירונג האָבן אים כסדר באַמיט מיט קליינע טאָג־טעגלעכע ענינים — ווער וועט זיין דער לייטער פון הויפּט צאָל־אַמט; צי איז נויטיק א געזעץ וועגן דער מאַקסימאַלע הויך פון געביידעס, און ביז וויפיל א זייגער וועלן קאַפע־הייזער מעגן זיין אָפן — האָט דערוויל בן־גוריון פאַרברייטערט די האָריזאָנטן פון זיינע חלומות: ער האָט געפּרוווט צו געבן א ריכטונג צו די אַלע ענדערונגען וואָס האָבן זיך אויסגעוועבט אין אַזאַ שנעלן טעמפּאָ; ער האָט זיך באַמיט איבערצו־געבן אויך צו אַנדערע דאָס געפיל פון מיסטיציזם, וואָס דער קיבוץ־גליות האָט אין זיך אַנטהאַלטן — דאָס נס, די גרויסקייט און די וווּנדער אין אים.

ער האָט געמוזט אונטערשרייבן בריוו, זיין דער פאָרזיצער פון כל־ערליי צערעמאָניעס, פאָטאָגראַפירן זיך, פירן באַראַטונגען מיט מיניסטאָרן, פּרעזידירן אויף קאַבינעט־זיצונגען, וויכטיקער אָבער פאַר אַלץ איז פאַר אים געווען: אויפצוקלערן דעם פאָלק זיין נאַציאָנאַלע פילאָזאָפיע. עס האָט װער געדאַרפט אויפקלערן, אַז ישראל איז אַן עקספּערימענטאַלע סטאַציע פאַר דעם אידעאַל פון „ומלאה הארץ דעה" — „און פול איז דאָס לאַנד מיט וויסן" — און פאַר סאָציאַלער גלייכהייט.

איצט, אַז עס זענען אָנגעקומען אין לאַנד אריין אַזויפיל טונקל־פאַרביקע יידן, איז געוואַקסן די סכנה פון שפּאַלטונגען און באַגרענעצונגען צוליב דער פאַרב פון דער הויט. עס איז געשטאַנען די פראַגע פון שפּראַכן און די־אַלעקטן. עס זענען נויטיק געווען רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אין די גע־וווינהייטן און, אין די פאכן און פרנסות פון רוב פון די דאָזיקע מענטשן. מ'טאָר נישט דערלאָזן צו קיין קלאַסן דיפערענצן. און מען דאַרף דערמוטיקן די טויזנטער עולים זיי זאָלן זיך צעשפּרייטן איבערן לאַנד, זאָלן זיך באַזעצן אויפן באָדן און נישט קאָנצענטרירן זיך ארום קרעמערײ אין תל־אביב, ווו ס'איז געווען אַזוי אויך אַן איבערפלוס פון קרעמער.

אין יאָר 1949 האָט ער געגעבן די אינספּיראַציע און די דערציונג, אין וועלכע דאָס פאָלק האָט זיך גענויטיקט. אָן זיי, וואָלט די נבואה בשום אופן נישט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן. ער האָט דאָס געטוען מיט דער הילף

פון רעדעס און ארטיקלען וואָס ער האָט אייגנהענטיק געשריבן אויף זיינע קורצע בייגעלעך־פּאַפּיר:

„מיר וועלן פלאַנצן ביימער אויף יעדן שטיקל נישט־באַאַרבעטן באָדן, און דערמיט אראָפּנעמען די מדבר־חרפה פון דער דאָזיקער ערד. דאָס לאַנד וועט אויפבליען און שיין ווערן".

ווען פארפלייצונגען האָבן זיך ארייגעריסן אין זייערע געצעלטן, און ארעם איז געווען זייער עסן, האָט ער איינגעפלאַנצט אין דעם פאָלק זיין גלויבן און האָפענונג, און איז גלייך צוגעטרעטן צו דער ארבעט — אויפצו־בויען פאר זיי בעסערע הייזער, תמיד האָט ער זיי געוויזן דעם וועג און דעם אויסגאַנג.

ער האָט זיי געוועקט און דערמוטיקט מיט באריכטן וועגן דעם וואָס איז אין לאַנד שוין אויפגעטועט געוואָרן, און מיט פלענער וואָס שטייען פאר־ווירקלעכט צו ווערן. אין משך פון איניקע וואָכן וועלן פארטיק ווערן פינף־און־צוואַנציק טויזנט דירות. א מיליאַרד ביימער וועלן פארפלאנצט ווערן ארום די בערג, שוין איז מאָביליזירט געוואָרן א פּאָליציי־איינהייט פון צוויי טויזנט מאַן און אלע זענען זיי יידן. א ייד אין דאָזיקן לאַנד וועט פון היינט אָן קאָנען ארעסטירט ווערן נאָר דורך א פּאָליציסט וואָס איז אליין א ייד. די קאָרופּציע פון דער מאַנדאַטן־צייט איז כמעט אינגאַנצן פארשוואונדן פון רעגירונגס־אפּאַראַט. די וואַלוטע איז געוואָרן סטאַביליזירט. א ישראלדיקע לופט־ליניע האָט שוין אָנגעהויבן איר טעטיקייט. דערווייל באַזיצט זי קוים איין עראָפּלאַן, אָבער געדולד! די באַן איז ווידער אין באַוועגונג. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן א יידישער האַנדלס־פלאָט. עם ישראל חי! ישראל איז א מדינה!

דאָס פאנאנדערשפרייטן זיך פון ישראל־סאָלדאַטן איבערן נגב אין יאָר 1949 האָט שטאַרק דענערווירט דעם מלך עבדאַללא. ער האָט געפאָדערט פון די ענגלענדער זיי זאָלן מקיים זיין זייער פארפליכטונג אויפן סמך פון עפּעס אַן אָפּמאַך וואָס זיי האָבן צווישן זיך אמאָל געשלאָסן. די ענגלענדער האָבן שנעל געבראַכט מיליטער קיין עקאַבאַ, דער ירדנישער פּאָרט ביים עק פון ים סוף, וואָס ליגט פון דער אנדערער זייט פון דער ישראלדיקער אילת.

דער איינציקער שאָסיי קיין אילת, איז געווען נישט מער ווי א סטעזשקע דורכן מדבר, וואָס איז געלאָפן נאָענט פון דער גרענעץ צווישן ישראל און עבר־הירדן, כדי צו פארזיכערן נאָך א דורכגאַנג קיין אילת אויפן פאַל, ווען די ירדנים וועלן אָפּשליסן די גרענעץ, האָט בן־גוריון געשיקט גרופּעס

ארבעטער, אין די אימהדיקע שטיין־בערגער אויף דער אנדערער זייט פון נגב, ביז דער גרענעץ פון מצרים, כדי אויסצופאָרשן די מעגלעכקייט פון בויען א צווייטן שאָסיי. אָט די ארבעטער האָבן זיך געשלעפּט שווער, דורך אויסגעטריקנטע, אָפּגעשלאָסענע וואַדיס און דורך מוראדיקע מדבר־סקאַלעס. צום סוף האָבן זיי מודיע געווען: „שווער, אָבער מעגלעך". פאר בן־גוריונען איז דער דאָזיקער ווונק געווען. ער האָט באַפּולמעכטיקט אלונען, דעם קאָמאַנדיר פון דרום, צו שיקן צוויי בריגאַדעס קיין אילת, איינע פון מזרח־זייט, די צווייטע פון מערב־זייט. די סאָלדאַטן האָבן באַקומען אַן אָנזאָג זיי זאָלן נישט דענערווירן די אראבישע שכנים. יעדע איינע פון די צוויי בריגאַדעס האָט זיך באַמיט צו קומען די ערשטע צום ים־סוף, איז טאַקע איינע געקומען מיט א פּאָר שעה פריער. אָבער דער קאָמאַנדיר פון דער ערשטער בריגאַדע האָט געוואָרט אויפן צווייטן קאָמאַנדיר, כדי זיי זאָלן ביידע קאָנען שיקן בן־גוריונען:

„א גרוס פון אילת".

דער פּרעמיער, פול מיט התפעלות, איז אריין אין אן עראָפּלאַן און אָפּ־געפלויגן קיין סדום, כדי ער זאָל קאָנען אליין אדורכשניידן דעם שווערן וועג אין דער מדבר. זיינע פיס האָבן געטרעטן אויף דער ערד פון יענער שטאָט, וואָס איז אמאָל געווען דער אויסגאנגס־פּונקט צו דער מזרחדיקער וועלט.

נאָך איניקע וואָכן איז מדינת־ישראל אָנגענומען געוואָרן אלס די 59־טע מיטגלידערין פון אוּנ"א. דער חלום האָט געגומען ארויפציען אויף זיך היוט און ביינער. דריי טעג שפּעטער האָט דאָס לאַנד געפייערט דעם יום־טוב פון צוויי יאָר זעלבסטשטענדיקייט. בן־גוריון האָט זיך נישט גרויס גע־האַלטן און זיך נישט געריִמט, הגם ער האָט געהאַט א גענוגנדיקן יסוד דערצו. ער האָט באַשיידן דערמאָנט אייניקע דערגרייכונגען (צוויי הונדערט טויזנט עולים זענען אריינגעקומען אין לאַנד אריין), אָבער דער הויפּט־טאָן אין זיין רעדע איז געווען דער רוף צו „צנע" — דער טשערטשילישער רוף „צוזאַמענצוציען דעם פּאַס". אין יולי האָט ער באַשאָנקן יגאל ידינען מיט א נייעם טיטל — דער מיליטערישער באראטער פון פּרעמיער־מיניסטער.

מיט דער רעאָרגאַניזאַציע פון צה"ל זענען אויפגעשוווּמען פיל פּראָב־לעמען. איצט, אז דאָס מיליטער האָט געהאַט ראַנגעס, אוניפאָרמען, און א דיסציפּלין לויטן מוסטער פון דער ענגלישער אַרמיי, האָבן פיל אָפיצירן געמיינט, אז מען דארף איינפירן אויך ערן־אויסצייכנונגען. עס איז געצייכנט געוואָרן א סקיצע און זי איז פאַרגעלייגט געוואָרן דעם הויפּט־קאָמאַנדיר.

ווען ער האָט אין דער סקיצע געזען היסטאָרישע נעמען ווי בר־כוכבא, שאול און שמעון, האָט ער געזאָגט, אז ער וועט נישט אונטערשרייבן קיין שום אויסצייכנונגס־געזעץ, אין וועלכן עס ווערן דערמאָנט נעמען פון יידן וואָס זענען באזיגט געוואָרן אויפן שלאַכט־פעלד. ער האָט נישט געוואָלט, אז זיינע סאָלדאטן זאָלן זיך באַצירן מיט אויסצייכנונגען וואָס טראָגן די נעמען פון באַזיגטע:

„מיר דארפן גלאָריפיצירן יענע פעריאָדן פון אונדזער געשיכטע, אין וועלכע מיר האָבן געזיגט און נישט יענע צייטן ווען מיר זענען באַזיגט געוואָרן".

נישט געקוקט אויפן דרוק פון דער ארבעט, האָט בן־גוריון זיך גענומען, צו מינדעסטנס, איין טאָג אין חודש, אויף צו באַזוכן די מיליטערישע לאַגערן, די גרענעץ־ישובים און צענטערן פאר אויסבילדונג. איינמאָל איז ער אוועק אויף אן אויספלוג אויף א ישראלדיקע צעשטער־שיף. איינער פון די מיט־גלידער פון דער קאָמאַנדע האָט דאן געזאָגט:

„עס איז געווען א פארגעניגן צו זען דעם פרעמיער־מיניסטער, ווי ער איז געזעסן אונטערן שאָטן פון אן אנטי־לופט הארמאט, מיט פלאַטאַנס שריפטן אין דער האַנט. זאָגט וואָס איר ווילט — א משונהדיק בילד.

ער איז אלט געווען דריי־און־זעכציק יאָר. אָבער ער האָט נאָך געהאַט אין זיך אזוי פיל ענערגיע, אז זיינע געהילפן האָבן קוים געקאָנט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ מיט אים. תמיד האָט ער געוואָלט ארויפקריכן אויף דעם העכסטן באַרג, זען די גאנצע פאַרטיידיקונגס־ליניע, קאָנטראָלירן יעדן הארמאט, ארייִנקריכן אין יעדן טאַנק, ארומגיין ארום יעדן עראָפּלאַן, און אדורכרעדן זיך מיט יעדן סאָלדאַט אין דער איינהייט.

די ארמיי איז געוואָרן פאר אים דער תמצית פון זיינע געדאַנקען, עפּעס א מין דיבוק. ער האָט איר באטראכט נישט נאָר ווי אן אָרגאַניזאַציע אויף צו פאַרטיידיקן די גרענעצן, נאָר ווי אן אינסטרומענט אויף צו פאראייניקן די מדינה, זי צו מאָדערניזירן און צו דערציען דאָס פאָלק.

יידן פון תימן, מאַראָקאָ, עיראַק און אייראָפּע זענען גענומען געוואָרן אין דער ארמיי און זענען דאָרט פארוואַנדלט געוואָרן אין ישראלים. די ארמיי האָט זיי געלערנט רעדן העברעיש, עסן מיט גאָפּל־מעסער, שלאָפן אין בעטן, וואשן די ציין. די ארמיי האָט זיי געלערנט יידישע געשיכטע, די געאָגראַפיע פון נאָענטן מזרח און די געאָגראַפיע פון אייגענעם לאַנד, ווי צו באנוצן זיך מיט זייף און ווי אזוי מען לייענט. און דער עיקר — האָט זי די דאָזיקע מענטשן פון אלע עקן וועלט, מיט די פארשידנסטע הויט־פארבן און קעגנ־

זעצלעכע קולטורן, געלערנט ווי אזוי צו לעבן צוזאַמען אין שלום, ווי ברידער. די ארמיי האָט איר אויפגאַבע אויסגעפירט מיט אזא דערפאָלג, אז בן־גוריון פלעגט בדחילו ורחימו, מיטן גרעסטן כבוד ארויסזאָגן די ווערטער: „צבא הגנה לישראל״.

דער פּרווו־שטיין פון דער ארמייס הצלחה איז געווען: ווי שנעל זי וועט באוויזן אויפצונעמען, און זיך איינלעבן מיט די תימנער סאָלדאַטן. ביי יעדן שמועס מיט אָפיצירן האָט ער זיי געפרעגט: „וויפיל תימנער האָט איר?״.

און שפּעטער האָט ער אויסגעפרעגט יעדן אָפיציר וועגן זיין דינסט אין מיליטער, וועגן זיין פארגאנגענהייט אין ראנג. און שטענדיק האָט ער געענדיקט מיט דעם זעלבן: „איר וועט נישט האָבן קיין גוטע ארמיי, ביז איר וועט נישט האָבן קיין תימנישן גענעראַל. (די העכסטע ראַנגע וואָס אַ תימנער איז צו איר דערגאַנגען אין צבא הגנה לישראל איז — א מאיאָר).

סוף 1952 זענען בן־גוריון און מדינת ישראל געווען געצוווּנגען צו דע־צידירן וועגן גורל פון ירושלים. נאָך א באלאגערונג פון א סך חדשים, איז ירושלים פארוואנדלט געוואָרן אין א בארג פון חורבות. עס איז נישט געווען קיין גאס וווּ עס איז נישט געפאַלן קיין קרבן, און עס איז נישט געווען קיין שטוב וואָס זאָל נישט האָבן געהאַט זיינע אייגענע צרות. אין דער צייט וואָס די אונ״א האָט דיסקוטירט וועגן דער צוקונפט פון ירושלים, האָבן בן־גוריון און זיינע מיניסטאָרן געפּרווּט אריינצושטראָמען ניי לעבן אין יענעם טייל ירושלים, וואָס איז געבליבן אין יידישע הענט. מען האָט אָנגעהויבן רעאַליזירן נייע בוי־פּלענער; עס זענען געגעבן געוואָרן פאַרשידענע פּרע־מיעס און געלט־הנחות פאר נייע אונטערנעמונגען וואָס האָבן זיך עטאַב־לירט אין דער שטאָט. קאָנפערענצן זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין ירו־שלים, און נישט אין תל־אביב.

אין לייק־סאַקסעס האָט אויסטראַליע אריינגעטראָגן א פאָרשלאָג, וועגן אַן אונ״א־פאַרטרויונגס־ראַט וואָס זאָל האָבן די מאכט איבער גאַנץ ירושלים. א קורצע צייט פאר דער אָפּשטימונג האָט בן־גוריון ארויסגעגעבן אַן אומ־צווייַדייטיקע דערקלערונג:

„יידן וועלן זיך מקריב זיין פאר ירושלים פונקט ווי די ענגלענדער וועלן זיך אָפּפערן פאר לאָנדאָן, רוסן פאר מאָסקווע, אָדער אמעריקאַנער פאר וואשינגטאָן״.

פיר טעג שפּעטער האָט די אונ״א אָנגענומען די רעזאָלוציע אין גייסט פון אויסטראַליענס פאָרשלאָג, און טראָץ די קעגנערשאַפט פון ענגלאנד,

קאַנאַדע און אמעריקע, האָט בן־גוריון זיך נישט געוואַקלט, און ער האָט דערקלערט, אז מהיום והלאה וועט ירושלים זיין די הויפּט־שטאָט פון ישראל.

א טייל מענטשן האָבן געזען מיט צער ווי בן־גוריון שטעלט זיך קעגן יענער אינסטיטוציע וואָס האָט געשאפן די יידישע מדינה. אַנדערע האָבן געטענהט, אז דאָס נייע ירושלים איז כמעט אינגאַנצן יידיש און עס זענען אין איר נישט פאראנען קיין הייליקע פּלעצער פאר קריסטן אָדער מאַכמעדאַנער; אז מען קאָן נישט פאַרלאַנגען פון ישראל, זי זאָל מפקיר זיין אירע הונדערט טויזנט יידישע בירגער; און מען טאָר אויך נישט פארגעסן פון דער נשמהדיק־גייסטיקער וויכטיקייט פון ירושלים פאר יידן. ירושלים איז דאָך די אלטע עיר־דוד — אין משך פון אלע גלות־דורות האָבן יידן נישט אויפגעהערט תפילה צו טוען „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני״.

די פאראייניקטע שטאַטן, וואָס זענען אליין געווען קעגן אינטערנאַציאָנאַליזירן ירושלים, האָבן געשיקט צו ישראל א שארפע נאָטע, וואָרענענדיק זי קעגן „געפערלעכע שריט״. אָבער נישט אזא מענטש ווי בן־גוריון וועט זיך לאָזן אָפּשרעקן. אין משך פון די ווינטער־חדשים, האָט ער רויק אריבערגעפירט קיין ירושלים א ריי מלוכה־אָפּטיילונגען. ער איז איצט אריין אין זיין אויטאָ און האָט אדורכגעמאַכט די זיבעציק קילאָמעטער פון תל־אביב קיין ירושלים. ער האָט דערמיט געעפנט דעם וועג פאר אנדערע רעגירונגס־אַמטן. ער האָט פּראָקלאמירט, אז פון איצט אָן וועט די כנסת אָפּהאַלטן אירע זיצונגען נישט אין תל־אביב, נאָר אין ירושלים.

אלע צענטראַלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס וועלן איבערגעטראָגן ווערן קיין ירושלים, מיטן אויסנאם פון קריגס־מיניסטעריום, וואָס וועט צוליב זיכערהייטס־טעמים, פארבלייבן אין תל־אביב, און דאָס אויסערן־מיניסטעריום, וואָס וועט אויך דערווייל נישט איבערגעטראָגן ווערן קיין ירושלים, כדי נישט צו שאַפן קיין קאָמפּליקאַציעס פאר די דיפּלאָמאַטן. א טייל פון זיי וועלן נישט וועלן באליידיקן די אונ״א, מיטן אריבערפאָרן קיין ירושלים.

אומגעפער מיט צוויי יאָר פריער, ווען בן־גוריון האָט פאַרלאָזט ירושלים, כדי זיך צו שטעלן אין שפּיץ פון מיליטער, האָט ער ארייגעלייגט אין טאַש דעם שליסל פון זיין ביוראָ, אין בנין פון דער יידישער אגענץ און האָט געזאָגט:

„בעסער איך זאָל דעם שליסל באַהאלטן. איך בין זיכער, אז איך וועל צוריק אהערקומען״.

איצט איז געקומען די צייט, זיך ווידער אמאָל צו באַנוצן מיטן דאָזיקן שליסל.

קאפיטל ניינצן

אויף דער קינג־דזשאָרזש גאס אין ירושלים, געפינט זיך דער בנין וואָס די יידישע אַגענץ האָט אויפגעבויט אין דער צייט פון מאַנדאַט. עס איז א מאסיווע געביידע, אין וועלכער עס געפינען זיך די ביוראָען פון אלע יידישע אינסטיטוציעס. אין די שפּעטע פערציקער יאָרן, האָט די דאָזיקע געביידע באַקומען א נייעם דריי־שטאָקיגן פליגל, וואָס איז געווענדט מיטן פראָנט צו א גאס, וואָס טראָגט צופעליק דעם זעלבן נאָמען, וואָס די גאס אויף וועלכער בן־גוריון וווינט אין תל־אביב — רחוב הקרן הקיימת.

אין דער דאָזיקער געביידע אריין, האָט זיך אין יאָר 1950 אריבער־געקליבן דער פּרעמיער־מיניסטער, זיין סעקרעטאר, זיין אַדיוטאַנט, די באַאמטע פון זיין ביוראָ, די מאַשיניסטקע, וואָס שרייבט איבער זיינע רעדעס פון יענע קליינע און משונהדיקע בלעטלעך, און די איבריקע מיטארבעטער פון זיין שטאַב.

בן־גוריונס פריוואַט־קאַבינעט אויפן צווייטן שטאָק איז א צימער, צוועלף מעטער די לענג און צען מעטער די ברייט, וואָס אויף אלע זיינע פיר ווענט הענגען מאַפּעס. די מאַפּע וואָס פון הינטער זיין שרייבטיש, פאַרנעמט צוויי קוואַדראַט מעטער, און אויף איר זענען די אראבישע מדינות באַצייכנט מיט רויטער פאַרב, אלע אנדערע מדינות — מיט ברוינער פאַרב, און מדינת ישראל, מיט בלויער פאַרב. ישראל פאַרנעמט אזא קליינעם פּלאַץ, אז מ׳זעט זי קוים מיטן אויג. דער דאָזיקער פאַקט דערלאָזט נישט דעם פּרע־מיער־מיניסטער — און זיינע באַזוכער — פאַרגעסן אין די געאָפּאָליטישע לאַגע פון ישראל. „זי דערמאָנט מיך יעדן טאָג, ווי קליין מיר זענען״ — האָט בן־גוריון גאַנץ פּשוט געזאָגט.

אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט הענגט א מאַפּע פון ירושלים, אויף וועלכער יעדע געביידע אין דער שטאָט איז באַצייכנט. אויף א זייטיקער וואַנט הענגט די מאפּע פון מדינת ישראל אין דער גרויס פון צוויי־און־האַלב קוואַדראַט־מעטער, און לעבן איר — א מאַפּע פון נגב. אויף דער פערטער וואַנט הענגט א רעליף־מאַפּע פון מיטלען־מזרח.

אויפן ארבעטס־טיש שטייט א קאַלענדאר, וואָס ווייזט, הן די יידישע

און הן די קריסטלעכע דאָטעס; א מאַשינקע צו לעכערן פאפיר; א מאַר־מאָרענער שרייב־געצייג אויף וועלכן ס׳ליגן צוויי פול־פעדערן (בן־גוריון האָט נישט ליב די בירא־בלייפעדער); א תנ״ך; א קאָנקאָרדאַנציע, וואָס דערמעגלעכט אים שנעל אויפצוזוכן יעדן תנ״ך־פסוק, וואָס ער דאַרף האָבן, און פיר טעלעפאָנען — דריי שוואַרצע און איינער א ווייסער. דער ווייסער טעלעפאָן נוצט אים צו פארבונדן זיך מיט זיין סעקרעטאַר און צו דרינגנדיקע געשפרעכן.

אונטערן גלאָז פון שרייבטיש ליגן פארשריבענע צוויי־דריי תנ״ך־פסו־קים. פון צייט־צו־צייט ציטירט בן־גוריון א נייעם פסוק. ארום טיש שטייען זעקס לעדערנע שטילן, א מזרח־דיוואָן פארדעקט א טייל פון דיל. אין ווינקל פון צימער, שטייט אַ סקולפטור פון א יידישן קינסטלער, צוויי שטילן, א קליין טישל און א סאָפקע.

ווען נישט די מאפעס און די פיר ביכער־שענק לעבן שרייבטיש, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז מ׳געפינט זיך אין אן אמט פון שעף פון דערציונגס־וועזן ערגעצוווּ, אין א שטאָט אין אטלאַנטאַ אָדער דזשאָרדזשיא, אָדער גאָר ביי א פרעזידענט פון א באנק אין קאָנקאָרד, ניו־העמפשייר.

די מאפעס אָבער פירן דיך צוריק קיין ישראל, און די ביכער זענען מכריז ומודיע, אז מ׳געפינט זיך אין קאַבינעט פון ישראלס פרעמיער מיניסטער. אויף איין פאָליצע שטייען זיינע שריפטן, אויף די אנדערע וועסטו געפינען ווערק אין א האלב טוץ לשונות. דער רוב — פילאָזאָפישע.

בלויז אייניקע שריט טיילן בן־גוריונס קאַבינעט פון זאַל פאר רעגי־רונגס זיצונגען. אין זאַל שטייען, ארום א ריזיקן טיש, זעכצן ברוין־לעדערנע שטולן. אויף די ווענט העגנען מאַפעס, א הערצל־בילד און די זעלבסטשטענ־דיקייטס־מגילה פון מדינת ישראל.

נאָכדעם ווי ירושלים איז פראָקלאַמירט געוואָרן אלס די הויפט־שטאָט איז דער שאָסיי ירושלים — תל־אביב, געוואָרן די רוישיקסטע ארטעריע אויפן גאנצן מיטלען מזרח. דער רוב פון די רעגירונגס־באַאַמטע האָט גע־ארבעט אין ירושלים און דאָך ווייטער אויפגעהאַלטן זייערע דירות אין תל־אביב, וווהין זיי פלעגן צופאָרן איינמאָל־צוויימאָל אין דער וואָך. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע נסיעה. פאראנען א שאָסיי־אָפשניט, וואָס געפינט זיך וויניקער ווי אָנדערהאַלבן קילאָמעטער פון דער ירדנישער גרענעץ. אלס אנדענקען פאר דעם פרייז וואָס מ׳האָט געמוזט באצאָלן פארן „קאָרידאָר" קיין ירושלים, האָט דאָס מיליטער איבערגעלאָזן אויף די זייטן פון שאָסיי, עטלעכע אויטאָ־סקעלעטן, וואָס די אראבער האָבן זיי צעשאָסן,

אדורכפאָרנדיק דעם דאָזיקן געפערלעכן שאָסיי. די אויטאָ־סקעלעטן פאַרבט מען פון צייט־צו־צייט מיט קעגן־זשאַווער פארב. דאָס זענען אייגנארטיקע קרינגס־אָנדענקנס. ווען דו דערנענטערסט זיך צו ירושלים, שלענגלט זיך דער שאָסיי ארום און ארום, ארויפדראפנדיק זיך אויף די בערג פון יהודה.

לכתחילה האָט בן־גוריון מיט דער פרוי געוווינט אין א האָטעל. שפּעטער האָט די רעגירונג אים געקויפט א וווינונגס־הויז, אויף בן־מימון גאַס 44, קעגנאיבער דעם הויז פון דער משפחה ידין. דער אייגנטימער פון דעם הויז איז אומגעקומען ביי דעם אויפרייס פון מלך־דוד האָטעל. פּאַלאָ, ביי אירע 58 יאָר, איז געצווונגען געווען צו פירן דיווירטשאַפט פון צוויי הייזער, נישט וועלנדיק בשום אופן אנגאזשירן א געהילף אויף א גאנצן טאָג, נישט אין תל־אביב און נישט אין ירושלים.

בן־גוריון טיילט איין זיין צייט צווישן ירושלים און תל־אביב. פון דאָנערשטיק ביז שבת־צו־נאַכט געפינט ער זיך, ווי תמיד, אין זיין הויז אין תל־אביב, אויף קרן קימת גאַס און ער ארבעט אין זיין אלטן אמט אין דער קריה. מוצאי־שבת פאָרט ער קיין ירושלים, מיט פּאַלען און זיין סעקרעטאַר. די זיצונג פון דער רעגירונג קומט פאָר זונטיק 10 א זייגער אין דערפרי. זי דויערט געוויינלעך א גאנצן טאָג. מאָנטיק, דינסטיק און מיטוואָך ארבעט ער אין זיין אמט, אין דער שטיינערנער געביידע אויף בן־גבירול גאַס. מיטוואָך ביינאַכט פאָרן זיי צוריק קיין תל־אביב.

דאָס הויז אויף בן־מימון גאַס אין ירושלים, איז א צוויי־שטאָקיגער בנין, מיט א גרויסן גאָרטן, אָבער זיינע ספרים האַלט בן־גוריון אין תל־אביב. און דאָס תל־אביבער הויז איז „די היים". די וויכטיקסטע דעקאָראַציע אין דער תל־אביבער היים איז א בילד וואָס שטעלט פאָר אן איילבירטן־גאָרטן, געמאָלן דורך דעם געוועזענעם ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין בוקאַרעשט.

אויסדריקלעכע באפעלן פון סטייט־דעפּאַרטאַמענט אין אמעריקע, האָבן פאַרבאָטן דעם אמבאסאַדאָר מאַקדאָנאַלד צו פאָרן קיין ירושלים. אויב ער האָט געוואָלט רעדן מיט בן־גוריונען, האָט ער אים געדאַרפט זען אין די דריי טעג, וואָס ער האָט זיך געפונען אין תל־אביב.

אָבער אין איינעם פון די פלאַמענדיקע תמוז־טעג, האָט מאַקדאָנאַלד און זיין פרוי באַשלאָסן צו אנטלויפן פון די היצן און זיך אויסבאַהאַלטן אין די בערג פון יהודה. סוף־כל־סוף, זענען זיי פאַרפאָרן אין בן־גוריונס ניי הויז. דער אמבאַסאַדאָר האָט באַרויקט זיין פרוי, אז ער איז מיט דעם באַזוך נישט עובר אויף דעם פאַרבאָט פון סטייט־דעפּאַרטאַמענט. אין די ציישונגען האָט מען דערציילט, אז בן־גוריון געפינט זיך אין אילת מיט א

מיליטערישער קאָמיסיע, הייסט עס, אז זייער באזוך איז א ריינע פּריוואט־זאך, א וויזיט, בשעת וועלכן מען וועט קאָנען באקוקן דאָס נייע הויז.

בעת זיי האָבן געטרונקן טיי, איז פּלוצים אראָפּגעקומען פון די שטיגן א מענטש אין אן אָפענער בלוזע און אין שטעק־שיך. „דו ביזט דאָך אין אילת!", האָט מאַקדאָנאַלד אויסגערופן אן איבעראשטער. „ניין, איך פּאָר ערשט מאָרגן", האָט דער פּרעמיער־מיניסטער געענטפערט מיט א שמייכל.

ערשט מיט א פּאָר טעג צוריק איז אויסגעבראָכן די מלחמה אין קאָרעא. דיביידע מענטשן האָבן געוואָלט ארומרעדן די לעצטע נייעסן, האָבן זיי באגלייט די דאַמען אין גארטן אריין, און אליין האָב זיי זיך ארייגעלאָזן אין אן ערנסטן שמועס וואָס האָט געדויערט א שעה צייט.

ווי נאָר דער אמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר איז צוריקגעקומען קיין תּל־אביב האָט ער גלייך אוועקגעשיקט קיין וואשינגטאָן א טעלעגראַמע מיט דעם תּמצית פון זייער געשפּרעך. אייניקע טעג שפּעטער האָט דאָס יידישע אויסערן־מיניסטעריום געוואָר געוואָרן וועגן דעם פאָרגעקומענעם געשפּרעך פון א באריכט, וואָס עס האָט צוגעשיקט... דער ישראל אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן. פון דעמאָלט אָן, ווען מאַקדאָנאַלד און דער פּרעמיער־מיניסטער פלעגן זיך באגעגענען, פלעגט מען זיך שטענדיק וויצלען אויפן חשבון פון מאַקדאָנאלדן, אז ער איז געקומען נאָר אויף א פּריוואט געשפּרעך און בן־גוריון פלעגט צוגעבן מיט א שמייכל:

„דיין אייגענע רעגירונג זאָגט דאָך, אז דו טאָרסט נישט קומען קיין ירושלים אין אמטלעכע ענינים".

אין יאָר 1950 איז בן־גוריון ווידער אמאָל געווען געצווונגען אָנצונעמען אן ערנסטע דעציזיע. אין פארלויף פון די ערשטע צוויי מדינה־יאָרן זענען אריינגעקומען אין לאנד אריין בערך 400.000 עולים. יעדער נייער עולה — זיין טראַנספּאָרט, דאָס איינאָרדענען אים אין א דירה און אויסלערנען אים א פאך — מוז אָפּקאָסטן אומגעפער צוויי־און־א־האלב טויזנט דאָלאר.

מדינת ישראל האָט שוין געהאַט אויסגעגעבן מיליאָנען דאָלאָרן פון די הלוואה־געלטער וואָס זי האָט באקומען פון דער עקספּאָרט־אימפּאָרט באנק, און נאָך מיליאָנען פון דעם פאראייניקטן יידישן אפּיל.

טויזנטער עולים האָבן נאָך געוווינט אין באראקן, וואָס זענען ווינטער־צייט אוועקגעשווענקט געוואָרן. די עולים האָבן געצאָרנט און געהאַט ביטערע טענות. א טייל פון זיי האָט געבעטן דערלויבענישן צו פארלאָזן דאָס לאנד. אין דער מדינה־ווירטשאַפט האָבן זיך באוויזן שפּאַלטן און לעכער. די באַפעלקערונג האָט וועגן דעם נישט געוווּסט. עס איז געווען א צייט, וואָס אין

לאַנד האָט זיך געפינען מעל בלויז אויף דריי טעג, און א מיליאָן מיילער האָבן געדאַרפט עסן. ווען איין שיף וואָלט חלילה געליטן א קאַטאַסטראָפע, וואָלט דאָס זיך פאַרוואַנדלט אין א נאַציאָנאַל אומגליק.

אויף בן־גוריון האָט זיך א גאַס געטוען א רעגן פון קריטיק. ספּעציעל פון זיינע פינאַנסיעלע ראַטגעבער. זיי האָבן געטענהט, אז מען מוז פאַרלאַנג־זאַמערן דאָס עליה־טעמפּאָ. די לאַגערן פון די אויסגעוואָרצלטע אין אייראָפּע זענען שוין געווען אויסגעליידיקט, און נייע עולים האָבן אָנגעהויבן פליסן פון צפון אפריקע. אָבער, אין צפון אפריקע איז נישט געווען קיין קריזיס, און אויב די יידן פון מאַראָקאָ, טוניס און אלזשיר וועלן וווינען נאָך אייניקע חדשים, אָדער אפילו אייניקע יאָר, אין די ביידלעך און אין די היילן, וועט דאָס מיט גאָר נישט ענדערן די לאַגע. הונדערטער יאָרן זיצן זיי שוין אין יענע לענדער ווי דריט־ראַנגיקע בירגער. איז דאָס ריכטיק צו שטעלן אין סכנה די סטאַביליקייט און די צוקונפט פון דער יונגער מדינה צוליבן שגעון פון דער אומבאַגרענעצטער עליה?

בן־גוריון האָט זיך צוגעהערט צו די אלע טענות, און צום סוף האָט ער דעצעדירט אויף זיין אופן. אויב די דעציזיע וועט פאַרערגערן די לאַגע אין לאַנד, וועט עס די היסטאָריע אים קיינמאָל נישט מוחל זיין. אָבער, אָנשטאָט צו פאַרמאַכן די טירן פון לאַנד, און אפילו טיילווייז צו פאַרקלע־נערן די עליה, האָט ער אָנגעהויבן רעדן וועגן דער נויטווענדיקייט צו־צוקומען צו א צוויי־מיליאָניקער באַפעלקערונג, אין פאַרלויף פון די נאָענ־טסטע דריי־פיר יאָר.

ער האָט געוווסט, אז די עקזיסטענץ־שאַנסן פון א צוויי־מיליאָניקער מדינה זענען טאָפּלט אזוי גרויס ווי די שאַנסן פון אן איין־מיליאָניקער מדינה; ער האָט געוווסט, אז מען מוז ווי צום שנעלסטן אויסשפּרייטן נייע ישובים איבערן גאַנצן נגב, אז נישט וועט ישראל זיין פאַרלוירן. ער האָט געוווסט, אז מען מוז באַפעלקערן די סביבה פון ירושלים. און אויסער דעם, איז ער געווען אדורכגעדרינגען מיט דעם מיסטישן געפיל, אז קיבוץ־גלויות איז וויכטיקער אפילו פון דער מדינה גופא. און וואָס וועט זיין דער אומגליק, אויב זיי וועלן אלע מוזן א ביסעלע אונטערהונגערן? קיין ירושלים זענען איינגעלאַדן געוואָרן יידישע מנהיגים פון אמעריקע און בן־גוריון האָט צו זיי גערעדט קלאָרע דיבורים:

„אין די נאָענטסטע דריי יאָר וועלן מיר מוזן האָבן אָנדערהאַלבן מיליארד דאָלאַר, כדי צו טוען די ארבעט וואָס מוז געטוען ווערן. מדינת ישראל איז גרייט צו געבן א האלבן מיליארד".

די מנהיגים זענען צוריקגעפאָרן קיין אמעריקע און נאָך איניקע וואָכן האָבן זיי אָפּגעהאַלטן א קאָנפערענץ אין וואשינגטאָן. זיי האָבן אָנגענומען אן איינשטימיקן באשלוס: מאָביליזירן דעם נויטיקן מיליאַרד דאָלאַר.

אין איינעם פון די הייסע טעג אין 1950, האָט בן־גוריון צוזאַמענגערופן זיין גענעראַל־שטאַב און די קאָמאַנדירן קיין תל־השומר — א מיליטערישער צענטער אין שכנות פון תל־אביב, — און האָט געהאַלטן פאר זיי א רעפעראַט אויף דער טעמע „שליחות און גורל”.

עס איז צווייפלדיק, צי האָט ווען־עס־איז א הויפּט־קאָמאַנדיר פון וועלכן ס'איז פאָלק און אַרמיי, אין וועלכער ס'איז צייט, געהאַלטן אזא סאָרט רעדע פאר א גרופּע מיליטער־לייט. ער האָט גערעדט דריי שעה אָן הפסקה. אין די ערשטע צוויי שעה איז כמעט נישט דערמאָנט געוואָרן דאָס וואָרט מיליטער. מחמת נישט מיליטער איז געווען די הויפּט־טעמע, וועגן וועלכער בן־גוריון האָט געוואָלט רעדן. ער האָט אָנגעהויבן ווי א מגיד, ציטירנדיק א פּסוק פון חומש דברים:

„לא מרובכם מכל העמים חשק ה' בכם ויבחר בכם, כי אתם המעטים מכל העמים”. ער האָט זיי דערציילט וועגן דעם משונהדיקן צוזאַמענשטעל פון כוהות, וואָס האָבן זיך פאראייניקט קעגן ישראל, אין דער פראַגע פון ירושלים: אראבער, די לענדער פון לאַטיין־אמעריקע, פראַנקרייך (וועלכע איז ביז דעמאָלט געווען אַ פריינט) דער בלאָק פון די קאָמוניסטישע מדינות און אלע לענדער מיט א קאַטוילישער מערהייט.

נאָך עטלעכע אריינפיר־זאצן איז ער אוועק צו דער בבל־תקופה און האָט די אָפיצירן געגעבן א לעקציע געשיכטע פון אַלטערטום. ער האָט זיי דערציילט, אז די בבלים זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן זיך פארנומען מיט אַסטראָנאָמיע, מעדיצין און אינזשינעריע, און אז זיי האָבן אויך אנטוויקלט די רעכטס־ווויסנשאפטן. שפּעטער האָט ער זיי אריבערגעפירט קיין מצרים און זיי דערציילט, אז די אור־אור־עלטערן פון דעם שונא, וואָס זיי האָבן מיט אים ערשט נישט לאַנג געקעמפט (און מעגלעך אז זיי וועלן בקרוב דארפן ווידער אמאָל מיט אים קעמפן), האָבן געלייגט די יסודות פאַר פיל צווייגן פון דער וויסנשאַפט — מאַטעמאַטיק, אינזשינעריע, כעמיע, און זיי זענען אויך געווען — „אויסגעצייכנטע ארכיטעקטן”. וואָלט וועך פון די קאָמאַנדירן איינגעדרימלט אויף א ווילע, וואָלט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווען זיין הויפּט־קאָמאַנדיר האָט שוין געהאַלטן ביי דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און ביי דער רוסישער איבערקערעניש. בר־כוכבא און די באָלשעוויקעס זענען דערמאָנט געוואָרן כמעט אין איין אָטעם.

שפעטער איז געקומען א קורצע מעשה וועגן זיין באַזוך אין מאָסקווע, אין יאָר 1923, אלס פארשטייער פון דער הסתדרות אויף דער לאנדווירט־שאַפטלעכער וועלט־אויסשטעלונג, און ווי אזוי א גרופּע יידישע קאָמוניסטן (וואָס „זייער שנאת־ציון און פיינטשאפט צו לשון־קודש האָט איבערגעשטיגן זייער איבערגעבנקייט צום קאָמוניזם") האָט געוואָלט איבערצייגן די סאָוו־יעט־רעגירונג, אז מ׳זאָל אים נישט געבן קיין דערלויבעניש צו באזוכן רוס־לאַנד. פון חומש בראשית האָט ער א שפרונג געטוען צום יאָר 1950. פון איינשטיינען צו יונה הנביא. פון מוכאַמעדן צו פלאַטאָנען, לענינען, כמיעל־ניצקין, היטלערן. טייל פון זיינע אפיצירן האָבן געמוזט האָבן דעם איינ־דרוק, אז זיי זיצן אין קאבינעט פון א גרויסן געלערטן, און הערן זיך צו ווי ער דענקט אויפן קול. דאָס אַבסטראַקטע מיט דעם קאָנקרעטן האָבן זיך דאָ צונויפגעמישט:

„פונקט אזוי ווי מיר וועלן עסן אַרגענטיניש פלייש און רוסישע ווייצן, ווי מיר וועלן אַקערן מיט אמעריקאַנישע טראַקטאָרן, שמעלצן בעלגישן שטאָל, נוצן מעקסיקאַנישן בענזין, אָנטוען זיך אין ענגלישע שטאָפן, און אויסמעבעלירן אונדזערע הייזער מיט מעבל פון קאַנאַדישן האָלץ — אזוי וועלן מיר לייענען די ליטעראטורן פון אלע פעלקער און וועלן לערנען חכמה דאָרט, וווּ מיר וועלן זי נאָר געפינען".

ער האָט געוואָלט אינספּירירן די דאָזיקע יונגע אָפיצירן, וועלכע ער האָט אזוי ליב געהאַט. ער האָט געוואָלט אריינבלאָזן אין יעדן איינעם פון זיי דעם ברען פון דער געשיכטע, אזוי ווי ער האָט אים געפילט אין זיך. ער האָט געוואָלט, אז אויך זיי זאָלן זען די וויזיע. אלע אָפיצירן זענען געזעסן ווי פארכשופט.

„אין א קליין פאָלק ווי אונדזערס זענען תמיד פאראנען קרייזן וואָס ווערן פארבלענדט פון אויסערלעכן גלאַנץ פון די מעכטיקע לענדער, וועגנס מיליטערישע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מעגלעכקייטן זענען אומ־געהויערע, דעריבער איז זייער איינפלוס אין דער וועלט א ריזיקער. מען ווערט פארכאַפּט נישט נאָר צוליב די מעגלעכקייטן פארן יחיד, טראָצדעם וואָס מ׳טאָר דעם דאָזיקן פּראָזאַישן פאקטאָר נישט גרינגשעצן, נאָר עס רייצן די ריזיקע פּערספּעקטיוון, די ברייטקייטן, די קראפט, די רייכקייטן פון די מעכטיקע פון דער וועלט.

„דער דאָזיקער כאראַקטער־שטריך פון שוואַכקייט, דאָס בויגן זיך פארן פּריץ, דאָס מבטל מאַכן זיך אליין... האָט מען אין דער מאָדערנער געשיכטע גערופן „מה־יפית". און „מה־יפית יידן" געפינען זיך ביי יענע

אלע שיכטן פון יידישן פאָלק וואָס האָבן נישט קיין געפיל פון זעלבסט־ווירדע אָדער קיין גענוגנדיקע מאָס פון גלויבן אין אייגענעם פאָלק. אין די רעכטע קרייזן פון פאָלק הייסן זיי דער „ראָט פאר יודאיזם", און אין זייער שפיץ שטייען די געלט־מאַגנאַטן פון אמעריקע; אין די לינקע, אָדער אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן הייסן זיי די יעווסעקציע, אין זייער שפיץ שטייען שרייבערס, וואָס „די שטים פון זייערע הערן" הערט זיך פון זיי.

ער האָט זיך איצט פאַרטיפט אין דער וויטאַליטעט פון יידן אין אלע דורות, זייערביישטייער צו דער וויסנשאַפט, זייער וואָג אין דער פילאָזאָפיע, זייער אָנטייל אין אינטעלעקטועלע, רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.

„אין דאָזיקן פאָלק ליגט פאַרבאָהאַלטן א װוּנדערבארער וויטאַמין וועלכער שטייט אויף דער וואַך פון זיין עקזיסטענץ און זעלבסטשטענדיקייט און גיט אים כוח, זיך קעגנצושטעלן אַן פחד, אלע פרעמדע איינפלוסן וואָס ווילן צושטערן זיין נאַציאָנאַלע און מאָראַלישע אייגנאַרטיקייט".

און דערנאָך קומט זיין טראַציקער געדאַנק:

„דאָס באפרייען זיך פון פיזישן גלות אין אונדזערע צייטן איז לייכט — עס גענוגנט דאָס עולה זיין קיין ישראל. דאָס קאָן מען נישט דערגרייכן דורך אויסערלעכער ענדערונג, דורך עמיגרירן פון איין לאַנד אין א צווייטן. דאָס קאָן קומען נאר פון דער אינערלעכקייט, דורך א גייסטיקער, אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער אָנשטרענגונג, צו וועלכער נישט יעדער איינער איז פעיק".

פארנאכט האָט בן־גוריון אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען זיין אויפפאסונג וועגן אָט דער נייער ישראל־אַרמיי, וועלכע דארף זיין אנדערש פון אלע אַרמייען אין דער וועלט.

„די ראַם פון דער צבא הגנה לישראל טאָר נישט זיין בלויז א מיליטערישע, זי מוז אויך זיין א דערציִונגס־אנשטאַלט, די ראָם פאר התישבות און אויפבוי פון לאַנד, אַן אינסטרומענט פון איינוואָרצלען די נייע עולים אין דער מדינה".

„דער מענטשן־געמיש וואָס פליסט צו אונדז אין לאַנד אריין פון פאַרשידענע גלותן, וועט אין דעם שמעלץ־טאָפּ פון ברודערלעכקייט און מיליטערישער דיסציפּלין, געלייטערט און גערייניקט ווערן פון זיין פסולת און פון פרעמדע ביליקע שפּליטערן. דאָ וועלן אָפּגעמעקט ווערן אלע מחיצות פון אונטערשידן פון פאָלקס־עדות און עס וועט אויסגעשמידט ווערן אַן אמתדיקע באַנייטע פאָלקס־אחדות... באַהאַפטן מיט דער וויזיע פון אחרית־הימים, זי קלאַפּט אין אונדזערע טירן, זי מוז פאַרווירקלעכט ווערן".

בן־גוריון האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלט אין אַ פירער פון מענטשן און פאָלק. צו אייניקע פון זיינע באַזוכער האָט זיך ד״ר ווייצמאַן אויסגעדריקט, אַז לויט זיין מיינונג, פירט בן־גוריון דאָס פאָלק „אויף אַ פּרעכטיקן אופן״.

די העברעיִשע אוניווערזיטעט האָט אים באַשאָנקען מיט אַ פּרעמיע פון טויזנט פינף הונדערט דאָלאַר אַלס „דעם מענטש וואָס האָט זיך אין די לעצטע צוויי יאָר אויסגעצייכנט פאַר ישראל מיט זיינע גרויסע לייס־טונגען און מעשׂים״. בן־גוריון האָט זשירירט דעם טשעק און אים צוריק־געשיקט דער אוניווערזיטעט מיט אַ בקשה, אַז דאָס געלט זאָל צוגעטיילט ווערן אַלס אַ פּרעמיע פאַר אַ סטודענט, וואָס וועט אָנשרייבן די בעסטע אַרבעט אויף דער טעמע: פּלאַטאָנס איינפלוס אויף דער העברעיִשער ליטע־ראַטור און אויף דעם יידישן דענקען.

פון חודש צו חודש איז זיין חשיבות און גרויסקייט געוואַקסן. אָבער די זשורנאַליסטן האָט ער נאָך אַלץ גורם געווען צרות. נישט איינמאָל האָט ער געהאַלטן אַ רעדע אָן וועלכער ס׳איז פאַרברייטונג, און אפילו ווען ער האָט יאָ פאַרגעברייט די רעדע, זענען אירע קאַפּיטלען פאַרטיילט גע־געוואָרן נאָכדעם ווי ער האָט שוין פאַרענדיקט דאָס רעפערירן די רעדע. און ווען מען האָט אים דערציילט, אַז אין אַמעריקע זענען זיך געזעל־שאַפטס־מענער נוהג איבערצוגעבן דער פּרעסע די קאָפּיעס פון זייערע רעדעס איידער זיי הויבן אָן צו רעדן, און טיילמאָל אפילו גאַנצע צוועלף שעה פאַר דעם רעפערירן, האָט ער געזאָגט: „איך הויב נישט אָן צו פאַר־שטיין צוליב וואָס?״. זייט יאָרן געפינט ער זיך אין אַ פּאַרמאַנענטער מלחמה מיט געוויסע ישראל צייטונגען, וועלכע ער וואַרפט פאָר, אַז זיי זענען סענסאַציאָנעל און נישט דערציעריש.

טראָצדעם וואָס ער אַליין שרייבט שוין אַ יובל יאָרן פאַר צייטונגען האָט ער דאָך נישט קיין שום פאַרשטענדניש פאַר דער טעכניק פון דער פּרעסע. איינמאָל האָט ער שאַרף קריטיקירט אַ זשורנאַליסט פאַר עפּעס אַ קליינע אומפּינקטלעכקייט אין זיין באַריכט. „ס׳טוט מיר לייד, אָבער איך האָב מיך געאײַלט״. „פאַרוואָס האָסטו נישט געוואַרט נאָך צען מינוט און וואָלסט איבערגעגעבן די זאַך פּינקטלעך?״. די רעדאַקציע האָט מיר באַשטימט אַ שלוס־טערמין צוצושטעלן דעם באַריכט. „וואָס הייסט דאָס אַזוינס שלוס־טערמין? וואָס וואָלט געשען אויב דער אַרטיקל וואָלט דער־שינען אויפן צווייטן טאָג?״. די אַמעריקאַנישע פּרעסע וואַרפט אויף אים אָן אַ שרעק. ווען מ׳האָט אים איבערגעגעבן, אַז זשורנאַליסטן פון אַן אַמע־

ריקאַנישן וואָכנבלאַט האָבן טעלעגראַפירט וועגן אים און די מדינת ישראל, גאַנצע צוועלף טויזנט ווערטער, מיטן פּרייז פון צוועלף סענט א וואָרט, האָט ער זיינע אייגענע אויערן נישט געגלויבט. און דערהערנדיק, אז פון די צוועלף טויזנט ווערטער האָט זיך די רעדאַקציע באַנוצט בלויז נאָר מיט צוויי זאַצן, האָט ער געפרעגט: „האָט מען דעם זשורנאַליסט נישט אָפּגעזאָגט דערפאַר פון זיין פּאָסטן?".

אין די לעצטע יאָרן האָט ער אביסל וויכער געמאַכט זיין באַציונג צו די אויסלענדישע זשורנאַליסטן. ער האָט זיי אויפגענומען אויף הונדערטער אינטערוויוען — פאַר פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, און עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אז ער האָט זיך באַפרייט פון דעם ווידערגעפיל לגבי פּערזענלעכער „פּובליסיטי". אָבער צו די העברעישע זשורנאַליסטן באַציט ער זיך נאָך אַלץ פיינטלעך. און נאָר זעלטן גיט ער זיי אן אינטערוויו, כדי צו קאָנען ברענגען פאַר זייערע לייענערס בן־גוריונס אנשויאונגען זענען זיך טיילמאָל ישראל־צייטונגען נוהג אָפּצוקויפן די „קאָפּירייט"־רעכט פון די געשפּרעכן מיטן פּרעמיער מיניסטער, ביי אמעריקאַנישע אָדער ענגלישע זשורנאַליסטן...

א ירושלימער זשורנאַליסט, וואָס האָט ביי אים געבעטן אן אינטערוויו, האָט ער שריפטלעך געענטפערט, אז ער גיט נישט קיין אינטערוויוען, מחמת ער אליין איז א זשורנאַליסט, און דאָס וואָס ער וויל זאָגן דער געזעלשאַפט, זאָגט ער דירעקט אין זיינע אַרטיקלען.

איינמאָל איז א ישראל־צייטונג אַרויסגעטרעטן קעגן א מיניסטער, באַשולדיקנדיק אים, אז ער האָט פאַרקויפט זיין דירה דער רעגירונג מיט פאַרדינסט. בן־גוריון האָט דעם פאַקט אָנגערופן „שיינהייטס פעלער" און ער האָט אַטאַקירט די צייטונג פאַר „באַשמוצן געזעלשאַפטלעכע טוער". זיין געוועגלעכע תשובה, ווען ישראל־זשורנאַליסטן שטעלן אים פּראַגעס, איז: „איך שרייב אַליין פאַר דער פּרעסע, אָבער נישט צוליב פינאַנסיעלע סיבות, נאָר צו פאַרזיכערן זיך, אז מ'וועט מיר נישט פאַרדרייען די רייד".

אָבער די אמתע סיבה איז — וואָס ער איז אין זיין וועזן א שרייבער. ער טוט אָן צרות זיין אייגענער פּרעסע־אָפּטיילונג. מיט אייניקע יאָר צוריק האָט ער פאַרגעברייט א צוואַנציק־מינוטיקע רעדע, וועלכע ער האָט געדאַרפט האַלטן ביים שלוס פון דער מכביאַדע. די פּרעסע־אָפּטיילונג האָט די רעדע איבערגעזעצט אויף ענגליש און זי פאַרטיילט צווישן די קאָרעספּאָנדענטן. די ספּאָרט־שפּילן האָבן זיך אָבער פאַרצויגן לענגער ווי מ'האָט פאַרגעזען. ווען דער פּרעמיער מיניסטער האָט געדאַרפט באַגריסן די

מכביאדע איז שוין געווען היפש פינצטערלעך, האָט ער מבטל געמאַכט די גאַנצע פאָרגעברייטע רעדע און האָט געזאָגט צו די אָנטיילנעמער פון פעסטיוואל:

„איך באגריס אייך און האָף, אז איר וועט בלייבן שטארק און וועט שיקן אייערע קינדער קיין ישראל".

די זעלבע זאך האָט פאסירט מיט א פאָרגעברייטע רעדע צום אָנקומען פון דער ערשטער ישראל־באַן קיין באר־שבע. קורץ פאַרן אָנהויבן זיין רעדע האָט זיך אראָפּגעלאָזן א שלאָקס־רעגן. ער האָט זיך באַגנוגנט מיט אויסדריקן זיין האָפענונג, אז עס וועט קומען א טאָג, ווען די דאָזיקע באַן וועט דערגיין ביז אילת. דערמיט האָט ער פארענדיקט די רעדע. און זיך גלייך אוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ. אויף דער אַטאָמישער קאָנפערענץ האָט פאסירט פונקט דאָס פארקערטע. ער האָט די מענטשן פון זיין פרעסע־אָפּטיילונג געזאָגט, אז ער וועט ארויסטרעטן נאָר מיט עטלעכע באגריסונגס־ווערטער, אָבער ווען ער האָט נאָר אָנגעהויבן רעדן, האָט אים די טעמע אזוי פאסצינירט, אז ער האָט געהאַלטן איינע פון זיינע וויכטיקסטע רעדעס אין יענעם יאָר.

אין פארלויף פון 1950 האָט בן־גוריון געפונען צייט צו דיסקוטירן מיט עטלעכע מענטשן וועגן זיין פּראָיעקט איבערצוזעצן אויף העברעיש אַלע קלאַסישע ווערק פון די וועלט ליטעראטורן. נישט בלויז שעקספּירן און פלאַטאָנען; נישט בלויז די אָנגענומענע קלאַסישע ווערק פון ענגליש און פראנצויזיש, דייטש און רוסיש, נאָר יעדעס וויכטיקע בוך פון די מזרח און מערב לשונות. אין יענע צייטן איז נישט געווען קיין געלט פאר אזא „לוקסוס", אָבער דאָס איז געווען איינע פון זיינע „קליינע חלומות" וואָס זענען זיך אין זיין גייסטיקע פאנטאזיע יאָר־יערלעך פאנאנדערגעוואַקסן.

דערווייל איז ישראל געוואָרן מער און מער פאראינטערעסירט אין ביכער. מעגלעך אז ער האָט געדינט אלס ביישפּיל, און די דאָזיקע פארשטאַרקטע פאראינטערעסירונג, דארף מען טיילוויז שטעלן אויף בן־גוריונס חשבון. אויף איינער פון די תל־אביבער גאסן האָט עמיצער אָנגעציילט 112 ביכער־געשעפטן, א סך מער ווי די צאָל קאפע־הייזער אויף דער דערמאָנטער גאַס.

אומגעפער אין יענער צייט האָט מען געהאַלטן ביים שאפן א נייעם אינסטיטוט פאר קונסט און וויסנשאפט אין תל־אביב. מען האָט זיך געמוחט וואָס פאר א נאָמען צו געבן דעם אינסטיטוט. ס'איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן: „די אקאדעמיע פאר קונסטן און וויסנשאַפטן", האָט בן־גוריון

געזאָגט: „איך לייד נישט דאָס וואָרט „אַקאַדעמיע". פאַר וואָס טאָקע נישט?" רופט זיך אָפּ זיינער א מיטארבעטער. „די גאַנצע וועלט באַנוצט זיך מיטן וואָרט „אַקאַדעמיע". וואָס ווילסטו זאָגן מיט „די גאַנצע וועלט"? „אין גאַנץ אזיע איז נישט פאַראַנען קיין איין אקאַדעמיע".

אין אָקטאָבער איז אויסגעבראָכן א רעגירונגס־קריזיס, און בן־גוריון האָט זיך אָגעגעבן אין דעמיסיע. אָבער פּרעזידעט ווייצמאַן האָט אים באַ־וויגן צו רעאָרגאַניזירן די רעגירונג פונדאַסניי. נאָך צוויי וואָכן איז די האַרמאָניע צוריקגעשטעלט געוואָרן, און ער מיט פּאַלעָן האָבן זיך געקאָנט דערלויבן, נאָך לאַנגע יאָרן, צו פאָרן אויף זייער ערשטן אורלויב. זיי זענען געפלויגן קיין גריכנלאַנד. מיט איין קליינעם שפּרונג זענען זיי אָנגע־קומען קיין אַטען, די אלטערטימלעכע שטאָט וואָס בן־גוריון האָט אזוי גוט געקאָנט פון דער ליטעראַטור. ער האָט באַזוכט ארכעאָלאָגישע אויס־גראַבונגען, ארויפגעדראַפּעט זיך אויפן אַקראָפּאָליס, און האָט געפּרווט רעדן צו די היינטיקע גריכן אין דער שפּראַך פון זייערע אבות־אבותיהם. אָבער נישט די גריכישע שאָפערן און נישט די קעלנערס, און אפילו נישט די גריכישע פּראָפעסאָרן האָבן פארשטאַנען זיין שפּראַך. צום סוף האָט ער פאָרגעשלאָגן די גריכן זיי זאָלן זיך אָפּלערנען פון די יידן און זאָלן ווידער אויפלעבן זייער אור־אַלטע שפּראַך.

אליהו אילת, דער היינטקער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, איז איינמאָל געקומען, אין א דעצעמבער־טאָג, א זייגער 12 ביינאַכט אויפן לאָנדאָנער פלי־פּלאַץ, מקבל פּנים צו זיין א הסתדרות־דעלעגאַציע פון תל־אביב. ווען די פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן ארויסצושטייגן פון עראָ־פּלאַן, איז ער דערשטוינט געוואָרן צו זען צווישן זיי בן־גוריונס ווייסן קאָפּ. דאָס איז געשטאַנען אין קעגנזאַץ צום פּראָטאָקאָל, און לאָנדאָן איז אַ שטאָט וווּ עס ווערט גאָר הויך געשעצט דער פּראָטאָקאָל. דער פּרע־מיער מיניסטער האָט דערקלערט מיט א שמייכל, אז ער רייזט ארום „אינקאָגניטאָ". אלס א פּשוטער ישראל־בירגער, און דאָס איז אַלץ.

עס האָט אים באַגלייט אהוד אבריאל, דער געוועזענער ישראל גע־זאַנדטער אין טשעכאָסלאָוואַקיי. זיי זענען גלייך אוועק צו א פּריינט אויף גאָלדערס גרין. די לאָנדאָנער פּרעסע האָט זיך ארייַנגעלאָזן אין טרעפע־נישן: וואָס פאַר א נייער קריזיס איז אויסגעבראָכן אין ישראל, וואָס האָט אַזש געבראַכט דעם פּרעמיער־מיניסטער קיין לאָנדאָן? מיט וועמען וועט ער זיך טרעפן? ווו וועט ער זיך אויפהאַלטן? און פאַר וואָס באַהאַלט ער זיך אויס?

ביז א רעפּאָרטער פון דער וואָכן־צייטונג „ניו סטייטסמען ענד ניישן“ האָט „פּותר הלום“ געווען: לא דובים ולא יער — עס איז נישט געווען קיין שום קריזיס. און בן־גוריון האָט זיך נישט אויסבאהאלטן. דער פּרעמיער־מיניסטער איז געווען אין אָקספאָרד. ער איז געקומען פון אַטען כדי צו קאָנען פאַרברענגען פיר סטודיען־טעג אין איינעם פון די באַקאַנטעסטע ביכער־געשעפטן אין דער וועלט, בלעקוויל. ער האָט געהערט, אַז עס איז דאָרט פאַראַנען אַן אויסגעצייכנטע ביכער־זאַמלונג וועגן פּלאַטאָנען. א סך האָבן נישט געגלויבט אין דער ווערסיע פון „ניו סטייטסמען“. קיין שום פּרעמיער מיניסטער האָט זיך נאָך קיינמאָל אזוי נישט אויסגעפירט. אָבער דאָס לאָנדאָנער וואָכנבלאַט האָט פאַרענדיקט דאס אַרטיקל מיט די ווערטער:

„אין דער דאָזיקער באַרבאַרישער עפּאָכע, איז א פאַרגעניגן צו טראַכטן, אַז ווער עס וואָלט מצליח געווען אריינצודרינגען אין די הינטערשטע חדרים פון בלעקווילס ביכער־געשעפט און דאָרט נאָכשפּיאָנירט איינעם א קליין־געוויקסיקן און גרוי־האָריקן מענטש, ווי ער קריכט אויפן לייטער, וואָלט ער געזען פאַר זיך א פּרעמיער־מיניסטער, מיט תענוג אריינגעטוענעם, אין איינעם פון זיינע סודותדיקע שפּילערייען“...

קאפיטל צוואנציק

דאָס יאָר 1951, וועלכעס וועט זיין אן אומפארגעסלעך יאָר אין בן־גוריונס לעבן, האָט זיך אָנגעהויבן אויף אן אומגעוויינלעכן אופן. איינע פון זיינע ערשטע געזעלשאַפטלעכע מעשים אין דעם יאָר איז געווען — צו זיין א סנדק אויף א ברית־מילה אין נתניה, פון א קינד וועלכן מ'האָט א נאָמען געגעבן דוד יצחק. דאָס איז געווען דאָס פערצנטע קינד פון אן עיראַקער עולים־משפחה, וועלכע האָט פאר זייער אָנקומען קיין ישראל א נדר געטוען, אז זייער ניי־געבוירענער זון וועט טראָגן דעם נאָמען פון פרעמיער־מיניסטער דוד. די פאָטאָגראַפישע אויפנאַמע פון דעם ברית איז פארשפרייט געוואָרן אין אלע צייטונגען, ס'איז געוואָרן א מאָדע צו רופן די ניי־געבוירענע ייגגלעך — דוד. דאָס ביוראָ פון פרעמיער־מי־ניסטער האָט געמוזט מודיע זיין, אז בן־גוריון קאָן מער נישט אָננעמען קיין סנדקאות ביי ניי־געבוירענע ישראל־בירגער.

אין פעברואר איז אויסגעבראָכן א נייער פאָליטישער קריזיס. אויפן גרונט פון א פשרה מיט די רעליגיעזע פארטייען, זענען רעליגיעזע מייד־לעך באפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט. דרייסיק פראָצענט פון די מי־ליטער־פליכטיקע מיידלעך האָבן, אלס רעליגיעזע, געבעטן מען זאָל זיי באפרייען פון מיליטער־דינסט. דאָס האָט דערוועקט בן־גוריונס חשד און ער האָט געפאָדערט א געזעץ, וועלכעס זאָל צווינגען די באפרייטע מייד־לעך פון מיליטער־דינסט, אויסצופירן אנדערע נישט־מיליטערישע פליכטן.

אָבער דאָס פראָבלעם פון אלע פראָבלעמען איז געווען דאָס דער־ציונגס־וועזן. די רעליגיעזע פארטייען האָבן געפאָדערט, אז זיי, און נאָר זיי זאָל איבערגעגעבן ווערן די אויפזיכט איבער די דערציונג פון אלע עולים־קינדער. בן־גוריון האָט אין כנסת דערקלערט קורץ און שאַרף: ער וועט קיינמאָל נישט מסכים זיין אויף קיין איינזייטיקע, אויסשליסלעכע מאַכט איבערן חינוך. ער האָט געשטעלט צום אָפשטימען די פראַגע פון צוטרוי, און ווען ער האָט דעם צוטרוי־וואָטום נישט באקומען האָט ער זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע. וויצמאַן האָט אים געבעטן ער זאָל בלייבן אין שפיץ פון אן איבערגאַנגס־רעגירונג, ביז נאָך די נייע וואלן. ער האָט

מסכים געווען. באַלד נאָכדעם איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע אין דער באַגלייטונג פון פּאַולאַ, אַרגובן און טעדי לוריע, דעם רעדאַקטאָר פון „זשערוזאַלעם פּאָסט״, און פון נאָך עטלעכע זשורנאַליסטן.

ער האָט פריער שוין געהאַט באַזוכט אייניקע מאָל אַמעריקע, אָבער די אַלע פריערדיקע באַזוכן זענען אריבער אומבאַמערקט. דאָס מאָל איז ער געקומען ווי אַ וועלט־פיגור. ער איז געווען שטאַרק פּאָפּולער כמעט ביי אַלע אַמעריקאַנישע יידן, און ביי פיל נישט־יידן. אין זיין פּערזאָן האָט זיך פאַרקערפּערט דער קאַמף פון עטלעכע הונדערט טויזנט מענטשן קעגן פערציק מיליאָן. ער איז געווען ד ו ד, און עס איז נישט געווען קיין איין מענטש אין אַמעריקע וואָס זאָל נישט קאָנען די געשיכטע פון דוד מיט גליתן.

ער איז געקומען צופליען אין אַ בלוי־ווייסן „קאָנסטעליישן״, און ער האָט מיט דעם פלי געעפנט ישראלס אייגענע טראַנס־אַטלאַנטישע פלי־ליניע פון „אל־על״. דער עראָפּלאַן האָט צום ערשט געלאַנדט אין וואַשינגטאָן, וווּ בן־גוריון האָט געמאַכט אַ קורטואַזיע־באַזוך ביים פּרעזידענט טרומאַן, פון דאָרט איז ער געפלויגן קיין ניו־יאָרק.

דער קבלת־פּנים אין ניו־יאָרק האָט דערמאָנט אין דער אויפנאַמע וואָס אַמעריקע האָט אין זיין צייט געמאַכט לינדבערגן, נאָך זיין צוריקקומען פון פלי איבערן אָקעאַן, אָדער אין קבלת־פּנים פון גערטרוד עדערלע, ווען זי איז אריבערגעשווומען דעם קאַנאַל לאַמאַנש. ווייניק פון פרעמדע אין אַמעריקע האָבן זוכה געווען צו אַזאַ קבלת־פּנים, און קיין שום ייד איז נאָך קיינמאָל א ז ו י נישט אויפגענומען געוואָרן.

גראָווער וואַלן (דער צערעמאָניע־מייסטער פון דער שטאָט) איז דערשינען כדי איבערצוגעבן די באַגריסונגען פון דער שטאָט ניו־יאָרק. אין שפּיץ פון דער פייערלעכער עסקאָרטע האָט מאַרשירט אַ ריי פון זעקס־און־דרייסיק מאָטאָציקלען, נאָך זיי צוואַנציק טעקסיס מיט ראַטמענער פון דער שטאָט. דערנאָך אייניקע טויזנט סאָלדאַטן, אַ זעכציק־קעפּיקער אָרקעסטער, אַן איינהייט פון ישראלדיקע מאַטראָזן, טויזנטער פּאָליציסטן און פייערלעשער. דריי טויזנט פּאָליציסטן זענען פאַרבייגעגאַנגען אין פּאַראַד מאַרש.

ווען בן־גוריון איז געפאָרן אין זיין אָפענעם אויטאָמאָביל דורכן בראָדוויי, איז ער באַוואָרפן געוואָרן מיט קאָלירטע קאָנפעטי און מיט בלעטער פון די ניו־יאָרקער טעלעפאָן־ביכער. לויט דער אָפּשאַצונג פון ניו־יאָרקער פּאָליציי־קאָמענדאַנט, איז בן־גוריון אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייס־

טערונג און יובל־אויסגעשרייען דורך אנדערטהאַלבן מיליאָן מענטשן עס קאָן, לכל הפחות, געזאָגט ווערן, אז אזא צאָל מענטשן האָט געקאָנט זען זיין ווייסע טשופרינע.

„דאָס איז דאָך מער ווי די גאַנצע באַפעלקערונג פון ישראל", האָט אויסגערופן איינער פון זיינע באַגלייטער.

אין הויז פון ניו־יאָרקער שטאָטראַט, ווו עס איז זיינער־צייט פאַר־געקומען די חתונה פון בן־גוריונען מיט פאַלען, זענען געקומען פינף טוי־זנט איינגעלאַדנטע געסט, וואָס האָבן פארנומען זיך־פלעצער, און נאָך פינף־און־צוואַנציק טויזנט מענטשן זענען געשטאַנען, ווען דער בירגערמייסטער פון ניו־יאָרק, אימפעליטערי, האָט געזאָגט:

„דער מאן וועלכן מיר ערן היינטיקן אָונט האָט געפאַנגען די הערצער און די מוחות פון אלע שלום־ליבנדיקע מענטשן אין גאַר דער וועלט. ער האָט קיינמאָל זיך נישט געוואַקלט אין זיין באַשלוס, צו ברענגען דעם צוויי־טויזנט־יאָריקן חלום פון יידישן פאָלק צו זיין פארווירקלעכונג".

דערנאָך האָט דער בירגערמייסטער פראָקלאַמירט יענעם טאָג אלס דעם „בן־גוריון־טאָג". ווידער אמאָל האָט ער געדריקט די האַנט פון בן־גוריונען, וועלכער האָט נעבעך געמוזט אויפגעבן, אויפן משך פון די קו־מענדיקע צוויי וואָכן, זיין ווידערווילן צו באַגריסן זיך דורך דריקן די האַנט.

טראָצדעם וואָס בן־גוריון האָט ביז דעמאָלט קיינמאָל נישט געזוכט קיין פערזענלעכע אַפּלאָדיסמענטן, האָט ער וויזט אויס, א הנאה געהאַט פון יענעם 8 מאי 1951, ווען ער האָט אויפגעהויבן די הענט צו די מאַסן מענטשן בעת א באַזוך אין אונ"א, האָט פלוצים ביי וועמען געפלאַצט דאָס גלאָז פון זיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, און גלאָז־שפּליטערן זענען געפאַלן אויף זיין פנים. בן־גוריון האָט זיך צעשמייכלט און געזאָגט: „פארגעסט נישט, אז איך האָב שוין אַנטייל גענומען אין עטלעכע מלחמות".

בן־גוריון און ארגוב האָבן געוווינט אין האָטעל „וואַלדאָרף אַסטאָריאַ". אין דעם זעלביקן האָטעל האָט זיך גראָד אויפגעהאַלטן דער גענעראַל מאַק־ארטור, וואָס פרעזידענט טרומאַן האָט אים נאָר־וואָס געהאַט באַפרייט פון זיין אמט אלס מיליטערישער הויפט־אָנפירער אין קאָרעא. צו מאָרגנס זענען זיי געפאָרן אין דער מיליטערישער שולע אין וועסט־פוינט, און האָבן אוועקגעלייגט בלומען אויפן קבר פון קאָלאָנעל דוד מארקוס, ווו עס זענען אויסגעקריצט די ווערטער: „דער סאָלדאַט פון דער מענטשהייט". אין יענער נאַכט האָבן זיך צוועלף טויזנט מענטשן געדריקט און געפּרעסט אין

זאל פון „מעדיסאָן־סקווער־גאַרדן" און נאָך זיבן טויזנט זענען געשטאַנען אין די דערבייאיקע גאַסן, כדי צו הערן בן־גוריונס רעדע ביים עפענען דעם קאַמפּיין פאַר פאַראייניקטן יידישן אַפּיל.

צווישן די רעדנער איז אויך געווען א הויכער באַברילטער יונגער מענטש, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט ישראל פאַר דער אונ"א אויף אזא גלענצנדיקן אופן, אז בן־גוריון האָט אים באַשטימט אלס ישראל־אמבאַסאַדאָר אין וואשינגטאָן. ער איז אלט געווען בסך־הכל זעקס־און־דרייסיק יאָר, דער יינגסטער פון אלע אַמבאַסאַדאָרן אין וואַשינגטאָן, אָבער ער האָט שוין באַרעכטיקט דעם צוטרוי, מיט וועלכן דער פּרעמיער־מיניסטער האָט אים באַשאָנקען. ער איז געווען א וויסנשאַפטלער, א תלמיד־חכם, א קולטור־מענטש און א רעדנער פון גאָטס גענאָד — א מייסטער פון וואָרט.

„גרויסע מענטשן, — האָט אבא אבן געזאָגט צו די מענטשן־מאַסן — זייערע מעשים זענען זייערע דענקמעלער", און ער האָט כאַראַקטעריזירט דעם ערן־גאַסט:

„אין יאָר 1943 איז בן־גוריון געקומען מיט א דערקלערונג, אז מען מוז פּראָקלאַמירן א זעלבסטשטענדיקע יידישע מדינה אין ארץ־ישראל. אין יענער צייט זענען די גרויסמאכטן געווען אזוי גרייט צו שטיצן א יידישע מדינה פונקט, ווי זיי זענען גרייט געווען צו אָרגאַניזירן א רייזע צו דער לבנה. ווינטער 1947 האָט בן־גוריון דערקלערט, אז די ארץ ישראל יידן דאַרפן זיין גרייט צום קאַמף מיט די אַרמייען פון אלע שכנותדיקע מדינות, און זיי מנצח זיין. ווען עס וואָלט זיך געפינען א מיליטערישער ספּעציאַליסט וואָס וואָלט געזאָגט, אז ער זעט עפּעס אַן אויסזיכט אויף אַ נצחון, וואָלטן אלע אים געהאַלטן פאַר א משוגענעם. אין סעפּטעמבער 1950 האָט בן־גוריון דערקלערט, אז כדי ווייטער צו עקזיסטירן און זיך צו פאַרשטאַרקן, מוז ישראל באַקומען, אין משך פון דריי יאָר, א מיליאַרד דאָלאַר פון אַמעריקע. דאָס מאָל איז געקומען די ריי פון די געלערנטע עקאָנאָמיסטן אויפצוועמען זיינע פּלענער מיט א טאָלעראַנטן, אָבער אויך מיט א סקעפּטישן שמייכל. און די יידישע מדינה איז אנטשטאַנען, די אַרמייען פון די שונאים זענען צעשלאָגן געוואָרן און דער מיליאַרד דאָלאַר איז געוואָרן א ווירקלעכקייט".

ווען דער גאַסט איז אויפגעשטאַנען צו האַלטן זיין רעדע, האָט זיך אויך דאָס גאַנצע פּובליקום געשטעלט אויף די פיס, זיי האָבן אים באַגריסט מיט ריזיקער התלהבות. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס זיינע מקור־

רבים האָבן אים געזען אַן איבערגענומענעם. אייניקע מאָל האָט זיין שטים געציטערט.

שפּעט ביינאַכט האָט מען געמאַכט א סך־הכל פון די „באָנדס" וואָס זענען פאַרקויפט געוואָרן אין די אכט־און־פערציק שטאָטן. מ'האָט געמאָלדן: די סומע פון די פאַרפליכטונגען דערגרייכן פינף־און־דרייסיק מיליאָן דאָלאַר.

די ניו־יאָרקער זשורנאַליסטן האָבן יענע נאַכט געלויבט בן־גוריונען ביז אין הימל אריין. און אויך די לייט־אַרטיקל שרייבער האָבן אים נישט געקאַרגט קיין לויב־געזאַנגען.

אויפן פערטן טאָג איז ער ארויס „נישטערן" אין די ביכער־געשעפטן. הינטער אים איז געגאַנגען א מאַיאָר פון דער פּאָליציי און צוויי געהיים־אַגענטן. ער האָט געקויפט ביי דרייסיק ביכער, דער רוב — וועגן כינע־זישע פילאָזאָפיע.

אין געשעפט פון ברענטאַנאָ, אויף דער פינפטער עוועניו, האָט אַ פאַר־קויפערין, וואָס האָט אים באדינט מיט פיר יאָר פריער, אויסגערופן: „ברוך הבא!". ער האָט ביי איר געקויפט אַן עקזעמפּלאר: „די פילאָזאָפיע פון לעבן" פון צ'אַן־ליס־פּו. דער לייטער פון געשעפט האָט אים צוגעטראָגן אלס מתנה א יקר המציאות, א ספר וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין 1553, וואָס אנטהאלט פרקים פון תנ"ך, אין העברעיש, גריכיש און לאַטייניש.

פּאָלאַ האָט געהאַט א שאַנס צו באַזוכן איר שוועסטער און ברודער אין ברוקלין. זי האָט איינגעלאַדן, וויל מאָסלאָו, איר שוועסטערס־זון וואָס איז דעמאָלט געווען א באַאַמטער אין יידישן קאָנגרעס, ער זאָל באזוכן בן־גוריונען אין וואלדאָרף־אסטאָריא, מיט זיין פרוי און זעקס־יאָריק מיי־דעלע. יענעם אָוונט האָט מאָסלאָו געהערט ווי זיין טאָכטער דערציילט איר יונגן חבר: „מאָרגן וועט מיך דער טאַטעשי מיטנעמען אויף א באזוך צום פּרעמיער־מיניסטער פון ישראל; ער איז מיין פעטער, און ער וועט שוין זאָרגן פאר דעם, אז מיר זאָלן אויפגענומען ווערן אויך דורכן גענעראַל מאַק־אַרטור".

זונטיק איז דער פּרעמיער־מיניסטער געפאָרן אין זיין אויטאָ קיין פּרינסטאָן, אויף א באזוך ביים פּראָפעסאָר איינשטיין, דעם פּאָפּולערסטן ייד אויף דער וועלט.

עס איז געווען א שיין וועטער, און דער גאַסט־געבער האָט געקאָנט זיצן אין גאָרטן מיט זיין גאַסט. בן־גוריון וועלכער ווייזט נישט ארויס קיין שום אינטערעס פאר מלבושים־עלעגאַנץ איז געווען עלעגאַנט אָנגעטוען.

ער האָט געטראָגן א טונקלן צווייַ־רייאיקן אנצוג, א ווייס העמד, א זיידענעם קראַוואַט, און אין לאַץ א גאָלדענע שפּילקע, וואָס עס באַקומען אָפּיצירן, ביים פאַרענדיקן דעם אָפּיצירן־קורס. איינשטיין האָט געטראָגן ספּאָרט־הויזן, א קאַשמיר־סוועטער און אן אפענע ווייסע בלוזע. אין א פּאָזע פון שמייכלען און האַנט־דרוקן זענען ביידע פאָטאָגראַפירט געוואָרן דורך די פּרעסע־פאָטאָגראַפן. איינשטיין איז דעמאָלט שוין אלט געווען צוויי־און־זיבעציק יאָר, בן־גוריון איז געווען יינגער פון אים מיט זיבן יאָר. ביידע זענען זיי אין פּראָפיל געווען ענלעך איינער צום צווייטן. ביידע האָבן זיי געהאַט געדיכטע ווייסע האָר. און אויך זייער שמייכלען האָט געהאַט פיל ענלעכקייט.

אז די פאָטאָגראַפן זענען אוועק, האָבן זיי זיך ביידע אריינגעלאָזט אין א טיפן שמועס. בן־גוריון האָט קיינמאָל גאָר נישט געשריבן וועגן זיין איינציקער באַגעגעניש מיט דעם גאון פון מאַטעמאַטיק פון דער מאָ־דערנער צייט, א חוץ אין זיין טאָגבוך, וועלכן עס זעט נישט קיין שום מענטש.

ער האָט גאָר שטאַרק פאַרערט איינשטיינען. טראָצדעם וואָס ער אליין האָט נישט ארויסגעוויזן קיין שום אינטערעס פאַר מאַטעמאַטיק, האָט ער געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר דער אינטעליגענץ און חכמה פון א מענטש וואָס האָט געקאָנט דענקען אין קאַלטע, אַבסטראַקטע טערמינען.

צו איינעם פון זיינע פריינט האָט ער געזאָגט: „גיסטו דיר אָפּ א חשבון דערפון, אז איינשטיין איז א וויסנשאַפטלער וואָס האָט נישט נויטיק קיין שום לאַבאָראַטאָריעס, קיין שום אויסשטאַטונג און קיין שום כלים. פאַר־שטייסטו דאָס? ער זיצט זיך אין א ליידיק צימער מיט פּאַפּיר און בליי־שטיפט, און זיין מוח ארבעט!"

בן־גוריון איז געווען נייגעריק צו דערגיין דעם סוד פון איינשטיינס קאָנצענטרירטן דענקן, און ער האָט געוואָלט מיט אים ארומרעדן דאָס פּראָבלעם פון דעם אוניווערסאַלן אמת. יענעם אָוונט האָט ער פאַרלאָזן פּרינסטאָן מיט דער איבערצייגונג, אַז איינשטיין באַזיצט דעם גרעסטן מוח פון אלע לעבעדיקע מענטשן. פון ניו־יאָרק איז ער אוועק מאַכן א טור איבערן לאַנד. אין פילאַדעלפיע, ווו מען האָט אים געוויזן דעם פרייהייטס־גלאָק, האָט ער געזאָגט, אז דער פסוק: „וקראתם דרור בארץ לכל יושביה" וואָס איז אויסגעקריצט אויפן גלאָק, געפינט זיך אין ספר ויקרא. אין באַל־טימאָר האָט מען אים איבערגעגעבן די שליסלען פון דער שטאָט. אין וואַ־שינגטאָן זענען צו זיין קבלת־פּנים געקומען טויזנט הויכע רעגירונגס־באַאַמטע און דיפּלאָמאַטן. אויף א בילד ווו ער איז פאָטאָגראַפירט צוזאַמען

מיטן אויסערן מיניסטער דין עציסאָן, וועלכער איז צוויי מאָל אזוי הויך ווי ער, זעט דער פּרעמיער מיניסטער אויס צו זיין אין אזא געהויבענער שטימונג, אז איינער פון זיינע אמעריקאַנישע פריינט האָט צו אים אזש א זאָג געטוען: „דו שיינסט פון נחת, גלייך ווי עציסאָן וואָלט דיר געגעבן א פּרעזענט גאַנץ לאַנג־איילאַנד, א טייל פון שטאַט טעקסאַס און דעם אמע־ריקאַנישן פלאָט". דעם שווערסטן כבוד־טאָג האָט בן־גוריון געהאַט אין באָסטאָן: פיר חשובע רעדעס אין פארלויף פון א פּאָר געציילטע שעהן. און דערביי האָט ער נאָך געפינען צייט צו נישטערן אין אייניקע ביכער־געשעפטן. דערמאָנענדיק זיך אין די גרויסע אירישע באַפעלקערונג פון באָסטאָן, האָט ער געזאָגט צום בירגערמייסטער, אז די יידן און אירלענדער האָבן פיל בשותפותדיקס: ביידע האָבן זיי געליטן און ביידע האָבן זיי אויך געקעמפט פאר זייער פרייהייט.

אין זיין ענטפער האָט דער בירגערמייסטער דערמאָנט דעם נאָמען פון חיים סאַלאָמאָן, דעם יידישן סוחר וואָס האָט געראַטעוועט דאָס אמערי־קאַנישע מיליטער דורך זיין שפּענדונג פון צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר. דער פּרעמיער מיניסטער האָט אויך געדענקט פּרטים פון דער אמעריקאַנישער היסטאָריע, און אויף דער באָסטאָנער גאָרטן־מסיבה האָט ער געזאָגט: „איר האָט געהאַט אייער „באָסטאָנער טיי־אויפנאַמע" און מיר האָבן געהאַט אונד־זער ווייס־בוך; איר האָט געהאַט אייערע „מינוט־מען" מיר האָבן געהאַט אונדזער הגנה; איר האָט געקעמפט אייער אומאָפּהענגיקייטס־קריג, מיר דעסגלייכן; איר האָט געדאַרפט באַקעמפן איין מלך, מיר האָבן געהאַט צו באַקעמפן פיר מלכים; איר האָט געקעמפט קעגן איין ארמיי, מיר האָבן געמוזט קעמפן קעגן זעקס ארמייען, און מיר זענען גלייך ווי איר, ארויס די זיגער".

צו די סטודענטן פון בראַנדייס־אוניווערזיטעט האָט ער געזאָגט:

„קומט קיין ישראל און העלפט שאַפן א נייע קולטור. מיר קאָנען אייך פאָרלייגן עפּעס אזוינס וואָס איז דאָ אין דעם לאַנד, מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, פאר א פּריווילעגיע באטראַכט געוואָרן. קיין זאַך לאָזט זיך נישט פאַרגלייכן מיט דעם גרויסן גליק וואָס קומט פון שאַפן נייע ווערטן. מיר גלויבן, אז מיר זענען ביכולת צו ווייזן דער מענטשהייט, ווי אזוי מען קאָן לעבן אָן עקספּלאָאַטאַציע און אָן האַס".

אין דעטראָיט האָט ער נביאות געזאָגט, אז עס וועט קומען א טאָג, און אילת, אויפן ברעג פון רויטן ים, וועט ווערן דאָס דעטרויט פון מדינת ישראל. אין קליוולאנד זענען אים געקומען הערן צוואַנציק טויזנט מענטשן.

אין שיקאַגאָ איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט איין־און־צוואַנציק האַרמאַטן שאָסן, א כבוד וואָס ווערט געוויינלעך צוגעטיילט נאָר צו אָנפירערס פון גרויסע מדינות. אין טולזאַ האָט זיין פּריוואַטער עראָפּלאַן געמוזט לאַנדן, בדי צו באַזאָרגן בענזין. די יידישע באַפעלקערונג אין טולזאַ האָט צו יענער צייט געציילט ביז דריי הונדערט משפחות, אויפן פלי־פּלאַץ אים צו באַגריסן איז דאָן, אין א רעגן, האַלב דריי ביינאַכט, געקומען א גרויסע דעלעגאַציע.

אין לאָס־אַנדזשעלאָס האָבן די אָנפירער פון א פילם־געזעלשאַפט איינגעאָרדנט א מיטאָג פאַר זיין כבוד וועגן. אין „האָליוווד זאַל" זענען געווען צוואַנציק טויזנט מענטשן ווען עדוואַרד ראָבינזאָן האָט געלייענט ישראלס אומאָפּהענגיקייטס־דעקלעראַציע און סעמיועל גאָלדווין האָט פאָרגעשטעלט דעם גאַסט. אלע האָבן געלאַכט ווען ער האָט געזאָגט, אז דער קאַליפאָרניע קלימאַט און איר לאַנדשאַפט זענען כמעט אזוי שיין ווי די ישראלדיקע. און אז מדינת ישראל קאָן זיך נישט דערלויבן אזא לוקסוס, איבערצולאָזן איר מדבר אזוי וויסט און נישט באַפעלקערט, ווי די וויסטענישן איבער וועלכער ער איז נאָרוואָס געפלויגן. אין פאַרלויף פון צוויי וואכן האָט ער געמאַכט א פלי פון אכט טויזנט מייל איבער די פאַראייניקטע שטאַטן, ער האָט געהאַלטן זעכצן גרויסע רעדעס אין צען שטעט, האָט געהערט די אַפּלאָדיסמענטן און פרייד־אויסרופן פון כמעט דריי מיליאָן מענטשן, איז געווען דער ערן־גאַסט אויף פינף־און־צוואַנציק פייערלעכע סעודות, און דאָך, נאָך געפינען צייט זיך צו פאַרנעמען מיט זיין זשורנאַליסטן־אַרבעט, און שרייבן א סעריע אַרטיקלען פאַר ישראל צייטונגען.

זיין מאַרשרוט אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט געדויערט ווייניקער ווי א חודש. בן־גוריון האָט געהאָלפן פאַרשפּרייטן די אומאָפּהענגיקייטס־אַקציעס פון ישראל, אויף א סכום פון פינף־און־פופציק מיליאָן דאָלאַר.

ווען דער בלוי־ווייסער עראָפּלאַן האָט זיך דערנענטערט צום מיטלענדישן ים, זענען אים אַקעגן געפאָרן זעקס קריגס־עראָפּלאַנען פון ישראלס לופט־פלאָט. אויפן פלי־פּלאַץ האָט אן ערן־וואַך פון פאַראשוטיסטן, מאַט־ראָזן און ח"ן־סאָלדאַטינס פאַר אים פאַרביי־דעפילירט. די רעגירונג, דער גענעראַל־שטאַב, די כנסת מיטגלידער, דער אַמבאַסאַדאָר פון אמעריקע, און טויזנטער ישראל בירגער זענען געקומען אים מקבל־פנים זיין. פּאָלאַ האָט געגעבן אן אינטערוויו די זשורנאַליסטן. זיי האָבן געוואָלט וויסן ווי זי האָט זיך געפילט אין לאַנד פון איר אמאָליקער „היים". צי האָט זי זיך געטראָפן מיט פיל פריינט? „יאָ, אבער ווען מיר זענען געווען סטו־

דענטן, זענען זיי אלע געווען אידעאליסטן און אינטעלעקטואליסטן. היינט זענען זיי פאַרהייראַט, פאַרטוען אין ביזנעס און טראַכטן נאָר וועגן זאמלען מער געלט. זיי האָבן זיך בשום אופן נישט געקאָנט פאָרשטעלן אונדזער „צנע״-לעבן, אונדזער לעבן ווייזט אויס צו זיין פיל ערנסטער ווי זייערס.

זיי זענען אָבער זער ברייטהאַרציק, פיל פון זיי האָבן געקויפט „באָנדס״ — ישראלדיקע אַקציעס, אויף צוויי-דרייפאַכיקע סומען מער, ווי זיי האָבן לכתחילה באַשלאָסן. ווו מיר זענען נאָר געקומען האָט מען אונדז באַוואָרפן מיט בלומען. קלאָר, אַז איך האָב די בלומען גלייך אַוועקגעשיקט אין די שפּיטעלער. מיט איין מתנה האָט זיך מיין מאַן גאָר שטאַרק געפרייט: א גרויסער באַוועגלעכער גלאָבוס, מיט אויטאָמאַטישער באַלייכטונג״. פּאָלאַ האָט געשמייכלט ווען די זשורנאַליסטן האָבן זי געפרעגט, צי זי האָט עפּעס איינגעקויפט. זי האָט טאַקע געוואָלט פּטור ווערן פון די אָפיציעלע באַגע־גענישן און זיך אריינכאַפּן אין א „פינף-סענט״ געשעפט כדי איינצוקויפן אייניקע קליינינקייטן פאַר דער שטוב, אָבער עס איז איר נישט געלונגען.

גראָד אין יענע טעג, ווען בן-גוריון און זיין פרוי האָבן געמאַכט זייער נסיעה איבער אמעריקע, איז אָנגעקומען אין לאַנד אריין באַרטליי קראַם, וועלכער האָט אין זיין בוך „הינטערן זיידענעם פאָרהאַנג״ באַשריבן זיינע זכרונות אלס מיטגליד פון דער געמישטער ענגליש-אמעריקאַנישער קאָ־מיסיע. ווען ער איז פאַרבייגעפאָרן פאַריז, האָט ער אָנטעלעפאָנירט צום סקולפּטאָר דזשאָ דאַווידזאָן און אים פאָרגעלייגט, אַז ער און זיין פרוי פלאַרענס זאָלן מיטפאָרן מיט אים קיין ישראל. זיי האָבן אָנגענומען די איינ־לאַדונג. ווען בן-גוריון איז אָנגעקומען, האָבן זיי שוין געהאַט כמעט פאַר־ענדיקט זייער באַזוך אין לאַנד. באַרטליי קראַם האָט דערציילט דעם פּרע־מיער מיניסטער, אַז דאַווידזאָן וויל זיך שטאַרק מיט אים טרעפן:

„ער זאָגט, אַז זיינע פינגער בעטן זיך צו מאַכן דיינס א סטאַטוע״.

בן-גוריון האָט אים פאַרבעטן אויפן זעלבן אָוונט צוזאַמען מיט די דאַוויד־זאָנס. דער פּרעמיער-מיניסטער און דער סקולפּטאָר זענען ביידע געווען מיד בשעת דער ערשטער באַגעגעניש.

דאַווידזאָן האָט א גאַנצן טאָג געאַרבעט איבער משה שרתס א סקולפּ־טור. אין דער צייט וואָס שרת האָט פּאָזירט, האָט ער דיקטירט זיין סעק־רעטאַרין אין העברעיש, גערעדט פון צייט צו צייט מיט זיין ווייב רוסיש און דערנאָך מיט דאַווידזאָנען ענגליש. שפּעט ביינאַכט איז דער סקולפּטאָר געקומען א מידער אין האָטעל אריין (נישט לאַנג צוריק האָט ער געהאַט א האַרץ אַטאַק, דאָס צופיל אָנשטרענגען זיך איז אים פאַרווערט געווען)

און האָט געטראָפן ב. קראַמען מיט דער איינלאַדונג. „וווּנדערבאַר" האָט ער אויסגערופן, פאַרגעסנדיק אין זיין מידקייט. בן־גוריון האָט אויפגענומען דעם סקולפּטאָר און זיין פרוי אין זיין אַרבעטס־צימער אויפן צווייטן שטאָק. ער האָט געזאָגט: „איך האָב געלייענט אין די צייטונגען וועגן אייער קומען אין לאַנד אריין אָן אַ וויזע". דאַווידזאָן האָט זיך מודה געווען. „אויב אַזוי גלויב איך, אַז איך קען אייך פאַרהאַלטן אין לאַנד". זיי האָבן אַרומגערעדט דעם ענין סקולפּטור. עס איז געווען שבת־צו־נאַכטס. מאָנטיק אינדערפרי האָט די משפחה דאַווידזאָן זיך געדאַרפט טרעפן מיט אבא חושי, דעם בירגערמייסטער פון חיפה, און מאָנטיק אין אָוונט האָבן זיי געדאַרפט אָפּפליען קיין פּאַריז. בן־גוריון איז געווען פאַרנומען דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג, פון ניין אַ זייגער אינדערפרי.

„איך וועל קאָנען זיצן פאַר דיר מאָרגן גאַנץ פרי", האָט געזאָגט דער פּרעמיער מיניסטער.

„זאָל זיין" האָט געענטפערט דער סקולפּטאָר.

„אָבער פאַרוואָס זאָלן מיר נישט אָנהויבן נאָך היינט אין אָוונט?", האָט געפרעגט דער פיר־און־זעכציק יאָריקער פּרעמיער־מיניסטער דעם אַכט־און־זעכציק־יאָריקן סקולפּטאָר.

קראַם און פלאָרענס זענען שנעל אַוועק און זיך ערגעצווו אויסגעבאָרגט אַביסל ליים, אַ שטענדער און אַנדערע זאַכן וואָס זענען נויטיק צו דער אַרבעט. אין די נאָענטסטע פיר שעה האָט דאַווידזאָן געאַרבעט מיט אַ יוגנטלעכן ברען, אין דער צייט וואָס קראַם, בן־גוריון און פלאָרענס דאַווידזאָן האָבן „געוועלגערט" אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע.

צוועלף ביינאַכט האָט דאַווידזאָן איבערגעריסן זיין אַרבעט, האָט באַדעקט דאָס ליים מיט נאַסע שמאַטעס און אָן אויסגעשעפּטער, איז ער צוריק אַוועק אין האָטעל אריין.

צומאָרגנס האַלב אַכט זענען זיי שוין אַלע ווידער אַמאָל געווען אויף די ערטער, בן־גוריון האָט געהאַט אָפּגעשלאָפן זיין געוויינלעכע שלאָף־ראַציע, אָבער די אַנדערע דריי האָבן זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון דרימל־נישט־דרימל. דאַווידזאָן האָט שפּאַסיק איבערגעחזרט אַ וואָרט פון אַן אַנדערן סקולפּטאָר: „איך מוז פאַרענדיקן די דאָזיקע סקולפּטור איידער איך שטאַרב אַוועק". ווען בן־גוריון האָט געמוזט אַוועקגיין האָט ער אַ קוק געטון אויף דער אַרבעט און געפרעגט: „פאַרטיק?". „נישט אינגאַנצן". האָט געענטפערט דער סקולפּטאָר. „אויב אַזוי וועל איך זיצן פאַר דיר נאָכאַמאָל, היינט פאַרנאַכט אַ זייגער האַלב־זיבן".

זעקס א זייגער האָט בן־גוריון געוואַרט אין זיין ארבעטס־צימער ביי זיך אינדערהיים. ניין א זייגער אין אוונט איז די סטאַטוע געווען פערטיק.

אויף צומאָרגנס האָט ישראל איבערגעלעבט איינע פון אירע שטורמישסטע הוראגאַן־ווינטן. בוימער זענען אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען, שאָסייען זענען געווען בלאָקירט און פיל הייזער באַשעדיקט. אין קולמינאַציע־פונקט פון רייסנדיקן שטורעם, האָט זיך לעבן בן־גוריונס הויז אָפּגעשטעלט אַן אויטאָ. עס זענען פון אים ארויס דזשאָ דאַווידזאָן און זיין פרוי. זיי זענען ספּעציעל געקומען פון חיפה, אין דעם שרעקלעכן שטורעם־ווינט, כדי זיך צו געזעגענען מיט בן־גוריונען. בן־גוריון האָט זיך געקליבן צו פאָרן אין זיין אויטאָ קיין ירושלים. אין דער צייט וואָס די צוויי מענטשן האָבן צווישן זיך געשמועסט, האָט איין פרוי געטרייסט דער אנדערער, רעדנדיק וועגן „די שעפערישקייט פון ענערגישע מענטשן". וואָס ציען זיך נישט צוריק פאַר קיין שום זאַך, צי עס איז א שטורמישוועטער מיט אויסגעריסענע ביימער, צי וועלכע־עס־איז „העכערע" דערשייענונג אָדער גאָר ערדישע גורמים.

ווען די צוויי מענטשן האָבן זיך אָפּגעזעגנט, האָט דאַווידזאָן, — א מענטש מיט נישט קיין שוואכערן כאראקטער ווי בן־גוריון אליין, וואָס האָט קיינמאָל קיינעם נישט געמאַכט קיין קאָמפּלימענטן — א זאָג געטוען: „עס איז געווען א וווּנדערבארע איבערלעבעניש. עס איז געווען דערקענונג פון גאָר א הויכער קוואליטעט". זיין גאַנץ לעבן האָט דאַווידזאָן פארברענגט אין דער געזעלשאַפט פון די גרעסטע מענטשן פון זיין דור; ער האָט געמאַכט סקולפּטורן פון גאַנדי, איינשטיין, שאָו, וויטמאַן, רוזוועלט, ראָקפעלער, קלעמאַנסאָ און העלן קעלער. בן־גוריונס סטאַטוע האָט א סך שטאַרקער אויסגעדריקט דעם מייסטערס געפילן. דאָס ליים האָט זיך פארוואנדלט אין גיפּס, דער גיפּס — אין בראָנז, און ווער עס האָט געזען די סטאַטוע האָט געקאָנט עדות זאָגן, אז דזשאָ דאַווידזאָן האָט מיט זיינע סענסיטיווע פינגער „תופס" געווען די קראַפט, דאָס שטרעבן און די אנטשלאָסנקייט, פון בן־גוריונס וועזן. אַלץ וואָס האָט געפעלט אין דער סטאַטוע איז געווען — יענער עלעקטריזירנדיקער פונק פון זיינע ווייסע האָר.

עס איז גוט געשען וואָס בן־גוריון איז געקומען פון אמעריקע פול מיט יוגנטלעכער פרישקייט. ער האָט זיך באלד געדארפט ארייַנוואַרפן אין זידיקן וואַל־קעסל. מפא"י, זיין פארטיי, איז מער ווי דריי יאָר געווען דער הערשנדיקער כוח אין דער מדינה, און דער דאָזיקער כוח איז אַנגעגריפן

געוואָרן פון אַלע זייטן. עס האָט נאָר ווער געטראַכט, אַז עס שטימט עפּעס נישט אין דער מדינה, איז עס געווען די שולד פון מפא״י — מאַנגל אין לעבנסמיטל, דער שוואַרצער מאַרק, אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן זאָגן זיך אָפּ פון אינוועסטירן זייערע קאַפּיטאַלן אין ישראל, דאָס „צעפּיעשטשען דעם אַרבעטער" — אין אַלעם איז שולדיק געווען די הערשנדיקע פּאַרטיי. און פון אַן אַנדערן לאַגער האָט מען ווידער פאַרגעוואָרפן דער מפא״י: אַז זי איז אונטערטעניק דעם אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם, און דערלאָזט צו גרויסע פּריוואַט רווחים אויפן חשבון פון די אַרבעטער. מען האָט די מפא״י אויך באַשולדיקט, אַז זי וויל אונטערגראָבן די השפּעה פון דער רעליגיע און גלייכצייטיק — אַז זי מאַכט ווייטגייענדיקע קאָנצעסיעס פאַר די טעאָקראַטן. מען האָט איר פאַרגעוואָרפן, אַז זי באַציט זיך פיינטלעך צו די אַראַבער, און דערביי באַשולדיקט אין צופיל נאָכגיביקייט לגבי זיי.

בן־גוריון דער מלוכה־מאַן האָט דעריבער זיך צוריק פאַרוואַנדלט אין בן־גוריון דער פּאָליטיקער. ער איז אַרויס צום פאָלק. מאַסן זענען אים געקומען הערן. זיי האָבן מיטגעלאַכט ווען ער האָט אָפּגעשפּאָט פון יענע פּאָליטיקער וואָס גיבן הבטחות און זענען זיי נישט מקיים: „איך וועל נישט פאַרשפּרעכן, נישט קיין מאַן און נישט קיין ניי קלייד, יעדער פרוי אין ישראל".

די וואַלן זענען פאָרגעקומען אין דער ערשטער וואָך פון אויגוסט. הונדערטער טויזנטער עולים האָבן צום ערשטן מאָל געשטימט אין דער יידישער מדינה. מפא״י האָט פאַרלוירן איין פּלאַץ פון די זעקס־און־פערציק פּלעצער וואָס זי האָט געהאַט אין דער פריערדיקער כנסת. אויך די רעליגיעזע און די מפ״ם האָבן פאַרלוירן מאַנדאַטן. די אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס האָבן באַשולדיקט בן־גוריונען, אַז ער האָט אונטערדריקט די פּריוואַטע איניציאַטיוו, האָבן אַ „שפּרונג" געטוען פאָרויס און פאַרנומען דעם צווייטן פּלאַץ. זיי האָבן באַקומען צוואַנציק דעפּוטאַטן.

בן־גוריון איז געבליבן דער פּרעמיער מיניסטער. ער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַ רעגירונג וואָס אירע מיטגלידער זענען צווישן זיך געווען אייניק בלויז אין איין איינציקן פּונקט: אַז עס איז נישט פאַראַנען אין ישראל קיין מענטש וואָס איז מער פעיק צו זיין דער פאָלקס־מנהיג, ווי יענער מענטש מיט דער ווייסער טשופּרינע. דאָס איז אויך געווען די מיינונג פון דער מערהייט ישראל בירגער.

זיין הקדמה צום יאָרבוך פון דער רעגירונג פאַר יאָר תשי״ב: „די

אויפגאבן פון גייסט און חלוציזם אין ישראל״ האָט בן־גוריון פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„די וויזיע רעגירט מיט אונדזערע שריט, און דער „וווהין״ איז פאַרקניפּט מיטן „פונוואַנען״. קיין שום היסטאָרישע ווערטן גייען נישט לאַיבוד. אונדזער פאַרגאַנגנהייט איז נישט נאָר הינטער אונדז — נאָר אויך אין אונדז אַליין. מיר מאַרשירן פאָרויס, נישט ווי ליידיקע בלעטער אָדער אויסגעטרוקנטע ביינער, אָן פאָרם און אָן געשטאַלט. צו דער אויסגעבענקטער צוקונפט דערנענטערן מיר זיך נישט מיט ליידיקע הענט; אַ גרויסע און אור־אַלטע ירושה פון טויזנטער יאָרן, פירן מיר מיט זיך אַ מתנה פאַר די קינפטיקע דורות״.

מאָנטיק, דעם 7 פעברואַר 1952, איז אין ירושלים געווען אַ קאַלטער און גרויער טאָג — אַ טאָג וואָס דער רוב ישראל־מענטשן, און ספּעציעל דער פּרעמיער־מיניסטער, וואָלטן אים גערן געזען אַן אוועקגעגאַנגענעם.

ביז דעם אויפבויען אַ בכבודיקן פּאַרלאַמענט־בנין, איז זיך די כנסת צוזאַמענגעקומען אויף אירע זיצונגען אין דעם דריי־שטאָקיקן האַנדלס־הויז אויף דער מלך־דזשאָרזש גאַס, אין האַנדלס־צענטער פון ירושלים. אין גרוי־קאַלטן טאָג האָט די פּאָליציי אָפּגעשלאָסן, מיט שטעכל־דראָט און מיט בעטאָן־שטערונגען אַלע גאַסן וואָס האָבן געפירט צו דער כנסת. די באַוועגונג איז געווענדעט געוואָרן אין אַנדערע ריכטונגען. זעקס הונדערט פּאָליציסטן אין פולער קריגס־גרייטקייט, אין שטאָל־העלמען, פּאַנצער־קליידונג און גאַז־מאַסקעס האָבן געהיטן די אָרדענונג.

אויפן טאָג־אָרדנונג פון דער כנסת איז אין יענעם מאָנטיק געשטאַנען אַ וויכוח אויף אַ שטורמישער טעמע — אַנטשעדיקונגען פון דייטשלאַנד. דאָס האָט געהייסן, נאָך אַ ביז־גאָר ערנסטער קריזיס פאַר בן־גוריונען. אין אָנהויב האָט ער געמוזט זיך אַליין קלאָר מאַכן, וואָס זיין שטעלונג איז, אין דער פראַגע פון אָננעמען אַנטשעדיקונג פון יענעם פאָלק, וואָס זיינע פירער זענען ערשט נישט לאַנג געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם מוראדיקסטן פּאָגראָם אין דער יידישער געשיכטע. ווען ער אַליין האָט פעסטגעשטעלט זיין באַציונג צום פּראָבלעם און איז געקומען צום אויספיר, אַז פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט איז דערין קיין פגם נישטאָ, האָט ער אויך געדאַרפן איבערצייגן אַנדערע. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ גענוגנדיקן דין־וחשבון, אַז די טעמע איז פּאָליטישער דינאַמיט.

ער האָט גוט געקאָנט זיין פאָלק און האָט געוווּסט, אַז נאָר אַ קליינער טייל וועט זיך צוהערן צו זיינע לאָגישע אַרגומענטן. די ווונדן זענען נאָך

געווען אָפּן, און יעדע דיסקוסיע וועגן אנטשעדיקונגען פון דייטשלאַנד וועט שיטן זאלץ אויף די פרישע ווונדן, און וועט גורם זיין בייע ליידן. קיין שום פּאָליטיש פּראָבלעם האָט נישט געקאָנט אזוי פאראייניקן די אָפּאָזיציע קעגן אים, ווי דאָס שילומים־פּראָבלעם. ער האָט געוווּסט, אז מצד דער אָפּאָזיציע זענען אויך געוואָלט־טאָטן נישט אויסגעשלאָסן, דעריבער האָט ער פאראָרדנט מען זאָל די כנסת־געביידע ארומרינגלען מיט פּאָליציי, שטע־כיקער־דראָט און בעטאָן־שטערונגען.

די זיצונג פון דער כנסת האָט זיך אָנגעהויבן גענוי רויק. 4.30 האָט דער פּרעמיער מיניסטער אָפּגעגעבן זיין דערקלערונג. ער האָט געזאָגט, אז מדינת ישראל האָט געמאַכט אירע ערשטע שריט ארום דער פראגע נאָך מיט צען חדשים צוריק, און דער דייטשער קאַנצלער האָט מודיע געווען, אז ער איז גרייט וועגן דער זאַך צו אונטערהאַנדלען.

ווי נאָר ער האָט פארענדיקט רעדן האָט די אָפּאָזיציע אָנגעהויבן איר גרויסע אָפּענזיווע. איינער פון די כנסת־דעפּוטאַטן האָט דערציילט, אז זיין קליינער זון האָט אים געפרעגט: „וועלכן פּרייז וועלן מיר באקו־מען פאר דעם זיידן און דער באָבען?“

א מפ״ם חבר האָט געזאָגט:

„מען וויל זיי אוועקשטעלן אין צענטער פון אייראָפּע... כדי זיי זאָלן צופירן אייראָפּע צו א מלחמה קעגן ראַטן־פארבאנד“.

א דעפּוטאַט פון „חרות“ האָט זיך אריינגעריסן אין כנסת מיט א געשריי:

„מען באַנוצט זיך מיט גאַז קעגן יידן! גאַז קעגן יידן!“.

עטלעכע הונדערט שריט פון דער כנסת אויף ככר־ציון איז געשטאַנען אויף א באַלקאָן מנחם בעגין, און האָט געהאַלטן א שטארק דעמאַגאָגישע רעדע פאר א המון פון אייניקע טויזנט מענטשן, דער רוב — יוגנט.

אינמיטן דער רעדע האָט ער ארויסגענומען א שטיקל פּאַפּיר, האָט עס אויפגעהויבן אויף א דראמאטישן אופן און האָט געזאָגט דער פארזאמ־לונג: מען האָט אים צוגעשיקט א צעטל, אז די פּאָליציי באַנוצט זיך מיט האַנט־גראַנאַטן, מיט גאַז וואָס איז אויסגעארבעט געוואָרן אין דייטשלאַנד — דעם זעלביקן גאַז מיט וועלכע מ׳האָט דערמאָרדעט זייערע פּאָטערס און מוטערס. ער האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו ליידן אלץ אין דער וועלט: פייַן־קאַמערן, קאָנצענטראציע־לאַגערן, אונטערערדישע תפיסות, — אלץ, אבי נאָר דער באשלוס וועגן אנטשעדיקונגען זאָל נישט אָנגענומען ווערן.

ער האָט געענדיקט זיין רעדע מיט א ווענדונג צו בן־גוריונען, וועלכער

האָט זיך געפונען אין כנסת, און אויסגעהערט די רעדעס פון דער אָפּאָזיציע:

„ווען דו האָסט געגעבן דעם באַפעל צו שיסן אויף אונדז מיט דיין האַרמאַט, האָב איך געגעבן דעם באַפעל „ניין!. היינט גיב איך דעם באַפעל „יאָ!״. עס וועט זיין אַ קאַמף אויף טויט און לעבן״.

נאָכדעם ווי בעגין האָט געענדיקט רעדן, זענען עטלעכע טויזנט יונגע מענטשן אוועק אין אַ דעמאָנסטראַציע, לענגאויס דער בן־יהודה גאַס, אין דער ריכטונג פון דער כנסת. פיל פון זיי האָבן געטראָגן טאָרניסטערס מיט שטיינער. זיי האָבן לייכט באַוועלטיקט די הויפּט־שטערונג וואָס די פּאָליציי האָט אוועקגעשטעלט. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער כנסת, האָבן די פּאָליציי־וואַכן, וואָס זענען געווען צעשטעלט איבער די דעכער פון די שכנותדיקע הייזער, געוואָרפן גאַז־באָמבעס. דער ווינט האָט אָבער געבלאָזן אין דער פאַרקערטער ריכטונג און דער רויך איז געגאַנגען נישט אויף די דעמאָנסטראַנטן נאָר אויף די פּאָליציסטן.

די פּאָליציי־לייט האָבן זיך צוריקגעצויגן צו זייערע פּאָזיציעס, האַרט צו דער כנסת. אייניקע פון זיי האָבן געשאָסן איבער די קעפּ פון המון. אַ שטיינער־האָגל האָט זיך אַ שאָט געטוען אויף די פּאָליציסטן. עס זענען אויך אָנגעגריפן געוואָרן די אַמבולאַנסן פון רויטן מגן־דוד וואָס זענען אָנגעקומען באַנדאַזשירן די פאַרוווּנדעטע, און מען האָט די דאָקטוירים נישט דערלויבט אויסצופירן זייערע פליכטן. אין ערשטן אַטאַק זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן דרייצן פּאָליציסטן. נאָך אַ קליינער מהומה וואָס האָט זיך געצויגן אַ שעה צייט, איז איבערגעקערט געוואָרן אַן אויטאָ, און ווען דער בענזין האָט אָנגעהויבן ארויסרינען פון דער מאַשין, האָט ווער אריינגעוואָרפן אַ קליינע באָמבע און די מאַשין האָט אָנגעהויבן פלאַקערן. עס זענען אַטאַקירט געוואָרן אויך אַנדערע אויטאָמאָבילן. אין דער כנסת האָט אַ קאָמוניסטישער דעפּוטאַט געשריען:

„דאָ פירט מען דיסקוסיעס און אין דרויסן מאָרדעט מען מענטשן. הערט!״.

אין דער זעלבער רגע האָט זיך דורך די כנסת־פענצטער אריינגעשאָסן אַ האָגל שטיינער. עטלעכע דעפּוטאַטן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן פון גלאָז־שפּליטערן. דורך די אָפענע פענצטער האָט זיך אריינגעריסן דער רויך פון טרערן־באָמבעס. מיניסטאָרן און כנסת־מיטגלידער האָבן זיך געשטיקט און פון זייערע אויגן האָבן גערונען טרערן.

נאָר איין מענטש ביים רעגירונגס־טיש איז אין משך פון דער גאַנצער צייט געבליבן רויק און באַהערשט ווי אַן אידעאַלער סאָלדאַט. זיין געזיכט

איז געווען פארשטיינערט און פארביסן. ער איז געזעסן און געווארט, אז די היסטעריע זאָל זיך איינשטעלן, בארויקן.

פּלוצעם, ווי שטענדיק, איז געקומען אין כנסת אַכטונג געבן, אז איר מאן זאָל טרינקען זיין גלאָז טיי, נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט איר פאר־אויסגעזאָגט, אז עס וועלן זיין צרות. האָט זי זיך אויך אויפגעפירט אויף א ווונדערבאַרן אופן. זי האָט צוגעהאָלפן ביים אָרגאַניזירן א מין גיכע הילף, און האָט געאַרבעט ביי דער זייט פון א דאָקטאָר, ביים פאַרבאַנדא־זשירן די פאַרוווּנדעטע. אין טומל פון די קאמפן זענען דורך די פענצטער אריינגעדרינגען נאָך שטיינער. רעוואָלווער שאָסן, ברוך פון גלאָז, אָפּקלאַנ־גען פון קליינע עקספּלאָזיעס, דאָס פייפן פון אמבולאַנסן און פייערלעשער־אויטאָס, געשרייען פון אויפגעברויזטע דעמאָנסטראַנטן. נאָך דעם רויך פון די טרערן־באָמבעס האָט זיך אויך געפילט דער ריח פון פאַרברענטער גומי. די כנסת האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א באלאגערטער שטאָט.

ווען א פרוי, א דעפּוטאַטין פון די ציונים כלליים, האָט געחלשט, האָט בן־גוריון געהאָלפן זי אַרויסטראָגן פון זאַל. ביי דער געלעגנהייט האָט ער א זאָג געטוען: „עס איז אן אינסצעניזירטער צאָרן".

איצט איז בעגין ארויף אויף דער טריבונע. ער האָט אָנגעהויבן לייענען א ליסטע פון רבנים, געלערנטע און שרייבער וואָס האָבן אונטערגעשריבן אן אויפרוף קעגן שילומים פון דייטשלאַנד. בן־גוריון, וואָס האָט זיך אין דער צווישנצייט צוריקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ, האָט אויסגערופן: „די מענטשן וואָס דו דערמאָנסט, זיי האָבן נישט קיין שום צוזאַמענהאַנג מיט דיינע כוליגאַנעס". „דו ביסט דער כוליגאַן!", האָט אים בעגין געענטפערט. עס זענען שוין אין דער פאַרגאַנגענהייט געהערט געוואָרן מאוסערע רייד. בעגין האָט שוין געהאַט אָנגערופן דעם פּרעמיער מיניסטער „רוצח", און אַ צווייטער — „משוגעגער". דער אונטערשיד איז באשטאַנען אין דעם וואָס יענע באַליידיקונגען זענען נישט געהערט געוואָרן פון דער כנסת־טריבונע.

דער כנסת־פאָרזיצער האָט געפאָדערט, אז „בעגין זאָל זיך אַנטשול־דיקן"; ער האָט אָפּגעזאָגט. דערנאָך האָט דער פאָרזיצער פארלאנגט, ער זאָל אראָפּ פון דער טריבונע; ער האָט ווידער אמאָל אָפּגעזאָגט: „אויב איך וועל נישט רעדן, וועט קיינער נישט רעדן". דער פאָרזיצער האָט געקלאַפּט מיט זיין האַמער און דערקלערט אן הפסקה פון דריי שעה. נאָך דער הפסקה האָט דער מנהיג פון חרות, ווי ער וואָלט נאָרוואָס צוריק ארויס פון זיין באַהעלטעניש נאָך דער מפלה ביי די וואלן, זיך אנטשולדיקט פאר

זיינע אויסברוכן קעגן דעם פרעמיער מיניסטער. דערנאָך האָט ער מודיע געווען, אז דאָס וועט זיין דער לעצטער ארויסטריט זיינער אין דער כנסת:

„אויב עס וועט ווערן געמאַכט א פרווו פון אונטערהאַנדלען מיט די דייטשן, וועט מיין פארטיי אוועק אין אונטערגרונט. עס זענען דאָ זאכן וואָס זענען טייערער פון לעבן אליין... זאכן וואָס זענען ערגער פון טויט... פעלקער זענען אוועק אויף באריקאדן צוליב פיל קלענערע זאכן... איך ווייס, אז מען וועט אונדז שלעפּן אין קאנצענטראַציע־לאגערן... אויב עס וועט נויטיק זיין וועלן מיר צוזאַמען שטארבן, און קיין „אנטשעדיקונגען" מיט דייטש־לאַנד וועלן נישט זיין".

שפּעט אין אָוונט איז סוף־כל־סוף צוריקגעשטעלט געוואָרן די אָר־דענונג אין שטאָט. מער ווי הונדערט פּאָליציסטן און בירגער זענען פאר־וואונדעט געוואָרן, אייניקע פון זיי שווער. לכל הפחות הונדערט דעמאָנסטראַנטן זענען געווען פארוואונדעט. זיי זענען אלע ארויסגעשמוגלט געוואָרן פון קאַמפּס־פילד, אויסער דער שטאָט, כדי נישט ארעסטירט צו ווערן.

אין משך פון דער נאַכט זענען אין די כנסת־פענצטערן צוריק אריינגעשטעלט געוואָרן די אויסגעהאַקטע שויבן, און זיי זענען באפעסטיקט געוואָרן מיט דראָט־נעצן.

צומאָרגנס זענען די גאסן פון דער שטאָט געווען ליידיק. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט א שאָס. דאָס גאנצע לאנד איז געווען אויפגעברויזט. אויב עס וועט אויסברעכן א בירגער־קאַמף איז קלאָר, אז דאָס וועט באדייטן דער סוף פון דער וויזיע. ווידער אמאָל האָט מען זיך גענויטיקט אין א שטים א שארפע, א דורכזיכטיקע.

אין אָט דער נאַכט האָט גערעדט דורכן ראַדיאָ דאָס מעכטיקע קול, אין גאנצן לאנד ישראל: „נעכטן האָט זיך א בייזוויליקע האַנט אויפגעהויבן אויף דער כנסת. עס איז געמאַכט געוואָרן אַן אָנהויב פון פארניכטן די דעמאָקראַטיע אין ישראל... א ווילדער און אויפגערייצטער פעבל פון אצ"ל־לייט און קאָמוניסטן האָבן זיך געוואָרפן אויפן בנין פון דער כנסת און האָט אין איר אריינגעוואָרפן שטיינער... אַלס פרעמיער און קריגס־מיניסטער האַלט איך פאר מיין חוב צו דערציילן דעם פאָלק וועגן דער ערנסטקייט פון דעם פארברעכערישן און פארעטערישן פלאַן... און אויך צו פארזיכערן אים, אז עס זענען אָנגענומען געוואָרן, און עס וועלן נאָך אָנגענומען ווערן, אלע מיטלען אָפּצוהיטן דאָס געזעץ, די זיכערקייט און דעם שלום אין ישראל... איך שעץ נישט גרינג הער בעגינס דערקלערונג, אז ער גרייט זיך צו א מלחמה אויף לעבן און טויט... אָבער, קיין בהלה, קיין פחד!

מדינת־ישראל וועט נישט איבערגעקערט ווערן, נישט אין א סיריע און נישט אין א שפּאַניע".

צו דער אָפּשטימונג, האָט די חרות־פראַקציע געבראַכט אין דער כנסת אריין איינעם פון אירע חברים וואָס האָט געליטן פון א האַרץ־אַטאַק. בן־גוריון האָט באַפוילן דוד הכהן, וועלכער האָט זיך געפינען אין פאריז אויף אַן אונ"א־פאַרזאמלונג, ער זאָל צוריק קומען, כדי זיך צו באַטייליקן אין דער אָפּשטימונג. די אָפּאָזיציע האָט געשטימט געמיינזאַם, אָבער דער בן־גוריון פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן מיט א מערהייט פון 61 שטימען קעגן 50. די דאָזיקע אָפּשטימונג האָט געעפנט דעם וועג פאַר סחורות, אויסשטאַטונג פאַר באַנען, מאַשינען און רוי־מאַטעריאַלן, אויף א סומע פון 715 מיליאָן דאָלאַר.

עס האָבן זיך געפינען מענטשן וואָס האָבן בן־גוריונען נישט מוחל געווען, און האָבן נישט געוואָלט פאָרן מיט די באַנען וואָס זענען אָנגעקומען פון דייטשלאַנד, אין דער ראַם פון די אַנטשעדיקונגס־געלטער.

בן־גוריון האָט ווידער אמאָל געהאַנדלט ווי זיין געוויסן האָט אים דיקטירט. ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר א זאַך, א נישט־פּאָפּולערע ביים ציבור. ער האָט דערמיט געגעבן זיין פאָלק, אין דער צייט פון א קריזיס, א שטאַרקע און דעמאָקראַטישע אָנפירערשאַפט.

נחמיה ארגוב, דער אדיוטאַנט פון הויפּט־אָנפירער איז נישט געווען אין ירושלים ווען די אומרוען זענען אויסגעבראָכן. ווען ער האָט דערהערט וואָס עס איז פאָרגעקומען, האָט ער געזאָגט צו איינעם פון זיינע נאָענטע מענטשן:

„אויב עס וואָלט חלילה מיט בן־גוריונען עפּעס פּאַסירט וואָלט איך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד".

אין פעברואר האָט בן־גוריון געטראָפן א מענטש אין ירושלים, מיט וועלכן ער האָט אמאָל, מיט דריי־און־דרייסיק יאָר צוריק זיך באַקאָנט. ער און סעם האַמבורג האָבן צוזאַמען געדינט אין יידישן גדוד, אין דער צייט פון ערשטן וועלט קריג. דעמאָלט איז סעם געווען א דאַרער, זיבצן־יאָריקער חברהמאַן, א ייד, אדורכגעדרונגען מיט אידעאַל. נאָך דער מלחמה איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. דאָרט האָט ער זיך געבאָרגט געלט כדי צו לערנען אַגראָנאָמיע אויף דער אוניווערזיטעט אין קאַליפאָרניע. שפּעטער איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א לעגענדאַרע פיגור צווישן די לאַנדווירטן פון דער מדבר, מיט זיינע לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען וואָס באַטרעפן פינף מיליאָן דאָלאַר און מיט זיין פאַלוואַרק וואָס איז אזוי גרויס ווי גאַנץ מאַנהאַטן. די נחלה איז א רעזולטאַט פון זיין זיגרייכער מלחמה מיט דעם

קאַליפאָרניער מדבר. איצט איז דער דאָזיקער טיפּישער פּויער און געש־ווירעוער אינדיווידואַליסט געקומען אויף א באזוך אין זיין פאָטערלאנד.

בן־גוריון האָט שוין געוווסט וועגן זיין רום. זיינע פעלדער מיט ווייצן זענען אָנגעגריפן געוואָרן דורך א מגיפה פון פעלד־מייז, זיינע וואסער־ברונעמס זענען אויסגעטרוקנט געוואָרן. ער האָט געפירט א טייך־שטראָם זיבעציק קילאָמעטער בארג־אַרויף. און יעדעס מאָל ווען די נאַטור האָט אים אונטערגעשיקט א ניי אומגליק האָט ער כסדר פאַרטאָפּלט דעם באַדן־שטח צום באארבעטן, ווי איינער וואָס פאַרעקשנט זיך און וויל זיך נישט אונטער־ווארפן דעם גזר־דין פון גורל. אזעלכע יידן זענען נויטיק דער מדינת ישראל, און דער פּרעמיער־מיניסטער האָט אים איינגעלאַדן צו זיך.

„אייער לאַנדווירטשאַפט טויג נישט", האָט האַמבורג געזאָגט קורץ און שאַרף. „פארוואָס ?". „עס איז א לאנדווירשאפט אָן פאַנטאַזיע, אָן האַרי־זאָנטן. אייערע מענטשן פאַרזייען קליינע פלאַנצן אויף קליינע פעלדער־שטחים, אזוי ווי זיי פלעגן טוען אין אייראָפּע".

„וואָס דארפן מיר טוען ?". ..

„הער פּרעמיער מיניסטער, דו ביסט א מענטש מיט וויזיע, אָבער דו האָסט מורא פאר דיין ערד. דו האָסט נישט קיין אנונג וואָס אזוינס זי אנטהאַלט אין זיך. דאָס איז די בעסטע ערד אויף דער וועלט. אייער קלימאט איז אן איינהייטלעכער. איר קאָנט פארפלאנצן פּרימא־בוימוואָל, צוקער, טאַבאַק, ערד־ניס, געוויקסן וואָס נויטיקן זיך אין באוואסערונג, ווינטער־גרינסן, איר קאָנט עקספּאָרטירן קיין אויסלאנד, פארדינען אוצרות, און ארייננברענגען אין לאנד אריין אויסלענדישע וואלוטע".

„אונדזערע ווירטשאַפטלער זאָגן, אז צוליב א געוויסן וואָרם, א שעדי־קער, קאָנען מיר נישט פלאנצן קיין בוימוואָל".

האמבורג האָט די דאָזיקע מיינונג מבטל געמאַכט, מיט איין באוועגונג פון זיינע שווערע הענט.

„עס איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין שעדיקער וואָס מ'קען אים נישט בענדיקן, אויב איר וועט פארזייען בוימוואָל אויף גרויסע שטחים, וועט דאָס באזייטיקן דעם וואָרם, מיט קליינע קאָסטן".

דאָס געשפרעך האָט זיך פארצויגן א שטיק צייט, דערנאָך האָט דער פּרעמיער־מיניסטער א קלאַפּ געגעבן אין טיש אריין און האָט געזאָגט: „און פארוואָס קאָנסטו נישט מיט מיר פאָרן אויפן נגב ?"

„אוממעגלעך" האָט האַמבורג געענטפערט. „איצט איז אין קאַליפאָרניע פרילינג, און איך מוז פאָרן זייען. זאָל איך דיר עפּעס זאָגן ? אויב דו ווילסט

מיך האָבן, קאָן איך אהערקומען אין א שטיקל צייט ארום.

„ווען?". האַמבורג האָט ארויסגענומען א קליין נאָטיץ־ביכל און האָט געענטפערט: „איך וועל אויף דיר ווארטן, דאָנערשטיק, דעם 6 מערץ, 8 א זייגער אינדערפרי פאר דיין ביורא". בן־גוריון האָט געשמייכלט. דאָס איז געווען א מין פינקטלעכקייט וואָס האָט אים גערעדט צום הארץ.

דאָנערשטיק, דעם 6 מערץ 1952, 7.45 אינדערפרי, איז בן־גוריון מיט נאָך א פופציק מענטשן געשטאַנען לעבן הויז פון קריגס־מיניסטעריום אין תל־אביב. א ריי אויטאָמאָבילן איז געשטאַנען ביי די זייטן פון שאָסיי. צווישן די פארזאמלטע איז געווען דער שעף פון גענעראַל־שטאַב ידין, אייניקע מיניסטאָרן, און א גרויסע צאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע ספעציאַליסטן און וויסנשאַפטלער. אַלע האָבן געקוקט אויף די זייגערס. א טייל האָבן זיך געוועט, אז יענער ברייטהאַרציקער און גוטמיטיקער אמעריקאַנער וועט נישט קומען צו דער באַשטימטער צייט. ער איז אָנגעקומען פונקט אכט א זייגער, און אלע זענען אוועק אויפן נגב. אין דער מדבר האָט ער געזען א וואַד פון דזשיפּן מיט מאַשין־געווער. זיי האָבן אדורכקאָנטראָלירט צענער טויזנטער דונאַמען ערד, וואָס לויט איר אויסזען איז זי געווען פרוכטלאָז, אָן די קלענסטע אויסזיכטן אויף פירות. צום סוף האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין באר שבע.

„וואָס איז דיין מיינונג האַמבורג?" האָט דער פּרעמיער מיניסטער געפרעגט.

„מיין הער — דו וועסט נישט פאראיבל האָבן וואָס איך רוף דיך 'הער' — מיין גאַנץ לעבן קעמף איך מיט דער נאַטור, מיט דעם מדבר, און איך טו דאָס, כדי צו דערגיין צו אן אומאָפּהענגיק לעבן, און כדי צו זיין אויף אן אמת פריי. קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך נישט געוואָלט, אז וועלכער ס'איז מענטש זאָל זיין א „הער" איבער מיר. היינט בין איך מסכים, אז דו זאָלסט זיין מיין הער. דו ווייסט, בן־גוריון, דו דערמאָנסט מיך דאָס געדיכט „הנביא", וואָס איך האָב שטענדיק ליב געהאַט צו דעקלאַמירן. אָבער לאָמיר זיך צוריקקערן צו דעם מדבר. איך קאָן דיר זאָגן, אז אויב איר וועט ברענגען וואַסער אויף דעם לעצטן פּלאַץ וואָס מיר האָבן באַזוכט, וועט אייך דאָ וואַקסן צוקער און בוימוואָל, די בעסטע אין דער וועלט".

אָט די עצה פון סעם האַמבורג איז געווען דער אָנהויב פון א בוימוואָל־ווירטשאַפט אין נגב. עס וועלן זיין נאָך אנדערע אונטערנעמונגען, אין וועלכע ס'וועט זיך באַטייליקן יענער ברייט־פּלייציקער און ברייט־האַרציקער לאַנדווירט פון קאַליפאָרניע. עס וועלן נאָך זיין גענוג אַנטוישונגען און צרות,

און אפשר אויך אומגליקן. אָבער דאָס איז געווען דער אָנפאנג.

איידער סעם האַמבורג האָט דאָס פאַריקע מאָל פארלאָזן דאָס לאַנד, האָט ער געהאַט געבעטן בן־גוריונען ער זאָל אים שטעלן צו זיין דיספּאָזיציע א שטיק וויסטן באָדן, וואָס לויט דער מיינונג פון אלע מומחים האָט עס נישט קיין שום אגריקולטורעלן ווערט, פאר אים אבער וועט עס זיין א סטימול איינצואָרדנען א מוסטער־ווירטשאַפט. די רעגירונג האָט אים געגעבן צוויי טויזנט פינף הונדערט דונאַם אין עמק בית־שאָן, זעכציק מעטער איבערן שפּיגל פון ירדן, חרוב־געוואָרענע און אָפּגעסמאַליעטע ערד אויף וועלכער עס האָט ווילד־גראָז געוואַקסן און אור־חיות זענען ארומגע־גאנגען. זיי האָבן אים געפרעגט:

„ווי אזוי וועסטו דאָ אהער ברענגען וואַסער?“

„איך און די טייכן זענען מיר פארליבט איינער אין צווייטן. דער רבונו של עולם און איך וועלן מיר דאָס צוזאַמען מאכן“.

פרילינג־צייט האָט דער ענגלישער פלאָט איינגעאָרדנט א פריינטשאַפטס־וויזיט אין פארשידענע לענדער אויפן מיטללענדישן ים. מ׳האָט צוגעוויסן געגעבן דער ישראל־רעגירונג, אז אין א באַשטימטער שעה, אין א געוויסן טאָג, וועט דעם פרעמיער מיניסטער באַזוכן, לאָרד לואיס מאַונטבאַטן, דער אַדמיראַל פון מיטללענדישן פלאָט, דער געוועזענער וויצע־קעניג פון אינ־דיע, א מיטגליד פון קעניגלעכן געהיימען ראָט, דער קאַוואַלער פון דעם שטערן־קרייץ אין אינדיע און דער באַזיצער פון נאָך א סך אנדערע ענגלישע און אויסלענדישע אויסצייכענונגען און מעדאַלן.

עס איז געווען א דעליקאַטער מאָמענט. די באַציונגען צווישן ענגלאַנד און מדינת ישראל זענען נאָך געווען אביסל אָנגעצויגן. ווו וועט פאָר־קומען די דאָזיקע באַגעגעניש? בן־גוריון האָט געוואָלט, אז דער אדמיראַל זאָל אויפגענומען ווערן אין ירושלים. אָבער דאָס אויסערן־מיניסטעריום האָט נאָך נישט געוואַגט איבערצוגיין פון תל־אביב קיין ירושלים, און דער בריטישער אַדמיראַל וועט נישט גרינגשעצן דעם פּראָטאָקאָל און וועט קיין ירושלים נישט פאָרן.

די ערשטע איבערראַשונג איז געקומען אין פאָרם פון א מעלדונג, אז דער אַדמיראַל איז גרייט דעם באַזוך צו מאַכן אין ירושלים. אין טאָג פון באַזוך איז דער פרעמיער מיניסטער דערשינען אין ביורא אָן א קראַוואַט. אז דער סעקרעטאַר האָט אים געפרעגט: „מיינסטו נישט, אז לכבוד דעם ברי־טישן אדמיראַל וואָלסטו געדאַרפט אָנטוען א קראַוואַט?“, האָט ער זיך א מינוט פאַרטראַכט און געענטפערט: „כ׳מיין אז יאָ“. אָבער קיינער פון די באַאמטע

האָט נישט געהאַט קיין קראוואט. מען האָט געשיקט צו בן־גוריונען אהיים. ווען עס האָט זיך שוין געהערט דער רעש פון דער מאָטאָריזירטער ערן־וואך וואָס האָט באגלייט דעם גאַסט, איז אריין דער שליח מיטן קראַוואַט. ווען דער אדמיראל איז דערשינען אין קאבינעט האט דער פרעמיער מיניסטער זיך נאָך געפּאָרעט ביים אויסבינדן דעם קראוואט.

אפילו דער פרעמיער מיניסטער האָט זיך א ביסל פארוויטלט ווען דער גאסט איז אריין צו אים. ער איז געווען א הויכער, א געזונטער און אויסער־געוויינלעך שיינער מאן, אָנגעטוען אין א ציכטיק ווייסן מונדיר, אָן א שפּרענ־קעלע, מיט גאָלד־פּאַסן אויף די אַקסלען, פערצן אויסצייכענונגען זענען געווען אָנגעהאָנגען אויף דער לינקער קלאַפּע, און אונטער זיי, דער מעדאַל פון דעם זאָקנבענדל־אָרדן און נאָך צוויי פון די וויכטיקסטע מעדאַלן. ער איז געווען אָנגעגורט מיט א שווערד, וועלכע איז געווען אויסגעזעצט מיט די טייערסטע איידל־שטיינער.

עס איז נישט געווען קיין שום ספּעציעלע סיבה פון סימפּאַטיע צווישן די צוויי מענטשן, פּארקערט, עס זענען געווען א גאנצע ריי סיבות, אז זיי זאָלן זיך נישט גערן האָבן, און דאָך האָט זיך געשאפן צווישן זיי, פון ערשטן מאָמענט, א ווארעמע אַטמאָספערע.

בן־גוריון האָט באַזייטיקט דעם פּראָטאָקאָל און האָט אָנגעהויבן אויס־פרעגן דעם גאַסט וועגן זיינע יאָרן אין אינדיע. עס איז פארביי א פערטל שעה און דער אדמיראל האָט נאָך געהאַלטן אין דערציילן וועגן זיינע אי־בערלעבענישן אין אינדיע. ער האָט גערעדט מיט פארשטאַנד און געפיל וואָס איז דעם אלטן זער ליב געווען. זיי האָבן גערעדט וועגן די פליטים אין אינדיע און וועגן די פליטים אין ישראל, וועגן דער נישט־לעגאַלער עליה, וועגן די פארשידנסטע ענינים, אָבער ָא וועלכן־עס־איז סימן פון פאר־מעלקייט. ביים געזעגענען זיך האָט מאונטבאַטן געזאָגט: „איך האָב געהערט, אז דו האָסט געדינט אין דער בריטישער ארמיי. וואָס פאר א ראנג האָסטו געהאַט?". „איך בין געווען א קאַפּראַל, און דערנאָך האָט מען מיך דעג־ראדירט". מאונטבאַטן האָט געשמייכלט, האָט אוועקגעלייגט די האַנט אויף בן־גוריונס אקסל און געזאָגט: „עס ווונדערט מיך לגמרי נישט". אין א פּאָר וואָכן ארום איז אָנגעקומען א פּאקעט, אָפּגעסטעמפּלט מיט כל־ער־ליי אפּי־ציעלע סטעמפּלען. דאָס איז געווען א בוך פון אדמיראל מאונטבאַטן, געווידמעט זיין „גוטן פריינט, צום אָנדענקן פון א זער אָנגענעמען באַזוך".

סוף 1951 האָט דזשאָ דאַווידזאָן פארעפנטלעכט זיין אויטאָביאָגראפיע. „צווישן איין זיצן און דעם צווייטן" איידער דאָס בוך איז איבערגעבן גע־

וואָרן צום דרוק, האָט ער נאָך געקאָנט צוגעבן אייניקע זייטן וועגן זיין באַזוך אין ישראל — די לעצטע פון זיינע איבערלעבענישן אין זיין אינ־טערעסאַנטן און רייכן לעבן. ער האָט בן־גוריונען געשיקט א בוך, און נאָך אייניקע וואָכן איז ער געשטאָרבן פון א האַרץ־אַטאַק.

עס זענען אָבער פאַרבליבן א ריי נישט־פאַרענדיקטע ענינים אין ישראל. נאָך א פּאָר חדשים איז זיין פרוי געקומען אין לאַנד אריין. דעם ערשטן אָוונט איז זי איינגעלאַדן געוואָרן אין טעאַטער אריין. דאָס איז געווען איינע פון די זעלטענע אָוונטן, ווען דער פּרעמיער־מיניסטער באַפרייט זיך פון זיינע ביכער און פון זיין אַרבעט. צופעליק איז ער געזעסן קעגנאיבער פּלאָרענס דאַווידזאָן, און איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן האָט זי געקאָנט מיט אים רעדן אייניקע ווערטער. ער האָט באַקומען דזשאָס בוך און האָט געוואָלט וועגן אים זאָגן זיין מיינונג. דאָס בוך האָט אים שטאַרק פאַראינטערעסירט. און ווען ער איז אזוי געזעסן מיט דעם רוקן צו דער בינע, האָט זיך דער פאָרהאַנג אויפגעהויבן און איינער פון די אַרטיסטן האָט אָנגעהויבן שפּילן זיין ראָלע. איבערן גאַנצן זאַל האָבן זיך געהערט נאָר צוויי שטימען — די שטימע פון אַרטיסט און דאָס קול פון פּרעמיער מיניס־טער, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג וועגן בוך פון גרויסן סקולפּטאָר.

פּלאָרענס דאַווידזאָן האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן: ווי לאַנג וועט דער פּרעמיער מיניסטער רעדן? און צו מעג וואָר איבעררייסן די רייד פון פּרעמיער־מיניסטער? ער האָט דערפילט, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט, ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערמעגלעכט דעם קהל צו קאָנצענטרירן זיך ארום דעם וואָס קומט פאָר אויף דער בינע.

בן־גוריונס סעקרעטאַר איז דעמאָלט געווען אפרים עברון (איצט דער פאָרשטייער פון דער הסתדרות אין אמעריקע) געוועזענער סעקרעטאַר פון משה שרת. ער האָט מסכים געווען אַנצונעמען דעם אמט ביי בן־גוריונען, אין דער האָפענונג, אז ער וועט זיין די בריק פון פאַרשטענדעניש צווישן דעם אויסערן־מיניסטעריום און דעם אמט פון פּרעמיער־מיניסטער. נאָר איין פּעלער האָט אים געשטערט אין זיין אמט: ער איז געווען געהייראַט און געהאַט צוויי קינדער.

איינע פון זיינע באַליבטסטע דערציילונגען פון עברון איז געווען: איינ־מאָל האָט דער פּרעמיער־מיניסטער געקלונגען צו אים פון טבריה. ער האט געוואָלט עפּעס א בוך וועגן דער גריכישער פילאָזאָפיע. „אפי", (אזוי פלעגט אים דער פּרעמיער מיניסטער רופן) האָט געדאַרפט פאָרן קיין תל־אביב, אריינגיין אין א גאָר גרויס ביכער געשעפט אויף שדרות קרן קיימת,

ווענדן זיך אויף דער רעכטער זייט, און אויף דער דריטער פּאָליצע וועט ער געפינען דאָס בוך. עס איז דאָס פינפטע אין דער ריי. ער האָט אויך איבערגעגעבן עברונען א קורצע באשרייבונג — אין גריכיש — פונעם בוך.

ווען עברון איז צומאָרגנס אָנגעקומען קיין טבריה, האָט ער דעם שעף זיינעם איבערגעגעבן א בינטל טעלעגראמעס. — און וואָס איז מיטן בוך? „אָט דאָ איז עס". אז בן־גוריון האָט זיך איינגעקוקט אין שער־בלאַט, האָט ער זיך א ביסל אויפגערעגט, „דאָס איז דאָך דאָס זעקסטע בוך פון לינקס אויף דער פּאָליצע, נישט דאָס פינפטע, און איך האָב דיך געבעטן ברענגען דאָס פינפטע". עברון האָט געפּרוּווט דערקלערן, אז דווקא דאָס זעקסטע האָט זיך מער געפּאַסט צו בן־גוריונס שילדערונג. בן־גוריונס כעס איז שנעל פאַריבער, אבער אין פארלויף פון חדשים האָט ער נישט אויפגעהערט לייכט אָפּצושפּאָטן פון עברונען, אז ער קאָן נישט אונטערשיידן צווישן פינפטן און זעקסטן בוך אויף דער זעלבער פּאָליצע.

עס איז פאראַנען נאָך א געשיכטע וואָס באווייזט ווי ווייט שטאַרק עס איז בן־גוריונס זכרון. קאָנגרעסמאַן סעלער׳ס סעקרעטאַר האָט איינמאָל געזען בן־גוריונען אויפן פלי־פּלאַץ אין וואשינגטאָן. ווען ער האָט געהאַלטן ביים איינשטייגן אין עראָפּלאַן כדי אָפּצופליען קיין ניו־יאָרק, איז דער סעקרעטאַר צוגעלאָפן צום פרעמיער מיניסטער און אים געזאָגט אין דער שנעל: „הער בן־גוריון, איך האָב געדאַרפט פאָרן מיט דעם עראָפּלאַן, עס איז אָבער קיין פּלאַץ נישטאָ, און איך מוז וואַרטן אויפן צווייטן אָפּפלי. מיין פריינדין וועט מיך אָפּוואַרטן אויף דעם ניו־יאָרקער פלי־פּלאַץ. איך האָב נישט קיין שום מעגלעכקייט איר אויפצוקלערן וואָס עס האָט פּאַסירט. אויב דו וועסט זי זען ביים טויער, זיי אַזוי פריינטלעך און קלער איר אויף די סיבה פון מיין נישט קומען". בן־גוריון האָט מסכים געווען, און דער סעקרעטאַר האָט אים גענוי געשילדערט ווי עס זעט אויס דאָס מיידל וואָס דערוואַרט אים.

אין איניקע יאָר ארום האָט דער קאָנגרעסמאַן סעלער באַזוכט ישראל צוזאַמען מיט זיין סעקרעטאַר. ווי נאָר זיי האָבן אריבערגעטרעטן די שוועל פון בן־גוריונס קאַבינעט, נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אָנצוהייבן דעם ערשטן העפלעכקייטס־שמועס, האָט בן־גוריון געזאָגט דעם סעקרעטאַר „דרך אגב, איך האָב נישט געקאָנט געפינען דיין פריינדין אין ניו־יאָרק".

איינמאָל האָט בן־גוריון איינגעלאַדן אין זיין קאַבינעט עברונען און אים געוויזן א פּעקל וואָס ער האָט ערשט וואָס דערהאַלטן פון ארגענטינע. עס איז געווען א שפּאַניש בוך אין פיר בענדער וועגן לעבן, ווערק, איינפלוס פון ברוך שפּינאָזע, געשריבן דורך פּראָפעסאָר ל. דוקאָווניע פון בוענאָס־איירעס.

„אפי, איך וויל לייענען די דאָזיקע ביכער. ווו קענסטו נעמען א מענטש וואָס זאָל מיך לערנען שפּאַניש ?‟. דער ערשטער מענטש וועגן וועלכן אפּי האָט געטראַכט איז געווען יצחק נבון, וועלכער האָט געירשנט זיין פּלאַץ אַלס סעקרעטאַר ביי משה שרת, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפירט פאַר־שידענע אויפגאַבן אין די ישראל־געזאַנדשאַפטן אין אורוגוויי און ארגענטינע.

בן־גוריון האָט געקאָנט נבונען. זיי האָבן זיך באַקענט מיט יאָרן צוריק ווען נבון איז געווען דער אָנפירער פון דער אראבישער אָפּטיילונג אין דער הגנה׳ס אינפאָרמאַציע־אַמט. א יאָר פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט האָט ער פאַרטראַכט עפּעס א געהיימע זאַך וואָס ער האָט זי אָנגערופן „א כיטרע שטיקל ארבעט מיט די אראבער‟. ער האָט דערצו געדאַרפט האָבן פיר טויזנט דאָלאַר. אן אָפיציר אין דער הגנה האָט געהאַט אן אידעע ווי אזוי מ׳קאָן „צוזאַמענקלאַפּן‟ אזא סומע. „גיי צו בן־גוריונען, דאָס איז פון יענע זאַכן וואָס רעדן אים צום הארץ‟. נבון איז געגאַנגען מיט פחד און ציטער צום פאָרזיצער פון דער יידישער אגענץ. בן־גוריון האָט זיך צו־געהערט און געפרעגט: „אפשר וועט גענוג זיין צוויי טויזנט דאָלאַר ?‟. נבון האָט מסכים געווען. עס איז געקומען צו א הסכם. און דאָס „כיטרע שטיקל געהיים־ארבעט מיט די אראבער‟ איז אדורכגעזעצט געוואָרן. די צוויי מענטשן האָבן זיך ליב באַקומען פון ערשטן אויגנבליק. נבון איז נישט נאָר געווען א סאברע; זיין משפחה איז געזעסן אין ירושלים זייט דריי הונדערט יאָר. איצט איז ער געוואָרן בן־גוריונס לערער פאַר שפּאַניש. „כ׳האָב נישט קיין שום אמביציע צו רעדן שפּאַניש‟, האָט דער תלמיד געזאָגט, איך וועל זיין צופרידן אויב איך וועל זיך אויסלערנען לייענען‟.

נבון האָט זיך איבערצייגט, אז בן־גוריון האָט נישט קיין פעיקייטן צו קיין שפּראַכן. ער האָט נישט געהאַט קיין אויער פאַר פרעמדשפּראַ־כיקע קלאַנגען, טראָצדעם וואָס ער האָט באַהערשט אייניקע פרעמדע שפּראַכן. ער האָט זיך אויסגעלערנט אלט־גריכיש, טערקיש און נאָך עט־לעכע שפּראַכן, דאָס אַלץ נאָר אויף א וויזועלן אופן.

צוויי־דריי מאָל אין דער וואָך פלעגט דער לערער קומען צום פרעמיער מיניסטער אין שטוב אריין, און פאַרברענגען אייניקע שעה אין בן־גוריונס געזעלשאַפט. דער לערער האָט דעם תלמיד דערקלערט די באַדייטונג פון ווערטער, און ווי נאָר דער תלמיד האָט תופס געווען דעם מיין פון יעדן אויסדרוק, האָט ער דעם לערער דערקלערט דעם באַדייט פון יעדן זאַץ, און האָט אים מסביר געווען זיין פילאָזאָפישן זין.

איינמאָל האָט בן־גוריון איינגעלאַדן עברונען און אים געזאָגט: „היינט

אין אָונט וועל איך האָבן אַן הפסקה פון צען מינוט, צווישן איין זיצונג און דער צווייטער. לאַד איין יצחקן, ער זאָל מיר געבן א לעקציע שפּאַניש״. דאָס איז געווען די קורצסטע לעקציע; עס איז אבער אויך געווען א לעקציע וואָס האָט געדויערט זעקס שעה. נאָך עטלעכע וואָכן האָט שוין בן־גוריון געלערנט אליין, שוויצנדיק יעדע נאַכט איבער גראַמאַטיק און ווערטער־ביכער. דאָס וואָס ער האָט נישט אליין פארשטאַנען האָט ער נאָטירט אויף א צעטעלע, און אַז עס האָט זיך אָנגעזאַמלט א ביסל צעטעלעך, פלעגט ער בעטן נבונען, ער זאָל אים אויפקלערן זיינע ספקות.

ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט דער אָפּשטאַמונג פון ווערטער. אין א געוויסן אָוונט האָט ער אַנטדעקט, אַז א סך שפּאַנישע ווערטער האָבן געהאַט אַראַבישע וואָרצלען. ער האָט געהאַלטן פאַר זיין לערער לאַנגע דיסערטאַציעס וועגן דער באַציִונג פון יידן צו שפּאַניאָזען. געפינענדיק זיך אויפן שטח פון פילאָזאָפיע, האָבן זיי פארגעסן אין דער לינגוויסטיק.

בערך אין יענער צייט איז אין ביוראָ פון פרעמיער־מיניסטער אויס־געבראָכן א קריזיס. פרוי עברון האָט געשטעלט איר מאַן אַן אולטימאַטום: „אָדער דו ביסט מיין מאַן, אָדער דו האָסט חתונה געהאַט מיטן ביוראָ פון פרעמיער מיניסטער״. עברון האָט אויסגעזאָגט זיין ביטער הארץ פאַרן פרעמיער מיניסטער. ער וואָלט געוואָלט בלייבן זיין געטרייער און איי־בערגעבענער סעקרעטאַר, ממש ווי נחמיה, אָבער זיין ווייב האָט געלאָזט הערן איר שטים.

„שיק זי בו מיר״, האָט דער פרעמיער־מיניסטער באַפוילן מיט א שמייכל. פרוי עברון איז געקומען, אבער, מיט א פאַרטיקן באַשלוס. נאָך א קורצער דיסקוסיע האָט דער פרעמיער־מיניסטער רעזיגנירט, און גע־זאָגט צו איר מיט א שמייכל: „מילא, איך וועל דיר צוריקגעבן דיין מאַן״. אין יאָר 1952 איז עברון אריבער קיין וואַשינגטאָן און נבון האָט פארנומען זיין פּלאַץ.

דער אויסערן־מיניסטער, שרת, האָט זיך ווידער אַמאָל געדאַרפט זוכן א נייעם סעקרעטאַר. אין טאָג ווען עברון האָט פארלאָזן זיין אַמט האָט אים בן־גוריון געגעבן א בוך צום אָנדענקן פון זייער בשותפותדיקער און גליקלעכער צוזאַמענאַרבעט. אין משך פון א סך יאָרן. ווען ער האָט גע־שריבן די דעדיקאַציע אויפן בוך האָט ער צוגעגעבן: „איך באַדויער וואָס איך מוז שרייבן „אפי״, ווייל איך ווייס פשוט נישט דיין אמתן נאָמען״.

אין הערבסט איז בן־גוריון מיט פּאַלען געפאָרן אויף א קורצן אורלויב קיין טבריה. נבון איז מיט זיי מיטגעפאָרן. דער פרעמיער־מיניסטער האָט

שוין געהאַט געפרעגט נבונען וואָס פאַר א שפּאַנישע ליטעראַטור ער זאָל איצט לייענען, נאָכדעם ווי ער האָט דערוואָרבן דאָס שפּאַנישע לשון. נבון האָט אים פאָרגעלייגט צו לייענען „דאָן קישאָט" פון סערוואַנטעסן. בן־גוריון האָט באַשטעלט דאָס בוך אין צוויי טיילן און האָט עס מיטגע־נומען קיין טבריה. אין א קורצער צייט האָט ער פאַרענדיקט דעם ערשטן באַנד און האָט אים איבערגעגעבן דעם סעקרעטאַר. די בלעטער־בראָגן זענען געווען פול באַשריבן מיט פראַגן, אין ענינים פון גראַמאַטיק, סינטאַקסיס און סתם ווערטער. „באַטיר פאַר מיר די תשובות, און אין דער צייט וואָס דו וועסט שרייבן, וועל איך דערווייל לייענען דעם צווייטן באַנד".

ביים פרישטיק, פלעגט ער יעדן טאָג דערקלערן פּאַלען און נבונען וואָס ער האָט געלייענט ביינאַכט. עטלעכע פון סערוואַנטעסנס וויצן זענען פּאַלען לגמרי נישט געפעלן געוואָרן. נאָך דעם ווי נבון האָט געענטפערט אויף אַלע זיינע פראַגן האָט בן־גוריון אַדורכגעלייענט ביידע בענדער צום צווייטן מאָל. בן־גוריונס באַליבטסטער פראַגמענט איז געווען דאָן קישאָטס רעדע צו די שאָף, ווען זיי שטייען ביים פייער.

איצט, אַז נבון איז געזעסן אין שכנותדיקן צימער, פלעגט אים בן־גוריון אַריינרופן צו זיך צווישן איין זיצונג און דער אַנדערער, כדי צו כאַפּן א שמועס וועגן שפּאַניש, און אויך אויף אַלגעמיינע ליטעראַרישע און פילאָזאָפישע טעמעס.

גאַנץ שנעל האָט דער סעקרעטאַר פעסטגעשטעלט, אַז ער מעג אַריינ־וואַרפן א פילאָזאָפישע באַמערקונג אפילו בשעת זיין שעף איז פאַרטאָן אין לייענען טעלעגראַמעס. עס איז אָבער געפערלעך צו שטערן בן־גוריונען מיט א באַמערקונג וועגן טעלעגראַמעס, בעת ער איז אַריינגעטאָן אין א פילאָזאָפישן ויכוח.

דער פרעמיער־מיניסטער האָט מיט זיין סעקרעטאַר אַרומגערעדט די מעגלעכקייט פון לערנען איטאַליעניש אויף דעם זעלבן אופן ווי ער האָט געלערנט שפּאַניש, כדי ער זאָל קאָנען לייענען דאַנטע און מאַקיאַוועלי אין אָריגינאַל. אָבער די געשעענישן פון מיטן די פופציקער יאָרן האָבן אומ־מעגלעך געמאַכט דאָס ווידער אמאָל אָנהויבן לערנען א נייע שפּראַך. נבון האָט געהאַט א גוטן איינפלוס אויף בן־גוריונען. ער האָט זיך פולקאָם אי־בערגעגעבן דער אויפגאַבע וואָס איז פאַר אים געשטאַנען. אָבער אין קעגנ־זאַץ צו אַרגובן, האָט ער זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון קריטיקירן זיין שעף. ער האָט תמיד געפינען די איידעלע וועגן אים אויפמערקזאָם צו מאַכן אויף די טעותים וואָס ער האָט געמאַכט.

במשך פון זומער איז ארטור לוריע, דער הויפּט־קאָנסול אין ניו־יאָרק, געקומען אויף א פּאַטערלאַנדס־אורלויב קיין ישראל, (היינט דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין קאַנאַדע). אין זיין לעצטער נאַכט אין לאַנד איז ער גע־קומען זיך געזעגענען מיטן פּרעמיער־מיניסטער.

בן־גוריון און זיין פרוי האָבן געהאַלטן ביים נאַכטמאָל, זיי האָבן אים איינגעלאַדן צום מאָלצייט. ווען זיי זענען אלע געזעסן ארום קיך־טיש, האָט דער אלטער ארויסגענומען א שפּאַניש בוך וועגן שפּינאָזען און האָט אָנ־געהויבן איבערזעצן אויפן קול גאַנצע פראַגמענטן פונעם בוך. ער האָט כמעט נישט געלייגט קיין אכט אויפן עסן וואָס פּאָלא האָט דערלאַנגט צום טיש, און אפילו נישט אויף לוריעס בקשות, וועלכער האָט געבעטן אייניקע פּאָליטישע אָנווייזונגען פארן אָפּפאָרן קיין אמעריקע. ביים סוף פון מאָלצייט האָט פּאָלא דערמאָנט איר מאַן: „פארגעס נישט, היינט איז דיין ריי". „כ'ווייס" האָט בן־גוריון געענטפערט מיט א טרויעריקן שמייכל. אין א פּאָר מינוט ארום איז שוין דער פּרעמיער־מיניסטער געווען פאַר־נומען ביים שווענקען די כלים, ער האָט בשום אופן נישט דערלאָזט לוריע זאָל אים צוהעלפן, און האָט כסדר זיך באַקלאָגט, אז עס פעלט אים הייס וואסער. ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט די ארבעט און איז ארויף צו זיך אין ארבעטס־קאַבינעט, האָט פּאָלא נאָכקאָנטראָלירט ווי עס זעט אויס דאָס געפעס און זי האָט פעסטגעשטעלט, אז דאָסמאָל האָט בן־גוריון געמאַכט א שלעכטע ארבעט. זי האָט אים געוואָלט צוריק אראָפּרופן, ער זאָל א ביסל כלים נאָכאמאָל איבערוואשן, לוריע האָט זיך אָבער איינגעשטעלט פאַר אים און דאָס אויסגעמיטן. דער גענעראַל קאָנסול איז אוועק קיין ניו־יאָרק אָן די נויטיקע אָנווייזונגען.

ביים סוף יאָר איז אויסגעבראָכן א קריזיס אין די באַציונגען צווישן דעם פּרעמיער און ידינען. דער ארכעאָלאָג איז נאָמינירט געוואָרן אלס שעף פון גענעראל שטאַב, און ער האָט באַקומען א פאַראָרדנונג צו רע־אָרגאַניזירן די ארמיי. דער ריס צווישן די צוויי מענטשן איז אנטשטאַנען אויפן פינאַנסיעלן געביט. סוף 1952 איז דער פּרעמיער מיניסטער געקומען צום באשלוס, אז אין משך פון נאָך עטלעכע יאָר וועט אויפן נאָענטן מזרח נישט זיין קיין מלחמה, און מ'קען דעריבער קירצן דעם קריגס־בודזשעט. ידין האָט אים געזאָגט: „איך ווייס זער גוט פאַר וועלכע עקאָנאָמישע שווי־ריקייטן דו שטייסט, אָבער דו מוזט מיר באַשטעטיקן דעם זעלביקן בוד־זשעט אויף נאָך איין יאָר. אז נישט מוזטו דיר געפינען א צווייטן קאָ־מאַנדיר". ביידע האָבן זיך פאַרעקשנט. און ידין האָט זיך אָנגעגעבן אין

דעמיסיע. ביי דער צערעמאָניע פון בייטן דעם גענעראַל־שטאַב שעף, האָט בן־גוריון דערציילט, אין זער א סענטימענטאַלן טאָן, וועגן די יאָרן פון זיין צוזאַמענאַרבעט מיט ידינען.

ער האָט געהאַט טרערן אין די אויגן. דעם אָפּטרעטנדיקן קאָמאַנדיר האָט ער געגעבן א מתנה איינס פון זיינע באַליבסטע ביכער — „די אַל־טערטימלעכקייטן" פון פלאַוויוסן, און ער האָט אויף דעם בוך אויפגע־שריבן א וואַרעמע דעדיקאַציע.

אין יענע טעג איז ד"ר ווייצמאַן נפטר געוואָרן. ער איז לאַנגזאַם אויס־געגאַנגען. זייט יאָרן איז ער געלעגן אויפן קראַנקן־בעט, אָבער דער דאָזיקער פאַקט האָט נישט פאַרמינערט דעם טיפן טרויער אין ישראל און אין אַלע יידישע קהילות פון דער גאַנצער וועלט. אויף דער לוויה איז דער פרעמיער־מיניסטער געגאַנגען א פאַרטרויערטער, מיט א טיף־געבויגענעם קאָפּ.

„איך בין זיכער, אַז ער וועט נישט מסכים זיין", האָט ער געזאָגט צו איינעם פון זיינע חברים אין דער רעגירונג, „אָבער עס וועט זיין אַן עוולה אויב מיר וועלן דעם גרעסטן יידן אין אונדזער דור נישט פאָרלייגן דעם היכן אמט". נאָכדעם ווי פּראָפ. איינשטיין האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג, האָט זיך בן־גוריון געוואָנדן צו יצחק בן־צבי, זיין פריינט זייט פינף־און־פערציק יאָר. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין דער דריטער אָפּשטימונג, אַלס מלוכה־פרעזידענט.

אין רעגירונגס־יאָרבוך פאַרן יאָר 1952 האָט בן־גוריון געשריבן אויף דער טעמע „אַז עס איז נישטאָ קיין וויזיע ליידט דאָס פאָלק".

וועגן בן־גוריונען און זיין וויזיע, האָט איינער פון זיינע מיטאַרבעטער געזאָגט:

„זיין כוח שטעקט אין דעם, אַז ווען ער גלויבט אין עפּעס, דרינגט ער אריין מיט זיין התלהבות אויך אין אַנדערע. ווען ער זאָגט עפּעס צום ערשטן מאָל, זעען זיינע רייד אויס ווי א שגעון, למשל, דאָס פאַרוואַנדלען ירושלים אין דער הויפּט־שטאָט, אָדער דאָס איבערקערן אילת אין א גרויסן ים־פּאָרט. אָבער אין א פּאָר וואָכן שפּעטער, הערסטו אויף צו זען אין דעם, זאַכן פון משוגעת. די מענטשן הויבן אָן פרעגן: „און פאַרוואָס טאַקע נישט ?". „מיר דאַכט זיך, אַז אזוי דערקענט מען דעם נביא — דעם מענטש מיט וויזיע".

קאפיטל צוויי און צוואנציק

דאָס יאָר 1953 האָט זיך אָנגעהויבן מיט א וויץ...

צוויי חדשים פריער איז בן־גוריון און דאָס אויסערן־מיניסטעריום געשטאנען אין א געהיימען נאָטעס־אויסטויש מיטן קרעמל. עס האָט זיך גע־האַנדלט וועגן דער עליה פון די סאָוויעטישע יידן קיין ישראל.

אין איינע פון די דאָזיקע דיפּלאָמאטישע בריוו האָט מדינת ישראל פאַרגעלייגט, אז זי וועט זיך נישט אָנשליסן אין קיין שום אנטי־רוסישן בישט־אגרעסיע פאַקט, אויב מאָסקווע וועט געבן די רעכט פון א פרייער עליה פון רוסלאנד. מאָסקווע האָט דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן.

נאָכדעם איז געקומען די קאָמוניסטישע רייניקונג אין טשעכאָסלאָוואקיי. גאנץ ישראל האָט נאָכגעפאָלגט דעם פּראָצעס מיט גרויס אינטערעס, צוליב דער אָפענער אַנטיסעמיטישער העצע וואָס האָט זיך אויפן פּראָצעס גע־הערט, און אויך דערפאר וואָס איינער פון די באשולדיקטע איז געוועזן א מפ״ם־מענטש, א ישראל־בירגער. דער דאזיקער פּראָצעס האָט געגעבן ישראל קלאָר צו פארשטיין, אז זי האָט נישט צו האָפן אויף קיין שום אויפ־מערקזאַמקייט מצד מאָסקווע און נישט פון קיין איינע פון אירע סאַטעליטן־לענדער.

שווער איז געווען בן־גוריונען צו דעצידירן וועגן שאפן א קאָאליציע מיט די אלגעמיינע ציוניסטן, צוליב דער מורא, אז ער וועט דערמיט שטופן די לינקערע עלעמענטן פון זיין אייגענער פארטיי, אין די מפ״מישע אָרעמס. אָבער נאָכדעם ווי דער פראגער געריכט האָט פארמשפט צום טויט 11 פון די הויפּט באשולדיקטע, און דער פסק־דין איז אויסגעפירט געוואָרן אין 1952 — האָט בן־גוריון זיך געטראָפן מיט די פאַרשטייער פון די אלגע־מיינע ציוניסטן. זיי האָבן מסכים געווען אויף א קאָאליציע, בתנאי ער זאָל אָפּשאַפן די קאָנטראָלע איבערן האַנדל, ער זאָל אָננעמען שריט צו דער־מוטיקן די פריוואט־איניציאטיוו און זאָל שאפן גינסטיקע באדינגונגען פאר אינוועסטיציעס פון אויסלענדישן פריוואט־קאַפּיטאל.

דערנאָך איז אין דער צייטונג פון מפא״י דערשינען א בייסיקער אר־טיקל. דער ארטיקל האָט אנטהאלטן א שארפן אָנגריף אויף מפ״ם, הלמאי

זיי רייטן איינצייטיק אויף צווי פערד: אַט וויל זי זיין א חלק פון דער קאָמוניסטישער וועלט, און אין דערזעלבער צייט זאַמלט זי געלט ביי קאַפּיטאַליסטן אויף אונטערצוהאַלטן אירע קיבוצים.

דער ארטיקל איז געשריבן געוואָרן מיט קראַפט און מיט תקיפות. ער איז נישט געווען אין סטיל פון עפּעס א באַקאַנטן פּאָליטישן פּובליציסט. עס איז געווען קלאָר, אז די אונטערשריפט אויפן ארטיקל „יריבס זיידע", איז געווען א פּסעוודאָנים. ס׳זענען נאָך אָנגעגאַנגען די טרעפעונישן ארום דעם בייעם און שארפזיניקן מחבר פון ארטיקל, ווי עס איז דערשינען א צווייטער ארטיקל. ער האָט באַהאַנדלט דעם פּראַגער פּראָצעס און האָט פאַרגעשלאָגן די מפ״ם זיי זאָלן אויסוויילן איינס פון די ביידע: קאָמוניזם אָדער ציוניזם. דערנאָך האָט זיך באוויזן א דריטער ארטיקל, אין וועלכן רוסלאַנד איז באצייכנט געוואָרן ווי א „הויז פון שקלאַפן", און סטאַלין (וועלכער האָט נאָך געהאַט געלעבט) — ווי איינער פון די גרעסטע מערדער אין דער געשיכטע. אין פערטן ארטיקל זענען געקומען צום אויסדרוק אייניקע פאַמיליע־סכסוכים מיט מפ״ם.

דאָס רעטעניש האָט זיך אויפגעדעקט ווען עמיצער האָט זיך דערמאָנט, אז בן־גוריונס טאָכטער, גאולה, האָט א זון וואָס הייסט יריב.

קלאָר, אז דאָס איז געווען דעם אַלטנס וועג פון זאָגן וואָס איז אים געלעגן אויפן הארץ, נישט ברענגענדיק אין סכנה זיין פּאָזיציע אלס פרע־מיער־מיניסטער, און נישט פארוויקלענדיק זיך אין אומבאַקוועמע סיטואַציעס אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער ארענע. ער האָט קיינמאָל זיך נישט מודה געווען, אז ער איז דער מחבר פון די ארטיקלען. אָבער אין איינע פון זיינע רעדעס אין כנסת האָט ער אויסגערופן: „און איצט וויל איך אייך פארלייענען אַן אויסצוג פון אַן ארטיקל אונטערגעשריבן דורך „יריבס זיידע".

דער גאַנצער זאַל האָט ארויסגעפּלאַצט אין א געלעכטער. „איר וועט זיך אוודאי וווּנדערן ווען איך וועל אייך זאָגן, אז כ׳בין מסכים כמעט מיט יעדן וואָרט וואָס דער דאָזיקער מענטש האָט געשריבן".

מאָנטיק, דעם 9 פעברואַר, 10.10 אין אָוונט, דריי טעג נאָכן פאַרעפנטלעכן די אָנגריפס־ארטיקלען אויפן ראַטן־פארבאַנד, איז אריינגעוואָרפן געוואָרן א באָמבע אין הויף פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין תל־אביב. עס זענען געווען פיל פארווונדעטע. די פרוי פון סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר, די פרוי פון איינעם פון דער אמבאסאדעס מיטארבעטער און

א שאָפער, זענען אוועקגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל. דינסטיק האָט בן־גוריון אָפּגעגעבן אין דער כנסת א דערקלערונג בזה הלשון:

„איך מוז מודיע זיין מיט גרויס צער וועגן א געמיינקייט וואָס איז אָפּגעטוען געוואָרן אין ישראל. די כוליגאַנעס וואָס האָבן אויסגעפירט דעם דאָזיקן שמוציקן פאַרברעכן, מער ווי זיי זענען שונאים פון א פרעמדער מדינה, זענען זיי פיינט פון דער יידישער מדינה. אויב דער מכלומרשטער יידישער פּאַטריאָטיזם איז געווען די שטויס־קראַפט צו זייער וואַנזיניקן טאַט, און זייער כוונה איז געווען צו קעמפן פאַר דעם יידישן כבוד — האָבן זיי מיט זייער אומזיניקן פאַרברעכן פאַרשוועכט דעם יידישן כבוד".

מיטוואָך זענען פאָרגעקומען פּראָ־קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציעס, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער ליגע פאַר ישראל־סאָוויעטישער פריינטשאַפט. צוואַנציק דעמאָנסטראַנטן זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. דאָנערשטיק האָט דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד איבערגעריסן די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט ישראל. גאָלדע מאירסאָן, דער געוועזענער ישראל אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, האָט אויסגערופן: „דאָס איז א שווארצער טאָג פאַרן יידישן פאָלק, און ספּעציעל פאַר די סאָוויעטישע יידן".

רבקה זיף, די פּרעזידענטין פון אַלוועלטלעכן וויצ"א, די מוטער פון מארקוס זיף, האָט איינגעלאַדן בן־גוריונען און זיין פרוי צו זיך אויף „וויק־ענד", אין איר רייכער נחלה אין תל־מונד, צפונדיק פון תל־אביב. בן־גוריון האָט, פון זיין זייט, געבעטן פרוי ב. פון ענגלאַנד, זי זאָל זיי באַגלייטן. אויפן וועג צום אויטאָ האָט פרוי ב. געפרעגט בן־גוריונען: „פאַר וואָס האָט איר געוואָלט איך זאָל אייך באַגלייטן?" דער פּרעמיער מיניסטער האָט געשמייכלט: „איך קען דיך אלס א פרוי מיט אנטשיידונגס־כוח. איך ווייס, אז דו וועסט זארגן דערפאַר, אז אונדזער גאסטגעבערין, פאָלא און אלע אנדערע וואָס וועלן דאָרט זיין, זאָלן אָפּהיטן פולשטענדיקע שטילקייט ווי לאַנג איך וועל זיך דאָרט געפינען".

פרוי ב. האָט שווער געהאָרעוועט כדי אויסצופירן די אויפגאַבע. קיין מענטש האָט נישט געזען דעם פּרעמיער מיניסטער, נאָר בעת די מאָלצייטן. שבת־צו־נאַכט איז ער ארויס פון זיין צימער און האָט איינגעלאַדן פרוי ב. אויף א שפּאַציר אין גאָרטן. הינטער זיי האָבן געשפּאַנט צוויי פּאָליציסטן.

תל־מאָנד געפינט זיך אויף דעם שמאָלסטן פּאַס פון מדינת־ישראל. דער ים ליגט 2 קילאָמעטער צו מערב זייט, און די גרענעץ מיט עבר־

הירדן געפינט זיך אין דער ווייטקייט פון דריי־און־א־האלבן קילאָמעטער אויף מזרח־זייט.

פרופ' ב. האָט געוואַרט ביז בן־גוריון וועט אָנהויבן רעדן. די גאַנצע צייט פון שפּאַציר האָט ער געשוויגן. אפילו קיין איין וואָרט איז אין משך פון גאַנצן שפּאַציר נישט געפאַלן. צומאָרגנס האָט דער פּרעמיער מי־ניסטער איבערגעלייענט די טאָג־פּרעסע און איז ווידער אוועק אין זיין צימער, ער האָט א גאַנצן טאָג געאַרבעט.

פאָרנדיק, יענעם אָוונט, צוריק קיין תל־אביב, האָט דער פּרעמיער מיניסטער געזאָגט צו דער ענגלישער פרוי:

„איצט קאָן איך דיר שוין זאָגן פאַרוואָס איך האָב געוואָלט אַבסאָ־לוטע רו. איך האָב געמוזט אָננעמען א באַשלוס אין טאָביאַנסקי־פּראָצעס. איצט בין איך שוין נאָכן באַשלוס און מיר קאָנען רעדן".

יעדער מענטש אין ישראל האָט געוווּסט וועגן דעם טאָביאַנסקי־פּראָ־צעס. מאיר טאָביאַנסקי איז געווען א נידעריקער הגנה־אָפיציר. אין דער צייט פון באַפרייאונגס־קריג איז ער באַשולדיקט געוואָרן אין פאַראַט און איז דורך א מיליטערישן געריכט, פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און איז דערשאָסן געוואָרן.

אין פאַרלויף פון א סך יאָרן האָט די אלמנה אוועקגעגעבן איר גאַנצע צייט און ענערגיע אויף ריינוואַשן איר מאַנס נאָמען. באַזונדערס האָבן זי איר זונס ליידן געשטויסן דערצו. נישט איינמאָל איז דאָס קינד געקומען פון דער שולע און דערציילט, אז חברים אין קלאַס באַליידיקן אים צוליבן פאָטערס פאַרברעכן.

קורץ פאַר בן־גוריונס ארויספאָרן קיין תל־מאָנד, האָט די אלמנה טאָ־ביאַנסקי פאַרענדיקט איר אויספאָרשונגס־אַרבעט און האָט אוועקגעלייגט אויף זיין טיש א פולע אקטן־טעקע מיט דאָקומענטן, וועלכע האָבן לויט איר מיינונג קלאָר פעסטגעשטעלט, אז איר מאַן איז געווען אומשולדיק.

אלס פּרעמיער־מיניסטער און העכסטער אָנפירער פון דער ארמיי האָט בן־גוריון געדאַרפט אָננעמען דעם ענטגילטיקן באַשלוס. ווי נאָר ער האָט דערמאָנט דעם ענין, האָט פּאָלא א פרעג געטוען: „נו, און וואָס האָסטו באַשלאָסן?".

די תשובה האָט מען געקאָנט אָראָפּלייענען פון זיין רויקן פּנים:

„איך בין איבערצייגט, אז ער איז געווען אומשולדיק".

— אויף צומאָרגנס האָט ער געשיקט א בריוו צו פרוי טאָביאַנסקי —

א בריוו, וועלכער האָט געקאָנט זיין געשריבן דורך אברהם לינקאָלן:

„איך בין נישט אימשטאַנד אויסצודריקן מיין טיפן צער... די דריי ריכטער וואָס זענען אָנוועזנד געווען בשעת זיין טויט, דערציילן וועגן זיין שיינער אויפפירונג אין די לעצטע מינוטן... זיינע הענט און די אויגן זענען נישט געווען פארבונדן... ער האָט געבעטן מען זאָל זארגן פאר דער דערציונג פון זיין זון. אין דער שולע ווו דיין זון לערנט, וועט א ספעציעלער פאָרשטייער פון מיליטער אויפקלערן פאר אלע שול־קינדער דעם טראַגישן טעות וואָס איז דאָ פארגעקומען, כדי דיין זונס חברים זאָלן וויסן, אז זיין פאָטער איז אומגעקומען דורך א טראגישן טעות און זיין זון קאָן אויף אים שטאָלץ זיין".

אין יוני איז סעם האמבורג צוריקגעקומען קיין ישראל. בשעת זיין ערשטן באַזוך האָט ער, אויף פערציק דונאם פון זיין מוסטער־ווירטשאַפט פארזייעט בוימוואל. איצט איז ער געקומען זען די פירות דערפון. אין א געוויסן טאָג איז ער דערשינען אין פרעמיער־מיניסטערס ביוראָ, האַלטנדיק אין דער האַנט א פלאנץ. אוועקשטעלנדיק פאר אים דאָס געוויקס האָט ער באגריסט בן־גוריונען:

„זע, מיין הער, איך גלויב, אז עס וועט קומען א טאָג און מיר וועלן זיין א זער חשובער פאַקטאָר אין דער בוימוואל פראָדוקציע אויף דער וועלט. קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך נאָך נישט געזען אזא פרעכטיקן בוימוואָל אין יוני, און איך פלאנץ דאָך שוין בוימוואָל גאַנצע דרייסיק יאָר".

דער פרעמיער־מיניסטער הט גענומען אין האנט אריין די פלאנץ האָט ארומגעטאפט דעם בוימוואָל, געשמייכלט און געזאָגט:

„ישראל דאנקט דיר".

„ניין, הער פרעמיער־מיניסטער", ענטפערט אים האמבורג א צעשטרייטער, „איך דארף דיר דאנקן. איך האָב מיר קיינמאָל נישט פארגעשטעלט, אז בוימוואָל קאָן אויך, אין גייסטיקן זין, זיין שטאַרק וויכטיק. איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אז א קליינער שטח פון פערציק דונאם פעלד איז בוח מיר צו געבן, מער ווי וועלכע־עס־איז אנדערע זאך אין דער וועלט, אזא ווארעם געפיל פון קלאָרן גיין צום ציל, פון בולטער קאָנטינואירונג, פון שותפותדיקן גורל".

אין איינעם פון די ברענענדיקע זומער טעג, ווען דער נגב איז געגליכן צום סאַמע האַרץ פון א פלאַמענדיקן אויוון, ווען אויך דער זאמד ברענט און בריט ביי א בלויזער האַנט־בארירונג, איז בן־גוריון אוועק קיין אילת,

און מיט אים א גרויסע מיליטערישע באגלייטונג. אכציק קילאָמעטער דרומדיק פון באר־שבע האָט זיך די גרופע פארהאלטן אין עבדת, וועלכע איז אויף דער מאַפּע באַצייכנט ווי א פארקערטע פּיראמידע, א סימן, אז עס איז א היסטאָרישער־אנטיקער פּלאץ. אויפן שפּיץ פון א בארג, צוויי־הונדערט מעטער די הויך, זענען פאראנען רעשטלעך פון ביזאנטישע חור־בות און איבערבלייבענישן פון אוראלטע ציסטערנעס, פון וועלכע מען קען ארויסדרינגען, אז אמאָל האָט דאָ געבליט אן אנטוויקלטע קולטור.

בן־גוריון איז געווען אזוי איבערנומען, אז ער האָט ארויפגעקלעטערט אויפן שפּיץ בארג. ער האָט אויסגעטרעטן א וועג פאר אנדערע, און טייל־מאָל האָט ער אזוי שנעל געשפּרייזט, אז זיינע באגלייטער האָבן אים נישט געקאָנט אָניאָגן. אפילו פאר די יונגע מענטשן אין דער גרופּע איז עס געווען א פיזישע אָנשטרענגונג, אָבער דער עכסטער אָנפירער האָט זיך געפילט אין זיין פולער פרישקייט און קיין זאך האָט אים נישט געשטערט: נישט די היץ, נישט די מידקייט, נישט די הייסע מדבר־לופט, נישט דער זאמד וואָס איז אריינגעדרינגען אין די אויגן, און נישט די זון וואָס האָט געבראָטן זיין פּליך — דאָס אלץ האָט פאר אים נישט עקזיסטירט.

אין שכנות פון עבדת האָט די מיליטערישע גרופּע זיך אנגעטראָפן אויף עטלעכע יוגנטלעכע פון א דערבייאיקן קיבוץ, שדה־בוקר. זיי האָבן געזוכט א פּלאץ צו פּאשען זייערע שאָף. שדה־בוקר ליגט אייניקע הונדערט מעטער פון שאָסיי, און בן־גוריון מיט זיינע באגלייטער האָבן זיך אויפן וועג צוריק, דאָרט פארהאַלטן. דער קיבוץ איז געגרינדעט געוואָרן מיט א יאָר פריער דורך צוויי מיידלעך און צוועלף יינגלעך, וואָס האָבן מלחמה־צייט געדינט אין מיליטער, אין נגב. זייערע געגוגנדיקע ידיעות אין אר־כעאָלאָגיע, האָבן זיי קלאָר געמאַכט, אז אמאָל איז דאָ געווען אן אלט־היס־טאָרישע שטאָט. זיי האבן באקומען פון דער יידישער אגענץ אן הלוואה אויף צוואנציק יאָר, און איצט האָבן זיי זיך באמיט צו באווייזן, אז דער מדבר איז ביכולת צו באשפּייזן מענטשן. דער פּרעמיער מיניסטער האָט זיי געשטעלט א ריי ערנסטע פראגן וועגן זייער לעבן דאָ, אין הארץ פון מדבר, און וואָס פאר א כוח האָט זיי דאָ אהער געבראַכט.

ביז דעמאָלט זענען אין שדה־בוקר געווען בלויז א קליינע צאָל היל־צערנע באראקן און עפּעס א פאריתומטער בוים, ארומגענומען מיט שטעכל־דראָט. דאָס לעבן איז געווען פּרימיטיוו און שווער, און טיילמאָל אויך געפערלעך. ווען עס האָט געווייעט א שטורמישער מדבר־ווינט איז שווער

געווען צו זען אפילו די נאָענטסטע זאַך ארום זיך. די אראבער רופן דעם הייסן דרום־ווינט „חאמסין". ער איז אזוי הייס, אז טיילמאָל שמייסט ער אין פנים אריין ווי מיט פלאם־פייער. די מדבר־מענטשן זאָגן, אז א חאמסין קאָן משוגע מאַכן. אנדערע ווינטן הויבן אויף די זאמדן אין דער הויך, פארווירבלען זיי אין דער לופט און דערנאָך דרינגען זיי אריין אין מענטשנס אויגן און אויערן, אין די אַקסן פון די אויטאָ־רעדער, אין די געדערים פון די מאָטאָרן און אין האַלדז און נשמה פון יעדן מדבר־איינוווינער.

דאָ איז געווען א סכנה פון בעדואינישע אָדער מצרישע איבערפאַלן, זייער גרענעץ איז נישט ווייט פון דאנען. איינע פון די מיידלעך, א מיטגרינדערין פון קיבוץ, איז אוועק פאשען די שאָף, און ווען זי האָט זיך געזוימט צוריקצוקומען, זענען מענטשן אוועק זי זוכן. די שפּורן פון די שאָף זענען פארשוואונדן, אָבער זיי האָבן געבראַכט מיט זיך דעם טויטן קערפּער פון מיידל.

אַן אנדערע געפאַר האָט געדראָט מצד דער מצרישן קאָבראַ, די שלאַנג וואָס דרינגט אריין מיט איר גיפט אין דעם נערוון־סיסטעם און טויט אָפּ איר קרבן אין משך פון צוואַנציק מינוט. די חלוצים פון שדה־בוקר האָבן יעדו חודש געכאַפּט צוויי־דריי אזעלכע גיפטיקע שלאַנגען.

די קיבוצניקעס האָבן געגראָבן א ברונעם און האָבן געפונען א טיף וואַסער, אָבער עס איז געווען געזאַלצן, און דעריבער — ווערטלאָז. זיבן חדשים אין יאָר האָט דאָ געהערשט דער האַמסין, אין אַט די טעג, איז די ערד דאָ פארסמאַליעט געוואָרן און האָט געגליט ממש ווי צעהיצטער שטאָל.

אין די פארבליבענע פינף חדשים פון יאָר זענען געווען דריי פארפלייצונגען. זיי האָבן מיט זיך מיטגעשלעפּט די זאמדן, ווי צעגאָסענעם צעמענט. די דאָזיקע יונגע פויערן, געגנוי ווי זייערע אבות־אבותיהם פארצייטנס, האָבן געבויט דאַמבעס, כדי צו שאפן קליינע אָזיערעס מיט וואסער צום באגיסן זייערע פעלדער. טרינק־וואסער פאר מענטשן און בהמות האָט מען געמוזט ברענגען פון דערווייטנס אין אויטאָס. די וואסער־רערן זענען באַך נישט דערגאנגען צום דאָזיקן פארוואָרפענעם ווינקל. די טעמפּעראַטור האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן. עס זענען געווען טעג ווען דאָס וואַסער איז געבליבן פארפרוירן ביז אכט א זייגער אינדערפרי.

אז בן־גוריון איז געקומען צוריק אין זיין ביוראָ, האָט ער צוזאַמענגערופן זיינע מענטשן אויף א זיצונג. ער האָט זיי דערציילט אלץ וואָס ער האָט געזען. „איך בין מקנא די דאזיקע יונגע מענטשן. וואָס פאר א וואונדערבאר לעבן!". שפּעטער פלעגט ער פון צייט צו צייט ארייננוואַרפן

באמערקונגען: „נישטאָ אויף דער וועלט קיין מענטש וואָס מ׳קאָן אים נישט פאַרטרעטן״. „קיינער פון אונדז האָט נישט קיין רעכט צו פאַרבלייבן צו לאַנג אויף זיין פּלאַץ, כדי נישט צו ווערן צו נויטווענדיק״. א צווייט מאָל האָט ער געזאָגט: „די אַלטע דאַרפן געבן א שאַנס די יונגע״. און צום סוף האָט ער געפרעגט פּאַלען:

„וואָס טראַכסטו מכוח לעבן אין מדבר?״

איינמאָל האָט ער זיך אוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אויף יענע קליינע בלעטעלעך זיינע, א בריוו צו די מפא״י. די מענטשן פון ביוראָ האָבן נישט געגלויבט זייערע אייגענע אויגן. בן־גוריון איז געווען אַנוועזנד אויף דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער מפא״י ווען זיין בריוו איז פאַר־געלעזן געוואָרן:

„איך קאָן מער נישט אויסהאַלטן דעם פּסיכישן דרוק אונטער וועלכן איך מוז ווירקן אין דער רעגירונג... זייט זעקס יאָר אַרבעט איך אין העכ־סטער שפּאַנונג און אין ריזיקער גייסטיקער אָנשטרענגונג... ניין, דאָס איז נישט קיין געוויינלעכע מידקייט״...

דערנאָך האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט בדעה צו דעמיסיאָנירן פון זיינע אַמטן אַלס פּרעמיער און קריגס־מיניסטער און זיך באַזעצן אין שדה־בוקר (ער וועט ווייטער בלייבן מיטגליד פון כנסת). לכתחילה זענען די פּאַרטיי־פירער דערשיטערט געוואָרן. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון מענטשן וואָס דער לשון איז זיי אָפּגענומען געוואָרן. דערנאָך האָבן זיי געהאַלטן רעדעס און געבעטן דעם פּרעמיער־מיניסטער ער זאָל ענדערן זיין באַשלוס. איינע פון די פּאַרטיי־חברטעס וואָס האָט פאַרלוירן אירע צוויי זין אין דער באַפרייונגס־מלחמה האָט אויסגערופן: „אויב איך האָב מקריב געווען מיינע צוויי זין פאַרן פאָטערלאַנד, ווי אַזוי קאָנסטו טראַכטן וועגן פאַרלאָזן דיין פּאָסטן פאַרן פאָלק״. די זיצונג האָט זיך געענדיקט און דער פּרעמיער־מיניסטער האָט נישט געהאַט געענדערט קיין וואָרט פון דעם וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אין זיין בריוו.

נאָכדעם ווי די ידיעה וועגן זיין באַשלוס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איז דער ענין געוואָרן די הויפּט־טעמע פון אַלע געשפּרעכן. איינער פון זיינע געשווירענע חסידים אין חיפה האָט געדראָט צו שטרייקן אַזוי לאַנג ביז בן־גוריון וועט ענדערן זיין באַשלוס. פּאָלאַ האָט נישט אויפגעהערט צו ענטפערן אויף טעלעפאָנען און דערקלערן, אַז זי באַדויערט זער, אָבער זי קאָן זיי נישט דערלויבן צו רעדן מיט איר מאַן. עס זענען אָנגעקומען מאַסן בריוו און טעלעגראַמעס.

פאַלעס פערזענלעכע רעאַקציע איז געווען געוני ווי די רעאַקציע פון יעדער איבערגעבענער פרוי, וואָס צווייפלט זעלטן אין איר מאַנס באַשלוס. זי איז שוין אַלט געווען איבער די זעכציק, און איר מאַן זיבן־און־זעכציק. זי האָט געוווּסט, אַז אין קיין שום קיבוץ איז דאָס לעבן נישט לייכט. אַז נישט זי און נישט איר מאַן וועלן קאָנען פאַרטראָגן דאָס לעבן אין דער מדבר. אָבער בן־גוריון האָט שוין געהאַט באַשלאָסן, און זי דאַרף נאָר אָנ־הויבן צו פאַרפּאַקן די חפצים. אפילו די מענטשן וואָס האָבן אים גוט געקאָנט זענען נישט געווען צווישן זיך אייניק וועגן דער אמתער סיבה פון זיין באַשלוס. איינער פון זיינע מיטאַרבעטער איז געווען זיכער, אַז ער האָט געוואָלט זיך קלאָר מאַכן, צי ווערט דעם מענטשנס גייסט אויך אַלט צוזאַמען מיטן גוף, אָדער צי וועט אַ זיבן־און־זעכציק יאָריקער מענטש וואָס האָט שוין פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם עול פון דער טאָג־טעגלעכקייט, פעיק זיין אַריינצודרינגען אין נייע געביטן, אויסהאַלטן נייע אַוואַנטורעס און דאָך בלייבן מונטער און פריש ווי ער איז געווען.

די פּאָפּולערסטע דערקלערונג איז געווען — אַז ער האָט געוואָלט זיין פריי פון אַלע קליינע רעגירונגס־דאגות, כדי צו קאָנען לייענען און שרייבן און אויספאָרמירן זיך אַן אינטעלעקטועלן קיום, אָן די קליינע טרחות.

אַנדערע ווידער האָבן געגלויבט, אַז זיין כוונה איז געווען זיך צו קאָנ־צענטרירן אין דער רויקייט פון נגב, און געפינען לעזונגען פאַר די נוי־טיקסטע פּראָבלעמען פון מדינת ישראל.

אַן אַנדערע מיינונג איז געווען — אַז ער האָט זיך אַנטוישט פון יונגן דור. ער האָט געפילט, אַז דער גייסט פון חלוציות איז געבראָכן געוואָרן. ישראל האָט געהאַט אַ סך גרענעצן אָבער ווייניק גרענעץ־מענטשן. דאָס איז געווען אַ דור פון: מאַסטיק־קייער, ביליקע קינאָ־פילמען, שמינקע־מיידלעך, שונד־ליטעראַטור, און אַנדערע „קולטור־צייכנס״, וואָס דער יונ־גער דור האָט געלעכצט נאָך זיי. ס׳איז נישט קענטיק געווען אין זיי קיין שום ווילן אויפצולעבן אור־אַלטע שטעט אין דער מדבר, — שטעט וואָס האָבן געדרימלט זייט מער ווי טויזנט יאָר.

און נאָך, ס׳זענען געווען מענטשן וואָס האָבן דערקלערט, אַז זיין שריט איז אַ פּראָטעסט קעגן יענע אַלע עולים וואָס האָבן אָנגעפילט די תל־אביבער קאַפע־הייזער, האָבן אין דער שטאָט געעפנט קליינע קרעמלעך און נישט געוואָלט גיין אויפן באָדן. די בעסטע סברה איז געווען — אַז בן־גוריון האָט געוואָלט דינען אַלס ביישפּיל מיט מעשים, אַנשטאָט צו פּראָפּאַגירן זיינע אידעען מיט רייד. בייזע צינגער האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז געווען

בלויז אן אָנשטעל, א טעאַטראַלישער זשעסט. און אַנדערע ווידער האָבן גע־טענהט, אז ער האָט געוואָלט דערמיט באַווייזן זיינע קעגנער אין דער רעגירונג, אז מען קען אויף אים נישט מוותר זיין.

געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזען אין זיין באַשלוס א מין בונטעווען זיך, מחמת ער האָט געמוזט פאַרציכטן אויף א סך פון זיינע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, כדי דער שטראָם פון געלט־שפּענדונגען פון אַמעריקאַנער יידנ־טום זאָל נישט אויפהערן. דער רוב פון די ישראל קיבוצים איז פאַרבונדן מיט פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע גרופּן. שדה־בוקר איז נישט פאַרקניפּט מיט קיין איינע פון זיי, און דערמיט געגעבן אַן אָנדייטונג, אַז ער וויל, דאָס זיין אוואַנטורע זאָל שטיין איבער יעדער פּאָליטישער באַטראַכטונג.

אין פאַרלויף פון די פינף יאָר קיום פון דער מדינה האָט קיין שום געשעעניש נישט גורם געווען צו אַזאַ אויפטרייסלונג אין דער עפנטלעכער מיינונג אין אויסלאַנד ווי בן־גוריונס דאָזיקער באַשלוס. נישט יעדן טאָג גייט א פּרעמיער־מיניסטער, ווען ער געפינט זיך אין שפּיץ פון זיין פּאָ־פּולאַריטעט, גוטוויליק, אין דעמיסיע, און וואַנדערט אַוועק אין הארץ פון מדבר, כדי זיך צו באַזעצן אין א הילצערנעם באַראַק.

פּראָפעסיאָנעלע שרייבער, אין פאַרשידענע הויפּט־שטעט פון דער וועלט, האָבן אויסגעדריקט זייער פאַרשטענדניש און סימפּאַטיע. זיי האָבן געוווּסט פאַרוואָס ער האָט דאָס געטוען. נישט אַנדערש נאָר דאָס אומאויפהערלעכע געקלונגעריי פון די פיר טעלעפאָנען אויף זיין אַרבעטס־טיש, דער גרויסער שטראָם פון אינטערעסאַנטן, די מענגע אינטערוויוען, האָבן אים אַרויס־געפירט פון די כלים. זיי האָבן געוווּסט, אַז די באַנאַליטעט פון די אַמטן, מיט אַלע זייערע צרות, שטערונגען און אָרגאַניזאַציאָנעלע שוועריקייטן, וואָס האָבן שוין נישט איין אָנפירער דערפירט כמעט צו משוגעת, — און דער עיקר האָבן זיי פּאַראַליזירט פיל שעפערישע כוחות, — אַז דאָס אַלץ האָט גורם געווען זיין דעמיסיע.

אייניקע צייטונגען האָבן בן־גוריונען באַגריסט צוליב זיין מוט און זיין עקשנותדיקן באַשלוס, אַנטרונען צו ווערן פון דעם תל אביבער און ירושלימער הו־האַ און טומל. די צייטונגען האָבן דערמאָנט, אַז עס זענען פאַראַנען נאָך עלטערע פּאָליטיקער וואָס ליידן פון אולקוסן און ענלעכע מחלות, און זיי וואָלטן קלוג געטוען ווען זיי גייען אַוועק ערגעצוו, אין סימבאָלישע מדבריות און געבן איבער דעם רודער, אין די הענט פון יונ־גערע און געזונטערע מענטשן. זיי האָבן אויסגעדריקט זייער האָפענונג,

אז בן־גוריון וועט זיי דינען פאר א ביישפיל, נישט גלויבנדיק דעריין, אז עס וועלן זיין נאָכגייער אין בן־גוריונס וועגן.

אויף דעם געזעגענונגס־באַנקעט וואָס די רעגירונג האָט איינגעאָרדנט פאַר זיין כבוד וועגן, איז בן־גוריון צוגעגאַנגען צו פּאָלען, וועלכע האָט אויסגעזען טרויעריק און אומגליקלעך, און האָט איר איינגערוימט אויפן אויער דעם פּסוק פון ירמיה: „זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה". „איך געדענק דיר דיין גינציקייט פון דיין יוגנט, די ליבשאַפט פון דיין כלה־צייט, דיין גיין נאָך מיר אין דער מדבר, אין א לאַנד נישט געזייעט".

דעם 5 דעצעמבער זענען געוואָרן זעקס־און־דרייסיק יאָר פון זייער חתונה. פּאָלא האָט געפייערט דעם טאָג, מיטן איבערגעבן א ירושלימער זשורנאַליסט געוויסע זכרונות פון אמאל און עפּעס וועגן דער צוקונפט: אין פאַרלויף פון די זעקס־און־דרייסיק יאָר איז בן־גוריון געווען „א גוטער מאַן און א ליבער און העפלעכער מענטש". אין משך פון אלע יאָרן האָט ער איר צוגעהאָלפן ביים וואַשן ס'געשיר. ער האָט איר צוגעזאָגט, אז אין שדה־בוקר וועט ער וואַשן אויך דעם דיל. אָבער דאָס וועט זי אים נישט דערלויבן צו טוען. „ער וועט שאַפן א סך, ער וועט זיין פּראָדוקטיוו. ער וועט א סך שרייבן".

דעם 7 דעצעמבער האָט בן־גוריון דערלאַנגט דעם פּרעזידענט בן־צבי זיין דעמיסיע. ער האָט געשריבן:

„א מדינה האַלט זיך נישט אויף איין מענטש, און זיכער נישט אויף מיר... לא אלמן ישראל. דער גורל פון א מדינה הענגט נישט אָפּ דערפון ווער עס וועט זיין דער פּרעמיער־מיניסטער".

„...א פּרעמיער גייט, און א פּרעמיער קומט, און די רעגירונג עקזיס־טירט לויטן געזעץ. ...איך האָף ווי פריער, אז ...מיין אוועקגיין וועט נישט גורם זיין קיין קריזיס... אויף משה שרתן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט צו זיין מיין פאַרטרעטער אלס פּרעמיער־מיניסטער... איך בין זיכער אז מיט דיין פילאָזאָפיקער, מאָראַלישער שטיצע וועט געשאַפן ווערן א נייע רעגירונג וואָס וועט באַקומען די געזעצלעכע באַשטעטיקונג פון דער כנסת, אָן איבעריקע אויפטרייסלונגען".

אין אָוונט האָט דער געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער געהאַלטן אין ראַדיאָ א רעדע צום פאָלק. ער האָט נישט געוואָלט זיין סענטימענטאַל, אָבער זיין שטים האָט עטלעכע מאָל געציטערט, און א סך פון די צוהע־רער זענען געווען איבערגענומען ביז גאָר.

„איך האָב מיך באמיט אויסצופירן מיין פליכט מיט אלע מיינע כוחות, מיט הייליקן ציטער און מיט פיל ליבע, איך קאָן אָבער נישט זאָגן, אז איך האָב אויסגעמיטן פעלערן און דורכפאלן. איך קען מיט א גאנץ הארץ באַכזאגן, ווארט־באַך־ווארט, די רייד פון משורר אין תהלים, קאפיטל קל״א פסוק א׳. „יהוה, לא גבה לבי ולא רמו עיני, לא הילכתי בגדולות ובנפ־לאות ממני״ — „גאָט, נישט האָפערדיק איז מיין הארץ, און נישט דער־הויבן זענען מיינע אויגן, און איך בין נישט אומגעגאַנגען מיט זאכן צו גרויס און פארהוילן פון מיר״. ער האָט פארענדיקט מיט א פסוק — א פאראפראזע פון נביא חבקוק, וואָס קאָן אפשר זיין די בעסטע אויפקלערונג פאר זיין באשלוס אוועקצוגיין פון דער מאַכט:

„א גערעכטער מענטש לעבט אין זיין גלויבן. ער פרעדיקט נישט פאַר אנדערע, ער וויל נישט אָנגיין פאר קיין הייליקן דורך דעם וואָס ער וועקט אנדערע צו לעבן ערלעך, ער וויל נישט זוכן קיין פעלערן ביי זיינע שכנים, ער וויל אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן מקיים זיין דאָס וואָס ער פרעדיקט״.

זונטיק, דעם 17 דעצעמבער, זענען פּאָלא און איר מאן אויפגעשטאַנען פריער ווי געוויינלעך. זיי האָבן נאָך נישט געהאַט באוויזן צו פארענדיקן דאָס פרישטיק, האָבן שוין אָנגעהויבן שטראָמען מאסן באזוכער. דער רוב רעגירונגס־באאמטע און אלטע פריינט וואָס זענען געקומען זיך געזעגענען. דאָס מעבל איז אויפגעלאָדנט געוואָרן אויף א לאסט־אויטאָ פון קריגס־מיניסטעריום, און דזשיפּן מיט סאָלדאַטן האָבן זיי באגלייט ביז שדה־בוקר.

ארויסגייענדיק פון הויז האָט בן־גוריון געפרעגט פּאָלען:

„האָסט מיטגענומען דעם פלאַנץ בוימוואל וואָס סעם האַמבורג האָט מיר געגעבן?״.

פּאָלא האט אים בארויקט. זי האָט די פלאַנץ מיטגענומען.

דער דעמיסיאָנירטער פרעמיער־מיניסטער האָט געבראַכן זיין מנהג און האָט געגעבן די האנט די פּאָליציסטן וואָס האָבן געהאַלטן שמירה ביי זייער הויז אויף די שדרות קרן־קיימת. זיין פרוי האָט יעדן פּאָליציסט געגעבן בן־גוריונס א בילד מיט זיין אייגנהענטיקער אונטערשריפט.

אריינגייענדיק אין אויטאָ האָט בן־גוריון א קוק געטוען אויף די מאסן מענטשן וואָס האָבן זיך פארזאמלט ארום זיין הויז. טרערן זענען געראָנען פון זייערע אויגן. ער האָט אויפגעהויבן צו זיי די האַנט און געזאָגט:

„וויינט נישט, קומט מיט מיר״.

קאפיטל דריי און צוואנציק

לויט אַמעריקאַנישע באַגריפן איז דער נגב לגמרי נישט קיין ריי־זיקער שטח. אין טעקסאַס אליין זענען פאראנען פיר געגנטן וואָס זענען גרעסער ווי די דאָזיקע מדבר־וויסטעניישן פון ישראל. פונדעסטוועגן האָט יענער זאַמדיקער באַרג — שדה־בוקר, וואָס אין זיין שכנות איז אפילו נישטאָ קיין שפייז־קרעמל, אויסגעזען אין פּאָלאַ בן־גוריונס אויגן ווי א פאר־לאָזענער העק, א פארשטויסענער ווינקל.

צו די קינדער און אייניקלעך, שכנים און זייערע קינדער, צו אלע מאָדערנע באקוועמלעכקייטן און צו דער גאנצער ציוויליזאציע, האָט זי זיך איצט אויסגעדרייט מיטן רוקן. אין שדה־בוקר וועט זי האָבן עטלעכע יונגע פרויען, וואָס די עלטסטע פון זיי האָט נאָכנישט דערגרייכט די העלפט פון אירע יאָרן, א פּאָר צענדליק יונגע מענטשן און בן־גוריונען. ער וועט זיין פארטיפט אין זיינע ביכער און פּאַפּירן, מער ווי ווען־עס־איז פריער. זי וועט אין גאנץ שדה־בוקר נישט האָבן קיין איין לעבעדיק באשעפעניש מיט וועמען צו כאפּן א וואָכעדיקן שמועס. אָבער אין איר גרויסער איבער־געבנקייט, האָט זי דאָס אלץ אפילו נישט דערמאָנט.

א צעהוליעטער זאמד־שטורעם האָט זיך צעבייזערט און האָט אָנגע־זאָגט די חלוצים פון שדה־בוקר, אז בן־גוריון מיט זיינע באגלייטער קומען אָן. פּאָלא איז די ערשטע אַראָפּ פון אויטאָ, אירע הענט זענען באלייגט מיט בלומען־קרענץ וואָס מ׳האָט איר געגעבן אין באר־שבע. ווען דער סעקרעטאר פון קיבוץ איז צוגעקומען זיי זאגן „ברוכים הבאים״, האָט אים פּאָלא אוועקגעגעבן אלע בלומען וואָס זי האָט געהאַלטן אין די הענט. „אויב איר האָט א קראנקן, גיט אים די בלומען, אָבער בעסער שטעלט זיי פריער אריין אין וואסער״. מען האָט נישט געמאַכט קיין שום צערעמאָניעס. אלע זענען געקומען העלפן ביים אראָפּנעמען די חפצים פון די לאַסט־אויטאָס. לויט דער פאראָרדנונג פון עקס פרעמיער־מיניסטער, האָט די מיליטער־פּאָליציי מודיע געווען די פּאָטאָגראפן, אז יעדן פון זיי וועט דער־לויבט זיין צו מאכן נאָר איין אויפנאמע, און דערנאָך דארפן זיי זיך אָפּ־טראָגן. ער וויל נישט שטערן די האָרעפּאשנע מענטשן פון שדה־בוקר אין

זייער ארבעט, און פארוואנדלען דאָס קומען זייערט אין קיבוץ אריין אין עפּעס א פייערלעכקייט.

די זשורנאליסטן האָבן געהאַט וואָס צו פרעגן:

„ביי וואָס ווערסטו ארבעטן?"

„כ'האָב קיין אנונג נישט", האָט ער שנעל אָפּגעענטפערט. „דאָס איז א קיבוץ. פאַראַן דאָ א סעקרעטאַר וואָס זאָרגט וועגן דער אַרבעטס־פאַר־טיילונג, איך וועל ארבעטן ביים דעם וואָס ער וועט מיך הייסן". אויף אַנ־דערע פראגן האָט ער געענטפערט נאָך מער אויסמיידנדיק: „נאָר נאָכדעם ווי איך וועל דאָ אָפּזיצן א פּאָר יאָר, וועל איך קאָנען מודיע זיין וועגן דעם וואָס געשעט דאָ, און וועגן די אויסזיכטן אויף דער צוקונפט". אין די אָוונט־שעהן זענען זיך אלע זשורנאַליסטן, פאָטאָגראַפן, פריינט און די צוהעלפערס פאנאנדערגעפאָרן. פאָלא האָט אָנגעטוען א פשוט קליידל, בן־גוריון האָט, מחמת השיבות פון טאָג, געהאַט אָנגעטוען אן אנצוג און א קראוואט. איצט איז ער אַריין אין האַקי־הויזן און בלוזע.

„ברוך־הבא אין שדה־בוקר" האָט ער געזאָגט צו פאָלען מיט א שמייכל. „איך האָף", האָט פאָלא אים געענטפערט מיט ליבשאַפט, „אז דו ווערסט דיך דאָ פילן גליקלעך". דערנאָך האָט זי זיך גענומען מאכן אָרדענונג אין שטוב און ער זיינע ביכער מסדר זיין.

דער ערשטער גאסט אין זייער באראק איז געווען שמי כהן, א יאָט פון פיר־און־א־האלב יאָר, וועלכן מען האָט פארעכנט פאר דעם יינגסטן חלוץ אין שדה־בוקר. ער האָט זיך ארומגעדרייט אין באראק און געפרעגט: „ווער ביסט דו?" „אין בין דער נייער חלוץ". בן־גוריון און פאָלא זענען געווען די איינוווינער נומער ניינצן און נומער צוואַנציק. אז פאָלא האָט צום ערשטן מאָל דערזען זייער באראק האָט זי אין א עלעגישן טאָן געזאָגט: „דער דאָזיקער באראק דערמאָנט מיך אין די הילצערנע הייזקע וואָס איך מיט נאָך עטלעכע חברטעס האָבן געדונגען אויף קוני־איילאנד, אויפן זומער, ווען מיר האָבן געוווינט אין ניו־יאָרק".

דער ברוין־געלבלעכער איינשטאָקיגער באראק, איז געווען פינפצן מע־טער לענג און זעקס מעטער ברייט, און האָט געהאַט דריי צימערן: א באַ־זונדער שלאָף־צימער פאר יעדן פון זיי, און אן ארבעטס־צימער. דאָס איז געווען א פּאַרטיקער שוועדישער באראק. די וועראנדע צום פּראַנט פון צריף, באַענט צום קיבוץ־סעקרעטאריאַט, אויך אן איינפאכער באַראַק, און צום בונקער און פאַרוואלטונגס־הויז. דערנעבן איז געשטאַנען א ראדיאָ־טורעם, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפינען מעטעאָראָלאָגישע מכשירים. אויפן דאך פון

בן־גוריונס באראק איז געשטאַנען אן אינסטרומענט וואָס דער נייער לאָ־קאַטאָר האָט זיך געגרויסט מיט אים פאר אלע געסט: „דאָס איז דער בי־ליקסטער ווארעם־קעסל אויף דער גאנצער וועלט״. דער קעסל איז געווען איינגעאָרדנט אין דער פאָרם פון א שפיגל: ער האָט צוגעצויגן די שטראַלן פון דער ברענעדיקער מדבר־זון, האָט זיי קאָנצענטרירט אין א קליינעם מעטאַלענעם קעסל. אויף דעם אופן האָט דער קיבוץ געקאָנט צושטעלן דער משפחה בן־גוריון א קליינעם קוואַנטום ווארעם וואסער — נישט ווייניקער ווארעם ווי עס שטעלן צו די האָטעלן.

אין שדה־בוקר איז מען אויפגעשטאנען מיטן זון־אויפגאנג: 5.45. בן־גוריונס ערשטע אויפגאבע אינדערפרי, איז געווען איבערצושרייבן די ציפערן פון די מעטעראָלאָגישע מכשירים.

פרישטיק האָט מען געגעסן האלב ניין, מיטאָג, פון האלב איינס ביז איינס און אוונט־ברויט — פון זיבן. די ארבעטס־שעהן זענען געווען: פון זעקס ביז אכט, פון האלב ניין ביז האלב איינס, און פון איינס ביז פיר. אין די אוונט־שעהן האָט מען זיך פארנומען מיט קולטור־טעטיקייטן, מיט פלאנירן פלענער און מיט דרינגנדיקע ארבעטן. אלע האָבן געגעסן אין אלגעמיינעם עס־צימער. א טייל מענער האָבן געטראָגן קורצע האקי־הויזן, אנדערע האָבן געטראָגן לאַנגע הויזן, נאָר געציילטע זענען געווען אָנגע־טוען אין העמדער, בלויז די נייע חברים, וואָס האָבן זיך נאָך נישט געהאַט צוגעוווינט צום מדבר־זאמד, האָבן געטראָגן שיך.

פאָלען האָט מען באשטימט צו דער ארבעט אין קיך און אין קינדער־צימער. אז מען האָט אריינגעברענגט פון שאָסיי פארוווּנדעטע, קרבנות פון א קאטאסטראָפע אָדער פון אראביש איבערפאלן, האָט זי געהאַט די מעג־לעכקייט אויסצונוצן די מעדיצינישע פראקטיק וואָס זי האָט באקומען אַלס קראנקן־שוועסטער. (ביים אָנהויב איז אין שדה־בוקר נישט געווען קיין דאָקטאָר; שפעטער צו, ווען די כנסת האט אָנגענומען א געזעץ, אז קיין שום דאָקטאָר וועט נישט באקומען קיין דערלויבעניש צו פראקטיצירן, כל־זמן ער וועט נישט אָפּארבעטן א יאָר אין איינעם פון די ווייטע ישובים, האָט שוין שדה־בוקר אויך באקומען א דאָקטאָר).

גאזעלן, פיקסן און שאַקאַלן האָט מען געזען און געהערט, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. אין שדה־בוקר זענען געווען איבער הונדערט דונאם פערסיקעס, וויינטרויבן און גרינסן, אָבער די מערהייט זענען געווען פאשע־פעלדער. דער קיבוץ האָט געהאַט א פּאָר הונדערט שעפסן, צוויי קי, א טוץ אראבישע און יוגאָסלאווישע פערד און עטלעכע טויזנט הינער. די מענטשן

פון שדה־בוקר האָבן געשוירן זייערע שעפסן, געקעמט און געפּאַרבט די וואָל און פון די פעל געמאַכט דיוואַנעס. איינמאָל אין חודש איז א לאַסט־אויטאָ אָפּגעגאַנגען קיין תל־אביב, כדי צו ברענגען שפּייז פאַרן קיבוץ. זייערע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן האָבן געקאָנט אויפכאַפּן נאָר תל־אביב און קאַהיר. באַוואַסערן האָט מען געקאָנט נאָר צווישן האַלבער נאַכט און זון־אויפגאַנג. אין אַנדערע שעהן פון טאָג האָט געבלאָזן אַזאַ שטאַרקער ווינט, אַז דאָס וואַסער האָט זיך צעגאָסן אויף אַלע זייטן. עלעקטרישע־קראַפט איז געווען בלויז אין משך פון זעקס שעה אין טאָג, און וואַסער האָט מען יעדן צוגעטיילט אין קליינע פּאָרציעס. די וויכטיקסטע מתנה וואָס דער קיבוץ האט געמאַכט פאַלען איז געווען, א קליינער אייז־קאַסטן וואָס האָט געאַרבעט אויף נאַפט. לכל הפחות, איינער פון פינף מענטשן אין קיבוץ איז געשטאַנען אויף טאָג און נאַכט־שמירה באַוואָפנט מיט א מאַשין־געווער. אויסער דעם דערמאָנטן מיידל איז דערמאָרדעט געוואָרן נאָך איין יונגער קיבוצניק.

זיינע אויפגאַבן אין קיבוץ האָט בן־גוריון דערפילט בלויז ביז מיטאָג. די רעשט צייט איז ער געווען פאַרנומען מיט שרייבן. נאָכן אָוונט־ברויט איז ער צוריק אַוועק צום שרייבן; פאַרן שלאָפן האָט ער א שעה־צוויי געלייענט. דער קיבוץ האָט אים צוגערשט באַשטימט צו פעלד־אַרבעט און דערנאָך אַלס פּאַסטוך. פּאָלאַ האָט אויסער אירע אויפגאַבן אַלס חברטע אין קיבוץ, געזאָרגט פאַר איר ווירטשאַפט — זי האָט גערייניקט, געוואַשן, געשווענקט און געפּרעסט די גאַנצע וועש וואָס איז צוריקגעקומען פון דער קיבוץ־וועשעריי. ווער עס האָט באַזוכט בן־גוריונען אין שדה־בוקר האט געקאָנט באַמערקן נייע שטריכן אין די באַציונגען צווישן אַלטן פּאָרפּאָלק. איינער פון זיינע נאָענטסטע מקורבים האָט געזאָגט: „איידער בן־גוריון האָט זיך באַזעצט אין מדבר, איז געווען פאַר אים זעלבסטפאַרשטענדלעך, און קיינמאָל האָט ער נישט געצווייפלט אין דעם, אַז פּאָלאַ שטייט שטענדיק „גרייט" און זאָרגט פאַר אַלעם וואָס ער האָט נויטיק. דאָ אָבער, אין שדה־בוקר, ווו זיי זענען כמעט שטענדיק געווען צוזאַמען, האָט ער צום ערשטן מאָל תופס געווען וואָס פאַר א ריזיקע אַרבעט עס ליגט אויף איר, און ער האָט אויך פאַרשטאַנען וואָס פאַר א גרויסן קרבן זי האָט געבראַכט פאַר אים, פאַרלאָזנדיק תל־אביב און ירושלים. זיין רעאַקציע איז געווען — פאַרשטענדניש און אויפמערקזאַמקייט פאַר איר, א סך מער ווי ער האָט אַמאָל געקאָנט איר אַרויסווייזן.

דאָס מדבר־לעבן געהאַט האָט אויף אים אַן איינפלוס; ער איז געוואָרן

ווארעמער און פריינטלעכער לגבי אלע ארומיקע. אמת טאַקע, אויך דאָ זענען אים אידעען, נאָך אַלץ געווען נענטער ווי מענטשן, אָבער צווישן דער דאָזיקער קליינער גרופּע חלוצים, אין הארץ פון מדבר, האָט ער זיך געפילט נענטער צו א גרעסערן קרייז מענטשן ווי ווען־עס־איז, אין די יוגנט־יאָרן, ווען ער איז געווען א חלוץ אין גליל. מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, אז די דאזיקע באַציונגען, פון בין־אדם־לחברו, האָבן אים פארשאפט נחת־רוח. אין יאנואר איז אָנגעקומען א נייע חלוצה, דאָס איז געווען רות אלעקסאנדראָווסקי־גלעדי, א שווארץ־האָריקע און בלוי־אויגיקע סאברע, אין עלטער פון פיר־און־צוואנציק יאָר. זי האָט מיט בן־גוריונען נישט איינמאָל געארבעט צוזאַמען, און באלד זענען זיי געוואָרן פריינט. זי איז אין זיינע אויגן געווען דער סימבאָל פון דער ישראל יוגנט: פעסט־געבויט, שיין, אינטעליגענט און אומדערשראָקן.

זי האָט קיינמאָל נישט גערעדט מיט אים, אויב ער אליין האָט נישט אָנגעהויבן דער ערשטער רעדן צו איר. נישט איינמאָל זענען אין זייער בשותפותדיקע ארבעט אוועק לאַנגע, שטומע ארבעטס־שעהן, ווען זיין געדאַנק האָט געוואַנדערט אין ווייטע וועלטן. פלוצים ווענדעט ער זיך צו איר מיט א פראגע: „פאַר וואָס זענען אין נגב נישט פאראנען קיין טויזנטער אזעלכע ווי דו? וואָס האָט פאסירט מיט דער ישראל־יוגנט?". זי האָט אים געפּרווּוט דאָס דערקלערן. איינמאָל האָט זי געזאָגט: „אין דער מלחמה צייט האָבן מיר אדורכגעלעבט צייטן פון העלדישער גבורה, נישט אמת? דערנאָך איז אונדז עפּעס ווי פארלוירן געגאנגען, און איך ווייס נישט וואָס. מעגלעך, אז די סיבה איז אין דעם — וואָס מיר האָבן שוין נישט געהאַט פאר וואָס מורא צו האָבן, און אפשר דערפאר וואָס מיר זענען געוואָרן פויל, אָדער, ווייל מיר האָבן אָנגעהויבן לעכצן נאָך אַ לייכט לעבן; און מעגלעך דערפאר וואָס מיר האָבן גענומען צופיל ארייַנטראכטן אין נישט־וויכטיקע זאכן".

פון זייערע געשפּרעכן איז בן־גוריונען קלאָר געוואָרן, אז רות האָט פארבראַכט א יאָר צייט אין אמעריקע, אין לאנדווירטשאַפטלעכע פערמעס אין די שטאַטן אָהאַיאָ און דזשאָרדזשיאַ, אז ער קאָן איר פאָטער וואָס איז געקומען אין לאַנד אריין מיט דער צווייטער עליה — פון קישיניעוו.

פאָלא און רות האָבן אפט גערעדט צווישן זיך ענגליש, איינע מיט אַ ברוקלינער אויסשפּראַך און די צווייטע, מיט אַ געמישטן אַקצענט וואָס האָט דערמאָנט די געגנטן פון אָהאַיאָ און דזשאָרדזשיאַ.

בן־גוריונס און פאָלעס באזעצן זיך אין שדה־בוקר האָט געשאפן א

ריי פּראָבלעמען פארן קיבוץ. אין שיינע טעג פלעגן קיין שדה־בוקר עולה־רגל זיין — טראָץ דער ווייטקייט און אָפּגעזונדערטקייט — כל־ער־ליי אויסלענדישע טוריסטן, רעגירונגס־באאמטע, זשורנאַליסטן, פאָטאגראַפן און סתם בכבודיקע געסט. עס זענען געווען טעג ווען עס זענען זיך צוזאמענגעקומען עטלעכע געסט־גרופּעס אין קיבוץ אריין, און מען האָט זיי געמוזט נישט נאָר אויפנעמען מיט שפּייז, נאָר אויך געבן נאַכטלעגער. עס איז געשטאַנען נאָך א שווערע פראגע: ווי אזוי זאָל מען זיך ווענדן צו די בייע חברים. די איינוווינער פלעגן זיך רופן איינער דעם צווייטן ביים נאָמען, אָבער מיט זיי, מיט בן־גוריונען און פּאָלען...

סוף פעברואר האָט בן־גוריון מסכים געווען אויפצונעמען די זשורנאַליסטן אויף אן אינטערוויו. זיי האָבן אים געפונען א געזונטן, א פריילעכן און אָפּגעברענטן פון דער זון. ער האָט זיי איינגעלאַדן צו זיצן אויפן גראָז. „עס איז גוטע ערד, און עס איז קיין שום חרפה נישט צו זיצן אויף איר".

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ענטפערן אויף פראגן פון לויפנדיקן פּאָליטישן כאראקטער. אָבער אויסער דעם איז ער געווען זער פריינטלעך, און אויך אָפנהארציקער ווי ווען אמאָל, אין באַציונג מיט ישראל זשורנאַליסטן. ער האָט אפילו ארייגעפירט א הומאָריסטישן טאָן אינעם אינטערוויו: „איך בין נישט קיין רעגירונגס־מיטגליד, איך בין בלויז א כנסת־חבר וואָס ארבעט אין שטאַל". ענטפערנדיק אויף א פראגע וועגן זיין ארבעט, האָט ער געזאָגט: „אין דער שעה גיב איך אכטונג אויף די קינדער און היט די ציגן אין זייערע ארומצוימונגען". ער האָט נישט געוואָלט רעדן וועגן זיין פערזענלעכער צוקונפט. אָבער וועגן דער צוקונפט פון נגב האָט ער געזאָגט: „עס וועט קומען א טאָג ווען דער דאָזקער שטח, אין זיין גאנצער ברייט, וועט פארוואנדלט ווערן אין א הויפּט־צענטער פאר דער ישראל־באפעלקערונג; דאָס איינציקע פּראָבלעם איז וואסער". ער האָט זיך איינגעקוקט מיט ליבשאַפט אין דער שדה־בוקר חברה וואָס איז געשטאַנען ארום אים און האָט צוגעגעבן: „די מענטשן דאָ אין נגב זענען אביסעלע משוגע, אָבער צופעליק האָב איך ליב משוגעים".

אין אן ארטיקל וואָס ער האָט אין מערץ פארעפנטלעכט אין „ניו־יאָרק טיימס" אונטערן קעפּל: „פארוואָס בין איך אַוועק אין מדבר", האָט ער געשריבן:

„אויב כוח איז נישט קיין ציל פאר זיך, נאָר א מיטל צו דינען דעם פאָלק, דארף יעדער פאראנטוואָרטלעכער מלוכה־מאן אמאָל זיך פרעגן:

אפשר גאָר איז ער אַליין געפאַלן אַ קרבן פון רוטין און געוווינהייט? צי איז ער נאָך פעיק זיך צו ראַנגלען מיט דערווירקלעכקייט? צו איז ער געצוווּנגען דורכגעדרינגען מיטן באַוווּסטזיין פון דעם פשוטן בירגער אין לאַנד, וואָס סוף־כל־סוף איז אַלץ אָפּהענגיק נאָר פון אים? אַ פּאָליטיקער וואָס באַטראַכט זיך אַלס דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר וואָס באַשטימט דעם גורל פון זיין לאַנד, איז שעדלעך און געפערלעך. און אויב דער אומאויפהערלעכער דרוק און די צו־לאַנגע דינסט האָבן אים באַרויבט, אָדער האַלטן ביים באַרויבן פון דער פרישקייט פון זיינע אָנשויוּנגען און פּערספּעקטיוון, איז קלאָר, אַז די ערנסטקייט וואָס מוז באַגלייטן זיין יעדע דעציזיע, מוז געבראָכן ווערן. ער וועט געניגט ווערן צו באַהאַנדלען שווערע פּראָבלעמען מיט אויסגעדראָשענע ווערטער און אָן דער געהעריקער נויטיקער ערנסטקייט. און ווען דאָס פּאַסירט, איז בעסער, אַז ער גייט אַוועק...“

אינעם צווייטן טייל פון זיין אַרטיקל האָט ער גערעדט וועגן זיינע צוויי ליבעס: ערד־אַרבעט און ביכער.

„לויט מיין מיינונג איז דער נאַטור־פּייזאַזש און די סביבה, מער ווי עפּעס אַנדערש צוגעפּאַסט פאַרן מענטש. וואָס מער ער רייסט זיך אָפּ פון דעם קינסטלעכן לעבן, פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, און שטעלט זיך אַוועק אויג־אויף־אויג מיט דער ערשטיקער, ווילדער אור־פּראַכט פון דער נאַטור, ווי זי איז באַשאַפן געוואָרן פון בורא העולם, אַלץ מער וועט ער קאָנען באַנעמען דעם אמת פון דעם באַשאַף און זיין אייגענע באַשטימונג אויף דער וועלט“.

ער האָט געזאָגט, אַז עס איז נישט קיין צופאַל וואָס די תורה איז געגעבן געוואָרן אין מדבר און וואָס משה רבינו האָט אַרומגעפירט זיין פאָלק אינעם מדבר, און ער האָט זיין אַוועקגיין דערקלערט בזה הלשון:

„סוף־כל־סוף איז פאַראַנען פּלאַץ נאָר פאַר איין פּרעמיער־מיניסטער, אָבער פאַר מענטשן וואָס באַלעבן און באַפרוכפּערן וויסטענישן איז פאַראַנען פּלאַץ פאַר הונדערטער, און טויזנטער, און אפילו פאַר מיליאָנען. דער גורל פון דער מדינה ליגט נישט אין די הענט פון אַ יחיד, נאָר אין די הענט פון אַ רבים. עס פּאַסירט, אַז דער יחיד פילט, אַז דער גורל האָט אויף אים אַרויפגעלייגט צו טוען מעשים, וואָס נאָר דער כלל קאָן און איז פאַרפליכטעט צו טוען“.

אין מאַי האָט זיך אָנגעהויבן דער „גז“, — דער סעזאָן פון שערן די שאָף. בן־גוריון האָט זיך פיזיש געפילט געזונט און שטאַרק. ער און רות האָבן געאַרבעט האַנט־ביי־האַנט. ער האָט לייכט געקאָנט אויפהויבן זעכציק־

קילאַדיקע שעפסן, זיי אוועקלייגן אויפן טיש, און דערנאָך האָבן זייביידע, ער און די סאַברע, אָפּגעשווירן די וואָל. ער האָט אָבער געהאַט פאַרגעסן, אַז ער איז שוין אַלט זיבן־און־זעכציק יאָר, און אַז שוין זייט יאָרן פילט ער אַ ווייטיק אין רוקן. לסוף איז עד קראַנק געוואָרן, און היות, אין שדה־בוקר איז נישט געווען קיין דאָקטאָר, האָט מען אים געמוזט אַרי־בערפירן אין אַ שפּיטאָל, אין דער געגנט פון תל־אביב.

ערשט נאָך דריי וואָכן ליגן אין שפּיטאָל האָבן זיינע דאָקטוירים באַוויליקט צו באַשטעטיקן, אַז זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך אויף אַזוי־פיל פאַרבעסערט, אַז ער קאָן שוין צוריק גיין צו זיין חלוצישן לעבן.

אין יענע טעג פון „גז" האָט אים רות פאַרטרויט אַ סוד — אין יוני וועט פאַרקומען איר חתונה מיט זאב שטיינהאַרט, אַ יונגער און הויכער חלוץ. זי האָט געוואָלט, אַז בן־גוריון זאָל זיין פון די ערשטע וואָס וויסן דעם סוד. „ווי גוט איז זיך צו פאַרליבן אין דער מדבר" האָט זי געזאָגט. אין יענע טעג איז פּאָלא קראַנק געוואָרן אויף אַ געלענקען־ענטצינדונג. מען האָט זי אַריינגעגעבן אין „הדסה" שפּיטאָל, אין ירושלים, און נאָכדעם ווי זי איז צוריקגעקומען קיין שדה־בוקד האָבן באַזוכער אָנגעהויבן שטראָמען צו זיי. עס איז געקומען סעם האַמבורג און האָט געבראַכט אַן אומגעווינלעכע מתנה — אַ קליין פּעקעלע בוימוואָל. אַז ער האָט עס אַוועק־געלייגט אויפן טיש, איז פּאָלא אַריין אין צימער און געפרעגט: „וואָס איז דאָס?". איידער האַמבורג האָט אָנגעהויבן אויפצוקלערן, האָט איר מאַן געזאָגט: „פּאָלא, דאָס איז איצט די וויכטיקסטע זאַך אין ישראל". ווען ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער דאָזיקער פּרוכט פון דער ערד, אויף וועלכער ספּעציאַליסטן האָבן געזאָגט, אַז זי איז אַבסאָלוט ווערט־לאָז, האָט זיך אין זיינע אויגן געזען אַ ווייטער בליק, אין דער צוקונפט. האַמ־בורג האָט שוין איינציקע מאָל געערעדט וועגן דעם, מען האָט געקאָנט לייכט זיך אָנשטויסן וועגן וואָס ער איז אַזוי פאַרטראַכט: כבוד פאַר דער אַרבעט, דאָס שטאָלצקייט־געפיל, אין דער דערגרייכונג פון דער פּראַצע, דאָס אָפּשאַצן די וויכטיקייט פון אַ בוימוואָל־פעלד, אַ מאַנדל־גאָרטן, אַ פּרדס, אַ פעלד מיט צוקער־באַמבוסן — דאָס זענען געווען די זאַכן וואָס ער האָט געוואָלט לערנען זיין פאָלק. האַמבורג איז מיט אים געגאַנגען צו די שעפסן און האָט געזען ווי דער דעמיסיאָנירטער פּרעמיער־מי־ניסטער, מיט די זילבערנע האָר, קאַרמעט די שאָף מיט גערשטן". „ווען איך האָב אויף אים געקוקט האָב איך געטראַכט וועגן גאַנדין מיט זיין וועב־שטיל", האָט האַמבורג געזאָגט צו זיינע פריינט: „איך האָב געטראַכט

וועגן די יידישע נביאים — דאָרט אין די שאָף־שטאַלן פון שדה־בוקר האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז איך געפין מיך אין דער מחיצה פון ריינעם מענטשלעכן גייסט, אין זיין דערהויבנסטער אנטפלעקונג".

אן אנדערער גאסט איז געווען או־נו, דער פרעמיער־מיניסטער פון בורמאַ. זיין לאנד, אזוי ווי ישראל, האָט זיך געהאַט געפינען אונטער דער בריטישער השפעה, בורמאַ — אין משך פון דריי הונדערט יאָר, ישראל — בלויז דרייסיק יאָר. א חודש פאר דער אָפּשטימונג אין דער אונ"א וועגן דעם חלוקה־פּלאַן, וואס האָט דערפירט צו דער יידישער זעלבסט־שטענדיקייט, איז אין לאָנדאָן אונטערגעשריבן געוואָרן אן אָפּמאך וועגן בורמאס זעלבסטשטענדיקייט. זי איז געווען די אכט־און־פופציקסטע מדינה וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין דער אונ"א, ישראל — די ניין־און־פופ־ציקסטע. די פּולמאכטן פון בורמישן פרעזידענט זענען באַגרענעצט ממש ווי די פולמאכטן פון ישראלס פרעזידענט. איןביידע לענדער איז דער פרעמיער־מיניסטער דער אמתער פירער. או־נו איז געווען פרעמיער־מיניסטער אין בורמא פונקט אזוי לאנג ווי בן־גוריון האָט פארנומען דעם אַמט אין ישראל. און ווען די צוויי מענטשן האָבן ארומשפּאַצירט אין קיבוץ, האָבן זיי צווישן זיך גערעדט וועגן די דאָזיקע ענינים.

נישט לאנג צוריק האָט מען אין שדה־בוקר געהאַט פארפלאַנצט אייניקע עקאַליפּטוסביימער, בן־גוריון האָט זיי, מיט שטאָלץ, געוויזן זיין גאסט. או־נו האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „אין בורמא האָבן מיר צו פיל ביימער. א שפע פון ביימער קאָן אמאָל ערגער זיין ווי א מאנגל אין זיי. לאָמיך דיר פאָרלייגן זאָלסט גלייך זיי אויסרייסן, ווי לאנג ס'איז נאָך נישט צו שפעט".

בן־גוריון האָט אים געוויזן די דאמבעס וואָס מ'האָט געהאַט געבויט כדי איינצוזאמלען דאָס רעגן־וואסער. או־נו האָט ווידער אמאָל געשאָקלט מיטן קאָפּ: „בורמאַ'ס גרעסטע דאגה איז — דער איבערפלוס פון וואסער. מיר מוזן זוכן מיטלען ווי אזוי פון דער שפע פטור צו ווערן". דערנאָך זענען זיי צוריק אוועק אין דער ברוין־געלבלעכער האָלץ־כאַטע, און האָבן געשמועסט וועגן נאָך פארשידענע טיפע ענינים.

בן־גוריון האָט געוואָלט רעדן מיט דעם מענטש וואָס שטאַמט פון א לאנד וווּ בודא איז פארגעטערט, וועגן רעליגיע און פילאָזאָפיע. ער האָט געוואָלט אים קלאָר מאכן זיין טעאָריע, אז אינדיע, גריכנלאנד און ישראל, זענען די דריי לענדער וואָס האָבן געגעבן דער מענטשהייט זייערע אייביקע ווערטן: „שטענדיק האָב איך געאכטעט בודאן אלס איינעם פון די צען

פּערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע". זיי האָבן גערעדט וועגן דער עב־לעכקייט פון בודאס מאָראַלישע פּרינציפּן צו די עשרת דיברות. זיי האָבן אנגעהויבן מיט דער אנטיקער־צייט, און זענען אוועק צו דער נייער וועלט. און בשעת זיי האָבן ארומגערעדט די וויכטיקייט פון די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, האָט בן־גוריון געזאָגט: „די וויסנשאַפט באַמיט זיך צו אַנט־דעקן די סודות פון דער נאַטור, זי קאָן אבער דעם מענטש נישט אָנווייזן דעם וועג אויף וועלכן ער דאַרף גיין". או־נו האָט צוגערעדט זיין גאַסט־געבער ער זאָל לייענען די „ניקאַיאַ", דאָס זענען שאַפונגען וועגן די רעליגיע־פּרינציפּן, וואָס זענען א טייל פון „טריפּטי־טאַקאַ", די הייליקע ספרים וואָס האָבן געפּרעדיקט בודיזם, אין דער פאַר־בודא תקופה. זיי האָבן גערעדט וועגן או־נו׳ס גלויבן אין השארת־הנפש און וועגן זיין געדאַנק, אַז א מענטש גייט פאַראויס פון איין וועלט אין דער אַנדערער, ביז ער פאַרוואַנדלט זיך אין א פאַרפולקאָמטן הייליקן, און צום סוף ווערט ער א בודאַ.

או־נוס באַזוך אין שדה־בוקר האָט געעפנט א נייע תקופה פון ענגער ווירטשאַפטלעכער צוזאַמענאַרבעט צווישן די צוויי, אַזוי ווייטע לענדער. דער באַזוך האָט אויך סטימולירט בן־גוריונען זיך צו פאַרטיפן אין די רע־ליגיעס און פילאָזאָפיעס פון די מזרח־פעלקער. עס איז א באַגעגעניש וואָס בן־גוריון האָט זי תמיד דערמאָנט מיט צופרידנקייט. צום אכטן־יאָר־טאָג פון בורמאס אומאָפּהענגיקייט האָט ער געשריבן א בריוו צו או־נו: „דיין אומפאַרגעסלעכער באַזוך, בשעת וועלכן איך האָב געהאַט די זכיה דיך גוט צו דערקענען... איז געבליבן טיף איינגעקריצט אין מיין האַרץ... איך שעץ שטאַרק די פּערזענלעכע לעקציע וואָס דו האָסט מיר געגעבן וועגן בודיזם, און איך לייען די ניקאַיאַס מיט גרויסן גייסטיקן תענוג".

אין שדה־בוקר האָט בן־גוריון געשריבן הונדערטער טויזנטער ווער־טער. ער האָט געשריבן אַרטיקלען פאַר צייטונגען און זשורנאַלן אין יש־ראל, פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, דרום־אפריקע און אַנדערע לענדער. זיין הויפּט ליטעראַרישע ארבעט איז געווען דאָס רעדאַקטירן א בוך: „ישראלס אנטשטייען און איר באַשטימונג". עס איז א זאַמלונג פון עסייען און רעדעס וואָס ער האָט געהאַלטן אין די יאָרן 1915 — 1952. דאָס דאָ־זיקע בוך — פון 539 זייטן — איז דערשינען אין אמעריקע און אין ענגלאַנד. זיין שרייבן האָט אַרומגענומען ברייטע שטחים. אין אייניקע עסייען האָט ער גערעדט, מיט זיכערקייט און גרויסער האָפענונג וועגן דער צו־קונפט — די מדינה איז געשטאַנען פאַר דער תקופה פון אויסנוצן דעם

כוח פון דער זון, און דער נגב האָט אַן אומענדלעכן קוואַנטום פון דאָזיקן זון־כוח. ער האָט אויך געהאָפט, אז בקרוב וועט מען קאָנען פארזיסן דאָס פארזאלצענע ים־וואסער און מען וועט עס ארײנשטראָמען אין נגב ארײן, דעמאָלט וועט דער מדבר פארוואנדלט ווערן אין א באוואסערטן שטח און וועט שפּײזן מאסן מענטשן און פי.

אין א בריוו וואָס ער האָט געשריבן צו די ישראל לערער האָט ער געבראכט צום אויסדרוק זײן מײנונג, אז יעדער אײנער פון זײ דארף יעדעס יאָר זיך באטײליקן עטלעכע טעג אין מיליטער, אין גרענעץ־ישו־בים און אין פארוואָרפענע, אײנזאמע נגב־פונקטן. פאר א זשורנאל פון קלאַסישער ליטעראטור האָט ער געשריבן אַן עסײ וועגן פּלאַטאָנען, און אין דאָזיקן ארטיקל האָט ער זיך ווידער ארויסגעוויזן אלס א קעמפערישער סאָציאַליסט.

אין אײנעם פון די דאָזיקע ארטיקלען האָט ער דיסקוטירט מיט „בישט ווײניק מענטשן צווישן אונדז וואָס לײגן זײער גאנצע האָפענונג אויף פּריוואטער איניציאַטיוו, דאָס הײסט אויף יאָגעניש נאָך געלט, און ווילן בויען אונדזער גאנצע צוקונפט אויף פּריוואטער איניציאטיוו". ער האָט באשולדיקט די דאָזיקע מענטשן, אז זײ שטעלן אין א סכנה דאָס פאָלק און דאָס לאנד, ווײל מיט געלט אלײן קאָן מען העכסטנס אויפבויען א ײדישע קאר־טאָגאָ, און זי וועט נישט אויסהאלטן אפילו אזוי לאנג ווי עס האָט אויס־געהאַלטן די כנענישע קארטאָגאָ. יענע אלטערטימלעכע קארטאגא איז אָפּ־געמעקט געוואָרן פון דער ערד, מחמת הינטער חאַניבעלן איז נישט מער געשטאַנען ווי א גרויסע שטאָט מיט סוחרים און הענדלער, וואָס זײער אָפּגאָט איז געווען געלט און פריוואט־איניציאטיוו. זײנע קעגנער אָבער זענען געווען פּוערים, אײנגעוואָרצלטע אינעם באָדן. די פּריוואט איני־ציאטיוו וועט נישט פאראײניקן דעם גלות, וועט נישט פארוואנדלען דעם מדבר אין א בליענדיקן, זאַטן גאָרטן, וועט נישט שאפן קײן העברעישע קולטור וואָס זאָל זײן געוואַקסן דעם עם־הספר, און זיכער וועט נישט גע־שאפן ווערן קײן נײע געזעלשאפט.

מיט אַ צײט שפּעטער האָט ער זיך אויסגעדריקט אויף א מער פאָר־זיכטיקערן אופן. ער האָט געטענהט, אז אין ישראל איז פאראנען פּלאַץ פאר קבוצות, קיבוצים און מושבים, און אז מען דארף דערמעגלעכן יעדן וואָס וויל גײן אויפן באָדן, צו לעבן אין אזא ווירטשאַפטלעכן סיסטעם וואָס אַנטשפּרעכט אים. דער יוגנט האָט ער געגעבן די לאָזונג: „קײן אילת!". אָבער ווען ער האָט זיך אײנגעקוקט אין האָריזאָנט האָט ער אויפן שאסײ

געקאנט זען בלויז א קליינע באוועגונג וואָס ציט זיך דרומדיק פון שדה־בוקר. עס איז נישט געווען קיין מאסן־באוועגונג פון די שטעט, און די יוגנט איז אים נישט נאָכגעגאנגען מאסנווייז. עס איז נישט געווען קיין באַדייטנדיקער וווקס פון דער באפעלקערונג אין די קיבוצים און אין די גרענעץ־ישובים, מאסן האבן נישט מארשירט אויף דרום. און פונדעסטוועגן איז נישט ריכטיק צו זאָגן, אז די גאנצע אונטערנעמונג האָט באדייט א שווערן דורכפאל, ווי עס האָט זיך געקאָנט דאכטן.

אין יאָר 1954 האָט בן־גוריון אריינגעבראכט אין יעדן מענטש אין ישראל דאָס מדבר־באוווסטזיין, די דערקענונג פון די גרויסע מעגלעכקייטן וואָס ער אנטהאלט אין זיך, און אין זיין אומפארמיידלעכן אָרט אין דער צוקונפט פון מדינת־ישראל.

אין תל־אביב האָט א פשוטער שוסטער פארהאלטן ברוך טל, איינער פון בן־גוריונס מקורבים, און אים געפרעגט צי ער קאָן אים געבן די מאָס פון בן־גוריונס פיס. ווען ברוך טל האָט אים געפרעגט, צו וואָס ער דארף האָבן די מאָס, האָט דער שוסטער געזאגט: „איך האב פיל געטראכט וועגן זיין לעבן אין וויסטן מדבר. מ׳האָט מיר געזאָגט, אז די נעכט זענען דאָרט זער קאַלטע, און איך טראכט וועגן אים און וועגן זיינע צרות: ער איז שוין נישט יונג; ער איז עלטער פון מיר, און פונדעסטוועגן פייניקט ער זיך דאָרט אין יענעם פארוואָרפענעם מקום, און איך, א פשוטער חבר, לעב מיר באקוועם אין תל־אביב. האב איך מיר געזאָגט: לאָמיך אים אויפנייען א פאָר שיך, דאָס וועט באַרויקן מיין געוויסן״.

קאפיטל פיר און צוואנציק

אָנפאנגס 1955 איז די ארבעטס־מיניסטאָרין, גאָלדע מייערסאָן, אוועק קיין שדה־בוקר כדי איבערצוגעבן בן־גוריונען וועגן די שוועריקייטן וואָס זיינע חברים אין דער רעגירונג האָבן אויסצושטיין, אין זייערע באמיונגען אויפצוהאלטן די קאָאליציע. זי האָט אויך איבערגעגעבן בן־גוריונען אן איינלאדונג פון פרעמיער־מיניסטער, ער זאָל איבעררייסן זיין זיצן אין שדה־בוקר און צוריקקערן צו זיין פּאָרטפעל פון קריגס־מיניסטער, און פארמיידן דורך דעם אַ רעגירונגס־קריזיס, ביז צו די וואַלן. זיי האָבן געדאַרפט פּאָרקומען זומער. נאָך דריי טעג האָט שרת מודיע געווען דער עפנטלעכקייט, אז בן גוריון האָט די איינלאדונג אָנגענומען. נאָך געציילטע טעג איז פון מדבר אָנגעקומען דער זילבער־האָריקער מענטש, אָנגעטון אין זיין „באַטל־דרעס" און אין א מיליטערישן מאַנטל. ער איז איינגעשווירן געוואָרן אלס קריגס־מיניסטער. די סיבות אויף צו פארלאָזן שדה־בוקר זענען נישט געווען ווייניקער איבערצייגנדיק ווי די סיבות וואָס האָבן אים געטריבן, פּערצן חדשים פריער, צו פארן קיין שדה־בוקר.

דאָס לעבן אין מדבר איז געווען פיזיש שווער פאר אים און פאר זיין פרוי. זיין לאָמבאגאָ־קרענק האָט זיך געהאַט אויף אזוי פיל פארערגערט, אז פּאָלאַ האָט איינמאָל געהאַט ארויסגערופן דורכן ראדיאָ אן אמבולאנס. (ווען דער אמבולאנס איז אנגעקומען האָט ער זיך שוין געפילט גוט און די מאשין איז צוריקגעפאָרן ליידיק). דאָך אָבער האָט ער געליטן פון אפטע שמערצן אין רוקן. און אויך פּאָלאַ האָט געקרעכצט צוליב איר געלענק־ענטצינדונג. זיי האָבן ביידע נישט געקאָנט אויספירן די ארבעט וואָס דער קיבוץ האָט אויף זיי ארויפגעלייגט. זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט אָנגיין פאר קיין „לא־יוצלחס". אין שדה־בוקר האָט ער נישט געהאַט גענוג צייט צום לייענען, ווי ער האט זיך געהאַט פריער פארגעשטעלט. דווקא אין ירושלים האָט ער געקאָנט, ביי אלע זיינע אפיציעלע ארבעטן, באשטימען צייט פאר זיינע ביכער.

און נישט נאָר דאָס. ער האָט שוין געהאַט אויסגעפירט א גרויסן טייל פון דער אויפגאבע וואָס ער האָט פאר זיך באשטימט. ער האָט קאָנצענ־

טרירט די אויפמערקזאמקייט פון פאָלק אויפן נגב, ער האָט געהאַט אַ גע־נוגנדיקע סיבה צו מאכן חשבון־הנפש, און האָט מער ווי א יאָר צייט געהאַט מנוחה פון דער גרויסער מלוכישער ארבעט.

אין דער אמתן איז ער נישט אינגאנצן עוקר געווען פון שדה־בוקר. ער האָט אָפּגעמאַכט מיטן קיבוץ, אז דער ברוין־געלער באַראַק און דער זון־קעסל אויפן דאך זאָלן בלייבן ווי געווען. ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט אַ טייל פון זיין ביבליאָטעק. ער און פאָלא האָבן פארזיכערט אז זיי וועלן אָפט באַזוכן, און אלס סימן פון דאנקבארקייט פאר די פערצן חדשים וואָס ער האָט געלעבט אין קיבוץ, האָט ער זיי געגעבן א מתנה צוויי קעמלן, וואָס זאָלן באגלייטן די שאָף. אין איינע פון זיינע ערשטע רעדעס נאָכן צוריקקערן האָט ער געזאָגט, כאָטש ער האָט „נישט אנטדעקט קיין נייע אמתן" זעט ער אָבער איצט א סך זאכן אין אַן אנדער ליכט.

„און איך וועל אייך זאָגן בקיצור וואָס איך האָב געזען:

צו פיל וויסטעניש און מדבריות און צו ווייניק קאָלאָניזאציע און אנטוויקלונג. צו פיל קאָנצענטראציע און ענגשאפט אין די שטעט און צו ווייניק מענטשן אויף די גרענעצן.

צו פיל מעקלערס און משרתים און צו ווייניק שעפערישע ארבעטער.

צו פיל יאָגעניש נאָך באקוועמלעכקייט און רייכקייט, און צו ווייניק ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט און נאָך ווייניקער חלוצישע איניציאטיוו.

צו פיל שפּאלטונגען און קריגערייען, און צו ווייניק בשותפותדיקע אָנשטרענגונגען און אלגעמיינע פאראנטוואָרטלעכקייט.

צו פיל מליצות וועגן ברידערלעכקייט און יידישער אחדות, און צו ווייניק ממשותדיקע הילף פאר נייע עולים.

צו פיל פאָדערונגען פון דער מדינה און צו ווייניק מאָנען פון זיך אליין.

צו פיל פארלאנגען שכר, און צו ווייניק דערפילן פליכטן".

איצט, ווען די מדינה איז אלט געוואָרן זיבן יאָר, האָט ער פאר זיין פאָלק אוועקגעשטעלט א נייע אויפגאבע:

„מיט דער צייט וועלן מיר דערצויגן ווערן צו מלוכישער פאראנט־וואָרטלעכקייט; מירן זיך אויסלערנען ארבעטן ווי קוואליפיצירטע ארבע־טער אויף דער וועלט, מיר וועלן אויפהויבן אונדזער לעבנס־ניוואָ אויפן באזיס פון פארשטאַרקטער ארבעטס־פּראָדוקציע פון הויכער קוואליטעט, אָן הילף און שטיצע פון אויסלאנד; מיר וועלן געבן דעם גאנצן יונגן דור בחינמדיקע פאך־קענטניש און מיטל־שולע דערציונג; מירן אנטוויקלען

א צענטער פאר וויסנשאפט און פאָרשונגען און וועלן צוציען די בעסטע יידישע וויסנשאפטלער פון גאַר דער וועלט; מירן געפונען וואסער אין דער מדבר־ערד און אויסניצן יעדן טראָפן רעגן וואָס ווערט איינגעזאָפּט אין באָדן; מירן אויפלעבן או באפרוכפּערן די וויסטענישן און וועלן פאר־וואנדלען דעם מדבר אין א גארטן... מיר וועלן פארניכטן די שמוציקע אָרעמקייטס־קווארטאלן און וועלן פארזיכערן פאר יעדן ישראל־איינוווינער א בכבודיקן מינימום פון בילדונג, עסן, וווינונג און ווירטשאַפטלעכער זי־כערקייט אויפן גאנצן לעבן — מיר וועלן דאָ אויפבויען א מוסטער־מדינה און דאָן באמת זיין דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, אָן קלאַסן־פארטיילונג, און אָן עקספּלאָאַטאַציע און דיסקרימינאציע, ווי אונדזערע גרויסע נביאים האָבן געחלומט...

צווישן זיינע פיל אויסלענדישע באזוכער, אין משך פון זומער, איז אויך געווען פרוי רוזוועלט, וועלכע איז אויפגענומען געוואָרן אויף שדרות קרן קיימת 17. ביידע האָבן זיי באהאנדלט, אין פולער ערנסטקייט, פּראָב־לעמען פון דער וועלט און פון נאָענטן מזרח. ווייזט אויס, אז ביידע זענען זיי, איינער פון אנדערן שטאַרק באאיינדרוקט געוואָרן.

מאדאם רוזוועלט האָט וועגן אים גערעדט אין אירע ארטיקלען און עפּענטלעכע ארויסטריטן: „א וואונדערבארער מענטש וועלכן איך פארער שטאַרק", און בן־גוריון האָט דעסגלייכן גערעדט וועגן איר מיט התפעלות. וועגן שדה־בוקר האָט ער איר געזאָגט, אז די פערצן חדשים וואָס ער איז דאָרט געווען, איז געווען די גליקלעכסטע צייט אין זיין לעבן. „מיין מאַן האָט געזאָגט", האָט פרוי רוזוועלט געזאגט, „אז די נאקעטע סקאלעס פון ישראל, פּאַסן זיך נישט ספּעציעל פאר לאנדווירטשאַפט". בן־גוריון האָט געשמייכלט און געזאָגט: „אמת, דער בורא־עולם האָט נישט פארשפּרייט קיין ערד אויף אלע סקאַלעס, אָבער דאָס איז נאָר דערפאר וואָס ער האָט געוואָלט איבערלאָזן אונדז דאָס פארגעניגען צו מאכן די אַרבעט, מיט אונד־זערע אייגענע הענט". די דאָזיקע באמערקונג האָט אין פרוי רוזוועלטס אויגן סימבאָליזירט בן־גוריונס גאנצע וועזן, דאָס איז דער מענטש וואָס האָט זיך איינגאנצן געווידמעט דעם באשטימונגס־ציל.

זומער זענען פּאָלא, בן־גוריון און ארגוב געפאָרן קיין טבריה אויף א קורצן אורלויב. פארבייפאָרנדיק דעם בארג־תבור האָט בן־גוריון געזאָגט צו ארגובן: „נחמיה, איצט, אַז מיר זענען דאָ, וואָלט איך געוואָלט זאָלסט מיר שאפן א פערד צום רייטן. איך וואָלט געוואלט ארויפפאָרן אויפן שפּיץ בארג, כדי צו זען דעם מאָנאַסטיר". פּאָלא האָט זיך באלד אקעגנגעשטעלט

יעדן ענלעכן געדאַנק: „ס׳איז דאָ אַ פּרעכטיקער שאָסיי פאַר אויטאָמאָבילן, און ער איז צו אַלט צו רייטן אויף פערד. „נאַרישקייטן, פּאַלאַ״, האָט איר מאַן געענטפערט. „פאַר פערציק יאָר האָב איך דעם גאַנצן וועג פון באַרג־תבור ביז ירושלים אַדורכגעמאַכט רייטנדיק״. „יאָ״, האָט פּאַלאַ גלייך אָפּ־געענטפערט, „אָבער דעמאָלט ביזטו געווען אַן אַכט־און־צוואַנציק־יאָריקער בחור. פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט היינט אַ מענטש פון אַכט־און־זעכציק״ זי האָט געזאָגט אַרגובן, אַז ער זאָל זיך נישט צוהערן צו זיין בקשה. איר מאַן האָט נישט גענומען אין אַכט איר קעגנערשאַפט און האָט נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט אַרגובן ער זאָל זאָרגן וועגן אַ פערד.

אַרגוב האָט באַשלאָסן דערוווייל צו פאַרשווייגן די געשיכטע. ער האָט געהאָפט, אַז זיין באָס „וועט פאַרגעסן דעם גאַנצן ענין״. אָבער נאָך צוויי טעג האָט בן־גוריון געפאָדערט: „וואָס האָסטו געטוען וועגן אַ פערד?״. מער האָט ער זיך נישט געקאָנט אַרויסדרייען, אָבער ער האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז בן־גוריון זאָל, לכל הפחות, קריגן צום רייטן דאָס רויקסטע און אויסדרע־סירטסטע פערד אין גאַנץ מדינת ישראל. אין באַשטימטן טאָג זענען דער מאַן, די פרוי און דער אַדיוטאַנט צוגעפאָרן צום הויכן באַרג, ווו עס האָט זיי דערוואַרט אַן איינהייט פון פּאָליציי־לייט. פּאַלאַ האָט נישט אויפגעהערט צו טענהן קעגן אַט דער גאַנצער „אַוואַנטורע״. איינער פון די פּאָליציי־אָפיצירן האָט צו בן־גוריונען צוגעפירט אַ פערד. דער קריגס־מיניסטער האָט אויסגעפּרוווט דאָס באַשעפעניש און געזאָגט: „נישט דאָס, איך וועל נישט רייטן אויף קיין אַלט פערד״. ער האָט איבערגעקוקט אַלע פערד און צום סוף זיך אויסגעקליבן, דאָס העלדישסטע, דאָס אַגרעסיווסטע פון אַלע. „ד אָ ס פערד געפעלט מיר!״. די רייטערס האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין און זענען דערפאָרן ביזן שפּיץ באַרג. שפּעטער האָט אַרגוב דער־ציילט: „מיר האָבן אָפּגענאַרט דעם אַלטן. וויסנדיק ווי ווייט ער איז גע־נייגט נאָך העלדישקייט, האָבן מיר מיט דער הילף פון דער פּאָליציי אים אָנגעטוען אַ שפּיצל. דאָס פערד אויף וועלכן ער האָט געריטן איז געווען גענוי ד אָ ס וואָס מיר האָבן ספּעציעל פאַר אים אויסגעקליבן, דאָס איז געווען דאָס רויקסטע און איינגעהאַלטנסטע פערד, נאָר איינער פון די פּאָליציסטן־דרעסירער האָט די חיה ספּעציעל אַ ביסל צערייצט, דעריבער האָט עס זיך אַזוי אומרויק צעהירזשעט. מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז דאָס צעבריקעטע פערדל וועט מאַכן אַן איינדרוק אויפן אַלטן. און אַזוי איז עס געווען״.

אין יאַנואַר האָבן די פאַרשטייער פון ניינצן פּאַרטייען אָנגעהויבן דעם

וואל־קאמף. בן־גוריון האָט געהאלטן א גרויסע צאָל רעדעס. די אָפּאָזיציע האָט זיך אָנגעכאַפּט, אין יקרות פון לעבנס־מיטלען און האָט אים פארוואנדלט אין צענטראלן פונקט פון וואל־קאמף. אין דער געביידע פון די ציונים־כלליים זענען אריינגעוואָרפן געוואָרן דריי באָמבעס. דער אויסגאנג פון די וואלן האָט ארויסגערופן א צערודערונג ביי פיל מענטשן. מפא״י איז אראָפּ פון צוויי־און־פערציק פלעצער אין כנסת, אויף פערציק, די קאָנסערוואַטיווע אלגעמיינע־ציוניסטן זענען געפאלן פון צוואַנציק אויף דרייצן, און בעגינס פארטיי, חרות, האָט כמעט פארטאָפּלט די צאָל פון אירע כנסת־מיטגלידער. מיט אירע פופצן דעפּוטאַטן איז זי געוואָרן די צווייטע פאַרטיי אין לאנד, נאָך מפא״י. די קאָמוניסטן וואָס האָבן באקומען זעקס פלעצער האָבן פארדרייפאכט זייער כוח. ניין פארטייען האָבן באקומען מאנדאטן אין דער כנסת.

דער פּרעזידענט בן־צבי האט געבעטן זיין אַלטן פריינט בן־גוריון ער זאָל שאפן א נייע רעגירונג. בן־גוריון האָט דערקלערט, אז ער וועט זיך נישט איילן, און דערווייל וועט שרת׳ס רעגירונג אָנפירן מיט די מלוכה ענינים.

אין הערבסט איז דער קריגס־מיניסטער קראנק געוואָרן אויף א מאָד־נער קראנקהייט. ער האָט געפילט שמערצן אין שטעכענישן אין אן אויער. עס זענען פארשפּרייט געוואָרן פאלשע קלאנגען, אז ער האָט באקומען א לייכטן פאראליזש. פאקטיש איז עס געווען א לייכטער אָנפאל פון דער קראנקהייט „מאַניער״, א שמערץ אין אינערלעכן אויער, וואָס איר סיבה איז נאָך נישט אויסגעפאָרשט, און די מעדיצין האט נאָך נישט אויסגע־פינען קיין מיטל קעגן איר. ער האט געמוזט ליגן עטלעכע טעג אין א ירושלימער האָטעל.

סוף סעפּטעמבער האָט די וועלט פלוצים געהערט וועגן דער געווער־טראנזאקציע צווישן טשעכאָסלאָוואקיי און מצרים. דער אמבאסאדאָר אבא אבן האָט געשיקט א לאנגע טעלעגראמע וועגן דער „ערנסטער סכנה פאר ישראלס עקזיסטענץ״. די רעגירונג איז זיך צוזאמענגעקומען אויף א דרינ־גנדיקער אויסנאם־זיצונג. ווידער אמאָל איז ישראלס זיכערהייט אוועקגע־שטעלט געוואָרן אין שפּיץ פון אלע דאגות און דער קריגס־מיניסטער איז געוואָרן די וויכטיקסטע פּערזאָן אין דער רעגירונג. מיר האָבן געמוזט באַ־קומען געווער. ער האָט אויפגעקלערט, אז די מדינה האָט געמאַכט פרוון צו באקומען געווער אומעטום: אין אמעריקע, פראנקרייך, איטאליען און ענגלאנד, אָבער אלע אירע באמיונגען האָבן צו גארנישט דערפירט. פונ־דעסטוועגן האָט זיך די מדינה נישט מיאש געווען און זי האָט נישט

אָנגעהויבן קיין אָפּענזיווע קעגן מצרים, טראָצדעם וואָס א סך מענטשן האבן געטראכט, אז די צייט ארבעט קעגן זיי.

אין איינעם פון די קאלטע נאָוועמבער־טעג האָט בן־גוריון, אַלס פּרעמיער פון דער נייער רעגירונג, געהאַלטן זיין ערשטע רעדע אין דער כנסת. ער איז נאָך געווען אָפּגעשוואַכט פון דער קראנקהייט און מיד פון זיין נייער אָנשטרענגונג. כדי צו באקומען א רוב, האָט ער געגעבן צוויי מיניסטער־פּאָרטפעלן דער מפּ״ם און צוויי דער „אחדות עבודה״, — א גרופּע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון מפּ״ם.

„עס איז די פליכט צו זאָגן צו די מעכטיקע פון דער וועלט, צו אלע אן אויסנאם, מיט דער גאנצער פּאָליטישער באַשיידנקייט פון א שליח פון א קליין פּאָלק, און מיט דער גאנצער מאָראלישער קראפט פון א זון פון יידישן פּאָלק: דאָס פּאָלק ישראל אין זיין לאנד וועט נישט זיין ווי שאָף וואָס ווערן געפירט צו דער שחיטה...״. כדי אויסצומיידן די סכנות וואָס שטעקן אין דער ווילדער סיטואציע וואָס הערשט היינט צו טאָג, בין איך גרייט זיך צו טרעפן מיט דעם מצרישן פּרעמיער־מיניסטער און מיט יעדן איינעם פון די אראבישע הערשער — ווי צום שנעלסטן, כדי צו דערגרייכן א קעגנזייטיקן אָפּמאך, אָן שום פּאָר־באַדינגונגען״.

אין יענער נאכט זענען לויט בן־גוריונס באפעל, טויזנט ישראל־סאָלדאַטן אוועק אויף לאַסט־אויטאָס, כדי אויסצופירן א גאָר־ערנסטע מי־ליטערישע אונטערנעמונג. נישט ווייט פון עוג׳ה (אודזשא) וואָס ליגט א זיבעציק קילאָמעטער פון באר־שבע, האָט זיך געפינען א שטח, וועלכער איז דורך דער אונ״אָס וואָפנשטילשטאַנדס־קאָמיסיע דעמיליטאַריזירט גע־וואָרן. שוין צוויי וואָכן צייט וואָס דער לייטער פון די אונ״א באַאָבאכטער האָט אויפגעפאָדערט די מצרים זיי זאָלן אויפהערן, אין דעם ראַיאָן מיט זייערע פיינטלעכע מעשים, אָבער אָן דערפאָלג.

ביינאַכט האָבן ישראל סאָלדאַטן, פארשווארצנדיק זיך זייער פּנימער, מען זאָל זיי נישט באמערקן ביים העלן לבנה־ליכט, אָנגעגריפן די מצרישע אָקאָפּעס און זייערע הארמאַטן־פּאָזיציעס, אין יענעם געביט. נאָך א קאמף פון עטלעכע שעה האָבן זיי פארטריבן די מצרים און זיך אומגעקערט אין זייערע באזעס. זייערע שאַדנס זענען געווען פינף דערהרגעטע און אייניקע פארוואונדעטע. כדי צו באווייזן וואָס זייערע שכנים האָבן געטוען אין יענער „דעמיליטאריזירטער זאָנע״ האָבן זיי געבראכט מיט זיך, אויסער פופציק געפאנגענע, אויך א מענגע קריגס־רויב — מצרישע הארמאטן, אנטי־לופט

האַרמאַטן און מאַשין־געווער פון שוועדישער, שפּאַנישער און בעלגישער פּראָדוקציע.

דאָס יאָר האָט זיך פאַרענדיקט מיט נאָך איין מיליטערישער אַקציע אין צפון פון ישראל. לויט דעם וואָפנשטילשטאַנדס־אָפּמאַך האָט דער ים כנרת געהערט אינגאַנצן צו ישראל. אָבער שוין זייט יאָרן האָבן די סיריער באַשאָסן די ישראל־פישער וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פיש־פאַנג ביים ים. פיל זענען אומגעקומען. דער אָנגריף פון 11־12 דעצעמבער איז געווען אַ רעוואַנזש־אַקט. דאָס ישראל מיליטער האָט זיך צוריקגעקערט מיט ניין־און־צוואַנציק געפאַנגענע און צוויי סירישע האַרמאַטן. די סירישע פאַרלוסטן זענען געווען פינף־און־פופציק דערהרגעטע, די ישראל אַרמיי האָט געהאַט זעקס דערהרגעטע.

דער אָנגריף איז געווען בן־גוריונס אידעע און איז אויסגעפירט געוואָרן אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער איז געווען נישט נאָר דער פּרעמיער און קריגס־מיניסטער, ער האָט אויך געפירט די אויסערן־פּאָלי־טיק, מחמת שרת איז געווען אין אויסלאַנד. קיין שום אַנדערע אַקציע וואָס ישראל האָט אויסגעפירט, אין משך פון די זיבן־און־אַ־האַלב יאָר, האָט נישט אַרויסגערופן אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלן שטורעם ווי די דאָזיקע אַקציע. עס זענען אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן אין אונ״אָ. עס זענען געהערט גע־וואָרן דראָונגען וועגן נקמה־אַקטן, אַ פאָדערונג אָנצווענדן סאַנקציעס, און עס איז אַפילו געווען אַ פאָרשלאָג אַרויסצוטרייבן ישראל פון דער אונ״אָ. שרת, וועלכער איז שטענדיק געווען פילבאַר אויף דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט, איז צוריקגעקומען אַן אויפגעציטערטער. בן־גוריון איז געשטאַנען פעלדזן־פעסט קעגן אַלע זיינע קריטיקער, אין לאַנד און, אין אויסלאַנד.

אויב מען גיט נישט קיין גאַראַנטיע פאַר די ישראל־גרענעצן, אויב עס איז נישט פאַראַנען קיין רעכטלעכער וועג צו באַשטראָפן די, וואָס מאָרדן אומשולדיקע יידישע פישערס, מוז מען דער מדינה דערלויבן זי זאָל אַדרבה־פירן אַזעלכע אַקציעס ווי ביי כנרת אָדער אין עזה. אַנדערש דראָט איר די סכנה, אַז אירע שכנים וועלן וואַגן זיך וואַרפן אויף איר פון אַלע זייטן, ווי עס איז געשען אין 1948. אין אַ וועלט וואָס האָט נאָך אַלץ מער דרך־ארץ פאַר קראַפט ווי פאַר לאָגיק, האָט קיין שום מדינה נישט קיין רעכט צו פאָדערן פון ישראל, זי זאָל די ערשטע אָנהויבן פירן אַ פּאַציפיסטישע פּאָליטיק. איר רוקן איז צו נאָענט צום ים.

קאפיטל פינף און צוואנציק

אין אָנהויב 1956 האָט שוין די גאנצע וועלט געזען בולט, אז א שווע־דער קריזיס רוקט זיך אָן אויפן נאָענטן מזרח. ביים אָנהויב איז נישט קלאָר געווען אפילו פאר בן־גוריונען אליין, וואָס פאר א פאָרם דער דאָזיקער קריזיס וועט אָננעמען. אָבער יעדער סענסיטיווער מענטש האט געקאָנט פילן די אָנגעשטרענגטקייט און די געשפּאַנטקייט, וואָס האָט זיך געלייגט אויפן לעבן. דער קוואל פון דאָזיקן אומגליק איז געווען דער אומאויפ־הערלעכער שטראָם פון געווער וואָס האָט געפלאָסן קיין מצרים פון די קאָמוניסטישע לענדער. די געווער־טראַנספּאָרטן זענען געפירט געוואָרן אין עראָפּלאַנען קיין קאהיר, איבער די הימלען פון מדינת־ישראל, און שיפן וואָס זענען געשווומען לענגאויס די ברעגעס פון ישראל־ים, אויפן וועג צו אלעקסאנדריע, קיין מצרים.

מצרים האָט שוין געהאַט באקומען פון ענגלאנד גרויסע טאַנקן פון מאָדעל „צענטוריאָן", „ארצ'ערן", (צעשטער־טאַנקן פון דער נייעסטער פּראָ־דוקציע), יאגד־עראָפּלאַנען „וואַמפּייר" און „מעטעאָר", שווערע באָמבאר־דיר־עראָפּלאַנען, צעשטער־שיפן, און אפילו א גאנצע פאבריק אויף צו פּראָ־דוצירן קאמפּס־עראָפּלאַנען. זי האָט באקומען פון אמעריקע צוויי פריגאַ־טעס, זעקס הונדערט שווערע מיליטערישע לאַסט־אויטאָס און א גרויסן קוואנטום פון אנדערע קריגס־מאַטעריאלן. איטאַליע האָט געשיקט דרייסיק יאגד־עראָפּלאנען. די אנדערע אראבישע לענדער האָבן אויך באקומען קוואַנטומס פון ענלעך געווער.

טשעכאָסלאָוואקיי האָט געשיקט איין צענדליק נאָכן צווייטן, מיט שווע־רע טאַנקן פון מוסטער „סטאַלין", צעשטער־שיפן, מינען־לייגער, אונטער־וואַסער־שיפלעך, הונדערטער עראָפּלאַנען צו פירן מיליטער, אויטאָמאַטישע האַרמאַטן, טראַנספּאָרט־עראָפּלאַנען, פינף־טאָניקע לאַסט־אויטאָס, איוס־שפּיר־מאַשינען, ראדאר אויסשטאַטונג, מינעס פון די נייעסטע אויסארבייטונגען, בקיצור — אלע מינים פון שווערן געווער, אויסער אַטאָם־באָמ־בעס. מדינת ישראל האָט נאָך נישט געהאַט ווער עס זאָל איר עפּעס־וואָס פארקויפן, אפילו אויך נישט קיין פארעלטערטע קריגס־מאַטעריאלן וואָס

זענען שוין „ארויס פון מאָדע״. בן־גוריון האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די שווערע פּראָבלעמען וואָס שטייען אויפן טאָג־אָרדענונג:

„געוועזן איז נישט פון יענע קאַטעגאָריע סחורות וואָס אויב דו האָסט נאָר געלט גייסטו אריין אין קראָם, קלויבסט דיר אויס פון אַלץ וואָס דיין הארץ גלוסט און נעמסט עס מיט זיך א היים. מיר האָבן געקלאַפּט אין א סך טירן און אַלע זענען געווען געשלאָסן. די ענגלישע רעגירונג וואָס האט פארקויפט מצרים שווערע טאַנקן, וויסנדיק, אז זיי זענען באַשטימט אויף אָנצופאלן ישראל — האט עקשנותדיק אָפּגעזאָגט אונדז צו פארקויפן געווער. די פאראייניקטע שטאַטן וואָס מיר זענען זיי שולדיק א סך דאנק־באַרקייט פאר דער גרויסער הילף, פּאָליטישע און פינאַנסיעלע, זייט דער גרינדונג פון דער מדינה... האָט דערמוטיקט אירע פארבינדעטע, זיי זאָלן אונדז פארקויפן פארטיידיקונגס־געווער. מיר קאָנען זיך אבער נישט באַג־נוגענען מיט דער דאָזיקער בלויזער דערמוטיקונג...״

ערנסטע צוזאַמענשטויסן אויף אַלע גרענעצן האָבן זיך פארשטאַרקט. אלע שכנותדיקע אראבישע מדינות האָבן אין די נעכט געשיקט פעדאַינס קיין ישראל. זיי פלעגן אריינדרינגען טיף אין יידישן שטח און מאָרדן מענער, פרויען און קינדער (יידן), אָן מינדעסטן צוריקהאַלט. דער אמעריקאַנישער פארמיטלער, עריק דזשאָנסטאָן, האָט אויסגעארבעט א פלאַן פון א גערעכטער צעטיילונג פון די ירדן־וואַסערן, און אמעריקע האָט צוגערעדטביידע צדדים זיי זאָלן דעם פלאַן אָננעמען. אָבער דער געוועזענער מופטי פון ירושלים האָט דערקלערט: „אפילו ווען דער דזשאָנסטאָן־פלאַן וואָלט געגעבן די אראַבער 99 פּראָצענט פון די וואַסערן און וואָלט געהאָלפן ישראל בלויז מיט אן איינציקן גאַלאָן, וואָלט איך אויך געווען קעגן דעם פלאַן״.

אין יאַנואר האָט מען ווידער גענומען קריטיקירן בן־גוריונען — דעמזעלבן בן־גוריון וואָס מ׳האָט ערשט נישט לאַנג קריטיקירט פאר די רע־וואַנזש־קאַמפּן אויף דער סירישער גרענעץ, דערפאר וואָס ער האָט נישט אָנגעהויבן קיין פולע פּרעווענטיווע קריג. ער האָט פארטיידיקט זיין פּאָזיציע:

„מיר האַלטן, אז דאָס אויפהאַלטן דעם שלום איז וויכטיקער אפילו פאר א נצחון, אין א מלחמה״.

אין יענע צייטן איז אַזאַ סאָרט פּאָליטיק נישט געווען פּאָפּולער אין ישראל, זאָל איר באַרעכטיקונג פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט, זיין וואָס זי איז. דער פירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן האָט אָפן פארלאַנגט, מען זאָל אָנהויבן א פּרעווענטיווע־קריג, ווי לאַנג עס איז נישט צו שפּעט.

אין פעברואַר האָט עדוואַרד מאָראָו, און מיט אים א גרויסע מאַנשאַפט

פון טעלעוויזיע־ספעציאליסטן, אינטערוויואירט בן־גוריונען אין שדה־בוקר — דער ערשטער טעלעוויזיע־פּראָגראַם וואָס האָט געדאַרפט טראַנסמיטירט ווערן אונטערן נאָמען: „זע דאָס איצט!", דורך דער טעלעוויזיע־געזעל־שאַפט „קאָלומביא", אין חודש מערץ. האָווארד סמיט האָט אין קאהיר פאָטאָגראַפירט די צווייטע טייל פון פּראָגראַם. ווען מיכאל ארנון (דעמאָלט דער לייטער פון רעגירונגס פּרעסע־אַמט, און היינט ראַטגעבער אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן) האָט בן־גוריונען איבערגעגעבן די פּראַ־גן וואָס עדוואַרד מאַראָו האָט בדעה אים צושטעלן, האָט דער פּרעמיער־מיניסטער געענטפערט:

„דאָס זענען פּשוטע פראגן וואָס אויך אַנדערע מענטשן קאָנען אויף זיי ענטפערן נישט ערגער פון מיר. פאַר וואָס זאָלסטו אליין אויף זיי נישט ענטפערן? דערפאַר באַקומסטו דאָך געהאַלט". צום סוף האָט ער מסכים געווען. די צוויי מענטשן זענען געזעסן אויף דער ווערענדע פון זיין באַראַק. אין אָנפאַנג איז דער פּרעמיער־מיניסטער געווען אביסל שטייף, אָבער וואָס מער דאָס געשפּרעך האָט זיך פאַרצויגן, אלץ מער האָט ער אַרויס־געוויזן אינטערעס, ביז ער האָט אָנגעהויבן מיט א האַנט־קלאַפּן אויפן שטיל, כדי אונטערצושטרייכן זיינע רייד, און האָט דערמיט גורם געווען שוועריי־קייטן די אינזשינירן פון דער טעלעוויזיע־מאַנשאַפט.

טראָצדעם וואָס ער האָט אין פאַרלויף פון זיבן־און־פערציק מינוט, גע־רעדט אָן נאָטיצן, און נישט אין „זיין" שפּראַך, און האָט זיך על פי רוב באַנוצט מיט א קאָמפּליצירטע אויסדרוקס־פאָרם, האָט ער דאָך נישט גע־מאַכט מער ווי עטלעכע לייכטע טעותים: ווי „סטייטמענס" אָנשטאָט „סטייט־מען". איינמאָל האָט ער באַנוצט אַן אַראַביש וואָרט און האָט עס גלייך איבערזעצט אין ענגליש. דאָס וואָרט „קיבוצים", האָט ער דערקלערט, איז דער מערצאָל פון „קיבוץ". מאַראָו האָט אָנגעפאַנגען מיט דער פראַגע: „ביזט אהערגעקומען אין יאָר 1900?".

„ניין, אין יאָר 1906", האָט ער געענטפערט. עס איז געווען אַ וואַרעמער און פריינטלעכער אינטערוויו. איינמאָל האָט דער פּרעמיער־מיניסטער גע־וואָרפן א בליק אויף פּאַלען און אריינגערעדט אין מיקראָפאָן: „עס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון די לענדער דאָ, אז א פרוי זאָל ווערן א פולע שותפטע פון איר מאַן, א שותפטע צו זיין פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, צו זיינע שוועריקייטן, און אויך צו זיין שאַפונגס־פרייד".

„צו ביזטו אין משך פון די אלע יאָרן געשטאַנען אמאָל פאַר א נסיון אויפצוגעבן דעם גאַנצן קאַמף?", האָט מאַראָו געפרעגט. „ניין, בשום אופן

נישט, קיינמאָל איז אזא זאך נישט געשען״. וועגן ציוניזם האָט ער גע־זאָגט: „אמתער ציוניזם באדייט א הויז און א לעבן פאר דיר אליין, אזא וואָס דו פאַרמירסט דיר אויס מיט דיין גייסטיקער און פיזישער אָנשטרענ־גונג; דאָס איז נישט קיין זאך צום קויפן; נישט צו נעמען פון גרייטן, נאָר צו שאפן און אויפבוי׳ען מיט אייגענע כוחות״. וויפיל מאָל ער האָט ד׳ערמאָנט דאָס ווארט מדבר, האט ער עס ארויסגערעדט מיט ווייכקייט, כמעט מיט ליבשאַפט און פיעטעט. ער האָט דערציילט וועגן א יונגן העב־רעישע שרייבער, א סאַברע, ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע אין אייראָפּע האָט אים בן־גוריון געפרעגט: וואָס עס האָט אויף אים דאָרט געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק, ער הט געענטפערט: „אין אייראָפּע איז אלץ שוין געמאַכט, פיקס־און־פערטיק, און עס איז מער נישטא קיין פּלאַץ פאר קיין שום פּיאָנערישע טעטיקייט. די לאנדווירטשאַפט איז א פולקאמע, די אינדוסטרי איז אויסגעפּארטיקט, די שפּראַך און די ליטע־ראַטור זענען דערגאנצט, די קולטור איז אין איר שפּיץ. ווי אזוי קאָנען מענטשן דאָרט לעבן?״. בן־גוריון האָט צוגעגעבן: „דאָ הויבן מיר אָן אלץ פון די פונדאמענטן, מען שאפט אלץ פון די יסודות — פון בראשית. דאָ דארפסטו אפילו „באשאפן״ די ערד, מחמת דער בורא־עולם האָט דיר געגעבן א בלויזן מדבר, אָבער מיר זענען בכוח צו פארוואנדלען די מדבריות אין פרוכטבארן באָדן״. „אויב אזוי, ביזטו דאָך, פון גרונט אויס, א גרענעץ־מענטש״, אָט מאָראַו געפרעגט. „כ׳וואָלט געזאָגט — א מדבר־מענטש״, האָט בן־גוריון דערווידערט.

איינער פון מאָראַוס געהילפן האָט זיך געוועט מיט זיינס א חבר, אז דער אַלטער וועט שוין געפינען עפּעס א געלעגנהייט ארייננצופלעכטן בודאַן אין זיין שמועס.

ווען דאָס געשפרעך האָט זיך שוין געהאַלטן ביים פארענדיקן, האָט ער געענטפערט אויף א פראגע וועגן ישראל׳ס באציונגען צו די אזיאטישע פעלקער. אז אזיע האט ארויסגעגעבן ריזן פון גייסט און מאָראַל:

„נעמט בודאַ. אינגיכן וועט ווערן צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר פון זיין געבורט. ער האָט געלייגט זיין חותם אויף הונדערטער מיליאָנען מענטשן. איינעם פון זיי וואָס איך האָב דערקענט איז — או־נו, דער פּרעמיער־מיניסטער פון בורמא. איך גלויב, אז ער איז איינע פון די גרויסע געשטאַלטן פון אונדזער תקופה. דאָס איז א רעזולטאַט פון בודאַס לערע״. מאָראוס לעצטע פראגע איז געווען: „דו האָסט געזאָגט, אז דו ביזט גרייט צו יעדער צייט זיך אוועקצוזעצן און רעדן מיט אראבישע פירער?״;

„יא, צו יעדער צייט", און דער פרעמיער־מיניסטער איז ממשיך פּויקנדיק אין שטול־אָנלען, כדי אונטערצושטרייכן עטלעכע זיינע ווערטער: „די אראַבישע מדינות דאַרפן נישט קיין מ ל ח מ ו ת, און נישט קיין טאַנקן, דאָס וואָס זיי דאַרפן יאָ איז: ד ע ר צ י ו נ ג, ג ע ז ו נ ט און א נ ט וו י ק ל ו נ ג. מיר קאָנען זיי אין דעם בייהילפיק זיין. און זיי נויטיקן זיך אין פ ר י ד ן, כדי זיי זאָלן קאָנען א נ ט וו י ק ל ע ן זייערע לענדער, ד ע ר צ י ע ן זייערע פעלקער, אויסראָטן די ק ר ע נ ק ז י י ע ר ע פון זיך... ווען זיי וועלן האָבן אמתע פאַרשטייער, וואָס דאָס גוטס פון זייערע פעלקער וועט זיין זייער הויפּט־זאָרג, וועלן זיי דאַן פאַרשטיין, אז עס איז פאַר זיי נישטאָ עפּעס בעסערס ווי לעבן אין שלום. ביז דעמאָלט מוזטו זיין פאָרגעברייט זיך צו שיצן, ווען מ׳גרייפט דיך אָן". מאַראַו האָט פאַרענדיקט מיט „א שיינעם דאַנק", און די אינזשיניערן האָבן זיך געגרייט אויסצולעשן די ליכטער און צוזאַמענלייגן זייערע כלים. אָבער בן־גוריון האָט אויך געוואָלט זאָגן, „אַ שיינעם דאַנק":

„זער שיין פון אייך וואָס איר זייט דאָ אהערגעקומען. א שאָד נאָר וואָס איר זייט נישט געקומען מיט דריי טויזנט דריי הונדערט יאָר צוריק, ווען משה רבינו האָט דאָ אין דער סביבה, אויפן בארג סיני, באַקומען די עשרת הדברות. וואָס פאַר א וווּנדערבאַרע טעלעוויזיע־זעאונג וואָלט עס געווען פאַר דער מענטשהייט".

נאָך דעם ווי די טעלעוויזיע־מאַנשאַפט האָט פאַרפּאַקט אירע מכשירים איז מאַראַו אריין צום פרעמיער־מיניסטער אין באַראַק זיך מיט אים צו־געזעגענען. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, נישט באַקומענדיק קיין ענט־פער איז ער אריין אינעווייניק. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו פערלמאַנען: „איך האָב געוואָלט באַלד רופן דעם פאָטאָגראַף, כ׳האָב אָבער געוווּסט, אז קיין שום טעלעוויזיע־זעער אין אמעריקע וועט נישט גלויבן, אז די זאַך איז נישט פאַרויס איינסצעניזירט געוואָרן". דאָס וואָס ער האָט געזען איז געווען: דער פרעמיער־מיניסטער פון ישראל איז עוסק אין וואַשן טעלער־לעפל־גאָפּל אין קיך.

מערץ איז געווען א חודש פון א סך ארבעט. בעגין איז אין דער כנסת ארויס מיט א ביטערן אָנגריף קעגן דער רעגירונג און האָט אריינ־געטראָגן אן אומצוטרוי־וואָטום, נאָכדעם ווי בן־גוריון האָט געהאַלטן א רעדע, אין וועלכער ער האָט אויפגעקלערט זיין פּאָליטיק פון נישט פאַר־וויקלען זיך אין א מלחמה מיט מצרים.

„בנוגע איין זאַך בין איך מסכים מיטן רעדנער — אז אונדזערע

קעמפער וועלן קעמפן. ער האָט אבער אביסל איבערגעטריבן בנוגע זיך אליין. ער האָט געזאָגט: „מיר האָבן געקעמפט און מיר וועלן קעמפן. דער רעדנער האָט נישט געקעמפט אין באפרייאונגס־קריג און ער וועט אויך ווייטער נישט קעמפן".

בעגין: „דו ביזט געווען א פאררעטער פון ישראל!".

ווען מען האָט געפאָדערט פון כנסת־פּאָרזיצער ער זאָל אויסשליסן בעגינען און זיין חבר צוליב די באליידיקנדיקע ווערטער, האָט ער גע־ענטפערט: „איך האָב נישט געהערט. און איך קאָן אים נישט הייסן נאָך אמאָל דאָס איבערחזרן".

מאָראַוס טעלעוויזיע־פּראָגראַם איז געוויזן געוואָרן אין מערץ, און אין משך פון די קומענדיקע טעג איז די „קאָלומביא־געזעלשאַפט פאַרפּלייצט געוואָרן מיט טויזנטער בריוו. דער רוב בריוו־שרייבער זענען מער באַ־איינדרוקט געוואָרן פונעם מענטש אין אָפענעם האַקי־העמד וואָס איז גע־זעסן אויף א ווערענדע אין מדבר, ווי פון דעם עלעגאַנטן מצרישן דיק־טאַטאָר. א פרוי פון שטאַאַט אינדיאַנא האָט געשריבן: „יענער טייערער אַלטער מאַן מיט די באַזילבערטע האָר האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי א געשטאַלט וואָס איז אויפגעגאַנגען פון א נייעם טעסטאַמענט. ווי שטאַרק האָט זיך מיר געוואָלט אויסציען מיין האַנט און אָנרירן זיינע ווייסע האָר".

אין מערץ האָט יעדער מיליטערמאַן אין ישראל געווידמעט אַן אַר־בעטס־טאָג מיטצוהעלפן ביים באַפעסטיקן די גרענעץ־ישובים. כדי צו דעמאָנסטרירן די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער ארבעט, איז בן־גוריון אוועק פון ירושלים קיין מבטחים, לעבן דער עזה־גרענעץ, און האָט מקיים געווען די מצווה פון „עזוב תעזוב עמו", אין א קאַלטן מדבר־ווינט וואָס האָט געבלאָזן פון ים, העלפנדיק ביים אוועקשטעלן א וואַנט פון שטאַכל־דראָט ארום ישוב האָט ער געזאָגט: „א מענטש האָט הענט כדי ער זאָל ארבעטן מיט זיי". אין אייניקע טעג שפּעטער האָט ער אויפן גראָז ביים הויז פון זיכערקייטס־מיניסטעריום אויפגענומען פערציק אמעריקאַנישע רעדאַקטאָרן און קאָמענטאַטאָרן, וואָס זענען נאָר־וואָס אנגעקומען פון א רונד־רייזע אין די שכנותדיקע אראבישע לענדער. „אמאָל בין איך אליין געווען א זשורנאַליסט" האָט ער זיי געזאָגט. זיי זענען געווען גרייט מיט א האָגל מיט שאלות. איינע פון די ערשטע פראַגן איז געווען וועגן א מאַפּע וואָס די אראַבער האָבן זיי געוויזן, אין וועלכער ישראל איז אָנגעצייכנט אין פיל ברייטערע גרענעצן ווי די הייַנטיקע. דאָס האָט געזאָלט זיין א באַווייז פאַר ישראלס ווילן זיך צו צעשפּרייטן פון טייך פרת ביז צום

נילוס אויפן חשבון פון די אראבער: די דאַזיקע מאַפּע איז, לויט די אראַבישע רייד, געהאַנגען אין כנסת און אין נאָך אנדערע עפנטלעכע אַנשטאַלטן. בן־גוריון האָט געשמייכלט: „ריינער, בייזוויליקער אומזין!; איר קאָנט אייך ארומפאָרן איבער ישראל ווו אייער הארץ באגערט נאָר, און איך וועל בעטן מיינע פריינט זיי זאָלן אייך וויזן יעדעס אָרט וואָס איר וועט נאָר וועלן זען, כדי איר זאָלט זיך איבערצייגן, אז אזא מאפּע עקזיסטירט בכלל נישט. איר זייט אַבסאָלוט פריי זיך צו באוועגן ווי נאָר איר ווילט. די דאַזיקע מענטשן זענען איינפאכע עם־הארצים. זיי ווייסן נישט, אז ארויסגייענדיק פון מצרים איז אונדז אָנגעזאָגט געוואָרן קיינמאָל זיך צו איר מער נישט צוריקצוקערן, און דער נילוס איז אין מצרים. עס איז אונדז דאָ גוט. ס'איז איינפאך נארישקייטן".

„פארשטענדלעך", האָט ער צוגעגעבן מיט א קונדסישן־שמייכל „עס זענען אין די הייליקע שריפטן פאראנען פארשידענע הבטחות. אָבער יענע הבטחות זענען געגעבן געוואָרן דורכן בורא־עולם, אויב איר וועט קאָנען אים באזוכן, פרעגט אים וועגן דעם", און ער האָט ממשיך געווען מיט די דערציילונג: „איך האָב זיך אמאָל געטראָפן מיט א מענטש וואָס איז געקומען פון די פאראייניקטע שטאַטן, אלס א שליח פון פרעזידענט רוזוועלט, ער איז געווען א גענעראל. ווען מיר האָבן פארענדיקט אונדזער געשפרעך וועגן פּראַקטישע ענינים, זענען מיר איבערגעגאַנגען צו געשיכטע. איך האָב אים געזאָגט, אז זיין געשיכטע איז אלט קוים דריי הונדערט יאָר, דאקעגן אונדזער געשיכטע ציט זיך שוין איבער דריי טויזנט יאָר. ער האָט מיך געענטפערט: „וואָס? איך בין אן אירלענדער, און מיר האָבן א געשיכטע פון אַכט טויזנט יאָר".

אין מערץ האט בן־גוריון איינגעאָרדנט דאָס ערשטע אפיציעלע און פולע דיפּלאָמאטישע קבלת־פנים, אין וועלכער עס האָט זיך באטייליקט דער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס, מיניסטאָרן, דעפּוטאַטן און נאָך פיל פּערזענלעכקייטן. די אויפנאמע איז איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד דער חתונה פון דער טאָכטער רננה מיט א יונגן אינזשעניער. אין אייניקע טעג שפּעטער האָט פּאָלא, אין רננהס נאָמען, אָפּגענומען איר דיפּלאָם אלס דאָקטאר פילאָזאָפיע פון דער העברעישער אוניווערזיטעט. רננה אליין איז געהאַט אוועקגעפארן אויפן „האָניק־חודש".

אין אפּריל האָט זיך א יונגער מענטש, מיטן נאָמען איבראהים עיזאַת, פאָרגעשטעלט פאר דעם ישראל־קאָנסולאט אין לאנדאן, אלס קאָרעספּאָנדענט פון דער מצרישער צייטונג „רוז אַל יוסוף", און ער האָט העפלעך

געבעטן א וויזע אויף צו באזוכן ישראל. אזא זאך האָט נאָך ביז דעמאָלט נישט פּאַסירט. נאָך דעם ווי דער קאָנסולאַט־באאמטער האָט זיך באַ־הערשט פון גרויס איבעראַשונג, האָט ער אים געפרעגט, וואָס איז דער ציל פון זיין באזוך. דער גאסט האָט געענטפערט פשוט און אָן בושה: „צו־זאַמלען מאַטעריאַל פאר א ריי ארטיקלען אין מיין צייטונג". לאנדאן האָט זיך פארבונדן מיט ירושלים, און צום סוף האָט הער איבראַהים עיזאַת באקומען די וויזע, מיט איין באַדינג: פאר זיין אייגענער זיכערקייט, דארף ער אין ישראל דערשיינען ווי א דרום־אמעריקאַנישער סוחר. דער יונגער זשורנאַליסט האָט אָנגענומען דעם תנאי און איז ארומגעפאָרן איבער גאַנץ ישראל. עס זענען פאר אים איינגעאָרדנט געוואָרן באגעגענישן מיט דעם רוב מיניסטאָרן, אויסער מיט בן־גוריונען. און ווען ער האָט געהאַלטן ביים פארלאָזן ס'לאַנד, האָט ער באַקומען א בריוו פון בן־גוריונען, אין וועלכן עס איז געווען געשריבן: „אויב דו וועסט, נאָכן צוריקקומען קיין מצרים, זיך טרעפן מיט עבדול נאצערן, זאָג אים, אז איך בין גרייט זיך מיט אים צו טרעפן, ווו און ווען ער וועט נאָר וועלן, כדי ארומצורעדן יעדעס פּראָב־לעם אָדער יעדן ענין וועגן וועלכן ער וועט וועלן מיט מיר רעדן — וועגן פּליטים, גרענעצן, פּאָליטישע ענינים, ווירטשאַפטלעכע אָדער מיליטע־רישע פראגעס, אָן מעקלערס און אָן צו פארעפנטלעכן א וואָרט וועגן דעם צוזאַמענטרעף און זיינע רעזולטאַטן. זאָג אים, אז איך בין גרייט זיך טרעפן מיט אים אפילו אין קאהיר".

עס איז געווען א דרייסטער פּאָרשלאָג, אָבער עס איז קיינמאָל נישט אָנגעקומען קיין ענטפער אויף אים. אין זיין ערשטן ארטיקל האָט עיזאַת געשריבן, אז „ער האָט אָפּגעשפּאָט פון די ישראלדיקע נאַראָנים", פאר־שטעלנדיק זיך פאר א דרום־אמעריקאַנישן סוחר. און ער האָט זיי אפילו דערפירט צו דעם, אז זיי זאָלן פאר אים איינאָרדענען באגעגענישן נישט בלויז מיט מיניסטאָרן, נאָר אפילו מיט בן־גוריונען אליין. אָבער אויסער די דאָזיקע אומשעדלעכע פלאַפּלערייען זענען די אנדערע זאכן וואָס ער האָט געשריבן אין זיין ערשטן ארטיקל געווען גאַנץ אָביעקטיוו. דאָך האָט דער אינהאַלט פון די ווייטערדיקע ארטיקלען בולט באוויזן, אז עס איז אויף אים אָנגעווענדט געוואָרן א דרוק פון דרויסן.

אין יוני האט בן־גוריון פארענדיקט זיין הקדמה צום יאָרבוך פון דער רעגירונג פארן יאָר 1956, וועלכער האָט געדאַרפט דערשיינען ערשט אין א פּאָר חדשים ארום. דאָס קעפּל פון דער דאָזיקער הקדמה האָט גע־הייסן „דרומה! — צום דרום!". דער ארטיקל איז געווען אדורכגעדרינגען

מיט א נבואישן פאראויסזען — אין ליכט פון דעם וואָס עס האָט פאסירט אין א צייט ארום. אלס מאָטאָ האָט ער געבראַכט א פסוק פון יחזקאל: „בן אדם שים פניך והטף אל דרום והנבא אל יער השדה נגב״. — „מענ־טשנס־קינד, ווענד דיין פנים צום דרום, און רעד צום דרום, און זאָג נביאות אויף דעם וואלד פון פעלד אין דרום״. די הקדמה איז געשריבן געוואָרן אין דער צייט וואָס מדינת ישראל איז געשטאַנען ממש פאר דער געפאַר פון פיזישער פארניכטונג. אויף אלע גרענעצן זענען געווען צרות. אויף דער גאנצער וועלט האָט זיך נישט געפינען קיין איין פריינט וואָס איז גרייט געווען איר צו פארקויפן דאָס נויטיקע געווער. פיל פון די הונדערטער טויזנטער עולים וואָס האָבן געהאָט ארייגעשטראָמט אין לאנד אריין זענען נאָך געזעסן אין צייטווייליקע געצעלטן און באראקן. א פערטל פון די בוימוואָל פלאנטאציעס איז פארניכטעט געוואָרן. די פּאָליטישע חלוקי־דעות אין דער מדינה האָבן דערפירט צו אומאויפהערלעכע מחלוקתן. און דאָך איז דאָס געווען א דאָקומענט וואָס האט דערצויגן און באלערט, געפּרעדיקט און געזאָגט נביאות. ער האָט גערעדט וועגן די יידישע נביאים וואָס האָבן נישט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אז דער נגב איז א מדבר. וועגן ישעיה וואָס האָט נביאות געזאָגט: „ישישום מדבר וציה ותגל הערבה״. — „לוסטיק זיין וועט דער מדבר און די טרוקענישט און פרייען וועט זיך די וויסטעניש״; וועגן די דריי מלכים פון בית דוד, שלמה, יהושפט און עוזיה, וואָס האָבן געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען אילת אין א פּרעכטיקן יידישן פּאָרט:

„עוזיה המלך איז געווען א גרויסער מיליטערישער אָנפירער, ער האָט מצליח געווען צו דעראָבערן, באזעצן און צו באלעבן מדבריות. אין זיינע צייטן האָט זיך דאָס יידישע מיליטער פארשטארקט, קאָלאָניזאציע און באַוואסערונג זענען געפלעגט געוואָרן, עס איז אויפגעבויט געוואָרן דער פּאָרט אין אילת. און צוזאמען מיט דעם פּאָליטישן און ווירטשאַפטלעכן אויפבלי האָט אויך א שפּראָץ געטוען, אויף א וווּנדערבארן אופן, די גייסטיקע און מאָראלישע קולטור״.

אויב בן־גוריון האָט מצליח געווען צו פירן מיט דערפאָלג זיין קליין פאָלק, אין יאָר 1956, און צו באהערשן דעם קריזיס פון יענעם יאָר, איז קלאָר, אז אלץ וואָס ער האָט געזאָגט וועגן מלך עוזיה, וועט מען אמאָל זאָגן וועגן אים. אין „דרומה — צום דרום ״ האָט ער געמאַכט א פרוו אויפצוועקן זיין פאָלק און אים דערציילן וועגן די אוצרות און באהאלטענע רייכטימער פון נגב. ער האָט אפילו איבערגעגעבן אן אָפּשאַצונג — אין מיליאַרדן

טאָגען — פון אַלע כעמישע מאַטעריאַלן וואָס וואַרטן אויף אויסלייזנדיקע הענט, וואָס זאָלן זיי באַארבעטן און אויסניצן; וועגן אַראַניום וואָס מ׳האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן עקספּלאָאַטירן צו פאַרשונגס־צוועקן פון פאָספאַר, לויט א מעטאָדע וואָס יידישע וויסנשאַפטלער האָבן דערפינדן, און דאָס באַארבעטן איז נישט טייער. דערביי האָט ער געוואָרנט:

„אויב די מדינה וועט נישט ליקווידירן דעם מדבר — קאָן דער מדבר ליקווידירן די מדנה״.

„דרומה איז געווען א גרעסערע שאפונג, כמעט א בוך; א ספר אין די כתבי־הקודש פון דער נייער יידישער מדינה.

צוויי מענטשן וואָס האָבן זייט צענדליקער יאָרן געארבעט צוזאַמען אויפן פּאָליטישן שטח, זענען אין יוני געקומען צום סוף פון זייער צו־זאמענארבעט.

משה שרת, אַ דאַרער, אַן איידעלער מיט פיינע מאַניערן, אַן אנגע־בעמער אָראטאָר, איז אין געוויסע הינזיכטן דער עקסטרעמסטער קעגנזאַץ פון בן־גוריונען. ער האָט באַקומען א פיל מער רעגולערערע דערציונג, ווי בן־גוריון, פון דער נאַטור איז ער א טאַלאַנטפולער לינגוויסט, א תלמיד־חכם פון פיינער באַנעמונג, א פריינטלעכער און הארציקער מענטש. ער האָט ליב מענטשן און דער רוב מענטשן האָבן אים ליב. ער קאָן זיצן אויפן דיל אין א פּריוואט־הויז, אין ניו־יאָרק און „כאפּן״ א שמועס א גאנצע נאכט, ממש ביז זון־אויפגאַנג, אָדער אויפשיטן מיט שאַרפזיניקע און טרעפ־לעכע תשובות אויף כל־ער־ליי שאלות. ער קאָן געדענקן דעם נאָמען פון א פריינטס פרוי און פרעגן וואָס זיינע קינדער מאַכן.

אין פארלויף פון די פינף חדשים וואָס ער איז געזעסן ארעסטירט אין לאַטרון האָט ער זיינע חברים געגעבן לעקציעס אין אראביש, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און העברעישע גראמאטיק. אין די רעגירונגס־קרייזן איז ארומ־געגאנגען א וויץ וועגן איינעם אן אויסלענדישן דיפּלאָמאט, וואָס האָט זיך בארימט, אז ער ווייס ווי מ׳זאָגט אויף העברעיש „אייער עקסעלענץ״: „שמע משה״. אַז מ׳האָט אים געפרעגט — פונוואַנען נעמסטו, אַז מען זאָגט אזוי אויף העברעיש, האָט ער געענטפערט: „איך האָב באמערקט, אז ווען עמיצער ווענדט זיך צום אויסערן־מיניסטער שרת, הויבט ער אָן דאָס געשפּרעך מיט: „שמע משה״.

ער איז אַ דיפּלאָמאַט פון געבוירן, מיט א שאַרפן מוח און אַ שנעלער אָריענטאציע. זיינע תשובות אין א וויכוח צייכענען זיך אויס מיט עלאַסטיש־קייט, און ער האַלט זיך פעסט ביי א ריי פּרינציפּן פון וועלכע ער וועט

קיינמאָל נישט אָפּטרעטן. ער קאָן אָפּטמאָל זיין הארציק ביז גאָר, אָבער ער קאָן טיילמאָל דערשיינען מיט זיין פולער פאַרזיכטיקייט און פּאַר־מאַליסטישער פּינקטלעכקייט. דער קלענסטער פּרט איז אין זיינע אויגן וויכטיק. ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין פּראַגמאַטיקער.

זיינע קריטיקער רופן אים „שרת דער בעל־חשבון” און זאָגן, אַז ער טרייבט איבער אין זיין פּעדאַנטישער פּינקטלעכקייט.

אויף די רעגירונגס־זיצונגען איז די שפּאַלטונג בדרך כלל געווען צווישן די, וואָס האָבן אונטערשטיצט בן־גוריונען און די וואָס זענען גע־גאַנגען מיט שרתן. דעם פּרעמיער־מיניסטערס אָנהענגער האָבן געזאָגט, אַז ער אָנערקענט און רעכנט זיך מיט פאַקטן, דאַקעגן שרת שטויסט אָפּ פאַקטן מיטן כוח פון זיינע טענות. פון דער אַנדערע זייט, האָבן שרתס פריינט געטענהט, אַז בן־גוריון, אין זיין שטורמישער נאַטור, איז נישט איינמאָל אוועקגעגאַנגען פון גרונט־פאַקטן.

בן־־גוריון איז געניייגט צו זיין אימפּולסיוו און מוטיק, און ער האָט איין קריטעריום פאַר יעדן פּלאַן און פאַר יעדער אַקציע: אין וועלכער מאָס קאָנען זיי העלפן דערגרייכן דעם ציל. שרת וועגט און מעסט, טראַכט איבער נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, איז פאַרזיכטיק ביז גאָר, און באַרעכנט וואָס עס קאָן זיין די עווענטועלע רעאַקציע פון דער וועלט.

שרת האָט שטענדיק בן־גוריונען געצוימט, און בן־גוריון האָט גוט געוווּסט, אַז ער נויטיקט זיך אין אַזאַ סאָרט ברעמזע, און דעריבער איז ער געשטאַנען דערויף, אַז שרת זאָל אַריין אין יעדער ניי־געשאַפענער רעגירונג.

אַלס אויסערן־מיניסטער האָט ער, איידער ער האָט געגעבן זיין הסכמה צו בן־גוריונס אַ פּלאַן, גוט איבערגעלייגט די מעגלעכע רעזולטאַטן פון יעדער פּאָליטישער אַקציע. נישט איינמאָל האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַקומען אַ מערהייט אין דער רעגירונג קעגן בן־גוריונס אַ פּלאַן, און דער פּרעמיער־מיניסטער, ווי אַ מענטש וואָס גלויבט אין די רעכט פון דער מערהייט, האָט געמוזט רעזיגנירן פון זיין פּלאַן.

נאָך דער סירישער אַקציע זענען די באַציונגען צווישן זייביידע געוואָרן שטאַרק אָנגעצויגן. בן־גוריון האָט אַדורכגעפירט די אונטערנעמונג ווען שרת איז געווען אין וואַשינגטאָן. ער איז ספּעציעל געפאָרן, כדי צו מאָנען אַ תשובה פון דאַלעסן אויף ישראלס אַ בקשה, אַז אַמעריקע זאָל איר געבן יאַגד־עראָפּלאַנען, כדי צו קאָנען שטיין אין קאַמף מיט די סאָוויעטישע „מיגן”, וואָס מצרים האָט נישט לאַנג צוריק געהאַט באַקומען. צוריק־

קומענדיק פון דאָרט, האָט שרת דרייסט און אָפן געזאָגט, וואָס פאַר אַ געפערלעכע רעזולטאַטן ס'זענען געווען אין וואַשינגטאָן, און ווי שלעכט די וועלט האָט רעאַגירט אויף דער סירישער אַקציע. ווען בן־גוריון האָט אָנגעגעבן זיין דערקלערונג וועגן דעם „גט צוליב באַקוועמלעכקייט", האָט ער געזאָגט צו די כנסת, אַז ער האָט שטענדיק פאַרלאַנגט, אַז שרת זאָל זיין באַטייליקט אין יעדער רעגירונג נישט נאָר, נישט־קוקנדיק אויף זייערע מיינונגס־פאַרשידנהייטן, נאָר טאַקע צוליב די מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן זיי. אָבער אין דער לעצטער צייט, צוליב דער סכנה פאַר דער מדינה־זיכערקייט, און ווען די אויסערן־פּאָליטיק איז געוואָרן וויכטיקער ווי אַמאָל, האָט ער באַשלאָסן אַז ס'מוז הערשן אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע, צווישן קריגס־מיניסטער און דעם אויסערן־מיניסטער.

שרת האָט אין זיין דערקלערונג געזאָגט, אַז נאָך די לעצטע וואַלן האָט ער געבעטן בן־גוריונען ער זאָל אים נישט איינשליסן אין דער נייער רעגירונג, ווייל ער האָט געהאַט באַגרינדעטע סיבות צו צווייפלען, צי זיי וועלן קאָנען ווייטער מיט דערפאָלג צוזאַמענאַרבעטן. אָבער בן־גורון האָט נישט אָנגענומען זיין מיינונג. שרת האָט צוגעגעבן:

„אין די לעצטע פאַר וואָכן איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז מיין דעמיסיע איז אומפאַרמיידלעך. די דאָזיקע לאַגע איז אַנטשטאַנען אָן שום צוזאַמענהאַנג מיט וועלכן ס'איז ספּעציעלן פּאָליטישן פּראָבלעם וואָס איז צו יענער צייט געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדנונג, אָדער אין פאַרבינדונג מיט אַ געשעעניש, אָדער מיט אַן אינצידענט וואָס האָט דעמאָלט פּאַסירט. אין אַן אָפנהאַרציק געשפּרעך וואָס איך האָב געהאַט מיטן פּרעמיער־מיניסטער זונטיק אין אָוונט, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז עס איז להלוטין אוממעגלעך איך זאָל בלייבן אין אַ רעגירונג וואָס ער שטייט אין איר שפּיץ".

נאָך זיין דעמיסיע איז ער געוואָרן אַקטיווער אין מפּא"י ענינים, און ער האָט אָנגעפירט מיט איר קולטור־טעטיקייט.

אויף אַ באַנקעט, אין דער מפּא"י, האָט בן־גוריון געזאָגט, אין אַ געזעגענונגס־רעדע לכבוד שרתן, אַז ער און שרת האָבן אַדורכגעמאַכט צוזאַמען אַ שטיק וועג פון דריי־און־פערציק יאָר. שרת האָט צוגעגעבן מיט אַ שמייכל: „פאַר דער פּינקטלעכקייט — פיר־און־פערציק און אַ האַלב יאָר".

נאָך דעם „גט" איז שרת געוואָרן יינגער, פרישער און וויניקער דערשלאָגן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקווענקלט צו אָנערקענען בן־גוריונס גרויסע ראָל אין אויספאָרמירן ישראלס גורל. ס'האָט געזאָגט

איינער פון די מפא״י באאמטע, וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פון א טייל חברים זיינע:

„אונדזער באציונג צו בן־גוריונען איז א רעזולטאט און א געמיש פון גלויבן און מורא. מיר גלויבן אין זיינע ווונדערלעכע כוחות, און מיר האָבן מורא פאַר אים און זענען פול מיט פחד, אַז ער קאָן אונדז פאַר־לוירן גיין. משה׳ן האָבן מיר ליב און אויך אין אים גלויבן מיר. אָן אים פילן מיר זיך נישט זיכער. מיר האָבן שטענדיק געהאַט צוטרוי צו זיינע באַ־שלוסן און צו זיין געפיל פאַר גערעכטיקייט און אָנשטענדיקייט״.

ביים סוף פון יענעם יאָר האָט בן־גוריון דערציילט וועגן א „נס״ וואָס האָט פאסירט — דאָס גרעסטע נס זייט דעם באפרייונגס־קריג. די מדינה האָט סוף־כל־סוף מצליח געווען צו באקומען דעם מינימום געווער וואָס זי האָט נויטיק געהאַט צו איר פארטיידיקונג.

מער וועגן דעם איז אין משך פון כמעט א גאנץ יאָר נישט דער־ציילט געוואָרן דער עפנטלעכקייט. דאָס געווער איז געקומען פון פראנק־רייך, און די פארמאליטעטן זענען דערלעדיקט געוואָרן ביי א מינימום דיפּלאָמאטישע פאָרמעלקייט. א באגרענעצטע צאָל מענטשן פון יעדערן צד האָט זיך פארנומען מיט די באשטעלונגען פון מיליאָנען דאָלארן, און די דאָזיקע מענטשן האבן געהאַט באשלאָסן זיך צו באציען מיט צוטרוי איינער צום אנדערן.

אין משך פון פיר חדשים זענען קיין ישראל אָנגעקומען, אָן שום שטרויכלונגען, פערציק טויזנט טאָן מיליטערישע אויסשטאטונג. דער סוד איז אָפּגעהיטן געוואָרן, טראָצדעם וואָס די אויגן פון דער גאַנצער וועלט זענען געווען געווענדט צום נאָענטן מזרח.

די טראנספּאָרטן זענען אָנגעקומען און פונאנדערגעשטעלט געוואָרן, און דער שונא האָט וועגן דעם קיין אנונג נישט געהאט. אויך די ישראל־דיקע געווער־אינדוסטרי האָט פארגרעסערט איר פּראָדוקציע אויף פופ־ציק פּראָצענט, אויף בן־גוריונס באפעל. זי האָט אויך אָנגעהויבן פּראָ־דוצירן מינעס, אנטי־טאנק־גראנאטן, גראנאטן־ווארפער און אנדערע סאָרטן געווער, מיט אירע טיילן.

אין יולי איז אויסגעבראָכן א לאנדווירטשאפטלעכער קריזיס. דער בוימוואָל, דער נייער לעבנס־וויכטיקער פאקטאָר אין דער ישראל־עקאָנאָ־מיע, איז אָנגעגריפן געוואָרן פון אן אינזעקטן־קראנקהייט וואָס אלע כע־מישע קעגן־מיטלן האָבן נישט געהאַט אויף איר קיין ווירקונג. דאס גאנצע

בוימוואָל־גרעטעניש, אין ווערט פון אכט מיליאָן דאָלאַר, איז געשטאַנען אין א סכנה.

בן־גוריון האָט געשיקט סעם האַמבורגן א טעלעגראַמע. זי איז אנגעקומען קיין קאַליפאָרניע אינדערפרי. מיטאָגצייט, האָט זיך שוין סעם האַמבורג געפונען אין אַן עראָפּלאַן קיין ישראל. דאָס איז געווען זיין זעקסטע נסיעה אין הייליקן לאַנד אַריין. ער האָט פעסטגעשטעלט, אז א פערטל פון גערעטעניש, אין ווערט פון צוויי מיליאָן דאָלאַר, איז אָנגעגריפן געוואָרן אויף א האָפנונגסלאָזן אופן. אָבער זיין רעטונגס־אקציע האָט מציל געווען דעם רעשט בוימוואָל.

אין יולי האָט נאַצער נאַציאָנאַליזירט דעם סועץ־קנאַל. אין אויגוסט האָט בן־גוריון געזאָגט צום קאָנגרעס פון יידישער יוגנט פון אכצן לענדער, אז יידן אין גלות האָבן אויסצעוויילן צווישן א לוקסוס־לעבן אין די לענדער וווּ זיי וווינען, און צווישן א לעבן פול מיט געפאַרן און שוועריקייטן אין ישראל, אבער א לעבן פון יידישן כבוד און יידישער פרייהייט. „דאָס וואָס איר קאָנט נישט קויפן אין די מאַגאַזינען פון מייסי״.

אין מיטן אָקטאָבער איז די שפּאַנונג דערגאַנגען צום זעניט. נאַצער האָט אָפן דערקלערט, אז ער קעמפט „נישט בלויז קעגן ישראל נאָר אויך קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן יידנטום און דעם יידישן קאַפּיטאַל״. די דאָזיקע רייד האָבן דערמאָנט די רעדעס פון א געוויסן דייטש וואָס איז שוין געווען טויט. דעם 15 אָקטאָבער האָט בן־גוריון א רויקער, אָנגעהויבן רעדן אויף דער כנסת־טריבונע. דאָס איז געווען א רעדע פון מער ווי פופצן טויזנט ווערטער, אָבער קיין מענטש האָט נישט איינגעדרימלט. ער האָט גערעדט קלאָר וועגן מלחמה, אָבער נישט ווי א קריגס־מיניסטער, נאָר ווי א פילאָזאָף און א הומאַניסט. צו דער איבערראַשונג פון די וואָס האָבן געוווּסט ווי ווייניק זיין אינטערעס איז פאַר פּאָעזיע, האָט ער פּלוצים ציטירט א ליד פון א היינטצייטיקן ישראל־דיכטער. דאָס ליד הויבט זיך אָן מיט דער שורה:

„אין א נאַכט וואָס איז געווען אָדער וועט ערשט זיין״.

און ער איז אריבער צו אקטועלע פּראָבלעמען:

„די גרויסע מענגעס מאָדערן געווער וואָס זיי האָבן באקומען זענען עלול זיי צו פאַרשיכורן און ארויספירן פון גלייכגעוויכט. זיי הערן דאָך נישט אויף צו פאַרזיכערן זייערע מאסן, אז זייער ציל איז — א הייליקע און אומבּרחמנותדיקע מלחמה קעגן ישראל, ביז פאַרניכטונג״.

איצט האָט ער אָנגעהויבן אויסרעכענען וואָס עס איז געשען אויף די

גרענעצן: דאָ איז א מענטש דערהרגעט געוואָרן, אין עזוז איז א צוויי־שטאָקיג הויז אויפגעריסן געוואָרן, און אויף א צווייטן פּלאַץ איז אָנגעגריפן געוואָרן א פּאָליציי־אויטא, א שאָפער פון א לאסט־אויטא איז דערהרגעט געוואָרן פון שונא׳ס א לויערונגס־באַהעלטעניש, צוויי בירגער זענען דערמאָרדעט געוואָרן, אַ ישראלדיקער לאַסט־וואָגן איז ארויף אויף א מינע און צוויי פּאַסאַזשירן זענען אומגעקומען. מינעס זענען פאַרשטעקט געוואָרן אין די פעלדער ארום ירושלים, א האַנט־גראַנאַט איז אריינגעוואָרפן געוואָרן אין א קינדער־היים, פיר בירגער זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין א צווייטער געגנט, זעקס יידישע סאָלדאַטן זענען געהרגעט געוואָרן, די אראבישע לעגיאָנערן האָבן געעפנט מיט פייער אויף אן ארכעאָלאָגישן צוזאמענפאָר, תימנישע פרויען זענען דערמאָרדעט געוואָרן בעתן פּרעסן איילבירטן. ערשט נעכטן איז געכאַפּט געוואָרן לעבן שדה־בוקר אַ פעדאַיין־באנדע וואָס מצרישע אָפיצירן האָבן זיי געשיקט אויף שפּיאָנאַזש־ארבעט אין ישראל.

דאָס אלץ איז געווען אן הקדמה צו דעם וואָס וועט קומען. ער האָט מיט חכמה פאַרגעבריים דעם באָדן און געפלאַסטערט אַ וועג פאַר דעם וואָס וועט געשען אין דער גאָר נאָענטסטער צייט. ער האָט שוין געוווּסט, אז עס וועט געשען, און דאָס וועט געמאַכט ווערן לויט זיינע באַפעלן. שטרענגע סודותדיקייט איז דער ערשטער באדינג פאַר דער הצלחה פון יעדער אַקציע. ווייניק זענען די מענטשן וואָס וואָלטן בכלל זיך דערלויבט צו רעדן, געפינענדיק זיך אין זיין לאַגע. אָבער בן־גוריון האָט אין יענעם נאָכמיטאָג אינגאנצן באהערשט זיינע מעשים. אין גרונט גענומען — האָט ער גערעדט, כדי די וועלט זאָל הערן. אין פאַרלויף פון איין שעה וועט דער תמצית פון זיין רעדע אין ניו־יאָרק און אין לאָנדאָן, אין א האַלבער שעה שפּעטער וועט ער זיין אויך אין קאַהיר, דמשק, באַגדאַד און אין רבת־עמון. און פונדעסטוועגן איז ער געבליבן דער חסיד פון דעמאָקראַטיע, און אפילו אין צייטן פון געפאַר אוך אויסנאַמס־צושטאַנד האָט ער זיך באַמיט צו געווינען דעם צוטרוי פון די כנסת־דעפּוטאַטן, און דאָך — נישט אויסגעגבן קיין שום סוד.

„לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער אונ״א האָט יעדעס פאָלק דאָס רעכט אויף זעלבסטפאַרטיידיקונג...״. „איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, אז עס איז פאַראַנען אפילו איין מדינה אויף דער וועלט וואָס וואָלט מפקיר געווען דאָס לעבן פון אירע בירגער אין די הענט פון מערדער, אָרגאַניזירטע און אריינגעשיקטע דורך שכנותדיקע רעגירונגען...

„מיר האָבן פאָרגעשלאָגן א פרידנס־צוזאַמענטרעף מיט די אַראַבישע הערשער, אָבער אונדזער שטימע איז געווען א קול מורא במדבר...

„עס זענען פאַראַנען מדינות וואָס קאָנען זיך לייכט דערוועגבן גוטע פריינט, מחמת זיי זענען גרויס און מעכטיק, זיי באַהערשן ריזיקע שטחים און האָבן א באַפעלקערונג פון א סך צענדליקער אָדער הונדערטער מיליאָנען. פאַראַנען פעלקער וואָס שאַפן זיך פריינט דורך א שותפות פון רעליגיע און שפּראַך, אַזוי ווי געוויסע אַראַבישע לענדער, די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, די סקאַנדינאַווישע לענדער. פאַראַנען מדינות וואָס פאַרבינדן זיך איינע מיט דער צווייטער צוליב מורא פאַר א געמיינזאַמען שונא. ישראל האָט נישט קיין ריזן־כוחות, נישט קיין געוואַלטיקע עשירות, נישט קיין אוימגעהוירע שטחים, נישט קיין שותפות פון רעליגיע, שפּראַך און קולטור. די פעלקער וואָס זענען איר צום נאָענטסטן, אין הינזיכט פון ראַסע און שפּראַך, זענען דווקא די אַראַבישע פעלקער, וועלכע, צוליב היסטאָרישע סיבות — און איך גלויב, אַז צייטווייליקע — זענען זיי אין דער איצטיקער תקופה אונדזערע פאַרביסנסטע שונאים".

דאָס איז געווען דער זשעני פּונעם מענטש: פערצן טאָג איידער מדינת־ישראל וועט אונטערנעמען איינע פון אירע דרייסטסטע און געפערלעכסטע שריט, וואָס א קליין פאָלק איז נאָר אימשטאַנד צו נעמען אויף זיך, האָט דער אָנפירער פון דאָזיקן פאָלק געקאָנט שטיין און רעדן שעהן לאַנג אויף דער טעמע ווי אַזוי א קליין פאָלק קאָן זיך דערווערבן פריינט. ער האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„מיר שטייען אפשר פאַר גרויסע און גורלדיקע אַנטשיידונגען, לאָמיר שטיין גרייט און פאַראייניקט, און ישראלס אַלמעכטיקער וועט נישט אַנטוישן"..

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

דאָנערשטיק, דעם 25 אָקטאָבער 1956, זענען טויזנטער מענטשן פאַרשוווּנדן פון זייערע הייזער, פון אַלע שטעט און דערפער אין ישראל. דער סעקרעטאַר פון אַ באַנק־דירעקטאָר איז אַרויס עסן מיטאָג און זיך נישט צוריקגעקערט. איינער פון די אויסלענדישע אַמבאַסאַדאָרן האָט זיך באַקלאָגט, אַז זיין שאָפער האָט געוואָרפן די אַרבעט נישט דערמאָנענדיק פריער, אַז ער האָט בדעה צו פאַרלאָזן די אַרבעט. געשעפטס־לייט האָבן זיך פאַרטיידיקט פאַר זייערע קונים, צוליב נישט געהעריקער באַדינונג: „מיר באַדויערן זער, אָבער עס זענען אונדזער פאַרשוווּנדן געוואָרן עטלעכע פון אונדזערע באַאַמטע״.

פיר־און־צוואַנציק שעה פריער האָבן מצרים, ירדן און סיריע געשלאָסן צווישן זיך אַ מיליטערישן פּאַקט. זיי האָבן געשטעלט זייער גאַנץ מיליטער אונטער עבדול נאַצערס אָנפירערשאַפט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ קריזיס, וועלכער האָט געצוווּנגען בן־גוריונען אָנצונעמען דעם שווערסטן באַשלוס אין זיין לעבן. ער האָט געהאַט אויסצוּווײלן צווישן חורבן און אומקום, מיט הספדים און מיטגעפיל־אויסדרוקן פון פריינט און סימפּאַטיקער — און צווישן אַ מיליטערישער אַקציע.

אין די קומענדיקע פינף טעג האָט ער אָנגעהויבן אויפצודעקן זיין סוד. אין אָנפאַנגס צו צוויי־דריי מענטשן, שפּעטער צו נאָך אייניקע, און צום סוף צו אַ ברייטערן קרייז. און פונדעסטוועגן איז יענער סוד געבליבן איינער פון די געהיטנסטע מיליטערישע סודות אין דער גאַנצער היסטאָריע, און דער דאָזיקער פאַקט — דאָס אָפּהיטן דעם סוד — איז געווען איינע פון די דעצידירנדיקסטע סיבות פון גלענצנדיקן נצחון.

דאָנערשטיק, אין דער צייט וואָס די מאָביליזאַציע פון צבא הגנה לישראל איז דורכגעפירט געוואָרן לויט דעם „שטומען סיסטעם״, דאָס הייסט איבערגעבן דעם באַפעל פון מויל צו מויל: פון די אָפיצירן צו די אונטער־אָפיצירן און זיי צו די פשוטע זעלנער — איז אבא אבן געשטאַנען פאַר דער אונ״א אין ניו־יאָרק און האָט דערקלערט:

„ישראל וועט נישט אָנהויבן קיין קריג. זי וועט נישט זיין די איני־ציאַטאָרין פון געוואַלט־טאַטן".

דעם אַמבאַסאַדאָר האָט נאָך נישט געהאַט באַקומען קיין ידיעה וועגן בן־גוריונס באַשלוס, און אין פאַרלויף פון זיין רעדע האָט ער געזאָגט: „די מלחמה איז דאָס לעצטע פאַרטיידיקונס־מיטל. עס פּאַסירט אָבער, אַז מען קאָן נישט אָפּלייקענען די נויטווענדיקייט פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג".

ערשט פרייטיק איז איבערגעגעבן געוואָרן דער גאַנצער פּלאַן צו די קאָמאַנדירן פון דער דרום־אַרמיי, אויף וועמענס פּלייצעס עס ווערט אַרויפ־געלייגט די אונטערנעמונג. זיי איז געבליבן בלויז צוויי־און־זיבעציק שעה אויף צו פאַרענדיקן זייערע פאָרבערייטונגען.

שבת האָבן די אונ"אַ־לייט איינגעאָרדנט אַ קאָקטייל־פּייערונג אין תל־אביב. די הויפּט־טעמע איז דאָרט געווען די מאָביליזאַציע. דער רוב פון די אָנוועזנדיקע דיפּלאָמאַטן זענען געווען גענייגט צו מיינען, אַז דער מצב אין ירדן האָט אַרויסגערופן די מאָביליזאַציע.

דערווייל האָבן זיך שוין אַלע מאָביליזירטע געהאַט פאַרזאַמלט אין זיי־ערע מאָביליזיר־צענטערן, און זענען שוין געווען אויפן וועג צום נגב. שבת האָט דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, משה דיין, וועלכער איז געוואָרן איינער פון בן־גוריונס אָנערקענטע פּערזענלעכקייטן, ענטגילטיק באַשטע־טיקט דעם שטאָבס אָנגריפס־פּלענער. דערנאָך איז ער אַוועק צו זיך אַהיים און האָט פאַרבראַכט דעם אָוונט ווי אַן אַרכעאָלאָג־אַמאַטאָר, האָט פאַראיי־ניקט אייניקע צעבראָכענע שטיקער פון אַ ביזאַנטישן בעכער, וואָס ער האָט געהאַט, מיט אַ קורצער צייט צוריק אַנטפּלעקט אין זיינע אויס־גראָבונגען.

שבת איז דער פּרעמיער־מיניסטער קראַנק געוואָרן. ער האָט באַ־קומען הויכע טעמפּעראַטור מיט שטאַרקע קאָפּ־שמערצן, דאָך איז ער אַ גאַנצן טאָג געבליבן אויפן פּלאַץ אין זיין אמט. אין אָוונט האָט ער איינ־געלאַדן צו זיך די מיניסטאָרן פון מפא"י און האָט זיי דערקלערט קורץ, אַז ער פּלאַנירט אַ מיליטערישע ברייט־פאַרצווייגטע אונטערנעמונג וואָס וועט האָבן דריי אויפגאַבן:

„1. צו פאַרניכטן די מצרישע אָנגריפס־באַזעס אין סיני".

„2. צו פאַרטרייבן דעם מצרישן אָקופּאַנט פון עזה־פּאַס".

„3. צו פאַרזיכערן אַ פרייען שיפס־פאַרקער פאַר ישראל און פאַר די שיפן פון אַלע פעלקער, אין די אילת־בוכטע".

ער האָט זיי אויך געזאָגט, אַז די אַקציע וועט זיך באַזירן אויף דריי־

יסודות: איבעראשן דעם שונא, א שנעל־אקציע, און באגרענצן די פאר־לוסטן ביז מינימום, די מיניסטארן פון זיין אייגענער פארטיי האבן אויס־געדריקט זייער הסכמה. דערמיט האט ער באזייטיקט די ערשטע שטערונג.

יענע נאכט האט ער זיך געלייגט שלאפן מיט א רויק געמיט, ער איז געווען צופרידן וואס אלץ אנטוויקלט זיך לויטן פראגראם. זונטיק האט ער זיך, מיט גרויסע שוועריקייטן אויפגעהויבן פון בעט, די הויכע היץ האט אויף אים געדריקט, ער האט אבער ווייטער אנגעפירט פערזענלעך מיט דער ריזיקער אקציע וואס ער האט אנגעהויבן. ער האט אויך צודרינגלעך געפאדערט, אז אלע ענינים פון באציונגען מיט דער עפנטלעכקייט זאלן בלייבן קאנצענטרירט אין זיינע הענט.

די ישראל דיפלאמאטן אין אויסלאנד וועלן נישט באקומען קיין שום פאר־מעלדונג וועגן דער אונטערנעמונג, ווען אפילו דאס וועט אייניקע פון זיי ברענגען אין א גרויסער פארלעגנהייט.

זונטיק איז פארגעקומען א זיצונג פון דער רעגירונג, און די מיניס־טארן פון די אנדערע פארטייען האבן צום ערשטן מאל געהערט וועגן דער אקציע, און דאס איז דאך געווען די שטערונג נומער צוויי. פונדעסטוועגן איז קיין שום קעגנערשאפט נישט געווען. די רעגירונג האט באשטעטיקט דעם טעקסט פון אן עפנטלעכער מעלדונג וועגן דער מאביליזאציע, אין וועלכער מען האט מודיע געווען, אז צוליב די לעצטע געשעענישן אין די אראבישע לענדער זענען מאביליזירט געווארן א צאל רעזערוויסטן. די מעלדונג האט געדארפט דינען פאר א רויך־פארהאנג, און דעריבער איז ספעציעל אונטערגעשטראכן געווארן די סיטואציע אין ירדן.

בעת יענער רעגירונגס־זיצונג האט בן־גוריון, פון צייט־צו־צייט, גע־שלינגען פארשידענע רפואות. די מעדיקאמענטן האבן אים אבער קיין פאר־לייכטערונג נישט געבראכט. מען האט געקאנט אראפלייענען פון זיין פנים, אז די היץ איז נישט געפאלן, ער האט געליטן פון שווערע קאפ־שמערצן. נאכן איבערגעבן דעם פרעזידענט דעם רעגירונגס־באשלוס איז ער אין אן אויטא אוועק, מיט פאלען און ארגובן קיין תל־אביב.

אנגעקומען אין תל־אביב האט פאלא געפאדערט ער זאל גלייך גיין אין בעט אריין, אבער זיין ארבעטס־טאג איז נאך ווייט נישט געווען פארענדיקט. ער האט געמוזט אויפנעמען דעלעגאציעס פון די פארלאמענ־טארישע פראקציעס, אויסער די קאמוניסטן, וועלכע ער האט בפירוש גע־פאדערט נישט איינצושליסן אין די דעלעגאציעס. יעדער פראקציע האט ער געגעבן די פולע אויפקלערונג וואס ער האט פריער געהאט געגעבן

דער רעגירונג, דעם שעף פון גענעראל־שטאַב און דעם פּרעזידענט. צום גליק איז ווידער קיינער נישט געווען קעגן. אזוי האָט ער באַזייטיקט די דריטע שטערונג.

צווישן איין דעלעגאַציע און דער צווייטער, זענען געקומען פיר תּל־אביבער דאָקטוירים. זיי האָבן געשטעלט די דיאַגנאָזע פון דער קראַנקהייט: א ווירוס. די טעמפּעראַטור איז דערגאַנגען ביז 103.5 גראַד (פאַרנהייט). די דאָקטוירים האָבן אנגעזאָגט ער זאָל גלייך גיין אין בעט אריין. פּאָלאַ האט געזאָגט, אז מ׳דאַרף נישט קיין ספּעציעלע קראַנקן־שוועסטער, ווייל זי האָט געענדיקט א שוועסטער־שולע אין ניו־יאָרק, וועט זי אליין זיין ביים קראַנקן. בן־גוריון האָט די אָוונט־שהן פאַרבראַכט אין בעט, אָן איינגעטוליעטער, געבנדיק דערביי די לעצטע אָנווייזונגען צו פאַרשידענע ציווילע און מיליטערישע באַאמטע, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין זיין שלאָף־צימער, איינער נאָכן צווייטן.

8 א זייגער אין אוונט איז דערשינען דער אמעריקאַנישער אמבאַסאַדאָר עדוואַרד לאוסאָן, מיט אַ טעלעגראַמע פון פּרעזידענט אייזענהאַוער צו בן־גוריונען. אין דער טעלעגראַמע איז בן־גוריון געבעטן געוואָרן, אז מדינת ישראל זאָל האַנדלען מיט איינגעהאלטנקייט אין אלע אירע פּלענער. בן־גוריון האט גלייך איינגעלאַדן צו זיך יעקב הערצאָגן, דעם זון פון רב הראשי, א גלענצנדיקער תּלמיד־חכם און א פּרומער רב, וועלכער האָט פריער פאַרנומען דעם אמט פון א פאַרבינדונגס־מאַן צווישן דער רעגירונג און די קאַטוילישע געמיינדעס אין לאַנד. איצט איז הערצאָג געשטאַנען אין שפּיץ פון דער אמעריקאַנישער אָפּטיילונג אין אויסערן־מיניסטעריום. אין פאַרלויף פון די קומענדיקע צוויי וואָכן וועט ער זיין איינער פון די נאָענטסטע ראטגעבער פון פּרעמיער־מיניסטער און דערנאָך וועט ער באַשטימט ווערן אלס ישראל־דיפּלאָמאַט אין וואשינגטאָן. ער האָט געזאָגט הערצאָגן: „מיר דאַרפן גלייך ענטפערן אויף דער דאזיקער טעלעגראַמע, און די תּשובה דאַרף נישט אנטהאַלטן קיין שום פאַרפליכטונג". בשעת דער יונגער רב איז געווען פאַרנומען מיטן סטיליזירן די תּשובה, איז אָנגעקומען איינער פון די דאָקטוירים און האָט פעסטגעשטעלט, אז בן־גוריונס היץ איז געשטיגן מיט צוויי גראַד.

מאָנטיק פינף א זייגער אין אָוונט איז דער יועץ פון דער אמעריקאַנישער אמבאַסאַדע דערשינען אין זיכערהייטס־מיניסטעריום, אין דער קריה, און האָט געזוכט וועמען איבערצוגעבן אַ בריוו פון פּרעזידענט אייזענהאַוער. ענדלעך האָט דער פּאַרטייער אָנגענומען דעם בריוו. אויף אים

איז געווען אויפגעשריבן: „פערזענלעך, צום פרעמיער־מיניסטער פון יש־ראל, הער דוד בן־גוריון".

הערצאָג איז אָנגעקומען, זיבן א זייגער אינדערפרי. ער האָט גענומען דעם בריוו און איז גלייך מיט אים אוועק צום פרעמיער־מיניסטער אויף שדרות קרן־קיימת. בן־גוריון האָט זיך שוין געהאַט אויפגעוועקט פון שלאָף. ער האָט געהאַט א שווערע נאַכט, די היץ איז נאָך געווען א שטאַרקע. ער האָט געלייענט אייזנהאַוערס בריוו, אין וועלכן עס איז ווידער אויסגע־דריקט געוואָרן אמעריקעס זאָרג און איר דרינגנדיקע ביטע, אז „ישראל" זאָל זיך נישט באַנוצן מיט קיין געוואַלט־אַקטן וואָס וועלן שטעלן אין סכנה דער שלום". ער האָט פאַרגעלייגט א טעקסט פון אן ענטפער. ווען הערצאָג איז ארויס, האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי: „דו ביסט בלאַס, צי ביזטו אויך קראַנק?"

פאַלא איז שוין געווען קראַנק זייט אייניקע טעג, אָבער זי האָט אים וועגן דעם קיין וואָרט נישט געזאָגט. זי האָט געמאַכט א באַוועגונג מיטן קאָפּ און איז ארויס פון צימער. עלף א זייגער איז געקומען הערצאָג מיט דעם נוסח פון דער תשובה צום פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. בן־גוריון האָט, נאָך עטלעכע אויסבעסער־זגגען, דעם תשובה־נוסח באַשטעטיקט. אין די וויטערדיקע שעהן איז ער געזעסן אויפן בעט. זיין פנים האָט געברענט אין היץ. ער האָט דיקטירט דירעקטיוון וואָס מ'דאַרף טע־לעגראַפיש איבערשיקן צו די ישראל־אַמבאַסאַדאָרן נאָך דעם ווי די אַקציע וועט פאַרענדיקט ווערן. ער איז אָבער געוואָרן אזוי שוואַך, אז ער האָט נישט געקאָנט ווייטער ממשיך זיין. ער האָט זיך אוועקגעלייגט און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. א דרינגנדיקע טעלעפאָן־געשפּרעך פון אויסערן־מי־ניסטעריום האָט אים איבערגעוועקט.

אין פאַרלויף פון גאַנצן טאָג איז א ריי אויטאָס געשטאַנען פאַרן הויז. נבון איז געווען אונטן און האָט גוט „אדורכגעזיפּט" די אלע וואָס האָבן געוואָלט זען דעם פרעמיער־מיניסטער. איינער פון די וואָס זענען אריינ־געלאָזט געוואָרן צו בן־גוריונען אין שלאָפצימער איז געווען דער פראַנ־צויזישער אַמבאַסאַדאָר. בן־גוריון האָט מיט אים גערעדט זער פריינטלעך, ער האָט אים אָבער גאָרנישט געזאָגט. (טראָץ אלע, שפּעטער, פאַרשפּרייטע מעשיות וועגן א „געהיימען אָפּמאַך" צווישן פראַנקרייך און ישראל, איז די פראַנצויזן, וואָס האָבן דערמעגלעכט די הילפס־אַקציע, מיט די פּער־ציק טויזנט טאָן געווער פאַר ישראל, נישט איבערגעגעבן געוואָרן קיין שום פאַר־מעלדונג וועגן דעם וואָס עס האָט זיך געגרייט).

אין די נאָכמיטאָג־שעהן זענען דאָס ארבעטס־צימער און דאָס שלאָפצימער אויפן איבערשטן שטאק איבערפולט געווארן מיט אפיצירן, פּאָליטישע ראטגעבער, געהילפן און מיניסטאָרן. איינער פון זיי האָט געשילדערט בן־גוריונען:

„קאַלט בלוט און הויכע טעמפּעראטור". די פארשריבענע מעדיצינען האָבן נישט פארקלענערט די היץ. א צעפלאַמט און געשוואָלן פנים, די אויגן אביסל געשלאָסן. נאָענט צו פיר א זייגער האָט ער אַ פרעג געטוען דיינ׳ען: „וועלכע שעה גרייפן זיי אָן?"

„פינף מיט צוואַנציק".

„פארוואָס אזוי פרי?"

„אויב זיי וועלן אָנגרייפן אין דער נאכט־פינצטערקייט, וועלן א סך פארוווּנדעטע ווערן אויף די סקאלעס".

א זייגער פינף א פערטל האָבן זיי זיך מיט שטילע בליקן איבער־געקוקט: די נאָענטסטע פינף־און־פופציק מינוט, ביז עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע פראָנט־ידיעות, האבן אויסגעזען ווי לאנגע, לאנגע שעהן.

זעקס מיט צען מינוט האָט נבון געבראכט דעם ערשטן באריכט. איינער פון די דאָקטוירים האָט נאָר־וואָס געמאָסטן ביי בן־גוריונען די היץ. זי איז ווידער אביסל געשטיגן.

די ידיעה פון שלאַכט־פעלד האט געזאָגט, אז די ישראל עראָפּלאַנען (דאַקאָטעס) האָבן אראָפּגעלאָזן די מענטשן אויף די באשטימטע פלעצער, און זענען צוריקגעקומען בשלום. דער „ציל" איז געווען דער מיטל־פּאַס אויפן האלב־אינדזל סיני, א מרחק פון קנאַפּע פופציק קילאָמעטער פון סועץ־קאנאל.

דער אינגעטוליעטער אַלטער מאַן אין בעט האָט געזאָגט, אז ער איז באזאָרגט וועגן גורל פון פאראשוטיסטן־גדוד. אין א פערטל שעה ארום האָט נבון געבראכט א צווייטע ידיעה. זי האָט דערציילט: „די לאנדונג האָט זיך איינגעגעבן. אין קרייז פון פופציק קילאָמעטער זעט מען נישט קיין שום מצרישן סאלדאַט, קיין שום מצרישער עראָפּלאַן האָט נישט גע־פּרוּווט שטערן אין אונדזער אקציע".

דער פרעמיער־מיניסטער האָט זיך בארויקט. ער האָט גענומען א בוך און אָנגעהויבן לייענען. דאָס בוך האָט געהייסן: „דער אינטעלעקט פון פּרעהיסטאָרישן מענטש". פון יענעם מאָמענט אָן האָט דער שטראָם פון טעלע־

גראמעס און באריכטן פון שלאכט־פעלד נישט אויפגעהערט, זיי האָט אויך באַגלייט א צופלוס פון דיפּלאָמאַטישע טעלעגראַמעס.

ניין א זייגער איז אָנגעקומען א ידיעה פון ירושלים, אז פון איינע פון די פּאָזיציעס פון אראבישן לעגיאָן איז געעפנט געוואָרן א פייער פון מאשין־געווער אויף דעם קוואַרטאַל מוסראַראַ אין ירושלים. עס זענען נישט געווען קיין פארלוסטן. נאָך דעם דאָזיקן פאראייזצלטן אויסברוך האָט גע־הערשט רו אויף דער ירדנישער גרענעץ. מורא האָבנדיק, אז די מצרים וועלן ביינאַכט באַמבאַדירן תל־אביב, האָט פאַלאַ געפאָדערט, בן־גוריון זאָל אראפגיין צום אונטערשטן שטאָק, כדי ער זאָל זיין נענטער צום בונקער. די אָפיצירן פון ישראלס געהיימער אינפאָרמאַציע־דינסט האָבן געוווּסט, אז דער מצרישער לופט־פלאָט באזיצט מער ווי הונדערט „מיגן 15", פופציק „איליושינס", וואָס יעדער פון זיי קאָן טראָגן צוויי טאָן אויפרייס־מאַטעריאַלן, זעכציק „וואמפירן" און צוואנציק „מעטעאָרן". אויב אזא ארמיי וועט זיך א ווארף טוען אויף תל־אביב, וועט נישט בלייבן קיין שריד ופליט פון דער שטאָט. בן־גוריון האָט, קעגן זיין ווילן, מסכים געווען אראָפּ־צוגיין צום אונטערשטן שטאָק.

דינסטיק האָט ער זיך פריער איבערגעוועקט, פילנדיק זיך אביסל בעסער. אָבער די דאָקטוירים האָבן אָנגעזאגט ער זאל ווייטער בלייבן אין בעט. 9 א זייגער אינדערפרי האָט ער באשטעטיקט דעם טעקסט פון דער ערשטער מעלדונג, אז די ישראל־חילות זענען אריינגעדרינגען אין האלב־אינדזל סיני און האָבן שוין אדורכגעמאַכט מער ווי א העלפט וועג צום סועץ־קאנאל. סוף־סוף האָט מען שוין געקאָנט מודיע זיין דעם סוד אויך צו די ישראל אמבאַסאַדעס אין אויסלאנד. זיי האָבן אין די לעצטע טעג אי־בערגעלעבט אייניקע שווערע שעהן; דער אמבאסאדאָר אבא אבן איז גראָד געווען אויף א קאָנפערענץ אין „סטייט־דעפארטאמענט", ווען עס זענען דאָרט דערהאלטן געוואָרן די ערשטע ידיעות פון דער מצרישער זייט, וועגן דער סיני־אַקציע. שרת, וועלכער האָט זיך געפינען, אין אַ פרידנס־שליחות, אויפן ווייטן מזרח און האָט זיך גראָד געדארפט טרעפן מיטן אינדישן פרעמיער־מיניסטער נערו, האָט פון די צייטונגען דערפארן וואָס עס האָט פאַסירט.

נאָכן פארעפנטלעכן די ערשטע מעלדונג איז פארבאָטן געוואָרן צו פארעפנטלעכן ווייטערדיקע ידיעות. ישראל־איינוווינער האָבן יענעם דינס־טיקדיקן טאָג פארבראכט לאנגע שעהן ביים פארטונקלען די פענצטער פון זייערע דירות. די סיני־אקציע איז געווען א משוגענע אונטערנעמונג —

אלע האָבן דאָס געוווּסט. פון די געהיימע ידיעות וואָס זיין מיליטערישער אויסשפּיר־דינסט האָט אים איבערגעגעבן, האָט בן־גוריון געוווּסט, אַז א גרויסער טייל פון דעם טשעכאָסלאָוואַקישן געווער וואָס מצרים האָט באַקומען, איז קאָנצענטרירט געוואָרן אויף דעם האַלב־אינדזל סיני. אויב מצרים איז אפילו נאָר האַלב־וועגס גרייט, וועט זי זיך דאָך אָנכאַפּן אין דער געלעגנהייט, כדי אריינצודרינגען קיין ישראל. די מצרישע לופט־באַזעס פון די יאַגד־עראָפּלאַנען האָבן זיך געפינען אויף א מרחק פון עטלעכע מינוט פליען פון ווייטסטן ווינקל אין ישראל. און איצט האָט מצרים געהאַט די הויפּט־אָנפירערשאַפט, נישט נאָר איבער אירע אייגענע חילות, נאָר אויך איבער די ארמייען פון ירדן און סיריע.

דאָס איז געווען א שווערע ריזיקע פאַר א הויפּט־אָנפירער; און ס'איז קיין וווּנדער נישט, וואָס טראָץ זיין קראַנקהייט האָט דער זיבעציק־יאָריקער פּרעמיער־מיניסטער געלייענט מיט גרויסער נערוועזקייט אלע באריכטן פון שלאַכט־פעלד, ממש ווי א ביליאַרד־שפּילער, אין מאָנטע־קאַרלאָ, וועלכער קוקט זיך איין מיט אומרויִקייט, אין די באַלן אויפן ביליאַרד־טיש. דינסטיק אינדערפרי איז בן־גוריונען איבערגעגעבן געוואָרן א באַריכט וועגן אַן אָנגריף פון מצרישע עראָפּלאַנען אויף ישראלדיקע מיליטערישע לאַגערן. דאָס וועט צווינגען פונדאַסניי איבערצוקאָנטראָלירן די קאַמפּס־פּלענער. זיין פריערדיקער באַפעל האָט פאַרבאָטן ישראלס לופט־פלאָט צו מאַכן אַן אויסשפּיר־פלי איבערן סועץ־קאַנאַל, אָדער אָנצוגרייפן מיליטערישע לאַגערן אויפן באָדן, ער האָט אויפגעפאָדערט נישט צו שיסן אויפן שונאס עראָפּלאַנען אָדער צו באַמבאַדירן דעם שונאס שטעט. ער האָט דאָס געטוען צוליב מורא, אַז א לופט־קריג קאָן דערפירן צו א טאָטאַלן קריג, און אפשר גאָר צו א דריטער וועלט־מלחמה. זיין פּלאַן איז געווען צו באַגרעניצן די קאַמפן, אין די ראַמען פון בלויזע אַקציעס אויפן באָדן. איצט אָבער, אַז דעם שונאס עראָפּלאַנען האָבן באַמבאַרדירט זיינע סאָלדאַטן, האָט ער באַפוילן, אַז דער לופט־פלאָט זאָל העלפן דער יבשה־ארמיי.

אין יענעם דינסטיק האָט זיך דאָס הויז פון פּרעמיער־מיניסטער פאַרוואַנדלט אין א גענעראַל־שטאַב פון מלחמה־אָנפירונג, אין איר העכסטער אַנטוויקלונג. הויכע אָפיצירן זענען אריין און ארויס, שליחים האָבן מיט זיך געבראַכט פיל באַריכטן. דער הויפּט־אָנפירער האָט פאַרבראַכט לאַנגע שעהן מיט זיין שעף פון גענעראַל־שטאַב און מיט די אָנפירערס פון לופט־פלאָט, פאַנצער־ארמיי און פּאַראַשוטיסטן. דעם אויסערן מיניסטער האָט ער אין יענעם טאָג אויפגענומען לכל־הפּחות פיר מאָל. אין הויז

אויף שדרות קרן־קיימת זענען אריינגעפלאָסן טעלעגראַמעס פון אלע פער־ציק מדינות, מיט וועלכע ישראל האָט אָנגעהאַלטן דיפּלאָמאַטישע באַציונגען.

דאָס איז געווען אַ גענעראַל־שטאַב ווי אין אלע אנדערע מלחמות, מיט איין אויסנאַם — דער הויפּט־אָנפירער איז געלעגן אין בעט, און לעבן אים אַ בארג ביכער, וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט צו טוען מיט מיליטע־רישער סטראַטעגיע, נאָר מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע און דער פילאָ־זאָפיע פון די מזרח־פעלקער. ווער עס איז אַדורכגעגאַנגען דורך די דריי אַרבעטס־צימערן פון פרעמיער־מיניסטערס פּריוואַט־הויז, איז ווי אַדורכגע־גאַנגען דורך די לאַנגע קאָרידאָרן פון „בריטיש מוזעאום", און איז סוף־סוף דערגאַנגען צו אַ באַשיידן לייען־צימער, וווּ עס איז געזעסן אַ זילבער־האָריקער געלערטער, פאַרטוען אין זיינע מאַנוסקריפּטן. דער איינדרוק וואָס עטלעכע זיינע אָפּיצירן האָבן באַקומען פון בן־גוריונס התנהגות אין יענע טעג, איז געווען דער: ער וויל זיי זאָלן אים וואָס שנעלער פאַרלאָזן, כדי ער זאָל זיך קאָנען צוריקקערן צו זיינע ביכער. ווי לאַנג זיי זענען געווען מיט אים האָט ער יעדעס פּראָבלעם באַטראַכט מיט לאָגיק, אין רו און שנעל. אָבער ווי נאָר זיי זענען אוועק, האָט ער זיך באַלד צוריקגעקערט צום בוך וואָס ער האָט געלייענט, אין מאָמענט פון זייער אריינגעקומען, איינשליסנדיק זיך ווידער, אין זיין אנדערער וועלט. דינסטיק אין אָוונט האָט ער באַקומען אַ ראַדיאָ־ידיעה, אַז ענגלאַנד האָט געשיקט אַן אולטימאַטום צו ישראל און צו מצרים, און האָט זיי געוואָרנט זיי זאָלן זייערע חילות נישט דערלויבן זיך דערנענטערן מער, ווי אויף צוואַנציק קילאָמעטער פון סיועץ־קאַנאַל. אזא וואָרענונג האָט פאַרפּליכטעט צוזאַמענצורופן די רעגי־רונג אויף אַ זיצונג. ערשט צוועלף אַ זייגער ביינאַכט איז פון דער אַמבאַ־סאַדע אין לאָנדאָן דערהאַלטן געוואָרן דער גענויער טעקסט פון אולטי־מאַטום, און מען האָט געדאַרפט סטיליזירן אַן ענטפער.

אין יענער נאַכט איז דער קראַנקער זער שלעכט געשלאָפן. די ערשטע ידיעה וואָס ער האָט דערהאַלטן ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט מיטוואָך אינדערפרי איז געווען, אַז אַ מצרישע קריגס־שיף האָט געפּרוּווט באָמבאַרדירן חיפה פון אַ צען־קילאָמעטערדיקן מרחק פון פּאָרט. אין פאַר־לויף פון צען מינוט און עלף סעקונדן האָט זי געשאָסן הונדערט און זעכ־ציק האַרמאַטן־קוילן און אלע האָבן אויפגעריסן אין וואַסער, נישט דערגריי־כנדיק דעם ברעג. די מצרישע שיף „איבראהים על אול", האָט אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג אָנטייל גענומען אין פאַרשידענע מי־

ליטעריש־בריטישע אקציעס, דערנאָך איז זי אויסגעבאָרגט געוואָרן דער פאַרמאָזאַ־רעגירונג, און זי איז צום סוף פאַרקויפט געוואָרן צו מצרים. איצט האָט א ישראלדיקע צעשטער־שיף פון זעלבן טיפ, אויך א געקויפטע אין ענגלאנד, נאָכגעיאָגט די „איבראהים על אַוול". די צווייטע ידיעה איז געווען, אז צווישן די צוויי שיפן איז אויסגעבראכן א ים־שלאַכט. די מצרישע שיף איז עטלעכע מאָל געטראָפן געוואָרן פון א הוראגאן פון הארמאַטן־קולן. איבער דער שיף זענען געפלויגן ישראל־עראָפּלאַנען, זי איז ארומגעכאַפּט גע־וואָרן פון פלאמען. אינצווישן האָט זיך די שיף־מאַנשאַפט אונטערגעגעבן און די ישראלים האָבן אָנגעהויבן שלעפּן די שיף צום ברעג. עס איז גע־מאכט געוואָרן א פּרווו אויפצורייסן די שיף, אבער די מצרישע מאַטראָזן האָבן נישט געקאָנט געפינען די שליסלען צו די קראַנען פון דער וואַסער־לייטונג, וועלכע זענען דערצו אויך געווען איינגאנצן פארזשאַווערט. ווען בן־גוריון האָט געפרווט אויסרעכענען וויפיל הונדערטער יאָרן עס זענען שוין אוועק זייט די יידן האָבן אָפּגעהאַלטן זייער לעצטן נצחון אויפן ים, האָט זיין פאנטאזיע אוועקגעוואַנדערט צו ווייטע היסטאָרישע תקופות. אָבער אין יענעם טאָג זענען אָנגעקומען נאָך וויכטיקערע ידיעות: די דרייסטע און דאָך באַגרענעצטע אַקציע פון בן־גוריונען האָט זיך, צוליב דעם ענגליש־פראנצויזישן אָנגריף אויף די מצרישע פלי־פלעצער און אויף דעם קאַנאַל גופא, פארוואנדלט אין א וועלט־געשעעניש. דאָס פארניכטן א גרויסן טייל פון שונאס לופט־פלאָט, בעת ער האָט גערוט אויפן באָדן, האָט געמאַכט א סוף צום פחד פארן באָמבארדירן די יידישע שטעט, און באלד איז אויסגעבראָכן א דיפּלאָמאַטישער שטורעם.

אין יענער נאכט איז דער רוב ישראל־בירגער, און מיט זיי אויך דער פּרעמיער־מיניסטער, געגאַנגען שלאָפן אין א געהויבענער שטימונג. דער מצרישער לופט־פלאָט איז שטאַרק צעשעדיקט געוואָרן; דאָס ענגלישע און פראנצויזישע מיליטער האָט באזעצט דעם קאנאל, און אין חיפה האָט זיך געפינען א מצרישע צעשטער־שיף, אפילו אביסל א פארעלטערטע, א באַ־שעדיקטע פון קוילן, אָבער דאָך נישט קיין שלעכטער קריגס־טראָפּיי.

דאָנערשטיק זענען פון די פראנטן אָנגעקומען בלויז גוטע בשורות. עס איז אָבער געווען אויך א טרויעריק נייעס: דאָס אראבישע דאָרף קאַסעם ליגט לעבן דער ירדנישער גרענעץ. מיטן אָנהויבן די סיני־אקציע, האָט די ישראל־מאַכט אָנגענומען ספּעציעלע זיכערהייטס־מיטלען אין גאַנצן לאנד, און דער ראיאָן־קאָמענדאנט פון דאָרף קאסעם האָט אויסגערופן

„עוצר“ — א פאַרבאָט צו פאַרלאָזן די הייזער אין דאָרף — פון 5 אַ זייגער אין אוונט.

א המון אַראַבישע דאָרפסלייט, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אנונג וועגן דעם אויסנאַמס־צושטאַנד, האָבן זיך צוריקגעקערט פון זייער אַרבעט אויף די ווייטע פעלדער, אין די שעהן פון עוצר, און ישראל־פּאָליציסטן האָבן אויף זיי געעפנט א פייער. עס זענען דערהרגעט געוואָרן פינף־און־צוואַנציק מאַן, און צווישן זיי אויך פרויען און קינדער. בן־גוריון איז געווען אויפגעבראַכט. ער האָט געשאַפן א געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, כּדי באַלד אויסצופאָרשן דעם גאַנצן ענין. דאָנערשטיק האָבן אָנגעהויבן מאַסנווייז שטראָמען געפאַנגענע און קריגס־טראָפייען פון מצרישן מיליטער. — א מענגע געווער וואָס וואָלט גענוגט אויסצושטאַטן א קליינע אַרמיי, און גענוג געפאַנגענע אויף צו שאַפן פּראָבלעמען...

פרייטיק האָט זיך עזה אונטערגעגעבן. א זייגער 10.15 אינדערפרי האָט נבון באַקומען די ידיעה, אַז דער „דער גאַנצער האַלב־אינדזל סיני איז אין אונדזערע הענט“. ער איז אוועק צום פּרעמיער־מיניסטער אין שלאָפצימער. אָבער בן־גוריון איז געווען פאַרטיפט אין געדאַנקען. אין דער אונ״א איז אַנטשטאַנען א פּאָליטישער שטורעם, עס איז אָנגענומען געוואָרן א רעזאָלוציע, מיט 64 שטימען און 5 קעגן, וואָס האָט געפאָדערט, אַז די ענגלישע, פראַנצויזישע און ישראלדיקע חיילות זאָלן זיך באַלד צוריקציען. כּמעט די גאַנצע וועלט האָט געטאַדלט די סיני־אַקציע. רוסלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָבן אַמאָל צוזאַמען געשטימט פאַר שאַפן א יידישע מדינה, האָבן איצט צוזאַמען פאַראורטיילט ישראל.

מאָנטיק, פּונקט א וואָך נאָכדעם ווי די ישראל־פאַראַשוטיסטן האָבן איינגענומען דעם מיטל־פּאַס, איז דערהאַלטן געוואָרן א ידיעה פון א גדוד־גענעראַל, אַז עס איז איינגענומען געוואָרן דער אינדזל טיראַן, און לויט זיין מיינונג קאָן מען די גאַנצע אַקציע באַטראַכטן אַלס פאַרענדיקט. די רעזולטאַטן זענען געווען: 174 דערהרגעטע ישראל־סאָלדאַטן און 1 געפאַנגענער. די מצרישע פאַרלוסטן זענען געווען: איבער טויזנט דערהרגעטע, 6000 געפאַנגענע, צווישן זיי 202 אָפיצירן, איין צעשטערער־שיף, הונדערטער טאַנקען און כּל־ער־ליי האַרמאַטן, געווער, און א ריי וויכטיקע סאָרטן פון מיליטערישע מכשירים, זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ישראל־מיליטער. יעדעס מאָל ווען בן־גוריון פלעגט דערמאָנען די דאָזיקע טראָפּיי־ציפערן האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז דער איינציקער ישראל־געפאַנגענער האָט זיך אויך נישט אונטערגעגעבן, נאָר ער איז געשפּרונגען

פון זיין עראָפּלאַן, וועלכער איז אראָפּגעשאָסן געוואָרן אויפן שונאס באָדן.

עס איז געווען בן־גוריונס אידעע איינצואָרדענען אן אויספלוג פאַר די געפאנגענע מצרישע אָפיצירן אין תל־אביב און חיפה, כדי זיי זאָלן האָבן וואָס צו דערציילן נאָכן צוריקקערן אהיים.

מאנטיק האָט ער באקומען א בריוו פון רוסישן פרעמיער־מיניסטער, בולגאנין. אין דאָזיקן בריוו איז די סיני־אקציע אָנגערופן געוואָרן „א באוואָפנטע אגרעסיע" און „זינלאָזע אוואנטורע". אינעם בריוו איז געזאָגט געוואָרן, אז מדינת ישראל האָט געדינט אלס אינסטרומענט אין די הענט פון „פרעמדע אימפעריאליסטישע כוחות", און אלס וואָרענונגס־צייכן האָט דער ראטן־פארבאנד באשלאָסן צוריקצורופן איר אמבאסאדאָר פון ישראל. בן־גוריון האָט אין אָנפאנג נישט גענומען ערנסט דעם בריוו און נישט די מעגלעכקייט פון אן אוממיטלבארער באוואָפנטער סאָוויעטישער אינטער־ווענץ און אויך נישט מיט דער הילף פון „פרייוויליקע".

נאָך א קראנקהייט פון ניין טעג איז ער דינסטיק אויפגעשטאַנען פון בעט, און האָט שעהן־לאַנג געארבעט ביים צוגרייטן די כנסת־רעדע. אין יענעם טאָג איז ישראל געבליבן די איינציקע „אָנגרייפערין". ענגלאַנד און פראנקרייך האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם דרוק פון דער אונ"א און האָבן מסכים געווען אויף א וואָפנשטילשטאַנד. צווישן די דאָקומענטן וואָס יצחק נבון האָט געבראכט בן־גוריונען איז אויך געווען דער אויספאָר־שונגס־באריכט, אין ענין פון דאָרף קאסעם. אלץ וואָס איז דערציילט גע־וואָרן איז געווען אמת. איצט ווען ישראל איז, צוליב דער סיני־אקציע געווען דאָס ציל־ברעט פאר קריטיק אין דער גאנצער וועלט, פון באָסטאָן ביז באָמביי, האָט זיך געקאָנט שאפן א נייגונג צו פארהוילן די פאקטן, בן־גוריון האָט אבער געהאַנדלט אַבסאָלוט אין דער פארקערטער ריכטונג, ער האָט געזאָרגט דערפאר, אז גענויע ידיעות זאָלן פארשפרייט ווערן איבער דער גאנצער וועלט. ער האָט פארעפנטלעכט אן אָפיציעלע דערקלערונג וואָס האָט איבערגעגעבן אלע יסודותדיקע פאקטן, נישט מאכנדיק קיין שום באמיונג זיך צו פארטיידיקן אדער אראָפּוואַרפן פון זיך די פאראנטוואָרטלעכקייט. צו דעם איז נויטיק געווען אי אינטעלעקטועלער יושר, אי פּאָליטישע דרייסטקייט.

„נישטאָ נאָך אזא פאָלק אויף דער וועלט וואָס זאל אזוי הויך שעצן דאָס לעבן פון א מענטש ווי דאָס יידישע פאָלק, דאָס הייסט : דאָס לעבן פון יעדן מענטש, אָן אונטערשיד פון געשלעכט, ראסע, רעליגיע און נאציע"...

„אזא געמיינהייט וועט אין ישראל מער נישט פאָרקומען".

ער האָט מודיע געווען, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכע אָפיצירן וועלן גע־שטעלט ווערן פאַר א געריכט, און יעדע פאַמיליע וואָס האָט פאַרלוירן איר ברויטגעבער וועט באַקומען 5,000 פונט אַנטשעדיקונג.

צומאָרגנס האָט ער זיך אויפגעוועקט פריער ווי געוויינלעך, און איז געפאָרן קיין ירושלים. זיינע דאָקטוירים האָבן אים געראַטן, אַז איינער פון זיי זאָל אים באַגלייטן אויפן וועג, אַז ער זאָל זיצנדיק לייענען זיין רעדע און באלד נאָכן אָנקומען קיין ירושלים זאָל ער רוען א גאַנצע שעה צייט. ער האָט מסכים געווען נאָר צו דער דריטער פאָדערונג. פינף און זעכציק מינוט איז ער געשטאַנען אויף דער טריבונע. פאָלא האָט געוואַרט מיט א טערמאָס־פלאַש שאַרפע קאַווע, אויפן פאַל ווען זי וועט אים נויטיק זיין.

אין די אויגן פון דעם רוב ישראל־בירגער זענען דאָס געווען אמתע יום־טוב טעג. ווידער אַמאָל האָט זיך זייער אַרמיי איינגעגעבן אויסצו־פירן דאָס „אוממעגלעכע”. די יידן האָבן איינגענומען דעם האַלב־אינדזל סיני, און פון איצט אָן וועט קיין שום מענטש נישט קאָנען פאַרשטאָפּן פאַר זייערע שיפן דעם וועג צום ים־פאַס פון אילת. בן־גוריון האָט זיי געוואָרנט זיי זאָלן זיין אַביסל צוריקגעהאַלטן אין זייער שמחה. עס איז מעגלעך, האָט ער זיי געזאָגט, אַז אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועלן זיי ווידער אַמאָל שטיין פאַר נאָך־א הארבערן קריזיס, און פאַר נאָך א שווערערן קאַמף. אָבער פונקט ווי זיי וועלן זיך נישט בויגן פאַר די גאַווהדיקע אַראַ־בישע הערשער, אַזוי וועלן זיי זיך נישט אונטערוואַרפן דעם ווילן פון די מעכטיקע כוחות, ווען די גערעכטיקייט איז נישט אויף זייער זייט.

קלאָר, אַז דאָס בריוול פון בולגאַנין וואָס איז נאָך נישט געהאַט געקומען אין דער עפנטלעכקייט, האָט באַאיינפלוסט זיין געדאַנקען־גאַנג.

דאַנערשטיק האָט ער, נישט קוקנדיק אויף זיין מידקייט, אָנגעהויבן זיין אַרבעטסטאָג זיבן אינדערפרי. די פרעסע און די טעלעגראַמעס פון די אויסלענדישע ישראלדיקע דיפּלאָמאַטן האָבן איבערגעגעבן א בילד פון אינ־טערנאַציאָנאַלער היסטעריע, וואָס האָט נישט געהאַט זיינס גלייכן זייט דעם קאָרעאַנישן קריג. אויף צען א זייגער אינדערפרי איז באַשטימט גע־וואָרן א רעגירונגס־זיצונג. די אויסערן מיניסטאָרין, גאָלדע מאיר, וועלכע איז געהאַט אַרויסגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, כדי אַרויסצוטרעטן אויף דעם אונ״א־פּלענום, איז גערופן געוואָרן זיך צוריקצוקערן פון וועג. און היות דער עראָפּלאַן, אין וועלכן זי איז געפלויגן, האָט זיך פאַרשפּעטיקט, איז די זיצונג אָפּגעלייגט געוואָרן אויף א זייגער עלף. אויף דער צוויי־שעהדיקער

זיצונג האָט די רעגירונג באשטעטיקט דעם טעקסט פון דער תשובה צו בולגאנינען. בן־גוריון איז אוועק א בארויקטער — ער האט באשלאָסן צו בלייבן פעסט ביי זיך, און זיינע מיניסטאָרן האָבן זייער שטעלונג באַשטעטיקט.

ער איז געזעסן ביים מיטאָג ווען עס איז אָנגעקומען א בריוו פון פרעזידענט אייזנהאַוער. דער בריוו איז געווען געשריבן מיט א טאָג פריער, אָבער צוליב עפּעס א פעלער אין דער פארבינדונגס־נעץ צווישן וואשינג־טאָן און דער אמעריקאנישער אַמבאַסאַדע אין תל־אביב, איז דער בריוו אָנ־געקומען מיט א פארשפּעטיקונג. עס איז געווען מער א פערזענלעך בריוול איידער א דיפּלאָמאטישע נאָטע. און פונדעסטוועגן איז עס געווען פאר־מולירט אין זער א שאַרפער שפּראַך, אין וועלכער ס׳איז נישט געווען קיין אָרט פאר ספיקות: אויב ישראל וועט זיך נישט צוריקציען, וועט זי אונטערגראבן אויף זער אן ערנסטן אופן די באמיונגען פון דער אונ״א צוריקצושטעלן דעם שלום אויפן נאָענטן מזרח, און ישראל וועט געטאַדלט ווערן אלס מדינה וואָס פארשוועכט די פרינציפּן פון דער אונ״א און אירע פאראָרדנונגען, פונעם בריוו האָט זיך אויך געהערט א דראָונג וועגן „סאנקציעס״. די שריפט איז באגלייט געוואָרן מיט מינדלעכע „אויפקלע־רונגען״, פון וועלכן מען האָט געקאָנט פאַרשטיין, אז קיין שום גרויס־מאכט וועט נישט העלפן ישראל, אויב די סאָוויעטן וועלן זיך אריינמישן דורך „פרייוויליקע״. דאָס האָט, פון גרונט אויס, געענדערט די גאנצע לאגע, בן־גוריון איז געווען געצוווּנגען אָנצונעמען איינעם פון זיינע שווערסטע באשלוסן אין זיין גאנץ לעבן. ווען ער האָט פארענדיקט לייענען אייזנ־האוערס בריוול צום צווייטן מאָל האָט ער געוווּסט, אז ער מוז מוותר זיין.

עס זענען שוין פאַריבער מער ווי צען יאָר פון זיין באגעגעניש, מיט דעם מענטש, דעם דעמאָלסדיקן שעף פון גענעראַל־שטאַב פון דער גאַנצער אַמעריקאַנישער ארמיי, בעת ער האָט באַזוכט די פליטים־לאַגערן אין דייטשלאַנד, איצט אָבער האָט ער געפילט ווי ער וואָלט מיט אים געפירט א פערזענלעך געשפּרעך. ער האָט גערן געהאַט די אָפנהאַרציקייט און די אנשטענדיקייט פון גענעראַל. ער האָט איצט געפילט, אז ער קאָן מיט צוטרוי זיך שטיצן אויף אים. דערצו איז אבער נויטיק געווען ספּע־ציעלער מוט, כדי זיך צו שטעלן פאר זיין רעגירונג און נעמען ביי איר רשות צו זאָגן „יא״, נאָכדעם ווי ערשט מיט עטלעכע שעה פריער האָט ער פאר איר געטענהט וועגן דער נויטווענדיקייט פון זאגן „ניין!״.

און ער האָט זיך אויך געמוזט רעכענען מיטן מיליטער. דער הויפּט־

כוח פון דער ארמיי איז געלעגן אין איר „מאָראַל", ביז איצט איז זי קיינמאָל נישט געצוווּנגען געוואָרן זיך צוריקצוציען. צו באהערשן א צו־ריקגייענדיקע ארמיי איז זער שווער. אָפיצירן און סאָלדאַטן וועלן זיין פארביטערט, אויב זיי וועלן זיין געצוווּנגען זיך צוריקצוקערן פון סיני. די האַלטונג פון מיליטער איז געווען איינע פון זיינע עיקרדיקע דאגות. און עס איז דאָך אויך פאַראַנען אן עפענטלעכע מיינונג. נאָך אן אכט־יאָריקער תקופה פון שרעק און שפאַנונג האָט דאָך די סיני־אַקציע גע־בראַכט באַפרידיקונג און בארויקונג. עס איז אין לאנד נישט געווען קיין שום היסטעריע אָדער פחד פאר סאָוויעטישע באָמבארדיר־עראָפּלאַנען, וואָס קאָנען שטורמען די ישראל־שטעט און זיי אָפּמעקן פון דער ערד. אויב עס וועט בויטיק זיין וועלן די ישראל־בירגער איינציען דעם גארטל, און אפילו אונטערהונגערן. בן־גוריון האָט געוווּסט, אז עס וועט אים לייכ־טער זיין אָנצוווארפן זיין פאָלק א באשיידענעם לעבן פון באגרענצונגען, איידער זיי איבערצייגן אָנצונעמען דאָס וואָס ער איז געצוווּנגען זיי פאַר־צולייגן, און מעגלעך, אז זיי וועלן גאָר האָבן דאָס געפיל, אז ער האָט זיי פארראַטן.

אין זיין נעכטיקער „נצחון־רעדע" האָט ער נישט געמאַכט קיין שום הבטחות וועגן דער צוקונפט פון האלב־אינדזל סיני, ער האָט אָבער יאָ געזאָגט, אז די צבא הגנה לישראל וועט זיך נישט אונטערגעבן קיין שום אינטערנאציאָנאַלן דרוק. פון דער אנדערער זייט, קאָן ישראל פאר קיין פאַל זיך נישט אָפּזאָגן פון דער אָפיציעלער און נישט־אָפיציעלער אמע־ריקאַנישער הילף, פון דער הילף פון יידישע געזעלשאפטלעכע גרופּן און יחידים, און נישט פון וואַשינגטאָנס הילף. און נאָך — זיכער קאָן מען זיך שטיצן אויף אייזנהאַווערן, אז ער וועט נישט פאַראַטן מדינת־ישראל.

די פארשטייער פון אלע אפּאָזיציאָנעלע פארטייען, אויסער די קאָ־מוניסטן, זענען איינגעלאַדן געוואָרן אויף א זיצונג. האַלב צען אינדערפרי האָט ער פארענדיקט די בעראַטונג. אָפּעסנדיק א לייכטן פרישטיק האָט ער געמען צוגרייטן די רעדע וואָס ער וועט האַלטן אין ראַדיאָ, עס זענען אָבער געווען געוויסע שטערונגען. דאָס אויסערן־מיניסטעריום האָט זיך פארנומען מיטן פאָרמולירן א תשובה אויף אייזענהאַוערס בריוו, און די זאַך האָט זיך געצויגן זעקס שעה. יעדעס אות, יעדעס וואָרט, יעדער פּסוק איז געווען אן אביעקט פון בעראַטונגען צווישן ירושלים, וואַשינגטאָן און ניו־יאָרק. די טעלעפאָן־ליניעס צווישן די דאָזיקע דריי שטעט האָבן גע־ארבעט אן אויפהער.

עס האָט ווער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז היות ווי דער בריוו פון אַמעריקאַנישן פּרעזידענט האָט געהאַט אַ פּריוואַטן כאַראַקטער, מוז מען בעטן וואשינגטאָנס דערלויבעניש אים צו פאַרעפנטלעכן. באַלד איז באַשטעלט געוואָרן אַ דרינגענדיק געשפּרעך מיט דער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן. די בקשה איז דאָרט אָנגעקומען (צוליב דער צייט־אונטערשיד) אין די נאָכמיטאָג־שעהן. די דערלויבעניש איז באַלד געגעבן געוואָרן.

בן־גוריון איז געזעסן לאַנגע שעהן ביים אַרבעטס־טיש און האָט אָנגעפילט יענע קליינע און מאָדנע בלעטלעך מיט נאָטיצן פאַר זיין רעדע. בלעטל נאָך בלעטל איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די מאַשיניסטקעס. אויך די בריוו פון אייזענהאָוער און בולגאַנין זענען שוין איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיש. אָבער דער פּרעמיער־מיניסטער האָט זיי אייגנהענטיק איבערגעשריבן אין זיינע בלעטלעך, פילנדיק, אַז ער וועט זיי בעסער לייענען אין זיין ראַדיאָ־רעדע, אויב ער וועט זיי אַליין איבערשרייבן וואָרט־ביי־וואָרט.

עס איז נויטיק געווען אַ ספּעציעלע מאַשיניסטקע וואָס זאָל אַרבעטן אין די אוונט־שעהן. מ׳האָט אַרויסגערופן איינע פון פּרעסע־אַמט. בן־גוריון, דערזעענדיק זי האָט ער געפרעגט ווי זי הייסט, זי האָט געענטפערט: „שפרה ראַבינאָוויטש". „און פאַרוואָס העברעיזירסטו נישט דיין נאָמען?" האָט ער געפרעגט, נישט אָן סימפּאַטיע. זי איז אַביסל בלייך געוואָרן און געענטפערט: „איך האָף צו ענדערן אַמאָל מיין נאָמען, ווען איך וועל חתונה האָבן". בן־גוריון האָט געשמייכלט: „איך ווינש דיר אַ גוטן מאַן און אַ שיינעם העברעישן נאָמען".

פאַר צוועלף ביינאַכט איז די רעדע אויפגענומען געוואָרן דורך די אויפנעם־אַפּאַראַטן פון ראַדיאָ קול ישראל. זי וועט טראַנסמיטירט ווערן אַ האַלבע שעה נאָך חצות. עס זענען איבערגעגעבן געוואָרן מעלדונגען אין ראַדיאָ, וועלכע לאַדענען איין די באַפעלקערונג זי זאָל בלייבן וואַך און הערן די רעדע. בן־גוריון איז צוריק אוועק אין זיין אַמט. נבון האָט געהאַט אַ קליינעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, און אַלע האָבן זיך געזעצט אַרום אים אין אַ האַלבן קרייז. עמיצער האָט אויפגעבריט טערקישע קאַווע. עס זענען דאָרט געווען די אויסערן־מיניסטאָרין, גאָלדע מאיר, דער אַרבעטס־מיניסטער, נמיר, און דער בילדונגס־מיניסטער, אַראַן, מיט זייערע געהילפן. אַ פּאָר מינוט פאַר דער אודיציע האָט בן־גוריון אָנגעקלונגען דורך איינעם פון די פיר טעלעפאָנען אויף זיין אַרבעטס־טיש און האָט גערופן: „פּאָלאַ,

איך האָב דיר צוגעזאָגט דיך אויפצוּוועקן באַצייטנס. די אוידיציע הויבט זיך אָן אין פינף מינוט אַרום״.

די רעדע האָט געדויערט א האַלבע שעה. און ווען בן־גוריון האָט פאַרענדיקט זיך צוצוהערן צו זיין אייגענער רעדע, האָט ער אויסגעזען צו זיין אינגאַנצן א באַרויקטער. די שפּאַנונג איז ערגעצוואו פאַרשוואונדן. נאָך איין גורלדיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דעם מענטש וואָס זיין עיקר־אויפגאַבע, אין משך פון א גאַנצער גענעראַציע פון ראַנג־לעגישן לעבן איז געווען — אָנצונעמען גורלדיקע באַשלוסן. אַזוי ווי דער כּי־רורג נאָכן אויספירן א קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע, אַזוי קאָן ער איצט גיין אַהיים, לייענען אַביסל אין „דעם אינטעלעקט פון דעם פּרעהיסטאָרישן מענטש״, און אָנטשלאָפן ווערן.

פּרייטיק איז דערהאַלטן געוואָרן א האַרציקער בריוו פון פּרעזידענט אייזנהאַוער, אין וועלכן ס׳איז בן־גוריונען אויסגעדריקט געוואָרן א דאַנק פאַר זיין באַשלוס זיך צוריקצוציען פון סיני.

דער פאַקט וואָס זיי קראַנקהייט, אין די טעג פון דער סיני־אַקציע, האָט אים געשטערט צו באַזוכן אין די קאַמפּס־טעג דאָס אינדזל סיני, האָט אים גורם געווען די ביטערסטע אַנטוישונג אין זיין לעבן. נאָך א וואָך, ווי נאָר זיינע דאָקטוירים האָבן אים דערלויבט, האָט ער איינגעאָרדנט א צווייטאָגיקן אויספלוג, אין דער לופט און אויף דער יבשה, אויף דעם גאַנצן באַזעצטן שטח. (צבא הגנה לישראל האָט נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבן דעם ריקצוג).

צומאָרגנס איז ער געשטאַנען אין כּנסת, אויג־אויף־אויג, קעגן צאָ־רנדיקע עקסטרעמיסטן. די קאָמוניסטן, די געטרייע צו מאָסקווער ליניע, האָבן גערעדט מיט פאַרביטערונג וועגן אָנגריף, חרות האָט געשטורעמט צוליבן ריקצוג־באַפעל. די אומצופרידענע פאַרשלאָגן פון ביידע פראַקציעס זענען אַדורכגעפאַלן מיט א ריזיקער מערהייט. פאַרן פונאַנדערגיין זיך פון דער כּנסת האָט דער פרעמיער־מיניסטער איר געגעבן א נייע דעפיניציע:

„מוטיקייט איז א געוויסע קאַטעגאָריע פון פאַרשטאַנד, און די קאַטעגאָריע איז — צו וויסן מורא צו האָבן פאַר דעם וואָס מ׳דאַרף מורא האָבן, און צו וויסן נישט מורא צו האָבן פאַר דעם וואָס מ׳דאַרף נישט מורא האָבן״.

עס איז פאַראַנען נאָך א מין מוטיקייט וואָס ער האָט אים נישט דער־מאָנט — דער מוט אָנצונעמען באַשלוסן וואָס זענען נישט פּאָפּולער ביי דער געזעלשאַפט. דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס בן־גוריון האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ מוט, און ס׳וועט אויך נישט זיין דאָס לעצטע מאָל.

סוף דעצעמבער האָט א נייער עולה געשריבן א בריוו צום פּרע־מיער־מיניסטער, אז זיין איינציקע פּאָר שיך איז אים צעריסן געוואָרן אין דער סיני־אקציע, און דאָך האָט ער נישט „גענומען" קיין איין פּאָר שיך פון די טויזנטער שיך־פּאָרן וואָס די אָפּטרעטנדיקע מצרים האָבן איבער־געלאָזט. בן־גוריון האָט אים געשיקט געלט פון זיין קעטענע אויף צו קויפן א פּאָר נייע שיך.

קאפיטל זיבן און צוואנציק

אין איינעם פון די טעג אין יאָר 1957 זענען אין אלע צייטונגען אין דער וועלט, פון פאריז ביז בריסביין, דערשינען בילדער ווי דער פּרעמיער־מיניסטער פון ישראל שטייט אופן קאָפּ אויפן ים־ברעג אין תל־אביב. פיל האָבן געמיינט, אז עס איז נאָר אַ שפּאַס. אפילו נאָכדעם, ווי מ׳האָט די פאָטאָגראַפישע בילדער שטאַרק פאַרגרעסערט, זענען זיינע גע־זיכטס־שטריכן געווען נישט גענוג קלאָר. עס האָט געקאָנט זיין א פאָ־טאָגראַפיע פון יעדן קליינגעוויקסיקן און דיקלעכן עלטערן מענטש. ס׳האָט דאָך יעדער געקאָנט בן־גוריונען, אז ער האָט קיינמאָל נישט ארויסגעוויזן קיין שום אינטערעס פאר ספּאָרט. און דערצו איז ער דאָך שוין געווען איבער די זיבעציק, און זייט יאָרן פילט ער זיך נישט ביים גאנצן געזונט.

אָבער עס איז דאָך געווען בן־גוריון, און ביי דער זייט פון די פאָטאָגראַפיעס איז געווען א געשיכטע, וואָס אירע איינצלהייטן זענען קיינ־מאָל נישט באַקאַנט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט. גלייך נאָכן באַפרייונגס־קריג האָט דאָס קריגס־מיניסטעריום איינגעלאַדן משה פעלדנקרייז, וועל־כער האָט אין זיין יוגנט פאַרברענגט צען יאָר אין ארץ־ישראל, און דער־נאָך איז ער אוועק קיין ענגלאַנד און פראנקרייך שטודירן טעכנישע וויסנ־שאַפטן, כדי זיך צו שטעלן אין שפּיץ פון דער עלעקטרישער אָפּטיילונג אין לאנד. פעלדנקרייז איז דער מענטש פון פארצווייגטע וויסנשאַפטלעכע פאַראינטערעסירונגען. אין משך פון אייניקע יאָר האָט ער געאַרבעט, האַנט־ביי־האַנט, מיט דער פאַמיליע ק י ר י אויפן געביט פון ראַדיום. און דער־ביי איז ער געווען אַ תלמיד פון ד ז ש י ג ו ר ו ק אָ נ ו, דער ספּעצי־אליסט פון ד ז ש ו ד אָ, ער האָט באַקומען דעם ערשטן פּריז פאר דזשודאָ אין איראָפּע און האָט געגרינדעט דעם ד ז ש ו ־ ד ז ש י ט ס ו קלוב אין פראנקרייך. ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו פאריז, איז ער אנטלאָפן קיין ענגלאנד. דאָרט האָט ער געארבעט אויף א וויסנשאַפטלעכן פּאָסטן — אין אן איינהייט צו אנטפּלעקן אונטערוואסער־שיפלעך. אין די צייטן פון דער באלאגערונג אויף ענגלאנד, ווען די מענטשן פון דער ענג־לישער פאָלקס־שוץ האָבן פאַרטיידיקט דאָס אינדזל, און אין פיל פאלן

זענען זיי געווען באוואָפנט נאָר מיט בלויזע שטעקנס, האָט פּעלדנקרייז אָנגעשריבן אַ קליין ביכל „אַ פּראַקטישע מלחמה אָן געווער". אין ביכל האָט ער אויפגעקלערט די מענטשן פון דער פאָלקס־שוץ, אז יעדער מענטש קאָן מיט זיינע בלויזע הענט, אינגאנצן אָן אומבאַוואָפנטער, באַזיגן אַן אָנפאַלער און צונעמען ביי אים זיין געווער. פּעלדנקרייז האָט אָנגערופן דזשודאָ „די קונסט פון מאַקסימאַלן אויסנוצן די גייסטיקע און פיזישע ענערגיע, כדי צו דערגרייכן אַ קלאָרן ציל". נאָכדעם איז ער איבערגעגאַנגען צו אַ טיפער פאָרשונג — ווי אזוי צו טרענירן דעם קערפּער ער זאָל זיך אונטערוואַרפן „דער קראַפט פון דער פּערזענלעכקייט", און ווי אזוי אויסצופירן די אויפגאַבע וואָס שטייט פאַר אַ מענטש, נישט זייענדיק געבונדן דורך זיינע געדאַנקען און טאַט־געוווינהייטן, וועלכע דערלאָזן אים נישט אויספירן די אויפגאַבע.

זיין בוך „דער קערפּער און די רייפע אויפפירונג", איינס פון זיינע ביכער, איז אַ פאָרשונג אויף די געביטן פון נעוראָזע, געשלעכט, גראַוויטאַציע און דעראָבערן וויסן. אין דאָזיקן בוך שטעלט ער פעסט, אַז אַ משונהדיקע אויפפירונג, און דאָס פעלן פון עמאָציאָנעלער סטאַבילקייט זענען פאַרבונדן מיט שלעכטער פאַרדייונג, פעלערהאַפטן אָטעמען, אויסדרייענישן פון די פוס־פינגער, נישט־באַפרידיקנדיקע סעקסועלע איבערלעבענישן, און געשפּאַנטקייט אין די מוסקול־געפעסן. און אז די איינציקע רפואה איז, קערפּער־קולטור — פיזישע איבערדערציונג. אין ענגלאַנד האָט ער זיך פאַרנומען מיט מענטשן וואָס האָבן געליטן פון עמאָציאָנעלע און פיזישע שטערונגען. ער האָט אויסגעפינען, אז ער קאָן זיי העלפן. ער האָט זיך אָבער אָנגעטראָפן אויף דער קעגנערשאַפט פון דער מעדיצינישער פּראַקסיס, וואָס איז גוט אָרגאַניזירט, און דערצויגן אויף אָנגענומענע אמתן.

אין ישראל, אַ יונג לאַנד וואָס האָט נאָך געגלויבט אין „דעם אוממעגלעכן", האָבן זיך די דאָקטוירים באַצויגן מיט חשד, אָבער זיי האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין אַקטיווע קעגנערשאַפט. עס האָט נישט געדויערט לאַנג, און דער מענטש האָט זיך דערוואָרבן אַזאַ ברייטע פּראַקטיק, אז ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין אַרבעט אין דער עלעקטראָניק. פּראָפעסאָר אהרן קאַטשאַלסקי פון וויצמאַן־אינסטיטוט, האָט דערציילט דעם פּרעמיער־מיניסטער וועגן פּעלדנקרייזן. בן־גוריון האָט אין פּעלדנקרייזנס טעאָריעס געפינען סטימולירנדיקע געדאַנקען. ער האָט געזאָגט דעם פּרעמיער־מיניסטער,

אז „דער דורכשניטלעכער מענטשלעכער מוח איז ענלעך צום הימל, ער איז כמעט א ליידיקער חלל. א נארמאלער מוח קאן אויפנעמען ביז זיבעציק שפראכן, און א געניטער דיריגענט קאן געדענקן פון אויסנווייניק צענד־ליקער אפערעס און סימפאניעס. אין מוח פון א דיריגענט איז נאך פאראנען פלאץ פאר אכט־און־זעכציק אדער ניין־און־זעכציק שפראכן, און אין מוח פון א לינגוויסט איז דא פלאץ פאר אלע אפערעס און סימפא־ניעס. דער מענטש וואס מיר רופן אים „גאון" נוצט נישט אויס אפילו קיין פינף פראצענט פון זיינע מעגלעכקייטן".

און וועגן דעם ווי א מענטש מיסברויכט מיט זיין גוף, האט ער גע־זאגט צו בן־גוריונען:

„מיר דרייען זיך ארום ווי שלעכט־געמאכטע ליאלקעס, אנשטאט ארומ־צוגיין ווי די קעניגן פון דער בריאה".

בן־גוריון האט געלייענט וועגן „יאגא"־איבונגען און וועגן דער טע־אריע, אז דער מענטש קאן דערגרייכן צו א גרויסער אינטעלעקטועלער און גייסטיקער אנטוויקלונג, אויב ער איז מצליח צו באהערשן זיין אייגענעם קערפער. דאך איז ער נאך געווען אביסל סקעפטיש. ער האט געזאגט צו פעלדנקרייזן: „איך פאדער באווייזן!". פעלדנקרייז האט אים געוויזן די רשימה פון זיינע קראנקע, עקזעמפלארן פון זיינע ביכער און דאנק־בריוו. ער האט אים אויך געקאנט געבן אייניקע מוסטער־לעקציעס. דער פרע־מיער־מיניסטער האט באשלאסן צו לייענען איינס פון זיינע ביכער. אין עטלעכע טעג ארום האט ער איינגעלאדן צו זיך פעלדנקרייזן, און האט אים געפרעגט ווי לאנג דארף דער קורס דויערן. „בדרך־כלל גענוגט איין לעקציע א וואך, אין משך פון א יאר, אבער ביז איצט, האב איך נאך נישט געהאט קיין איין תלמיד וואס זאל זיין איבער די זיבעציק. מעגלעך, אז דו ביזט שוין צו אלט צו קאנען ענדערן דיינע געוווינהייטן".

בן־גוריון האט געוואלט פרווון. ער האט מסכים געווען צו נעמען יעדן טאג א לעקציע, תמיד נאך זיין ארבעט אין אמט. בשעת דער ערשטער איבונג האט דער לערער אים געלערנט ווי אזוי זיך אויסצוציען אויפן דיל מיט פארמאכטע אויגן, אויפהויבן איין פוס און אים דרייען לאנגזאם אין האלבע־קרייזן, און זיך גוט קאנצענטרירן אויף דעם וואס ער טוט. ווען פעלדנקרייז האט קאנטראלירט די באוועגונגען פון זיין נייעם שילער איז ער געקומען צום באשלוס, אז נישט געקוקט אויף די שמערצן אין רוקן, האט ער דאך באוויזן אויסצופירן גרויסע באוועגונגען אויף אן אי־דעאלן אופן, און דאס האט געוויזן, אז ער האט שוין געהאט גוט אינטעג־

רירט די נייע אידעען. „עס ווייזט זיך מיר אויס, אז עפּעס וואָס איז פּאַ־ראַנען אין דיין טעאָריע. זייט חדשים לייד איך פון שמערצן אין געלענק, און ביינאַכט האָב איך מיך געמוטשט איבערוועקן יעדעס פערטל שעה. די נאכט בין איך געשלאָפן עטלעכע שעה אָן איבעררייס", האָט דער פּרעמיער־מי־ניסטער געזאגט נאָך דער צווייטער לעקציע.

דאָס האָט אָבער נישט געענדערט פּאָלעס מיינונג. זי האט זיך באַצויגן צו פּעלדנקרייזן מיט אומצוטרוי, און האָט דעם לערער אָנגערופן „הער האָקוס־פּאָקוס". זי האָט אים געזאָגט קורץ און שארף, אז ער פּטרט איר מאַנס טייערע צייט אויף גאָר נישט, „מיט די אלע 'קונצן' דיינע".

אין סאמע מיטן פון די לעקציעס, ווען עס האָט זיך געפילט בן־גוריונס בולטע פעיקייט צו באהערשן זיין קערפּער, איז ער אוועק אויף א מילי־טערישן אויספלוג אין דער אילת־בוכטע און איז צוריקגעקומען מיט א שטארקער פארקילונג. דערנאָך איז ער אוועק קיין ירושלים, כדי צו האַלטן זיין רעדע אויף א דרינגנדיקער רעגירונגס־זיצונג, און זיין לאגע האָט זיך פארערגערט. איינמאָל אין אוונט איז פעלדנקרייז געקומען צום פּרע־מיער־מיניסטער אין זיין וווינונג אויף שדרות־בן־מימון, און פּאָלא האָט אים אויפגענומען נאָך בייסיקער ווי תמיד: „שלום, הער האָקוס־פּאָקוס, היינט וועסטו אים אינגאַנצן נישט קאָנען זען. די דאָקטוירים זאָגן, אז ער האָט א לונגן־אָנצינדונג". בן־גוריון וואָס האָט געהערט דאָס געשפּרעך, האָט גערופן פון זיין צימער: „אויב עס איז הער פעלדנקרייז, וויל איך מיט אים רעדן". אָנשטאָט די געווינלעכע איבונגען האָט דער לערער פארגע־לייגט עטלעכע איבונגען פון גוטן און רעגולערן עטעמען. פּאָלא איז גע־שטאַנען ווי א בייזער שומר. זי האָט געזאָגט הויך: „דו טאָרסט מיט אים היינט נישט מאַכן די קונצן. ער איז קראנק". כ'בין זיכער, אז איך קאָן אים העלפן, אז די טעמפּעראַטור זאָל פאלן" האָט פעלדנקרייז געענטפערט. פּאָלאַ האָט געלאַכט: „כ'בין אמאָל געווען אַ קראַנקן־שוועסטער, און איך גלויב נישט אין די מעשיות". זיי האָבן זיך געוועט. פּאָלא האָט אָנגע־מאָסטן איר מאנס היץ, און דערנאָך האָט פעלדנקרייז אָנגעהויבן מיט זיינע אָטעם־איבונגען. נאָך צען מינוט האָבן זיי ווידער אָמאָל געמאָסטן די היץ, עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז זי איז געפאלן אויף א גאנצן גראד. דערווייל אבער איז דער קראַנקער געוואָרן מיד. „גיי און לאָז מיר אליין". נאָך איניקע וואָכן האָט ער זיך געפילט גענוג געזונט כדי צוריקצוקערן זיך צו זיינע טעגלעכע לעקציעס מיט פעלדנקרייזן.

די ערשטע דריי חדשים פון 1957 זענען געווען אָנגעלאָדן מיט אומ־

אויפהערלעכער שפאנונג. וואס שטארקער עס איז געווארן דער דרוק אויף מדינת־ישראל זיך צוריקצוציען פון עזה און פון דער אילת־בוכטע, אלץ מער זענען די אויסנאם־זיצונגען פון דער רעגירונג געווארן א טאג־טעג־לעכקייט. כמעט אלע טעלעגראמעס זענען געווען באצייכנט „דרינגענד". אלץ האט געלעבט אין שפאנונג. בן־גוריון האט אבער באפוילן, אז פאר קיין פאל זאל מען אים נישט שטערן זיין לעקציע מיט פעלדנקרייזן. איינמאל האט ער אין מיטן א וויכטיקער רעגירונגס־זיצונג א קוק געטוען אויפן זייגער, און דערזען אז עס איז געקומען די צייט פון די איבונגען. „איך באדויער זער, אבער מיר מוזן איבעררייסן, איך וועל זיין צוריק אין א שעה ארום".

דאס איינציקע מאל וואס אזא לעקציע איז איבערגעריסן געווארן איז געווען, ווען ארגוב האט אנגעקלאפט אין טיר און געזאגט:

„אנטשולדיקט מיר, אבער עס איז נארוואס אנגעקומען אן עקספרעס־ווענדונג פון פרעזידענט אייזנהאואער".

צייטנווייז פלעגן דער לערער און זיין תלמיד שמועסן וועגן פסיכא־לאגיע און עטיק. פעלדנקרייז האט אמאל געזאגט: „דער פולקאמענער און גוט־באלאנסירטער מענטש, וועט קיינמאל נישט טוען קיין זאך, אויב ער האט נישט די מעגלעכקייט צו טוען דאס פארקערטע פון דעם. קיין באשלוס האט נישט קיין ווערט, אויב דער באשליסער האט נישט געטראכט די גאנצע צייט וועגן דער מעגלעכקייט צו טוען פונקט דאס גענויע קעגנ־געזעצלעכע פון אט דעם באשלוס.

די דאזיקע באמערקונג האט געעפנט א לאנגן ויכוח. אין יענעם מא־מענט איז בן־גוריון געשטאנען פאר דער נויטווענדיקייט אנצונעמען נאך א שווערן באשלוס: צי זאל ער זיך אונטערגעבן דעם אינטערנאציאנאלן דרוק און צוריקציען דאס מיליטער פון עזה און פון דער אילת־בוכטע. פעלדנקרייז האט קיינמאל נישט געקאנט וויסן וואס פאר א נייע און משו־נהדיקע טעמע זיין תלמיד וועט פלוצים בארירן. איינמאל האט דער פרע־מיער־מיניסטער צו אים געזאגט: „דו ביזט דאך א ספעציאליסט אויף עלעקטראניק; זאג־זשע מיר — קאן מען אויפשטעלן אן עלעקטראנישע מאשין וואס זאל אויספילן אלע אויפגאבן פון א מענטשלעכן מוח? איז דער מוח באמת א מאשין? אדער אפשר זענען פאראנען געוויסע ווערטן וואס מ׳קאן זיי פאר קיין פאל נישט פראדוצירן אויף א מעכאנישן אופן?".

פאלא האט געהאט פארשידענע ארגומענטן קעגן די איבונגען: „איך האב נישט ליב קיין מענטשן וואס זענען צו פיל פארטוען מיט זיך. די

טרייבסט מיין מאַן צו שענקן איבערגעטריבענע אויפמערקזאַמקייט דעם אופן פון זיין שטיין, זיין גיין און זיין זיצן". לאַנגזאַם האָט זי זיך אָבער אַלץ מער איבערצייגט, אַז די איבונגען האָבן פאַרבעסערט זיין געזונט־צושטאַנד. זי האָט אָנגעהויבן זיך צוריקציִען פון איר קעגנערשאַפט. זי האָט אפילו אָנגעהויבן שיקן אייניקע קראַנקע צום „הער האָקוס־פּאָקוס". אין פאַרלויף פון א סך חדשים זענען דער פּרעזידענט בן־צבי, פּראָפעסאָר קאַטשאַלסקי און עטלעכע פּריוואַטע סעקרעטאַרן געווען די איינציקע מענטשן וואָס האָבן געוווּסט געִנוי וואָס עס קומט פאָר בשעת די מיסטעריעזע באַזוכן פון דעם ספּעציאַליסט פון עלעקטראָניק. דער סוד וואָלט קיינמאָל נישט אַנטפּלעקט געוואָרן, ווען פעלדנקרייז וואָלט נישט געפאָרן קיין אויסלאַנד. א קורצע צייט פאַר זיין אַוועקפאָרן האָט ער געלערנט בן־גוריונען ווי אַזוי צו באַקעמפן שרעק דורך א באַוווּסטזיניקן קאָנצענטרירן זיך אַרום די טעטיקייט פון זיינע חושים.איין איבונג דערצו איז געווען — דאָס שטיין אויפן קאָפּ. דעם פּרעמיער־מיניסטער איז געווען לייכטער אויסצופירן די איבונג אויפן בעט. ער האָט זיך אָבער נאָך נישט געהאַט געהעריק באַהערשט, כדי דאָס אויסצופירן אין מיטן צימער.

נאָך א פּאָר וואָכן האָט פעלדנקרייז געזען אין א לאָנדאָנער צייטונג דאָס בילד פון זיין תלמיד ווי ער שטייט אויפן קאָפּ, און פירט דאָס אויס אין א גאַר פּערפעקטער פאָרם. ער האָט זיך טעלעפאָניש פאַרבונדן מיט תל־אביב. מ'האָט אים געזאָגט, אַז דער פּרעמיער־מיניסטער געפינט זיך אין האָטעל „השרון", ווייל ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס דאָזיקע באַהאַלטענע ווינקל אויפן ברעג פון ים וועט זיין צוגעפּאַסט פאַר זיינע קערפּער־איבונגען. „כ'האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז דער זאַמדיקער באָדן וועט זיין ווייך ווי דאָס בעט, און דערצו ברייטער ווי דער דיל פון צימער, און כך הוה. איך האָב אָבער נישט געאַנט, אַז עמיצער קאָן מיך זען בשעת די דאָזיקע איבונגען".

דער פאָטאָגראַף איז געווען א „רואה ואינו נראה — א זעער און נישט קיין געזעענער". מחמת ער האָט זיך באַנוצט מיט אן אָביעקטיוו „טעלע־פאָטאָ". זיינע צוויי בילדער האָט ער פאַרקויפט צו צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט, און דערגרייכט צו א גרעסערן טיראַזש, ווי הונדערטער אַנדערע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין די יאָרן פון בן־גוריונס גרויסער פּאָפּולאַריטעט. די חכמה פון שטיין אויפן קאָפּ איז געוואָרן א טעמע פאַר געשפּרעכן אויף אַלע קאָקטייל־אויפנאַמעס, טראָץ דעם וואָס א סך מענטשן האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם ציל פון דער

דאָזיקער איבונג. פעלדנקרייז האָט געגעבן צו פאַרשטיין אַז: „שטיין אויפן קאָפּ איז נישט קיין ציל פאַר זיך, עס איז בלויז איינער פון די הונדער־טער וועגן זיך אַליין גוט צו דערקענען, זי עפנט אַ סטעזשקע צו אַן איג־טענסיוון זעלבסט־דערפילן זיך, און מיטן מאָמענט פון דערגרייכן דעם ציל, האָט שוין קיין צוועק נישט דאָס פאַרזעצן די איבונגען". אַן אינדישער דאָקטאָר וואָס האָט באַזוכט ישראל האָט געפרעגט, צי די דאָזיקע איבונג העלפט צום געזונט. „איך ווייס נישט צי זי העלפט צום געזונט, אָבער איך ווייס, אַז נאָר זער אַ געזונטער מענטש קאָן דאָס דורכזעצן". דאָס איז געווען דאָס ערשטע יאָר, זייט בן־גוריונס יוגנט־יאָרן, וואָס ער האָט נישט געפילט קיין שום גוף־מיחושן, אויסער צאָן־ווייטאָג און די שמערצן ביים אַרויסנעמען די שפּליטערן פון דער רוצחישער באָמבע. ער האָט אויפגעהערט אָנצוטאָן זיין „קאָרסעט", און איז מיט לייכטקייט אַריין און אַרויסגעגאַנגען פון זיין אויטאָ. ער האָט פאַרלוירן דאָס איבעריקע געוויכט פון קערפּער און מיט יוגנט־לעכער עלאַסטישקייט האָט ער געקאָנט אויפשפּרינגען פון אַ ליג־פּאָזיציע אויפן דיל. איינמאָל האָט ער, שטייענדיק אויף איין פוס, פאַרבינדן זיך אַ שנוראָוואַדלע פון שיך, ער האָט געזאָגט לאַכנדיק: „דאָס טו איך צום ערשטן מאָל נאָך דרייסיק יאָר".

אין דער באַגלייטונג פון זיינע מיטהעלפער, איז ער איינמאָל אוועק אין די ביוראָען פון דער „וועדת העשור" (די קאָמיסיע צו פייערן צען יאָר פון דער מדינה) אין תל־אביב: „אויף וועלכן שטאָק געפינען זיך אייערע ביור־ראָען?" „אויפן פערטן". „איר אַלע וועט פאָרן מיט דער ווינדע, און איך וועל גיין צו פוס". ווען זיי זענען געקומען אויפן פערטן שטאָק האָט איינער פון די געהילפן אים געזאָגט, אַז ער האָט פאַרשאַפט אַנטוישונג דעם ווינ־דע־מאַן, וואָס האָט געוואָלט האָבן דעם כבוד אים צו באַדינען. „גוט, אויב אַזוי, וועל איך אַראָפּפאָרן מיט דער ווינדע".

נאָר ווייניק וועלט־פּאָליטיקער האָבן זיך אַמאָל געפונען אונטער אַזאַ דרוק ווי בן־גוריון אין די ערשטע וואָכן פון 1957. ער האָט ווידערשפּע־ניקט דעם ווילן פון ראַטן־פאַרבאַנד, אַמעריקע, אונ"אָ, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ישראל, און האָט נישט געוואָלט צוריקציען זיינע סאָלדאַטן, נישט פון עזה־פּאַס און נישט פון דער אילת־בוכטע. ער האָט געשפּילט אַ דיפּלאָמאַטיש שפּיל אָן געווער, אָן פאַרבינדעטע (אפשר, מיטן אויסנאַם פון פראַנקרייך) אָן אַ מעגלעכקייט צו קאָנען מיט עפּעס דראָען און אָן „כוח" צו „שיטן זאַמד" אין די אויגן. ער איז געווען דער פירער פון ווייניקער ווי צוויי מיליאָן מענטשן און האָט זיך געדאַרפט שטעלן פּנים־אל־פּנים

מיט די פאַרשטייער פון מער ווי 273 מיליאָן מענטשן. אָבער זיין פאָלק, אויסער א הייפעלע קאָמוניסטן, איז געשטאַנען פאַראייניקט און געשלאָסן הינטער אים, און ער איז געווען זיכער, אז די גערעכטיקייט איז אויף זיין זייט.

עס קאָן זיין, אז ער וועט, סוף־כל־סוף, זיך מוזן צוריקציען, אָבער ער האָט געפילט, אז וואָס לענגער ער וועט פאַרציען דעם נערוון־קריג, אלץ לייכטער וועט אים זיין איבערצוצייגן די וועלט, אז מדינת ישראל, דאָס איינציקע לאַנד וואָס איז באַרויבט פון רעכט זיך צו באַנוצן מיטן סועץ־קאַנאַל, מוז לפּחות באַקומען דאָס רעכט צו שיקן אירע שיפן דורך איר פּאָרט אויפן רויטן־ים, אילת — און אז מען מוז איר געבן די רעכט נישט צו דערלאָזן די מצרים צו פּאַרוואַנדלען דעם עזה־פּאַס, אין א שפּרונג־ברעט פאַר ווייטערדיקע רוצחישע פעדאַיין אָנפאַלן. די אונ״א האָט אָנגענומען זעקס רעזאָלוציעס וואָס פאָדערן אויף מדינת־ישראל זי זאָל זיך צוריקציען פון באַזעצטן געביט. פּרעזידענט אייזענהאַוער האָט געשיקט זעקס שאַרפע בריוו. ער האָט איבערגעריסן א קורצן אורלויב, כדי צו האַלטן אַ רעדע אין וואַשינגטאָנער ראַדיאָ, אין וועלכער ער האָט געוואָרנט ישראל פאַר דעם וואָס עס קאָן געשען אויב זי וועט נישט אויספירן די באַשלוסן. אבא אבן און די פּרוי מאיר זענען געפלויגן אהין און צוריק צווישן ירושלים, תל־אביב, ניו־יאָרק און וואַשינגטאָן. עס זענען געווען טעג, ווען די רעגירונג האָט אָפּגעהאַלטן נישט ווייניקער ווי דריי זיצונגען. צום ערשטן מאָל נאָך דעם באַזעצן דעם האַלב־אינדזל סיני, האָבן זיך באַוויזן מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן די מיניסטאָרן בשעת דער אָפּשטימונג.

סוף־כל־סוף איז געקומען צו א באַרויקונג אין אינטערנאַציאָנאַלן קריזיס. אין פעברואַר, אין רעזולטאַט פון א געשפּרעך צווישן אבן און דאַלעס וואָס האָט געדויערט דריי שעה, האָט דער אַמעריקאַנישער אויסערן־מיניסטער מודיע געווען, אז אמעריקע איז מסכּים מיט ישראל וועגן איבערגעבן דעם עזה־פּאַס אונטער דער אָנפירונג פון דער אונ״א און וועגן א פרייען שיפס־פאַרקער אין דער אילת־בוכטע.

דער אמבאַסאַדאָר האָט טעלעגראַפירט קיין ירושלים, און בן־גוריון האָט גלייך צוזאַמענגערופן א קאַבינעט־זיצונג. פּאָליציסטן אויף מאָטאָ־ציקלען זענען פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן איבער אַלע וועגן פון לאַנד כדי אויפצוזוכן די מיניסטאָרן. איינער פון זיי איז איינגעלאַדן געוואָרן מיט דער הילף פון א ירושלימער קינאָ־עקראַן.

„עס קומט אַמאָל אַ מאָמענט״, האָט ער דערקלערט די מיניסטאָרן, „אז

אין דעם געפירטן קאמף קאנסטו דערגרייכן דעם מעגלעכסטן מאקסימום, אבער, אז דו לאזט אדורך די געלעגנהייט, קאן געשען, אז זי זאל מער נישט צוריקומען".

די דיסקוסיע אין דער רעגירונג האט זיך פארצויגן ביז צווי ביינאכט. צום סוף איז די פראגע געשטעלט געווארן צו אפשטימונג. פיר זענען געווען קעגן. ער האט אבער באשלאסן אויסצופירן זיין באשלוס. די מיניס־טארן זענען אוועק. בן־גוריון איז געבליבן נאך א שעה ביי זיין ארבעטס־טיש, און האט סטיליזירט אנווייזונגען פאר פרוי מאיר און אבא אבן. פרוי מאיר איז דעם גאנצן טאג געווען פארנומען אין וואשינגטאן אויף זיצונגען, דערנאך האט זי געשריבן א טעקסט פון א דערקלערונג וואס זי האט גע־זאלט פארלייענען פאר דעם אונ"א־פלענום. זי האט דעם טעקסט איבער־געשיקט טעלעגראפיש צום באשטעטיקן דורך דער רעגירונג. פרייטיק איז זיך די רעגירונג צוזאמענגעקומען 3 א זייגער. די ויכוחים האבן זיך פאר־צויגן ביז קבלת־שבת, וואס האט גורם געווען זארג די צווי פארשטייער פון די רעליגיעזע פארטייען. פיר מיניסטארן האבן זיך קעגנגעשטעלט בן־גוריונס נייער פאליטיק.

ער איז געשטאנען פאר א שווערן באשלוס. ער האט געוווּסט, אז ער וועט ארויסרופן פארביטערונג ביי דריי שיכטן, וואס ער האט געהאט צו זיי א ספעציעלע ווארעמע באציונג: דאס מיליטער, די עולים און די קאלא־ניסטן פון נגב. אלעמערשט האט ער געמוזט די זאך קלאר מאכן פארן מיליטער, ער האט צוזאמענגערופן אויף א זיצונג דעם גענעראל־שטאב און נאך זיבן מיליטערישע אנפירער, וואס האבן אויף אים געווארט באלד נאך דער קאבינעט־זיצונג. ער האט זיי דערקלערט אין קורצן די לאגע, דעם דרוק, און דעם באשלוס. דערנאך האט ער יעדן פון זיי געפרעגט וואס ער וואלט געטוען, ווען ער וואלט געווען דער פרעמיער־מיניסטער. זיי האבן אויסגע־דריקט אנטוישונג, אבער נישט קיין קעגנערשאפט.

אין יענער נאכט האט ער אויסגעארבעט א פלאן פון באזוכן די גרעני־נעץ־ישובים, כדי קלאר צו מאכן דעם מצב פאר די מענטשן וואס האבן דערווייל זוכה געווען צו אייניקע חדשים רו, פריי פון די פעדאיין־אנפאלן (אין ערטער ווי שדה־בוקר האבן די תושבים, סוף־כל־סוף, אויפגעהערט ארויסגיין באוואפנט צו דער ארבעט) בן־גוריון האט זיך געלייגט שלאפן א שטארק מידער, אבער — א בארויקטער, אין דער איבערצייגונג, אז ער האט געמאכט דעם ריכטיקן שריט. צומארגנס האלב נייַן אינדערפרי האט ער ביים בעט געהערט ראדיא. די אוידיציע פון קול־ישראל האט איבער־

געבן פרטים פון דער נעכטיקער אונ״א־זיצונג. פרוי מאיר האָט מודיע געווען אין א רויקער, דראמאטישער פאָרם וועגן ישראלס גרייטקייט זיך צוריקצוציען אויפן גרונט פון דריי באַדינגונגען״: (הער דאַלעס האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם וואָרט „באַדינגונגען״) וועגן וועלכע מען איז פריער געקומען צו א קעגנזייטיקער פארשטענדניש. נאָך איייניקע מינוט האָט דער אמעריקאַנישער פאָרשטייער, הענרי קאַבוט לאָדזש, געהאַלטן א רעדע, פון וועלכער עס איז פארשטאנען געוואָרן, אז דער „שטאַנדפונקט״ וועגן דער אונ״אָס אָנפירערשאפט איבערן עזה־פּאַס איז נישט צום אָננעמען. דער פרעמיער־מיניסטער איז ארויסגעשפרונגען פון בעט. א נייער קריזיס איז אויסגעבראָכן. עס איז געווען שבת, אָבער די רעגירונג מוז צוזאַמענגערופן ווערן. עס זענען געשיקט געוואָרן שליחים צו די רעליגיעזע מיניסטאָרן וואָס פאָרן נישט אין שבת. אַנדערע מיניסטאָרן זענען איינגעלאַדנט געוואָרן טעלעפאָניש. די זיצונג האָט געדויערט דריי שעה. די געשפּאַנטקייט איז דערגאנגען צום שפּיץ, מיטן דערהאַלטן א בריוו פון פרעזידענט אייזנהאוער, וועלכער האָט געזאָגט, אז די ווונטשן וואָס זענען ארויסגעזאָגט געוואָרן אין פרוי מאירס רעדע זענען „פאַרנינפטיקע״.

מאָנטיק האָט אַלזא בן־גוריון באַפוילן דעם גענעראַל דיין, ער זאָל זיך טרעפן מיטן אונ״אָס מיליטערישן קאָמענדאַנט פאר ענינים פון אויסנאַמס־צושטאַנד, און צוזאַמען מיט אים אויסארבעטן דעם ריקצוג־פּלאַן. די סיני־אַקציע איז ענדלעך געקומען צו ענדע, פון וועלכער מדינת־ישראל איז ארויס מיט א מענגע סאָוויעטישע קריגס־מאַטעריאַלן, און איר אָנזען איז געשטיגן צוליבן צעשלאָגן, שוין צום צווייטן מאָל, די מצרישע ארמיי. און איצט דאָס געווינס: א פארזיכערונג, דאָס אירע שיפן וועלן קאָנען רויק, אָן שטערונגען, אָנקומען קיין אילת, און, אז קיין פעדאַיין וועט מער נישט באַלעסטיקן אירע ישובים, אין דער געגנט פון עזה־פּאַס.

בן־גוריון האָט זיך באַגעגנט נאָך דער אקציע מיט א פארשטארקטער קריטיק מצד אלע זיינע קעגנער, וועלכע האָבן געטענהט, אז ער האָט מוותר געווען, אָנשטאָט צו בלייבן פעסט ביי זיין שטעלונג. אָבער די ברייטע וועלט האָט אין אים געזען א באַדייטנדיק פעיקן מלוכה־מאַן, וואָס זיין חכמה איז אים בייגעשטאַנען צו זאגן „יא״, אין דער ריכטיקער מינוט.

א רעפערענדום וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער עפנטלעכער מיינונג אין אמעריקע, האָט ארויסגעוויזן, אז בן־גוריון איז איינער פון די צען פּאָפּולערסטע און בכבודיקסטע וועלט־געשטאַלטן — א געשטאַלט וואָס איז מער באַליבט און געערט אפילו, ווי נערו, לאָדזש, דאַלעס און אידען.

קאפיטל אכט און צוואנציק

עס איז געווען אַ קאַלטער און גרויער טאָג אין ירושלים. דער ערשטער יאָרטאָג, אַזוי פון דער סיני־אַקציע, ווי — פון דעם פאַל אין דאָרף קאַסעם. דער פּאָליציי אָנפירער האָט פאַרשטאַרקט די וואַך־פּאָליציי ארום דער כנסת. די דיסקוסיע אין כנסת, אין יענעם אוסגעקרומטן בנין אויף מלך דזשאָרזש גאַס, איז געווען אַ געוויינלעכע דעבאַטע וועגן אויסערן־פּאָליטיק. זעקס אַ זייגער מיט אַ פערטל האָט איינער פון די אָפּאָזיציע־דעפּוטאַטן געהאַלטן זיין רעדע. מיט פינף יאָר פריער איז די רעדע פון דעמזעלבן דעפּוטאַט איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ האָגל פון שטיינער און טרערן־באָמבעס, וועלכע האָבן פאַרענדיקט די שווערע דיסקוסיע איבער די אנטשעדיקונגען פון דייטשלאַנד. ווען ער האָט דאַסמאָל זיך געקליבן רעדן, זענען פיל דע־פּוטאַטן אַוועק אין בופעט.

די כנסת איז אין איר פאָרם ענלעך צו אַן אָפּעראַציע־זאַל, אין אַ מע־דיצינישער שולע. פאַראַן אין איר צענטראַלן זאַל אַ לאַנגער טיש, וועלכער איז ארומגערינגלט אין האַלבן קרייז, מיט שורות שטולן פאַר די כנסת־דעפּוטאַטן, און נאָך אַ קיילעכדיקע גאַלעריע פאַר באַזוכער און פאַר דער פּרעסע. די שטולן ארום לאַנגן טיש זענען געוויינלעך פאַרנומען דורך דעם פּרעמיער־מיניסטער און זיינע דרייצן מיניסטאָרן, אין עטלעכע שריט ווייטער געפינט זיך אַ טיש פאַר חשובע געסט.

יענעם דינסטיק נאָכמיטאָג, האָבן זיך צוויי מיניסטאָרן געפינען ערגעץ אויף אַ געזעלשאַפטלעכער מסיבה, אַ דריטער מיניסטער איז געווען אין אַמעריקע, אין רעגירונגס־ענינים, אַ פערטער איז געווען אָפּוועזנד, צוליב פּערזענלעכע סיבות און אַ פינפטער איז ארויס טרינקען טיי. דער אַמבאַ־סאַדאָר אילת האָט גראָד געהאָט פאַרלאָזט זיין פּלאַץ ביים טיש פאַר חשובע געסט, דער פּרעמיער־מיניסטער איז געזעסן איינגעבויגן אויף זיין שטול, פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. זיין מיליטערישער אַדיוטאַנט איז יענעם טאָג געווען אין תל־אביב. אויף דער גאַלעריע זענען געווען עטלעכע סטו־דענטן, אַ טוץ סאָלדאַטן, אייניקע טוריסטן און אַן ארבעטסלאָזער קעלנער, וואָס איז מיד געוואָרן פון ארומדרייען זיך איבער די גאַסן, איז ער גע־

קומען זיך צוהערן צו דער כנסת־דעבאַטע. דער רעדנער האָט דערמאָנט די סכנה וואָס האָט ערשט מיט איין יאָר צוריק געדראָט דער מדינת־ישראל.

פלוצים האט זיך אַ ריס געטוען פון אָרט אַ נידעריקער, ברוין־האָריקער און קרום־נאָזיקער יונגערמאַן, זיין פנים האָט אויסגעדריקט איין שטיק פאַנאַטישע פאַרביסנקייט, און ער האָט עפּעס א וואָרף געטוען אויף די מי־ניסטאָרן. די זאַך וואָס איז געוואָרפן געוואָרן האט איבערגעהיפּערט דעם פּרעמיער־מיניסטערס קאָפּ, די דינקייט פון א האָר האָט די זאַך אָפּגע־טיילט פון זיין טיש, זי איז געפאַלן אויפן שטול פון רעליגיעס־מיניס־טער, משה שאַפּיראַ, און אויף דער לאָזשע פאַר חשובע געסט.

דער רעדנער האָט איבערגעריסן אין מיטן זאַץ. נאָך א מינוט שטילשוויגן האָט ווער פון דער גאַלעריע אויסגערופן: „וואָס פאַר א חוצפה צו וואַרפן אַ שטיין!". דער מיניסטער שאַפּיראָ האָט זיך איינגעקוקט אין דער זאַך וואָס איז געלעגן לעבן זיינע פיס. פלוצים האָט זיך דערהערט א ריזיקער אויפרייס. שאַפּיראָ איז אַראָפּגעפאַלן פון שטול אַ באַגאָסענער מיט בלוט, פון זיין בויך און קאָפּ. די אויסערן־מיניסטאָרין איז דערשיטערט געוואָרן און זיך געכאַפּט ביי א פוס. דער פּרעמיער־מיניסטער, וואָס האָט געהאַט אַראָפּ־געבויגן דעם קאָפּ, ווען די זאַך איז געפלויגן האַרט לעבן אים, האט אויס־געראָפן מיט אַ שטים פון אַ מיליטערישן קאָמאַנדיר: „זיצט! קיינער זאָל זיך נישט אויפשטעלן פון זיין פּלאַץ". בלוט האָט גערונען פון זיין פוס און אָרעם. א מיאוסער ריח פון אויפרייס־מאַטעריאַל האָט פול געמאַכט דעם רוים פון זאַל. פּאָליציסטן האָבן געכאַפּט דעם יונגן מענטש אויף דער גאַלעריע, בעת ער האָט געפּרוווט אַנטלויפן. צוויי דעפּוטאַטן־דאָקטוירים האָבן געאיילט מיט הילף פאַר די פאַרוווּנדעטע. נאָך א פּאָר מינוט איז שאַפּירא אוועקגעפירט געוואָרן אין אַן אמבולאַנס אין הדסה שפּיטאָל. פרוי מאירס וווּנדן זענען פאַרבאַנדאַזשירט געוואָרן אויפן אָרט. דער קאָמוני־קאַציע־מיניסטער, משה כרמל, האָט באַקומען אַ ברוך אין זיין אָרעם, דער געזונדהייטס־מיניסטער, און אַ כנסת־דעפּוטאַטין האָבן באַקומען לייכטע וווּנדן.

טראָץ די קליינע שטאָל־שפּליטערס וואָס זענען אריינגעדרונגען אין בן־גוריונס רעכטן פוס און אין רעכטן אָרעם, האָט ער דאָך זיך געהאַלטן שטאָל און אייזן ביי זיין מיינונג, אַז ער וועט גיין צו פוס פון דער כנסת־געביידע ביז צום אויטאָ, וואָס וועט אים אַוועקפירן אין שפּיטאָל אריין. צוויי גרופּעס הדסה־דאָקטוירים האָבן געמאַכט משה שאַפּיראָ צוויי באַזונדערע אָפּעראַציעס. שטאָל־שפּליטערס זענען באַזייטיקט געוואָרן פון פרוי מאירס

פּוס, דער ברוך אין קאָמוניקאַציע־מיניסטערס אָרעם איז צערעכט געמאַכט געוואָרן. בן־גוריון, צוליב זיין הויכן עלטער און צוליב די מעגלעכקייט פון א שאָק, איז נישט געוואָרן גלייך אָפּעריִרט. ער האָט באקומען בלויז באַרויִקונגס־מיטלען.

די פּאָליציי האָט אנגעהויבן אן אויספאָרשונג. די זאך וואָס איז אריינגעוואָרפן געוואָרן אין כנסת איז געווען א „מילס"־גראנאט. ווען דער דאָזיקער גראנאט וואָלט געפאַלן אויפן טיש, וואָלט ער זיכער דערהרגעט דעם פּרעמיער און אלע זיינע מיניסטאָרן. איינעם דיל פון כנסת־זאל האָט זיך געשאַפן א טיפער גרוב, און די שפּאָרן פון אויפרייס האָבן זיך אָנגעזען אפילו אויפן סופיט פון דער דריישטאָקיגער כנסת־געביידע. איינער פון די גאלעריע־מענטשן איז פארוואונדעט געוואָרן.

דער מערדער איז געווען משה בן יעקב דועק, אלט פינף־און־צוואַנציק יאָר, געבוירן אין חאלאב, סיריע. אין זיין קינדהייט איז ער אין זיין געבוירן־שטאָט באַשעדיקט געוואָרן, אין א קאַטאַסטראָפע און איז אַרויס מיט נישט קיין נאָרמאַלע געדאַנקן פון איר. אין ישראל איז ער ווידער אמאָל פאַרוואונדעט געוואָרן בעת אַן אומגליקס־פאַל, אין אַ לאַגער פון עליית־הנוער. דער דאָזיקער פאל האָט אים געבראכט דערצו ער זאָל אריינטראָגן אַ געריכטס־אָנקלאַגע קעגן דער יידישער אַגענץ, אויף זעקס־און־זעכציק טויזנט פונט אנטשעדיקונג. ווען דאס געריכט האָט זיין תביעה אָפּגעוואָרפן, האָט ער געשריבן דראָונגס־בריוו צום ריכטער. ער איז אַרעסטירט געוואָרן. אָבער דער געריכטס־פּסיכיאַטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אז ער איז נישט פאראַנטוואָרטלעך פאר זיינע מעשים און מען קאָן אים נישט שטעלן פאר קיין געריכט. מען האָט אים אריינגעגעבן אין אן אנשטאַלט פאר גייסטיק קראנקע, און ערשט נישט לאנג איז ער פון דאָרט באפרייט געוואָרן. פאר צוויי יאָר האָט ער געפּרוווט צו אנטלויפן אלס בלינדער פּאסאזשיר אויף אן עראָפּלאַן קיין ניו־יאָרק. ער האָט נישט געהערט צו קיין שום פּאָליטישער פּארטיי.

גאנץ ישראל האָט פרייער אָפּגעעטעמט, ווען דער גאַנצער אמת וועגן אטענטאַט איז אויפגעדעקט געוואָרן. דאָס איז געווען אן איינפאכער מאָרד־פּרווו, אָן וועלכן פּאָליטישן באַדייט, אָן שום פאַרבינדונג מיט טעראָר. ער האָט נישט אַנטהאַלטן קיין שום עלעמענטן, וואָס האָבן געקאָנט ברענגען צו א באנייטער יידיש־אראבישער מלחמה, אָדער צו א בירגער־קריג.

אינעם צייטווייליקן און אומבאַקוועמען הדסה־שפּיטאָל אין ירושלים

זענען נישט געווען קיין פּריוואַטע קראַנקן־צימערן. דאָס רו־צימער פאַר די דאָקטוירים אויפן צווייטן שטאָק (וועלכעס איז אויפגעבויט געוואָרן צום אָנדענק פון פּאַני גודמאַן פון לאָס־אַנדזשעלאָס) איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין פּרעמיער־מיניסטערס קראַנקן־צימער. אַרגוב, וואָס האָט זיך זער איבערגענומען צוליב זיין אָפּוועזנקייט אין ירושלים, בעת זיין אָנפֿי־רער איז געווען אין סכנה, האָט זיך שנעל צוריקגעקערט פון תל־אביב. ער און פּאָלאַ האָבן געהאַלטן שמירה ביים קראַנקנס בעט און האָבן צוגע־לאָזן צו אים נאָר זיינע קינדער, דעם פּרעזידענט, מזל, די אויפזעערין, אין בן־גוריונס הויז, און אַ דרוזינישן דאָקטאָר, צו וועלכן בן־גוריון האָט געזאָגט: „צו מיין גרויסן באַדויערן האָבן מיר נאָך נישט קיין תימנישן דאָקטאָר". אויף צומאָרגנס האָט בן־גוריון פאַרלאַנגט, אַז אַרגוב זאָל אים ברענגען די טעלעגראַמעס און די פּאָסט, מיט וועלכער ער פלעגט זיך נאָר־מאָל פאַרנעמען אין זיין אַמט. דער ערשטער בריוו וואָס ער האָט געשריבן איז געווען צו די עלטערן פון דעם בחור וואָס האָט געפּרוווט אים דער־הרגענען. דאָס שרייבן איז אים נישט אָנגעקומען לייכט, ווייל זיין רעכטע האַנט איז געווען פאַרוווּנדעט. דאָך האָט ער מיט איר אָנגעשריבן אויף אַ בריוו־בלאַנקעט פון דער הדסה:

„צו משה דועקס עלטערן — פּיל פרידן,

איך ווייס, אַז איר באַדויערט צוזאַמען מיט אַלע יידן דעם נאַרישן און שמוציקן פאַרברעך וואָס אייער זון איז נעכטן באַגאַנגען. עס איז נישט אייער שולד. איר לעבט אין מדינת ישראל, און אין איר הערשט גערעכטיקייט און יושר, און איך האָף, אַז עס וועט אייך נישט פּאַסירן און אויך נישט אייערע קינדער קיין שום שלעכטס. הלוואי זאָלט איר זוכה זיין, די רעשט קינדער אייערע צו דערציִען צו מעשים טובים און אהבת־ישראל".

ווען אַזאַ זאַך וואָלט פּאַסירט אין וועלכן־ס'איז אַראַבישן לאַנד, וואָלט מען זיכער די גאַנצע משפּחה אַריינגעשליידערט אין טורמע. דעריבער איז דועקס משפּחה, וואָס איז אָנגעקומען אין לאַנד אַריין מיט זיבן יאָר צוריק, געזעסן און געציטערט אין איר באַראַק, אין אַ דאָרף לעבן תל־אביב, ווען דער בריווטרעגער האָט זיי איבערגעגעבן דעם בריוו. די עלטערן האָבן גערעדט נאָר אַראַביש, און דער בריווטרעגער האָט פאַר זיי איבערגעזעצט דעם בריוו ביים ליכט פון אַ נאַפט־לעמפּל.

יענעם נאָכמיטאָג איז דער האַנדלס־און אינדוסטרי־מיניסטער גע־קומען מבקר חולה זיין דעם פּרעמיער, ווען ער האָט זיך דערנענטערט צום קראַנקענס־צימער, האָט אים פּאָלאַ פאַרמאַכט דעם וועג: „דו קאָנסט נישט

אריינגיין, איך דערלויב קיינעם נישט אריינצוגיין — א חוץ דאָקטוירים״.
ווען דער מיניסטער האָט ארויסגעשטאַמלט אייניקע מיטליד־ווערטער, האָט פאָלאַ צוגעגעבן: „מילא, האָסט זיך געקאָנט אדורכקריגן דורך דער פּאָ־ליצײַ־וואַך, אָבער מײַן וואַך וועסטו נישט אַדורכגיין״. אין דערזעלבער וואָך זענען אין לאנד געווען הונדערט אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן פון פאר־אייניקטן יידישן אַפּיל אין אמעריקע. דער פּרעמיער־מיניסטער האָט געזאָלט זײַן דער הויפּט־רעדנער אויף אַן אַפּשידס־באַנקעט לכבוד זיי, פאר זייער פארלאָזן דאָס לאַנד. אַנשטאָט אים איז דערשינען פאָלאַ. זי איז אויפגע־שטאַנען, האט געשמייכלט, געדאַנקט די פארזאמלטע פאר די אַפּלאָדיס־מענטן און געזאָגט: „איר האָט געטוען א גוטע ארבעט, זייט ממשיך!״.
דערמיט האָט זי פארענדיקט און זיך צוריקגעזעצט אויף איר פּלאַץ.

אין די ערשטע פיר טעג אין שפּיטאָל איז ארגוב נישט אָפּגעטרעטן פון זײַן בעט אויף קיין מינוט — נישט בייטאָג און נישט ביינאכט. שבת איז דער פּרעמיער־מיניסטער געווען אין א געהויבענער שטימונג. די דאָק־טוירים האָבן געזאָגט, אז ער וועט קאָנען זונטיק פארלאָזן ס׳שפּיטאָל. אַרגוב האָט געהאַט צו דערלעדיקן אייניקע דרינגנדיקע ענינים אין קריגס־מיניסטעריום, און ער איז געפאָרן קיין תל־אביב. אויפן וועג צוריק איז ער געביסן געוואָרן אין די אויגן־ברעמען דורך א בין, וואָס איז געפלויגן ארום דער מאשין־שויב. אויף אַן אויגנבליק האָט ער אָפּגעוואָנדן דאָס אויג פון שאָסיי און אין יענער סעקונדע איז ער איבערגעפאָרן אַ ציקליסט. נאָכדעם ווי עס איז אים איז קלאָר געוואָרן, אז דער קרבן איז אַן עולה פון מאראָקאָ, אַ מענטש פון פיר־און־פערציק יאָר, אַ מאַן פון א פרוי און א פאָטער פון פיר קינדער, האָט ער אויסגעדרייט די מאשין און איז צוריקגעפאָרן קיין תל־אביב. זונטיק האָבן באַאַמטע פון קריגס־מיניסטעריום אויפגעבראָכן די שלעסער אין זײַן דירה, זיי האָבן אים גע־פונען, זיצנדיק ביים ארבעטס־טיש — א טויטן. ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן דורך א שאָס אין שלייף. ער האָט איבערגעלאָזט צוויי בריוו. דער ערשטער צו בן־גוריונען, דער צווייטער — צו „מיינע טייערע פריינט״.
אין צווייטן בריוו האָט ער געשריבן:

„היינט האָב איך, פאָרנדיק אין מיין אויטאָ, שטאַרק צעשעדיקט אַ ציקליסט... איך האָב מורא, אז ער וועט נישט לעבן... איך קאָן זיך נישט מוחל זײַן די שרעקלעכע עוולה וואָס איך האָב געטוען יענער משפּחה... איך בעט אים און זײַן משפּחה זיי זאָלן מיר מוחל זײַן... טייערע חברים... צו מײַן גרויסן צער, קאָן איך נישט לעבן אין אַזאַ מצב, איך בעט מחילה פון יעדן

איינעם, וואָס איך וואָלט אים, אויף א וועלכן־ס׳איז אופן געקאָנט בייהילפיק זיין... איך מיין, אז קיין זעלבסטמערדער איז מען נישט מספיד, אויב איך בין מיך טועה, בעט איך מען זאָל מיך נישט מספיד זיין און מען זאָל נישט באַדויערן מיין טאַט... אך בין נישט ראוי מען זאָל איבער מיר טרויערן״.

אין זיין בריוו האָט ער געבעטן מען זאָל דעם קרבן פון דער קאטאסטראָפע אָדער זיין אלמנה, געבן דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האט געהאַט אין באַנק, און נאך אַ סומע פון 3.000 פונט וואס עס איז אים געקומען פון צוויי פריינט.

ווען די ידיעה איז אָנגעקומען קיין ירושלים, זענען דעם פרעמיער־מיניסער דאָקטוירים געווען פאַרטועט אויף אַ באַראַטונג וועגן זיין לאַגע. ער האָט באַקומען היץ נאָך דער אָפּעראַציע. די דאָקטוירים האבן געוואָלט אויסמיידן יעדע אויפטרייסלונג, און זיי האבן געפינען אַן אויסוועג: ראַדיאָ קול ישראל האָט באקומען אָן אָנווייזונג נישט צו דערמאָנען אין זיינע אוידיציעס וועגן דעם זעלבסטמאָרד, צו וועלכע בן־גוריון פלעגט זיך תמיד צוהערן. דערנאָך זענען איינגעלאַדן געוואָרן אַלע פרימאָרגן־און אָוונטציטונגען, זיי זענען געבעטן געוואָרן אָפּצודרוקן איין עקזעמפלאַר פון זייער ציטונג, אין וועלכער עס זאָל נישט דערמאָנט ווערן מיט קיין וואָרט דער ענין פון זעלבסטמאָרד. א שליח וועט ברענגען דעם דאָזיקן עקזעמפלאר דירעקט פון דער דרוקעריי אין שפּיטאָל אריין. יענעם אָוונט האָט א זשורנאליסט אָנגעקלינגען פון שפּיטאָל אין רחובות, און פון דאָרט האָט מען אים אינפארמירט, אז דער פארוווּנדעטער ציקליסט איז ארויס פון געפאַר. אין י ע נ ע ם שבתדיקן טאָג האָט אַרגוב געמאַכט אַן ענדע צו זיין לעבן. אין אָט דער שעה, איז עברון געזעסן אין ישראל־קאָנסולאט אין ניו־יאָרק, און געשמועסט מיט א יונג מיידל וואָס אויך זי האָט פריער געאַרבעט אין אַמט פון פרעמיער־מיניסטער. ווען אַרגובס נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן, האָט עברון דערציילט, אז ארגוב האָט אים איינמאָל געזאָגט: „שטענדיק האב איך געזאָרגט און זיך געפרעגט: וואָס וועל איך טוען אויב מען וועט מאַכן אַן אַטענטאַט אויפן אַלטן. עטלעכע טעג האָב איך נישט געקאָנט געפינען קיין ענטפער — אָבער איצט האָב איך געפאַסט א באשלוס, און מיין נשמה־רו האָט זיך צוריקגעקערט צו מיר. — אויב אזא זאך וועט פאַסירן וועל איך מאכן א סוף צו מיין לעבן. (זאָגנדיק דאָס, האָט ער געהאַלטן א רעוואָלווער אין האַנט) איצט, בין איך רויק״.

פיר־און־צוואנציק שעה נאָך דעם געשפּרעך האָט דאָס מיידל פון קאָנסולאַט אָנגעקלינגען צו עברונן: „האָסטו שוין געהערט? איצט האָט דער ראַדיאָ מודיע געווען, אַז נחמיה אַרגוב איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד״.

אַרגובס פריינט האָבן געזאָגט, אַז זיי איז נישט שווער געווען זיך פאָר־צושטעלן זיין געדאַנקען־גאַנג. אין 1952 איז ער נישט געווען אין ירושלים ווען בן־גוריון איז געווען אין אַ סכנה אין כנסת. אויך איצט איז ער נישט געווען אין ירושלים. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז נישט בלויז וואָס ער האָט נישט דערפילט זיין פליכט, נאָר ער האָט אויך פאַרשפּעטיקט די וויכטיקסטע און בכבודיקסטע געלעגנהייט אין זיין לעבן. ווען ער וואָלט געווען אין כנסת בעת די באָמבע איז געוואָרפן געוואָרן, וואָלט ער גע־קאָנט א שפּרונג טוען, ממש... אין דער באָמבע אַריין, זי פאַרדעקן מיט זיין קערפּער און שטאַרבן אַ העלדן־טויט, צעשפּליטערנדיק די באָמבע וואָס האָט געזאָלט אומברענגען דעם מענטש וואָס ער האָט אזוי שטאַרק פאַרגעטערט.

מאָנטיק איז אַרגוב געבראַכט געוואָרן צו קבורה מיט א פולן מי־ליטערישן פּאַראַד. זעקס פּאָלקאָווניקעס האָבן געטראָגן זיין אָרון. זיין לעצטער ווילן, אין זיין צוואה, איז נישט פאַרשוועכט געוואָרן. גענעראַל דיין איז געשטאַנען לעבן קבר, און האָט בלויז געזאָגט:

„דער טויט איז אונדז נישט פרעמד, אָבער נישט אזא טויט... איך פאַרשטיי נישט דעם זין פון דעם טויט... זיין נאָענטסטער מענטש איז נישטאָ מיט אונדז...״

צווישן די חשובע באַגלייטער, הונדערטער מענטשן, איז געווען אויך פּאַלאַ. אין יענעם מאָמענט איז איר מאַן געווען פאַרטיפט אין לייענען, נישט וויסנדיק וואָס עס האָט פּאַסירט. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן דינסטיק אים אַלץ צו דערציילן. די מיסיע איז איבערגעגעבן געוואָרן דיינ׳ען. עס האָבן אים באַגלייט אייניקע דאָקטוירים פון הדסה, טעדי קאָלעק, פּאַלאַ, דער לייטער פון קריגס־מיניסטעריום, שמעון פּרס, און נבון, וואָס איז נאָרוואָס געקומען צוריק פון א שליחות אין דרום־אַמעריקע. נאָך דעם זעלבסט־מאָרד־פּאַל איז ער אויפגעפּאָדערט געוואָרן גלייך צוריקצוקומען.

דער פּרעמיער־מיניסטער איז געווען אין א געהויבענער שטימונג. אָט וועט ער בקרוב פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל. ער האָט געשמועסט זער לעב־האַפטיק מיט זיין פּריוואַט־סעקרעטאַר, וועלכן ער האָט שוין זעקס וואָכן נישט געהאַט געזען. צום סוף האָט נבון אָנגעהויבן רעדן: „אַ שלעכטע בשורה ברענגען מיר היינט. נחמיה איז נפטר געוואָרן״. בן־גוריון איז שטאַרק בלאַס געוואָרן, האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און אויסגערופן:

„וואָס האָסטו געזאָגט?". זיין קול האט געציטערט. דיין האָט געשילדערט אין קורצע ווערטער וואס עס איז געשען. דערנאָך האָט ער איבערגעגעבן בן־גוריונען דעם פאַרמאַכטן בריוו וואָס ארגוב האָט איבערגעלאָזן. ער האָט אים געעפנט זער לאַנגזאַם. אַ טויט־שטילקייט האָט געהערשט אין צימער. וואָס מער ער האט געלעזן, אַלץ מער זענען זיינע אויגן אויפגעשוואָלן געוואָרן. און ווען ער איז דערגאנגען צום לעצטן זייטל און צו דער אונטערשריפט, האָט זיך דער גרייז־גרויער מענטש אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער וואַנט. ס'האָט ווער שפּעטער געזאָגט, אז די שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן בלויז מיט איין וואָרט: „נחמיה". אַנדערע האָבן געטענהט, אַז אפילו דאָס דאָזיקע וואָרט איז אויך נישט געפאַלן.

אין א פּאָר מינוט ארום האָט א שטיל כליפּן פול געמאַכט דאָס צימער. אלע האָבן זיך איבערגעקוקט אין דערשלאָגנקייט. דער רוב פון זיי האָט קיינמאָל נישט געזען, ער זאָל ווען־עס־איז עפּענטלעך ארויסווייזן אַזאַ איבערגענומענקייט, געווען זענען אייניקע וואס האבן יאָ געדענקט, אז ער האָט געוויינט, מיט יאָרן צוריק, אין טאָג פון לֶערערס טויט. די ווונדן אין פוס און אין אָרעם, פון וועלכע די דאָקטוירים האבן ארויסגענומען שטאָל־שפּליטערס, האָבן ווידער אָנגעהויבן שמערצן. אָבער נאָך שווערער איז געווען דער ווייטאָק אין הארץ. ווייל ער האָט געוווּסט, אז אויף דער גאנצער וועלט איז נישט פאראַנען קיין מענטש וואָס זאָל קאָנען פארנעמען נחמיהס פּלאַץ. אויך די אנדערע האָבן דאָס געוווּסט, און נחמיה אליין האָט עס געוווּסט.

אין א פּאָר טעג אַרום האָט בן־גוריון געוויזן דעם בריוו צו אייניקע מענטשן. עס איז אין אים קיין סימן נישט געווען פון דעם אומגליקס־פאַל מיטן אויטאָ. די פינף זייטלעך זענען געווען פול מיט ליבע און פארגעטערונג, וואָס דער יונגער מענטש האָט געפילט צום אלטן. די לעצטע צען יאָר זענען געווען די גליקלעכסטע אין זיין לעבן. לויט זיין מיינונג זענען די דריי וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער געשיכטע געווען: משה רבינו, דוד המלך און דוד בן־גוריון. ער ווייס, האָט ער געשריבן, אז זיין טאַט וועט בן־גוריונען ווי טוען, אָבער ער האָט אנדערש נישט געקאָנט. ער האָט זיך מודה געווען, אז דאָס איז נישט קיין טאַט פון קיין שטאַרקן מענטש. נאָר ער, בן־גוריון, איז א שטאַרקער מאַן און ער נויטיקט זיך אין שטארקע מענטשן. ער, נחמיה, איז שוין מער נישט שטאַרק. ער האָט געבעטן זיין אָנפירער ממשיך צו זיין און פירן דאָס פאָלק, דעם עם קשה־עורף, וואס נויטיקט זיך אין אים, און נאָר ער אליין קאָן עס פירן.

היות בן־גוריון איז געווען אזוי דערשלאָגן, אז ער האָט נישט געוואָלט עסן, נישט געקאָנט איינשלאָפן און נישט רעדן מיט קיין מענטש, האבן זיינע דאָקטוירים באַשלאָסן, אז עס מוז ווער אים אָנרעגן ער זאָל רעדן וועגן דעם זעלבסטמאָרד, כדי אויף אזא אופן אויסצורייסן פון זיין באַוווּסטזיין דעם טרויער וואס האט אים ארומגענומען. פאָלא און די קינדער זענען געווען ביי דער מיינונג, אז ידין איז דער מענטש וואָס דאַרף די אויפגאַבע אויספירן. רנבה איז געווען אין קראנקנס צימער ווען ידין איז אריינגע־קומען. בן־גוריון איז געלעגן מיטן רוקן צו דער וואַנט. פלוצים האָט ער זיך אויסגעדרייט און האָט אים אַ פרעג געטאָן: „האָסטו שוין פאַרענדיקט די אויסגראָבונגען אין חצור?": „יאָ". „דערציי״ל מיר וועגן זיי". ידין האָט דערציילט באריכות וועגן דער דאָזיקער אור־אַלטער שטאָט, וואָס איז געווען די גרעסטע אין לאנד אין יהושע בן נונ׳ס צייטן. דערנאָך האָט ער אי־בערגעריסן. נישט צוליב דעם איז ער דאָך געקומען. ער האָט געקוקט בן־גוריונען גלייך אין די אויגן אריין. „לאָמיר רעדן וועגן נחמיהן". דער פרעמיער־מיניסטער האָט נישט געוואָלט אריינגיין אין אזא שמועס. ידין איז אבער באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע. בן־גוריון האָט אָנגעהויבן אָן חשק. ער האט געוואָלט וויסן מער פרטים. זיי האָבן אים נאָר אי־בערגעגעבן דעם בלויזן פאַקט פון זעלבסטמאָרד. פאַר וואָס האָט ער דאָס געטוען? זיי האָבן וועגן דעם גערעדט אַ שעה צייט. אָבער די רעצעפּט האט נישט ארויסגעריסן דעם ווייטיק פון זיין הארץ. לאנגע וואָכן נאָכדעם פאָל, איז בן־גוריון נישט געווען מיט זיך. צום ערשטן מאָל זייט צענדליקער יאָרן, זענען זיינע נאָטיצן נישט אריינגעשריבן געוואָרן אין טאָג־בוך.

אין שפּיטאָל איז געווען אַ קאָנקורענץ צווישן די שוועסטערן — וועל־כע פון זיי וועט באדינען דעם פּרעמיער־מיניסטער. ווען נבון איז צוריק־געקומען פון אויסלאנד, איז די שווארץ־האריקע עדנה זיך אומגעגאַנגען מיט קראַנקן. „דו דאַרפסט אים אזוי באהאנדלען ווי דו באהאנדלסט יעדן נאָרמאַלן קראַנקן. פאַרגעס, אַז ער איז דער פּרעמיער־מיניסטער, דו טאָרסט נישט דערלויבן ער זאָל דיר געבן באַפעלן, דו דאַרפסט אים געבן באַפעלן". בן־גוריון האָט געהערט דאָס געשפּרעך. „כ׳בין נישט קראַנק". „גוט" האָט נבון געזאָגט, אויב אזוי דאַרפסטו זיך פאַרנעמען מיט אים ווי מיט יעדן געזונטן מענטש".

אומגעפער אין יענער צייט איז פאָלא קראַנק געוואָרן אויף דער אזוי־אַטישער גריפּע. אין אָנפאַנג האָט זי נישט געוואָלט ליגן אין בעט. זי מוז ווייטער צוויי מאָל אין טאָג באזוכן איר מאַן אין שפּיטאָל — אין

דערפרי און נאָכמיטאָג, כדי ער זאָל זיך נישט דענערווירן. אַז איר לאָגע איז געוואָרן ערנסטער, זענען די דאָקטוירים פון הדסה איינגעגאַנגען אויף א פשרה. זיי האָבן איר צוגעטיילט א צימער אין שפּיטאָל, קעגנאיבער איר מאַנס צימער, און צוויי מאָל אין טאָג, אינדערפרי און נאָכמיטאָג, פלעגט זי אויפשטיין, זיך אָנטוען, נעמען מיט זיך עטלעכע ציי־טונגען, אַראָפּגיין איין שטאָק, כדי צו באזוכן דעם קראַנקן, ווי זי וואָלט איצט געקומען גלייך פון זייער היים אויף שדרות בן מימון. די שוועסטערן אויף דעם אויבערשטן שטאָק האָבן שוין אויף איר געוואַרט כדי זי צוריק צו לייגן אין איר בעט אריין. די דאָזיקע משונהדיקע פּירונג האָט פאַר־לענגערט איר קרענק, זי האָט געדויערט מער ווי אין נאָרמאַלע אומשטענדן. פּאָלא האָט אָבער אויסגעמיטן זאָרג פון איר מאַן.

די שלעכטע בשורה וועגן נחמיהס טויט האט אויפגעהאַלטן זיין ארויס־גיין פון שפּיטאָל. די דאָקטוירים האָבן אים, פאר צוויי וואָכן נישט געוואלט באַפרייען. אינצווישן האט ער אויפגענומען פיל באַזוכער, צווישן זיי — מאַרקוס זיוו און זיין פרוי פון לאָנדאָן, וועלכע האָבן אזויפיל געהאָלפן דער מדינה, אין איר ערשטער תקופה. ביי זייער ארויסגיין פון קראַנ־קן־צימער, איז דערשינען א יונגערמאַן, פול מיט ענערגיע, אין אַן אָפּע־נער בלוזע, ער איז אריינגעפירט געוואָרן אין בן־גוריונס צימער. אין דרויסן האָט זיך פארזאמלט אַ המון פאַרזאָרגטע ישראל בירגער. מאַרקוס זיוו האָט געזאָגט צו זיין פרוי: „בן־גוריון אין באליבט און געאכטעט ביי זיין פאָלק. נישט אמת?" און האָט צוגעגעבן דרך אגב: „און ווער איז דאָס דער קיבוצניק אין דער אָפענער בלוזע וואָס איז איצט ארויף צו בן־גוריונען?". „דאס איז דעני קעי", האָט פרוי זיוו מיט געדולד געענטפערט, „ער און בן־גוריון זענען אלטע פריינט".

נאָך ארגובס טויט פלעגן בן־גוריונען באַפאַלן פארשידענע שטימונגען: טיילמאָל איז זיין פנים, שעהנוייז, געווענדעט צו דער וואַנט און ער וויל אפילו נישט עסן. אין די פריע אָוונט־שעהן פלעגט די שוועסטער אוועקלייגן אַ בינטל בריוו אויף זיין נאַכט־שענקעלע. ער האָט געבלעטערט אין די בריוו אָן ספּעציעלער פאראינטערעסירונג, ביז זיין בליק איז געפאַלן אויף אַן אמעריקאנישן וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל. נאָך א פּאָר מינוט האָט ער זיך שוין אויסגעגלייכט אויפן בעט און האָט אָנגעהויבן לייענען אַן אַרטיקל וועגן דעם אנטשטיין פון די וואָלקנס. ווען די שוועסטער איז צוריקגעקומען האט ער זי געפרעגט: „פאַר וואָס האָסטו נישט געבראַכט קיין עסן?".

נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגעסן און נאָכאמאָל אדורכגעלייענט דאס

ארטיקל איבער די וואָלקנס, האָט אים נבון געפרעגט, צי ער וויל אויפ־נעמען אן אמעריקאנער וואָס שרייבט וועגן אים א בוך. „ברענג אים אריין". ווען דער אַמעריקאַנער האָט דערקלערט, אז ער איז אַ „גוי", האָט דער פּרעמיער־מיניסטער אָנגעהויבן מיט אַ פּאַכמענישער, עטימאָלאָגישער אויפ־קלערונג וועגן דעם שורש פון וואָרט „גוי": „אין זיין עיקר־טייטש האָט דאָס וואָרט באדייט א „פאָלק". און איך וועל זיכער זיין גערעכט אויב איך וועל זאגן, אז אין ישראל ווילן מיר זיין א שטאַרקער און זעלבסט־שטענדיקער 'גוי'". די שוועסטער האָט אַריינגעבראַכט אַ גלאָז „לבן", — זויערמילך. „דאָס האָב איך מיך אויסגעלערנט עסן אין טערקיי: דאָרט זאגט מען, אַז ווער עס עסט זויערמילך איז מאריך ימים — ביז הונדערט יאָר". איצט זענען זיינע אויגן געווען וואך און שפּרודלדיק. בינטלעך פון זיינע ווייסע האָר האָבן זיך אויסגעשטייפט. די קראַפט פון זיין פּערזענ־לעכקייט האָט אַדורכגעשניטן דעם רוים פון גאַנצן חדר.

מיט לייכטקייט איז ער אריבער פון איין טעמע צו דער צווייטער. דער גאַסט איז נישט לאַנג צוריק געווען אין גאַנאַ. דער פּרעמיער־מי־ניסטער האָט געשיקט אהין איינעם פון זיינע באליבטסטע דיפּלאָמאַטן. ער אליין וואָלט אהינגעפאָרן אנטיילנעמען אין די אומאָפּהענגיקייטס־פיי־ערונגען, ווען נישט דער סיני־קריזיס. מדינת ישראל, נישט געקוקט דער־דויף וואָס זי איז אַן אָרעם לאַנד, האָט אָנגעפּאַנגען רעאַליזירן אַ פּלאַן פון הילף פאר גאַנאַ (ענלעך צו דעם אַמעריקאַנישן פּלאַן, פאראגראף פיר"), ער האָט זיך גלייכגעזעצט אויפן בעט און געזאָגט: „דערצייל מיר וועגן גאַנאַ. ווי זעט דאָס לאַנד אויס? ביזט געווען אין קאָמאַסי, די שטאָט פון אשאַנטי? וואָס פאר א קלימאַט איז דאָרט? הייס ווי אין ישראל? און וואָס איז די מאָס פון איר פייכטקייט?"

נבון האָט סוף־סוף געגעבן א ווונק, אז עס איז געקומען די שעה פון פאַרלעשן דאָס ליכט ביים פּרעמיער־מיניסטערס בעט. ארויסגייענדיק האָט דער אמעריקאַנער געזאָגט:

„אויב עס וועט קומען אַ טאָג און עס וועט דיר מאוס ווערן צו זיין פּרעמיער־מיניסטער, דאַרפסטו זיך צוריקקערן צו דער פּרעסע. איך בין געקומען דיך פרעגן הונדערט פראַגן, צום סוף ביזטו גאָר געווען דער פראַגעס־שטעלער".

פונקט דריי וואָכן נאָכן אַטנטאַט און זעכצן טעג נאָך דעם זעלבסט־מאָרד־פּאַל, איז בן־גוריון אויפגעשטאַנען פון בעט און אָנגעהויבן הינקן אויף א פוס, און דער צווייטער פוס איז געווען באנדאזשירט, אזוי איז ער

אריין אין כנסת האַלטן זיין ערשטע רעדע. ער האָט אָנגעהויבן מיט א הספד אויף נחמיהן:

„איך האָב גרויס צער וואָס מ׳האָט אין משך פון צוויי טעג אויסבאַהאַלטן פון מיר דאָס גרויסע אומגליק — דעם טויט פון נחמיהן. איך האָב גרויס עגמת־נפש, אָבער איך האָב נישט קיין תרעומות.

צען יאָר בערך האָבן מיר, נחמיה און איך, געאַרבעט צוזאַמען; איך צווייפל, צי נאָך צוויי מענטשן האָבן אמאָל אַזוי צוזאַמענגעאַרבעט ווי מיר. איך ווייס נישט ווי גרויס מיין אָנטייל איז, אין דער אַרבעט פון די דאָזיקע צען יאָר. איך ווייס, אַז דאָס זענען געווען קאָלעקטיווע מעשים פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער, און אין זיי זענען פאַרקערפּערט פּרעכטיקע געשעענישן וואָס שטייען נישט אָפּ פון די גרעסטע מעשים אין אונדזער געשיכטע, און אויך קאַפּיטלען פון העלדנמוט וואָס האָבן נישט זייער גלייכן אין דער יידישער היסטאָריע. און אויב איך האָב געהאַט עפּעס אַ חלק אין די דאָזיקע גרויסע טאַטן — איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פון שותפות צווישן מיר און נחמיהן, אַ שותפות מיט אומבאַגרענעצטער אחריות, אַ שותפות אָן חלוקה, אָן חשבון, אָן מיינס און דיינס.

נחמיה, פּונקט ווי איך, איז נישט געווען קיין פאַרפולקאָמטער מענטש. עס זענען נישט פאַראַן קיין פולקאָמע מענטשן אויף אונדזער וועלט. אפילו אין תנ״ך ווערט נישט געשילדערט קיין אויסדערוויילטער מענטש, אָן פּגם און אָן פעלער. יעדער מענטש האָט אייגנשאַפטן גוטע און נישט קיין גוטע. אפילו די גוטע זענען, על־פּי־רוב, נישט קיין פאַרפולקאָמטע, זיי דערגרייכן נישט דעם זעניט. די זאַך וואָס האָט כאַראַקטעריזירט נחמיהן — און איך זאָג דאָס פון קלאָרער ידיעה און אָן גוזמא — איז געווען אַ כאַראַקטער־שטריך, וועלכן איך האָב ביי אים געזען, אין דער פולער גאַנצקייט. און דוקא פון די חשובסטע מענטשלעכע אייגנשאַפטן — דאָס איז די איבערגעבנקייט און געטריישאַפט. נחמיה איז געווען דער מענטש פון העכסטער איבערגעגעבנקייט. ממשותדיק געזען, איז עס געווען ווי אַ טריישאַפט צו אַ מענטש; אָבער אין מאָראַליש־וועזנטלעכן זין האָט עס געהייסן, אַן איבערגעבן זיך אינגאַנצן צו אַן אידעע, אַן אידעע וואָס באַדייט צוויי זאַכן: די מדינה און די אַרמיי — צבא־הגנה־לישראל. נחמיה איז געווען באַשאָנקען, מיט אַ טייערער, געטלעכער מתנה — מיט אַ מתנה פון א גרויסער ליבע. דאָס איז געווען דאָס געטלעכע פייער וואָס האָט געברענט אין נחמיהן אָן אויפהער, און אין דעם פייער איז ער, פון ליבע און יסורים, פאַרברענט געוואָרן. דערלויבט מיר צו שטיין דאָ, אין שטילשווייגן, אַליין, אַ קורצע ווילע צו זיין אָנדענקען״.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

מדינת־ישראל איז דערגאַנגען צו איר צענטן יאָרטאָג, און אין יענע אומגעוויינלעכע געשטאַלט, בן־גוריון, שטייט ביים רודער און פירט דאָס פאָלק מיט א זיכערער און שטאַרקער האַנט. זיין קעגנערשאַפט צו געבורטס־טאָג פייערונגען האָט נישט געקאָנט חל זיין לגבי דעם צענטן יאָרטאָג פון מדינה־קיום. עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען א ריי פייערונגען און יומטובדיקע פאַראַנשטאַלטונגען, וואָס האָבן זיך געצויגן אין משך פון א גאַנצן יאָר: מיליטערישע פאַראַדן, מאַסקן־בעלער, טאַנץ און מוזיק־פעסטיוואַלן, קאַרנאַ־וואַלן, אַן אָנדענק־פייערונג לכבוד ד״ר חיים ווייצמאַן, די אָפיציעלע באַנייטע דערעפנונג פון גרויסן פאָרט אילת, נאָך הונדערטער יאָרן פון פאַראַ־ליזירונג, און א פאָלקס־פייערונג, אין וועלכער עס איז פאַרקערפּערט געוואָרן די קורצע געשיכטע פון דעם צען־יאָריקן ישראל־קיום און פיר טויזנט יאָר פיין און לייד פון יידישן פאָלק, אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ.

מאַסן פּאַראַשוטיסטן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער סיני־אַקציע, האָבן אויסגעפירט פּאַראַשוטן־אַקראָבאַטיק אין דער לופט, געווען אויסשטע־לונגען און פאַראַדן פון דער לופט־אַרמיי און פון ים־פלאָט, אָבער די גרעסטע דעמאָנסטראַציע איז געווען דער מאַרש פון שלום און פרידן, וואָס האָט זיך געעפנט מיט די רייד פון ישעיה הנביא: „ולא ילמדו עוד מלחמה — און מען וועט מער נישט לערנען מלחמה״, דאָס — אין אַ לאַנד וואָס איז נאָך אַרומגערינגלט מיט מעכטיקע שונאים, וועלכע מאַכן קיין סוד נישט פון זייער ווילן דאָס לאַנד צו פאַרניכטן. פון די מיליאָנען ווערטער וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך דעם מענטש וואָס איז געבליבן דער אומבאַשריטענער פאָלקס־מנהיג ביז היינט, איז אויסגעוויילט געוואָרן איין קורצער זאַץ, וועלכן מ׳האָט געקאָנט זען אין גאַנצן לאַנד:

„א מדינה וועט נישט געשאַפן בלויז, דורך פּראָקלאַמירן זי. זי ווערט געבויט דורך טאָג־טעגלעכער מי, אין משך פון יאָרן און דורות״.

אין אַפּריל האָבן אָנגעהויבן שטראָמען געסט צו די צען־יאָר פייערונגען. זיי זענען געקומען פון אַלע עקן וועלט. אין איינער פון די רייזעס מיט

דער שיף „קווין מערי‟, זענען כמעט אלע פּאסאזשירן געווען יידן, אויפן
וועג קיין ישראל. עס זענען געווען נעכט ווען מען האָט פון דן ביז באר־
שבע נישט געקאָנט באקומען קיין בעט, אָדער א מאַטראַץ אויף איבער־
צונעכטיקן. אפילו דער האָטעל וואָס איז געבויט געוואָרן אויף די זאַמדן
פון אילת, פאר אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר, איז געווען איבערפילט נאַכט נאָך
נאַכט. מיט די טוריסטן זענען געקומען זשורנאַליסטן, פאָטאָגראַפן, פילם־
פּראָדוצענטן, ראַדיאָ און טעלעוויזע אַפּעראַטאָרן, שרייבער פון פארשידענע
צייטשריפטן וואָס האָבן געזוכט אויפצוכאַפּן עפּעס־וואָס אריגינעלס פון פּרע־
מיער־מיניסטער. עס זענען געווען טעג ווען ער איז געווען פארנומען נאָר
מיט פּראָבלעמען פון „געזעלשאַפטלעכע באַציונגען‟. ער איז געווען העפ־
לעכער און געאיילט צו העלפן, מער ווי ווען־עס־איז אַמאָל. ער האָט
געענטפערט גערן אויף אלע פראַגעס, הונדערטער מאָל איז ער געוואָרן
פאָטאגראַפירט, און געגעבן אינטערוויוען פאַר טעלעוויזיע־קאָרעספּאנדענטן,
אָן שום טענות ומענות. מען האָט אים כסדר געפרעגט אויב ער וועט מסכים
זיין זיך צו זען מיט נאַצערן, איז דער ענטפער געווען: „איך בין גרייט
צו פאָרן קיין קאַהיר כדי זיך מיט אים צו טרעפן, און ווען ער וועט נאָר
וועלן. איך וועל מיך נישט צוריקהאַלטן פון אונטערהאַנדלען מיט אים אויג־
אויף־אויג‟.

ווען סיריע און מצרים האָבן געבילדעט די אַראַבישע רעפּובליק און
די ראַדיאָ־אוידיציע פון קאַהיר האָט איבערגעגעבן, אז אויך ישראל וועט
איינגעלאַדן ווערן צו דער פאראייניקונג, האָט ער געזאָגט: „אויב עס וועט
אונדז איבערגעגעבן ווערן אז ערנסטע איינלאַדונג, וועל איך זי באטראכטן
מיט וואָגיקער חשיבות. סוף־סוף זענען מיר דאָך אויך א מיטל־מזרחדיק
פאָלק‟. בן־גוריון האט פאנאנדערגעוויקלט פאַר אַלע, וואָס זענען אים גע־
קומען באזוכן, די געשיכטע פון די ערשטע צען יאָר, טיילוויז אין ציפערן:
עס זענען אריינגעבראכט געוואָרן אין לאנד אריין קרוב אַ מיליאָן נייע
עולים, די באפעלקערונג פון דער מדינה ציילט שוין איצט בערך צוויי
מיליאָן מענטשן. וועלכעס לאנד אויף דער וועלט האָט פאַרטאָפּלט איר
באפעלקערונג, אין פארלויף פון צען יאָר? נאָר צוויי פון יעדע הונדערט
עולים האָבן געהאַט געוויסע ידיעות וועגן באָדן פאר זייער אָנגעקומען
אין לאַנד אַריין, און נאָר אַ קליינער פּראָצענט האָט געאַרבעט אין פאַבריקן.
איצט אָבער באַשטייט דאס לאַנד פון אַ מערהייט לאַנדווירטן און אינדוסטריי־
אַרבעטער. דער דאזיקער פאַקט באַווייזט, אַז דער איבערבוי־פּראָצעס פון
פאָלק האָט מצליח געווען.

די עולים זענען געקומען פון זיבעציק לענדער, און האָבן גערעדט כמעט אויף אלע מענטשלעכע שפּראַכן, אפילו יאַפּאַניש. אָבער זיי האָבן זיך שנעל אויסגעלערנט רעדן העברעיש. עס זענען געשאַפן געוואָרן בערך פינף הונדערט דערפער און ישובים, און אַ פערטל מיליאָן דירות זענען אויסגעבויט געוואָרן.

ישראל פּראָדוצירט איצט דריי פערטל פון שפּייז וואָס זי קאָנסומירט. תל־אביב איז נישט קיין קלענערע שטאָט ווי דאַלאַס, אין שטאַאַט טעקסאַס. אילת איז געוואַקסן און זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט. פון א באַראַקן־ווינקל איז זי געוואָרן א ישוב מיט פיר טויזנט נפשות. אין דער אור־אַלטער עכו זענען אויפגעבויט געוואָרן שטאָל־פאַבריקן. און אין באר־שבע, אין האַרץ פון מדבר, געפינט זיך א קעראַמיק־פאַבריק.

אפילו אויף די געביטן פון וויסנשאַפט און קונסט זענען פאַראַנען איינדרוקספולע רעזולטאַטן. אין ביכער־פארלאג־וועזן איז ישראל געוואָרן, פאַרהעלטנישמעסיק צו דער גרויס פון איר באַפעלקערונג, די צווייטע מדינה אויף דער וועלט. זי האָט זעקס אָרקעסטערס און הונדערט סטאַבילע געזאַנג־כאָרן, א וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט וואָס איז טעטיק אין דער אַטאָם־פאָרשונג, עטלעכע טעאַטערס, קינסטלער־דערפער, דיכטער און זינגער, מיטן אַנטשטייין פון דער מדינה האָט זי געהאַט ווייניקער ווי הונדערט טויזנט תלמידים אין די שולן, איצט לערנען מער ווי א האלבער מיליאָן. די רעגירונגס־אַמטן האָבן פאַרפּלייצט דאָס ביוראָ פון פּרעמיער־מיניסטער, מיט באַריכטן, וועלכע האָבן געבערענגט צום אויסדרוק דאָס, וואָס די טוריסטן האָבן געזען און באַוווּנדערט : דאָס נס פון די ערשטע צען יאָר. דער זיל־בער־האָריקער פּאָליטיקער, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט באַגנוגנט מיט די דערגרייכונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, האָט אין פאַרלויף פון צענטן יאָר גערעדט וועגן דער צוקונפט מער, ווי ווען־עס־איז פריער. דווקא, אין דער צייט ווען אלע האָבן זיך געגרויסט און גערימט — און מיט רעכט — מיט די ממשותדיקע דערגרייכונגען, זענען פאַר אים נאָך וויכטיקער געווען די אַנשטרענגונגען פאַר עפּעס גרעסערס און העכערס פון דעם שוין דערגרייכטן, דאָס זוכן נייע צילן, און צו וועקן דאָס פאָלק צו קאָנצענטרירן זיך אַרום זיי. ער האָט געוואָלט נאָך אַ מיליאָן עולים, אין דעם צווייטן יאָר־צענדליק און מען מוז דערגרייכן א געוויסע מאָס פון עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט. ישראל וועט ווערן א חשובע ים־מדינה. און אפשר וועלן א האלבער מיליאָן חלוצים איינוואָרצלען זיך אין נגב־מדבר.

רוסלאַנד, אמעריקע און די אראבישע לענדער וועלן אוודאי האָבן וואָס

צו זאגן לגבי דעם באַשטימען, וואָס פאַר אַ טייל פון דאָזיקן חלום זאָל רעאַליזירט ווערן, אָבער ווי לאַנג ער וועט לעבן, ווי לאַנג ער וועט שטיין אויף דער וואך אלס מנהיג פון ישראל, ווי לאַנג ער וועט זען פאר זיך זיין וויזיע, וועט ער שטענדיק סטימולירן דאָס פאָלק צו נייע צילן; שטענדיק וועט ער צוזאַמענשמעלצן דאָס מאַטעריעלע מיטן גייסטיקן, ווען זיינע פיס שטייען איןביידע וועלטן; און תמיד וועט ער וואָרענען קעגן איבערגעטריי־בענער פרייד, אָדער זעלבסט־צעשטערערישער נידערגעשלאָגנקייט.

בן־גוריון האָט באַשטימט, אז די וויכטיקסטע געשעעניש אין צענטן קיום־יאָר וועט זיין דער אינטערנאַציאָנאַלער תנ״ך־קאָנקורס אין ירושלים, צו וועלכן עס וועלן קומען תנ״ך־קענער פון אלע וועלט־טיילן.

דער שלוס־פאַרמעסט פון אויסוויילן אַ תנ״ך־טשעמפּיאָן פון מדינת־ישראל איז פאָרגעקומען, אין איינעם פון די הייסע אב־טעג פון חודש, אין דעם גרעסטן זאַל אין תל־אביב. דער פרעמיער־מיניסטער איז געזעסן פיר שעה ביים ראַדיאָ־אַפּאַראַט און האָט זיך צוגעהערט צו די פראַגן און תשובות. ער האָט געשעפּט נחת פון דער ידיעה, אז בערך א האלבער מיליאָן ישראל־בירגער האָבן אין יענעם אָוונט געטוען דאָס זעלבע וואָס ער. די דאזיקע דערשיינונג האָט ער געזאָגט, זאָגט עדות וועגן א טיפער פאראינטעסירונג מיטן תנ״ך ביי דער גאַנצער ישראל־באַפעלקערונג.

עמוס חכם, א ירושלימער בחור, א טיילוויז פאַראַליזירטער, איז אויס־געוויילט געוואָרן אלס דער תנ״ך־טשעמפּיאָן פון ישראל. אין אַן אומגליקס־פאַרפאַל, אין דער יוגנט, איז אַ טייל פון זיין אָרעם און פוס געוואָרן פאַראַליזירט און אויך דאָס רעדן איז אים באַשווערט געוואָרן. דער יונגער עמוס חכם האָט אבער געוווּסט צו ענטפערן אויף אלע שווערסטע תנ״ך־שאלות, און ער האָט מיט לייכטקייט געזיגט, אין דעם שווערן, אינהאַלטס־רייכן פינאַל־קאָנקורס.

צומאָרגנס האָט אין דער קאַנצעלאַריע פון בלינדן־היים, ווו עמוס חכם איז געווען א באַאַמטער, אָנגעקלינגען דער טעלעפאָן: „דער פרעמיער־מיניסטער וויל דיך באַלד זען״. ער האָט זיך אויסגעבאָרגט ביי אַ חבר אַן אנצוג און א ווייס העמד, און איז שנעל אוועק אין ביורא פון בן־גוריונען. ער האָט אים אויפגענומען מיט גרויס ליבשאַפט, און האָט אים געזאָגט: „איך מוז דיר זאָגן, עמוס, אז עס איז פאר מיר אלס ייד, געווען, א וווּנ־דערבארע איבערלעבעניש, זיך צוצוהערן צו די פראגעס און ענטפערס אין ראַדיאָ. איך בין זיכער, אז דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען אדורכגענומען מיטן זעלבן געפיל. דו האָסט עפנטלעך געהייליקט ישראלס נאָמען, און אלע

זענען מיר שטאָלץ מיט דיר". ער האָט דעם יונגן מענטש דערמוטיקט, אַז ער דאַרף נישט זיין געפאַלן ביי זיך צוליב זיין שטאַמלען. „איך אַליין האָב עפּעס געלערנט וועגן די מעגלעכקייטן צו באַהערשן דאָס רעדן, דער פעלער איז צום פאַריכטן". דערנאָך האָבן זיי אַ לאַנגע צייט געשמועסט אויף זייער באַליבטע טעמע — דער תנ"ך.

בן־גוריון האָט שפּעטער געזאָרגט, אַז ד"ר פעלדנקרייז זאָל געבן עמוסן לעקציעס וועגן אויסבעסערן די אויסשפּראַך.

די פראַגע וואָס איז מיר צום שטאַרקסטן געפעלן געוואָרן נעכטן איז געווען: וואָס איז דאָס בשותפותדיקע, וואָס אהרון הכהן האָט געהאַט מיט ירבעם בן נבט, אַ חוץ דעם וואָס ביידע האָבן זיי געמאַכט דעם עגל הזהב. עמוס חכם הט געשמייכלט, ער האָט געוווּסט די ריכטיקע תשובה: „ביידע האָבן זיי געהאַט זין, כמעט מיט די זעלביקע נעמען: אהרונס זין האָבן געהייסן נדב ואביהו, און די קינדער פון ירבעם האָבן געהייסן נדב ואביה".

דערנאָך האָט בן־גוריון איינגעאָרדנט אַ פּריוואַטן תנ"ך־קאָנקורס און האָט געפּרוווּט צו ברענגען דעם טשעמפּיאָן אין אַ פאַרלעגנהייט. איינע פון זיינע שאלות איז געווען: „וועלכער פון די תנ"ך פּערזענלעכקייטן האָט געשריבן אַ ביאָגראַפיע פון אַ צווייטן מענטש?". „ישעיה הנביא", האָט חכם גלייך געענטפערט, „ער האָט געשריבן די ביאָגראַפיע פון עוזיהו המלך". בן־גוריון האָט געזאָגט חכם׳ען, אַז ער פאַרערט ביז גאָר דעם מלך עוזיהו: „דו ווייסט דאָך, אַז עוזיהו האָט באַזעצט און באַפעלקערט דעם נגב, און אפשר אין דעם זכות, האָט ער זוכה געווען, אַז זיין ביאָגראַפיע איז געשריבן געוואָרן דורך דעם גרעסטן פון די יידישע נביאים". דערנאָך האָט בן־גוריון געפרעגט אַ טעכנישע תנ"ך־פראַגע: „וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פריער — די ערד און דער הימל, אָדער דאָס ליכט?". דאָס געשפּרעך האָט זיך געצויגן מער ווי אַ שעה. בן־גוריון האָט געוווּסט, אַז דער בחור, וואָס זיין תנ"ך־ערודיציע האָט איבערגעשטיגן די תנ"ך־ידיעות פון יעדן אַנדערן מענטש אין ישראל, האָט אפילו נישט געענדיקט קיין פאָלקס־שולע, און אַז דער שול־צייכן וואָס ער האָט באַקומען אין זיין קלאַס אויף תנ"ך איז געווען: „כמעט גוט".

נאָך אַ פּאָר וואָכן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די אָנטיילנעמער אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן תנ"ך־קאָנקורס: אַ באַפּטיסטישע לערערין פון אַ קליין שטעטל אין שטאַאַט דזשאָרדזשיאַ, אַ ניין־און־פערציק־יאָריקע באָבעשי; אַ לערער פון בראַזיל וואָס געהערט צו די „סובאָטניקעס"; אַ יונגער קאַטוילישער בחור וואָס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך זיין גלח; אַ איטאַליענערין

וואָס האָט באַקומען די ברכה פון פויפסט; א מעקסיקאַנישע פרוי וואָס האָט אנגענומען די פּראָטעסטאַנטישע רעליגיע און אַנדערע, פון דרום אפריקע, אַרגענטינע, קאָלומביע, פינלאַנד, פראַנקרייך, האָלאַנד, שוועדן און אורוגווי.

דער תנ״ך־קאָנקורס וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די פרימאָרגן־שעהן, האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. די לעצטע פיר שעה פונעם קנקורס זענען טראַנסמיטירט געוואָרן אין ראַדיאָ. עס איז כמעט נישט געווען קיין אייך הויז אין ישראל, ווו מען האָט זיך נישט צוגעהערט מיט טיפן אינטערעס צו דער תנ״ך־אודיציע. לויט די באַגריפן פון דער אַמעריקאַנישער טעלעוויזיע, איז דער פּרייז פאַר וועלכן מען האָט גע־קעמפט, געווען זער א באַשיידענער — א גרינער אַנטיקער־בעכער, וואָס איז אַנדעקט געוואָרן אין די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען ביי בית־שערים, אָן אַנטיק, וואָס זיין פינאַנסיעלער ווערט איז געווען אַ מינימאַלער. גרויס איז געווען דאָס התפעלות אין יענער נאַכט אין גאַנץ ישראל, און בן־גוריון אליין איז געווען נישט ווייניקער איבערגענומען ווי אַלע אַנדערע בירגער.

די פראַגן זענען נישט געווען קיין איינפאַכע. למשל: די זקנים האָבן צווישן זיך איינגעטיילט די נאַכט־וואַכן: פון וואַנען איז געדרינגען, אַז די צאָל נאַכט־וואַכן איז נישט געווען קיין גראַדע? די תשובה: פון פסוק אין שופטים ז׳, י״ט, ווו עס ווערט דערמאָנט „ד י מ י ט ל ס ט ע ו ו א ך״.

עמוס חכם איז לייכט אַרויס דער זיגער, אין אינטערנאַציאָנאַלן קאָנ־קורס, די באַפּטיסטישע לערערין איז געווען די צווייטע, און די שבת־הי־טערין פון בראַזיל איז געווען די דריטע. בן־גוריון האָט נישט געפּרוווט צו פאַרהוילן זיין גאווה.

איינער פון די באַטייליקטע אין נחמיה ארגובס לוויה איז געווען זיין אַלטער פריינט — דער לייטענאַנט־קאָלאָנעל חיים בן־דוד, וועלכער איז געקומען אין לאַנד אַריין אַלס קינד, און אין משך פון זיין הגנה־דינסט האָט ער זיך אַזוי שטאַרק אויסגעצייכנט, אַז ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער העכסטער שטאַבס־אָפיציר פון צפון־פראָנט, אין דער סיני־אַקציע. אָנפאַנגס 1958 איז ער געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די באַמינאַציעס פון אָפיצירן. ער איז דעריבער געבעטן געוואָרן אנצווייזן אויף א פּאַסיקן קאַנדידאַט, אַלס יורש פון ארגובן. בן־דוד האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט, צו־געשיקט א רשימה מיט דריי קאַנדידאַטן. נאָך דריי טעג, נאָכפאַרשנדיק, וועלכער פון די דריי קאַנדידאַטן איז אָנערקענט געוואָרן פאַר דעם פּאַ־סיקסטן, איז ער אליין גערופן געוואָרן צום פּרעמיער־מיניסטער. בן־גוריון האָט אים אויפגענומען וואַרעם. זיי האָבן צוערשט גערעדט וועגן אר־

גובן. פלוצים האָט דער פּרעמיער־מיניסטער איבערגעריסן און געפרעגט: „און פאַרוואָס זאָלסטו דו אַליין נישט זיין אַרגובס יורש?". בן־דוד האָט געענטפערט, אַז ער האָט אַ פרוי מיט דריי קינדער. „דאָסמאָל וויל איך אַ חתונה־געהאַט". אין פיר טעג אַרום האָט דער שיינער ברוין־אויגיקער אָפּי־ציר אָנגעהויבן אויספירן זיינע פונקציעס אַלס בן־גוריונס אַדיוטאַנט. ער איז אַלט געווען די העלפט ווי זיין שעף, און איז געווען העכער פון אים מיט עטלעכע צענטימעטער. אַ יונגערמאַן מיט אַ שאַרפן קאָפּ, און אַ שטאַרקן ווילן צו דינען בן־גוריונען. איינע פון זיינע ערשטע אויפגאַבעס איז געווען — צו מאַכן אין זיין אַרבעטס־צימער אַ ספּעציעל ווינקל פאַר די ביכער וואָס זענען געבליבן נאָך נחמיה. עס איז געווען בן־גוריונס אידעע, אַז די מצבה צום אָנדענק פון זיין פריינט, זאָל זיין פון ביכער, און נישט פון שטיין. אַלע האָבן דאָס ווינקל גערופן „נחמיהס ווינקל".

דעם שווערסטן פעלער וואָס דער נייער אַדיוטאַנט האָט געמאַכט איז געווען — וואָס ער האָט באַפוילן איבערצוטראָגן דעם טיש, די אַקטן־שענק, די אייזערנע קאַסע און כל־ער־ליי ביוראָ־איינריכטונגען פון בן־גוריונס ביוראָ, אין דער נייער, מאָדערנער געביידע פון קריגס־מיניסטעריום, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין תל־אביב.

דער פּרעמיער־מיניסטער איז אָנגעקומען אין סאַמע מיטן פון דעם איבערוואַנדערן, און האָט באַוויזן מבטל צו מאַכן די דאָזיקע גאַנצע „מי־ליטערישע אָקציע". ער פאַרטראָגט נישט קיין „איר־קאָנדישן" (לופט־רעגולירונג), און האָט ליב געהאַט דווקא דאָס אַלטע ביוראָ. עס זענען אין אים געווען זכרונות.

איינמאָל האָט בן־גוריון געפרעגט בן־דודן: „וואָס פאַר אַ שפּראַכן רעדסטו?". „העברעיש, דייטש, יידיש, לאַטיין און אויך (האָט ער צוגע־געבן נישט זיכער) ענגליש". דער פּרעמיער־מיניסטער האָט באַשלאָסן שיקן זיין אַדיוטאַנט אויף איניקע חדשים קיין אָקספאָרד, כדי ער זאָל דערגאַנצן זיין ענגליש. זייענדיק דאָרט, האָט ער געהערט אַ סעריע פאָרטראַגן פון אַ לבנונישן פּראָפעסאָר וועגן דעם „אַראַבישן נאַציאָנאַליזם" און וועגן „דער אַמעריקאַנישער פּאָליטיק אויפן נאָענטן מזרח".

עס זענען געווען נאָך געשעענישן אין יאָר 1958, און די ערנסטע פון זיי — דער קריזיס אין דער רעגירונג. די רעגירונג האָט געפירט אַ געה־היימען משא־ומתן מיט מערב־דייטשלאַנד וועגן קויפן געווער. די ידיעה וועגן דעם איז אַרויס אין דער עפנטלעכקייט, און בן־גוריון, וועלכער האָט באַשולדיקט די מיניסטאָרן פון דער אחדות־העבודה, אַז זיי האָבן די ידיעה

בכוונה פארשפּרייט, האָט דעמיסיאָנירט. ער האָט דערקלערט, אַז מערב־דייטשלאַנד איז געווען דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט ווו מען האָט געקאָנט קויפן דאָס נויטיקע, דאָס לעבנס־וויכטיקע געווער פאַר דער מדינה. ער האָט נאָך צוגעגעבן: אויב מען וועט אים געבן אויסצוויילן צווישן אַלע אידעאַלן אין דער וועלט און צווישן דער זיכערקייט פון ישראל, וועט ער קיין איין מינוט נישט קלערן און אויסוויילן די זיכערקייט פון ישראל.

דערמיט האָט ער, ווי נאָך קיינמאָל נישט, אויף דעם בולטסטן אופן אויסגעדריקט זיין טיפע זאָרג. דערמיט האָט ער קלאָר געמאַכט דעם ענין סיני־אַקציע, דעם ריס מיט משה שרתן און האָט אויפגעקלערט אַלע אַנדערע ענינים, אין באַצוג צו זיך אַליין. די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה איז דאָס וויכטיקסטע, און אין פאַרגלייך מיט איר איז נישטאָ פאַראַנען קיין שום וויכטיקערע זאַך אויף דער וועלט. יגאל אלון האָט מיטגעהאָלפן צוריק צו צעמענטירן די קאָאַליציע, און דער ריגירונגס־קריזיס האָט זיך געענדיקט.

דער קריזיס אויפן מיטלען מזרח וואָס איז אויסגעבראָכן אין מיטן יאָר 1958, האָט געמאַכט פאַרגעסן די אינערלעכע שוועריקייטן פון דער מדינה. די איבערקערענישן אין עיראַק, און די געשעענישן וואָס האָבן זיך פון איר אַנטוויקלט, האָבן גורם געווען אַ קריזיס פאַר די מערב מלוכות, אָבער וואָס אַנבעלאַנגט מדינת־ישראל — איז איר אייגנטלעכע עקזיסטענץ געשטעלט געוואָרן אין אַ סכנה. אויב דאָס לאַנד וועט אַרומגערינגלט ווערן דורך קאָמוניסטישע כוחות, באַדייט דאָס אַן ערנסטע געפאַר פאַר דעם מדינה־קיום, און די סכנה וועט בכלל נישט ווערן לייכטער, אויב אַמעריקע וועט אָנשטאָפּן די אַנדערע שכנותדיקע אַראַבישע מדינות מיט נאָך געווער — די אַראַבישע מדינות, וועלכע דערקלערן אומאויפהערלעך, אַז מלחמה־צו־שטאַנד הערשט צווישן זיי און ישראל, און אַז זייער שטרעבן איז חרוב צו מאַכן מדינת־ישראל.

אין דעם דאָזיקן נייעם קריטישן פּעריאָד האָט בן־גוריון זיך פאַרהאַלטן, ווי אַן אויסגעפּרוווטער דיפּלאָמאַט און מלוכה־מאַן, ער האָט צו־נישט געמאַכט יעדן פּרווו פון אָנגרייפן די זעלבסטשטענדיקייט פון זיין לאַנד, און האָט באַרויקט זיין פאָלק.

די אָרגאַניזאַציע „הדסה" טיילט צו יאָר־יערלעך, צום אָנדענק פון איר גרינדערין, אַ פּרייז דעם מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין וועלט־מאַסשטאַב. צווישן די וואָס האָבן באַקומען די אויסצייכנונג איז געווען עלינאָר רוזוועלט און דער אויבער־ריכטער וויליאַם דוגלאַס. אין יאָר

1959 איז דער פריִיז: „פאַר אויסגעצייכנטער מענטשלעכער דינסט" צוגע־טיילט געוואָרן בן־גוריונען. די „הדסה" האָט אים אזוי טרעפלעך געשיל־דערט ווי נאָך קיינער נישט פריער:

„דעם מענטש פון טאַט און פון געדאַנק, וואָס זיין לעבן איז געווען איינגאַנצן הייליק פאַר דער עקזיסטענץ פון יידן אַלס פאָלק, פאַר אויפבויען דאָס לאַנד ישראל אַלס אַ יידישע מדינה, און פאַר די רעכט פון מענטש אומעטום.

מיט שאַרפזין וואָס פליסט ארויס פון חכמה, מיט אויס־דויער און דרייסטקייט וואָס זענען אינספּירירט, פון אַ נביאים־וויזיע, שטענדיק געפירט פון גייסט פון תנ"ך, האָט ער פאַר־וואַנדלט די מאָראַל־פּרינציפּן פון אונדזער אוראַלטער ירושה, אין אַ מענטשלעכער און דעמאָקראַטישער אָנפירערשאַפט.

דערמיט האָט ער פאַרזיכערט דער יידישער מדינה און זיך אליין, אַן אייגנאַרטיקן און ערנהאַפטן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון מענטשנס געראַנגל פאַר זייער פרייהייט".